STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09613

OYFN VEG

Baruch Tsukerman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך צוקערמאן

אויפן וועג

פאַרלאַג אידישער קעמפער

ניו־יאָרק 1956

Copyright 1956 *by*
YIDDISHER KEMFER PUBLISHING CO.
45 East 17th Street, New York 3, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.

געווידמעט, מיט ליבשאַפט,
מיין פרוי נינאַ און אונזערע
טעכטער אביבה און נעמי.

אינהאַלט:

במקום הקדמה ... 3
מיין פּועלי ציוניזם ... 9
די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע ... 34
נחמן סירקין ... 59
באַגעגענישן מיט חיים אַרלאָזאָראָוו ... 119
דער מאַנדאַט איבער ארץ ישראל ... 141
אונזערע פּאָליטישע צילן ... 149
די געשעענישן אין ארץ ישראל און זייערע סיבות ... 177
תש״ג ... 201
כינוס ... 225
דאָס פּראָבלעם „ישראל בעמים״ אין דער נייער תקופה ... 235
ציוניזם אין דער נייער תקופה ... 255
גלות און ישראל אין דער איצטיקער תקופה ... 272
גייען אַמעריקאַנער פּועלי־ציון אויף אַ נייעם וועג ? ... 301
אַקטועלע פּראָבלעמען אין ציוניזם ... 324
פערציק יאָר „דזשאָינט״ ... 355

במקום הקדמה

איז איצט די צייט פאַר אַזעלכע ביכער? — איך ווייס ניט!

אַ איד איז געגאַנגען אויף אַ וועג. ער איז אויף אים אָפּגע־גאַנגען איבער פופציק יאָר. ער איז ניט געגאַנגען אַליין, נאָר מיט־געגאַנגען מיט אַ באַוועגונג. דער וועג איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט. סיי ער אַליין, סיי די באַוועגונג געפינען זיך נאָך אַלץ „אויפן וועג". בעת אָבער די באַוועגונג וועט זיך נאָך ציען דורות און וועט נאָך לאַנג ממשיך זיין איר אַרבעט, איז ער, דער יחיד, אַ שטערבלעכער און ער געפינט זיך נאָענט צו „ימי שנותינו". האָבן אַ גרופּע נאָענטע חברים געטראַכט, אַז אַ טייל פון דעם וואָס ער האָט „אויפן וועג" פאַרצייכנט, פאַרדינט געזאַמלט צו ווערן אין אַ ספר. דעם אויסוואַל פונעם מאַטעריאַל האָבן זיי איבערגעלאָזן אים, דעם יחיד, אַליין — טאַקע דעם שרייבער פון אַט די שורות.

און איך האָב דעם אויסוואַל געמאַכט.

* * *

ווי די ערשטע פיר אַרבעטן האָב איך אויסגעקליבן יענע, וואָס באַצייכענען אונזער וועג, ווי איך האָב אים אויפגעפאַסט. קודם כל: וויאַזוי די אידייע — פּועלי־ציוניזם — וואָס האָט אָנגעצייכנט דעם דאָזיקן וועג, איז אין מיר אַליין צייטיק געוואָרן. דאַן — וויאַזוי אַט די באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט אין אַמעריקע. אין אַט דעם טייל האָב איך אַריינגעגעבן אַרבעטן וועגן נחמן סירקין, דעם ערשטן אויסטרעטער פון אַט דעם וועג. דערביי האָב איך מיר אויך געשטעלט דעם ציל אַרויסצוברענגען די פּערזענלעכקייט פון נחמן סירקין אַזוי פול און גאַנץ ווי מיינע באַשרענקטע פעאיקייטן האָבן עס דער־מעגלעכט. איך שליס אָפּ אַט דעם ערשטן טייל מיט מיינע באַגע־געניש און געשפּרעכן מיט חיים אַרלאָזאָראָוו. אין די דאָזיקע גע־שפּרעכן איז אונזער וועג אין מיר נאָך שלימותדיקער געוואָרן. דורך די אַרבעטן וועגן סירקין און אַרלאָזאָראָוו האָב איך, אגב, פּרובירט אַרויסברענגען פון דאָסניי די אידייען פון די דאָזיקע צוויי פּערזענ־לעכקייטן. זייערע השפּעות ווערן ביסלעכווייז, צו אונזער גרעסטן שאָדן, פאַרבלאַסט. די תקופה אין וועלכער מיר לעבן, איז אַ צו־שטורעמדיקע, כדי די גייסטיקייט פון זייערע נשמות זאָל ווי געהעריק באַנומען ווערן. אפשר וועלן זיך געפינען אַ צאָל אינגערע אידן וועלכע

וועלן זיך פּאַרטיפן אין די ווערק פון סירקין און אַרלאָזאָראָוו און פון זיי מושפּע ווערן. דאָס וואָלט געווען אַ גרויס געווינס פאַר אונזער באַוועגונג, וועלכע געפינט זיך נאָך אַלץ „אויפן וועג".

* * *

אין די לעצטע פופציק יאָר איז דער ציוניזם געווען די אַקס אַרום וועלכן די מאָדערנע אידישע געשיכטע האָט זיך באַוועגט. „אויפן וועג" האָט דער ציוניזם דורכגעמאַכט פאַרשידענע זייער באַדייטנדיקע ווענד־פונקטן. האָב איך אויסגעקליבן פאַר דער צווייטער אָפּטיילונג יענע אַרבעטן וואָס האָבן געפּרואווט דערקלערן די דאָזיקע ווענד־פונקטן.

אין יאָר 1921 איז ענדגילטיק באַשטעטיקט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער בריטישער מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל. איך האָב דאַן געפּרואווט אָפּשאַצן זיין באַדייטונג. אין יאָר 1929 זיינען געקומען די אומגליקלעכע געשעענישן אין ארץ־ישראל. די אַראַביש־אידישע באַציאונגען זיינען פאַרשאַרפט געוואָרן. די בריטישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן מאַכן פּאָליטישע מאַנעווערס צווישן אידן און אַראַבער. האָב איך דאַן געפּרואווט געבן אַן אָפּשאַצונג פון די פּאָליטישע צילן וואָס עס זוכן אין יענעם וועלט ווינקל ענגלאַנד, די אַראַבער און די אידן. אין 1936 זיינען די אַראַבער אַריבער צו אַ פּאַקטישער מלחמה מיטן אידישן ישוב. עס האָבן זיך דאַן אָנגעהויבן אין דער אידישער וועלט שאַרפע גערענגלען וועגן דער פּאָליטישער צוקונפט פון ארץ ישראל. די בריטישע רעגירונג האָט דאַן אַריינגעשיקט די „פּיל־קאָמיסיע". לאַנגע חדשים האָבן זיך געצויגן אירע פאָרשונגען. אין אַפּריל 1937 האָט די „פּיל" קאָמיסיע איר אַרבעט נאָך ניט פאַרענדיקט. עס האָבן זיך אָבער געטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען וועגן אירע מעגלעכע מסקנות. האָב איך דאַן, אויף אַ צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון אין פּוילן, געפּרואווט אין אַ פּאָרטראָג געבן אַן אָפּשאַצונג פון די דעמאָלטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל און זייערע סיבות. דערביי האָב איך געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פאָרמולירן ענטפערס אויף די פּאָליטישע פראַגן פון יענער צייט.

די באַדייטונג פון די דאָזיקע אַרבעטן איז ניט פאַר מיר צו באַשטימען.

* * *

די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן. דער גאַנג פון דער אַלמענטשלעכער געשיכטע איז פאַרטונקלט געוואָרן. נאָך פינצטערער איז געוואָרן דער גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. ערשט

אין יאָר 1943 (תש״ג) האָבן זיך גענומען צייכענען קאָנטורן פון אַ נייער עפּאָכע. אונזער באַוואוסטזיניקער גאַנג האָט זיך ווידער גע־דאַרפט אָנהייבן. איך האָב דאָן געפּרואווט פאַרצייכענען די דאָזיקע נייע קאָנטורן. שיינט מיר, אַז די דאָזיקע אַרבעט דאַרף געפינען איר אָרט אין אָט דעם בוך, וואָס באַצייכנט איינע פון די וויכטיקסטע סטאַנציעס „אויפן וועג״.

* * *

אין 1948 איז די אידישע מדינה פּראָקלאַמירט געוואָרן. די קאַנטורן פון דער נייער עפּאָכע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צייכענען ניט בלויז דורכן גרויסן חורבן נאָר אויך דורך דער אתחלתא דגאולה. די אידישע וועלט איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער אויפגאַבע איבער־צושאַצן אַלע זיינע וועגן. אונזער באַוועגונג האָט דאָן, אין 1949, צוזאַמענגערופן דעם ערשטן כינוס פון די אינטעלעקטועלע. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו עפענען דעמדאָזיקן כינוס. ווערט דעריבער געגעבן אין בוך די דאָזיקע רעדע.

אין אָנהויב 1950 האָבן אָנגעהויבן בולטער ווערן די השפעות פון אַלע גרויסע געשעענישן אויפן סאָציאַלן און גייסטיקן לעבן פון גאַנצן וועלט־אידנטום. אין יענעם יאָר האָב איך אָנגעשריבן די דריי אַרבעטן אין וועלכער איך האָב געזוכט אָנצייכענען: ערשטנס — די ראָלע פון ציוניזם אין דער נייער תקופה; צווייטנס — די קעגנ־באַציאונגען צווישן אידן אין ישראל און אידן אין חוץ־לארץ; דריטנס — וויאַזוי דאַרף אין אונזער תקופה אויפגעפאַסט ווערן דאָס אַלטע פּראָבלעם פון ישראל בעמים. בעיקר וויאַזוי אָט דאָס פּראָבלעם דאַרף פאַרענטפערט ווערן אין די פרייע, דעמאָקראַטישע לענדער, הויפּטזעכלעך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס לעבט דער רוב מנין ובנין פון די אידן אין חוץ־לארץ. אויך אין דער דאָזיקער פּרשה געפינען מיר זיך נאָך אַלץ בלויז „אויפן וועג״ פון אַ ליזונג צו די פאַרשאַרפטע פּראָבלעמען. אפשר וועלן מיינע פאַר געדאַנקען העלפן געפינען די נויטיקע ענטפערס.

* * *

איך האָב אויך אַריינגעגעבן אַן אַרבעט אין וועלכער איך האָב געפּרואווט באַצייכענען דעם וועג פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון אין די נאָענטע יאָרן פון דער נייער תקופה. איך ווייס זייער גוט, אַז סיי אין דער אַרבעט, סיי אין די אַנדערע אַרבעטן האָב איך ניט אויסגעשעפּט ניט די פראַגן און זיכער ניט די ענטפערס. איך רייד מיר פונדעסטוועגן איין, אַז עפּעס אַ צושטייער — ווען אפילו

אַ זייער באַשיידענער — וועלן אין מיין אַרבעט געפינען יענע, וועלכע וועלן דאַרפן — און מוזן! — פאָרמולירן פול און גאַנץ די פראַגן און געפינען אויף זיי ענדגילטיקע ענטפערס.

די דאָזיקע סעריע ווערט פאַרענדיקט מיט דער אַרבעט וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען אין ציוניזם וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1954. אין דער גרויסער דעבאַטע וועגן דער ראָלע פון אָרגאַניזירטן ציוניזם אין דער נייער תקופה האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע ציוניסטישע פירער, איינשליסנדיק חבר דוד בן־גוריון. איך האָב אין דער דאָזיקער דעבאַטע געפּרוּווט פאָרמולירן סיי די פּרינציפּיעלע, סיי די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. צוויי ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן און אַרום אַ צענדליק זיצונגען פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט האָבן זיך דערמיט באַשעפטיקט. די ענטפערס אויף אַט די אַלע פראַגן געפינען זיך נאָך אַלץ „אויפן וועג". די דאָזיקע אַרבעט געהערט זיכער צו אַט דעם בוך.

* * *

די לעצטע אַרבעט איז געווידמעט דעם „דזשאָינט". זי אַנטהאַלט סיי פאַקטישע געשעענישן, סיי אַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פון דער געשיכטלעכער באַדייטונג פון „דזשאָינט", פאַר וועלט־אידנטום בכלל און פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום בפרט. די פאַקטישע געשעענישן דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי אַ טייל פון די מאַטעריאַלן וועגן דער טעטיקייט פון „דזשאָינט" צווישן אייראָפּעאישן אידנטום תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיין אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פון „דזשאָינט" איז אפשר ניט לויט דער אָנגענומענער איינשטעלונג און לויט דעם איינגעשטעלטן נוסח. אָבער דווקא דערפאַר האָב איך געהאַלטן אַז עס איז סיי באַרעכטיקט, סיי וויכטיק אַריינצוגעבן עס אינעם בוך. דער „דזשאָינט" האָט אָנגעשריבן אין די איבער פערציק יאָר פון זיין עקזיסטענץ אַזאַ וויכטיקן קאַפּיטל אין דער אידישער געשיכטע, אַז עס מעגן און עס דאַרפן וועגן אים פאַרעפנטלעכט ווערן אָפּשאַצונגען פון פאַרשידענע קוק־ווינקלען.

* * *

איך וואָלט געדאַרפט אויסרעכענען אַ גאַנץ לאַנגע רשימה פון חברים און פריינט, וועמען איך בין שולדיק אַ דאַנק פאַר דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן בוך „אויפן וועג". זיי וועלן מיר אַלע מוחל זיין וואָס איך טו עס ניט. זיי ווייסן זייער גוט ווי טיף עס איז מיין אָנערקענונג צו זיי. איך האַלט עס אָבער פאַר אַ באַזונדערע פליכט צו מאַכן דריי אויסנאַמען: איך דריק אויס עפנטלעך

מיין הארציקן דאַנק צו די חברים משה שייוועך און ש. באַנטשעק. זייערע אָנשטרענגונגען זיינען געווען גאָר גאָר באַדייטנדיקע. גאָר אַ באַזונדערע אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט ווערט דאָ אויסגעדריקט צו מיין יונגן חבר מרדכי שטריגלער — דער מענטש פון גרויסן שעפערישן טאַלאַנט — פאַר דער אַרבעט וואָס ער האָט מיט אַזויפיל זאָרגפעלטיקייט און חברישער איבערגעגעבנקייט אַריינגעלייגט אין העלפן צוגרייטן דעם מאַטעריאַל צום דרוק.

ברוך צוקערמאַן

ניו־יאָרק, תמוז ה׳תשט״ז (יולי, 1956)

מיין פועלי ציוניזם

(רעדע געהאַלטן ביי דער פייערונג פון זעכציקסטן געבוירנטאָג, אָקטאָבער 1947)

אין די איבער 40 יאָר וואָס איך בין אין דער באַוועגונג — און איך רייד אָפט צו חברים — האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז איך זאָלביים אָנהויבןריידן ניט האָבן דורכגעלעבט דעם ציטער וואָס עס פילט אַ פרומער חזן זאָגנדיק „הנני העני ממעש". שטענדיק האָט געמוזט געדויערן אַ פּאָר מינוט, ביז וואַנען איך האָב באַקומען דאָס גלייכגעוויכט און געקענט זאָגן וואָס איך האָב אין זינען געהאַט. היינט אָוונט איז דער געפיל אַ סך שטאַרקער. איך האָף אַז איך וועל זיך באַלד פון אים באַפרייען. איך וואָלט היינט געוואָלט זיך טיילן מיט אייך וועגן אייניקע שטריכן פון מיין לעבן. זיי זיינען אין עבר ניט געווען קיין יחיד'ישע און קענען אפשר אויך דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר דער צוקונפט. איך ווייס: בנוהג שבעולם האָב איך געדאַרפט אָנהויבן מיט דאַנקען דעם צענטראַל קאָמיטעט, דאַנקען דער פּאַרטיי און דאַנקען די חברים וואָס האָבן דאָ גערעדט. באַטראַכט איך די דאָזיקע דאַנק־אויסדרוקן ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדליכקייט. אָבער פאַרלירן אויף דעם פיל צייט און רייד איז ניט אונזער דרך. גיי איך תיכף איבער צו דעם וואָס איך באַטראַכט פאַר מיין היינטיקער טעמע: ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ פּועלי־ציון? וועלכע גלגולים האָט דער דאָזיקער פּועלי־ציוניזם, מיין פּועלי־ציוניזם, דורכגעמאַכט? ביי וועלכן גלגול האַלט איך היינט?

מיין גייסטיק לעבן האָט זיך אין מיין זיבעצנטן לעבנסיאָר איבערגעריסן — פון אַ קאָנצענטרירטער ישיבה בחורי צו אַ קאָנצענטראַציע פון אַן אַנדער געדאַנקען גאַנג, — דורך צוויי געשעענישן וואָס האָבן פּאַסירט, ווען איך האָב געלערנט אין ווילנע. די ערשטע איז געווען דער באַזוך פון דר. הערצל אין ווילנע אין 1903. איך האָב געהאַט די זכיה נאָכצולויפן נאָכן וואָגן, אין וועלכן ער איז געפאָרן. די צווייטע איז געשען כמעט אין דער זעלביקער צייט דורך אַ פּאָר פּראָקלאַמאַציעס פון די רעוואָלוציאָנער־אידישע פּאַרטייען. דורך די דאָזיקע צוויי געשעענישן האָט זיך דאַן פאַר מיר אויפגעדעקט אַ נייע וועלט. אין מיין ישיבה־בחורישער קאָנצענטראַציע בין איך טאַקע געווען אַן אמת'ער ישיבה־בחור: געזעסן און געלערנט און כמעט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין דער אויסערלעכער וועלט. איך וועל באַלד דערציילן ווי אַזוי דער הערצל־באַזוך אין ווילנע האָט געענדערט מיין גאַנצן געמיט און ווי אַזוי עס האָבן זיך

פון דאַן אָן אָנגעהויבן וועבן יענע פעדים וואָס האָבן מיר געבראַכט צום פּועלי־ציוניזם. פריער אָבער מוז איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם, וואָס אזוינס איז געווען דאָס לעבן פון אַזאַ אידישן אינגל ווי איך אין יענער עפּאָכע. איך מיין ניט אַז איך האָב דורכגעמאַכט מיין לעבן אַ סך אַנדערש ווי עס האָבן דורכגעמאַכט אַלע אַנדערע חברים און ניט־חברים אין שטעט און שטעטלעך פון דער גאַנצער אידישער צעשפּרייטונג. אָבער עפּעס אייגנאַרטיקס איז דאָך פאַראַן אין לעבן פון יעדן מענטשן. אין מיין לעבן אויך. איך רעכן אַז די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקע פּונקטן:

ערשטנס — פון דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין אַוועק אין חדר האָב איך געהאַט אַ גוואַלדיקן מזל צו רביים. אין גאַנצן האָב איך געהאַט פיר רביים איידער איך בין אַוועקגעפאָרן פון מיין געבוירן־שטעטל אין דער פרעמד לערנען אויף אייגענער אחריות. ביים אַוועקפאָרן פון מיין שטעטל בין איך אַלט געווען 8 יאָר. אָבער אין די דריי יאָר, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר פון מיין שטעטל, האָב איך געהאַט פיר רביים. איך האָב געהאַט מזל צו אַלע. שוין פון דעם ערשטן רבין מיינעם, ביי וועלכן איך האָב געלערנט א״ב, זיינען מיר איבערגעבליבן איינדרוקן, וואָס האָבן גוואַלדיק באַפרוכפּערט מיין נשמה. ביי דעם וואָס איך האָב געלערנט חומש איז פאַר מיר דער חומש לעבעדיק געוואָרן. און דער ביי וועמען איך האָב געלערנט תנ״ך, איז פּשוט געווען אַ וואונדער־לערער: אין אַ קליין שטעטל אין ווילנער גובערניע איז געזעסן אַ איד, וואָס האָט אַריינגעגעבן אַזוי פיל אינערליכע טיפקייט אין יעדן פּסוק וואָס ער האָט מיט מיר געלערנט, אַז עד היום פיל איך איר טעם. עד היום שטייט פאַר מיין גייסטיק אויג דאָס בילד פון דעם דאָזיקן רבין מיינעם, ר׳ חיים ראָדזשעוויצער, ווען איך דערמאָן היינט מיט יראת הכבוד. צו דער טיפקייט מיט וועלכער ער האָט דערקלערט דעם תנ״ך איז נאָך צוגעקומען די גוואַלדי־קע ליבשאַפט: צום תנ״ך גופא, צו דעם העברעאישן לשון הקודש, צו יעדער תנ״כישער פּערזענלעכקייט. די דאָזיקע ליבשאַפט האָט ער איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון זיינע תלמידים. אין מיין האַרץ איז עס געבליבן פריש עד היום הזה. דער פערטער איז געווען זייער אַ גוטער גמרא־מלמד.

אויך אין די פאַרשיידענע ישיבות האָב איך געהאַט אַ גוואַלדיקן מזל צו מענטשן וואָס האָבן מיך באַאיינפלוסט. די דריי וויכטיקסטע פון זיי זיינען געווען ר׳ לייזער טעלזער (ר׳ אליעזר גאָרדאָן), ר׳ שמעון שקאָפּ און ר׳ חיים עוזר גראָדזענסקי. ר׳ שמעונ׳ען האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס ביסל כוח פון הסברה וואָס איז מיר איבערגעבליבן; ר׳ לייזער׳ן — דאָס ביסל כוח פון פּלפּול, פון אייגענאַרטיקן אופן צו אַנאַליזירן זאַכן און געשעענישן מיט אַלע מעלות און חסרונות פון פּלפּול, און ר׳ חיים עוזרן — דעם „טרוקנסטן״ פון זיי אַלעמען — האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם געפיל פון אַחריות פאַר יעדער געדאַנק וואָס

אַ מענש פאַרמאָגט, פאַר יעדער וואָרט, פאַר יעדער ידיעה, וואָס אַ מענש באַקומט. דער דאָזיקער מזל מײַנער האָט מיך אויך באַגלייט אינם צווייטן טייל פון מײַן לעבן, אין מײַן פועלי־ציוניסטישער אַקטיוויטעט. איך באַטראַכט אָט דעם מזל ווי איינעם פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַשטימט מײַן כאַראַקטער.

די צווייטע אייגנאַרטיקייט — איך קום פון אַ גאָר אָרעמער משפחה. איך געדענק אַ פּאָר פּאַסירונגען אין מײַן שטעטל אין וועלכן מײַן פאָטער איז געווען פאַרמישט: פּאַסירונגען, ניט פון קיין געוויינטלעכן כאַראַקטער. איין פּאַסירונג איז געווען פאַרבונדן מיטן ברונעם וואָס איז געשטאַנען ביי אונזער הויז. ער האָט טאַקע געהייסן „וויגדערס ברונעם". מײַן טאַטענס נאָמען איז געווען אביגדור. מײַן טאַטע האָט אַמאָל געקויפט אַ וואָגן האָלץ ביי אַ גוי צו פאַרריכטן דעם ברונעם. איז פון אָט דעם „האַנדל" אַרויסגעקומען אַ געשלעג אין שטעטל צווישן גויים און אידן. אכט אידן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן. צווישן זיי מײַן טאַטע. זיי זײַנען גע׳משפט געוואָרן פאַר באַליידיקן דעם לעשניק׳ס קנעפּל, וואָס די גויים האָבן געבראַכט אין פאַרבינדונג מיט אָט דעם האָלץ־סכסוך. דאָס איז געווען כמעט ווי אַ מאַיעסטעט־באַליידיקונג קעגן צאַר. מען האָט מײַן טאַטן פאַר׳משפט צו אכט חדשים טורמע. די איבעריקע אידן האָט מען אויך פאַר׳משפט, אייניקע צו 4 חדשים און איינעם צו 10 חדשים טורמע. עד היום געדענק איך דעם איינדרוק וואָס דאָס האָט אויף מיר געמאַכט.

איך געדענק אויך אַ צווייטע פּאַסירונג. מײַן טאַטע פלעגט אַרומפאָרן אין די דערפער האַנדלען. ער איז געווען פון יענע „גרויסע" הענדלער, וואָס משה קולבאַק האָט אויסגעמאָלן אין זײַן בוך: „דער קאַראַבעלניק". מײַן טאַטע האָט געהערט צו דעם גרויסן שבט אין דעם אידישן פאָלק, וואָס האָט געלעבט פון אַזאַ סאָרט פּרנסה. יעדעס מאָל ווען ער פלעגט קומען אויף שבת אַהיים, און איך פלעג פרייטאָג צונאַכט גיין מיט אים אין שול אַריין, האָב איך געשפּירט אַז ער טראָגט אין זיך אַ שרעקליכן ווייטאָג. שטענדיק האָב איך אין אים דערשפּירט די צרות זײַנע פון דער גאַנצער וואָך, די באַליידיקונגען וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין די דערפער. איינמאָל האָט געטראָפן אַז מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון שול שבת נאָך מנחה און געגאַנגען אַהיים צו שלש־סעודות. אין מאַרק זײַנען געשטאַנען אַ סך פויערים וואָס האָבן געפירט „וואָזקע" (אַזעלכע גרויסע דיקע קלעצער וואָס זיי האָבן געפירט צו ערגעץ אַ טייך, דורך וועלכער מען האָט די קלעצער געשיקט אין מרחקים). איך האָב מיטגעטראָגן אַ סידור׳ל. די גויים זײַנען געווען שיכור, איז צוגעלאָפן אַ גוי, אַרויסגעריסן דאָס סידור׳ל ביי מיר פון האַנט און גענומען חוזק׳ן דערפון. הגם מײַן טאַטע איז געווען איינער אַליין, האָט ער אַרויסגעכאַפּט איינעם פון די שטעקענס (אויף וועלכע די קלעצער פון דער וואָזקע האַלט זיך) און ער האָט

פאַרפירט אַ מלחמה איינער אַליין קעגן איבער 20 גויים. דער טאַטע האָט דערביי אויסגעלאָדן אַלע זיינע אָנגעקליבענע ווייטיקן אין האַרץ. דאָס סידור׳ל האָט ער אַרויסגעראַטעוועט. עטליכע גויים זיינען געבליבן ליגן צעבלוטיקטע. אָבער מיין טאַטע איז אויך שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן. אָט די „מלחמה״ קען איך עד היום ניט פאַרגעסן. דורך דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס איז אין מיר פאַרזייט געוואָרן דער ערשטער זאָמען פון דער ביטערקייט אינעם פּראָבלעם „ישראל בגויים״ וועגן וואָס איך האָב שפּעטער פיל געטראַכט און פיל געלערנט.

מיין דריטע אייגנאַרטיקייט: איך האָב געהאַט אַ גוואַלדיקע ליבשאַפט צו הערן מגידים — אַ אידישע קולטור־דערשיינונג וואָס איז ניט דערשאַצט געוואָרן ביז איצטער, אָבער וואָס האָט זיך דערהויבן צו אַן אויסערגעוויינט־לעכער הויך. עד היום איז אין מיין געמיט געבליבן אָט די מגידות, וואָס האָט אין זיך אנטהאַלטן מער עטישן סאָציאַליזם, ווי אַלץ וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט אין ביכער. ס׳איז כדאי צו געבן כאָטש איין ביישפּיל פון יענער מגידות וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון. דער מגיד פאַרזוכט אויסצולאָכן אַ רייכן קמצן, דווקא אַ למדן. שילדערט דער מגיד, ווי אָט דער למדן זיצט און לערנט: עס קומען צו צוויי אידן מיט אַ רויטן טיכל אויפן האַנט און בעטן אַ נדבה. פרעגט ער זיי דווקא אויס פאַר וועמען זיי בעטן די נדבה. דערציילן זיי אים, אַז ביי אַן אָרימען דאָרפסמאַן איז געפאַלן דער פערד און מען מוז פאַר אים קויפן אַ נייעם פערד. גיט ער, דער למדן, אַ בייזן בליק אויף די צוויי אידן, וואַרפט אַריין די אויגן אין גמרא און זינגט זיך פאַנאַנדער: „אָמר רב יוחנן כל המעלים עיניו מן הצדקה כאילו עובד עבודה זרה״. און אַז די פאָר מענטשן גייען נאָך אַלץ ניט אַוועק, און טענה׳ן צו אים: „סטייטש, הרי אשה ושבעה בניה מתים ברעב, גיט אַ נדבה!״, ווערט ער נאָך מער אין כעס, גיט אַ געשריי צו די צוויי אידן: „אַוועק!״, וואַרפט ווידער אַריין די אויגן אין גמרא, און זינגט זיך ווידער פאַנאַנדער: „אָמר ר׳ יוחנן כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה״. אָט די סאָרט סאַטירישע מגידות, אין וועלכער ס׳איז געלעגן אַזאַ טיפער אינהאַלט, אַזאַ טיפער מוסר, האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין פאַרמירן מיינע סאָציאַלע איינשטעלונגען. די מגידים האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט ענינים שבין אָדם לחבירו. זיי האָבן באַאיינפלוסט מיינע באַציאונגען אויך צו די פּראָבלעמען פון בין אָדם למקום.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז אויסער מגידות זיינען אַריינגעוועבט געוואָרן אין מיין נשמה די וואונדערליכע פיגורן פון תנאים און אמוראים. פון זיי האָבן זיך אויסגעשיילט יענע פיגורן, וועלכע האָבן זיך מער אַריינגעפּאַסט אינעם לעבן פון מיין אָרעמער משפחה. אַזעלכע געשטאַלטן ווי ר׳ יצחק נפחא, ר׳ יוחנן הסנדלר און אַלע אנדערע וואָס האָבן געלעבט פון מלאכה אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי אַריינגעגעבן אַזויפיל גייסט אין זייער דור; די דאָזיקע פיגורן זיינען

אויפגעשטאַנען פאַר מיר ווי סימבאָלן:ביישפּילן ווי אַזוי אידן דאַרפן לעבן. שטענדיק האָבן זיי אַריינגעשפּריצט אין מיין געמיט וואָס מער פון יענעם גייסטיקן מים חיים וואָס איז שפּעטער אין מיר איבערגעקאָכט געוואָרן, אפשר גאָר ניט פיל איבערגעאַנדערשט געוואָרן, אין פּועלי־ציוניזם. די באַזע פון מיין פּועלי־ציוניזם זיינען ניט געווען די פּסוקים וואָס עס האָבן געשריבן אונזערע גרויסע חברים, סיי סירקין, סיי באָראָכאָוו, סיי גאָרדאָן, סיי ברענער. ניט זיי האָבן פאָרמירט און ניט זיי וואָלטן געקענט פאָרמירן יענעם גייסטיקן אינהאַלט פון וועלכן אונזער באַוועגונג איז געווען — און איז נאָך אויך איצטער — איינע פון די וויכטיקסטע טרעגער. זייערע פּסוקים האָבן משפּיע געווען ווייל זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט צו דעם געמיט פון אַ דור, וואָס האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט אַלע רייכטימער פון דער ברייטער און טיפער אידישער גייסטי־קער פאַרגאַנגענהייט. די דאָזיקע פּסוקים פון אונזערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען זיינען געווען דער נופך משלו וואָס יעדער דור איז מוסיף צו אַ דינאַמיש־שעפּערישער קולטור אייגנאַרט. זיין וויכטיקסטע גייסטיקע חיונה האָט אָבער דער דור געצויגן פון אַלטע, אַלטע קוואַלן.

צוריק צו זיך אליין: מיר דוכט זיך אַז די דערמאָנטע דריי אייגנאַרטי־קייטן האָבן געהאָלפן פאָרמירן מיין נשמה. דערצו איז צוגעקומען דאָס סאָמע זיצן און לערנען יאָרן נאָכאַנאַנד. דאָס איז שוין, ווי מיר שיינט, געווען דער קנין פון אַלע פלנדיקע ישיבה בחורים. ווען איך פאַרמאָג כאָטש איין פּראָצענט שילדערונגס־קראַפט פון אַ חיים נחמן ביאַליק, וואָלט איך אפשר געפּרואווט זיך אָפּשטעלן לענגער אויף אָט דעם פּונקט. אָבער אָן אַזאַ מינימום־כוח טאָר מען זיך ניט פאַרמעסטן דערצו. איך מיין אַז אפילו ביאַליק — וואָס האָט פאַר דער אידישער אייביקייט, דורך זיין „המתמיד״, איבערגעגעבן די באַדייטונג פון וואָלאָזשין — האָט נאָך אַלץ ניט אויסגעשעפּט פולע הונדערט פּראָצענט יענע גייסטיקע עשירות וואָס די דאָזיקע בתי־אוצר האָבן אין זיך אַנטהאַלטן. די וואָס האָבן פון אָט די קוואַלן געטרונקען האָבן אין זייערע נשמות אַריינגעבויט אַן אייגענעם יסוד. שפּעטערע פאַסירונגען אין זייער לעבן האָבן אפשר געקענט ענדערן די רעלסן, אויף וועלכע זייער לעבענסוועג איז געגאַנגען; זיי האָבן אָבער ניט געקענט און גאָר ניט גענדאַרפט ענדערן דעם סאָמע תוך זייערן. די נייע רעלסן האָבן מיך געפירט צום פּועלי־ציוניזם, באַהאַלטנדיק אין מיר דעם זעלביקן נשמה־תוך.

צו דעם אַלעם דאַרף צוגעגעבן ווערן דער אידישער לעבענסשטייגער, די אידישע שבתים און יום־טובים (ניט אַזוי די מנוחת־שבת, נאָר דווקא די קדושת שבת). דאָס אידישע קינד, שפּעטער דאָס אידישע אינגל איז געוואָרן אָנגעזאַפּט מיט אַ זאַפט, וואָס האָט ניט קיין גלייכן ביי קיין אומה ולשון. דערפון ווערט נאָך קלערער, אַז אונזערע שפּעטערדיקע פּאַרטיי פּסוקים האָבן נאָר אויף

אַזוי ווייט געקענט האָבן אַ דערפּאָלג, אויף ווי ווייט זיי זיינען געווען צוגעפּאַסט, ריכטיקער געזאָגט: ווי ווייט זיי זיינען געווען אַ המשך פון אַט די גייסטיקע אוצרות.

די דאָזיקע שטריכן געהערן אייגנטליך צו דער פריסטער עפּאָכע פון מיין לעבן. איך מיין אָבער, אַז דורכדעם ווערט דערגאַנצט דער הויפּט געדאַנק וואָס איך זוך אַרויסצוברענגען: אַז מיין פּועלי־ציוניזם האָט זיך גענערט פון יענע מאַטיוון, וואָס איך האָב אין זיך אַריינגעזאַפּט, נאָך איידער איך האָב אפילו געהערט דעם באַגריף פּועלי־ציוניזם. איך מיין, אַז אויך דאָס איז ניט קיין יחידישע דערשיינונג; אַז אַ גרויסע מחלוקה האָט געקענט אויסגעמיטן ווערן ביים סאַמע אָנהויב פון ציוניזם ווען מען וואָלט ריכטיק אָפּגעשאַצט די קוואַלן פון וואַנען ציוניזם האָט געשעפּט חיונה.

אין אָנהויב פון מאָדערנעם ציוניזם איז געפירט געוואָרן אַ טיפע דיסקו־סיע צווישן הערצל־נאָרדוי פון איין זייט און אחד העם פון דעם צווייטער זייט, איבער דער פראַגע: וואָס האָט מער גענערט ציוניזם — אידן־נויט, אָדער אידישקייט־נויט? היינט איז שוין אָנגענומען די סינטעזע: אלו ואלו. איך מיין אָבער, אַז איין זאַך דאַרף זיין קלאָר: נויט אַליין איז אַוודאי אַ גרויסער כוח. אָבער וואוהין דער דאָזיקער כח זאָל שטויסן מענשן, איז שוין אָפּהענגיק אָן דעם וואָס דער מענש פאַרמאָגט אין זיין נשמה. דער מענש איז ניט קיין דומם וואָס בלויז אַן אויסערליכע קראַפט שטויסט אים אין נאָר אין איין באַשטימ־טער ריכטונג. נויט שטויסט דעם מענשן געוויינטלעך גאָר לבירא עמיקתא. נויט קען שטויסן דעם מענשן לאיגרא רמא פון חלוציות, נאָר דאַן, ווען דער מענש טראָגט אין זיך די חלוצישע פּאָטענצן. די דאָזיקע פּאָטענצן פאַרמאָגט דער אידישער מענש ווי אַ ירושה פון אַלע דורות אין דער אידישער געשיכטע. בלויז דורך אָט דער מזיגה: גענערט פון טיפער גייסטיקייט, און געשטויסן פון נויט איז אונז געבאָרן געוואָרן דער חלוציזם.

ב.

דערציילענדיק וועגן מיין ישיבה־בחור׳שן לעבן, האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב כמעט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין דער אידישער וועלט מחוץ פון די כתלי בית־המדרש. „כמעט״ — ווייל ביי פאַרשיידענע געלעגנ־הייטן — און אין די פאַרשיידענע ישיבות וואָס איך האָב געלערנט — זיינען אַריינגעדרונגען „וועלטלעכע״ פראַגן. אין ווילנע האָב איך געגעסן טעג אין אייניקע אָרטאָדאָקסיש־אידישע הייזער. אויך דאָרט האָבן דערגרייכט צו מיר שמועסן וועגן פאַרשיידענע ענינים. דעם נאָמען „הערצל״ האָב איך אין אָט די הייזער אָפט געהערט דערמאָנען. מערסטנס — ניט לשבח. אין יענע היי־

זער האָט געהערשט גרויס פּחד פאַרן ציוניזם. אַלע געשפּרעכן האָבן אַרויס־געבראַכט, אַז דער ציוניזם טראָגט אין זיך סכּנה פאַר דער אידישער אמונה. איינמאָל האָב איך בייגעוואוינט אַזאַ שמועס אין אַ שטוב, וואו דער טאַטע איז — לויט זיינע אייגענע רייד — געווען קעגן ציוניזם. אַ זון זיינער איז שוין אָבער געווען אַ ציוניסט. אינעם זונס חדר איז אַפילו געהאָנגען אַ בילד פון דר. הערצל. דער זון איז ביים שמועס ניט געווען. דער שמועס איז פאָרגעקור־מען שבת פאַרנאַכט נאָך שלוש־סעודות. ס'זיינען געווען פאַרבעטן געסט און נאָך דער סעודה האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכוח וועגן ציוניזם. געווען צווישן די געסט עקסטרעמערע אַנטי־ציוניסטן ווי דער בעל־הבית פון הויז. האָבן זיי אים טאַקע אויפגעוואָרפן פאַרוואָס ער דערלויבט, אַז אין זיין הויז זאָל זיך געפינען אַ בילד פון „אותו האיש", אָנווייזענדיק אויף הערצלען. דער בעל־הבית האָט דאַן געענטפערט מיט אויפרעגונג אין זיין שטימע:

„הערט! וועגן אים זאָלט איר אַזוי ניט ריידן. ער איז גאָר אַ באַזונדערע פּרשה!"

פאַרוואָס וועגן „אים" טאָר מען ניט ריידן, ווי זיי האָבן גערעדט וועגן אַנדערע ציוניסטישע פירער, ווערענס נעמען איך האָב דאַן צום ערשטן מאָל געהערט — האָב איך ערשט באַגריפן, ווען הערצל האָט באַזוכט ווילנע.

דערוואוסט האָב איך זיך וועגן הערצלס באַזוך מיט צוויי טעג פריער. דערציילט האָט עס מיר בסוד־סודות שלמה שניאור, דער דאַמאָלסדיקער געשעפטס־פירער פונעם ווילנער ביוראָ פון וואַרשעווער אידישן טאָגבלאַט „פריינד".*)

איינמאָל האָט שניאור געזאָגט צו מיר בזה הלשון:

„איך זע, אַז איר זייט שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אידישע נייעס. האָב איך פאַר אייך אַ זייער וויכטיקע ידיעה. אויב איר וועט מיר געבן 5 קאָפּיקעס פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד, וועל איך עס אייך דערציילן".

נאַטירלעך האָב איך ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז „נאַציאָנאַל־פאָנד". עס האָט זיך מיר אָבער שטאַרק פאַרוואָלט וויסן די נייעס, זאָג איך אים:

„אויב איר דענקט, אַז איך פאַרדין די זכיה צו וויסן די נייעס איידער זי ווערט געדרוקט אין בלאַט — פאַרוואָס שטעלט איר מיר אַזאַ תנאי? אפשר האָב איך ניט די 5 קאָפּיקעס?"

שניאורס פּנים האָט זיך פאַררויטלט. „איר זייט גערעכט" — האָט ער געענטפערט — „איך האָב עס אַליין געדאַרפט פאַרשטיין. איך וועל אייך די

---

*) שלמה שניאור איז אין 1904 געקומען קיין אַמעריקע. ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם ערשטן פועלי־ציון פאַראיין אין פילאַדעלפיע, איז שפּעטער — אין 1905 — אַוועק מיט די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אין 1909 צוריק אומגעקערט צו די פועלי־ציון.

נייעס דערציילן אַן 5 קאָפּיקעס: איבערמאָרגן קומט הערצל קיין ווילנע. אין בלאַט וועט עס געמאָלדן ווערן מאָרגן״. דער נאָמען הערצל האָט ארויסגערופן אין מיר אַ וואַרעמען ציטער.

געגעכטיקט האָב איך אין דער שוסטערשער קלויז אויף לייב־לייזערס הויף אין דער אידישער גאַס. (די דאָזיקע קלויז האָט דער אידישער מאָלער מיכאל יאַ פאַראייביקט אין איינע פון זיינע וואונדערבאַרע צייכנונגען פון ווילנע). אין יענער קלויז האָט געדאַוונט אַ קליינגעוויקסיקער, דאַרער אָבער זשוואַרער איד מיטן נאָמען אפרים דער שוסטער. איך האָב זייער ליב געהאַט מיט דעם דאָזיקן אפרימען צו שמועסן. האָב איך אים דערציילט בסוד וואָס שלמה שניאור האָט מיר דערציילט. ער איז פשוט אַנגעצונדן געוואָרן. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, מיר זאָלן צוזאַמען טאָן אַלץ, בכדי צו קענען זען הערצלען. אינעם טאָג פון הערצלס קומען האָבן מיר זיך דערוואוסט אין וועלכן האָטעל ער וועט איינשטיין. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז מען מאַכט פאַר הערצלען צוויי אויפנאַמעס: איינע אין נאָמען פון דער גאַנצער קהילה אין דער צדקה גדולה און די צווייטע אין נאָמען פון ווילנער ציוניסטן אויף בן־יעקב׳ס דאַטשע. מיר האָבן זיך דערוואוסט די שעה ווען הערצל וועט פאַרלאָזן דעם האָטעל און וועט, אין באַגלייטונג פון ציוניסטישע קאָמיסיעס פון מינסק און פון קאָוונע, פאָרן צום קבלת־פּנים. צו דער באַשטימטער צייט זיינען מיר גע־ווען ביים האָטעל. געקומען זיינען דאַן טויזנטער ווילנער אידן צום זעלביקן פּלאַץ מיטן זעלביקן ציל. אַ הייליקער ציטער פון דערוואַרטונג האָט אַרומגע־נומען די גאַנצע עדה. ענדליך האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעסיע. די מינסקער און קאָוונער געסט האָבן זיך אויסגעזעצט אין קאַרעטעס. דאָס זעלביקע אויך די ווילנער קאָמיטע מענטשן. אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין הויכע צילינ־דערס. אויך די בעלי־עגלות און אַפילו די פערד זיינען געווען אויסערגעוויינט־לעך באַפּוצט. סוף־סוף האָט זיך באַוויזן די הערצל־פיגור. דער עולם איז פאַר־כאַפּט געוואָרן פון זיין פּרעכטיקן אויסזען. משכמו ומעלה איז ער געשטאַנען איבער די געסט. דאָס הערצל׳שע פּנים איז ניט נויטיק צו שילדערן. זיינע וואונדערבאַרע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַנטפּלעקונג. געווען — ווי עס שיינט — פאַר אים אַ נייעס צו זען אַזאַ עדה אידן אָנגעפילט מיט אַזאַ התלהבות. די פּראָצעסיע האָט זיך גענומען רירן. דאָ האָט פּאַסירט עטוואָס, וואָס האָט פּשוט עלעקטריזירט די גאַנצע עדה.

מיין מיטגייער — אפרים דער שוסטער — איז צוגעלאָפן און אָנגעכאַפּט אַ הינטערשטע ראָד פון דער קאַרעטע אין וועלכער הערצל איז געפאָרן און עס אַ צי געטאָן מיט אַזאַ קראַפט, אַז די 4 צוגעשפּאַנטע פערד האָבן זיך אָפּגע־שטעלט. הערצל האָט זיך אויפגעשטעלט אַ קוק טאָן, וואָס עס האָט פּאַסירט. ווען ער האָט זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו דער עדה דער באַגלייטער האָט אפרים דער שוסטער אויסגעשריגן ווי ניט מיט זיין קול:

„דוד מלך ישראל חי וקים!" און דער גאַנצער עולם האָט אינסטינקטיוו געענטפערט: „הידד!"

שילדערן וואָס עס האָט דאַן דורכגעפילט די גאַנצע עדה אידן בין איך ניט בכח. איך אליין בין, נאַטירלעך, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער גאַנצער שטימונג. וואָס עס האָט זיך געטאָן אין מיין האַרץ האָב איך דאַן אַליין ניט משיג געווען. ערשט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך טיפער אַריינגעטראַכט אין די פּראָצעסן פון אונזער מיט־וואונדער אַנגעפולטער געשיכטע, האָב איך באַגריפן, אַז איך בין געווען אַ קליין טראָפּנדל אין אַ שטראָם, וואָס זיין נאָמען איז „אידיש פאָלק"; אַז ווילנער אידן האָבן דאַן זוכה געווען צו אַ התרוממות הנפש, אַרויסגעוואַקסן פון דער גאולה תשוקה, וואָס איז איינע פון די טיפסטע כאַראַקטעריסטישסטע אייגנאַרטן פון אָט דעם עם הפלאות. ערשט שפּעטער האָב איך אָט דעם טאָג אין ווילנע אַריינגעפּאַסט אינעם מאָזאַאיק פון משיח׳־ישע איבערלעבונגען פון אונזער פאָלק. אָבער אין יענעם טאָג פון פרילינג, 1903 האָב איך עס דורכגעלעבט אוממיטלבאַר; אָן דערקלערונגען, אַפילו אָן אַ נאָמען ווי די דאָזיקע דורכלעבונגען אָנצורופן. אויף מיין דאַמאָלסדיקן געמיטס־צושטאַנד האָט עס אַזאַ השפּעה געהאַט, אַז איך האָב נאָך יענעם טאָג אָנגעהויבן אַנדערש צו טראַכטן. אָן אומרו האָט מיך אַרומגעכאַפּט, אָן אומרו וועגן דעם גייסטיקן באָדן אויף וועלכן מיין נשמה איז ביז דאַן געווען באַפעסטיקט.

ספיקות וועגן אָט דעם באָדן האָבן זיך אויף פריער געזאַמלט ערגעץ וואו אין האַרצן. דער אייגענער אינסטינקט האָט זיי אָבער צום פולן אויסדרוק ניט צוגעלאָזן. איצט זיינען זיי פּלוצלונג אַלע אויפגעשטאַנען און גענומען פאָדערן: דרשנו!

איך האָב דערשפּירט, אַז מען מוז זיך טיפער אַריינטראַכטן אין די ענינים. דערביי האָט איך אָבער אויך געשפּירט אָן אונטערשייד צווישן די אַמאָליקע ספיקות און די וואָס דער הערצל־באַזוך האָט ביי מיר אַרויסגערופן. ביי פריערדיקע ספיקות איז געווען אומרו צוזאַמענגעמישט מיט פּחד. איך קען ניט זאָגן, אַז דאָס מאָל האָט פּחד אינגאַנצן געפעלט; פּחד פאַרן פאַרלירן דעם אין־האַרצן פאַרפלאַנצטן גייסטיקן יסוד איז נאָך אַלץ געווען, אָבער אין אַ סך אַ קלענערער מאָס. אין פריערדיקע ספיקות־פאַלן איז פּחד געווען גרעסער ווי אומרו, ווייל עס האָט זיך געדוכט, אַז אָן דעם פעסטן יסוד פאַלט מען אין אַ תהום אַריין, אין אַ גייסטיקן חלל. אין איצטיקן פאַל איז דער פּחד ניט געווען אַזאַ שאַרפער, ווייל ער איז געווען געמישט מיט אַ נאָך־ניט־קלאָר־באַגריפענעם אָבער דאָך געאַנטן געפיל, אַז קיין חלל בלייבט ניט; אַז עפּעס אַנדערש גייט אויף אין האַרצן. וואָלט איך דאַן געקענט די פּראָצעסן אין מיין אייגענעם געמיט באַגרייפן אין ליכט פון אידישער געשיכטע, האָט איך שוין

דאָן געמעגט פילן, אַז ניט „עפּעס אַנדערש" גייט אין מיר אויף, נאָר אַז דאָס אַלטע אין מיר נעמט אָן אַ נייע פאָרעם; אַז ניט איבערברוך, נאָר אמת׳ער וואוקס קומט פאָר אין מיר. דאַן וואָלט ניט געדאַרפט זיין קיין אומרו און ניט פּחד, אָבער איך דערצייל בלויז ווי איך האָב עס דאַן באַנומען. איז געווען גרויס אומרו און אַפילו גענוג פּחד.

נאָך צוויי פּאַסירונגען פון יענעם מערקווירדיקן טאָג האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן סיי די עצם השפעה אויף מיר, סיי דעם דרוק אַנצוהויבן אַנדערש טראַכטן. נאָכלויפנדיק נאָך הערצלס וואָגן האָב איך מיך אויך אַריינ־געקוועטשט אין דער ווילנער צדקה־גדולה, וואו די ווילנער קהילה האָט אָפיציעל מקבל פּנים געווען הערצלען. דער הויכפּונקט פון אָט דעם קבלת־פּנים איז געווען ווען ר׳ שלמהלע דיין (דאָס איז דער ר׳ שלמהלע, וואָס אין די גמרות פון דער דרוקעריי פון „האלמנה והאחים ראָם" איז געווען צוגעגעבן אויך זיין פּירוש אויף תלמוד) האָט אין נאָמען פון דער קהילה איבערגעגעבן הערצלען אַ ספר תורה. איך וויס: מיט מיינע באַגרענעצטע שילדערונגס־כּוחות טאָר איך גאָר ניט צוטרעטן שילדערן אַזאַ הייליק בילד ווי עס איז אויף אייביק פאַרבליבן אין מיין געמיט. איך וועל עס טאַקע ניט טאָן. איך וויל נאָר פּרובירן דורך עטלעכע פּשוטע ווערטער אַרויסרופן כאָטש אַ שאָטן פון אָט דעם הערלעכן בילד. ר׳ שלמהלעס פּנים איז געווען ווייס ווי שניי, אַזוי אויך זיין קיילעכדיקע באָרד. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס באָדן זיך אין ים התלמוד האָט אויף אים אַרויפגעדריקט צוויי חתימות: אַן אַלבאַסטער־ווייסע ריינקייט, דורכגעדרונגען פון קדושה און אַזאַ בלאַסקייט, אַזוי ווי יעדער טראָפּן בלוט וואָלט פון פּנים אַרויסגעצויגן געוואָרן. שטעלט אַוועק אָט דאָס פּנים אין קאָנטראַסט צום גוט־באַקאַנטן הערצל־פּנים, מיט דער לאַנגער שוואַרצער באָרד, מיט די טיף שוואַרצע אומפאַרגלייכלעכע הערצל־אויגן; גיט נאָך־צו דעם פאַקט פון איבערגעבן דאָס הייליקסטע וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט; דערצו מוז מען נאָך צוגעבן די טויזנטער אויגן פון דער עדה ווילנער אידן, וואָס ציען זיך סיי צו די צוויי קאָנטראַסט־פּנים׳ער, סיי צו דער ספר תורה, — אַלץ צוזאַמען דאַרף אייך געבן אַ בלאַסן אָפּשיין פון דער דאָזיקער געשעעניש. איר וועט דאַן פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס דאָזיקע בילד קען קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון מיין געמיט. איר וועט דאַן פאַרשטיין, פאַרוואָס די דאָזיקע דערשיינונג האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אויף אַ 16־יאָריקן ישיבה־אינגעל, און ווי אַזוי דאָס האָט אים אַ שטויס געטאָן אָנצוהויבן אַנדערש טראַכטן וועגן זיין גאַנצן גייסטיקן לעבן.

אָפט, טראַכטנדיק וועגן אָט דעם הערצל־באַזוך אין ווילנע — און פּרו־בירנדיק שוין אַריינצושטעלן עס אין דער מאָזאַאיק פון אונזער וואונדערבאַרער געשיכטע — טויכט אין מיר אויף אַ פראַגע אויב הערצל אַליין האָט קלאָר

געוואוסט צו וואָסער ראָלע די אידישע געשיכטע האָט אים באַשטימט. איך בין געניגט צו גלויבן, אַז ער האָט עס ניט געוואוסט. איך האָף, אַז דורכדעם ווערט די הערצל־פיגור, ווי בכלל די דערשיינונג הערצל, ניט קלענער. אין מיינע אויגן ווערט זי פיל גרעסער. ווען איך טראַכט וועגן דער קדושה וואָס זיין באַזוך האָט אַריינגעבראַכט אין דער ווילנער אידישער עדה; ווען איך דערמאָן זיך וועגן דאָס פריער אָנגעצייכנטע ר׳ שלמהלע־הערצל־בילד; ווען איך דער־מאָן זיך ווי עס האָט אין יענעם טאָג אויסגעזען דער ווילנער שול־הויף; וועגן דעם ווי עס האָבן זיך יענעם טאָג געהאַלטן פאַרשיידענע שיכטן אידן אין ווילנע; וועגן דער לעגענדע, וואָס מען האָט דערציילט, אַז אין יענעם טאָג האָט קיין אידישער גנב זיין געשעפט ניט געטריבן און וועגן אַנדערע לעגענ־דעס מיט וועלכע ווילנער אידן האָבן זיך לאַנג געשפּייזט נאָכדעם ווי הערצל האָט פאַרלאָזן ווילנע; ווען איך וועג אָפּ וואָס דער דאָזיקער באַזוך האָט מיר געגעבן, בין איך זיכער, אַז אַזעלכע אינגלעך ווי איך זיינען דאַן אין ווילנע געווען הונדערטער. מוז איך קומען צום אויספיר, אַז הערצל האָט גאָר ניט גע־קענט קלאָר וויסן פון אַלע רעזולטאַטן פון זיין דערשיינונג אין ווילנע. וואָס עס איז אמת אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד איז נאָך פיל אמת׳ער אין דער פולער פרשה הערצל. איך מיין, אַז ניט נאָר איינצלנע יחידים פון גרויסער געשיכט־לעכער באַדייטונג, נאָר אויך גאַנצע באַוועגונגען, וואָס מאַכן געשיכטע וויסן צומאָל ניט די פולע באַדייטונג פון זייערע אייגענע ראָלן אין דעם מערק־ווירדיקן מענטשלעכן לעבנס־פּראָצעס, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן וואָרט: געשיכטע.

די דירעקטע ווירקונג, וואָס איז דאַן אויף מיר אויסגעאיבט געוואָרן האָט געפירט דערצו, אַז איך האָב זיך פאַראינטערעסירט אויסצוגעפינען: וואָס איז אַזוינס הערצל? ווער איז ער? פון וואַנען איז ער געקומען? וואָס איז אַזוינס די ציוניסטישע באַוועגונג, וועגן וועלכער איך האָב געהערט בלאָסע קלאַנגען אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן איר? פאַרשטאַרקט אין מיר דעם דאָזיקן דראַנג האָט די צווייטע פּאַסירונג פון זעל־ביק טאָג. ריכטיקער געזאָגט: פון דעם אָוונט נאָך יענעם טאָג.

ג.

איך וויל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט יענעם אָוונט ווען הערצל איז אָפּגעפאָרן. דאָס קאָן איבערגעגעבן ווערן אין עטלעכע ווערטער. עס זיינען, נאַטירלעך, געקומען אַ סך הונדערטער אידן צום באַן ווען הערצל איז אָפּגעפאָרן, כאָטש די פּאָליציי האָט עס פאַרבאָטן. בכלל איז די פּאָליציי־אויפזיכט אין יענעם טאָג געווען זייער שטרענג. זי איז נאָך שטרענגער און ווילדער געוואָרן נאָך אפרים שוסטערס אויסגעשריי: „דוד

מלך ישראל חי וקיים!״ פּאָליצײ האָט דעריבער ניט אויסגעזאָגט ווען הערצל פּאַרט אָפּ. אידן האָבן זיך אָבער דערוואוסט און זײנען געקומען. האָט עס טאַקע געפירט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליצײ, וואָס האָט געקאָסט אײן אידס לעבן. די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אַוודאי אויך משפּיע געווען אויף מיר, אָבער דאָס איז געווען אַ השפּעה אין דער ריכטונג פון דער צווייטער זייט פון דער פּועלי־ציוניסטישער מטבע, צו וועלכער איך קום שפּעטער. דערווייל האַלט איך ביי דער ציוניסטישער זייט. די צווייטע פּאַסירונג וואָס האָט אויך משפּיע געווען אין דער ריכטונג פון ציוניזם איז פאָרגעקומען אַזוי:

ווי איך האָב דערציילט, בין איך געשלאָפן אין דער שוסטערשער שול. מיט מיר צוזאַמען איז געשלאָפן נאָך אַ ישיבה־בחור, אַן עלטערער פאַר מיר. איצט פאַרשטיי איך אַז ער איז שוין געווען אַן „אויפגעקלערטער״ אַנטי־ציוניסט; אָבער שוין ניט פון אָרטאָדאָקסיש־אידישן שטאַנדפּונקט. ווען ער האָט דערזען אַז די דערשיינונג הערצל האָט אויף מיר גוואַלטיק געווירקט, האָט ער געזוכט צו ראַטעווען מיין נשמה. האָט ער מיך דעמזעלביקן אָונט מיטגענומען אין אַ וואַלד צו הערן אַ רעדע. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך גע־הערט אַ רעדע, — ניט קיין מגידות, נאָר אַ רעדע! איצט ווייס איך אַז די דאָזיקע רעדע האָט געהאַלטן אַ בונדיסט. דאַן האָב איך אַפילו דעם נאָמען „בונדיסט״ נאָך ניט געהערט. פון דער דאָזיקער רעדע איז מיר איבערגעבליבן צוויי זייער „טיפע״ געדאַנקען וואָס דער רעדנער האָט אַריינגעקנעלט אין די מענטשן, וואָס זיינען אים געקומען הערן. זיין טעמע איז, נאַטירלעך, געווען „הערצל און דער ציוניזם״. האָט ער ערשטנס אַרויסגעבראַכט דעם „געדאַנק״, אַז פּאַלעסטינע וועט קיינמאָל ניט קענען זיין קיין לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע, ווייל ווען זי וואָלט געווען פּאַסיק פאַר קאָלאָניזאַציע וואָלטן די קאַפּיטאַליסטישע פעלקער שוין לאַנג זי פאַרכאַפּט. פאַרענדיקט מיט „פּאַלעסטינע״, האָט ער זיך דאַן גענומען — צום אידישן פאָלק!

„ווער״ — האָט ער גע׳חוזק׳ט — „וועלן זיין אונזערע קאָלאָניזאַטאָרן? — די בחורים און מיידלעך וואָס דרייען זיך אויף דער ווילנער אידישער גאַס? אויף דער קצב׳ישער גאַס אין דווינסק, אויפן שול־הויף אין קאָוונע? זיי וועלן עס ווערן די בויער פון אַ ניי לאַנד?״ און ער האָט זיך אויסגעלאַכט דאָס גרויסע געלעכטער.

מילא, היינט פאַרשטייט מען וואָס פאַר אַן אומזין עס וואָלט געווען צו דיסקוטירן מיט דעם דאָזיקן „געדאַנקען״־גאַנג. מערקווירדיק איז נאָר דאָס, וואָס אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך אויסגעפונען אַז דער דאָזיקער בונדיסט איז גאָר ניט געווען אָריגינעל אין זיין „געדאַנקען״־גאַנג. ענלעכע געדאַנקען האָב איך שפּעטער געלייענט אין אַ בריוו־וועקסל צווישן צוויי אי־דישע פירער פון פּאַר מתן בונד. דער דאָזיקער בריוו־וועקסל איז פאָרגעקו־

מען אַ יאָר איידער דער ערשטער ציוניסטן־קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן. אין אַ בוך וואָס ליב יפה האָט רעדאַגירט צום 25טן יובל פון ערשטן ציוניס־טישן קאָנגרעס, ווערט דאָרטן איבערגעגעבן דער תמצית פון דאָזיקן בריוו־ וועקסל צווישן ר׳ שמואל מאָהילעווער פון איין זייט און סאָלאָמאָן רייגאַך — דאַן פּרעזידענט פון „אַליאַנס איזראַעליט״ — פון דער צווייטער זייט. ר׳ שמואל מאָהילעווער האָט פאַרלאַנגט אַז סאָלאָמאָן רייגאַך זאָל באַוועגן די אַליאַנס מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט פון די חובבי ציון. סאָלאָמאָן רייגאַך ענטפערט דאַן מיט אַ בריוו אין וועלכן ער ברענגט אַרויס 4 פונקטן. זיינען די ערשטע צוויי כמעט ווערטערלעך דאָס וואָס דער בונדיסט האָט מיט 7 יאָר שפּעטער געזאָגט אין זיין וואַלד־רעדע אין ווילנע: „פּאַלעסטינע״ טויג ניט פאַר קאָלאָניזאַציע און אידן וועלן קיינמאָל ניט ווערן קיין קאָלאָניזאַטאָרן. דער דאָזיקער בריוו־וועקסל איז אַן־און־פאַר־זיך זייער אַן אינטערעסאַנטער דאָקומענט. ער גיט איבער ווי עס האָבן זיך באַציגן צום אידישן פּראָבלעם אַזעלכע צוויי פאַרשיידענע אידן ווי ר׳ שמואל מאָהילעווער און סאָלאָמאָן רייגאַך. פאַר מיין איצטיקן ענין איז נאָר געגוג אָנצואווייזן, אַז אָט די „חכמה״ האָבן די דעמאָלטיקע בונדיסטן איבערגענומען כהויה פון די פריערדיקע אַסימילאַטאָרן. דער וואונדער באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ווען עס איז געקומען צום ציוניזם האָבן אַפילו בונדישע רעדנער געהאַט נאָר חוזק פאַר די אידישע מאַסן, אומגלויבן אין זייערע שעפערישע כוחות און געלעכטער פאַר די רעוואָלוציאָנערע אימפּעטן, וואָס זיי האָבן אין זיך געטראָגן. און דער „בונד״, אויב ער האָט עפּעס פּאָזיטיווס אין זיין געשיכטע, איז דאָך דווקא דאָס, וואָס ער האָט געזוכט צו הויבן דעם אידישן מאַסנמענטש. הפּנים אַז אין פּאַרטיי פּאָליטיק טאָר מען ניט זוכן קיין אויסגעהאַלטנקייט.

אויף מיר האָט די רעדע פון דעם בונדיסט געווירקט פונקט פאַרקערט ווי מיין עלטערער מיטשלאָפער אין קלויז האָט דערוואַרט. זי האָט נאָך טיפער געמאַכט מיין אינטערעס אינעם ציוניזם וואָס דער רעדנער האָט אַזוי אויסגע־לאַכט. איך האָב מיט מער התמדה געגומען זוכן און פאָרשן וועגן ציוניזם.

אָנשטאָט אין שלמה שניאורס ביורא בין איך שוין געזעסן שעה׳ן פון מיין טאָג אין דער ווילנער סטראַשון־ביבליאָטעק. דאָרט האָט איינער פון די ערשטע קדושים פון די היטלער־שחיטות — ר׳ חייקל לונסקי זכר צדיק לברכה — זיך אין מיר פאַראינטערעסירט און מיר אָנגעוויזן וועלכע ליטע־ראַטור צו לייענען. איך האָב מיין התמדה איבערגעטראָגן פון דער גמרא צו דער ביבליאָטעק.

ד.

צו דער צווייטער זייט פון דער פּועלי־ציוניסטישער מטבע האָט מיר דעם שטאַרקסטן שטויס געגעבן: מיין אַרעסט! ווערט ניט נתפּעל דערפון.

צו דער מדרגה פֿון יענע רעוואָלוציאָנערן וואָס מען האָט פֿאַרשיקט אין קרעפּאָסטן, אָדער גאָר אין סיביר, האָב איך קיינמאָל ניט דערגרייכט. מיין אַרעסט האָט גאָר געהאַט אין זיך אַ שפּאָר ביסל פּאַרס. אָבער אַ השפּעה האָט עס אויף מיר איבערגעלאָזט. און געשען איז עס אַזוי:

אין איין שיינעם ערבֿ־שבת קומט אַריין אין דער שוסטערשער שול אַ הויכער יונגערמאַן. ער לאָזט מיר איבער צוויי זאַכן: אַ ספֿר און אַ געדרוקטן בויגן און גייט אַוועק. די נעמען „בראָשור" און „פּראָקלאַמאַציע" זיינען נאָך צו מיינע אויערן ניט דערגאַנגען. איך הייב אָן מעיין זיין אין ספֿר און איך באַקום חולשת הדעת: דאַכט זיך געשריבן אין אידיש — און איך פֿאַרשטיי נישט אַ וואָרט! דעם נאָמען פֿונעם ספֿר געדענק איך ניט. אָבער דעם נאָמען פֿון מחבר געדענק איך זייער גוט: בנימין פייגענבוים. גערעדט איז דאָרטן געוואָרן וועגן צוויי ענינים: רעליגיאָן און קלאַסנקעגנזאַצן. רעליגיאָן האָב איך געוואוסט וואָס עס מיינט. קלאַסנקעגנזאַצן — בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. פֿאַרדריסט עס מיר זייער שטאַרק. באַשליס איך: מען דאַרף דעם ספֿר אַריינלייגן צווישן אַנדערע ספֿרים ולכשירחיב ווידער אין אים אַריינ־קוקן. טו איך אַזוי און נעם זיך צום געדרוקטן בויגן פּאַפּיר. דאָ איז עס שוין געגאַנגען ווי אַ מזמור. איצט ווייס איך, אַז די פּראָקלאַמאַציע האָט מיך פֿאַר־כאַפּט מיט איר ברענענדיקער שפּראַך, מיט איר טיפֿן ערנסט, מיט איר רע־וואָלוציאָנערן פּאַטאָס. דעמאָלט האָב איך נאָר געוואוסט, אַז איך בין אויפֿ־געטרייסלט געוואָרן פֿון אינערן אָפּקלאַנג וואָס די דאָזיקע שריפֿט האָט אין מיר אַרויסגערופֿן. געווען איז עס אַ פּראָקלאַמאַציע פֿון לאָדזשער קאָמיטעט פֿון בונד צום יאָרצייט פֿון הירש לעקערט. געברענט האָט אין מיר דער קדוש־השם פֿון הירש לעקערט. געלייענט איינמאָל, אַ צווייטן מאָל און דער טומל אין מיין נשמה איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. וואָס איז דאָס אַזוינס? און איך מאַך ביי זיך פּעסט אָפּ: איך מוז אויך אין דעם ענין זיך טיפֿער פֿאַרטראַכטן, איך מוז זוכן מער וועגן דעם.

די פּאַרס־זייט הויבט זיך אָן מיט מיין אַרעסט. ביינאַכט האָבן זיך אין קלויז אַריינגעריסן פּאָליציי, מען האָט געזוכט און מען האָט געפֿונען סיי די בראָשור, סיי די פּראָקלאַמאַציע. מען פֿרעגט מיך ווי קומט עס צו מיר — ווייס איך ניט ווי צו ענטפֿערן. מיין מיטשלאָפֿער איז יענע נאַכט אין קלויז ניט געקומען און איך אַליין האָב ניט געקענט אַ וואָרט רוסיש ריידן. קיין גוואַלטיקער בקי אין רוסיש בין איך היינט אויך ניט. איך פֿאַרשטיי אָבער איצטער וואָס מען רעדט צו מיר. כ׳האָב זיך דווקא אין אַמעריקע אַביסל צו־געלערנט די שפּראַך. דאַן אָבער האָב איך אַ וואָרט ניט געקענט אויסריידן. די פּאָליציסטן זיינען געווען זיכער אַז איך מאַך אָן אָנשטעל. האָבן זיי געמיינט, אַז זיי האָבן דאָ געכאַפּט ווער ווייסט וואָס פֿאַראַ רעוואָלוציאָנערן העכט. האָט

מען מיך אַוועקגעשלעפּט אין „אוטשאַסטאָק" און איינגעזעצט. שבת האָבן אידן גאָרנישט געקענט טאָן. זונטאָג האָבן גויים גאָרנישט געוואָלט טאָן. ביז איך געזעסן ביז מאָנטאָג פרי. דאַן זיינען געקומען אייניקע בעלי־בתים און מיר באַפרייט. ווען די אידן האָבן מיך אָנגעהויבן אויספרעגן און איך האָב זיי אַלץ דערציילט, האָבן זיי עס אַזוי פותר־חלום געווען: דער בחור וואָס האָט מיר געבראַכט די בראָשור און פּראָקלאַמאַציע איז, אָן ספק, אַ שפּיאָן, וואָס דאַרף ווייזן נאַטשאַלסטוואָ אַז ער טוט עפּעס אויף. האָט ער אָנגענומען די מעטאָדע פון — להבדיל — ביעור חמץ. כדי ניט צו מאַכן קיין ברכה לבטלה צעלייגט מען פריער שטיקלעך ברויט בכדי צו זיין זיכער, אַז מען וועט געפינען וואָס מבער צו זיין. האָט ער אויך אַזוי געטאָן.

אָבער די ווירקונג פון דעם אַרעסט אויף מיר איז שוין גאָר ניט געווען קיין פאַרס. איך האָב ניט פאַרגעסן ניט דעם ספר — בראָשור בלע"ז — און ניט די פּראָקלאַמאַציע. דער ספר האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין אַרויסרופן אין מיר דעם געפיל פון געפאַלנקייט פון וועלכן איך בין אויסגעהיילט געוואָרן ערשט אַ גאַנצן יאָר שפּעטער, ווען איך האָב געהערט די ערשטע רעדע פונעם מחבר בנימין פייגענבוים. די פּראָקלאַמאַציע אָבער האָט געהאַלטן אין כסדר'־דיקן וועקן מיין געמיט. פון וואַנען שטאַמט זי? וואָס איז עס אַזוינס דער „בונד"? ווער איז עס געווען דער הירש לעקערט? איך האָב זיך פאַרטרויט פאַרן שוין דערמאָנטן קדוש ר' חייקל לונסקי און ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַן אַנדער סאָרט ליטעראַטור, וואָס האָט געדאַרפט שטילן מיין דורשט.

מיין אַרעסט האָט געפירט צו נאָך אַ רעזולטאַט: טאַטע־מאַמע אינעם קליינעם שטעטל האָבן זיך דערוואוסט, אַז ברוכ'קע איז אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ „ציציליסט". האָט מען זיך שטאַרק איבערגעשראָקן. און אַזוי ווי אויפן עמיגראַציע־וואָגן איז מען שוין לאַנג געזעסן אין געדאַנק און אַן עלטערער ברודער איז שוין געווען אין אַמעריקע, האָט מיין אַרעסט אונטערגעטריבן דעם „סטיכישן" פּראָצעס. מען האָט פאַרקויפט די הילצערנע הייזל וואָס מען האָט פאַרמאָגט און דער טאַטע, אַן עלטערע שוועסטער און אני הקטן האָבן זיך געלאָזן אינעם דרך פון אַנדערע הונדערטער טויזנטער אידישע טראָפּנס, אינעם שטראָם פון אידישער וואַנדערונג. דאָס האָט מיך געבראַכט קיין אַמעריקע.

פונעם אַרעסט ביז אַמעריקע זיינען אָבער אַריבער אַ סך חדשים. אין דער צווישנצייט האָב איך אַריינגעשלונגען וואָס איך האָב נאָר געקאָנט געפינען און עס האָט געקאָנט האָבן אַ שייכות אָדער צום ציוניזם אָדער צום סאָציאַליזם. אין די פילע פּראָקלאַמאַציעס און בראָשורן, וואָס איך האָב דאַן איבערגעלייענט, האָב איך געטראָפן ביטערע ווערטער קעגן ציוניזם, וואָס האָבן מיר וויי געטאָן. די מערסטע אַזעלכע שריפטן האָב איך באַקומען דורך

מיינע אַמאָליקע חדר־חברים, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען געוואָרן גאַרבער, אין דער גאַרבער־שטאָט סמאַרגאָן, וואָס איז דאַן שוין געווען אַ בונדישע פעסטונג. קיין פּועלי־ציוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס זיינען צו מיר ניט דערגאַנגען. דעם נאָמען פּועלי־ציוניזם האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט הענגנדיק אויפן פּאַרקאַן פון בן־יעקבֿ'ס דאַטשע אין ווילנע טאָקע ביי דער אויפנאַמע פאַר הערצלען. די מערסטע רעדנער האָבן גערעדט אין דייטש. בלויז איין רעדנער האָט גערעדט אידיש, טאָקע דערזעלביקער שלמה שניאור. אַלץ וואָס איך האָב פון אים געהערט דאַן, איז זיינע ערשטע ווערטער: „איך קום באַגריסן דר. הערצל אין נאָמען פון די ווילנער פּועלי־ציון." דאָס איבעריקע פון זיין באַגריסונג האָב איך ניט געהערט, ווייל צו באַקוועם איז מיין פּלאַץ אויפן פּאַר־קאַן ניט געווען.

די ערשטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפטן פון סירקין, באָראָכאָוו און אַנדערע האָב איך געלייענט איבער אַ יאָר שפּעטער שוין זייענדיק אין אַמעריקע. די מזיגה פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם איז דעריבער ביי מיר געווען אָן הילף פון דרויסן, פאַרקערט — קעגן די איינפלוסן פון דרויסן. זיי האָבן אין מיין האַרצן אַרויסגערופן ניט קיין ווידערשפּרוך, נאָר פאַרקערט: אַ פול־שטענדיקייט, אַ דערגאַנצונג איינער פון צווייטן, כאָטש באַגרינדן וואָלט איך עס דאַן ניט געקענט.

קומענדיק קיין אַמעריקע אין מיטן ווינטער פון 1904, האָב איך געפונען אין אַ צייטונג אַ מודעה, אַז היינט „מיטעט" (אויפן דאָזיקן וואָרט האָב איך צובראָכן מיינע ערשטע ציין, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר צחות הלשון!) דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַראיין פּועלי־ציון. אין האַרצן האָט עפּעס אַ שלאָג געטאָן: אָט דאָס איז עס! דאָס איז וואָס איך זוך! און אַזוי קום איך צו דער פּרשה: אַמעריקאַנער פּועלי־ציון.

ד.

אויך אין אַמעריקע האָב איך אין די ערשטע יאָרן דורכגעלעבט אַ גייסטיקע אויפטרייסלונג, כאָטש ניט פון אַזאַ טיפקייט, ווי הערצלס ווילנער באַזוך האָט אין מיר אַרויסגערופן. דאָס איז געווען דער טעריטאָריאַליזם. אויך אַנדערע פּאַסירונגען און געדאַנקען האָבן ניט געלאָזט רוען. בכלל איז מיין זוכן טיפער צו פאַרשטיין סיי דעם ציוניזם, סיי דעם סאָציאַליזם פאַרגעזעצט געוואָרן. איך האָב עס געזוכט אין ספרים וועלכע איך האָב באַקומען צו לייענען; צווישן חברים וואָס זיינען אַריבערגעקומען שוין פאַרטיקע פּועלי־ציון מיט אַ פעסטער טעאָרעטישער איינשטעלונג; בעיקר האָב איך עס אָבער געמוזט שעפּן פון אייגענעם באַגאַזש וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט און פון דעם נייעם אַרום אין נייעם לאַנד. אַ סך פאַקטאָרן האָבן דעם פּראָצעס

פון טיפערן פאַרשן און לערנען שטאַרק געשטערט. די צוויי וויכטיקסטע זיינען געווען —

ערשטנס: מיין פערזענלעכע עקאָנאָמישע לאַגע. די עצה פון מיינעם אָן אָנקל אַז איך זאָל זיך צו־לערנען ענגליש און ווערן אַ ראַבינער אין אַמעריקע, איז מיר שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן. מיין פאָטער איז אָפּגעפאָרן קיין האַריס־בורג, פענסילוויינע, וואו ער מיט מיין עלטערן ברודער האָבן פאַרלייגט אַן עכט אַמעריקאַניש־אידישע פּרנסה: אַלטוואַרג (דזשאַנק בלע״ז).ביידע האָבן געפּרובירט מיר פאַרשלאָגן אויך אַריינצוגיין צוזאַמען מיט זיי אין זייער געשעפט. אָבער זיי האָבן דערשפּירט, מער ווי פאַרשטאַנען, אַז איך וועל מיט זיי ניט גיין און, צו זייער שבח זאָל עס געזאָגט ווערן, (זיי זיינען ביידע שוין אויפן עולם האמת) — צו שטאַרק צוגעשטאַנען צו מיר זיינען זיי ניט. אָבער פּרנסה האָב איך דאָך געדאַרפט. בין איך, ווי אַנדערע צענדליקער טויזנטער בחורים׳־לעך, פאַרשלונגען געוואָרן פון ״שאַפּ״. אייגנטלעך ניט בלויז שאַפּ. אין מיינע ערשטע צען אַמעריקאַנער יאָרן — פון 1904 ביז 1914 — האָב איך דורכגעמאַכט פאַרשידענע פּרנסות אין דריי גרויסע אידישע קהילות: ניו יאָרק, פילאַדעלפיע און קליוולאַנד. כ׳האָב געאַרבעט אין פאַרשיידענע שעפּער, בעיקר געניית אַרבל (סליוו־מעיקער בלע״ז). מיין עקספּערטיזע אויף דעם געביט האָט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, אַז ווען דער פאָרמאַן פון מיין ערשטן שאַפּ אין פילאַדעלפיע (וואוהין אַ חברה, דאַן פון די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן, האָט מיך אַריינגעבראַכט) האָט דערזען מיין אַרבעט, האָט ער צו דער חברה אַזוי געזאָגט: אייער פריינט וועט אפשר ווערן אַ לאָיער אָדער אַ ראַביי אין אַמעריקע, אָבער קיין סליוו־מעיקער וועט ער קיינמאָל ניט ווערן. דערפאַר טאַקע האָב איך אָפט געמוזט וואַרפן דעם דאַזיקן פאַך און זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש. אינעם ״עפּעס אַנדערש״ זיינען געווען איינגעשלאָסן אַ סך פּרואוון. צווישן זיי: אַרבעט אין אַ רעילראָוד־סטאַנציע אין קליוולאַנד אינעם קריזיס־יאָר 1907, שלעפּנדיק אייזן; אָנגעשטעלטער פאַר עטלעכע חדשים בלויז ווי אַ געשעפטס־אַגענט פון דער אידישער בעקער־יוניאָן, ווידער אין קליוולאַנד, און דאָרטן האָב איך דורכגעלעבט זייער אינטערעסאַנטע דערפאַרונגען און זיך בעסער באַקאַנט מיט דעם אידישן אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע; עטלעכע חדשים בין איך אַפילו געווען אַן אייגנטימער פון אַ ״קענדי סטאָרקע״ אין ניו יאָרק, וואָס מיין עלטערער ברודער האָט פאַר מיר געקויפט, האָפנדיק אַז ער וועט מיך דורכדעם שטעלן אויף די פיס, אַז איך וועל ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך און וועל זיך מער ניט אַרומשלעפּן מיט די אַנדערע האָלעדריגעס פון די פועלי־ציון. ענדלעך האָב איך זיך דאָך באַפעסטיקט ביי אַ פאַך: כ׳בין געוואָרן אַ קאָרעקטאָר אין אַ אידישער דרוקעריי אין ניו יאָרק און בין דאָרטן פאַרבליבן ביז 1915, ווען דר. עלסבערג עליו השלום, האָט מיך פון דאָרטן

אַרויסגענומען און מיך פֿאַרוואַנדלט אין דעם גענעראַל סעקרעטאַר פֿון דער פּיפּלס רעליף. פֿון דאַן אָן בין איך שוין פֿאַרבליבן אַ געזעלשאַפֿטלעכער עסקן.

וואָלט איך געהאַלטן ביים שרייבן די געשיכטע פֿון מיין לעבן, וואָלט איך אָט דעם אויבן־סקיצירטן קאַפּיטל געדאַרפֿט ווידמען פֿיל אויפֿמערקזאַמ־קייט. אין די דאָזיקע יאָרן האָב איך פֿיל דורכגעלעבט און פֿיל געלערנט. אָבער איך דערצייל נאָר וועגן די סטאַדיעס וואָס מיין פּועלי־ציוניזם האָט דורכגע־מאַכט. האָב איך בלויז פֿאַרצייכנט מיין עקאָנאָמישע „באַזע". אַזוי פֿיל בין איך מודה דעם מאַרקסיזם, אַז די דאָזיקע עקאָנאָמישע באַזע מיינע איז געווען אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר צום שלעכטן, ווייל זי האָט געשטערט מיין גייסטיקע פֿאַרטיפֿונג.

צווייטנס: די דאַמאָלסטיקע לאַגע פֿון אידישקייט און סאָציאַליזם אין אַמעריקע, ווי איך האָב זי דאַן אויפֿגעפֿאַסט. איך האָב געזען סיי די אידישקייט, סיי דעם סאָציאַליזם אין גאַס, אין דער דאַמאָלסדיקער פּרעסע, אין די באַווע־גונגען פֿון יענע יאָרן, אויף די „לעקטשורס" פֿון די אַמאָליקע „טריבונען" פֿון דער אידישער גאַס. אַלץ וואָס איך האָב געזען האָט מיך, דעם אָקאָרשט געוועזענעם ישיבה־בחור, מער ווי שאָקירט. דער פּועלי־ציוניזם אין מיר, וואָס האָט זיך נאָך ניט געהאַט טעאָרעטיש באַפֿעסטיקט, האָט שוין אָבער דאַן געהאַלטן אַז אידישקייט, אידישע אייגנאַרט, אידישער המשך און אידישער קיום זיינען וועזנטלעכע טיילן פֿון פּועלי־ציוניזם. דאָס וואָס האָט דאַן אין דער אידישער גאַס געגאָלטן ווי אידישקייט, האָט פּשוט פֿאַרוואונדעט מיין נשמה. בעיקר האָט געברענט די פּוסטקייט, די אויסגעליידיקייט פֿון דער אַמעריקאַ־נער־געבאָרענער אידישער יוגנט. איך דערמאָן זיך אַ וואָרט וואָס איך האָב אין יענע ערשטע יאָרן געהערט פֿון דעם דאַן באַרימטן דר. נתן בירנבוים („מתתיהו אחר"). ער האָט אין 1905 באַזוכט אַמעריקע. דאָס איז געווען לאַנג אײדער ער איז אַריבער צו דער „אגודה". ער האָט זיך דאַן געהאַלטן פֿאַר אַ שטאַרקן אידישן גלות־נאַציאָנאַליסט מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צום ציו־ניזם און מיט אַ נייגונג צו ראַדיקאַלע געדאַנקען. זיינען מיר אַמאָל, עטלעכע יונגע אינגלעך, געזעסן מיט אָט דעם וועטעראַן פֿון אידישן נאַציאָנאַלן גע־דאַנק און אַרומגערעדט די צוקונפֿט פֿון אידן און אידישקייט אין אַמעריקע. ווען מיר האָבן זיך באַקלאָגט וועגן דער „אַמעריקאַניזאַציע" פֿון דער אידי־שער יוגנט, האָט ער באַמערקט: איר האָט אַ טעות! צו דער מדרגה פֿון אַמע־ריקאַניזאַציע איז די היגע אידישע יוגנט נאָך ניט דערגאַנגען. דערווייל האַלט זי ערשט ביים קאַפּיטל „אינדיאַניזאַציע"!

נאָך טיפֿער איז באַליידיקט געוואָרן דער סאָציאַליזם פֿון מיין פּועלי־ציוניזם, דערבליקנדיק דעם גאַסן־סאָציאַליזם פֿון יענער צייט. שפּעטער־צו האָב איך אָנגעהויבן אָביסל אָנדערש אָפּשאַצן סיי די אידישקייט, סיי דעם

אידישן סאָציאַליזם פון יענער עפּאָכע. מיין פּסק אויף יענע וואָס זיינען, אין מיינע אויגן, געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יענער עפּאָכע איז באַדייטנדיק מילדער געוואָרן. איך האָב אויך די אידישע יוגנט אין אַמעריקע גענומען באַטראַכטן מיט אַנדערע אויגן. אָבער דאַן, ווען סיי מיין אידישקייט־געפיל, סיי מיין סאָציאַליזם האָט זיך געפילט אַזוי שטאַרק געטראָפן, האָב איך זיך געזאָגט: עס איז איצטער מער אַן עת לעשות, מען דאַרף עפּעס טאָן קעגן דעם. דאָס איז וויכטיקער ווי טעאָרעטישע פאָרשונגען און זוכונגען. האָב איך זיך אָפּגעגעבן דער פּראַקטישער אַרבעט פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג. כ'האָב זיך איר אָפּגעגעבן אַביסל צו שטאַרק אויפן חשבון פון לערנען, פון שטודירן.

מיין ישיבה־בחור'שע התמדה האָט מיר דאָך אַרויסגעהאָלפן ניט אינגאַנצן אַוועקגעשלעפּט צו ווערן פון פאָרשן, בעיקר — פאָרשן פּועלי־ציוניזם. כ'האָב גענומען פאַרצערן פּועלי־ציון ליטעראַטור. באָראָכאָוון האָב איך געלערנט. זיין אַנאַליטישע פעאיקייט האָט אין מיר אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט, אָבער מיט זיין הויפּט געדאַנקענגאַנג האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט מסכים זיין. אַפילו יענע פון זיינע געדאַנקען אין וועלכע איך האָב דערשפּירט אמת־אַנאַליטישע גאונות און מיין טעאָרעטישער באַגאַזש איז געווען צו ווייניק איך זאָל זיי קענען אָפּפרעגן, האָבן מיר דאָך געלאָזט קאַלט. איך האָב זיי באין אופן ניט געקענט אָננעמען ווי אַ באַגרינדונג פון ציוניזם. אַזוי בין איך געבליבן קאַלט צו יעדן פאַרזוך מאַרקסיסטיש צו באַגרינדן דעם ציוניזם. דער דאָזיקער טייל פון מיין פּועלי־ציוניזם — דער ציוניזם ווי אַן אויסדרוק פון דראַנג צו המשך, צו קיום — איז שוין געווען אַזוי טיף באַפעסטיקט אין מיין נשמה, אַז קיין טעאָרעטישער געדאַנק, ווי טיף ער זאָל ניט האָבן געווען, האָט עס שוין ניט געקענט ענדערן. דעריבער האָבן אויף מיר ניט משפּיע געווען די פּועלי־ציון טעאָרעטיקער פון יענער עפּאָכע, וואָס האָבן געזוכט דווקא מאַרקסיסטיש דעם ציוניזם צו דערקלערן. דערפאַר אָבער האָט מיך פּשוט געפאַנגען לב ונפש יעדע שורה וואָס איז צו מיר דערגאַנגען פון די שריפטן פון נחמן סירקין. מער ווי אַלץ האָט מיך פאַרכאַפּט זיין צוגאַנג צו דער אידישער געשיכטע. שפּעטער, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט „רוים און ירושלים" פון משה העס, האָב איך אין דעם געפילסצושטאַנד און געדאַנקענגאַנג פון משה העס דערשפּירט די שלימות פון מיין פּועלי־ציוניזם.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז סיי אין מיין קינדהייט, סיי אין מיין ישיבה־בחור'שער פּעריאָד, האָב איך געהאַט מזל צו רביים. דער דאָזיקער מזל האָט זיך פון מיר ניט אָפּגעטאָן אויך שפּעטער, ווען מיין פּועלי־ציוניזם האָט זיך געהאַלטן אין פאָרמירן און פעסטיקן. די איינפלוסן איבער מיר זיינען געקומען פון פאַרשיידענע קוק־ווינקלען. שמריהו לעווין פון איין זייט און חיים זשיטלאָווסקי פון דער צווייטער — נעמענדיק זיי אַלס ביישפּילן. אויך אַ סך אַנ־

דערע האָבן זייער אָפּט מיר געהאָלפן קלאָרער ווערן אין פּראָבלעמען וואָס האָבן מיך באַשעפטיקט. אָבער אין דער עפּאָכע איז מיין גרעסטער מזל באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס איבער 16 יאָר נאָכאַנאַנד — פון 1908 ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אין 1924 — האָב איך זוכה געווען צו שטיין אין דער זייער נאָענטער מחיצה פון דעם, וואָס האָט אַמטיפסטן פון אַלע מיינע רביים מיך באַאיינפלוסט — נחמן סירקין. איך בין ניט זיכער, אַז איך וועל קענען אי־בערגעבן ווי געהעריק וואָס אָט דער רבי מיינער האָט פאַר מיר געמיינט. ניט דערפאַר ווייל איך האָב שטענדיק מסכים געווען מיט אים. זיין השפעה אויף מיר איז געווען מער אַ זעלישע ווי אַ געדאַנקלעכע. וואָס לענגער און וואָס נעענטער איך האָב אים דערקענט, אַלץ טיפער האָב איך דערשפּירט די פונ־קען פון אמת׳ן רוח הקודש וואָס האָבן אין אים געפינקלט. זיין אופן פון לעבן, זיין מאָס פון מאָראַלישער אחריות פאַר אַ גלויבן וואָס מען טראָגט אין האַרצן; דער נביא׳ישער צאָרן וואָס האָט פון אים אָפּט אַרויסגעפּלאַקערט און וואָס האָט אים אַליין פּשוט פאַרצערט ; די שטענדיקע התרוממות הנפש וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן ; די קינדישע ריינקייט פון זיין נשמה אין אַלע צייטן און ביי אַלע באַדינגונגען — דאָס אַלץ האָט אַזוי טיף זיך אַריינבאַקומען אין מיין געמיט, אַז זיין איינפלוס פיל איך נאָך עד היום הזה.

ווען איך טראַכט וועגן נחמן סירקין בלייבט מיר עד היום אומפאַר־שטענדלעך, ווי אַזוי דווקא ער האָט געקענט מיטמאַכן דעם היסטאָרישן טעות פון טעריטאָריאַליזם. ווען איך פּרוביר זיך אַליין דערקלערן ווי אַזוי איך האָב אָט דעם טעות מיטגעמאַכט, שרייב איך עס צו צו דעם, וואָס איך בין געווען יונג און מיין טעאָרעטישע באַגרינדונג פון פּועלי־ציוניזם האָט זיך דאַן ערשט געהאַלטן אין פאָרמירן. עס איז נאָך דאַן פאַר מיר ניט געווען קלאָר, וואָס עס איז מיר שפּעטער קלאָר געוואָרן, אַז געשיכטלעכע פּראָצעסן פון אַ פאָלק, בעיקר יענע פּראָצעסן וואָס רירן אָן די טיפסטע סטרונעס פון פאָלקס נשמה, קענען גאָר ניט געענדערט ווערן ; אַז טיפע פיזישע ליידן, גרויסע מאַ־טעריעלע נויטן זיינען אַמאָל אפשר בכח אינגאַנצן איבערצורייסן דעם היסטאָ־רישן פּראָצעס פון אַ פאָלק, אָבער דאַן ווערט דורכדעם שוין אינגאַנצן איבער־געריסן זיין סאַמע קיום. אָבער אַ לעבעדיק פאָלק ווערט געטריבן פון אינער־לעכע געשיכטלעך־דינאַמישע כוחות ; אַז אין דער אידישער געשיכטלעכער דינאַמיק איז ארץ־ישראל אַזוי טיף פאַרוואָרצלט, אַז קיין נויט און קיינע פי־זישע פּאָגראָמען אפילו קענען ניט אויסוואָרצלען. דאָס אַלץ האָב איך ערשט אין מיינע שפּעטערדיקע זוכונגען באַגריפן. אָבער סירקין, פאַר וועמען די פּראָצעסן פון דער אידישער געשיכטע זיינען געווען אַזוי קלאָר, ווי מען זעט עס פון זיינע שריפטן — ווי אַזוי האָט ער געקענט מיטמאַכן דעם היסטאָרישן טעות פון טעריטאָריאַליזם ? מיר שיינט, אַז דאָס קען דערקלערט ווערן בלויז

דורך דעם אומגעהויערן צויבער וואָס די דערשיינונג הערצל האָט אויף סיר־קינען אויסגעאיבט, און וועלכע האָט פאַר אַ קורצער צייט געקראָגן די אוי־בערהאַנט איבער זיין —סירקינס — אייגענער פאַרנונפט. אויב דאָס איז אמת, מעג איך מיר דערלויבן אַ שטיקל פּאַראַלעל: אינעם דאָזיקן היסטאָרישן טעות וואָס איך האָב מיטגעמאַכט, איז געווען די השפעה פון דעם צויבער וואָס ער — נחמן סירקין — האָט אויסגעאיבט איבער מיין געמיט. איך האָף אַז איך האָב דורכדעם ניט שווערער געמאַכט דעם טעות־לאַסט פון מיין רבין נחמן סירקין און ניט גרינגער געמאַכט מיין אייגענעם טעות־לאַסט. איך קען אָבער דערפאַר אָפן פעסטשטעלן, אַז אין מיין שנעלן באַפרייען זיך פון אָט דעם היסטאָרישן טעות, האָט די גרעסטע השפעה ווידער געהאַט — נחמן סירקין.

איך מיין, אַז איך דאַרף היינט ניט דערציילן וועגן דער ראָלע פון די פועלי־ציון אין אַמעריקע. איין זאַך האַלט איך פאַר נויטיק דאָ צו פאַרצייכע־נען: אויב אומפּאַרטייאישע פאָרשער וועלן אַמאָל געפינען פאַר נויטיק צו שענקען אויפמערקזאַמקייט אונזער ביישטייער צום אַמעריקאַנישן אידנטום, וועלן זיי קענען פעסטשטעלן אין שטריך אין די זיגזאַגן וואָס מיר האָבן דורכ־געמאַכט. אויב אין אונזער באַוועגונג האָט געגומען די אויבערהאַנט אָט די סירקינ׳יסטישע קדושה — האָט זי דאַן פאַרמאָגט כח אויסצואיבן אַ גרויסן איינפלוס אויפן געשיכטלעכן גאַנג פון אַמעריקאַנער אידנטום. אויב אָבער אָט די קדושה האָט פון אונז זיך אָפּגעטאָן אויף אַ צייט, האָט זיך אויך אָפּגעטאָן אונזער איינפלוס. די דאָזיקע לעקציע דאַרפן מיר אַליין זיין די ערשטע צו לערנען.

לאַנגע יאָרן האָט די פּראַקטישע אַרבעט פאַרן פועלי־ציוניזם, צוזאַמען מיטן ביסל טעאָרעטישן יסוד צו וועלכן איך האָב זיך, בעיקר מיט אייגענע כוחות דערשלאָגן, אויסגעפילט מיין געמיט און אָנגעפילט מיט אינהאַלט מיין לעבן. אָבער פאַרשיידענע טראַכטונגען וואָס זיינען ביז דאַן ניט אַריין אין דער ראַם פון מיין פועלי־ציוניזם, האָבן זיך זייערע נעסטן געמאַכט אין מיין מח און האָבן שטאַרק באַרירט מיין האַרץ. פון צייט צו צייט פלעגן זיי אויפטויכן און ניט לאָזן מיך רוען. ביי יעדער נייער מחשבה פלעג איך דאַרפן בודק זיין פון דאָס ניי מיין פועלי־ציוניזם, צי דער נייער געדאַנק שטימט מיט מיין פועלי־ציוניזם אָדער ניט. אין דער סאָציאַליסטישער זייט פון דער פועלי־ציון מטבע האָט גאָר אַ לאַנגע צייט מיך באַאומרואיקט דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק. אויף וויפיל איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אים האָט ער שטאַרק אַפּעלירט צו מיר; סיי מיט דער גרעסערער מאָס פון פרייהייט פאַרן מענטשלעכן געדאַנק וואָס ער פּרעדיקט, סיי מיט דעם וויכ־טיקן פּלאַץ וואָס דער יחיד פאַרנעמט אין זיין סאָציאַלער פילאָזאָפיע. איך

וואָלט אפשר פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג נאָך שטאַרקער פאַרכאַפּט געוואָרן, ווען אויפן פּנים פון דער דאַמאָלסטיקער אידישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע וואָלט ניט אויסגעוואַקסן אַ מיאוסע „בראָדעווקע״: איר זלזול פון אידישקייט וואָס איז געזונקען ביז צום תּהום פון די, פאַר מיין געמיט, עקלהאַפטע יום־כּיפּור בעלער. איך בין דעריבער פון דער אַנאַרכיס־טישער באַוועגונג אַנטלאָפן. אָבער וועגן דער פילאָזאָפיע פון אַנאַרכיזם האָב איך אַליין פאַר זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ טעאָריע:

די סאָציאַלע אַנטוויקלונג גייט אָן בהדרגה. יעדער סאָציאַלער געדאַנק וואָס טראָגט אין זיך מער צוזאָג פאַר אינדיווידועלער פרייהייט, וועט האָבן זיין צייט אין דער סאָציאַלער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער אַנאַרכיזם וועט אויך האָבן זיין צייט. אָבער עס דאַרף נאָך נעמען פיל דורות ביז די מענטשהייט וועט זיך צו דעם דערהויבן. ביי אָט דעם געדאַנק האַלט איך זיך נאָך אויך איצטער. טראָץ דער שרעקלעכער היטלער עפּאָכע — וואָס באַווייזט אַז די מענטשהייט קען אין איר געשיכטלעכן פּראָצעס אויך פאַלן צוריק צו די נידעריקסטע אָפּגרונטן — גלויב איך אַלץ אין דעם שטענדיקן ציען זיך פון דעם מין מענטש צו העכערע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן. קיין סאָציאַלע פאָרם קען דעריבער און דאַרף גאָר ניט זיין קיין אייביקע.

דער דאָזיקער געדאַנקענגאַנג — סיי פון אַנאַרכיזם, סיי פון בהדרגהדיק־סאָציאַלער אַנטוויקלונג — האָט אויף אַ האָר ניט אָנגערירט מיין ניט־מאַרק־סיסטישן פּועלי־ציוניזם. פיל טיפערע טראַכטענישן און פיל שווערערע צו־פאַסונגען צו מיין פּועלי־ציוניזם האָבן ביי מיר אַרויסגערופן מחשבות וועגן דעם פּראָבלעם „איד און אידישקייט״ — בעיקר: וואָס איז עס אַזוינס אידישע אייגנאַרט? וואָס פאַר אַ פּלאַץ פאַרנעמט אין דעם אמונה? וואָס טראָגט אין זיך דער געדאַנק פון אידישער אויסדערוויילטקייט? וואָס פאַר אַן אָרט פאַר־נעמט אין דעם דער משיחיות־דראַנג אין אונזער געשיכטע?

איך מוז איבערלאָזן פאַר אַ צווייטער געלעגנהייט טיפער אַריינצוגיין אין אָט די ענינים, וואָס האָבן, ווי מיר שיינט, מיין פּועלי־ציוניזם פולער און גאַנצער געמאַכט. פאַר דער פאַרענדיקונג פון דעם קאַפּיטל וועגן דער פאָרמירונג פון מיין פּועלי־ציוניזם אין אַמעריקע איז נאָך נויטיק צוצוגעבן דאָס ווייטערדיקע:

אין די ערשטע יאָרן פון מיין קומען קיין אַמעריקע, איז פאַר מיר אידישקייט געווען אוממיטלבאַר, האָט ניט געפאָדערט קיינע דערקלערונגען. אַזוי אוממיטלבאַר איז אויך געווען מיין רעאַגירן קעגן חילול אידישקייט. דאָ זיצן אין זאַל חברים און חברות וואָס זיינען שוין אויך בני חמשים. אין 1910 זיינען זיי נאָך געווען קינדער. איך בין פאַר זיי שוין געווען אַ דערוואַק־סענער מענטש. זיי זיינען געווען שילער פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדי־

קאַלער שול, וואָס חבר יואל ענטין האָט מיט אונזער הילף דאַן געגרינדעט.*) איך פלעג די דאָזיקע שילער אָפט נעמען אין אַ זונטיק אויף אַ מאָדנעם אַרויספאָר: אין אַן עלעוועיטאָר איבער ניו יאָרק. מיר פלעגן פאָרן פון איין עק שטאָט ביזן צווייטן און זינגען אידישע און העברעאישע לידער. דאָס איז געווען אונזער דעמאָנסטראַציע קעגן דעם זלזול צו אידישקייט, וואָס מיר האָבן דערפילט דאָ אין אַמעריקע. אויף אַזעלכע „אַרויספאָרן" פלעגן אַ סך מענטשן — אידן און ניט־אידן — קלייבן זיך אַרום אונז און באַטראַכטן מיט פאַרשיידענע בליקן: די מאָדנע ברואים, וואָס שלעפּן זיך פון איין עק ניו יאָרק ביזן צווייטן און זינגען אין אַ שפּראַך וואָס מען פאַרשטייט ניט — און מיט אַזאַ פייער, וואָס האָט איבערגעשטיגן דעם ברען מיט וועלכן די „סאַלוועשאַן אַרמעי" זינגער האָבן דאַן געזונגען זייערע לידער אין די ניו יאָרקער גאַסן. פון יענע קינדער זיינען ברוך השם אויסגעוואַקסן גוטע עסקנים אין דער אַל־געמיין־אידישער וועלט, אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, אין אונזער איי־גענער באַוועגונג. פאַראַן צווישן זיי שרייבער סיי אין אידיש, סיי אין ענגליש. אַזעלכע מעשים זיינען דאַן געטאָן געוואָרן אינסטינקטיוו, מיט גאָר ווייניק לאָגישער באַגרינדונג — ווייל אַזאַ באַגרינדונג איז פאַר אונז גאָר ניט נויטיק געווען.

פיל מער נויטיק איז פאַר אונז געווען צו געפינען אַ באַגרינדונג פאַר אַן אַנדער פונקט פון אונזער דאַמאָלסטיקן טראַכטן: ווי רעאַליזירט מען דעם ציוניזם? איבער אָט דעם פּראָבלעם האָבן מיר אַלע געבראָכן אונזערע קעפּ. ווען איך פיר דורך אין מיין זכרון די פאַרשיידענע טעאָרעטישע דערקלערונ־גען, וואָס זיינען דאַן וועגן דעם געגעבן געוואָרן פון פאַרשידענע חברים, וואַקסט מיין דרך ארץ פאַר די דעמאָלטדיקע טעאָרעטישע ראַנגלעניש. אָבער קיין גוואַלדיקע התפּעלות פאַר דער פּראַקטישקייט פון אונזערע דאַמאָלט־דיקע געדאַנקען וועגן רעאַליזירן דעם ציוניזם האָב איך ניט. אמת, דאָ און דאָרט האָט זיך דורכגעוואָרפן אַ געדאַנק וואָס האָט פאַרמאָגט אין זיך פּרוכט־באַרקייט; געווען אַפילו אַזעלכע געדאַנקען וואָס ערשט איצטער הויבן זיי אָן באַקומען רעאַלע ממשות. בכלל אָבער קען איך ניט זאָגן אַז מיר האָבן עפּעס וויכטיקס צוגעטראָגן צום געביט פון פּראַקטישן רעאַליזירן דעם ציוניזם. אונז אַליין איז אָבער דאַן געווען גוט, ווייל מיר האָבן אויף דעם שטח געהאַט

*) אגב, צום מזל פון רביים מעג איך אויך צורעכענען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט יואל ענטין, וואָס איך ווייס ניט אויב ער געדענקט זי, אָבער מיר איז זי געבליבן איינגעקריצט אין זכרון. דאָס איז געווען אין 1906. ער האָט דאַן געהאַלטן אַ רעפעראַט אין דער פילאַדעלפיער „היברו ליטעראַטור סאָסייעטי" וועגן אידישער ליטעראַטור און איך האָב אין אים דערשפּירט איינעם פון יענע, וואָס ווייטיקן טיף איבער דער שפּל'ער לאַגע פון דער אידישער קולטור אין אַמעריקע. פון דאַן אָן האָב איך זיך שטענדיק צוגעהערט צו וואָס ער האָט געזאָגט און געשריבן און פונקען פון זיין נשמה־פלאַם האָבן זייער אָפט געצונדן מיין האַרץ.

אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן, בעיקר אויף אונזערע חברים אין ארץ־ישראל. דאָרט האָט אָנגעהויבן ווירקן די גרופּע חברים פון דער צווייטער עליה. מיר האָבן, סיי מיט זייערע געדאַנקען, סיי מיט זייער פּראַקטישער אַרבעט, שוין דאַן געשפּייזט אי זיך אַליין, אי יענעם עולם, וואָס האָט ביי אונז געזוכט אַן ענטפער אויף דער פראַגע ווי רעאַליזירט מען דעם ציוניזם. אַביסל שפּעטער האָבן אָנגעהויבן צייטיק ווערן פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימערס פּלענער וועגן קאָאָפּעראַטיווע אַגראַר־קאָלאָניעס, וואָס האָט אונז געגעבן נאָך אַ פעסטערן אָנשפּאַר אין דער פראַגע וואָס האָט אונז געמאַטערט. מען קען אָבער ניט זאָגן, אַז מיר האָבן דאָ גאָר קיין פאַרזוכן ניט געמאַכט אויף דעם געביט.

נאָך איידער די גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן מיט נחמן סירקין בראש האָבן זיך אומגעקערט צום פּועלי־ציוניזם, האָט שוין חבר א. ש. וואַלדשטיין עליו השלום געגרינדעט די ערשטע — ווי ווייט מיר איז באַקאַנט — גרופּע אין מאָדערנעם ציוניזם וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „החלוץ“. דאָס איז געווען אין 1906. אייניקע פון זיי האָבן זיך טאַקע באַזעצט אין ארץ־ישראל. אַביסל שפּעטער איז אונטערן נאָמען „האיכר הצעיר“ אויפגעשטעלט געוואָרן אין קאַליפאָרניע די ערשטע — ווי ווייט איך ווייס — הכשרה־פערמע אין פאַרבינדונג מיט דער מאָדערנער ציוניסטישער רעאַליזירונג. דער גרינדער פון „האיכר הצעיר“ און זיין גייסטיקער לייטער איז געווען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער גרינדער פון נהלל, אליעזר יפה. אין אָט דעם שווערן פּראָבלעם פון רעאַליזירן דעם ציוניזם, וואָס דאָס איז געווען אַ טייל פון אונזער פּאַרטיי־פּראָגראַם, האָבן מיר, גוט אָדער שלעכט, רעאַגירט ווי אַ ציבור. אָבער די מחשבות וועגן מהות פון אידישקייט האָט יעדער איינער געמוזט דורכווייטיקן ביחידות. ווי איינער פון די וואָס האָבן געטראַכט די דאָזיקע מחשבות קען איך עדות זאָגן, אַז דאָס האָט מיך געקאָסט שווערע גייסטיקע אָנשטרענגונגען, קודם־כל אַליין זיך צו עפּעס דערטראַכטן און דאַן פּרובירן עס באַטראַכטן דורך דער פּריזמע פון מיין פּועלי־ציוניזם.

כ'בין מודה, אַז איך האָב כמעט יעדן פאַר מיר נייעם געדאַנק צו וועלכן איך האָב זיך דערטראַכט, אָדער דערפאַרשט, אויסגעפּרובירט אויף אייגענע חברים, כדי זיך איבערצוצייגן אַז איך נויג ניט צו ווייט אַוועק פון פּועלי־ציוניזם. צו מיין העכסטער צופרידנקייט מעג איך דאָ באַשטעטיקן, אַז איך האָב שטענדיק געפונען מיטגייער און מיט־טראַכטער, כאָטש איך האָב זיך אָפט אויך אָנגעשטויסן אויף פאַרוואונדערטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט: אָ, ווי ווייט ער פאַרקריכט! איך געדענק אַזאַ פאַרוואונדערונג אין די אויגן פון אייניקע חברים אין באָסטאָן, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געפּרובירט אַנטוויקלען מיינע מחשבות וועגן אידישער אויסדערוויילטקייט —אתה בחרתנו — צו וועלכע איך האָב זיך דערטראַכט. בסך־הכל וויל איך אָבער מיט

טיפער פרייד פעסטשטעלן אַז די מערסטע דענקענדיקע חברים (און אין דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי, צוליב דעם וואָס אַמעריקע האָט געדינט ווי אַ זיפּ פאַר חברים וואָס זיינען געקומען פאַרטיקע פועלי־ציון פון אייראָפּע, זיינען געבליבן אין דער פּאַרטיי טאַקע אַ קליינע צאָל, אָבער דענקענדיקע חברים) האָבן זיך פאַר אַזעלכע מחשבות גאָר ניט דערשראָקן. איך בין גאָר ניט זיכער אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט ביי זיי אַזעלכע טראַכטונגען אַרויסגערופן. דער פועלי־ציוניזם איז, ווי עס שיינט, ניט בלויז פאַר מיר געווען די ברייטסטע ראָם וואָס דאַרף איינשליסן אַלע שעפערישקייטן פון אידישן גייסט. דאָס האָט אין מיר נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם נוסח פון פועלי־ציוניזם, וואָס איך האָב פאַר זיך אָנגעצייכנט און האָב אָט דעם נוסח געטראָגן אומעטום וואו חברים זיינען געווען גרייט מיך צו הערן.

איך ווייס, אַז אין די דאָזיקע מחשבות האָב איך גאָר ניט מחדש געווען. כמעט אַלע פון זיי האָב איך געפונען פאַרטיקע אין אַלטע און אויך אין מאָדערנע ספרים. דאָס נייע אפשר איז, אַז זיי האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין מיין פועלי־ציוניזם. אָבער ווען איך קער זיך מיט דער מחשבה צוריק צו מיין פועלי־ציוניסטישן אָנהויב, איז אויך אין דעם ניטאָ קיין נייס. איך מיין, אַז מיינע ישיבה־בחור׳שע יאָרן האָבן מיר דערמעגלעכט, אַז איך זאָל קענען אין שפּעטערדיקע יאָרן זוכן און פאָרשן אין די אַלטע ספרים. איך מיין, אַז די ליבלינג־מגידים, וועלכע איך האָב געהערט, האָבן אין מיר אויפגעוועקט די תשוקה צו זוכן אַן ענטפער צו די פּראָבלעמען בין אדם למקום. איך מיין נאָר — און דאָס מעג איך, דאַכט זיך מיר, זאָגן וועגן זיך אַליין — אַז מיין ניט־דאָגמאַטישע, צום גרעסטן מאָס זעלבסטשטענדיקע אויפפאַסונג פון פועלי־ציוניזם האָט ניט דערלאָזט, אַז אַ דאַמבע זאָל אויפגעשטעלט ווערן צווישן מיין פאַרטייאישן שולחן ערוך און די געדאַנקען וועגן אמונה, אידישע אויס־דערוויילטקייט, אידישע אייגנאַרט און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע

די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אָן ספק די פאַרבנרייכסטע פון אַלע אַרבעטער־באַוועגונגען ביי אַלע פעלקער. אַלע פרינציפּיעלע און טאַקטישע חלוקי־דעות, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע שאַטירונגען אין דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זייערע ווירקונגען אויך אויס־געאיבט אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דערצו זיינען נאָך צוגע־קומען ספּעציעלע חלוקי־דעות, אַרויסגעוואָקסן דורך די ספּעציעלע באַדינ־גונגען פון דעם אידישן גלות־לעבן. זיי האָבן צוגעגעבן נייע קאָלירן צום פאַרביקן רעגן־בויגן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט. פאַרשיידענע אַר־בעטער־פּאַרטייען זיינען ביי אידן געבאָרן געוואָרן, וועלכע האָבן ביי נאַר־מאַלע פעלקער גאָר ניט געקענט אַנטשטיין. צווישן די דאָזיקע פּאַרטייען פאַרנעמען אַ באַדייטנדיק אָרט די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען. אין אַ זאַמל־בוך, וואָס איז געווידמעט דער 50־יעריקער געשיכטע פון דער אידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, דאַרף זיכער דער דאָזיקער קאָליר־פולער פליגל אירער געפינען זיין אָפּשאַצונג. דאָס איז דער צוועק פון די וויטערדיקע קאַפּיטלעך.

דערביי מוז גלייך באַצייכנט ווערן, אַז דער מחבר פּרעטענדירט ניט אויף געשיכטלעכער אויסשעפּנדיקייט. אַלץ, וואָס דער מחבר האָט געהאַט בדעה, איז צו געבן, אין אַלגעמיינע שטריכן, אַ צייכענונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער באַוועגונג, אויף אַ קאַנווע געוועבט פון פעדים, וועלכע זיינען געצויגן געוואָרן פון צוויי לעבעדיקע אָרגאַניזמען: דאָס אידישע פאָלק און די אַלוועלטלעכע אַרבעטער־באַוועגונג.

א. דער אָנהויב

באַטראַכט מען דעם אָנהויב פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, באַמערקט מען אין אים פאָלגנדיקע דערשיינונג: אין זיין גאָר פּרימיטיווער פאָרם איז ער געטראָגן געוואָרן פון דעם, וואָס מען רופט איצטער אָן: עקאָנאָמישע קלאַסן־מאָמענטן. ווען אָבער ער הויבט־אָן איבערצוגיין צו אַ מער באַוואוסטזיניקער פאָרם, מישן זיך אַריין אַנדערע, ניט בלויז עקאָנאָ־מישע מאָמענטן. ווי אַ פּרימיטיווע פאָרם פון אָנהויב פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג דאַרפן באַטראַכט ווערן די צאָלרייכע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך פאָרמירט אין אָדער אַרום די שולן און בתי־

מדרשים. דער גייסטיקער אינהאַלט פון יענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס איז געווען דערזעלביקער, וואָס ביי אַלע אַנדערע גרופּירונגען אין אידישן לעבן — אַן עכטער, אידיש־רעליגיעזער. אויסגעטיילט האָט זיי פון אַנדערע אידן בלויז זייער אַרבעטערישקייט. אויסגעלעבט האָבן זיי זייערע אַרבעטערישע אייגנאַרטיקייטן אין פּראָטעסט קעגן דעם אופן ווי מען האָט זיי באַהאַנדלט דוקא אין די שולן און בתי־מדרשים; אין אויסריידן דאָס האַרץ אויף די גבירים פון שטאָט און שטעטל. זייערע אַרבעטערישע אייגנאַרטיקייט איז געלעגן ניט אין אַ באַזונדערער סאָציאַלער פילאָזאָפיע, אין אַ באַזונדערן קוק אויפן מענטשלעכן און אידישן לעבן. בלויז דער פאַקט פון זייער עקאָנאָמישער אַנדערשקייט, פון זייער מאַטעריעלער ערגערקייט לגבי די אַנדערע אידן האָט זיי געבראַכט צום געדאַנק פון באַזונדערער אָרגאַניזירונג.

ערשט מיטן אַנטשטיין פון די ערשטע גרופּן פון באַוואוסטזיניקע אידישע סאָציאַליסטן (גאָר אין אָנהויב איז דער פּערזאָן פון משה העס, שפּעטער און הויפּטזעכלעך, די גרופּע, וואָס איז געפירט געוואָרן פון די באַקאַנטע אידישע סאָציאַליסטן ליבערמאַן און זונדעלעוויטש) הויבט די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג אָן צו זוכן און ביסלעכוויז צו באַקומען איר אייגענע נשמה. זי זוכט פאַר זיך אַ באַזונדערע פילאָזאָפיע, אַ באַזונדערן קוק אויפן לעבן. און דאָס מערקווירדיקסטע איז, אַז בעת די רייפערע אַרבעטער־באַוועגונגען ביי אַנדערע פעלקער האָבן געפונען די באַזע פאַר זייער באַזונדערן לעבנס־קוק אין קלאַסן־קאַמף, אין דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג, האָט אין אָנהויב פון דער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פּאַסירט כמעט דער היפּוך.

סיי משה העס און אפילו די ליבערמאַן־זונדעלעוויטש־גרופּע זוכן זייערע סאָציאַליסטישע באַגרינדונגען מער אין דער ספערע פון העכערן גייסט, ווי אין דער ספערע פון מאַטעריעלע לעבנס־אינטערעסן.

אַוודאי דינט פאַר זיי אַלעמען דער אָרעמקייט־מאָטיוו, דער פאַקט פון עקאָנאָמישער אומגלייכקייט, ווי אַן אָנשפּאַר פאַר זייער אַגיטאַציע. אָבער די נשמה פון זייער גאַנצער פורכטבאַרער טעטיקייט ליגט אויף אַן אַנדער געביט.

דאָס קען דערקלערט ווערן מיט דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און גייסטיקע זוכענישן פון יענעם אידישן דור, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט און געווירקט.

די השכלה־באַוועגונג האָט שוין געהאַלטן אין גיין באַרג־אַרונטער. די האָפענונג, אַז דורך השכלה וועט קענען געלייזט ווערן דאָס פּראָבלעם „ישראל בעמים", פון אידישן קיום צווישן די פעלקער, האָט זיך גענומען אויסלעשן. גלייכצייטיק האָבן אָבער די רעליגיע־יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך דורות־לאַנג געהאַלטן דער אידישער קיום, אויך אָנגעהויבן באַווייזן

סימנים פון אָפּשוואַכונג. דער טיפערער טראַכטער וועגן צוקונפט פון אידישן פאָלק האָט געמוזט זוכן אַ נייעם יסוד, וואָס זאָל פאַרבייטן סיי רעליגיע, סיי השכלה. אָט־די געשיכטלעכע נויט האָט אַרויסגערופן אַלע מאָדערנסטע באַוועגונגען צווישן אידן, אַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, אַלע ציוניסטי־שע באַוועגונגען, אַלע קולטור־באַוועגונגען און אַלע אפילו אַסימילאַטאָרישע באַוועגונגען זיינען געבאָרן געוואָרן אין דעם פאַרזוך צו געבן אַן ענטפער אויף איין און דערזעלביקער פראַגע: דער זין פון אידישן קיום. פאַר די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען איז דער עיקר געווען: די פאַרזיכערונג פון דאָזיקן קיום פאַר דער צוקונפט.

ווען די פאַרשיידענע באַזונדערע שטראָמען האָבן זיך גענומען דער־ווייטערן איינער פון די אַנדערע, איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע גייסטיקע מלחמה צווישן זיי. יעדער איינער האָט אין זיך געזען דעם איינציקן אמתן ענטפער אויף דער פראַגע. און מיט כאַראַקטעריסטיש־אידישן מאָנאָטע־איזם פון „לא יהיה לך אלהים אחרים על פני", האָט איינער אין דעם צווייטן געזען ממש געצנדינסט. אַסימילאַציע (וואָס איז זעלבסטפאַרניינונג, וועמעס ענטפער אויף דער אידן־פראַגע האָט געקענט אויסגעדריקט ווערן אין דער פאָרמולע: ווען איינער איז קראַנק, איז דער בעסטער אויסוועג פאַר אים דער טויט) האָט אָנגערירט בלויז די הויכע שפּיצן פון אידישע פינאַנסירן און אינטעליגענטן. אָבער אין פאָלק האָט עס קיין ווירקונג ניט איבערגע־לאָזט. דאַקעגן ציוניזם פון איין זייט און סאָציאַליזם פון דער צווייטער זייט האָבן גענומען אַריינדרינגען טיף אין אידישע מאַסן. דער קאַמף האָט זיך, בכן, צעברענט צווישן די צוויי קאָנקורירנדיקע באַוועגונגען אין אידישן לעבן — און צווישן די סאָציאַליסטן אַן ציוניזם און ציוניסטן אַן סאָציאַליזם גייט נאָך אַן דער דאָזיקער קאַמף עד היום הזה.

אָבער כמעט אין איין צייט מיטן אָרגאַניזירטן סתם־סאָציאַליזם און אָרגאַניזירטן סתם־ציוניזם הויבט זיך אָן ציען אַ זייער באַשיידענער שטראָם, וואָס פאַראייניקט אין זיך ביידע אידייען, וואָס זעט ניט קיין שום ווידער־שפּרוך צווישן זיי. פאַרקערט, ער זעט אין יעדער איינער פון זיי אַ דער־גענצונג צו דער צווייטער. ער זעט, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג קען ניט קלייבן: אָדער סאָציאַליזם, אָדער ציוניזם. זי מוז אָננעמען ביידע: סאָציאַליזם און ציוניזם!

דאָס איז געווען ניט בלויז אַ קאָמפּראָמיס פון צוויי גוטע געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך על־פי־טעות איינע די אַנדערע באַקעמפט. דאָס איז גע־ווען דער אָנהויב פון אַ געדאַנקענגאַנג, אַז די אידישע אַרבעטערשאַפט — ווי אַ ספּעציעלער מענטשן־שיכט — האָט אין דער אידישער וועלט די אויפגאַבע דורכצופירן אַ גרויסע רעוואָלוציע. זי דאַרף דערפירן דאָס

אידישע פאָלק צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און מיטהעלפן דעם אַר־בעטער־קלאַס פון גאַר דער וועלט צו ברענגען צו יענער ענדערונג אין דער מענטשלעכער ווירטשאַפט־סיסטעם, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען סאָציאַליזם. דער פאַקטאָר וואָס פאַראייניקט איז געווען זיין סאַמע טרעגער — די אידישע אַרבעטערשאַפט. ניט זי האָט געוואָלט און נאָך ווייניקער האָט זי געקענט זיך אַרויסנעמען פון אידישן פאָלק, (בלויז יחידים צווישן סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן האָבן עס געקאָנט דערלויבן, די מאַסן קיינ־מאָל ניט!) און ניט זי האָט געוואָלט און געקענט זיך אָפּזאָגן פון די אויפ־גאַבן וואָס דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט שטעלט זיך.

דער אונטערשייד פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט און די אַרבעטער־באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס די מערסטע פעלקער האָבן פאַרמאָגט זייער נאַציאָנאַלע פרייהייט. זיי האָבן דעריבער זיך ניט געניויטיקט אין ספּעציעלע באַוועגונגען צוליב נאַציאָנאַלע צילן. צווישן די פעלקער וועלכע זיינען ניט געווען פריי, האָבן טאַקע זייערע אַרבעטער־באַוועגונגען גענומען אויף זיך צילן פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. דער בעסטער ביישפּיל איז געווען די פּוילישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג. די אַרבעטער־באַוועגונג אין עסטרייך האָט זיך צוגעפּאַסט צו די פּאָליטישע באַדינגונגען פון דער דאַמאָלדיקער עסטרייכישער אימפּעריע, אויפגענומען דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און געזוכט צו לייזן דורכן געבן טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע צו אַלע פעלקער, וועלכע זיינען דאַן געווען איינגעשלאָסן אין דער עסטרייכישער מדינה. די ספּעציעלע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויך טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע האָט פאַר זיי ניט געקענט זיין קיין לייזונג, ווייל זיי זיינען אין ערגעץ ניט געווען קיין מאַיאָריטעט. זיי האָבן ערשט די טעריטאָריע געדאַרפט געפינען. און האָבן זיי זי געפונען — די וואָס האָבן אָנגענומען ארץ־ישראל אַלס די אידישע טעריטאָריע! — האָבן זיי זי געדאַרפט ערשט אָנהויבן בויען. דעריבער איז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער נאַציאָ־נאַלער באַפרייאונגס־אויפגאַבע, געווען אין אַ פיל שווערערער לאַגע, ווי די אַרבעטער פון יענע אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף זייערע טעריטאָריעס, נאָר אונטער אַ פרעמדן, פּאָליטישן יאָך.

אָבער די איבערצייגונג, אַז די אַרבעטערשאַפט פון אַ פאָלק איז מחויב צו זאָרגן אויך פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון איר פאָלק, אויב דאָס פאָלק איז אונטערדריקט, — די דאָזיקע איבערצייגונג האָט שוין דאַן אַרייג־געדרונגען אין דער אַלוועלטלעך־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס האָבן זיך גענומען אויפקלערן די אונטערשיידן פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַ־ציאָנאַליזם. דאָס ערשטע קומט אַרויס פון דעם געדאַנק אַז פעלקער מוזן,

אָבער זיכער מעגן זיי, אויפגעלייזט ווערן אין דער אַלגעמיינער מענטשהייט. כאָטש קיינער האָט ניט געקענט אָנווייזן וויאַזוי דאָס קען געשען. אינטער־נאַציאָנאַליזם — דער געדאַנק, אַז פעלקער דאַרפן צווישן זיך זיין פאַרבונדן אין ברידערלעכקייט און אינטערעסן־געמיינשאַפטלעכקייט, וואָס דאָס קען געשען נאָר דאַן ווען פעלקער עקזיסטירן און לעבן, — דער דאָזיקער גע־דאַנק האָט גענומען באַהערשן די סאָציאַליסטישע וועלט.

די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע האָט אָנגענומען דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט זיך דאַן צעטיילט אויף צוויי שטראָמען: אַ „בונדישער" שטראָם, וועלכער האָט זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט, אַז דאָס אידישע פאָלק קען זיין נאַציאָנאַלע באַפרייאונג זיך אויסקעמפן דורך סאָציאַליזם, בלייבנדיק אין גלות; און דער אַרבעטער־ציוניזם אין אַלע זיי־נע געשטאַלטונגען, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז פאַר זיין פול־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג מוז דער אידישער אַרבעטער, ווי אַ טייל פון אידישן פאָלק, קעמפן פאַר אַן אייגענער אידישער טעריטאָריע.

פאַר דעם גרעסטן טייל פון אָט דער באַוועגונג איז די טעריטאָריע ניט געווען סתם אַן אַבסטראַקט לאַנד, וועלכע מען דאַרף ערשט געפינען, נאָר דאָס באַשטימטע לאַנד — ארץ־ישראל.

אַז אָט דער געדאַנקען־גאַנג איז ניט געווען דער איינפאַל פון אַ יחיד קען באַוויזן ווערן דורך דעם פאַקט, וואָס גלייכצייטיק זיינען אַנטשטאַנען פועלי־ציוניסטישע גרופּירונגען אין פאַרשיידענע ווינקלען פון דער דאַמאָל־דיקער רוסלאַנד. יעדע אַנטשטאַנענע גרופּע האָט געהאַט איר אייגענע פּראָ־גראַם, וואָס איז אין געוויסע גאַנץ באַדייטנדע פרטים געווען אַנדערש ווי דאָס פּראָגראַם פון די איבעריקע גרופּירונגען. עס איז געווען אַ באַזונדערער מינסקער פועלי־ציון נוסח און אַ באַזונדערער וויטעבסקער נוסח, אַ באַזונ־דערער פּאָלטאַווער נוסח און גאָר אַ באַזונדערער פּוילישער נוסח. גלייכ־צייטיק איז אַנטשטאַנען אַ פועלי־ציון־באַוועגונג אין דאַמאָלדיקן עסטרייך מיט איר אייגענעם נוסח. אויך די נעמען זיינען געווען פאַרשידענע אין אָנהויב פון זייער אַנטשטיין. פאַראייניקט האָט אָבער זיי אַלע איין צענטראַ־לער געדאַנק און איין צענטראַלער ציל: די אידישע אַרבעטערשאַפט דאַרף אויף זיך נעמען די גרויסע היסטאָרישע ראָלע פון בויען ארץ־ישראל פאַרן אידישן פאָלק און, צוזאַמען מיטן וועלט־פּראָלעטאַריאַט, בויען די צוקונפ־טיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט בכן געצויגן יניקה פוןביידע קוואַלן, פון ציוניסטישן און סאָציאַליסטישן. אַלע מעלות און חסרונות פון ביידע באַוועגונגען האָבן איבערגעלאָזן אַ רושם אויף איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. חיבת ציון, „בילו", הערצלס פּאָליטישער ציוניזם, די אויפ־

שטעלונג פון ציוניסטישן קאָנגרעס, ווייצמאַנס און מאָצקינס דעמאָקראַטישע פּראַקציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַלע די דאָזיקע עטאַפּן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג האָבן אַריינגעזייט זייערע קערנער אין דער יונגער פּועלי־ציון־באַוועגונג. גלייכצייטיק האָט זי אַריינגענומען אין זיך קערנער פון די פאַרשידענע עטאַפּן וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט, הויפּטזעכלעך אין רוסלאַנד און עסטרייך. מאַרקסיזם, בערנשטיינס רעוויזיאָניזם, עכט־רוסישער פאָלקס־סאָציאַליזם פון דער „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ", שטרענג־וויסנשאַפטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם פון פּלעכאַנאָוו מיט זיינע חברים, די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי מיט איר העראָאיזם און אירע קאַמפס־מיטלען, — זיי אַלע האָבן זי באַ־איינפלוסט. פון אַזאַ רייכן אידייאישן אוצר האָט די דאָזיקע באַוועגונג גע־צויגן איר גייסטיקע חיונה.

ב. אין אייראָפּע

ווי אויבן באַצייכנט האָט די באַוועגונג אַרויסגעשפּראָצט פון די סאַמע טיפענישן פון אידישן לעבן אין פאַרשיידענע ווינקעלעך פון רוסלאַנד און עסטרייך. אָבער יחידים האָבן זיך דערביי אַרויסגעהויבן איבער די דאָזיקע טיפענישן און, ווי אין יעדער באַוועגונג, אַוועקגעלייגט זייער שטעמפּל אויף דער באַוועגונג און איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

דער ערשטער וואָס האָט נאָך משה העס אויפגעהויבן אַ זייער ענער־גישע שטימע פאַרן סאָציאַליסטישן סאָציאַליזם איז געווען דר. נחמן סירקין. אים איז אָבער באַשערט געווען אַ בעסערער באַוועגונגס־גורל פון משה העס. העס האָט טאַקע אין דר. נחמן סירקין געפונען דעם יורש פון זיינע געדאַנקען. פון העסן ביז סירקינס אויפטריט זיינען פאַרביי 35 יאָר. דער ציוניזם פון משה העס האָט ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג ביי זיינע צייט־גענאָסן. די עטיש־גייסטיקע מדרגה פון העסעס ציוניזם איז געווען פון אַזאַ גוואַלדיקער הויך, אַז זיינע צייט־גענאָסן האָבן עס פּשוט ניט משיג געווען. אפילו אין אונזערע טעג, מיט אַלע אויפטואונגען פון דער ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין גלות און הויפּטזעכלעך אין ארץ־ישראל, האָבן בלויז יחידים זיך דערהויבן צו דער מדרגה צו דערקענען יענע הויך־עטישע צילן, וועלכע העס האָט געזען אינם אומקער פון אידישן פאָלק צוריק קיין ארץ־ישראל. די באַוועגונג אַלס גאַנצע שעפּט נאָך גאָר ווייניק פון יענעם קוואַל. סירקין האָט געהאַט אַ בעסערן מזל. ער אַליין האָט זייער פיל שפּייז פונם העס־קוואַל אין זיך אַריינגעצויגן. אין דער־הויבנדיקע מאָמענטן האָט ער געזוכט אַריינצושפּריצן די העסישע גייסט־

נאַרונג אין דער גאַנצער באַוועגונג. ער, סירקין, איז אָבער אויפגעשטאַנען ערב אַ גרויסער רעוואָלוציע ניט נאָר אין גייסט, נאָר אינם ערדישן לעבן. פאַר אים איז שוין אַ טייל פון דעם דור יאָ געווען מסוגל אויפצונעמען זיינע געדאַנקען. און ווען ער האָט מיט 40 יאָר צוריק, אין 1898, אָפּגעדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים בן־אליעזר זיין ערשטע בראָשור — אין דייטש — „די אידן־פראַגע און דער סאָציאַליסטישער אידן־שטאַט“, האָט ער אַרויס־גערופן באַדייטנדיקן אויפזען. אין ווינער זשורנאַל „דייטשע וואָרטע“, אַרויס־געגעבן פון דעם באַקאַנטן סאָציאַליסט ע. פּערנעסטאָפער, ווערט איבער־געגעבן אַ וויכטיקער אויסצוג פון אָט דער בראָשור. אין ציוניסטישע קרייזן האָט מען דערשפּירט, אַז עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ נייער טאָן, וואָס קען האָבן ערנסטע פאָלגן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די מערסטע דאַמאָלדיקע ציוניסטישע פירער האָבן עס ניט אויפגענומען בסבר פנים יפות. דאָסזעלביקע האָט אויך פּאַסירט אין די דאָן שוין עקזיסטירנדיקע אידיש־סאָציאַליסטישע גרופּן, הויפּט־זעכלעך אין דער שווייץ, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די אידישע שטו־דירנדיקע יוגנט און דאָרטן זיינען געוועבט געוואָרן די פעדים פון אַלע באַוועגונגען ביי אידן. הויפּטזעכלעך האָבן זיך דאָרטן קאָנצענטרירט די אָנפירער פון די סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע באַוועגונגען אין רוסלאַנד.

אין יאָר 1900 פאַרעפנטלעכט דר. סירקין אַ צווייטע בראָשור: „אַן אויפרוף פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן צו דער אידישער יוגנט“. אין 1902 גרינ־דעט ער דעם ערשטן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן פאַראיין אין לאָנדאָן אונטערן נאָמען „פאָרווערטס“. אין 1903 גרינדעט ער די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע „חרות“ און גיט אַרויס אין בערלין אַ זשורנאַל „דער המון“, אין אידיש, און אַ זשורנאַל „השחר“, אין העברעאיש, וואו ער פּריידיקט דעם ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק.

אין דערזעלביקער צייט הויבט־אָן אויפגיין דער שטערן פון אַ יונגנמאַן אין רוסלאַנד — בער באָראָכאָוו. אין 1900 געהערט ער צו דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון יעקאַטערינאָסלאַוו. פון דער גרופּע ווערט ער אויסגעשלאָסן צוליב זיין „שעדלעכן איינפלוס אויף די אַרבעטער“ — ווייל ער האָט אָנגעהויבן נוטה צו זיין צום ציוניסטישן געדאַנק. אין דעמזעלביקן יאָר גרינדעט ער, טאַקע אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַראיין. דער דאָזיקער פאַראיין האָט זיך אויסגעצייכנט מיט צוויי דערשיינונגען אין דעם ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ: ער האָט אָרגאַ־ניזירט פּסח־צייט דעם ערשטן זעלבסטשוץ אין צייט פון אַ פּאָגראָם אין שטאָט. סוכות־צייט האָט ער דורכגעפירט דעם ערשטן סטרייק אין יעקאַ־טערינאָסלאַוו.

נאָך אָט דעם באַשיידענעם אָנהויב נעמט באָראָכאָוו — וואָס ווייטער אַלץ מער — זיך פאַרטיפן אין דעם וועזן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט. דער אַלגעמיינער געדאַנקען־גאַנג אין סאָציאַליזם פון יענער צייט איז געווען דער מאַרקסיסטישער. באָראָכאָוו, לויט זיין באַגאַבונג אַ טיפער אַנאַליטיקער, הויבט־אָן צו פאָרשן דאָס אידישע לעבן פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט. ער שרייבט־אָן באַדייטנדיקע אַרבעטן. שפּעטער ווערן זיי באַאַרבעט אין די פּראָגראַמאַטישע יסודות פון פּועלי־ציוניזם.

סירקין און באָראָכאָוו זיינען געוואָרן די אָנערקענטע אָנהויבער און פּי־רער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דערביי זיינען זייערע ווירקונגען געווען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. סירקין איז געווען פאַר דער באַוועגונג דער המשך פון משה העס, וואָס איז געשפּייזט געוואָרן פון היוכן פּאַטאָס, פון נביאישער זעאונג — אַ ניצוץ פון אָט דער נביאישקייט האָט סירקין אַליין אויך פאַרמאָגט. ער האָט באַטראַכט די ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג ווי די נאַטירלעכע פאָרזעצונג פון דעם משיח־גע־דאַנק אין דער אידישער געשיכטע. דער סאָציאַליזם פון דער דאָזיקער באַ־וועגונג איז פאַר אים געווען דאָס זעלביקע וואָס דער אוניווערסאַליזם, מיט וועלכן יעדע משיח־עפּאָכע ביי אידן איז געווען אָנגעפּילט. ער, סירקין, האָט מיט זיך אַליין געבילדעט דעם קאַנאַל, דורך וועלכן עס האָט כסדר אַריינגעשטראָמט אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג דאָס שעפערישע אידיש־קייט פון אַלע דורות און פון אַלע עפּאָכן. ער איז געווען דאָס האַרץ, די נשמה פון דער באַוועגונג.

באָראָכאָוו איז געווען דער מאָרך פון דער באַוועגונג. ער איז געווען דער, וואָס האָט איר צוגעשטעלט יענע סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, מיט וועלכע זי האָט געקענט דערפאָלגרייך באַקעמפן אירע צאָלרייכע קעג־נער פון רעכטס און לינקס אויף דער דאַמאָליקער אידישער גאַס. אין רוס־לאַנד האָט דער באָראָכאָוויזם געהאַט די אויבערהאַנט. אין עסטרייך און אַמעריקע איז די נייגונג געווען מער אַ סירקיניסטישע. צוזאַמען האָבן ביי־דע מיט זיך פאָרגעשטעלט די באַגרינדער סיי פון דער טעאָריע, סיי פון דער פּראַקטיק פון דער באַוועגונג. דעם פולן צוזאַמענגוס פוןביידע גע־דאַנקען־ריכטונגען איז ערשט אין ארץ־ישראל געקומען צום פולשטענדיקן אויסדרוק.

ביני לביני האָט די באַוועגונג פאַראינטערעסירט באַדייטנדיקע דענקער אין אַנדערע לענדער, אויסער רוסלאַנד. אין עסטרייך איז אין 1898 דער־שינען אַ חודש־בלאַט אין דער דייטשער שפּראַך אונטערן נאָמען „דער אידי־שער אַרבעטער", אַרויסגעגעבן פון דר. ש. ר. לאַנדוי. שפּעטער האָט זיך דאָרט באַזעצט איינער פון די קלאָרסטע קעפּ, וואָס די פּועלי־ציון האָט פון

זיך אַרויסגעגעבן — שלמה קאַפּלאַנסקי. אין פּאַריז הויבט־אָן אין 1899 דערשיינען אין פראַנצויזיש אַ חודש־זשורנאַל „דער פּאַקל", געווידמעט דעם „ציוניסטישן און סאָציאַלן אידנטום", רעדאַקטירט פון זשאַק באהאר. אין יענעם זשורנאַל האָט דער דאַן באַקאַנטער אַנאַרכיסטישער דענקער בערנאַרד לאַזאַר געגומען אַ וואָרט אין דער אידן־פראַגע, מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צום ציוניזם. אין ברין (איצטער טשעכאָסלאָוואַקיע) נעמט דערשיינען אין דייטש אַן אָרגאַן „די אידישע פאָלקס־שטימע", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ צענטראַל־פאַרבאַנד פון אידישע האַנדלס־אַנגעשטעלטע, וועלכע זיינען געווען ציוניסטיש. זומער 1902 ווערן געגרינדעט פאַראיינען „מערבי" אין לאָנדאָן און „חלוצי־ציון" אין לידז, וועלכע זיינען ציוניסטן מיט אַ סאָציאַ־ ליסטישער באַפאַרבונג. דאָס זיינען געווען צוגאָבן צום אויבנדערמאָנטן פאַראיין „פאָרווערטס", וואָס סירקין האָט געגרינדעט און איז געווען פול־ שטענדיק ציוניסטיש־סאָציאַליסטיש.

אין 1903 ווערט אין ניו־יאָרק געגרינדעט דער ערשטער פּועלי־ציון־ פאַראיין.

אין רוסלאַנד צעוואַקסט זיך די באַוועגונג אין דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער גרויסער מדינה. אָבער זי שטויסט זיך אָן אויף אַ זייער שווערער פּראָבלעם, וואָס האָט איר פאַרשאַפט גאָר טיפע זאָרג און האָט גע־ פירט צו אינערלעכע שפּאַלטונגען: צי זאָל זיך די באַוועגונג אויך אָפּגעבן מיט דעם פּאָליטישן קאַמף קעגן צאַריזם אָדער ניט? דאָס איז געווען אויף דער אידישער גאַס אַ פאַרשפּעטיקטער וויכוח, וואָס האָט אין אָנהויב פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צעטיילט זייערע מיינונגען. אַזעל־ כע מענטשן ווי פּלעכאַנאָוו און ווערא זאַסוליטש האָבן אין זייערע ערשטע יאָרן פון טעטיקייט געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך אָפּגעבן מער מיט אויפ־ קלערונג פון פאָלק, מיט עקאָנאָמישער טעטיקייט, אָבער ניט מיטן פּאָלי־ טישן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג. עס האָט גענומען יאָרן ביז זיי האָבן אָנערקענט די באַדייטונג פון פּאָליטישן קאַמף. אויף דער אידישער גאַס האָט די דיסקוסיע פאַרשפּעטיקט מיט אַ 20 יאָר. אויסער דעם איז נאָך צוגעקומען די ספּעציעלע פּראָבלעם פון פּאָגראָמען, וואָס האָט אַ סך אידי־ שע סאָציאַליסטן אונטערזאָגט, אַז זיי דאַרפן זיך ניט מישן אין פּאָליטישן קאַמף, ווייל זיי קענען דורך דעם אַרויסרופן פּאָגראָמען אויף אידן. עס זיינען געווען אַזעלכע וועלכע האָבן געגלויבט, אַז פאַר דעם דערפאָלג פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז אויך בעסער אידן זאָלן זיך אין איר ניט מישן.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז מנצח געווען האָבן די אָנהענגער פון פּאָ־ ליטישן קאַמף. די קעגנער זיינען געבליבן אין אַ זייער קליינער מינאָרי־

טעט. שפּעטער־צו האָבן די מערסטע פון זיי אויך געביטן זייערע מיינונגען, אָבער די באַוועגונג האָט עס געקאָסט זייער פיל ענערגיע.

אין וועלט־מאָסשטאַב האָט זיך די באַוועגונג אָנגעשלאָגן אין אַן אַנדער שווערער פּראָבלעם. כמעט תיכף נאָך איר אָנהויב האָט אין ציוניזם אויס־געבראָכן דער קאַמף אַרום דעם פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן גרינדן אַ אידישע טעריטאָריע אין אוגאַנדאַ. די כמעט אָקאָרשט גע־באָרענע באַוועגונג האָט זיך דאַן צעשפּאָלטן אויף פאַרשיידענע טיילן. די פּאָליטישע דורכפאַלן פון הערצלען אין טערקיי האָט די אָנהענגער פון ארץ־ישראל געשטעלט אין אַ זייער שווערער לאַגע. עס האָבן נאָך דאַן געהערשט נאַאיווע פאָרשטעלונגען וועגן די פּראָצעסן פון רעאַליזירן דעם טעריטאָ־ריאַליזם. די מערסטע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז ניט קיין שווערע אויפ־גאַבע. זיי האָבן געמיינט, אַז די אידישע נויט וועט שוין צוטרייבן צו דער גרינדונג און דעם אויפבוי פון אַן אייגענעם שטאַט, וואו דאָס זאָל ניט זיין. די סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן האָבן אַזוי אַרום פאַרנומען אַ גאָר גרויסן טייל פון די פּועלי־ציון.

אַ צווייטע אידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן אָנגע־הויבן אַרויסוויקלען — די סיימיסטן — האָבן אויך געבראַכט גרויסע חורבנות אין דער יונגער פּועלי־ציון־באַוועגונג. ניט זעענדיק קיין מעגלעכקייט פאַר באַלדיקער אַרבעט פון באַדייטנדיקן מאָסשטאַב אין ארץ־ישראל, האָבן זיך טייל אָנהענגער אָנגעכאַפּט אָן סיימיסטישן געדאַנק. (זייער הויפּט־פאָדערונג איז געווען מען זאָל דערמעגלעכן די אידן אויפבויען אייגענע סיימען — כמעט פּאַרלאַמענטן — אין די גלות־לענדער. ערשט די אידישע סיימען זאָלן זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע פון זוכן אַ טעריטאָריע אָדער בויען ארץ־ישראל פאַרן אידישן פאָלק.) די יונגע פּועלי־ציון־באַוועגונג אין איי־ראָפּע האָט דאַן דורכגעמאַכט זייער אַ שווערן קריזיס. אויב זי איז ניט אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן, איז עס געווען אַ דאַנק דעם אָנהויב פון אַ נייער עליה נאָך ארץ־ישראל (די צווייטע עליה, די ערשטע רעכנט זיך פון די בילויים).

אַ דריטער פּראָבלעם וואָס האָט דאַן פאַרשאַפט גרויס ווייטיק דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען די פראַגע וועגן באַטייליקן זיך אין ציוניסטישן קאָנגרעס. אין רוסלאַנד האָט ביסלעכוויז גענומען די אויי־בערהאַנט יענע ריכטונג, וועלכע האָט געזאָגט, אַז די סאָציאַליסטישע אַר־בעטער־באַוועגונג האָט ניט וואָס צו טאָן אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז דאַן באַהערשט געוואָרן פון אידישן בירגערטום. די אַרבעטער־שאַפט איז דאָרטן געווען פאַרטראָטן אין אַ כמעט פאַרשווינדנדיקער מינאָ־ריטעט. אָביסל האָט דערביי מיטגעווירקט די באַיקאָט־שטימונגען צו דער

דומע וואָס האָבן דאַן באַהערשט די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד.

דער באַשלוס ניט צו גיין צום ציוניסטישן קאָנגרעס איז פון די רוסישע פועלי־ציון אָנגענומען געוואָרן ערשט אין 1909, אויף אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אין קראָקע. אָבער די דיסקוסיעס אַרום דער פראַגע האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1905. דאָס האָט די רוסישע פועלי־ציון אומגעהויער אָפּגעשוואַכט. די עסטרייכישע און אַמעריקאַנער גרופּן און אויך די גרופּע וואָס איז שוין דאַן געווען אין ארץ־ישראל זיינען געווען פאַר באַטייליקן זיך אין קאָנגרעס. די אינערלעכע דיסקוסיע איבער דער פראַגע אין דער גאַנצער וועלט־באַוועגונג האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1920, ווען אויף דער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג צווישן די קאָנגרעסיסטן און אַנטי־קאָנגרעסיסטן. ביז דאַן האָבןביידע ריכטונגען געהערט צום זעלביקן וועלט־פאַרבאַנד, וואָס האָט דעם פאַרבאַנד קיין גע־זונט ניט צוגעגעבן. ביי דער שפּאַלטונג זיינען די אַנטי־קאָנגרעסיסטן גע־ווען אַ מאַיאָריטעט. אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָבן זיי געהאַט גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס הינטער זיך. זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן רופן „לינקע פועלי־ציון” און די קאָנגרעסיסטן זיינען באַצייכנט געוואָרן אַלס רעכטע.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען האָבן אָבער געגעבן גערעכט די רעכטע פועלי־ציון און 18 יאָר נאָך דער שפּאַלטונג האָבן די מערסטע לינקע פועלי־ציון, (וועלכע זיינען פאַר דער צייט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן) באַ־שלאָסן צוריקצוקומען צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

די דאָזיקע אינעווייניקסטע חלוקי־דעות האָבן די באַוועגונג שטאַרק געשעדיקט. זי האָט אָבער אויסגעהאַלטן. הויפּטזעכלעך איז זי כסדר גע־שטאַרקט געוואָרן דורכן וואוקס פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. דערמיט דערקלערט זיך אויך וואָס די אָפּגעשפּאַלטענע טערי־טאָריאַליסטן און סיימיסטן זיינען שנעל פאַרשוואונדן פון דער אידישער גאַס אין אייראָפּע. זיי האָבן ניט געהאַט פון וואַנען צו ציען פאַרשטאַרקונג. ארץ־ישראל האָט בכן ענדגילטיק דעצידירט, וועלכע ריכטונגען אין דער דאָזיקער באַוועגונג עס האָבן אין זיך פאַרמאָגט היסטאָרישן אויסדויער און וועלכע ניט. געבליבן אין דער אידישער אַרבעטער־גאַס זיינען צוויי ריכ־טונגען: איינע — די בונדישע — (שפּעטער האָבן דעם פּונקט אויך אָנגע־נומען די אידישע קאָמוניסטן), וועלכע איז קעגן ארץ־ישראל, קעגן טערי־טאָריאַליזם און קעגן יעדן געדאַנק פון זוכן אַן ענטפער אויף דער אידי־שער פראַגע מחוץ פון די לענדער אין וועלכע זיי לעבן איצטער, און די צווייטע — די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אַלע אַנדערע אָפּ־

שפּליטערונגען האָט די געשיכטע אַראָפּגענומען פון דער אידישער אַרבע־טער־אַרענע.

ג. אין אַמעריקע

אונטער גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען האָבן זיך אַנטוויקלט די פּועלי־ציון אין אַמעריקע. אין אייראָפּע, הויפּטזעכלעך אין רוסלאַנד, האָט זיך די באַ־וועגונג אַנטוויקלט אין אַ צייט פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע אויפבּרויזן, סיי אויף דער אידישער, סיי אויף דער אַרבעטער־גאַס. אין דער סאָציאַליסטי־שער וועלט האָט דאַן אויפגעפלאַקערט די טעאָרעטישע דיסקוסיע צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם; אין ציור־ניזם האָבן געקעמפט צווישן זיך הערצל־נאָרדוי פון איין זייט און אַחד־העם פון דער צווייטער, וועגן פּאָליטישן אָדער קולטורעלן ציוניזם. פּאַרטיפּט האָט זיך דער אידישער רעוואָלוציאָנער (און ווער איז דאַן ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער?) אין די פּראָבלעמען פון איד, מענטש, אַרבעטער. מען האָט געשלייפט די מוחות איבער פראַגן וועגן דער באַדייטונג פון אַ אידישן שטאַט פאַרן קעגנוועורטיקן און צוקונפטיקן קיום פון פאָלק, וועגן דער ראָלע פון ארץ־ישראל אין דער אידישער געשיכטע, וועגן דער באַדייטונג פון דער אידישער קולטור פאַר אידן און פאַרן אַלגעמיינעם קולטור־אוצר פון דער גאַנצער מענטשהייט, וועגן ראַסע און פאָלק אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט — אַט די אַלע חלוקי־דעות האָבן באַרייכערט די מענטשן פון אַלע ריכטונגען. זייערע קאַמפן צווישן זיך, געפירט מיט יענעם ענטוזיאַזם פון מענטשן, וועלכע האָבן אָקאָרשט דערזען דאָס ליכט פון אמת און דעם זין פון לעבן, האָבן אָנגעפילט מיט אינטערעסן יעדן לעבנס־טאָג.

דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף אין רוסלאַנד האָט גוואַלדיק פאַראינטע־רעסירט. אין עסטרייך האָט דאַן געברענט דער קאַמף פון די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן. געוועזן זיינען עס אויך די שעפערישע יאָרן פון דער אידישער ליטעראַטור. עס האָבן געווירקט פּרץ, מענדעלע און שלום־עליכם. עס האָבן אָנגעהויבן ווירקן שלום אַש, פינסקי, רייזען. אין דער העברעאישער ליטע־ראַטור האָט אָנגעהויבן אויפגיין די זון פון חיים נחמן ביאַליק. אידישע זעלבסטשוץ האָט זיך באַוויזן, נאָך די טיפע שטראָף־רייד פון ביאַליקן, ווי אַן ענטפער אויף די רדיפות און פּאָגראָמען. פון די מקורות האָבן געשעפּט זייער גייסטיקע שפּייז אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אויף דער אידי־שער גאַס, די פּועלי־ציון בתוכם.

קומענדיק קיין אַמעריקע האָט זיך דאָס בילד לגמרי געביטן. דער אַמע־ריקאַנער ציוניזם פון יענע יאָרן האָט זיך באַהאַלטן ערגעץ־וואו אין אַ

בראָדווייער ביוראָ. ווער עס געדענקט די אַמעריקאַנער אידישע גאַס פון
אָנהויב 20טן יאָרהונדערט, דער וועט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ טיפער תהום עס
איז דאַן געלעגן צווישן דער אידישער גאַס און דעם אָפיציעלן ציוניזם.
פועלי־ציוניזם האָט געקענט לעבן נאָר אין די טיפעניש פון דער אידישער
גאַס און ניט אין דעם ווייט־אָוועקגערוקטן דאַמאָליקן בראָדוויי. און אויף אָט
דער גאַס איז ציוניזם דאַן כמעט ווי ניט געווען.

די דאָזיקע אידישע גאַס איז געווען פאַרנומען מיט אַ קאַמף צווישן
סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, אַן אינעווייניקסטער קאַמף צווישן פאַרשיידע־
נע סאָציאַליסטישע גרופירונגען, מיט קאַמף־מעטאָדן, וואָס זיינען געווען
גאָר ווייט פון דעם געשמאַק פון יענע ערשטע פועלי־ציון־גרופּן, ווען
דער אידישער עמיגראַציע־שטראָם האָט פאַרטראָגן קיין אַמעריקע. וואָס
עס האָט זיך געטאָן אינעווייניק אין די אידישע סאָציאַליסטישע און אַנאַר־
כיסטישע גרופירונגען האָבן די פועלי־ציון ניט געקענט וויסן. די אויסער־
לעכע אַרויסטרעטונגען פון אָט די גרופירונגען האָבן גוואַלדיק שאָקירט.
קוקט מען איצטער מיט מער דערפאַרענע אויגן אויף יענער צייט, פאַר־
שטייט מען אפשר די אומפאַרמיידלעכקייט פון יענע מעטאָדן אין די דאַ־
מאָלדיקע אַמעריקאַנער באַדינגונגען. אָבער קומענדיק דאַן פריש פון דער
אייראָפּעאישער, הויפּטזעכלעך רוסישער, סאָציאַליסטישער און ציוניסטישער
באַוועגונג, האָט דער פּרעסטיזש פון דער אַמעריקאַנער באַוועגונג זייער
שטאַרק געליטן פון דעם פאַרגלייך.

פאַר פועלי־ציון זיינען די דאָזיקע ליידן געווען נאָך טיפערע. אויב דער
סאָציאַליסטישער טייל פון דער דאַמאָליקער אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט
געקענט אויסהאַלטן דעם פאַרגלייך מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג
אין רוסלאַנד, איז איר אידישער טייל געלעגן אויף אַ נאָך נידעריקערער
מדרגה. פאַר ציוניזם האָט מען געהאַט נאָר שפּאָט און געלעכטער. אידישע
קולטור־אוצרות? ווער איז דאַן געווען אַזאַ בטלן, בכדי זיך דערמיט צו
באַשעפטיקן! בכלל האָט אַלץ, וואָס דאָס וואָרט „אידישקייט" איז כולל,
שלעכט אָפּגעשניטן פון דער דאַמאָליקער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אויף
דער אידישער גאַס. אַזוי ווי די הויפּט־אויפגאַבע פון סאָציאַליזם וואָלט גע־
ווען אויסצואוואָרצלען די דאָזיקע אידישקייט פון די הערצער פון די אידי־
שע מאַסן. דעריבער — אויב פאַר יעדן סאָציאַליסט, וואָס איז דאַן געקומען פון
רוסלאַנד, איז געווען שווער דער פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו דער אַמערי־
קאַנער באַוועגונג — איז עס געווען טאָפּלט שווער פאַר פועלי־ציון.

די טעאָריעס פון די פועלי־ציון אין אייראָפּע האָבן זיך אויך ניט גע־
לאָזט אַזוי גרינג אַריינפּאַסן אין די דאַמאָלדיקע אַמעריקאַנער באַדינגונגען.
עס איז דאַן געווען די אויפבלי־צייט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין

אַמעריקע. כמעט 90 פּראָצענט פון דער אידישער עמיגראַציע איז דאַן אַריינגעפאַלן אין די אַרבעטער־רייען. דאָס האָט עפּעס נישט געשטימט מיט דער טעאָריע, אַז אידישע מאַסן איז זיך שווער צו פּראָלעטאַריזירן. און גאָר אַ סך פּועלי־ציון האָבן זיך דאַן געהאַלטן ביי דער דאָזיקער טעאָריע. אַז דע־פּראָלעטאַריזירונג פון אידן וועט אויך אין אַמעריקע ווערן אַ פּראָבלעם, האָט מען דאַן ניט געקענט פאָראויסזען. געוואָקסן איז דאַן כסדר דער פּראָלעטאַריזירונגס־פּראָצעס פון דער אידישער מאַסע. זיינען אַ סך פּועלי־ציון אַריינגעפאַלן אין אַ קאָנפליקט מיט זייערע טעאָריעס. און אַזוי ווי אַמעריקע איז בכלל געווען אַ מין זיפּ, וואָס האָט די ניי־געקומענע רע־וואָלוציאָנערן שטאַרק דורכגעזיפּט (געבליבן זיינען אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען נאָר אַ קליינער טייל פון יענע וועלכע האָבן מיט זיך מיטגע־בראַכט רעוואָלוציאָנערן סטאַזש, פון רוסלאַנד איבערהויפּט), האָט די דאָ־זיקע זיפּ, מיט מער קראַפט און מער איבערקלייבעריש, געווירקט אויף פּועלי־ציון. געבליבן אין די רייען זיינען גאָר אַ קליינער פּראָצענט פון די אַלע וועמען די עמיגראַציע האָט קיין אַמעריקע פאַרטראָגן.

די וואָס זיינען געבליבן, האָבן תיכף געדאַרפט דורכמאַכן אַ שפּאַלטונג איבער דער אויבנדערמאָנטער אוגאַנדאַ־פראַגע. די עטלעכע אָנפירער האָבן זיך מיט זייער נאַאיווע מעטאָדן געראַנגלט קעגן דער שפּאַלטונג, אָבער אָן דערפאָלג. די שפּאַלטונג איז געקומען אינמיטן יאָר 1905. די קליינע מחנה האָט זיך צעטיילט אויף פּאַלעסטינצעס און טעריטאָריאַליסטן. ביידע אָן באַדייטנדיקן איינפלוס סיי אויפן ציוניזם און נאָך וויניקער אויף דער אידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער מיט דער גוואַלדיקער עקשנות פון אמתע, אָפט פאַנאַטישע מאמינים האָט די דאָזיקע גרופּע פאַרגעזעצט. הויפּטזעכלעך האָט זיך איר קאַמף קאָנצענטרירט קעגן אַסימילאַציע־געדאַנקען, וואָס האָבן דאַן באַ־הערשט די מוחות פון די מערסטע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע וואָרט־זאָגער. גלייכצייטיק האָבן זיי זיך קאָנצענטרירט קעגן דער אויבערפלעכלע־כער „אַמעריקאַניזאַציע", מיט וועלכער די דאַמאָליקע דייטשע יהודים האָבן געזוכט מזכה צו זיין די אָרעמע אידישע גאַס. זיי האָבן געזען אין אָט דער אַמעריקאַניזאַציע אַ פאַרזוך אָפּצומעקן דעם צלם־איד ביים אימיגראַנט, ער זאָל וואָס שנעלער קענען אויסערלעך אויסזען ווי אַן אַמעריקאַנער. זיי האָבן אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע פאַר אידישער דערציאונג אין אַמעריקע. זיי האָבן מיט אַלע זייערע אָרעמע כוחות געזוכט צו ענדערן די באַציאונג פון דער אָפיציעלער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג צום גאַנצן גרויסן אוצר, וואָס אידישקייט האָט פאַר זיי אַנטהאַלטן. מען קען ניט זאָגן, אַז זיי האָבן

געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. מען קען אָבער נאָך ווייניקער באַהויפּטן, אַז זיי האָבן אויסגעגעבן זייערע ענערגיעס אינגאַנצן לבטלה.

אויב מען באַטראַכט איצט געוני די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, הויפּטזעכלעך אין איר באַציאונג צו אידישע פּראָבלעמען בכלל און ארץ־ישראל בפרט, זעט מען אַז זייער פיל איז דערגרייכט געוואָרן אויף אַט די געביטן. די פּועלי־ציון זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אָנגעהויבן דעם באָדן באַאַקערן. שפּעטער זיינען געקומען באַדייטנדיקע אונטערשטיצער. עס האָבן אונטערשטיצט אייניקע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן. ס'האָט גוואַל־דיק אונטערשטיצט דאָס לעבן אַליין אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

אינעווייניק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געווירקט מענטשן פון דעם טיפּ פון אברהם ליעסין, דר. הלל זאָלאָטאַראָוו, דר. איסר גינזבורג, יצחק אייזיק הורוויטש, משה קאַטץ, א. ליטווין און פיל, פיל אַנדערע פון וועלכע די פּועלי־ציון האָבן זיך ערשט שפּעטער דערוואוסט, אַז זיי פירן אינעווייניק אַ קאַמף פאַר אַ מער קולטורעלער באַציאונג צו אידישקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. פון דרויסן זיינען דאַן צוגעקומען פריער דר. חיים זשיטלאָווסקי און שפּעטער דר. סירקין. דער ערשטער האָט געהאַט געבראַכט מיט זיך אַן אומגעהויערן הויכן סטאַזש פון זיין ראָלע אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ער האָט שוין אויך געהאַט דאַן פאַר־עפנטלעכט אייניקע אַרבעטן וועגן דער אידן־פראַגע, אין וועלכער ער האָט, לכתחילה ניט אַזוי זיכער אָבער שפּעטער מיט פולער זיכערקייט, גערעדט וועגן דער נויטיקייט פון אַ טעריטאָריע פאַר אידן. שפּעטער האָט דר. זשיטלאָווסקי, אין גאַר אַ גרויסער מאָס, געהאָלפן דורכפירן די צוריק־פאַר־אייניקונג פון די פּועלי־ציון מיט די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און ער אַליין איז אַריין אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. ער האָט בכן סיי מיט זיין סאָציאַליסטישן סיי מיט זיין אידישן באַגאַזש — און מיט זיין אויסער־געוויינלעכער באַגאַבונג אַלס לעקטאָר און אויפקלערער פון די קאָמפּלי־צירטע סאָציאַלע פּראָבלעמען — צוגעגעבן זייער פיל כח און וואָג דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין אַמעריקע.

סירקין האָט אין דער אַמעריקאַנער באַוועגונג אַריינגעגעבן זיין גוואַל־דיקן אימפּעטפולן פּאַטאָס, זיין אומדערשיטערלעכן גלויבן אין די פּאָטענ־ציעלע כוחות פון די אידישע מאַסן און זיין העס־קאָנצעפּציע פון ציוניזם. ער האָט געהאָלפן אָנלאָדן די קליינע באַוועגונג מיט אַזויפיל אינערלעכער ענערגיע, וועלכע האָט איר געגעבן דעם מוט זיך שפּעטער אַזוי ברייט צו פאַרנעמען אין דער אידישער גאַס. אַ ווירקונג פון זייער אַ טיפער באַדיי־טונג האָט אויסגעאיבט אויף דער באַוועגונג בער באָראָכאָוו, וועלכער האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע איבער צוויי יאָר.

אָבער די אַלע יחידים וואָלטן זייער ווירקונג ניט געקענט אַזוי פאַר־ווערטן, ווען עס וואָלט ניט געווען עקזיסטירט שוין יאָרן־לאַנג אַ פּועלי־ציון־באַוועגונג. זי האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר די איינפלוסן פון די דערמאָנטע — און אויך אַנדערע ניט־דערמאָנטע — יחידים. אַ זייער באַ־דייטנדיקע פּיאָנערן־ראָלע אין דער דאַמאָליקער אידישער ווירקלעכקייט.

דאָס לעבן גופא האָט זייער שטאַרק מיטגעהאָלפן די פּועלי־ציון. דאָס פּראָבלעם פון אידישע דערציאונג איז געוואָרן אַ פּראָבלעם אין כמעט יעדן אידישן אַרבעטער־הויז. אַנדערע עלטערע און מער אויסגעשפּרייטע באַווע־גונגען האָבן איבערגענומען די אַרבעט, וועלכע פּועלי־ציון האָבן אָנגעהויבן. אין ארץ־ישראל האָט אָנגעהויבן וואַקסן אַ אידישע אַרבעטערשאַפט, וועל־כע האָט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פריער פון וויכ־טיקע יחידים און דערנאָך פון באַדייטנדיקע קערפּערשאַפטן, וועלכע האָבן זיך פריער נעגאַטיוו באַצויגן צום ציוניזם. דאַן האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. אַמעריקאַנער אידן האָבן געמוזט אָנהויבן אַ גרויסע הילפס־אַרבעט פאַר די מלחמה־קרבנות. צווישן די אידישע מאַסן איז דאַן אויפגעקומען די פּיפּלס רעליף. די פּועלי־ציון, כאָטש אַ קליינע מינאָריטעט אין כמות, האָט אָבער אין איכות אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף פּיפּלס־רעליף און דורך פּיפּלס־רעליף אויך אויף דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע. אין דער פּיפּלס־רעליף זיינען געווען זייער אָפּט וויכטיקע חלוקי־דעות, וועלכע האָבן באַרירט פילע וויטאַלע פראַגן פון אידישן לעבן. דאָרטן האָבן די פּועלי־ציון געפונען די בשותפותדיקע טריבונע פאַר קעגנווירקונגען מיט אַנדערע טיילן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. סיי די דירעקטע ווירקונג פון די פּועלי־ציון אויף דער הילפס־טעטיקייט, סיי די ניט־דירעק־טע רעזולטאַטן וואָס זיינען פון זייער פּיפּלס־רעליף אַרבעט אַרויסגעוואַקסן (די וויכטיקסטע פון זיי איז דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות אין ארץ־ישראל) — די דאָזיקע איצט שוין געשיכטלעכע קאַפּיטלעך פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, זיינען נאָך ווייט ניט גענוג אויסגעפאָרשט און פאַרצייכנט געוואָרן. גענוג בלויז צו פאַרצייכענען, אַז דורך פּיפּלס־רעליף האָט די פּועלי־ציון־באַוועגונג באַקומען איר ביר־גער־רעכט אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָט דאָרט אויס־געאיבט אַ גרויסן איינפלוס. דערפון האָט די פּועלי־ציון־באַוועגונג געצויגן אומגעהויערע כוחות פאַר אירע צוקונפטיקע אַרבעטן.

די כוחות פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג זיינען בעיקר פּרוכטבאַר גע־ווען אין דער קאָנגרעס־באַוועגונג. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט אין דער מלחמה־צייט דערשפּירט די פּאָליטישע אויפגאַבע, וואָס די געשיכטע האָט אים צוגעטיילט. מען האָט זיך געדאַרפט גרייטן צום שלום־קאָנגרעס.

מען האָט זיך געדאַרפט צוגרייטן מיט קלאָר־פאָרמולירטע, פּאָליטישע פאָ־
דערונגען פאַר די אידן אין די נייע מלוכות, וועלכע מען האָט שוין געוואוסט
אַז דער פרידנס־קאָנגרעס וועט אויפשטעלן. מען האָט זיך געדאַרפט גרייטן
צו דער פאָדערונג פון אידישן פאָלק בנוגע ארץ־ישראל. די פּועלי־ציון
זיינען געווען די ערשטע — און דורך דער גאַנצער צייט די טיכטיקסטע —
אַרבעטער פאַר אַ אידישן קאָנגרעס אין אַמעריקע, וועלכער זאָל פאָרמולירן
אין נאָמען פון אַמעריקאַנער אידנטום די אידישע פּאָליטישע פאָדערונגען.
די אידן פון אַנדערע לענדער האָבן — צוליב דער מלחמה — ניט געקענט
אַזוי גוט זיך צוגרייטן צו דעם. אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן
דאַן געקוקט אויפן אַמעריקאַנער אידנטום ווי אויף דעם פירנדיקן כח פון
גאַנצן אידישן פאָלק. און דאָ אין אַמעריקע זיינען אַנטשטאַנען פאַרשיידענע
פראָנטן: אין פראָנט פון די דייטשע יהודים, וועלכע האָבן זיך אַמשטאַרקסטן
איינגעשטעלט קעגן נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פאַר די אידן אין די גלות־
לענדער. פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען די אָפיציעלע אַרבעטער־
באַוועגונג קעגן אַ צו־אויסגעשפּראָכענער פאָדערונג פאַר אַ אידנשטאַט, אָדער
אפילו אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף דעם גאַנצן שטח פון אידישן לעבן
אין אַמעריקע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאָנפערענצן און פאָר־קאָנפע־
רענצן וועגן אידישן קאָנגרעס. פריער האָבן זיך אַ ריי דייטשע יהודים
אַרויסגעזאָגט קעגן אַ אידישן קאָנגרעס בכלל. שפּעטער האָבן זיי געקעמפט
קעגן דער פאָרמולירונג פון נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט. די אָפיציעלע
אידישע אַרבעטערשאַפט איז אויך געווען קעגן קאָנגרעס. זי האָט מורא גע־
האַט פאַר אַ צו־שטאַרקער ציוניסטישער פאָדערונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן
די אַרבעטער־קאָנגרעסן פאַר ארץ־ישראל, גערופן פון די פּועלי־ציון; די
אַרבעטער־קאָנגרעסן וועגן אידישן קאָנגרעס, גערופן פון דעם דאַמאָלדיקן
נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָמיטעט. אומעטום האָבן די פּועלי־ציון געקעמפט.
ביז עס איז צום סוף דערפירט געוואָרן צו אַ אידישן קאָנגרעס אין אַמערי־
קע, מיט דער באַטייליקונג סיי פון די דייטשע יהודים, סיי פון דער אָפי־
ציעלער אידישער אַרבעטערשאַפט, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט די פאָדערונג
פון דעם אידישן פאָלק צו אַ נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל און פון
נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט אין די גלות־לענדער. דאָס גאַנצע פּראָגראַם
פאַר וועלכע די פּועלי־ציון האָבן געקעמפט, איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן
אין די פּאָליטישע פאָדערונגען פון קאָנגרעס. אַ קאָמיסיע איז געשיקט גע־
וואָרן צום פרידנס־קאָנגרעס, אין וועלכער די דייטשע יהודים האָבן גע־
שיקט דעם באַרימטן לואי מאַרשאַל. די אָפיציעלע אַרבעטערשאַפט האָט

דעלעגירט מאָריס ווינטשעווסקי. די פּועלי־ציון האָבן דעלעגירט דר. נחמן סירקין.

דאָס זיינען אָן ספק געווען די טריאומף־צייטן פון די פּועלי־ציון אין אַמעריקע. אַוודאי זיינען אַ סך פון די פאָדערונגען, וועלכע זיינען איינקאָרפּאָרירט געוואָרן נאָכדעם אין פרידנס־טראַקטאַט, געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר. אָבער די היסטאָרישע באַדייטונג פון די דאָזיקע פאָדערונגען בלייבן. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען זיי וועלן אַריינגעפלאַנצט ווערן אין לעבן פון פעלקער און לענדער. פאַר די פּועלי־ציון אין אַמעריקע איז עס געווען די פּרוכטבאַרסטע צייט. זיי זיינען אַרויף אויף דער אַרענע פון אידישן לעבן און זיינען שוין דאָרטן געבליבן. געהאָלפן האָט זייער פיל דער גאָר גרויסער וואוקס פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה, וואָס האָט אין אַמעריקע דערמעגלעכט דעם געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות, אין וועלכע די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון גיבן אַריין אַזויפיל פון זייער ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט.

ד. אין ארץ־ישראל

דוקא אין ארץ־ישראל האָט זיך די פּועלי־ציון־באַוועגונג אָנגעהויבן אַמשפּעטסטן ווייל זי איז אַהין געבראַכט געוואָרן דורך איינוואַנדערונג פון רוסלאַנד. ערשט אין מיטן ווינטער פון 1907 קומט פאָר דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די ארץ־ישראלדיקע פּועלי־ציון. אין זומער פון זעלביקן יאָר דערשיינט דער ערשטער נומער פון זייער אָרגאַן אין אידיש — „דער אָנפאַנג“. אָבער דאַן האָט שוין פון פריער עקזיסטירט אַן אַנדער ציוניסטישע אַרבעטער־גרופּע „הפּועל־הצעיר“. די צוויי באַזונדערע ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן צענדליקער יאָרן געפירט זייערע באַזונדערע עקזיסטענצן. ערשט אין יאָר 1929 האָבן זיי זיך פאַראייניקט אין דער איצטיקער מפא״י (פאַרקירצט פון „מפלגת פועלי ארץ־ישראל“, וואָס מיינט אויף אידיש: „ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי“).

די ערשטע גרופּע פון פּועלי־ציון איז אָפּגעפאָרן נאָך ארץ־ישראל פון ווילנע אין יאָר 1904. פון דאַן אָן האָבן קלענערע און גרעסערע גרופּן עולה געווען פון די פאַרשידנסטע טיילן פון רוסלאַנד. וועגן דעם גייסטיקן געמיט פון די דאָזיקע ערשטע עולים פון יענער צייט קען עדות זאָגן אַ דאָקומענט, וואָס איז איבערגעבליבן פון די תקנות פון דער ערשטער גרופּע פּיאָנערן פון לאָדזש, געגרינדעט סוף 1905. צווישן אַנדערע תקנות ווערט דאָרטן געזאָגט אַז די גרופּע, אונטערן נאָמען „פּיאָנערן נאָך פּאַלעסטינא“, פאַראייניקט אַלע, וועלכע אָנערקענען אַלס איינציקן מיטל צו לייזן די אידישע

און באַזונדערס די אידיש־פּראָלעטאַרישע פראַגע — דאָס קאָנצענטרירן די אידישע מאַסן אין פּאַלעסטינע און אָנערקענען, אַז די אַנטוויקלונג פון לאַנד בויטיקט זיך אין יונגע ענערגישע הענט. דערפאַר ווידמעט זיך די גרופּע אַלס פּיאָנערן פאַרן לאַנד. די קאַסע פון דער גרופּע איז דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער גרופּע. אַלע מיטגלידער פאַרפּליכטן זיך צו קעגנזייטיקער שטיצע אויך אין פּאַלעסטינע. קיינער פון די מיטגלידער באַנוצט זיך ניט מיט פּריווילעגיעס.

ענלעכע תקנות זיינען אָנגענומען געוואָרן כמעט פון אַלע גרופּן, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָ זעט מען דעם אָנהויב פון אַ געמיטס־צושטאַנד, וואָס האָט שפּעטער, אין ארץ־ישראל גופא, זיך דערשלאָגן צו די גרויסע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס, צום פּרינציפּ פון עבודה עצמית (זעלבסטאַרבעט, ניט טאָרן עקספּלואַטירן פאַר אייגענע צוועקן דעם צווייטנס אַרבעטס־קראַפט) און צו דעם גרויסן מאָראַלישן כח, וואָס די הסתדרות (די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע) האָט אויפגעבויט אין ארץ־ישראל.

אָבער דער אָנהויב פוןביידע דאַמאָלדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, סיי הפועל־הצעיר סיי פּועלי־ציון, איז געווען זייער אַ קליינער און שוואַכער. אין אַ דאָקומענט פון מערץ 1906 (זע, פאַר מער אינפאָרמאַציע, די אָפּטיילונג פון די „דאָקומענטן" אין אידישן אַרבעטער יאָר־בוך און אַלמאַנאַך, 1928, אַרויסגעגעבן פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון) ווערט איבערגעגעבן, אַז די צאָל פון אַלע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, סיי אין גליל, סיי אין יהודה, איז געווען 600 (זעקס הונדערט). זיי זיינען געווען צעטיילט אין קליינע גרופּן אין די וויכטיקסטע דאַן שטעט און קאָלאָניעס, אין ירושלים, יפו, פּתח־תקוה, רחובות, ראשון לציון פון יהודה (תל־אביב איז נאָך דאַן אויף דער וועלט ניט געווען) און אין די קאָלאָניעס אַרום סעדזשערא אין גליל. זיי זיינען אויסגעשטאַנען אומגעהויערע שוועריקייטן מצד די באַלעבאַטים אין די שטעט און פון די קאָלאָניסטן־אייגנטימער אין די דערפער. זייער אָפט זיינען די דאָזיקע קליינע גרופּן פון אַרבעטער געטריבן געוואָרן צו סטרייקן. מען האָט קעגן זיי באַנוצט אפילו דעם מיטל פון חרם. נאָר זייער טיפער גלויבן אין דעם אידעאַל וואָס האָט זיי אַהין געבראַכט, האָט זיי געגעבן כוחות אויסצוהאַלטן.

דעם טיפסטן ווייטיק האָבן די דאַמאָלדיקע אַרבעטער־פּיאָנערן געליטן, ניט פון זייער אייגענער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, נאָר פון דעם צושטאַנד אין וועלכן זיי האָבן געפונען די דאַמאָלדיקע קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָט עס געדאַרפט זיין דער אָנהויב פון דער אידישער גאולה דורך בויען ארץ־ישראל. דאָס ווירטשאַפטן פון די דאַמאָלדיקע אַדמיניסטראַטאָרן פון

באַראָן ראָטשילד אין ארץ־ישראל האָט, אין זייערע אויגן, רואינירט דעם סאַמע יסוד אויף וועלכן די קאָלאָניעס זיינען דאַן געבויט געווען. די קאָלאָניסטן האָבן ניט געקענט זייער פאַך. זיי זיינען געקומען אָן וועלכער ס׳איז צוגרייטונג. זיי פלעגן די גאַנצע אַרבעט איבערלאָזן צו זייערע אַראַבישע אַרבעטער. די לעצטע האָבן פאַר די קאָלאָניעס קיין אינטערעס ניט געהאַט. דעריבער זיינען די קאָלאָניעס געווען איינגעטונקען אין חובות. די קאָלאָניסטן פלעגן על פי רוב פאַרלאָזן די קאָלאָניעס און גיין אין די שטעט ווערן הענדלער און קרעמער. די האָפענונגען וואָס די ציוניסטישע וועלט האָט לכתחילה פאַרבונדן מיט אָט דעם סאָרט קאָלאָניסטן האָבן אָנגעהויבן בלאַס ווערן. די אַרבעטער האָבן דעריבער באַשלאָסן אַז די תקומה פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל קען קומען דורך צוגרייטן אַ בעסערן, געזונטערן אַקער־בוי־עלעמענט, וואָס זאָל זיין פיזיש און גייסטיק צוגעגרייט צו זיין היסטאָרישן באַרוף, און די ערשטע שריט פון אייגענער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע האָט זיך דאַן אָנגעהויבן.

פאַר דער באַשרייבונג פון דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון אָט די פאַרזוכן פאָדערן זיך גאַנצע ביכער. ווער עס איז אין דעם פאַראינטערעסירט, קען געפינען גענוג מאַטעריאַל וועגן דעם. פאַר אונז דאָ איז גענוג אָנצוצייכענען דעם פאַקט, אַז פון יענע באַשיידענע, אָרעמע התחלות זיינען אַרויסגעוואָקסן די גרויסע אידישע אַרבעטער־קאָלאָניעס, וועלכע מיר פאַרמאָגן היינט אין ארץ־ישראל, אין וועלכע צענדליקער טויזנטער אידן לעבן און אַרבעטן — יענע קאָלאָניזאַציע־ווערק, וואָס רופן אַרויס באַוואונדערונג פון אַלע וואָס באַזוכן זיי און וואָס זיינען נאָך אַלץ אין די ערשטע סטאַדיען פון זייער אַנטוויקלונג, פונם שטאַנדפונקט פון די פּאָטענצן וואָס זיי פאַרמאָגן פאַר דער צוקונפט. פון יענע קליינע אָנהויבן איז אויך אויסגעוואָקסן די גרויסע אַרבעטער־אַרמיי אין די שטעט. זיי האָבן טאַקע די דאָזיקע שטעט געבויט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז ניט געגאַנגען אין קיין גלייכער ליניע: שטענדיק דערפאָלגרייך. די ערשטע גרופן האָבן ניט איינמאָל דורכגעלעבט טיפן יאוש. און יעדעס מאָל האָט זיך געפונען אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע, וועלכע האָט גערופן צו נייער אָנשטרענגונג. אין דער געשיכטע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט זיינען אַריינגעוועבט געוואָרן צום אייביקן אָנדענקען די נעמען פון אָט די יחידים אָדער גרופן: א. ד. גאָרדאָן, י. ח. ברענער, יוסף וויטקין, יוסף בוסעל, די גאַנצע העלדישע גרופּע פון „השומר“, און אַ סך פון זיי ווירקן נאָך עד היום אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל; די אַלע קדושים וטהורים, וועלכע האָבן, ווי די אַמאָליקע הרוגי־מלכות, אויסגעהויכט זייערע לעצטע

אָטעמס מיט יענעם שם אויף זייערע ליפּן, וואָס איז פאַר זיי געווען די העכסטע מדרגה פון קדושה — אַ אידישע ארץ־ישראל! — זיי אַלע האָבן מיט זייערע לעבנס דעם דאָזיקן שם נאָך מער און נאָך טיפער מקדש גע־ווען. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט איינעם פון די שטאַרקסטע פאַקטאָרן פון אויסדויער, וואָס די אַלץ־גרעסער ווערנדיקע אידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל האָט אַרויסגעוויזן.

זיי זיינען אָבער געווען נאָר איין פאַקטאָר. אַנדערע פאַקטאָרן האָבן מיטגעווירקט. די דאָזיקע אַנדערע פאַקטאָרן זיינען שוין ניט געלעגן אין ארץ־ישראל. הויפּטזעכלעך זיינען זיי געלעגן אין רוסלאַנד.

דאָס איז געווען נאָך דעם דורכפאַל פון דער 1905 רעוואָלוציע אין רוס־לאַנד. די שטימונגען אויף דער אידיש־רעוואָלוציאָנערער גאַס זיינען גע־ווען ניט איבערצוטראָגן. אידישע רעוואָלוציאָנערן זיינען אַריינגעפאַלן אין טיפער פאַרצווייפלונג. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם דאַמאָלדיקן עכט־רוסישן סאַניניזם. זיי האָבן אָפּגעלאַכט פון זייערע אייגענע רעוואָלוציאָנערע נעכטנס. עס האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ געמיטס־צו־שטאַנד, וואָס קען אַמבעסטן אויסגעדריקט ווערן אין אַלטן וואָרט פון תלמוד: חטוף ואכול, חטוף ושתה, כי מחר נמות. (כאַפּ אַריין און עס, כאַפּ אַריין און טרינק, ווייל מאָרגן דאַרף מען סיי־ווי שטאַרבן). די גוואַלדיקע ענערגיע וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן אין דער אידישער גאַס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַן אייזערנער וואַנט פון דער רוסישערווירקלעכ־קייט. זי האָט ניט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאָזיטיווע שעפערישע אַרבעטן. האָט זי זיך אַליין דערטרונקען אין זנות, אין שנאַפּס, אין אַ פאַר־זוך צו פאַרגעסן די אייגענע נעכטיקע רעוואָלוציאָנערע „קינדערישקייטן" און „נאַרישקייטן".

די בעסערע עלעמענטן האָבן געזוכט אַן אויסוועג צו ראַטעווען זיך גייס־טיק. האָבן זיך אייניקע גענומען צו אידישער קולטור־טעטיקייט און האָבן דאָ געפונען זייער תיקון און זייער גייסטיקע גלייכגעוויכט. אַנדערע זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע. די מערסטע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַמע־ריקאַנער מאַטעריעלער פּראַקטישקייט און האָבן דאָ געפונען, אויב ניט קיין תיקון, איז וויניקסטנס אַן אָרט, וואוהין אַריינצוזייען זייערע ענערגיעס און אַרויסקריגן דערפון פּריוואַטן נוצן. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן אין איר געפונען זייער תיקון.

אָבער אַ גאָר וויכטיקער טייל, הויפּטזעכלעך פון די פריערדיקע פּועלי־ציון, האָבן זייערע ענערגיעס אָנגעהויבן אַריבערטראָגן קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן עס אָנגעפולט די שורות פון דער צווייטער עליה נאָך ארץ־ישראל.

זיי האָבן עס געבראַכט קיין ארץ־ישראל די בן־גוריונס, בן־צביס, בערל כצנלסון, יוסף שפּרינצאַק, יוסף באַראַץ, דעם פאַרשטאָרבענעם יוסף אַראָנאָוויטש און פיל אַנדערע, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן צו די פּאָליטישע און גייסטיקע פירער פון דער הייניקער גרויסער הסתדרות. די דאָזיקע צווייטע עליה האָט עס אָנגעפולט די שורות פון דער פאַרהעלטניסמעסיק קליינער און שוואַכער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל און האָבן זי מחדש געווען און געשטאַרקט. רעדט מען זיך צוזאַמען מיט די עלטערע אָנפירער פון די פילע צענדליקע אַרבעטער־קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, געפינט מען אויס, אַז כמעט אַלע פון זיי זיינען געקומען אַהער מיט דער צווייטער עליה; אַז די מערסטע פון זיי האָבן דורכגעלעבט די שווערע יאָרן פון 1906־7 אין רוסלאַנד; אַז די ענערגיעס וואָס זיינען ביי זיי אַרויסגערופן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָבן אין ארץ־ישראל געפונען זייער אמתן תיקון.

עס געפינען זיך צווישן זיי אַזעלכע, וועלכע זיינען געקומען אויך פון אַנדערע פּאַרטייען, פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אייניקע אפילו פון „בונד”. אָבער די מערסטע האָבן זייער אָנהויב געהאַט אין דער אַרבעטער־ציוניסטישער באַוועגונג. דעריבער קען מען אָן שום גוזמא אָננעמען, אַז דאָס וואָס איז אין יענע יאָרן אַריינגעבראַכט געוואָרן אין ארץ־ישראל דורך דער צווייטער עליה איז אַ דירעקטער פּלאַנץ, אויסגעוואַקסן פון די קערנער פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און פון אַנדערע ציוניסטישע אַרבעטער־גרופּירונגען.

עס מוז אָבער, צוליב געשיכטלעכן אמת, פאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס גרויסע וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ארץ־ישראל איז ניט געווען קיין רעזולטאַט פון עפּעס אַ מין איבערמענטשלעכן שיכט פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט זיך דוקא אין די פּועלי־ציון־קרייזן צוזאַמענגעקליבן. דער מענטשן־מאַטעריאַל פון כמעט אַלע אידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען איז געווען פון איין און דערזעלביקער מדרגה. אינעווייניק אין די באַוועגונגען זיינען געווען מענטשן פון פאַרשיידענע גייסטיקע סביבות: בעלי מלאכות, ישיבה־בחורים, סטודענטן, באַלעבאַטישע בחורים. זיי זיינען אַלע געקומען פון דער טיפּעניש פון אידישן פּאָלקסטום. אין זיך האָבן זיי אַלע פאַרמאָגט די זעלביקע פּאָטענציעלע ענערגיעס. דער חילוק איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין דעם, וואָס ארץ־ישראל האָט געגעבן פאַר אָט־די רעוואָלוציאָנערע פּאָטענציעלע ענערגיעס דעם בעסטן שטח, דאָס בעסטע פעלד וואו די דאָזיקע ענערגיעס אַריינצופלאַנצן. דער כאַראַקטער פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעט איז אפילו פון אָנהויב אָן געווען אַ שטאַטס־בויערישער. דער אַרבעטס־שטח איז ניט געווען באַגרענעצט — אפילו ווי אין אַמע־

ריקע — צו דער נאָדל־אינדוסטריע און פּעדלעריי. די ענערגיעס האָבן זיך געהאַט וואו אַריינצוגיסן. די קערנער האָבן געפונען אָרט וואו פאַרזייט צו ווערן. אויף אַלע געביטן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט האָבן זיך די דאָזיקע ענערגיעס צעגאָסן. דערפאַר איז געווען אַזאַ מזל וברכה אין דער אַרבעט. דערפאַר האָט געקענט אַרויסגעבראַכט ווערן פון אָט דער אידישער אַרבעטער־יוגנט אַזאַ שפע פון בויאונג און גבורה. יענע צווישן די אידישע סאָציאַליסטן, וועלכע פלעגן אין די ערשטע יאָרן פון דער פּאָלעמיק צווישן זיי און די פּועלי־ציון זיך אויסלאַכן פון געדאַנק, אַז די אידישע בחורים און מיידלעך פון ווילנער אידישער גאַס, פון קאָוונער פיש־מאַרק, פון דווינסקער קצבים־געסל וועלן עס ווערן קאָלאָניזאַטאָרן פון אַ ניי לאַנד, — זיי האָבן אומגערעכט מזלזל געווען אין די כוחות, וואָס די דאָזיקע בחורים און מיידלעך האָבן אין זיך פאַרמאָגט. זיי זיינען עס געוואָרן די קאָלאָניזאַטאָרן פער עקסעלאַנס, וואָס די געשיכטע האָט ביז זיי גאָר אַזעלכע ניט געזען. ווייל קאָלאָניזירן לענדער איז געווען פאַרבונדן מיט צווינגען שקלאַפן צו טאָן שווערע אַרבעט, מיט צווינגען פאַרברעכער פון תפיסות פאַר אַזעלכע אַרבעטן. און די אידישע אַרבעטער זיינען אָנשטאָט פון אויסערלעכן צוואַנג געטריבן געוואָרן דורך אַ גרויסן נאַציאָנאַלן און אַרבעטער אידעאַל. מיט אָט־די כוחות האָבן זיי דעם וואונדער באַוויזן. אָבער דער וואונדער איז געשען! די פּועלי־ציון זיינען אָבער זיכער באַרעכטיקט דעם טייל קרעדיט, אַז זיי האָבן פון סאַמע אָנהויב געגלויבט אין אָט־די מערקווירדיקע כוחות, וועלכע דער אידישער מאַסן־מענטש האָט אין זיך פאַרמאָגט, וואָס ערשט דורך ארץ־ישראל האָט ער פון זיך געקענט אַרויסברענגען און האָט עס טאַקע אַרויסגעבראַכט.

נאָך דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער שטראָם פון דער דריטער עליה. ווידער אַמאָל האָבן פּאַסירונגען אין אייראָפּע באַדייטנד מיטגעהאָלפן. עס איז אויפגעשטאַנען די זעלבסטשטענדיקע פּוילן, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן איר אמתן אידן־פיינטלעכן פּרצוף. עס זיינען געקומען די רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן אָנגעהויבן באַווייזן זייערע אַנטי־ציוניסטישע טענדענצן. אידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן פאַר דער צייט פאַרבונדן זייערע אייגענע לעבנס־האָפענונגען מיט ארץ־ישראל האָבן זיך גענומען אין גרויסע מאַסן ציען קיין ארץ־ישראל. די נייע פּאָליטישע באַדינגונגען פון ארץ־ישראל האָבן אין יענע יאָרן פיל פאַרשפּראָכן. אַ ריי פון קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס מיט דער באַרימטער דגניה בראש האָבן באַוויזן די פאָרמען פון אידישער קאָלאָניזאַציע, וועלכע זיינען מעגלעך אין ארץ־ישראל. דורך דער צייט האָט זיך שוין אויך באַוויזן דער טיפּ פון מושבי עובדים, וואָס שפּעטער־צו איז עס אויסגעוואָקסן צו גאָר אַ

וויכטיקן טייל פון דער אַגראַרער קאָלאָניזאַציע פון די אידישע אַרבעטער. עס איז אין דער צייט שוין אַנטשטאַנען אַ באַדייטנדיקער שטאָטיש־אינדוס־טריעלער אַרבעטער. די דריטע עליה האָט זיך אָנגעהויבן, און איינע פון די רייכסטע קאַפּיטלען פון אידישער בויאונג איז אַריינגעשריבן געוואָרן. מיט עין חרוד און נהלל אין דאָרף און תל־אביב אין שטאָט, אַלס די שפּיץ־ביי־שפּילן וואָס אידישע אַרבעטס־ענערגיע קען אויפטאָן.

דורך פאַרשיידענע היסטאָרישע סיבות האָבן די אידישע סאָציאַליסטי־שע באַוועגונגען אין די גלות־לענדער, אויסער די פּועלי־ציון, כמעט ווי דערקלערט אַ מלחמה דער נייער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. אין בעסטן פאַל האָבן די אידישע אַרבעטער־באַוועגונגען, ווי דער פאַל איז געווען אין אַמעריקע, איבערגעלאָזן דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון ארץ־ישראל צו איר אייגענעם גורל. זיי האָבן זיך באַטראַכט פאַרבונדן, ווער מער ווער ווייניקער, מיט דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון אייראָפּע. אָבער מיט ארץ־ישראל האָבן זיי ניט געוואָלט האָבן און ניט געהאַט קיין שייכות. די פּועלי־ציון אין אַמעריקע האָבן געזוכט צו ענדערן די באַציאונג. געלונגען איז עס ערשט יאָרן נאָך דער מלחמה, דורך פאַקטאָרן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט פּועלי־ציון, וועלכע זיי האָבן אָבער אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן אויסגענוצט.

די צוזאַמענלעבונג אין פּיפּלס־רעליף איז געווען אַ פאַקטאָר. דאָרטן איז פאָרגעקומען די דערנענטערונג פון אַ גרופּע אַרבעטער־טוער מיט דעם פאַר־שטאָרבענעם מאַקס פּיין בראש צו דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט געפירט צו דער גרויסער היסטאָרישער דערגרייכונג, וואָס טראָגט היינט דעם נאָמען „דער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין", מיט וועלכע די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן, לכבוד וועמעס 50־יעריקער עקזיס־טענץ דאָס דאָזיקע בוך ווערט אַרויסגעגעבן, מעג אַוודאי שטאָלצירן.

די באַזוכן פון אַ גרופּע פירער פון אידישע סאָציאַליסטן אין ארץ־ישראל, הויפּטזעכלעך דער באַזוך פון אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" און די אַרטיקלען, וועלכע די פאַרשיידענע באַזוכער האָבן דערנאָך פאַרעפנטלעכט, האָט אַוודאי געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען דאָ אין אַמעריקע צו דער ארץ־ישראל־דיקער אַרבעטערשאַפט. אָבער, נאָך מיין מיינונג, זענען מיר דאָ פאַר זיך אַ היסטאָרישע דערשיינונג, פון אומגעהויערן אינטערעס און באַדייטונג.

די ערשטע, מחוץ פּועלי־ציון, וועלכע האָבן זיך אין אַמעריקע פאַראינ־טערעסירט מיט דער ארץ־ישראלדיקער אידישער אַרבעטערשאַפט, זיינען געווען די עלטערע אידישע סאָציאַליסטן און יוניאָן־פירער. זיי האָבן גע־הערט צו יענעם דור, וואָס האָט זיך אָדער אַליין באַטייליקט אין דער וואונ־

דערבאַרער עם עולם גרופּע, אָדער זיי זיינען פון דער גרופּע דירעקט באַ־איינפלוסט געוואָרן. די עם־עולם גרופּע האָט געוואָלט טאָן אין אַמעריקע, דאָס וואָס די צווייטע און די דריטע עליות האָבן געטאָן אין ארץ־ישראל. ביידע זיינען געווען אָנגעפילט מיט דעם דראַנג איבערצובויען דאָס אידי־שע לעבן אויף פּראָדוקטיווע און סאָציאַליסטישע יסודות. פאַרוואָס די עם־עולם גרופּע איז מיט אָט די צילן דורכגעפאַלן אין אַמעריקע איז זייער אַן אינטערעסאַנטער שטודיום, וואָס געהערט אָבער ניט צו דער איצטיקער אַרבעט. דער גייסט פון דער גרופּע איז אָבער געלעגן טיף אין די נשמות פון אירע ערשטע טרעגער. און ווען צו זיי האָבן דערגרייכט די ידיעות פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, הויפּטזעכלעך די וועלכע האָבן עס אַליין געזען מיט זייערע אויגן, האָבן דאָך געמוזט דערשפּירן: אָט דאָס איז עס דאָך! אָט דאָס איז דאָך געווען דער אידעאַל, וואָס האָט אונז באַלעבט אין אונזערע נאַאיווע אָבער מער הייליקע יאָרן. זיי האָבן גע־מוזט דערשפּירן די נאָענטקייט צו אַלץ וואָס איז אין ארץ־ישראל באַשאַפן געוואָרן. זיי האָבן עס געמוזט אָנהויבן באַטראַכטן אַלס זייער אייגנס, נאָענטס. און דער היסטאָרישער שידוך האָט געמוזט געשלאָסן ווערן.

און זיי זיינען זיכער גערעכט אין דעם וואָס זיי באַטראַכטן עס אַלס זייער אייגנס. ווער קען עס אויספאָרשן יענע קאַנאַלן פון ווירקונג וואָס האָבן זייערע טראָפּנס אַריינגעשפּריצט אין די הערצער פון די יעניקע, וואָס האָבן דירעקט געטאָן די בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. די עם־עולם, ווי אַ גייס־טיק־אָנגעהויכטע גרופּע האָט אָן ספק גערעגט די ענערגיעס ביי אַ סך פון די ערשטע פּיאָנערן־בויער אין ארץ־ישראל. דער אָרגאַניזם פון אידישן פאָלקסטום האָט אין זיינע אָדערן אויך אָט דאָס עם־עולם בלוט פאַרמאָגט. דורך די אָדערן איז עס דערגאַנגען צו אַלע גלידער, דעם ארץ־ישראל גליד בתוכם. אַלע געזונטע שעפערישע כוחות האָבן זיך דאָ מיט זייערע ווירקונגען באַטייליקט. פאַר אַ קורצע צייט האָבן זיך שטראָמען פון דער אידישער אַר־בעטערשאַפט צעשפּרייט אויף פאַרשיידענע וועגן. אָפט האָבן זיי אויסגעזען קעגנעריש איינע צו די אַנדערע. דורך ארץ־ישראל ווערן זיי צוריק דער־נענטערט. עס וועט קומען דער טאָג פון אַלוועלטלעכער פאַראייניקונג פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט פון דער גאָרער וועלט. יעדע באַזונדערע גרופּע וועט ברענגען צום געמיינשאַפטלעכן אָרגאַניזם דאָס שעפערישע וואָס זי פאַרמאָגט. די פּועלי־ציון וועט קענען צוטראָגן, סיי דאָס שעפערישע וואָס זי האָט געהאָלפן בויען אין דער גאַנצער וועלט, סיי — איר גרעסטן צושטייער, דעם חלק וואָס זי האָט אַריינגעגעבן אינם אויפבוי פון דער וואונדערבאַרער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל.

פאַרעפנטלעכט אין בוך „50 יאָר פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן" אונטער דער רעדאַקציע פון ה. לאנג, דערשינען אין דעצעמבער 1938.

נחמן סירקין

אַרײַנפיר

זינט דער טויט האָט איבערגעריסן דאָס שעפערישע לעבן פון אונזער גרויסן חבר און לערער נחמן סירקין איז ניט אַריבער קיין איין וויכטיקע געשעעניש צו וועלכער ער האָט אונז ניט געפעלט. אין די שווידערלעכע טעג פון אידישן חורבן האָט ער אונז געפעלט, ווייל סירקינס נשמה האָט זיך אָמ־שאַרפסטן אָנטפּלעקט אין צייטן פון שווערע, קריטישע איבערלעבונגען. סירקינס שוואונג איז אַמהעכסטן געשטיגן אין טעג פון פאַרלאָרנקייט, ווען דער יאוש האָט אַרומגענומען די מאַסן. דאַן האָט ער אין זיך דערפילט כחות, וואָס קיין אַנדערער האָט ניט פאַרמאָגט. ער האָט דאַן געפילט די באַדערפע־ניש אַרויסצורופן אין זיך אַליין דעם גאַנצן פאַרבאָרגענעם אוצר פון בטחון, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, כדי מיט דעם אויסצופולן דעם חלל וואָס דער יאוש האָט באַשאַפן אין אַנדערע. ער האָט געזוכט אַרײַנצוברענגען פרישן מוט אין די, וואָס האָבן געהאַלטן ביים אַראָפּלאָזן די הענט; געוואָלט אויפהאַלטן די נשמה יתירה אין וואָס מער מענטשן, בעיקר אין אונזער אייגענער באַוועגונג.

פונקט אַזוי האָט ער אונז אויך געפעלט אין די גרויסע טעג פון אידישער דערהויבונג. ער האָט פאַרמאָגט די פעאיקייט אַרײַנצובליקן אין דער שאַרפער ליכט פון אַ גרויסער געשעעניש און זי אַרײַנפּאַסן אין די פּאַסיקע ראַמען פון געשיכטע; איך וואָלט געזאָגט: אין די הייליקע מאַניפעסטאַציעס פון גע־שיכטלעכן רייסן זיך צו העכערער עטיק און צו מער שלימות.

אין דער איצטיקער עפּאָכע פעלט ער אונז נאָך מער. אין אָט דעם דור פון איבערגאַנג פון איין וועלט צו דער צווייטער, ווען ליכט און פינצטערניש מישן זיך אויס; ווען עס איז אַזוי נויטיק די קלאָרקייט פון געדאַנק און נאָך נויטיקער איז די קדושה פון אינטואיציע, פון נביאיש דערשפירן וואָס עס קומט אָן און לויט דעם אָנצייכענען וואָס מען דאַרף טאָן — איצט פילן מיר יעדע מינוט ווי עס פעלט אונז נחמן סירקין.

אין דער ציוניסטישער וועלט הערשט צעטומלעניש; אין דער סאָציאַ־ליסטישער וועלט איז די אומקלאָרקייט נאָך שאַרפער;ביידע קאָנפוזיעס זײַנען אַ פּועל־יוצא ניט פון די אידייענס שוואַכקייט נאָר פאַרקערט — פון זייער שטאַרקייט; פון דעם פאַקט וואָס סיי דער ציוניזם, סיי דער סאָציאַליזם זײַנען אַרויס פון דער מדרגה פון בלויז געדאַנק, פון בלויז טעאָריע און אַריין אין דער עפּאָכע פון רעאַליזירונג, פון דורכפירונג. די רעאַלע בוי־פּראַצעסן קאָנען קיינמאָל ניט זיין אַזוי קרישטאָל־קלאָר ווי די אַבסטראַקטע טעאָריע. מוזן די באַוועגונגען פאַרמאָגן מענטשן פון קלאָרן בליק, פון שאַרפער אינטואיציע,

כדי אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון שווערע פּראָבלעמען צו געפינען דעם ריכטיקן וועג.

פעלט אונז דער סירקינשער שוואונג, די סירקינשע אינטואיציע. אין יעדן איינעם פון אונז לעבט אָבער אירס אַ פונק. דאַרף מען דעמדאָזיקן פונק אין זיך אָנהאַלטן. דער בעסטער וועג דערצו איז צו שטודירן זיינע אייגענע שריפטן. ווייס איך אָבער אַז דאָס טוען בלויז יחידים; אַז די גרויסע אידישע וועלט, אפילו די ציוניסטישע, שטודירט איצטער ניט זיינע כתבים. אפילו אין די רייען פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג שענקט מען אויך צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט דער אייגנאַרטיקייט פון סירקינס געדאַנקענגאַנג. זיין השפעה איז געווען גאָר גרויס אין דער דינער, אויבערשטער שיכט פון אָט דער באַוועגונג. אויך אונזער מאַסע האָט זיך געשפּייזט מיט אַ סך אַרויס־שטראַלונגען פון זיין גייסט. אָבער ביסלעכווייז ווערט די סירקינשע אידייען־וועלט אַלץ בלאַסער און פאַרגעסענער. פאַרלירן מיר אַלע דורכדעם גאָר אַ סך.

די ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, וועמענס ראָלע אין דער אידישער געשיכטע ווערט אַלץ גרעסער און שווערער, דאַרף זיך ווידעראַמאָל אָנ־טרינקען פונעם קוואַל פון סירקינס אידייען־וועלט. מיין באַשיידענער ביי־טראָג צו דעם ווערט געמאַכט אין די קומענדיקע קאַפּיטלען. אייניקע פון זיי זיינען געשריבן געוואָרן אין 1949 צו זיין 25סטן יאָרצייט און אייניקע אין 1954 צום 30סטן יאָרצייט. די קאַפּיטלען פאַרענדיקן זיך מיט אַ קורצער רעדע וואָס איך האָב זוכה געווען צו האַלטן, ווען זיינע ביינער זיינען געבראַכט געוואָרן צו אייביקער רו אין ישראל. די רעדע ווערט איבערגעגעבן אין העברעאיש — די שפּראַך אין וועלכער זי איז געהאַלטן געוואָרן.

א.

איבער 35 יאָר האָט זיך געצויגן די שעפערישע טעטיקייט פון נחמן סירקין אין וואָרט און שריפט. ער האָט זיינע געדאַנקען אַרויסגעבראַכט אין אַ תקופה פון אַ גרויסער גייסטיקער רעוואָלוציע אין דער אידישער גע־שיכטע. ער האָט זיי פאָרמולירט אין זייער שאַרפע ווערטער, ווייל ער האָט זיך כמעט שטענדיק געפונען אין קריג מיט אַנדערע אידישע פּערזענלעכקייטן פון זיין דור און כמעט אַלע אָרגאַניזירטע אידישע גרופּירונגען פון יענער צייט. אַפילו די באַוועגונג וואָס ער האָט באַגרינדעט האָט ניט אַלעמאָל געקענט מיטגיין מיט זיינע כאַראַקטעריסטישע שאַרפקייטן. עס איז ניט גרינג געווען נאָכצופאָלגן אים אין זיינע אַנאַליזן פון אידישן עבר און הווה, אָבער גאָר שווער איז געווען אים נאָכצופאָלגן אין זיינע נביאות פון דער צוקונפט. איבער 65 יאָר נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבן זיין שעפעריש לעבן, איז געקומען די

צייט אַריינצובליקן אין תוך פון זיינע רעיונות און פּרובירן זיי אָפּצושאַצן אין ליכט פון די אידיש־געשיכטלעכע דערפאַרונגען, אין משך פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

זיין אידייען־וועלט און זיינע פאָרמולירטע גרונט־געדאַנקען באַוועגן זיך בעיקר אויף פיר שטחים:

א. דער טעאָרעטישער שטח. דאָס שליסט איין: די מזיגה פון ציוניזם מיט סאָציאַליזם; די ווירקונג פון פּאָליטישע רעזשימען אין די גלות־לענדער אויף דער אידן־פראַגע; ארץ־ישראל אָדער סתם אַ טעריטאָריע; די אידייע פון אַ סאָציאַליסטישן אידנשטאַט; זיין קוק אויף מאַרקסיזם און זיין באַציאונג צו אוטאָפּיעס.

ב. דער פּראַקטישער שטח: פינאַנציעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע מיטלען, וואָס דאַרפן פירן צו דעם סאָציאַליסטישן אידנשטאַט און די ראָלע פון אידישן אַרבעטער אין בויען די אידישע מדינה. אין דעם דאַרף אויך אַנאַליזירט ווערן ווי ווייט גערעכט אָדער אומגערעכט ער איז געווען אין דערקלערן די סיבות פאַרוואָס אַ טייל פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט איז דעמאָלט געווען קעגן ציוניזם.

ג. זיין אָפּשאַצונג פון אידישע ווערטן, בעיקר — רעליגיע און שפּראַך.

ד. זיין באַציאונג צו געשיכטע בכלל און צו אידישער געשיכטע בפרט.

אַלע אָט די פּונקטן פאַרמעסט איך זיך ניט אויסצושעפּן. איך וויל בלויז אָנצייכענען ווי אַזוי די וויכטיקסטע פון זיינע אידייען זעען אויס אין אונזער איצטיקער עפּאָכע.

ב.

שוין אין יאָר 1888, ווען נחמן סירקין איז אַלט געוואָרן קאַרגע 20 יאָר, האָט ער — לויטן עדות־זאָגן פון דר. שמריהו לעווין, (ביידע האָבן דאַן גע־לעבט אין מינסק) — געזוכט די צונויפשמעלצונג צווישן דער אידיש־נאַציאָ־נאַלער פרייהייטס באַוועגונג דורך אידישער מדינה׳שאַפט און צווישן סאָציאַ־ליזם. ער האָט שוין דאַן געפּריידיקט דאָס צוזאַמענגיסן פון ביידע אידייען אין איינער, וואָס פאַרן אידישן פאָלק זאָל זי ווערן זיין נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע שטרעבונג.

אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז געווען רעוואָלוציאָנער און אָריגינעל, ווייסן מיר פון דעם אופן ווי ער איז אויפגענומען געוואָרן דורך די פאַרשיי־דענע גרופּירונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט געווירקט אין אידישן לעבן. מיט אַן ערך צוויי צענדליק יאָר שפּעטער זיינען מיר דאָ, אין אַמעריקע, באַגעגנט געוואָרן מיט געצנוג חוזק, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן פּריידיקן דעמזעלביקן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, וואָס האָט שוין דאַן באַקומען דעם נאָמען פּועלי־

ציוניזם. אין סירקינס בראשית האָט דער געדאַנק אויסגעזען נאָך משונה׳־דיקער אין די אויגן פון זיינע מיטצייטלער.

דער דאָזיקער געדאַנק פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מזיגה איז ביי סירקינען אַנטוויקלט געוואָרן ווי אַ רעזולטאַט פון זיין אייגענער אידייען־וועלט, פון זיין קוק אויף וועלט, איד, מענטש. אָט דער רעזולטאַט איז אָבער נאָכדעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסטשטענדיקן כוח. ער איז געוואָרן דער יסוד פון אַ נייער גרויסער באַוועגונג אין אידישן פאָלק, וואָס איז, לויט סירקינס אייגענער אויפפאַסונג, געוואָרן דער המשך פון דער אייגנאַרטיקער אידישער געשיכטע.

וואַרפן מיר אַ בליק אויף די 65 יאָר אידישע געשיכטע, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט, נאָכדעם ווי סירקין האָט אָט דעם גרונט־געדאַנק אויסגעשמידט, זעען מיר ווי ריכטיק ער האָט דעם ענין אָפּגעשאַצט. מיר זעען וואָס פאַראַ גוואַלטיקע דינאַמישקייט דער דאָזיקער רעיון האָט פאַרמאָגט. ס׳איז אַוודאי וויכטיק דער פאַקט גופא, וואָס היינט זיינען שוין דאָ זייער ווייניק מענטשן וועלכע מאַכן חוזק פון דעם געדאַנק; אָבער כדי אַרויסצוברענגען די פולע ראַלע פונעם געדאַנק און זיין גאַנצן דינאַמיזם, מוז מען באַטראַכטן דעם אופן ווי ער איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אין משך פון די פאַרגאַנגענע 65 יאָר אין גרויסע געשיכטלעכע מעשים.

אַמקלאָרסטן קען מען עס זען, ווען מען פּרובירט אין דער מחשבה זיך אַליין געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס וואָלט געווען ווען אין די לעצטע 65 יאָר וואָלטן ניט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אידישן קעגנווערטיקן לעבן, און נאָך מער אין דער ווייטערדיקער אידיש־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, די גייסטיקע און מאַטעריעלע ווערטן, וואָס די טרעגער פון אָט דעם סירקינ׳שען רעיון האָבן צוגעטראָגן? ווי גרויס וואָלט געווען דער געשאַפענער וואַקוואום, דער חלל?

און וואָלט עס געבליבן אַ חלל בלויז פון אידישער געשיכטלעכער אַנט־וויקלונג? איך דערלויב מיר צו באַהויפּטן אַז ביישפּילן, וואָס ווען נאָך אַמאָל זיך גוואַלטיק אויסווירקן אין דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט, האָט דאָס אידישע פאָלק צוגעטראָגן דער מענטשהייט דורך יענע אידישע אַרבעטער עלעמענטן, וועלכע האָבן די אַמאָל אויסגעלאַכטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע צונויפשמעלצונג געמאַכט פאַר דעם אינהאַלט פון זייערע נשמות און האָבן לויט דעם פאַרמירט זייער אייגן לעבן.

עס איז נישט מיין צוועק אויסצורעכענען אַלע גייסטיקע און מאַטעריעלע דערגרייכונגען. איך ברענג דאָ אַרויס נאָר איינע — די וויכטיקסטע דער־גרייכונג: די קאָאָפּעראַטיווע אַגראַר־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. היינט באַמיען זיך אויך אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען צו בויען קיבוצים און

קבוצות. עס טוט עס אַפילו אַ ניט־ציוניסטישע גרופּירונג, די פּועלי־אגודת־ישראל. אָבער הורתו ולידתו פון אָט דעם גרויסן צושטייער צו דער אידישער און מענטשלעכער געזעלשאַפט איז געווען אין שויס פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צענדליקע יאָרן איז די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג געווען די איינציקע אויף דעם שטח. און אַפילו היינט, ווען זי איז שוין ניט די איינציקע, שטעלט זי נאָך אַלץ פאָר מיט זיך דעם חוט השדרה פון דעם גאַנצן קיבוצישן המשך. דער פאַקט וואָס אַנדערע האָבן אויך אָנגעהויבן גיין אויף דעם זעלביקן וועג איז נאָר אַ באַשטעטיקונג פון דעם גרויסן היסטאָרישן ביישטייער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

און אָט־די גרויסע דערגרייכונג איז דערמעגלעכט געוואָרן ניט דורך די טרעגער פון סתם ציוניזם, אָדער דורך די טרעגער פון סתם סאָציאַליזם. דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן נאָר דורך דער צונויפשמעלצונג פוןביידע אידייען אין איין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער שאַפונג. דער וויזיאָנער פון אָט דער צונויפשמעלצונג איז געווען נחמן סירקין, ע״ה.

דער אמת פון דעם וויכטיקסטן, טעאָרעטישן סירקין־ביישטייער צו דער מאָדערנער אידישער אידייען וועלט איז, בכן, דורך די 65 יאָר געשיכטע, פולשטענדיק באַשטעטיקט געוואָרן.

ג.

די באַשטעטיקונג פונעם דאָזיקן אמת האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אויסערגעוויינטלעכע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פאַר אונזער ווייטערדיקן לעבן. עס איז אָבער אויך באַשטעטיקט געוואָרן סירקינס אַ צווייטער פּראָגנאָז — באַשטעטיקט געוואָרן נאָך שאַרפער ווי סירקין האָט עס פאָראויסגעזאָגט. אָט־די באַשטעטיקונג האָט צו פּאָזיטיווע שעפערישקייטן ניט געפירט; זי האָט בלויז געגעבן אַ געשיכטלעכע לעקציע אין וועלכע מיר האָבן זיך גע־נייטיקט. איך האָב אין זינען סירקינס נעגירונג פון דער איינשטעלונג, אַז דורך די ענדערונגען פון פּאָליטישע רעזשימען אין די גלות־לענדער קען פאַרענטפערט ווערן די אידן־פראַגע.

אין אָט־דער האָפענונג האָבן זיך אָנגעכאַפּט סיי אידישע בירגערלעכע עלעמענטן, סיי אידישע סאָציאַליסטן. די לעצטע, נאָכמער ווי די ערשטע, ווייל זיי האָבן געטראַכט וועגן פּאָליטישע ענדערונגען אין טערמינען פון אויפ־געשטעלטע סאָציאַליסטישע רעזשימען. נחמן סירקין האָט כסדר באַגרינדעט דעם געדאַנק, אַז די אידן־פּראַגע איז אַ גאָר־גאָר אייגנאַרטיקע; אַז דורך געענדערטע רעזשימען קען די עצם גלות־לאַגע פון אידישן פאָלק ניט גע־ענדערט ווערן; אַז אַפילו סאָציאַליסטישע רעזשימען קענען די אידן־פראַגע ניט פאַרענטפערן. דערביי האָט סירקין ניט נעגירט די נויטווענדיקייט צו

קעמפן פאַר ענדערונגען אין די רעזשימען. פאַרקערט, ער איז אין דעם פרט — ווי אין אַלע זיינע דערקלערונגען — געווען זייער עקסטרעם פאַר דער באַ־טייליקונג פון אידן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און רוסלאַנד האָט דאַן אין זיך איינגעשלאָסן סיי פוילן, ליטע, ווייס־רוסלאַנד, וואָלין און בעסאַראַביע, וואו עס האָבן געלעבט מאַסן אידן. צוזאַמען מיט די אידן פון גרויס־רוסלאַנד איז זייער צאָל געווען אַרום זעקס מיליאָן. זיי אַלע האָט סירקין גערופן זיך צו באַטייליקן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד. ער האָט אָבער גלייכצייטיק געוואָרנט קעגן דער אילוזיע צו דער־וואַרטן פון דער רעוואָלוציע די אידישע נאַציאָנאַלע גאולה. זי איז, לויט סירקינס מיינונג, געלעגן גאָר אויף אַן אַנדער שטח פון צווישן־מענטשלעכע און צווישן־פעלקערלעכע באַציאונגען.

קיין ענדערונג אין רעזשים קען ניט ענדערן דעם אידישן מינדערהייט־סטאַטוס, אַפילו אַ סאָציאַליסטישער רעזשים קען אים ניט ענדערן. ווען איך וועל צוקומען צום פונקט וועגן סירקינס אָפּשאַצונג פון אידישע ווערטן, וועט האָפנטלעך מיר געלינגען צו באַווייזן ווי פאַלש עס איז די אָנגענומענע מיינונג, לויט וועלכער סירקין האָט באַהויפּטעט אַז אין גלות קענען אידן ניט זיין שעפעריש. סירקין האָט אָבער טיף באַנומען די גייסטיקע אַנטוויקלונגען אויף דער וועלט, וועלכע שטעלן אין געפאַר די וויטערדיקע אידישע שעפערישקייט, אויב דאָס אידישע פאָלק וועט בלייבן שטאַטנלאָז. דעריבער קען, לויט סיר־קינס אויפפאַסונג, די אידישע פראַגע ניט פאַרענטפערט ווערן דורך געבן אידישע יחידים גלייכע רעכט, וואָס דאָס איז אַלץ וואָס געענדערטע רעזשימען אין די גלות־לענדער קענען דערגרייכן. פאַרענטפערן די אידן־פראַגע קען מען נאָר דורך אויסגלייכן דעם סטאַטוס פון אידישן פאָלק, ווי אַ פאָלק, מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט. דאָס קען געשען איינציק און אַליין דורך פאַר־זיכערן פאַרן אידישן פאָלק אַ באַזונדערע מדינה, וואו עס זאָל ווערן דער בעל־הבית איבער זיין אייגענעם גורל און ניט אַן אָביעקט פון דער באַציאונג פון אימיצן אַנדערש צו אים, צי דאָס זאָל זיין אַ באַציאונג צום שלעכטן אָדער אַפילו צום גוטן. אַ געענדערטער בעסערער רעזשים קען פאַרזיכערן אַ בע־סערע און גערעכטערע באַציאונג צו אידישע יחידים; עס קענען אפשר אויך דערגרייכט ווערן געוויסע מינדערהייט־רעכטן, פאַר וועלכע סירקין האָט אויך געקעמפט. אויך אָט די רעכט זיינען אָפּהענגיק פונעם חסד פון אימיצן אַנדערש, וואָס דאַרף די רעכט געבן. און ווער עס גיט קען אויך צוריקנעמען. די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון אידישן פאָלק קען דעריבער אַ געענדערטער רע־זשים ניט לייזן.

אויך אַ סאָציאַליסטישער רעזשים קען ניט געבן וואָס ער פאַרמאָגט ניט; אויך ער קען ניט ענדערן דעם מינאָריטעט־סטאַטוס פון אידן. כדאי צו

פאַרצייכענען, אַז אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט זיינען געווען אייניקע אי־דישע סאָציאַליסטן וואָס האָבן געהאַפט, אַז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע וועט דאָס נייע רוסלאַנד דאַרפן העלפן אידן אויפבויען אַ אידישע טעריטאָריע אין רוסלאַנד גופא. אין יאָר 1905 האָט אָט דעם געדאַנק אַנטוויקלט דאָ, אין אַמעריקע, דר. חיים זשיטלאָווסקי, אין איינער פון זיינע ערשטע לעקציעס. די מערסטע דעמאָלטיקע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען נאַטירלעך געווען פייערדיקע אונטערשטיצער פון דער רוסי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן שטאַרק באַקעמפט דעם דאָזיקן גע־דאַנק. זיי האָבן געטענה׳ט, אַז נאָך דער רעוואָלוציע וועלן די אידן קיין אייגענע טעריטאָריעס בכלל נישט דאַרפן, ווייל די רעוואָלוציע וועט אויך פאַר זיי ברענגען די גאולה. די אידן — האָבן זיי געטענהט — טאָרן זיך נישט סעפאַ־רירן פון אַלגעמיין־רוסישן לעבן נאָך דער רעוואָלוציע. די דאָזיקע זיינען געווען אידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, וואָס די אידישע נאַציאָנאַלע פראָבלעם האָט זיי בכלל ניט אינטערעסירט. אָבער געווען אַזעלכע אידישע סאָציאַליסטן, וועמען עס האָט שטאַרק אינטערעסירט דער גורל פון אידישן פאָלק ווי אַ פאָלק, און ניט בלויז דער גורל פון אידישע יחידים; אויך זיי האָבן געמיינט אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט קענען פאַרענטפערן אויך די אידישע פאָלקס־פראַגע. ווי אַזוי? — דורך אַ אידישע מדינה אין רוסלאַנד. זיי האָבן געמוזט קומען צום געדאַנק, אַז די אידישע נאַציאָנאַלע פראַגע קען געפינען איר לייזונג נאָר אין אייגענער מלוכהשאַפט. ווען דאָס וואָלט געקענט דורכגעפירט ווערן — און איך גיי איצטער ניט אַריין אין די סיבות פאַרוואָס דער בירא־בידזשאַן פאַרזוך האָט געמוזט זיין אַ דורכפאַל — וואָלט עס גע־מיינט, אַז ניט די ענדערונג פון רעזשים האָט געלייזט די אידן־פראַגע, נאָר דער נייער סטאַטוס פון אידישן פאָלק, וואָס ער וואָלט דאַן באַקומען. און אין דעם איז טאַקע געלעגן דער תוך געדאַנק פון ציוניזם, פאַר וועלכן סירקין האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט.

וואָס דערציילן די לעצטע 65 יאָר וועגן דעם פונקט?

אַלע רעזשימען פון דעמאָלטיקן אייראָפּע האָבן זיך געענדערט. עטלעכע פון זיי באַטראַכטן זיך אַליין ווי סאָציאַליסטישע. ס׳איז גענוג זיך צו פאַר־טראַכטן בלויז איין מאָמענט, כדי זיך צו איבערצייגן אַז סירקינס פראָגנאָז איז באַשטעטיקט געוואָרן: אַז געענדערטע רעזשימען קענען ניט לייזן די אידישע פראַגע.

טאָמער טראַכט ווער־עס־איז, אַז מען קען ניט נעמען די איצטיקע לאַגע ווי אַ באַווייז, ווייל קיינער האָט ניט געקענט פאָראויסזען די היטלער־קאַטאַסטראָפע, — וואָלט איך געקענט ציטירן אייניקע זאַצן פון סירקינס שאַרפע פראָגנאָזן (וואָס אפילו זיין באַוועגונג האָט זיי אין דער פאָרם ניט

געוואָלט אָננעמען), כדי צו באַווייזן אַז דווקא סירקין האָט געאָנט די קאַטאַ־סטראָפע, וואָס קלייבט זיך אויפן אייראָפּעאישן אידנטום; אַז אויך מחמת אָט דער פּאָראַנונג האָט ער זיך אָנגעשטויסן ניט נאָר אויף חוזק, נאָר אויך אויף אַ גוואַלטיקן צאָרן מצד פיל קעגנער און אַמאָל אַפילו פון אייגענע חברים. איך מיין אָבער נישט צו באַנוגענען זיך מיט אָט דעם אַרגומענט. מיר שיינט, אַז די געשיכטע פון די גאָר לעצטע יאָרן אונטערשטרייכט נאָך שאַרפער אָט דעם סירקין־פּראָגנאָז.

די אידישע באַפעלקערונג אין די לענדער, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו רוסלאַנד, זיינען דאָך באַדייטנדיק קלענער געוואָרן. דאָס האָט דאָך גע־דאַרפט מאַכן גרינגער פאַר די דאָזיקע מדינות צו געפינען לייזונגען פאַר די פּראָבלעמען פון זייערע אידן. זיינען די רפואות געפונען געוואָרן? זיינען די ווייטיקן געלינדערט געוואָרן? און דאָס איז דאָך אַלץ גערעדט וועגן פּראָב־לעמען פון אידישע יחידים און גרופּן, וואָס אַפילו סירקין מיט זיינע חברים האָבן אויך דערוואַרט, אַז די געענדערטע רעזשימען וועלן זיי קענען פאַר־ענטפערן. די עצם פראַגע, די נאַציאָנאַלע פראַגע, די אויסגלייכונג פון דעם סטאַטוס פון אידישן פאָלק מיט אַנדערע פעלקער — וועגן דעם האָבן די נייע רעזשימען אַפילו ניט אָנגעהויבן צו טראַכטן. די „סאָציאַליסטישע" רעזשימען האָבן נאָך געשאָטן זאַלץ אויף אונזערע וואונדן, דורך באַטראַכטן דאָס סאַמע שטרעבן צו אַזאַ נאַציאָנאַלע לייזונג ווי אַ פאַרראַט קעגן זייער „סאָציאַליזם".

און אַפילו די נייע רעזשימען, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אין ענגלאַנד, אין יענעם לאַנד, וואו ס'איז געווען אַ גאָר באַדייטנדיקע צאָל שטאַטסמענער, וועלכער האָבן יאָ געזוכט די לייזונג פון דער אידישער פראַגע אין אייגענער מדינהשאַפט — האָט דאָרט די סאָציאַליסטישע לייבאָר־רעגי־רונג אַרויסגעוויזן אַ טיפערע פאַרשטענדעניש פאַר דער אייגנאַרטיקער אי־דישער פּראָבלעם? ווען זיי האָבן געהאַלטן, אַז די התחלות וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין „זייער" ארץ־ישראל, צו באַשאַפן דאָרט אַ באַזע פאַר דער לייזונג פון אונזער נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, קומען אין קאָנפליקט מיט זייערע רעזשים־אינטערעסן, האָבן זיי זיך דען אָפּגעהאַלטן פון פאַרהאַגלען אונז מיט „ווייסע (שוואַרצע) פּאַפּירן" און זיינען זיי דען ניט דערגאַנגען צו בעוויניסטישער גראָבקייט?

ווען מען וויל ניט פאַרמאַכן די אויגן צו היסטאָרישע פאַקטן, מוז מען זאָגן: די לעצטע 65 יאָר האָבן, לײדער, באַשטעטיקט אָט דעם סירקין פּראָגנאָז אין אַ מאָס, וואָס אַפילו סירקין אַליין האָט זיך ניט דערלויבט אַרויסצוזאָגן.

ד.

בנוגע ארץ־ישראל אָדער אַ טעריטאָריע, האָט סירקין איינציקע יאָר גע־בלאָנדזשעט. צוזאַמען מיט אים האָבן מיטגעבלאָנדזשעט אַ גרויסע צאָל חברים, איינשליסנדיק דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות. די זוכענישן האָבן געדויערט אינגאַנצן עפּעס מער ווי פיר יאָר. דאָס דאָזיקע בלאָנדזשען פון נחמן סירקין האָט, לײדער, אַוועקגעפירט אַ גרויסע צאָל פון זײנע אָנהענ־גער אויף קרומע וועגן. פיל פון זיי זיינען שוין צוריק ניט געקומען. די אָפּ־שאַצונג וועגן פאַרנעם פון אָט־דעם שאָדן וועלן קענען געבן נאָר די קומענ־דיקע היסטאָריקער. מיין אויפגאַבע איז ניט צו מינימיזירן די באַדייטונג פון יענעם היסטאָרישן טעות. איך בין אויך ניט גענוג אָביעקטיוו בנוגע אָט־דעם ענין. דאָך שיינט מיר אַז ס'איז באַרעכטיקט אַרויסצוברענגען אַ פּאָר געדאַנקען וועגן יענע אַנטוויקלונגען, נישט לשם התנצלות, נאָר צוליב גע־שיכטלעכן אמת, בעיקר כדי מיר זאָלן קענען בעסער אָפּשאַצן די סיבות וואָס האָבן גורם געווען, אַז נחמן סירקין זאָל באַגיין אָט־דעם היסטאָרישן טעות.

איך האָב אַמאָל שריפטלעך באַהויפּטעט, אַז אפשר האָט דאָ דער צוויבער פון דער הערצל פּערזענלעכקייט געשפּילט די הויפּט־ראָלע. סירקינען האָט די דערשיינונג הערצל אַריינגעבראַכט אין געוואַלטיקער התפּעלות. ער האָט אין אים תיכף דערשפּירט דעם שליח פון דער אידישער געשיכטע. סירקין איז געווען גוואַלטיק אַנטוישט אין דער דעמאָלטיקער „חיבת ציון" און האָט מיט צאָרן באַקעמפט אויך דעם אחד־העמ'יזם, וואָס האָט באַהויפּטעט, אַז צו די צרת־היהודים דאַרפן די אידן זוכן זייער רפואה אויף די ערטער וואו זיי לעבן און אַז ארץ־ישראל קען זיך נאָר פאַרמעסטן צו לייזן די צרת־היהדות. אין דעם האָט סירקין געזען אַן אָפּלייקענונג פון דעם הויפּט־שטרעבן פון ציוניזם: אויסצוגלייכן דעם סטאַטוס פונעם אידישן פאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. פּלוצלונג איז דערשינען הערצל מיט דעם מלוכה־געדאַנק און סירקין האָט אין אים דערשפּירט דעם אמתן שליח פון פאָלק. דעריבער, האָב איך גערעכנט, האָט הערצלס גלאַנץ פאַרטונקלט אויף אַ קור־צער צייט דעם היסטאָרישן קוק פון סירקין.

איבערלייענענדיק נאָכאַמאָל די וויכטיקסטע סירקין־שריפטן, האָב איך אויסגעפונען, אַז איך האָב צופיל אויסגעשטעלט אויף דעם הערצל מאָמענט. שוין אין 1901, אַ פּאָר יאָר איידער דער אוגאַנדע פּראָיעקט איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן, רופט סירקין די אידישע יוגנט צווישן אַנדערן:

„אָפּצואוועגדן די כאַאָטישע אידישע עמיגראַציע, די אייביקע אידישע וואַנדערונג אין איין טעריטאָריע פאַר דער פאַרמירונג פון אַ אידישער מלוכה אויף סאָציאַליסטישע יסודות. די טעריטאָריע — דאָס איז דאָס

אַלטע אידישע לאַנד, ארץ־ישראל, און די נאָכבאַר לענדער, וועלכע גע־
פינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון ענגלאַנד, ווי ציפערן און סיני״.
(דערשינען אין רוסיש אין יאָר 1901).

דערפון קענען מיר דרינגען צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז שוין דאַן האָט סירקין געטראַכט אין טערמינען ניט בלויז פון ארץ־ישראל, נאָר אויך פון שכנותדיקע לענדער; צווייטנס — די אונטערשטרייכונג „וועלכע געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון ענגלאַנד״. האָבן מיר דאָ ניט בלויז אַ וואונק אויף קאָנצענטראַציע אויך אין שכנותדיקע לענדער, נאָר אויך אַ באַגרינדונג — ווייל זיי געפינען זיך אונטער ענגלאַנד. סירקין האָט, בכן, צוגעשריבן צו ענגלאַנדס הערשאַפט איבער דער קומענדיקער אידישער טעריטאָריע אַ וויכ־טיקע פּאָליטישע באַדייטונג. דער פּאָליטישער חשבון: פּאַרצוציען ענגלאַנד איבער טערקיי האָט בכן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין פאָרמירן סירקינס שטעלונג אין אָט דער פראַגע.

דער שאַרפער חוש פון אידישער געשיכטע האָט אים צוגעשמידט צו דער אידייע פון ארץ־ישראל. ער דערלויבט זיך דאַן איבערצוטרעטן די גרע־נעצן פון ארץ־ישראל און אָננעמען די שכנותדיקע לענדער, ווייל זיי זיינען נאָענט צו ארץ־ישראל. אָבער דער פּאָליטישער מאָמענט — ענגלאַנד — שפּילט דערביי אַ דאָמינירנדיקע ראָלע. ביסלעכוויז ווערן פאַר אים, פונקט ווי פאַר הערצלען, קלאָר די פּאָליטישע קאָמפּליקאַציעס מיט טערקיי. די האָפ־נונג ווערט נאָר מער קאָנצענטרירט אויף ענגלאַנד. ווען דער אוגאַנדע פאַר־שלאָג איז געקומען איז ער דעריבער פּסיכאָלאָגיש געווען גרייט צו געבן אַ פאַרצוג די פּראַקטישע מדינה־מעגלעכקייט אונטער ענגלאַנד איבער דער היסטאָרישער בענקשאַפט וואָס האָט פאַרבונדן יעדער אידיש האַרץ מיט ארץ־ישראל, בפרט אַז די שטענדיק־וואַקסנדיקע אידישע נויט האָט געפאָדערט אַ שנעלע רעטונג.

לייענענדיק פון דאָס ניי סירקינס שריפטן האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך אַ מאָמענט, וואָס האָט זייער באַוועגט סירקינס נשמה. אין זיינע פרעכטיקע עסייען וועגן עפּאָכן אין דער אידישער געשיכטע, שרייבט ער אויך וועגן דער אידישער רענעסאַנס אין אַראַבישן שפּאַניע. נאַטירלעך פאַרנעמט אין דעם עסיי אַ וויכטיקן אָרט רבי חסדאי אבן שפרוט, וועמען סירקין באַ־טראַכט „טיפּיש און כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן אידנטום אין אַראַביש־שפּאַנישן כאַליפאַט״. ער שילדערט אים ווי אַ געלערנטן און שטאַטסמאַן און אין דער זעלביקער צייט אַ הייסער אידישער פּאַטריאָט. דער כאַליף פון קאָרדאָוואַ מאַכט אים פאַר זיין הויפּט מיניסטער און ער צייכנט זיך אויס דורך זיינע דיפּלאָמאַטישע פעאיקייטן. ער איז בכן אַרויפגעשטיגן צו באַ־דייטנדיקע הויכן. חסדאי אבן שפרוט דינט טריי דעם אַראַבישן כאַליף, דער

שורש פון זיין האַרץ וואָרצלט אָבער אין אידנטום און אין אידישע אינטערעסן.

חסדאי אבן שפרוט דערוויסט זיך וועגן דער עקזיסטענץ פון דער אי־דישער כאַזאַרן מלוכה. ציטירט סירקין חסדאיס בריוו צום קעניג יוסף פון די כאַזאַרן (לויט דעם ספר הכוזרי פון רבי יהודה הלוי), דורך וועלכן רבי חסדאי וויל דערגיין וויפל אמת ס'איז פאַראַן אין קלאַנג וועגן דער אידישער מלוכה. דער ציטאַט, וואָס סירקין קלייבט אויס — לויט מיין מיינונג, ניט צו־פעליק — איז דורכגעדרונגען מיט טעריטאָריאַליסטישער קדושה, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן. די ציטאַט לייענט זיך:

איך וויל פאָרשן און דערוויסן זיך דעם אמת, אויב ס'איז פאַראַן אַן אָרט וואו עס איז פאַראַן אַ מלוכה אין אידישן גלות און מען געוועלטיקט ניט איבער זיי. וואָלט איך געוואוסט אַז דאָס איז אמת, וואָלט איך מואס געווען אין מיין כבוד, איך וואָלט פאַרלאָזן מיין גרויסקייט און מיין משפחה און וואָלט געגאַנגען פון באַרג צו באַרג, אויף ים און יבשה, ביז איך וואָלט גע־קומען צום אָרט, וואו מיין האַר, דער קעניג רוט, צו זען זיין גרויסקייט.

אויך דאָס איז אידישע געשיכטע. אויך אָט דער מערקווירדיקער פאַל האָט באַווירקט סירקינס נשמה. איך מיין אַז אָט די צוויי ציטאַטן גיבן אַ טיפן אַריינבליק אין יענע פּראָצעסן, וואָס האָבן סירקינען דערפירט צום טעריטאָ־ריאַליזם. גאַנץ נאַטירלעך אַז דער הערצל צויבער האָט אויך מיטגעווירקט.

ווען די פּאָליטישע ענדערונג אין טערקיי איז געקומען, איז דער פּאָליטי־שער פאָרצוג פאַר ענגלאַנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די אייניקע פּרוכטלאָזע פאַר־זוכן צו זוכן אַ טעריטאָריע אויסער ארץ־ישראל, האָבן דעם טעריטאָריאַליס־טישן צויבער גופא באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט. דאַן האָט ווידער גענומען די אוי־בערהאַנט די היסטאָרישע פאַרבונדנקייט מיט ארץ־ישראל און סירקין קערט זיך צוריק אום צו דער באַוועגונג, וואָס ער האָט דער ערשטער באַגרינדעט.

איז די בלאָנדזשעניש געווען אַ טראַגישער אָבער פאַרבייגייענדיקער צופאַל אין סירקינס לעבנסוועג. דער ניט־דווקא־ארץ־ישראל פעריאָד איז גע־ווען אַ קורצער. דער אמת אָבער פון עצם געדאַנק פון טעריטאָריאַליזם איז אין די 65 יאָר אידישע געשיכטע באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אויפשטעלונג פון דער אידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

ה.

איידער איך גיי איבער צום אַנאַליז פון די אַנדערע פּונקטן פון סירקינס אידייען־וועלט, מיין איך, אַז צוליב מער קלאָרקייט, וועט זיין בעסער צו באַ־האַנדלען דעם לעצטן פּונקט, וואָס איך האָב פאָרמולירט אין פריערדיקן קאַפּיטל: סירקינס באַציאונג צו געשיכטע בכלל און אידישער געשיכטע

בפרט. איך מיין, אַז אין דעם פּונקט איז קאָנצענטרירט די צענטראַלע אידייע פון סירקינען, די אידייע וואָס האָט אים געבראַכט צו זיינע מחשבות בכלל און צו זיינע בראשית׳דיקע אויפטואונגען בפרט.

אין געשיכטע בכלל זעט סירקין דאָס כסדר׳דיקע שטייגן פון דעם מין מענטש. געשיכטע איז פאַר אים ניט אַ רייע פון פּאַסירונגען אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט די אָדער יענע אין דער געשיכטע פאַרבליבענע פיגורן, נאָר ער זעט אין געשיכטע דעם אייביקן גערּאַנגל פון דעם מענטשלעכן גייסט פאַר פאַרפולקאָמונג. דאָס זעט ער ניט בלויז אין יענע ספערן וואו בלויז דער גייסט הערשט: אין ספערן פון קולטור אין אַלע פאָרמען. ער זעט עס אויך אַפילו אין די שווערסטע געשיכטלעכע קאַפּיטלעך, די בלוטיקסטע, די וואָס שילדערן מלחמות צווישן פעלקער. אויך זיי באַטראַכט סירקין פון דעם זעל־ביקן קוק־ווינקל. אַוודאי פאַרדאַמט ער מלחמות און וואָס סירקין האָט פאַר־דאַמט, האָט ער עס געטאָן מיטן פולן מויל. דאָך האָט ער קיינמאָל ניט פאַר־געסן צו דערגריבלען זיך צו די נשמה־מאָטיוון, וואָס — לויט אים — זיינען זיי געווען פאַקטאָרן אַפילו אין די בלוטיקסטע געשיכטלעכע געשעענישן. אויך צו די מלחמות וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זיין לעבנס־צייט האָט ער זיין שטעלונג פאָרמולירט לויט דעם ווי ער האָט אויפגעפּאַסט זייער געשיכט־לעכן געראַנגל פון שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן שטייגן צו העכערער פול־קאָמענקייט.

עס וואָלט מיר פאַרפירט צו ווייט ווען איך זאָל פּרובירן אָנווייזן פון זיינע שריפטן זיין באַציאונג צו געשיכטע בכלל. איך מיין אָבער, אַז ווען מיר וועלן כאַפּן אַ בליק אויף זיין באַציאונג צו אידישער געשיכטע, וועט אויך קלאָרער ווערן זיין באַציאונג צו געשיכטע בכלל. דערביי רעכן איך, אַז אויך זיין צענטראַלע אידייע וואָס האָט אים באַוועגט וועט דורכדעם קלאָר ווערן, די צענטראַלע אידייע וואָס האָט אויסגעפאָרעמט די סירקין־פּערזענ־לעכקייט. זיינע מחשבות און זיינע טאַטן זיינען נאָך סיי־ווי ניט געקומען צו זייער פולער אויסווירקונג און פולער פאַרווירקלעכונג. וועגן זייער געשיכט־לעכער באַדייטונג וועלן נאָך אויך קומענדיקע דורות דאַרפן און קענען געבן זייערע אָפּשאַצונגען. די סירקינשע פּערזענלעכקייט איז שוין אָבער אַ פאַר־ענדיקטע דערשיינונג. זי קען שוין אַנדערש ניט איבערגעשריבן ווערן. דעריבער קען שוין היינט געמאַכט ווערן דער פּרואוו אַרויסצובריינגען די צענטראַלע קראַפט וואָס האָט באַוועגט זיין נשמה און האָט פאָרמירט זיין פּערזענלעכקייט.

וואָס איז געווען די דאָזיקע גייסטיקע קראַפט? וועלכער צענטראַלער פּונקט פון סירקינס אידייען־וועלט האָט עס אים אַזוי באַהערשט און האָט אַרויסגערופן אין אים שעפערישע כוחות?

ו.

סירקינס צענטראַלע אידייע קען, ווי מיר שיינט, אַזוי פאָרמולירט ווערן: אַלע שעפערישע פעלקער פון דער מענטשהייט האָבן אַ חלק אין דער אַל־מענטשלעכער קולטור. יעדעס פאָלק טראָגט צו, דורך זיין שעפערישער אייגנאַרטיקייט, אַ ציגל צו דער געביידע פון דער וועלט־קולטור. דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן קולטור־אוצר וואָס באַרייכערט זיין אייגענעם לעבן און דערמעגלעכט אים צוצוטראָגן אַ גרויסן שטייער צו דער קולטור פון דער מענטשהייט. די הויפּט־יסודות פונעם אידישן קולטור־אוצר זיינען: סאָציאַלע גערעכטיקייט און מענטשלעכע קדושה. כדי צו פאַרזיכערן זיין קולטור־אוצר און נאָך אים באַרייכערן, מוז דאָס אידישע פאָלק פירן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן אין זיין אייגענער מדינה. פון אָט דעם געדאַנקען־גאַנג וואַקסן אַרויס צוויי צילן: די זאָרג פאַרן עצם קיום פון אידישן פאָלק און דאָס אויפבויען די אידישע מדינה אויפן באַזיס פון סאָציאַלער גערעכטקייט און מענטשלעכער קדושה.

זיינען גאַנץ פאַרשטענדלעך די צוויי צילן. פאַר אידן גופא איז דער ערשטער ציל אַ פשוטער קאַמף פאַר עקזיסטענץ פונקט ווי אַנדערע פעלקער קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ; פאַר דער מענטשהייט איז עס אַ קאַמף ניט אויסצולייזיקן דעם גרויסן אַלוועלטלעכן קולטור־אוצר פון דעם ספּעציעלן קולטור־שטייער פון אידישן פאָלק. דער צווייטער ציל איז אויך פשוט: אָן אַ אידישער מדינה שטייט אין געפאַר די פרייע שעפערישקייט פון אידישן פאָלק, וואָס מוז אין גלות מאַכן פשרות מיט פרעמדע קולטור־איינפלוסן. אָבער פון וואַנען לערנט ער וועגן דער אויסערגעוויינלעכער אייגנאַרטיקייט פון אידישן פאָלק?

ער לערנט דירעקט פון דער אידישער געשיכטע. אין אַ רייע פון עסייען וועגן די פאַרשיידענע תקופות אין דער אידישער געשיכטע שילדערט ער פאַר אונז דאָס כסדר׳דיקע גייסטיקע שטייגן פון אידישן פאָלק אין דער מענטשלעכער געשיכטע. ער באַווייזט אַז פון דעם ערשטן אַרויפגייען אויף דער אַלמענטשלעכער קולטור־אַרענע און אין אַלע צוזאַמענשטויסן מיט די קולטורן פון אַנדערע פעלקער, האָט דאָס אידישע פאָלק אַלעמאָל און אומעטום פאַרטראָטן דעם געדאַנק פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און האָט זיך שטענדיק געצויגן צו עטיק, צו יושר, צו צדק און צו קדושה.

זיינע שילדערונגען הויבט ער אָן מיט דער אידישער אור־געשיכטע.

אַלע פעלקער, וועלכע די מענטשהייט קען היינט, זיינען אַרויסגעוואַקסן פון אור־געשיכטלעכע שבטים. אין זייער אור־געשיכטע האָבן כמעט אַלע שבטים געלעבט אַ מדבר לעבן. זייערע סאָציאַלע באַציאונגען זיינען געווען

נאַאיוו־סאָציאַליסטישע. זיי האָבן אַלע גלייך געהאַרעוועט אַרויסצוברענגען זייער חיונה פון דער ערד. אין זייערע ווייטערדיקע אַנטוויקלונגס־שטאַפּלען — איבערגייענדיק פון אור־געשיכטע צו געשיכטע — הויבן זיך אָן פאַרמירן באַזונדערע גרופּן מיט באַזונדערע אינטערעסן. עס הייבן זיך אָן אַנטוויקלען רייכערע און אָרעמערע. און שוין אויף אַט דער סטאַדיע פון אַנטוויקלונג הייבן אָן זיך צייכענען די קאָנטורן פון דער אַנדערשקייט פון דעם שבט פון וועלכן אידן שטאַמען און די שבטים פון וועלכע עס שטאַמען אַנדערע פעלקער. די לעצטע גיבן זיך גרינג אונטער די נייע אַנטוויקלונגען. זיי נעמען אָן די „קלאַסן״־פאַנאַנדערטיילונג אָן אַ פּראָטעסט, זיכער אָן אַ קאַמף. דער שבט פון וועלכן עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס אידישע פאָלק האָט זיך די נייע באַ־דינגונגען ניט אונטערגעגעבן און האָט געפירט אַ קאַמף קעגן זיי. דעם גייסט פון סאָציאַלער גלייכקייט פון דער מדבר־עפּאָכע האָט דער אידישער שבט אויפגענומען ווי אַ גרויסע אידייע, ער האָט אים פאַרוואַנדלט אין דעם סאַמע זין פון זיין עקזיסטענץ. און פון דער אור־געשיכטע ביז אונזערע היינטיקע טעג לעבט און ווירקט אַט דער גייסט אין דעם אידישן פאָלק.

סירקין רעכנט אויס אידישע לעגענדעס, יענע לעגענדעס וואָס האָבן אַריבערגעפירט דעם אידישן שבט פון אור־געשיכטע אין געשיכטע אַריין, כדי צו באַשטעטיקן די כסדר׳דיקע פאַרוואָרצלונג פון אַט דער ספּעציעל־אידישער כאַראַקטעריסטיק. בעיקר זעט ער עס אין דער קין־הבל־לעגענדע. ער זעט דעם אָנהייב פון יענער „קלאַסן״ צוטיילונג צווישן דעם אומשולדיקן מדבר׳דיקן הבל, און צווישן קין׳ען, וועלכער זוכט שוין מאַכט, וואָס זאַמלט שוין אייגנטום. די אידישע לעגענדע שטעלט זיך אינגאַנצן אויף דער זייט פון דעם אומשולדיקן צדיק הבל און קעגן דעם רשע קין.

ז.

אַרויספירנדיק אַנדערע לעגענדעס, וואָס כמעט אַלע האָבן דיזעלביקע טענדענץ, דערפירט סירקין צום געדאַנק, אַז פון אַט דעם אָנהייב האָט זיך אַרויסגעוויקלט די אידישע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע קולטור. ער קומט צו דער אידישער נבואה, וואָס ווערט, לויט אים, געשפּייזט פון דעם זעלביקן גייסטיקן אָנהייב. די אידישע נבואה קעמפט, דורך שמואל הנביא, קעגן אויפשטעלן אַ מלוכה פאַרן אידישן פאָלק, ווייל די נבואה זעט אין איר אָן אַנטוויקלונגס־שטאַפּל וואָס גראָבט אונטער סאָציאַלע גלייכהייט און פירט צום היפך, צו סאָציאַלער אומגלייכהייט. די נבואה קעמפט קעגן דעם דראַנג פון אויסגע־וואַקסענע פרעמדע ווירקונגען אין אידישן פאָלק וואָס זוכן צו מאַכן פון אידן אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער: נהיה ככל הגויים. די נבואה זוכט דווקא אויפצו־

האַלטן די אידישע אַנדערשקייט. די נבואה פאַרלירט אין קאַמף. אַ מלוכה ווערט געגרינדעט. קעמפט דאַן די נבואה קעגן די לוקסוסן און אומגערעכ־טיקייטן וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין די צייטן פון דוד המלך, שלמה זיין זון און אַנדערע מלכים, ביז צום ערשטן חורבן.

די נבואה אַנטפּלעקט זיך דאַן, לויט סירקין׳עז, ווי די ערשטע סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג אין דער מענטשהייט; די נבואה רופט צום קאַמף קעגן די רייכע און אונטערדריקער. דידאָזיקע מלחמה ווערט געפירט אין נאָמען פון דעם איינציקן גאָט, וואָס איז דער גאָט פון אמת, צדק און יושר און קען דעריבער ניט דולדן די פאַרשקלאַפונג פון מענטש דורך מענטש. אין שטורם פון אָט דעם נביאישן קאַמף שאַלט אַרויס דער אָנזאָג פון אַחריות הימים, ווען עס וועט הערשן אַבסאָלוטער יושר, אַ פאָלק וועט ניט אויפהויבן קיין שווערד אַנטקעגן אַ צווייטן פאָלק, שווערדן וועלן איבערגעשמידט ווערן אין אַקער־אייזנס און מער וועט מען ניט דאַרפן לערנען ווי צו פירן מלחמה.

דאַן ווייזט סירקין אָן וויאַזוי דידאָזיקע נבואה, וועלכע האָט זיך דערנערט פון דעם מדבר־גייסט פון דער אידישער אור־געשיכטע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יענעם מעכטיקן גייסטיקן כח, וואָס האָט פאַרטיפט די אידישע אייגנאַרט, האָט דערהויבן די אידישע שעפערישע כוחות און האָט געפירט דאָס פאָלק דווקא צום גייסט פון זיין אור־געשיכטע און ניט אויף דעם פאַר־קערטן וועג, אויף וועלכן אַנדערע פעלקער זיינען געגאַנגען. די אַנדערע פעלקער האָבן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער צוגעפּאַסט צו די נייע אַנטוויקלונגען פון אָרעם און רייך, הערשער און באַהערשטע. ביי אידן ווערט נאָך טיפער זייער אייגנאַרטיקייט וואָס באַשטייט אין קעמפן אומעטום קעגן אומיושר, די אייגנאַרטיקייט, וואָס איז געוואָרן דער סימן מובהק פון זייער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער קולטור.

אין דעם ווייטערדיקן לויף פון דער אידישער געשיכטע זעט סירקין די זעלביקע וואונדערבאַרע אַנטוויקלונג אין דער נבואה פון יחזקאל און ישעיה דעם צווייטן אין צייט פון גלות בבל. ער זעט אין די דאָזיקע נביאים דעם אויסדרוק פון גייסט פון בבל־אידנטום, וואָס איז ממשיך די זעלבע אידייע פון קאַמף פאַר אמת און יושר. דאָס פאַרקנעכטעטע אידנטום פון גלות בבל ווערט דורכדעם דערהייבן צו אַזאַ הויך, צו וועלכער קיין שום פאַרקנעכטעט פאָלק האָט זיך ניט געקענט דערהייבן. אָט די דערהויבנקייט האָט מעגלעך געמאַכט נייע וואונדער אין דער אידישער געשיכטע.

דורך אָט דעם שטאַרקן גייסט האָט דאָס אידישע פאָלק באַוויזן דעם וואונדער דורכצוטראָגן דעם גלות. נאָך גרעסער איז געווען דער צווייטער וואונדער, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרמאָגט כוחות פאַר שיבת ציון. און דער עכסטער וואונדער איז ערשט שפּעטער געשען: ווען עזרא און נחמיה האָבן

זיך, צוזאַמען מיט טויזנטער אידן, אומגעקערט קיין ציון, האָט נחמיה געבראַכט דערצו, אַז די געוועלטיקער אין ציון, די שרים וסגנים, זיינען געווען געצוואונגען צוריק אומצוקערן צום פאָלק די פעלדער, הייזער, וויינגערטנער, אייל־בירטן, תבואה און זילבער וואָס איז געלעגן אין זייערע הענט. אין אָט די וואונדער זעט סירקין ווידער אַ דעמאָנסטראַציע פון דער אידישער אייגנאַרטיקייט, וועלכע שטעלט אין צענטער פון לעבן די אידייע פון סאָציאַלער גלייכקייט און גערעכטיקייט.

ח.

סירקין וועבט ווייטער דעם געשיכטלעכן פאָדעם.

אין צייט פון בית שני איז געקומען אַ שטילשטאַנד אין דער אידישער שעפערישקייט. די קוואַלן פון אידישער מחשבה האָבן ניט אַזוי געשפרודלט ווי אין פריערדיקע דורות. עזרא הסופר האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט אויפזאַמלען די גייסטיקע אוצרות פון עבר. אָבער דער שטילשטאַנד האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. עס איז געקומען דער היסטאָרישער צוזאַמענשטויס צווישן אידנטום און גריכנטום. דורך די נצחונות פון אַלעקסאַנדער מוקדון באַהערשט דאָס גריכנטום מצרים און גאַנץ מערב אַזיע, וואו עס וואַקסט אין צווישנצייט אויס אַ גרויסער גלות־אידנטום. די אידישע תורה, וואָס איר תוך איז הויכע עטיק און מענטשלעכע קדושה, שטויסט זיך צוזאַמען מיטן גריכנטום וואָס איר תוך איז קונסט און שפּיל. דער שטראָם פון דער גריכישער קולטור גייט אויך אַריבער אין ארץ־ישראל און דרינגט אַריין אין אידישע קרייזן. דאַן הויבן זיך אָן די גבורה־מלחמות פון די חשמונאים. דער זין פון די מלחמות איז דער גייסט וואָס איז אַריינגעפלאַנצט געוואָרן אין דעם אידישן פאָלק, אָנהייבנדיק מיטן מדבר־גייסט פון אור־געשיכטע, דורכגייענדיק די גאַנצע פּרשה פון נביאים איז אויפגעהאַלטן דורך צדיקים און ענווים אין די אידישע מאַסן. דורך אָט דער גרויסער מלחמה גייט אַרויס די אייגנאַרטיקע אידישקייט פון די אידישע דלת אמות און גייט אַריבער אויף דער אַלמענטשלעכער אַרענע. די לאָזונג פון די מכבייער איז געווען, אַז דאָס לעבן האָט קיין ווערט ניט אָן גייסטיקע אמת׳ן. און סירקין באַצייכנט דידאָזיקע עפּאָכע מיט פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „אויף דער וועלט־בינע דערשיינט אַ פאָלק, וואָס איז גרייט מקריב צו זיין דאָס לעבן, אָבער ניט פאַרשווערכן דעם זין פון מענטשלעכן לעבן״.

אַ נייער געזאַנג שאַלט אויף אין דער תקופה פון די מכבייער, דער אַלטער משיח־געזאַנג אין אַ נייער געשטאַלטונג: די נביאים האָבן דעם משיח־געדאַנק געזען אין געשטאַלט פון אַ יחיד. אין דער מכבייער עפּאָכע איז משיחיזם

פאַרבונדן געוואָרן מיטן גאַנצן פאָלק. הויבט אָן דערדאָזיקער משיח־געדאַנק אַריינצודרינגען אין פאָלק. דער צענטראַלער געדאַנק פון דער אַלט־נייער משיחיות איז: „ווען די גאולה וועט קומען וועט דערהערט ווערן דער נצחון־שאָל פון דער אייביקער גערעכטיקייט״, און דאָס איז, לויט סירקין׳ען, די שליחות פון אידישן פאָלק אין דער וועלט.

ער וועבט ווייטער דעם פאָדעם: די תקופה פון חורבן בית שני, פון איין זייט די אַריסטאָקראַטן, די צדוקים און פון דער אַנדערער זייט די פאַרשידענע קעמפער פאַר די דערהויבענע געדאַנקען פון אידנטום: די פרושים און די איסיים — די לעצטע זיינען עס די כיתה וואָס האָט געלעבט אַ כמעט פולשטענ־דיק סאָציאַליסטיש לעבן. אין יענער תקופה פון פאַרן קריסטנטום ווערט דער משיח געדאַנק נאָך מער פאַרטיפט אין אידישן פאָלק. עס דערשיינען די אַפּאָקריפישע שריפטן, בעיקר דער ספר חנוך, וואָס מאָלט פאַנטאַסטיש די פראַכטפולע צוקונפט. אין יענער צייט האָט דער אידישער גייסט ווידער אַרויסגעשריגן דורך דער תפילה, וואָס איז פאַרבליבן מיט אונז עד היום הזה. די תפילה וואָס שילדערט די גאולה־צייט אין אַזעלכע קלאָרע טערמינען: „ועולתה תקפץ פיה וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ״.

דאַן איז געקומען דער צווייטער חורבן. אידישע זעלבסטשטענדיקייט איז פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס קריסטנטום האָט זיך כסדר פאַרפעסטיקט, אַוועקגייענדיק וואָס ווייטער פון זיין אידישן מקור און ווערנדיק פאַרוואַנדלט אין דעם שאַרפסטן שונא פון אידנטום. אידן זיינען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט. זייענדיק געיאָגט און געפּלאָגט אומעטום האָט פונדעסטוועגן דאָס אידישע פאָלק געטראָגן מיט זיך און אין זיך די משיחישע האָפענונג פון דער אַלוועלטלעכער און אידישער גאולה. אָט די האָפענונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פון מוט און נאַציאָנאַלן כח. זי שפּייזט דעם גייסט פון פאָלק און גיט אים, פאַר זיין נשמה, ווערטן, וואָס זיינען פיל דערהויבענער ווי אַנדערע שטאַרקע פעלקער פאַרמאָגן. ווען דער איד האָט זיך פאַרפאַנצערט אין זיין עטישן לעבן, אין ליבע צו מיט־מענטשן, אין גערעכטיקייט און גלייכ־הייט; ווען ער איז געוואָרן אַריינגעטאָן אין תורה און מעשים טובים, האָט ער אויפגעבויט פאַר זיך אַן עטיש גייסטיקן בית־מקדש, וואָס האָט אים געגעבן דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז גייסטיק העכער פון אַלע פעלקער. פון אָט דעם באַוואוסטזיין האָט ער געצויגן קראַפט פאַר זיין עקזיסטענץ אין גלות.

די דאָזיקע העכערע עטיש־גייסטיקע אינדיווידואַליטעט האָט פאַרוואַנדלט דאָס אידישן פאָלק אין אַ פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערן כח. אין אַלע זיינע מלחמות האָט ער אויף אַ מאָמענט נישט פאַרגעסן די משיחישע האָפענונגען, די אוניווערסאַלע גאולה. אויף דעם זאָגן עדות די פאַרשידענע משיח־באַוועג־

גונגען אין גאַנצן גלות. דאָס אידישע פאָלק איז דורכגעגאַנגען די עפּאָכע פון מיטלאַלטער, דאָס אויפשטייגן פון מוכאַמעד, די אַראַביש־אידישע תקופה, די תקופה פון די קאַליפן, די צייט פון די מלחמות מיט די קאַטאָליקן. אין כמעט אַלע פון אָט די תקופות האָט אַרויסגעשפּראָצט די אידישע משיחישע האָפענונג, וואָס איז פאַרקערפּערט געוואָרן אָדער אין אַ יחיד אָדער אין אַ גרופּע. אין אַלע פון זיי האָבן געפונען אַ שאַרפן אויסדרוק די אידייען וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרבונדן מיט דער גאולה. זייער אָפט איז די דאָזיקע האָפענונג פאַרבונדן געוואָרן מיט דעם קאַמף פאַר אַ נייעם לעבנס סדר אין דער וועלט. יעדע אַזאַ תקופה איז באַלויכטן מיטן ליכט פון אידישן גייסט. אין די שווערסטע באַדינגונגען האַלט דאָס פאָלק אויף אין זיין נשמה די אייביקע אמת׳ן. אַזוי ציט זיך עס ביזן מאָדערנעם סאָציאַליזם. עס דער־שיינען פריער מאַרקס און לאַסאַל, אָן דעם באַוואוסטזיין, אַז פריידנדיק סאָ־ציאַליזם פירן זיי אייגנטלעך דורך אויך אַ נאַציאָנאַלע שליחות פון אידישן פאָלק. עס דערשיינט משה העס, אין אָנהייב, אויך אָן אַזאַ נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין. ביסלעכוויז אַנטפּלעקט זיך אָבער פאַר משה העס׳ן די וואונדער־באַרע אייגנאַרטיקע ראָלע פון דעם אידישן פאָלק. ער ווערט דער אָנזאָגער פון אַ נייער אויפלעבונג פון דער אַלטער היסטאָריש־אידישער ירושה. ער שרייבט זיין „רוים אין ירושלים״. משה העס ווערט דער ערשטער סאָציאַליסט וואָס איז אויך אַ באַוואוסטזיניקער ציוניסט, אין שענסטן און געשיכטלעכן זין פון וואָרט.

ט.

אַזוי זעט נחמן סירקין די אידישע געשיכטע. אין יעדער עפּאָכע זעט ער דעם עם־הפלאות, דאָס וואונדער־פאָלק, דאָס אייגנאַרטיקע פאָלק. און אין וואָס באַשטייט זיין אייגנאַרטיקייט? — אין ציען זיך צו קדושה, צו יושר, צו גלייכהייט, צום אמת׳ן, אייביקן צדק.

און סירקין נעמט אַליין איבער דאָרטן, וואו משה העס האָט איבערגעלאָזן. אין די צייטן פון משה העס איז דער דור ניט געווען גרייט זיי אויפצונעמען. איז ער געשטאָרבן אַ פאַרשוויגענער פון זיינע אַמאָליקע חברים, אַן אויסגע־לאַכטער און פון אַלעמען אַ פאַרגעסענער. ביז נחמן סירקין האָט אים צוריק אַנטפּלעקט. ער איבערזעצט דאַן „רוים אין ירושלים״ אין אידיש, און ער הייבט אָן ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם געוועב פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

סירקין האָט געבראַכט העס׳ן צו אונז. אים אַליין, סירקינען, איז שוין באַשערט געווען אַ בעסערער גורל ווי משה העס׳ן; סירקין׳ס דור איז שוין יאָ געווען גרייט אויפצונעמען דעם גרויסן געדאַנק. און נחמן סירקין ווערט

דער אָנהייבער פון אַ נייער באַוועגונג אין דעם אידישן פאָלק. ער פאָרמולירט זיין אידייע וועגן אַ סאָציאַליסטישן אידנשטאַט. ער זעט אין דעם אידנשטאַט די זיכערקייט פאַרן ווייטערדיקן קיום פון אידישן פאָלק, און אין זיין סאָציאַ־ליסטישן כאַראַקטער זעט ער דעם המשך פון דער אידישער אייגנאַרטיקייט.

שוין אין דער דאָזיקער ערשטער אַרבעט וועגן אַ סאָציאַליסטישן אידנ־שטאַט, וואָס ער האָט פאָרמולירט מיט 57 יאָר צוריק, רעדט פון אים אַרויס דער גייסט פון דער אידישער געשיכטע, ווי ער האָט זי אויפגעפאַסט. און איצט, 30 יאָר נאָך זיין פטירה, ווען מיר טראַכטן זיך אַריין טיפער אין דעם אופן ווי ער האָט אויפגעפאַסט די אידישע געשיכטע, דערזעען מיר שאַרפער די סירקין־פערזענלעכקייט. עס גייט אין אונז אויף אַ ווילן, אַז אונזערע קומענדיקע דורות זאָלן זייער גייסטיקע יניקה ציען פון דער אידישער גע־שיכטע, ווי סירקין האָט זי אויפגעפאַסט; אַז זיי זאָלן לערנען פון אַלע אירע דערשיינונגען: די מלחמות פון מכבייער, די גייסטיקע שאַפונגען פון אַלע דורות אין גלות, דער אופן ווי דער אידישער גייסט איז געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט אַנדערע וועלט אידייען און ווי ער האָט באַוויזן זיין היסטאָרישע פעסט־קייט. דאָס וועט זיי געבן כוח ממשיך צו זיין די אידייען און טאָטן וואָס סירקין האָט פאָרמולירט. אונזערע קומענדיקע דורות, צוזאַמען מיט די בנייע דורות פון די אַנדערע שעפערישע פעלקער, וועלן דאַן דערפירן צו יענעם טאָג, ווען די אוניווערסאַלע גאולה וועט קומען אויף דער וועלט, ווען אמת און יושר וועלן באַהערשן אַלע פעלקער און אַ פרייע מענטשהייט וועט אויפ־שטיין, אין וועלכער אַלע פעלקער וועלן זיין פריי צו אַנטוויקלען די אייגנאַרטי־קייטן, וואָס זייערע געשיכטעס האָבן אין זיי איינגעפלאַנצט. דעם אידישן פאָלק וועט דעמאָלט, דורך אַ זיכער, פריי לעבן אין זיין אייגענער מדינה, גאַראַנטירט ווערן די אַנטוויקלונג־מעגלעכקייט פון זיינע שעפערישע כחות.

ווען יענער טאָג וועט קומען, וועט זיכער מקוים ווערן די פולע סירקין־אידייע; עס וועט עקזיסטירן אַ סאָציאַליסטישער אידנשטאַט אין אַ פאַרבאַנד פון פרייע סאָציאַליסטישע שטאַטן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

י.

נחמן סירקין איז געווען איינער פון די שאַרפסטע קעמפער קעגן יעדער סאָרט סטאַגנאַציע, הויפּטזעכלעך קעגן גייסטיקער סטאַגנאַציע. ער איז דע־ריבער זייער אָפט אויפגעטראָטן קעגן דער פאַרגליווערונג, וואָס דער שולחן־ערוך לעבנס־שטייגער האָט אַריינגעבראַכט אין אידישער שעפערישקייט. סיר־קין האָט אויך אין דעם פאַל — פונקט ווי אין אַלע קאַמפן וואָס ער האָט געפירט — ניט געקאַרגט קיין פאָלעמישע פיילן אין סאַמע האַרץ פון די

וואָס ער האָט געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ פאַרגליווערונג. די רעליגיעזע אידישע וועלט האָט דעריבער אין אים געזען אַ שאַרפן אַפּיקורס. די אידישע אַטעאיסטן האָבן אָפּט הנאה געהאַט פון זיינע שאַרפע אַרויסטריטן. סיי די ערשטע סיי די צווייטע זיינען אָפּט געוואָרן איבעראַשט, ווען סירקין׳ס האַנדלונגען האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דער ראַם, אין וועלכער זיי האָבן אים איינגעשלאָסן.ביידע האָבן ניט טיף גענוג באַגריפן סירקין׳ס באַציאונג צו רעליגיע בכלל און צו דער אידישער רעליגיע בפרט.

אויב רעליגיע מיינט דער אַבסאָלוטער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַ געטלעכן וועזן, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, דעם מענטש און דעם קאָסמאָס; וואָס האָט אַריינגעגעבן געזעצמעסיקייט אין דער נאַטור; וואָס האָט מיט זיין חכמה אַריינגעבראַכט אַלע וואַריאַציעס סיי אין די לעבעדיקע וועזנס, סיי אין דער טויטער מאַטעריע; וואָס מיט זיין חכמה, שטרענגקייט, גוטסקייט און גערעכטיקייט פירט ער אויך היינט די גאַנצע וועלט; וואָס מיט זיין חכמה האָט ער אויך אויסגעקליבן דעם אידישן פאָלק און האָט אים געגעבן די תורה; וואָס האָט ספּעציעל פאַר זיי פאַרגעשריבן די תרי״ג מצוות וועלכע מען מוז אָפּהיטן, — אויב דאָס איז רעליגיע, האָט סירקין געהערט צו דער גרויסער צאָל דענקער וואָס צווייפלען אין דעם. אויב אַפּיקורסות אָבער האָט געמיינט פּריקת־עול פון דער גאַנצער תורה פון די אבות און דאָס פאַרלאָזן זיך בלויז אויף די אייגענע חושים; אויב אַפּיקורסות מיינט דעם נאַאיוון גלויבן אין דער נאַטור, אַבי ניט אין גאָט; אויב אַפּיקורסות מיינט אָפּלייקענען דעם גאָט־גייסט וואָס באַהערשט דעם באַגאַבטן מענטשן; אויב אַפּיקורסות מיינט אָפּוואַרפן אַלץ וואָס די מענטשהייט האָט באַשאַפן אונטער דעם נאָמען פון רעליגיע און אין פּראָצעס פון זוכן גאָט — אויב דאָס מיינט אַפּיקורסות איז סירקין געווען פון אַזאַ אַפּיקורסות פיל ווייטער, ווי ער איז געווען פון יענע „פּראַקטיקער פון רעליגיע״, קעגן וועלכע ער האָט זייער אָפּט געקעמפט.

רעליגיע איז פאַר סירקינען געווען איינע פון די דערהויבנסטע מאַניפעסטאַציעס פון דעם מענטשלעכן גייסט און אידישע רעליגיעזע שעפעריש־קייט — די העכסטע מדרגה פון דעם מענטשלעכן שאַפן אויף דעם געביט פון רעליגיע. אויך אויף דעם געביט, און אפשר מער ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן, איז דאָס אידישע פאָלק געווען פאַר סירקינען דער עם־הפלאות. אַ פּאָר ביישפּילן וועלן עס באַשטעטיקן און וועלן, מיט זיינע אייגענע ווערטער, אַרויסברענגען קלערער זיינע געדאַנקען. איך וועל מיך בכלל אין אָט דעם קאַפּיטל באַנוצן הויפּטזעכלעך מיט ציטאַטן, ווייל סירקין אַליין רעדט קלאָרער וועגן די ענינים ווי אַן אַנדערער קען אים מפרש זיין.

אין אַן עסיי וועגן דער באַדייטונג פון שבת, וואו ער גיט, אגב, געשיכטלעכע דערקלערונגען פון וואַנען דער שבת שטאַמט, קומט ער צום אויספיר,

אַז דער אידישער שבת שטאַמט פון דעם אורשפּרינגלעכן „סאַטורן־טאָג“, וואָס איז געווען אַ קינד פון דער אַמאָליקער נאַטור־רעליגיע, ווען די אַלטע שבטים זיינען געווען עובדי כוכבים און מזלות. דאַן זאָגט ער:

„אָבער . . . דאָס אידישע פאָלק איז אין זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג געוואָרן אַ באַזונדער פאָלק, אַ פאָלק פון גייסט, אַן אויסדערוויילט פאָלק. דער איבערגענומענער נאַטור־שבת ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין דעם גייסטיקן סאָציאַלן שבת, אין דעם הייליקן שבת“. שפּעטער זאָגט ער: „שבת איז גע־וואָרן די גרונטלאַגע פון דער נבואה. דער שבת איז אַריינגענומען געוואָרן אין די עשרת הדיברות אַלס דאָס גרעסטע מאָראַלישע און סאָציאַלע געבאָט. געדענק דעם שבת, אים צו הייליקן. זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין גאָט, זאָלסט ניט טאָן קיין מלאכה, דו, דיין זון, דיין טאָכטער, דיין קנעכט, דיין דינסט; אַזוי פאַרזאָגט דער ספר שמות די הערשנדיקע קלאַסן. און דער סאָציאַליסטישער מחבר פון ספר דברים, אפשר גאָר דער נביא ירמיהו, גיט שוין די גאַנצע סאָציאַלע דערקלערונג פאַר דעם שבת: למען ינוח עבדך ואמתך כמוך, כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. דו ביסט אַליין געווען אַ קנעכט אין מצרים, זאָגט דער שרייבער פון די עשרת הדיברות, דערפאַר זאָלסטו איינמאָל אין וואָך פריי מאַכן דיין קנעכט און אויפהויבן אים צו אַ גייסטיקן מענטשן. דער מער נאַאיווער נאַטור־פילאָזאָפישער פּראָפעסאָר פון ספר שמות דערקלערט דעם גרונט פון שבת אַזוי: זעקס טעג האָט גאָט געאַרבעט בשעת ער האָט די וועלט באַשאַפן און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט. מיר פאַרשטייען עס היינט אַנדערש: ניט דערפאַר האָבן די קנעכט און די דינסטן גערוט אום שבת, ווייל גאָט האָט גערוט, נאָר פאַרקערט! דער גאָט פון באַרמהאַרציקייט און נקמה האָט געזען ווי די אונטערדריקטע רוען אום שבת, האָט ער געמאַכט דעם שבת קודש אויך פאַר זיין גרויסן רו־טאָג“.

אָט־די ציטאַט איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר סירקין׳ס באַציאונג צו איינער פון די הערלעכסטע ירושות, דעם שבת קודש, וואָס דער רעליגיעז־אידישער שאַפונג־געניוס האָט איבערגעלאָזן דער מענטשהייט בכלל און דעם אידישן פאָלק בפרט. האָט מען נאָך דערצו אין זינען אַז סירקין האָט עס געשריבן מיט איבער פערציק יאָר צוריק, ווען אויף דער אידישער גאַס בכלל און צווישן אידישע סאָציאַליסטן בפרט, האָט כמעט ווי געהערשט די הפקר־אַפּיקורסות; ווען מען געדענקט נאָך אויך, אַז אַפילו היינט שטויסן זיך אָן די אידישע סאָציאַליסטן, וועלכע וואַגן צו דענקען און צו שרייבן אין ענלעכע קאַטעגאָריעס, אויף אַ רעכט ביסל חוזק מצד די „אויפגעקלערטע“, קען מען ערשט דאַן אָפּשאַצן דעם רעוואָלוציאָנערן מוט פון נחמן סירקין צו טראַכטן זעלבסשטענדיק און דאָס דערטראַכטע צו פּראָקלאַמירן עפנטלעך.

יא.

אין זיין עסיי וועגן משה העס, אויך געשריבן מיט איבער פערציק יאָר צוריק, געפינען מיר פאָלגנדיקע פסוקים:

„פון דעם ים פון פאַרגאַנגענהייט און פון דעם זומפּ פון גלייכגילטיקייט ווערט איצט ווידער אַרויסגעצויגן, ווי אַ הערלעכע פּערל, דאָס אידנטום, אָט יענעס אידנטום, וועלכעס האָט אויפגעלויכטן אַמאָל אין דער וועלט־געשיכטע ווי אַ קולטור־פלאַם און האָט דער וועלט־געשיכטע באַרייכערט דעם וועג, פאַר־שווינדנדיק און פאַרזינקענדיק אַליין באַלד אין די ענגע זייטן־וועגן פון דער וועלט געשיכטע, צוזאַמען מיט זיין מערקווירדיקן באַשעפער און טרעגער, דאָס אידישן פאָלק זעלבסט. דאָס אידנטום אַלס קולטור־רעליגיעזע אידייע, אַלס אַ באַזונדערע פאָרשטעלונג פון גאָט, וועלט, געשיכטע און לעבן האָט ווידער אויפגעוואַכט אין דעם באַוואוסטזיין פון היינטיקן דור און זוכט זיך אָנצוטאָן אין די בגדי מלכות פון פילאָזאָפישע באַגריפן און היסטאָרישע באַ־גערונגען . . . אויסגעלייטערט אין דעם קאַלך־אויוון פון קריטיק און ראַציאָ־נאַליזם זיינען ווידער אויפגעטראָטן די רעליגיעזע איבערלעבונגען אין זייער פּאָעטישן צויבער און זוכן אַ טיר אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם אידן... די גאָט־זוכעניש, וועלכע פליסט פון אייביקן קוואַל פון דער אמת־זוכעניש, האָט אויך אָפּגעקלונגען אין דער אידישער נשמה און אויפגעוועקט דעם איינגעשלאָפענעם שמע ישראל געשריי . . . מיט מאַיעסטעטישער אויסשליס־לעכקייט הויבט זיך אויף דאָס אידנטום ביי די אידישע סאָציאַליסטן־פילאָזאָפן, ווי למשל, ביי הערמאַן כהן, וואָס ביי אים איז דער באַהאַלטענער סוד פון אידנטום דער יסוד פון דער אמת׳ער פילאָזאָפיע און די מאָראַל־נביאות פון אידנטום די קולטור־גרונטלאַגע פון דער באַנייטער סאָציאַליסטישער מענטש־הייט“.

שפעטער גיט סירקין איבער דעם תמצית פון משה העס׳עס געשיכטס־פילאָזאָפיע מיט אָט די ברענענדיקע ווערטער:

„די אידישע רעליגיאָן איז אַ געשיכטס־רעליגיאָן, דער גאָט פון סיני לעבט און שאַפט אין דער געשיכטע; יהוה, דאָס הייסט ער וועט זיין, ער וועט זיך נאָך ווייזן אין דער היסטאָרישער צוקונפט, דאָס איז דער נאָמען פון דעם אידישן גאָט. די אידישע רעליגיאָן איז אַ סאָציאַלע. זי איז ניט קיין נאַטור־רעליגיאָן און איז ניט קיין אינדיווידועל־מאָראַלע. זי פאַרגעטערט ניט די נאַטור, ווי די גריכן, און זוכט נישט צו טרייסטן דעם אינדיווידואום, וועלכער האָט דערקענט זיין פערזענלעכע אָפּגעריסנקייט פון דער נאַטור, ווי דאָס קריסטנטום און די גערמאַנישע וועלט. די אידישע רעליגיאָן איז אַ סאָציאַל מאָראַלישע, אַ היסטאָרישע. דאָס אידיש פאָלק, דאָס פאָלק ישראל איז אַן איינהייט, אין דער צייט און פאַר אַלע צייטן. אַלע זיינע קינדער זיינען פאַר־

בונדן און פּאַראַייניקט צווישן זיך אין איין אָרגאַניזם, אין איין פּאָלקס־גוס. דער איינצלנער איז פאַרשלונגען אין דער פאַמיליע, די פאַמיליע אין פּאָלק, דאָס פּאָלק אין דער מענטשהייט. אין אייגן פּאָלק און אין דער גאַנצער מענטשהייט לעבט דער יחיד, דאָרט זוכט ער גליק, האָפענונג, דערלייזונג, אומשטערבלעכקייט. די רעליגיאָן איז דאָס לעבן; ובחרת בחיים . . . דאָס אידנטום לעבט אָבער ניט נאָר אַלס אידייע, אַלס קולטור־געדאַנק, נאָר עס לעבט אין דעם לעבעדיקן אידישן פּאָלק, וועלכעס איז דורך בלוט און גע־שיכטע דאָס גלייכע טויזנט־יאָריקע אַלטע פּאָלק ישראל. אויב דעם אידנטום אַלס קולטור־רעליגיעזע אידייע געהערט די צוקונפט, מוז דאָס אידישע פּאָלק אויפלעבן צוליב אָט דער ליכטיקער צוקונפט".

מיר שיינט אַז וועלכער ס׳איז פּירוש אויף דעם ווי סירקינ׳ס נשמה האָט זיך באַצויגן צו רעליגיע, נאָך אָט די געבראַכטע ציטאַטן, קען נאָר פאַרבלאָסן די ליכטיקייט און קלאָרקייט פון סירקין׳ס געדאַנק. עס איז נאָך נויטיק צו אונטערשטרייכן, אַז סירקין האָט דידאַקטיקע פלאַמ׳דיקע אידישע שעפעריש־קייט געזען ניט נאָר אין די ערשטע נביאים תקופות, אָדער אין די גאָר לעצטע פאַרזוכן פון הערמאַן כהן און משה העס צו דערהויבן די אידישע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע קולטור צו דער הויכער סאָציאַלער מדרגה; ער האָט זי אויך געזען אין פאַרשידענע שעפערישע תקופות פון די גלות׳ן. וויל איך דאָ ברענגען נאָך איין לענגערן ציטאַט. זאָל דערמיט אָפּגעלייקנט ווערן די מיינונג, וואָס איז פאַלש צוגעשריבן געוואָרן צו סירקינען, אַז אין גלות האָט דאָס אידישע פּאָלק קיין יצירה־כוחות ניט פאַרמאָגט.

ריידנדיק וועגן דעם אינערן זין פון סאָציאַליסטישן ציוניזם זאָגט סירקין:

„אַלס אידייע און באַוועגונג איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם די פּרוכט פון קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון אידישן פּאָלק אין דער מאָדערנער צייט, אין די לעצטע הונדערט יאָר. אָבער אַלס בענקשאַפט און האָפענונג, אַלס מיסטישער גלויבן און אינווייניקער בטחון וואָרצלט דער קאָמפּלעקס פון געדאַנקען און געפילן, וועלכער איז איינגעשלאָסן אין סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם, אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע. דער קאַמף קעגן דער וועלט, אויס דערקענטעניש פון דער אייגענער אָריגינאַליטעט און מיסיאָן, פאַר די העכערע אידעאַלן פון קולטור און הומאַניטעט, פאַר דער פאַרגייסטי־קונג און מאָראַליזירונג פון לעבן איז דער גרונט־מאָטיוו פון דער אידישער געשיכטע. די איבערווינדונג פון יעדער נאַטירלעכער און היסטאָרישער רעאַ־ליטעט, כדי אַראָפּצוברענגען די שכינה און דעם מלכות הרוח און פאַרווירק־לעכן דעם אידעאַלן שבת שבתון פון דער געשיכטע, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך די יאָרטויזנטער פון דעם אידישן היסטאָרישן לעבן. אין די אידייען פון שבת ציון, ביאת המשיח, גאולה, עתיד לבוא, קץ הימים, אחרית

הימים, און אַפילו אין דער מיסטישער האָפענונג פון תחית המתים קלינגט און דריקט זיך אויס די היסטאָרישע אָריגינאַליטעט פון אידנטום. פון אָט דעם אייגנאַרטיקן גייסט פון תיקון עולם און היסטאָרישער משיחיות זיינען דורכגעדרונגען אַלע עפּאָכן פון דער אידישער געשיכטע, אַלע אַנטוויקלונג־פּאַזיסן פון ביבלישן אַלטערטום ביז צו דער מאָדערנער צייט. אין אַלע דערשיינונגען פון אידישן גייסט, אין דער תורה, אין דער אידיש־גריכישער פילאָזאָפיע, אין מדרש, אין תלמוד, אין דער מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע, אין פיוט, קבלה, חסידות; אין אַלע אוניווערסאַלע אויסערונגען פון דעם אידישן געניוס, אין פילאָזאָפיע, רעוואָלוציע, סאָציאַליזם, ליטעראַטור (אונטערגעשטראָכן פון מיר — ב. צ.) האָט זיך אויסגעדריקט דידאַזיקע אידישע אינדיווידואַליטעט, וועלכע וויל איבערווינדן די וועלט פון נאַטור און אויפבויען די מלוכה פון גייסט. אין אָט דעם שורש פון דער אידישער געשיכטע, אין דעם מקור פון אידנטום וואָרצלט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם".

פרעג איך: וועלכע גלות עפּאָכע און וועלכע יצירה־ספרים איז אויסגעלאָזן געוואָרן פון אָט דער רשימה, וואָס סירקין רעכנט אויס ווי די שעפערישקייט־געביטן פון אידישן גייסט? איך וואָלט געקענט ציטירן אַ סך אַנדערע שטעלן. גענוג אָבער די געבראַכטע ציטאַטן, כדי פעסטצושטעלן סירקין'ס פּאָזיטיווע באַציאונג צו אידישער שעפערישקייט אין אַלע גלות'ן און אויך כדי צו געבן אַ קלאָר בילד פון סירקין'ס באַציאונג צו אידישע ווערטן בכלל און צו אידישער רעליגיע בפרט.

יב.

אויך סירקין'ס באַציאונג צו שפּראַך וועל איך פּרובירן אַרויסברענגען הויפּטזעכלעך דורך ציטאַטן פון זיינע שריפטן. איך וויל דורכדעם פעסטשטעלן זיין באַציאונג צו שפּראַך בכלל, צו אידיש בפרט און צו העברעאיש איבערהויפּט.

אין אַן אַרבעט וועגן נאַציאָנאַלער קולטור און נאַציאָנאַלער שפּראַך אַנטוויקלט סירקין די אַלגעמיינע באַדייטונג פון שפּראַך און איר פאַרבינדונג מיט קולטור. דער סך־הכל פון אָט דער אַרבעט איז קאָנצענטרירט אין אָט די זאַצן:

„די שפּראַך איז דער באַגרייפלעכער אוצר פון דער קולטור, אָבער זי איז אַ לעבעדיקער אוצר, אַ שטענדיקער זיך־באַוועגנדיקער מעכאַניזם, וועלכער העלפט דער פאַרנונפט אין איר ווערק צו ברענגען אָרדענונג אין דער וועלט און אין דער געשיכטע, און וועלכע ווערט פון דער פאַרנונפט גופא שטענדיק פאַרבעסערט און פאַרפולקאָמט. די שפּראַך איז מער ווי אַן אוצר און אַן אינ־

סטרומענט, זי איז אַ שאַפנדיקער כוח, אַן אַנדייט און סימבאָל, און אַקוראַט אַזוי מיסטיש אין איר לעבן און ווירקן ווי דער מענטשלעכער גייסט גופא . . . די נאַציאָנאַלע קולטור פון יעדן פאָלק געפינט אין דער נאַציאָנאַלער שפּראַך איר פאָרם, איר אויסדרוק, און די שפּראַך טראָגט זיך איבער דעם פאָלק פון דור צו דור; זי וואַקסט און באַרייכערט זיך מיט דעם וואוקס פון דער קולטור. זי דעגראַדירט און זינקט, ווען די נאַציאָן און איר קולטור פאַלן און זינקען. ווי אַ טאָכטער, אָבער אויך ווי אַ מוטער, איז צוגעבונדן די שפּראַך צו דער קולטור. זי שטאַמט אָפּ פון דער קולטור און זי שאַפט אויך קולטור. ניט נאָר איז זי אַ קולטור־שפּיגלער, נאָר אויך אַ קולטור ווערקצייג. ווייל די שפּראַך, אַזוי ווי די גאַנצע קולטור איז די פּרוכט פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. ווי אין קונסט, פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, געשיכטע פון אַ פאָלק לעבט זיין נאַציאָנאַלער גייסט, אַזוי פאַרקערפּערט ער זיך אויך אין זיין שפּראַך".

סירקין רעכנט אויס אַ ריי פעלקער וועמעס קולטורן און שפּראַכן זיינען דורכגעגאַנגען פאַרשידענע אַנטוויקלונגען און זיג־זאַגן; ביז ער קומט צו דער אידישער שפּראַך־פראַגע. ער ווייזט אָן ווי אידן זיינען אין די גלותן געוואָרן אַ פאָלק פון פיל שפּראַכן און דיאַלעקטן, הגם די נאַציאָנאַלע שפּראַך — העברעאיש — האָט אַלעמאָל פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין זייער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. העברעאיש — ווייזט ער אָן — איז געבליבן די שפּראַך פון דער רעליגיע, פון דער תורה און פון אינטימען גייסטיק־מאָראַלישן לעבן. אין וואָכעדיקן לעבן, אָבער, איז העברעאיש פאַרדרענגט געוואָרן פון פילע שפּראַכן און שפּראַך־מישונגען. ער רעכנט אויס אַלע שפּראַכן אויף וועלכע אידן האָבן אין די פאַרשידענע גלות'ן גערעדט און געשאַפן. אין אַלע פון זיי האָט דער אידישער געדאַנק איבערגעלאָזן קולטור־ווערטן.

אַ חוץ די לאַנד־שפּראַכן און אַ חוץ העברעאיש אין זייער אינטימען גייסטיק־רעליגיעזן לעבן, האָבן נאָך די אידן כמעט אין אַלע גלות'ן אויך געשאַפן שפּראַך־מישונגען, אָדער זשאַרגאָנען, וועלכע האָבן אָפטמאָל דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה פון קולטורעלע אָריגינאַליטעט. ער רעכנט זיי כמעט אַלע אויס. ער ווייזט אָן אַז אַלע פון זיי זיינען באַשטאַנען פון דריי עלעמענטן: פון דער העברעאישער שפּראַך (וואָס איז, לויט סירקינען, די גייסטיק מאָראַלישע גרונט־שיכט פון די דאָזיקע שפּראַכן), און פון צוויי פרעמדע שפּראַכן: פון דער שפּראַך פון יענעם לאַנד פון וואַנען די אידן זיינען אָנגעקומען און פון דער שפּראַך פון לאַנד וואוהין זיי האָבן איינגעוואַנדערט. ער אַנאַליזירט דעם גערמאַנגאַל פון די דריי עלעמענטן אין די פאַרשידענע אידישע זשאַרגאָנען, באַווייזט פאַרוואָס זיי מוזן טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ זשאַרגאָן און פאַרוואָס זיי אַלע זיינען אָדער אויסגעשטאָרבן, אָדער האַלטןביים אויסשטאַרבן. „אַפילו דער אידיש־שפּאַניאָלישער זשאַרגאָן, וועלכער איז געווען אין געברויך ביי

אַ גרויסער צאָל אידן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, קען אויך ניט אויס־האַלטן דעם דראַנג פון דער אייראָפּעאישער קולטור און פון דעם אויפוואַכנדיקן העברעאיש, און ווערט כסדר וויניקער אַ גערעדטער דיאַלעקט״.

דאַן גייט ער אַריבער צו אונזער איצטיקן אידיש. וועגן דעם איז כדאי צו ברענגען אַ לענגערע ציטאַטע. ער זאָגט:

„פון אַלע שפּראַך־מישונגען, וועלכע זיינען אויפגעוואַקסן ביי אידן אין גלות, האָט זיך אויפגעהויבן די אידיש־דייטשע שפּראַך צו אַ הויך און באַדיי־טונג צו וועלכער קיין אַנדערער אידישער דיאַלעקט האָט זיך קיינמאָל אין ערגעץ ניט אַנטוויקלט. די אידיש־דייטשע שפּראַך מישונג איז געוואָרן די שפּראַך פון מיליאָנען אידן, האָט געבוירן פון זיך אַ ליטעראַטור, איז געוואָרן אַ פאַקטאָר אין אָרגאַניזירן דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט צום סאָציאַליזם, איז אַריינגעדרונגען אין באַשטימטער מאָס אין דער אידישער פאָלקס־שולע. זי ראַנגלט זיך אינם אידישן באַוואוסטזיין פאַר דער אָנערקענונג אַלס שפּראַך, אַלס אידיש. זי וויל זיך אַפילו אויסקעמפן דאָס רעכט צו זיין די אידישע נאַ־ציאָנאַלע שפּראַך פון דער אידישער פאָלקס־אויטאָנאָמיע (דאָס איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן, ווען אַזאַ האָפענונג, צו האָבן אַ אידישע פאָלקס־אויטאָ־נאָמיע אין יענע גלות־לענדער אין וועלכע עס לעבן גרויסע אידישע מאַסן, האָט נאָך געטליעט ביי פיל אידן — ב. צ.). דידאָזיקע שפּראַך מישונג איז די באַדייטנדסטע שפּראַך שאַפונג וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין אידישן לעבן צווישן אַנדערע פעלקער. און רעדט מען וועגן דער אידיש נאַציאָנאַלער שפּראַך, אַ חוץ אָדער אין קעגנזאַץ צו העברעאיש, מיינט עס אידיש״.

נאָכדעם אַנאַליזירט ער די אויבנאויסגערעכנטע דריי עלעמענטן וואָס זיינען אַריינגעקומען אויך אין אידיש. און גייט נאָך צו: „אידיש אונטער־שיידט זיך פון אַלע אַנדערע אידישע שפּראַך־מישונגען דורך דעם מערקוויר־דיקן רייכטום פון זיין העברעאישן עלעמענט. פון תורה און לערנען און דער אידישער נאַציאָנאַלער פאַרגייסטיקונג אין דער צייט פון איר אַנטשטייאונג האָט אידיש אַריינגענומען אַן אומענדלעכן אוצר פון העברעאישע ווערטער, אויסדרוקן, באַגריפן, באַציאונגען, אָפּשאַצונגען, שפּראַכלעכע פראַגמענטן. איי־דיש איז אָנגעזעטיקט מיט העברעאיש, מיט גאַנצע פראַגמענטן פון העברעאיש, וועלכע טרעטן שוין ניט נאָר אויף, כדי אויסצודריקן די מאָראַליש־לאָגישע באַגריפן און באַציאונגען, נאָר שטראָמען בכלל אין אידיש פון דער איבער־פולקייט פון תורה און לערנען אין פאָלק״.

אין אָט דער ווידעראַמאָל לאַנגער ציטאַטע האָבן מיר צוויי זאַכן: ערשטנס, אַ ווייטערדיקע אונטערשטרייכונג פון סירקין'ס באַציאונג צו די געשאַפענע ווערטן אין גלות. דורך דעם רייכן אידישן שאַפן אין גלות איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַזאַ גוואַלטיקער אוצר אין דער ניי־געשאַפענער שפּראַך. צווייטנס,

— זיין פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דעם ווערט פון אידיש. וואָס פאַר אַ האַפּט האָט שוין דער בלבול, וואָס האָט געמאַכט פון סירקינען אַ שונא פון אידיש?

ווען עס קומט צו דעם היסטאָרישן געראַנגל צווישן אידיש און העברעאיש, דאָ טרעטן מיר שוין אַרויף ניט אויף דעם פלאַך פון שנאה אָדער ליבע צו דער אָדער צו יענער שפּראַך, נאָר אויפן פלאַך פון פאַרגלייכן די באַדייטונג פון זייביידע פון שטאַנדפּונקט פון אידישער היסטאָרישער קולטור. און דאָ רעדט סירקין, אַזוי ווי אין אַלע זיינע אידייאישע איינשטעלונגען, זייער קלאָר.

ער ווייזט דאָן אָן ווי אַזוי העברעאיש האָט פּאָזיטיוו באַאיינפלוסט אידיש, בשעת די אַנדערע צוויי שפּראַך־עלעמענטן — דייטש און די סלאַווישע שפּראַכן — זיינען אַריינגעדרונגען אין אידיש ווי אַ רעזולטאַט פון הילפלאָזער גע־צוואונגענקייט; ער ווייזט אָן, אַז די עפּאָכע ווען אידיש איז געשאַפן געוואָרן איז געווען די פּרוכטבאַרסטע, נאָך דעם חורבן וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט בעת דעם 30־יעריקן קריג און דער היידאַמאַטשינע; ער שיל־דערט יענע עפּאָכע מיט גליענדיקע ווערטער, וואָס איז ווידער כדאי צו ציטירן, כדי ווידעראַמאָל אָפּצולייקענען דעם בילבול, אַז סירקין האָט געהאַלטן, אַז אין גלות האָבן אידן גאָרנישט געשאַפן און גאָרנישט געקענט שאַפן. ער זאָגט:

„די אידישע באַפעלקערונג פאַרמערט זיך גוואַלטיק. דער שטראָם פון תורה און לערנען פליסט דורכן גאַנצן פאָלק. דאָס אידישע לעבן איז אָפּגע־זונדערט און אָפּגעטיילט דורך סאָציאַלע און מאָראַלישע מחיצות פון אַרום. די אידישע קהילה פאַרוואַלטעט זיך זעלבסטשטענדיק. ווי אָפּגעשלאָסן דאָס אידישע לעבן איז ניט געווען פון דער אייראָפּעאישער קולטור, איז עס גע־שטאַנען אומענדלעך העכער איידער דאָס קולטור־לעבן אין דער פּוילישער, רוסישער און ליטווישער שטאָט. די רבנות האָט אָנגעהאַלטן דאָס גייסטיקע לעבן, די חסידות האָט דערוועקט די אונטערשטע פאָלקס־מאַסן צו רעליגיעזן ענטוזיאַזם, האָט געהויבן דעם פאָלקס זעלבסטגעפיל, האָט מיט מיסטיק פאַר־יאָגט עלנט און נויט, האָט געשאַפן אַ העכערע סאָציאַלע באַציאונג צווישן מענטש און מענטש".

אין יענער צייט פון טיפער נאַציאָנאַלער פאַרגייסטיקונג האָט, לויט סירקין, דאָס פאָלק געמאַכט יענעם מערקווירדיקן פּרוואו „אַריינצופלעכטן אין זיין אידישער לעבנס־שפּראַך זיין העברעאישע ספר־שפּראַך".

פון דעם איז קלאָר, אַז סירקין זעט אין דעם אויפשטייג פון אידיש אויך אַ גרויסן טריאומף פון דער העברעאישער שפּראַך. דאָס באַווייזט, אַז ביי יעדער סאָרט גייסטיקער אויפלעבונג ביי אידן שטייגט די שפּראַך, וואָס טיף אין זיין נשמה באַטראַכט זי דער איד ווי זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך. און סירקין זאָגט דעריבער, אַז ווען העברעאיש זאָל, חלילה, ניט אויפגעלעבט ווערן אין

פאַרבינדונג מיט דעם נייעם אידיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, וואָלט עס געמיינט די פאַרטריקענונג אָדער גאָר די באַוואוסטזיניקע פאַרלייקענונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור.

בלויז נאָך איין לאַנגע ציטאַט אין וועלכער סירקין׳ס באַציאונג צו העברעאיש ווערט שאַרף פאָרמולירט און אין וועלכער ער ווייזט אויך אָן אויף דער צווייטער זייט פון דער מטבע: אויף די שטערונגען, אויף די איינשרענקונגען וואָס דער גלות האָט גורם געווען צו דער אידישער שעפערישקייט. ער זאָגט:

„דאָס אידנטום, וואָס איז אַ גרויסער געשיכטס־וואונדער, האָט ניט געהאַט די רעאַלע מעגלעכקייט סאָציאַל און קינסטלעריש פאַרנאַנדערוואַקסן און פאַנאַנדערבליען. אין אידישער קולטור ליגן גייסטיקע און קינסטלערישע אוצרות, וועלכע זיינען אינטואיטיוו באַשאַפן געוואָרן פון דעם אידישן געניוס, וועלכע זיינען נתגלה געוואָרן, ווי עס זאָגט זיך אין דער רעליגיעזער שפּראַך, אָבער וועלכע דאַרפן ערשט פון דעם מאָדערנעם גייסט דערקענט ווערן באַוואוסטזיניק און ווערן פאָטענצן פון לעבן און שאַפן. דער באַגריף פון דער איינהייט פון אוניווערזום און געשיכטע, דער גלויבן אין דעם גאָט־גייסט, וועלכער לעבט אין דער וועלט און פירט די געשיכטע, דער קעגנזאַץ קעגן דעם מיטאָס, אפילו דעם מיטאָס פון מאַטעריע, די באַגרינדונג פון דער וועלט אויף דעם „זאָל״ און ניט אויף דעם „איז״, די פאַרגעטערונג, אָדער בעסער, די פאַרהייליקונג פון געשיכטע, דער באַגריף פון דער משיח דערלייזונג און דעם אחרית הימים, דער גלויבן אין דער אויסגעוויילטקייט פון פאָלק ישראל, די אידייע פון דער מענטשהייט, דער געבאָט פון שבת אַלס רו־טאָג און לערן־טאָג, דער געבאָט פון יום־כיפור אַלס תשובה־טאָג און מאָראַלישער רייניקונגס־ווילן, די אידייע פון דער פאַראַנטוואָרטלעכער פערזענלעכקייט, די אידייע פון מענטשלעכער גלייכקייט, דאָס זיינען אייניקע פון די יסודות פון דער אידישער קולטור־אַנשויאונג, וועלכע האָבן די וועלט־געשיכטע אויפגעאַקערט, אָבער זי נאָך עד היום ניט באַפרוכפערט, עס זאָל ברענגען זאָמען. אין דער העברעאישער ליטעראַטור און שפּראַך זיינען אָנגעזאַמלט דידאַקטיקע קולטור־אוצרות, וועלכע דער אידישער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס דאַרף איצט שמידן און שמעלצן צו שיינענדיקן גאָלד״.

אָט דאָ האָבן מיר די באַגרינדונג פאַרוואָס העברעאיש מוז פאַרבלייבן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק. סירקין מיינט, אַז העברעאיש האָט אַפילו געדאַרפט ווערן די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך פון דער גאַנצער מענטשהייט. עס איז לויט אים אַ גרויסע נאַרישקייט צו זוכן עפּעס אַן עספּעראַנטאָ אָדער וואָלאַפּיק, ווען די העברעאישע שפּראַך עקזיסטירט. אידן מוזן אַוודאי

„אויפדעקן דורך דעם סימבאָל פון די העברעאישע ווערטער דעם פאַרהאַנג וואָס פאַרדעקט די נסתרות פון די נגלות".

און דאָס אַלץ איז געווען געשריבן ווען בלויז יחידים האָבן דעשפירט דאָס אויפשטייגן פון העברעאיש. היינט זיינען מיר עדות, אַז אויך אויף דעם שטח, דעם טיפסטן שטח פון סירקין'ס אידייען־וועלט, האָט סירקין'ס פאַראַנונג ניט אָפּגענאַרט. עס הערט זיך אין יהודה, אין גליל, אין נגב, אין ירושלים, אין די קבוצות און קיבוצים, דאָס אויפשטייגן פון דער העברעאישער שפּראַך. עס שטאַרקט זיך די תשוקה פון אידן אין גלות צו קענען העברעאיש. אויך אויף דעם סירקין־שטח איז נאָך ניט אַלץ דערגרייכט, אָבער גאָר פיל איז שוין אַריינגעוועבט אין דער מאָדערנער אידישער קולטור־יצירה סיי אין ישראל סיי אין גלות.

יג.

האָבנדיק פאַר זיך די וויכטיקסטע טיילן פון סירקין'ס אידייען וועלט לאָמיר אַ קוק טאָן ווי ווייט זיינען זיי אַריינגעבויט געוואָרן אין אונזער ווירקלעכקייט. מיר האָבן געזען ווי זיינע אידייען וועגן אידיש־גייסטיקע ווערטן, הויפּטזעכלעך — וועגן העברעאיש, האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואָרצלען אין אונזער לעבן. וואו האַלט עס מיט זיינע אַנדערע אידייען — בעיקר: וועגן דעם סאָציאַליסטישן אידנשטאַט?

די אידייע וועגן אַ סאָציאַליסטישן אידנשטאַט האָט סירקין אַנטוויקלט, ווי שוין איינמאָל דערמאָנט, אין 1897. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אָנגעצייכנט אַ סכעמע סיי פון דער אידייע גופא, סיי פון די פּרטים פון איר פאַרווירקלעכונג. אַזוי ווי אונזער ציל איז פעסטצושטעלן וועלכע טיילן פון סירקין'ס אידייען־וועלט זיינען שוין אין גאַנצן אָדער טיילווייז רעאַליזירט געוואָרן, קען איך ניט אַריינגיין אין אַלע פּרטים וואָס ער רעכנט אויס. וויל איך מיר באַנוגענען מיט צוויי ענינים: וויפיל פון סירקין'ס אידייען האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אַריינגענומען אין אירע באַשלוסן און וויפיל פון זיי זיינען פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער מדינה, בעיקר אין דעם ווערק פון קאָלאָניזאַציע.

סירקין פאָרמולירט זיין צענטראַלע אידייע וועגן אַ סאָציאַליסטישן אידנשטאַט אין אָט דעם קורצן פּאַראַגראַף:

דער אָנגעצייכנטער אַנטוואורף איז באַזירט אויף צוויי גרונט פּרינציפּן: אַז די פרייע קאָנקורענץ און פּריוואַט־אייגנטום פון באָדן און פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען מוזן אויסגעשלאָסן ווערן. אַלע אַנדערע פּרטים

קענען דיסקוסירט און אונטערזוכט ווערן, און וועלן געפינען זייער לייזונג אין דער עקאָנאָמישער פּראַקטיק.

עס דאַרפן אָבער אויך ציטירט ווערן צוויי אַרגומענטן — צווישן אַ סך — פאַר דער אידייע פון דעם סאָציאַליסטישן אידנשטאַט. דער ערשטער לייענט זיך אַזוי:

עס לאָזט זיך בשום אופן ניט גלויבן אַז מענטשן וועלן זיך וועלן אַריינלאָזן צו גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקן שטאַט אויפן פּרינציפּ פון סאָציאַלער אומגלייכהייט. דאָס וואָלט דאָך געווען „אַ סאָציאַלער קאָנטראַקט אויף שקלאַפעריי" . . . סאָציאַלע אומגלייכהייט ווערט קודם כל אויפגעהאַלטן דורך היסטאָרישע כחות, וואָס ווערן באַוועגט דורך דעם אומבאַוואוסטזיניקן ווילן פון געשיכטלעכן פּראָצעס. די באַוואוסטזיניקע סאָציאַלע טעטיקייט וויל דאָס היסטאָריש געוואָרענע ענדערן אויף אַ פאַרנינפטיקן אופן און מאָראַליש דערהייבן. אויפצושטעלן בכיוון אַ נייעם, געמיינשאַפטלעכן בנין אויפן פּרינציפּ פון קאָנקורענץ־פרייהייט און סאָציאַלער אומגלייכהייט, אָן אַ פּלאַן און פאַרנונפט, — דאָס איז אַ סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע פאַרזעעניש.

דער צווייטער אַרגומענט לייענט זיך אַזוי:

אין אַ סאָציאַליסטישן אידנשטאַט האָבן אַ שטאַרקן אינטערעס ניט נאָר די אידן און די מדינות וואָס ווילן פון די אידן פּטור ווערן, נאָר אַלע יענע, וועלכע שטרעבן איבערהויפּט צו העכערע סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען — די סאָציאַליסטן און די סאָציאַלע רעפאָרמער. אויף אַזאַ אופן האָבן די אידן די רעאַלע מעגלעכקייטן צו זיין די ערשטע צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם. זיי געפינען זיך אין דער באַזונדערער לאַגע, וואָס זיי זוכן אַ היים, וואָס זיי מוזן גרינדן אַ נייע געזעלשאַפט. דאָס איז די טראַגעדיע פון זייער היסטאָרישן שיקזאַל, אָבער דאָס לייגט אויך אויף זיי אַרויף אַ באַזונדערע היסטאָרישע מיסיע. דאָס וואָס ערגעץ אַנדערש איז נאָר אַ פאַנטאַזיע פון אַ יחיד, ווערט ביי די אידן אַ גוואַלטיקע פאָלקס־באַוועגונג; דאָס וואָס ערגעץ אַנדערש איז נאָר אוטאָפּיע, איז ביי די אידן אַ נויטווענדיקייט.

אין אָט די דריי ציטאַטן ווערט איבערגעגעבן דער קווינטעסענץ פון דער אידייע פון אַ סאָציאַליסטישן אידנשטאַט. ווי זעט די אידייע אויס איצטער, 57 יאָר נאָכדעם, ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרן?

איך מיין אַז סיי די צוויי גרונט־פּרינציפּן, סיי זייער באַגרינדונג זיינען איצט פולשטענדיק באַרעכטיקט, פּונקט אַזוי ווי אין דער צייט ווען דר. נחמן סירקין האָט זיי פאָרמולירט. ס'איז אמת, אַז קיין סאָציאַליסטישן אידנשטאַט האָבן מיר נאָך ניט. עס איז נאָך אַלץ אין דער בחינה פון אַ ציל צו וועלכן

מיר שטרעבן. מיר האָבן דאָך אָבער זינט דאַן געפירט 57 יאָר ציוניסטישע טעטיקייט. אין משך פון דער צייט איז די אידישע מדינה אויפגעשטעלט געוואָרן. ווי ווייט זיינען, סיי אין ציוניזם, סיי אין דער מדינה, אַריינגעבויט געוואָרן יסודות גענומען פון אָט־דער וויזיע פון נחמן סירקין?

יד.

עס וואָלט פאַרנומען צו לאַנג אויסצורעכענען אַפילו די פּרטים וואָס ער ברענגט בלויז בנוגע סאָציאַליסטישער קאָלאָניזאַציע. ער גייט אַריין גאַנץ טיף אין די פאָרמען פון אַרבעט־צעטיילונג, וועגן דער איינשטעלונג פון נאָר־מעס פון קאָמפּענסאַציע פאַר אַרבעט, וועגן דעם ווערט פון פאַרשידענע סאָרטן אַרבעטן און וועגן די פּרינציפּן פון אַרבעט בכלל. ער דערגייט אין זיינע פּרטים ביז צו אַ זייער אינטערעסאַנטער באַהויפּטונג. לויט זיין פּלאַן וועט אַ דורכשניטלעכער פיר־שעה׳דיקער אַרבעט־טאָג גענוג זיין צו באַזאָרגן יעדן איינעם מיט אַ פולשטענדיק היגיעניש און באַקוועמען לעבן. אויסערדעם וואָלט נאָך געבליבן גענוג פּראָדוקציע כדי צוריקצוצאָלן דער נאַציאָנאַל־באַנק (וואָס דאַרף, לויט זיינע פּלענער, אינוועסטירן די ערשטע קאַפּיטאַלן אין דער קאָלאָניזאַציע — ב. צ.) דעם קאַפּיטאַל צוזאַמען מיט די ציגזן.

ער רעדט אויך וועגן דער גרינדונג פון אַ קערפּערשאַפט, וואָס זאָל בויען די סאָציאַליסטישע מדינה און בעיקר אָנפירן מיט דער קאָלאָניזאַציע אַרבעט. ער ווייזט אויך אָן, ווי זי זאָל פינאַנצירט ווערן. דאָס וויכטיקסטע אין דעם גאַנצן פּלאַן בלייבט פאָרט דער הויפּט־פּרינציפּ, וואָס איז קאָנצענטרירט אין צוויי קורצע זאַצן: „דער באָדן איז דאָס בשותפות׳דיקע אייגנטום פון דער גרופּע וואָס באַאַרבעט עס און פאַרבויט עס אויך אַ בשותפות׳דיקן אופן דורך מאַשינען. די הייזער, די אינדוסטריעלע פאַבריקן און די פּראָדוקציאָנס־מיטלען באַלאַנגען אויך צו דער גאַנצער גרופּע״. דאָ האָבן מיר זיין געדאַנק וועגן דער ראָלע פון מאַשינען, וואָס דאַרפן פאַרבייטן דער ביז דאַן אָפּגע־שטאַנענער פאָרם פון ערד־אַרבעט; דאָ האָבן מיר זיין געדאַנק וועגן פאַרבינדן אינדוסטריע מיט אַגראַר־ווירטשאַפט און בעיקר: דאָס בשותפות׳דיקע אייגנ־טום פון דער גאַנצער גרופּע.

שפּעטער רעדט סירקין וועגן דעם אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף אויפשטעלן אַ סך אַזעלכע גרופּן, וואָס יעדע פון זיי זאָל ציילן בערך צען טויזנט נפשות. זיי וועלן בילדן דעם ווירטשאַפטלעכן יסוד פון דעם סאָציאַליסטישן אידנשטאַט. ווי ווייט איז אָט דער טייל פון סירקין׳ס וויזיע פאַרווירקלעכט געוואָרן? מיר האָבן שוין היינט, 57 יאָר נאָך אָט דער פאָרמולירונג, וויניקסטנס פופצן אַזעלכע גרויסע „גרופּן״, וואָס זיינען שוין באַפעסטיקט אין אַזאַ סאָציאַ־

ליסטישער ווירטשאַפט. ווייל מיר פאַרמאָגן מער ווי 150 טויזנט נפשות אין דער אַרבעטער קאָלאָניזאַציע. איז די גאַנצע מדינה, אמת, נאָך ניט סאָציאַליסטיש. אָבער דער יסוד פאַר דעם איז שוין אַריינגעבויט.

סירקין שטעלט זיך אָפּ אויך אויף דעם פונקט: „פון וואַנען וועלן די אַרבעטער גרופּן באַקומען דעם באָדן?" די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — זאָגט ער — האָט אַ צווייפאַכן ציל: צו קריגן אַ לאַנד און אויפבויען דאָרט אַ אידישע געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. פאַר דעם צוועק דאַרפן געשאַפן ווערן צוויי פינאַנץ אַפּאַראַטן: אַ נאַציאָנאַל פאָנד און נאַציאָנאַל באַנק. דער נאַציאָנאַל פאָנד מאַכט מעגלעך צו דערווערבן אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערט לאַנד פאַרן פאָלק; די נאַציאָנאַל באַנק קאָלאָניזירט די אידן אין דעם דאָזיקן לאַנד.

סירקין'ס פּרינציפּיעלע פאָרמולירונג פון באָדן־אייגנטום איז טאַקע שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ יסוד פון דער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. דעמדאָזיקן פּרינציפּ האָבן אָנגענומען אַלע ציוניסטן, ווען דער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אויפגעשטעלט דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס איז באַזירט אויף דעם פּרינציפּ אַז דער באָדן טאָר ניט זיין קיין פּריוואַט אייגנטום; ער מוז געהערן דעם גאַנצן פאָלק, וואָס גיט עס איבער צו די גרופּן פאַר געמיינשאַפטלעכער באַאַרבעטונג. אַ נאַציאָנאַל באַנק איז אויך געגרינדעט געוואָרן. די דאָזיקע באַנק האָט אויף זיך ניט גענומען די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע צו קאָלאָניזירן אידן מיט פאַרנעם, וועגן וועלכע סירקין האָט גע'חלום'ט. אָבער 23 יאָר נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון סירקין'ס „חלום" איז געגרינדעט געוואָרן דער קרן היסוד, וואָס טוט פונקט די אַרבעט, וואָס סירקין האָט אָנגעצייכנט פאַר דער נאַציאָנאַל באַנק.

אָט־די צוויי פאָנדן האָבן עס אַריינגעבויט, אין דער אידישער מדינה בכלל און אין דער אַגראַר־קאָלאָניזאַציע בפרט, די יסודות פון קאָאָפּעראַציע און סאָציאַליזם, וואָס סירקין האָט פאָראויסגעזען.

אַזוי האָט זיך אויסגעווירקט סירקין'ס אידייען־וועלט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. וואָס שייך צו דער דירעקטער בוי־אַרבעט אין לאַנד גופא, איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף די ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע כוחות, וועלכע האָבן פריער געבויט ארץ־ישראל און וואָס איצטער בויען זיי און פירן די מדינה, כדי איינצוזען די שריפט אויף דער וואַנט פון די לעצטע 50 יאָר אידישע געשיכטע, וואָס מוז זיך אַזוי לייענען: דער סאָציאַליסטישער אידנשטאַט איז נאָך ניט רעאַליזירט, אָבער די וויכטיקסטע יסודות פאַר אים זיינען שוין זייער טיף אַריינגעבויט געוואָרן אין דער אידישער מדינה.

טו.

סירקין׳ס קוק אויף מאַרקסיזם, אויף ווי ווייט ס׳איז נוגע זיין געדאַנק וועגן אַ סאָציאַליסטיש׳ן אידנשטאַט, קען אָנגעצייכנט ווערן אין עטלעכע קורצע פּאַראַגראַפן.

די ווירקונג פון קלאַסן־קאַמף אין דער געזעלשאַפט האָט ער אָנערקענט. ער איז אָבער אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף קעגן דעם מאַרקסיסטישן איינשטעל. אַז נאָר די לוין־אַרבעטער אין דער אינדוסטריע זיינען די טרעגער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. סירקין זעט די טרעגער פון דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע אין אַלע סאָרטן אונטערדריקטע, וואָס קעמפן קעגן זייערע אונטער־דריקער: סיי קלאַסן־אונטערדריקער, סיי נאַציאָנאַלע אונטערדריקער. אַרויס־גייענדיק פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט, האָבן מיר שוין געזען ווי ער שרייבט־צו אַ גאָר גרויסע ראָלע דעם אַממייסטן אונטערדריקטן פאָלק — דעם אידישן — אין קאַמף פאַר סאָציאַלע ענדערונגען.

סירקין׳ס אויפפאַסונג פון „קלאַסן קאַמף” איז אויך ניט באַגרעניצט צום קאַמף פאַר מאַטעריעלע אינטערעסן, כאָטש ער אונטערשטרייכט פיל מאָל, אַז דער מאַטעריאַליזם איז אַ גרויסער פאַקטאָר אין דער מענטשלעכער גע־שיכטע. אין אָט דעם פונקט איז אַפילו סירקין ניט געווען אינגאַנצן פריי פון צאָלן אַ שטיקל צינז דער דעמאָלטיקע „מאָדע” פון היסטאָרישן מאַטע־ריאַליזם. ער ווייזט אָבער גלייכצייטיק אָן אַז אויסערגעוויינלעך וויכטיקע געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען קומען אויך פאָר דורך קאַמפן אין דער ספערע פון גייסט. זייער אָפט פאַרנעמען די גייסטיקע קאַמפן דאָס ערשטע אָרט אין מענטשלעכן געראַנגל; דעריבער מוז דער מענטשלעכער גייסט געהאַלטן ווערן אויף אַ הויכער מדרגה.

אויפן געביט פון די ווירטשאַפטלעכע ענדערונגען, וואָס דאַרפן פאָרקומען אין דער געזעלשאַפט, פאַרלאָזט ער זיך אויך ניט אויף דער סטיכיע פון קלאַסן־קאַמף. ער נעמט אַרייז, ווי דעם וויכטיקסטן פאַקטאָר, די איניציאַטיוו פון דעם שאַפנדיקן מענטשן. דער אַרבעטער דאַרף זיך אָרגאַניזירן ניט בלויז צוליב קלאַסן־קאַמף; ער מוז אַליין קאָאָפּעראַטיוו בויען, אַליין קאָאָפּעראַטיוו פּראָדוצירן און זיך אויך אָרגאַניזירן ווי אַ קאָנסומענט. פון אַזאַ איינשטעלונג איז אַרויסגעוואַקסן דער אַרבעטער כוח אין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיינע אַר־בעטס־פּלענער ניט געבויט בלויז אויף קלאַסן־קאַמף, נאָר האָט אויך געבויט זיין זעלבסטשטענדיקע ווירטשאַפט.

אָבער ניט בלויז אויפן שטח פון אידישן לעבן און בויען האָט סירקין׳ס איינשטעלונג זיך אַרויסגעוויזן ווי היסטאָריש ריכטיק; ווען מיר באַטראַכטן די מענטשלעכע געזעלשאַפט פון אונזער צייט, זעען מיר ווי אָט־די געדאַנקען זיינען בכלל געווען ריכטיק. ווי אַנדערש וואָלט די וועלט בכלל, און דער

סאָציאַליזם בפרט, אויסגעזען, ווען ניט דער איבערגעטריבענער גלויבן אין דעם סטיכישן „קלאַסן־קאַמף“ און אין דער „פילאָזאָפיע“ וואָס איז פון אים אנטוויקלט געוואָרן. פון אָט דעם גלויבן פירט אַ דירעקטע ליניע צו דער פינצטערער קאָמוניסטישער דיקטאַטור, וואָס דראָט חרוב צו מאַכן די מענטשהייט און די סאָציאַליסטישע אידייע צוגלייך. דערמיט מיין איך ניט צו זאָגן, אַז סירקין אַליין האָט אין באָלשעוויזם, שוין ביי זיין סאַמע אָנהויב, דערקענט די פּאַר׳סמ׳טע פלאַנץ, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין גאָרטן פון סאָציאַליזם. איך מוז דאָ,ליידער, פאַרצייכענען דאָס פונקט פאַרקערטע. סירקין האָט דווקא געטראָגן סימפּאַטיעס פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָ־לוציע. איר פאַרנעם האָט אים פאַרכאַפּט. קיינער קען מיט זיכערקייט ניט באַהויפּטן ווי אַזוי ער וואָלט געפילט, ווען ער וואָלט דערבליקט איר סטאַלי־ניסטישן פּרצוף, וואָס איז ערשט שפּעטער בולט געוואָרן. איך קען אָבער אויך דאָס ניט אָננעמען ווי אַן אַנטשולדיקונג פאַר סירקין׳ס סענטימענטן אין די ערשטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. מענטשן מיט ווייניקער וויזיאָנערישע קראַפט ווי סירקין האָבן דערשפּירט אין די סאַמע ערשטע טעג פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע די געשיכטלעכע געפאַרן וואָס זי טראָגט אין זיך. אָט־דער סירקין־טעות האָט אָבער קיין שייכות ניט צו זיין גרונט שטעלונג צום מאַרקסיזם. די דאָזיקע יסודות׳דיקע שטעלונג איז פאָרט באַשטעטיקט געוואָרן — ליידער אויף אַזאַ בלוטיקן אופן — דורך דעם סטאַ־לין־קאָמוניזם.

אין פאַרבינדונג מיט סירקין׳ס שטרעבן צו אַ סאָציאַליסטישן אידנשטאַט, איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען זיין אָפּשאַצונג וועגן דער באַדייטונג פון קלאַסן־קאַמף פאַר די אידישע פאָלקסמאַסן, ווי זיי האָבן דעמאָלט געלעבט אין מזרח־ און דרום־אייראָפּע. נאָכדעם ווי ער אַנאַליזירט די פאַרשידענע גרופּן, קלאַסן און עלעמענטן אין אידישן לעבן; נאָכדעם ווי ער דערקלערט פאַרוואָס דער אידישער פאָלקס־מענטש זוכט און דאַרף זען אין סאָציאַליזם די מענטש־לעכע געזעלשאַפט פון דער צוקונפט, מאַכט ער אַזאַ אויספיר:

דער סאָציאַליזם און דער קלאַסן־קאַמף טרעפן גאָרנישט צו צום גרעסטן טייל פון דער אידישערווירקלעכקייט. אַפילו דער פּראָלעטאַרישער רעשטל (מיינענדיק דאָס הייפל אידישע אַרבעטער וואָס האָבן שוין דאַן געאַרבעט ווי לוין־אַרבעטער אין פאַבריקן) פון די אידישע מאַסן קען אין קלאַסן־קאַמף ניט געפינען דיזעלביקע רפואה, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פון יעדן אַנדער פאָלק. דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם באַזונדערן אויסנאַם־כאַראַקטער פון דער אידישער נויט.

און אַזוילאַנג ווי דאָס מזרח־ און דרום־אייראָפּעאישע אידנטום האָט עקזיסטירט, איז די ריכטיקייט פון דערדאָזיקער סירקין־אָפּשאַצונג דעמאָנ־

סטרירט געוואָרן אין כמעט אַלע לענדער פון אידישן מאַסן־לעבן. די לאַגע פון די דעמאָלטיקע אידן איז דעריבער געווען אַ פּאַסיקע באַזע פאַרן סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם. און די מענטשן־כוחות, וואָס יענע אידן האָבן בייגע־שטייערט צו די וויטערדיקע אַנטוויקלונגען אין ארץ־ישראל האָבן פולשטענ־דיק באַשטעטיקט סירקין׳ס פּראָגנאָז.

טז.

סירקין׳ס באַציאונג צו אוטאָפּיעס ווערט דאָ געבראַכט, ערשטנס, ווייל זי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטערעסאַנטן טייל פון סירקין׳ס אידייען־וועלט און, צווייטנס, ווייל ער האָט געמוזט פאַרווענדן פיל כוחות קעגן דער טענה אַז ציוניזם, און איבערהויפּט סאָציאַליסטישער ציוניזם, איז אַן אוטאָפּיע. ווען פּרינציפּיעלע אַרגומענטן קעגן ציוניזם האָט פאַרפעלט, האָבן די פאַרשידענע קעגנער פון ציוניזם זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם באַקוועמען אַרגומענט „אוטאָפּיע״. סירקין האָט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן אוטאָפּיע בכלל און וועגן דער ציוניס־טישער אוטאָפּיע בפרט. און מיר קענען, איצט, צענדליקער יאָרן שפּעטער, אַ קוק טאָן אויב און ווי ווייט סירקין׳ס באַציאונג צו אוטאָפּיע איז געווען אַ ריכטיקע.

סירקין מאַכט צוערשט אַן אונטערשייד צווישן אַ טעכנישער אוטאָפּיע און אַ פּאָליטישער. ער מיינט אַז אין דער טעכניק קענען מיר באַטראַכטן ווי אַן אוטאָפּיע בלויז אַ פּראָיעקט, וואָס שטייט אין סתירה צו פונדאַמענטאַלע געזעצן פון דער פיזיק. אַלע אַנדערע פּראָיעקטן זיינען ניט קיין אוי־טאָפּיעס. אונז גייט אָבער בעיקר וועגן פּאָליטישע אוטאָפּיעס.

אַ פּאָליטישע אוטאָפּיע, זאָגט סירקין, איז יעדער פּראָיעקט פון אַ יחיד, וואָס אָדער ער איז געווענדעט אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון דעם מענטש־לעכן שטרעבן, אָדער — ווען עס זיינען ניטאָ אין דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט קיין גענוגנדיקע מאָטיוון פאַר זיין פאַרווירקלעכונג. ער ברענגט אַ ריי ביישפּילן פון אַזעלכע פּראָיעקטן. דאַן זאָגט ער: „אָבער אויב אַפילו די פאַנטאַסטישע אונטערנעמונג קען געבראַכט ווערן אין איינקלאַנג מיט לעבנס מאָטיוון פון מענטשן איז זי שוין ניט קיין אוטאָפּיע״. ער ברענגט אויך ביי־שפּילן פון אַזעלכע פּראָיעקטן.

דער ציוניזם איז דעריבער ניט קיין אוטאָפּיע, ווייל ער שטייט אין איינ־קלאַנג מיט די לעבנס־מאָטיוון פון די אידן און וואַקסט אַרויס פון זייער נויט. פאַרקערט, אַלע ניט־ציוניסטישע פּרוואוון צו לייזן די אידן־פראַגע טראָגן אויף זיך דעם צייכן פון אוטאָפּיע. אַן אוטאָפּיע איז, לויט סירקינען, ווען די אַסימי־לאַטאָרן טראָגן זיך אַרום מיט דער האָפענונג, אַז די אידן וועלן זיך קענען אין גאַנצן אויסמישן און פאַרשווינדן ווי אידן אין דער אַטמאָספער פון זייערע

בלוט־שונאים; ס׳איז אַן אוטאָפּיע ווען מען רעדט זיך איין, אַז די אידן קענען אין זייערע איצטיקע וואוין־ערטער זיך נעמען צו ערד־אַרבעט; אַז די בירזשע־ און אינטעליגענץ־אידן וועלן זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ נידעריקערן לעבנס־סטאַנדאַרט; אַן אוטאָפּיע איז ווען געוויסע בירזשע־אידן, וועלכע פילן זיך פון ציוניזם שטאַרק געטראָפן אין זייער האַנדל־וואַנדל נשמה, גלויבן אַז דער ציוניזם וועט פאַרשווינדן און די אידן וועלן זיך צוריק אומקערן צו זייער פריערדיקער פּאַסיווקייט לגבי זייער גלות־לאַגע. די אַלע פאַרשטעלונגען זיינען אוטאָפּיעס, ווייל זיי שטימען ניט מיט דעם שטרעבן און פילן פון הייניקן אידן.

מיר האָבן דאָ אייניקע עכט סירקיניסטישע פּאָלעמישע פיילן. ער גייט נאָך אָבער ווייטער און שאַרפער: ער זאָגט: „די אידישע בורזשואַזיע, וועלכע אַרבעט שוין מער ווי אַ האַלבן־יאָרהונדערט אויפצובויען דעם שקר פון אַסימילאַציע; דאָס געלט־ און בירזשען־אידנטום, וואָס קלאַמערט זיך ווי אַ קאַץ אָן זיין געמיינער עקזיסטענץ, אַן עקזיסטענץ, וואָס איז אָן ווערדע און אָן עהרע, מיט שמאַך און שאַנד באַדעקט — אָט די אידן זעען אין דעם ציוניזם אַ געפערלעכע זאַך, וואָס קען פּילייכט שאַדן זייערע געשעפטן". ער שטורמט מיט נאָך שאַרפערע ווערטער קעגן דער בורזשואַזיע, וואָס איז אַזוי מאָראַליש געזונקען און פאַרדאָרבן בנוגע זייער אייגענעם שטאַם; ער פאַרדאַמט די רעפאָרם סינאַגאָגע פון יענער צייט, וואָס „איז געוואָרן די דינסטמויד פון דער אידישער בורזשואַזיע"; ער ווייטיקט מחמת דעם פאַקט וואָס די אידישע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, וועלכע שטאַמען פון די רייען פון דער אינטעליגענץ, שטעלן זיך פיינטלעך צום ציוניזם. ער פרעגט: „ווי איז עס מעגלעך פון די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם, וואָס זיין הויפּט גרונט־זאַץ איז די גלייכבאַרעכטיקונג און זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, — ווי איז עס מעגלעך פון דאַנען אַרויסצודרינגען אַ סתירה קעגן אַ באַוועגונג, וועלכע האָט דאָך קיין אַנדער צוועק ניט, ווי נאָר צו שאַפן אַ היים פאַר אַן אומגליקלעכע, געהעצטע, פאַרפאָלגטע און געיאָגטע מענטשן מאַסע?" ער ווייזט אָן, אַז די שטעלונג פון אידישע סאָציאַליסטן באַזירט אויף אַ היסטאָרישן טעות; אַז סוף־סוף וועלן אידישע סאָציאַליסטן, און אידישע אַרבעטער בכלל, מוזן קומען צום ציוניזם. ער דערקלערט פאַרוואָס זייערע אינטערעסן ווי אידן, ווי אַרבעטער און ווי סאָציאַליסטן באַגעגענען זיך דווקא מיטן ציוניזם. און ווען עס וועט קומען דער טאָג ווען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט וועט דאָס פאַרשטיין, וועט דער ציוניזם ווערן אויס אוטאָפּיע; עס וועט אויפקומען דער מענטשן־כוח וואָס איז אין דעם אויפבוי פון אַ אידן־שטאַט דירעקט פאַראינטערעסירט.

און ווען דער אידישער אַרבעטער קלאַס וועט אַריינעמען די ציוניסטישע

באוועגונג אין זיינע הענט, וועט ער מוזן קעמפן קעגן דעם אַז די אידישע מדינה זאָל געבויט ווערן אויף יסודות פון פריוואַט־אייגנטום און קאַפּיטאַליזם. דער אידנשטאַט וועט דעריבער מוזן זיין אַ סאָציאַליסטישער שטאַט. דאָס אידישע פאָלק האָט נישט אַזעלכע אינטערעסן וואָס זאָלן זיין קעגן אַ סאָציאַ־ליסטישן שטאַט. דווקא דידאָזיקע פאָרעם פון אַ מדינה איז אין הסכם מיט די הייליקסטע וואונטשן און האָפנונגען פון די גרויסע אידישע פאָלקס־קרייזן. פון דעם אַלץ דרינגט סירקין, אַז ניט ציוניזם, ניט סאָציאַליסטישער ציוניזם בפרט, זיינען אוטאָפּיעס.

קוקט מען זיך ווידער צו צו אונזער איצטיקע לאַגע זעט מען, ערשטנס, ווי גערעכט ער איז געווען מיט זיין כאַראַקטעריזירן ווי אוטאָפּיעס אַלע יענע „לייזונגען" פון דער אידן־פראַגע, וואָס אָדער זיי זיינען אויסן געווען דעם אונטערגאַנג פון אידישן פאָלק, אָדער זיי האָבן פאָרגעשלאָגן אַזעלכע פּראָ־יעקטן, וואָס אין בעסטן פאַל האָבן זיי געקענט דינען ווי מינדערוויכטיקע פּאַליאַטיוון צו פאַרציען דאָ אָדער דאָרט אַ אידישע וואונד. קיין גרינטלעכע לייזונג פאַר דער אידישער פראַגע — און דאָס אידישע פאָלק זאָל נאָך לעבן ווי אַ פאָלק — האָבן זיי קיינער ניט פאַרמאָגט.

און ווי זעט אויס די ציוניסטישע „אוטאָפּיע"? איך בין וויט פון געדאַנק, אַז די ציוניסטישע „אוטאָפּיע" איז שוין פולשטענדיק פאַרווירקלעכט געוואָרן. פאַרווירקלעכן דעם פולן ציוניזם וועט נאָך נעמען דורות. איך גיי איצטער ניט אַריין אין קיין אַנאַליז פון דעם וואָס ס'איז דער „פולער ציוניזם". אָבער מיט איינפאַכע מענטשלעכע אויגן, אָן גרויסע וויזיע, זעען מיר פאַר זיך דעם פשוטן פאַקט, אַז פון אַלע אוטאָפּיעס, איז די „ציוניסטישע אוטאָפּיע" די איינ־ציקע וואָס פאַרמאָגט געשיכטלעכע פליגלען; אַז זי טראָגט אין זיך די פּאַטענץ פון לייזן די אידישע פראַגע; אַז זי האָט שוין אַוועקגעלייגט אומגעהויערע יסודות פאַר דעם בנין פון דעם סאָציאַליסטישן אידנשטאַט און אַז נחמן סירקין האָט עס שוין מיט איבער 65 יאָר צוריק דערשפּירט.

***

זיין גאַנץ לעבן האָט ער געווידמעט דעם געדאַנק פון סאָציאַליסטישן אידנ־שטאַט. און אַ טאָג פאַר זיין פּטירה, האָט ער עס אויסגעדריקט אין אַ זאַץ, וואָס דאַרף אַוודאי דאָ ציטירט ווערן, ווייל אין דעם איז קאָנצענטרירט דאָס כאַראַקטעריסטישע פון נחמן סירקין:

„דאָס אָנקומען פון עקאָנאָמישער גלייכקייט אונטער דער אַנוואַקסנדיקער אידייע פון פרייהייט און פון גייסטיקן שאַפן, — דאָס איז דער אמת'ער סאָציאַ־ליזם, וועלכער צינדט אָן מיט זיין פייער דעם פאַקל אויף די בערג פון יהודה, וואָס וועט באַלייכטן דאָס קומענדיקע לעבן פון דער מענטשהייט".

יז.

סירקין שבכתב האָט איבערגעלאָזט זיינע אייגענע שריפטן פון וועלכע מען קען לערנען וועגן די אידייען־ספערן אין וועלכע זיין גייסט האָט גע־שוועבט; וועגן די פילאָזאָפישע שיטות וועלכע האָבן אים באַווירקט. וועלכע פון זיי ער האָט אָנגענומען, וועלכע פון זיי ער האָט אָפּגעוואָרפן און וואו האָט ער צוגעטראָגן אַ נופך משלו. איך ווייס אַז דער אַלטער מאמר: „אין אדם מת וחצי תאוותו בידו" קען מיט מער פּרעציזקייט אָנגעווענדט ווערן אין דער ספערע פון גייסט. אין פאַל פון סירקין בין איך זיכער, אַז ער האָט זיך, זיין גאַנצן גייסט, אַפילו קיין באַדייטנדיקן טייל דערפון, ניט באַוויזן אויסצודריקן, ניט באַוויזן אַריינצוגעבן אין דעם וואָס ער האָט יאָ באַוויזן אָנצושרייבן. לעומקא דסירקין וועלן זיך זיינע לייענער שוין בשום אופן ניט קענען דערגריבלען. נאָר איינצלנע פון זיינע גאָר נאָענטע מענטשן, צווישן וועלכע דער שרייבער פון די שורות האָט זוכה געווען זיך צו געפינען, פאַר וועמען ער האָט זיך אין זיין גאַנצער טיפקייט אַמאָל אַנטפּלעקט גאָר אין פּריוואַטע געשפּרעכן, האָבן זוכה געווען אַריינצונעמען אין זייער געמיט פיל מער מעומקא דסירקין ווי אַנדערע. דעם גאַנצן סירקין האָבן אויך זיי ניט באַנומען. פּשוט: ער האָט עס קיינעם ניט דערלויבט. דאָס איז חלילה ניט געווען ביי אים קיין אויסגעי־חשבונ׳טע הנהגה. עס איז אים פון נאַטור ניט געגעבן געוואָרן די פעאיקייט פון אַרויסגעבן זיך אין גאַנצן. דערצו האָט ער דורכגעלעבט צופיל פּערזענ־לעכע נויט און ליידן און האָט דעריבער מורא געהאַט זיך צופיל צו אַנטפּלעקן כדי דורכדעם ניט אָנצוזאָרפן אַ טייל פון זיינע ליידן אויף אימיצן אַנדערש. איז ער געווען איינגעשלאָסן אין זיך.

אויב אין דעם קרייז פון זיינע נאָענטע האָט זיך אויך געפונען אַ מענטש פון גרויסער קינסטלערישער איניציאַטיווע, וועט ער אפשר קענען איבערשאַפן אין קונסט־פאָרמען די סירקין־פּערזענלעכקייט. דאָס וואָלט געווען אַ גוואַל־טיקער שטייער צום אוצר פון אידישער יצירה. ווייל סירקין האָט אָן ספק געטראָגן אין זיך אַ פונק פון אידישער נצחיות, פון אידישן משיחיזם, וואָס אַריבערגעטראָגן אין ספערן פון קונסט, וואָלט עס געהאַט כח צו באַפרוכפּערן גייסט־מענטשן פון דער צוקונפט. אפשר גייט אַרום ערגעץ אַזאַ מענטש מיט דעם סירקין־שטאָף אין זיך און זוכט אַ פאַסיקן אויסדרוק. אָבער אויך די פּשוטע מענטשן פון זיין אינטימען קרייז דאַרפן, אויף זייער אופן, פּרובירן אַרויסברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט דאָס וואָס זיי טראָגן אין זיך ווי אַ ירושה פון זייער נאָענטקייט מיט דער סירקין פּערזענלעכקייט, אויסגעדריקט דורך סירקין שבעל פה.

און סירקין שבעל פה, פונקט ווי סירקין שבכתב האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן סטיל. פונקט ווי סירקין שבכתב איז אַמשעפערישסטן ניט אין

זיינע טעאָרעטישע אַנאַליזן, נאָר הויפּטזעכלעך אויף צוויי ספערן: געשיכטס־פילאָזאָפיע און שאַרפער פּאָלעמישער סאַטירע, אַזוי האָט זיך אויך סירקין שבעל פה אויסגעדריקט אייגנאַרטיק: אַ סירקין פּאָלעמיק, אַ סירקין ענטפער, אַ סירקין זאָג קען מען שנעל דערקענען.

דער דאָזיקער סירקין שבעל פה איז זייער אַ רייכער. צענדליקער, אויב ניט הונדערטער מוסטערן, טראָגן זיך אַרום צווישן זיינע פריינט. וואָלט געווען אַ יושר דאָס אַלץ אויפצוקלייבן און פאַרעפנטלעכן. ווען ניט ווערט פאַרלאָרן אַן אוצר. פּרוביר איך אַלס אַן אָנהויב געבן אייניקע כאַראַקטער־שטריכן פון סירקין שבעל פה און אייניקע מוסטערן פון סירקין׳ס שאַרפזין, ווי זיי האָבן זיך פאַרפיקסירט אין מיין זכרון.

יח.

ווי אַ רעדנער איז סירקין געווען אָדער קאָלאָסאַל, אָדער זייער ניט דער־פאָלגרייך. אַפילו אין זיינע ניט דערפאָלגרייכע רעדעס האָבן אויך דורכגע־בליצט זייער אָפט אייניקע שאַרפע געדאַנקען, נאָך אָפטער — שאַרפע פּאָלע־מישע אַריינזאָגעכצן, אין וועלכע ער איז אַלע מאָל געווען ברילִיאַנט. אָבער אַז די רעדע, ווי אַ רעדע, זאָל פאַרכאַפּן, דאָס האָט געטראָפן זעלטענער. איז אָבער זיינע אַ רעדע אים געלונגען, איז זי ווירקלעך געווען אַ מייסטער־שאַ־פונג וואָס האָט פשוט באַצויבערט.

די רעדנערישע טעכניק האָט אים געפעלט. ריכטיקער געזאָגט: ער האָט זי מבטל געווען. ער האָט זעלטן געמאַכט נאָטיצן צו אַ רעדע, סיידן צו אַזאַ רעדע, וואו ער האָט געדאַרפט זיין לעקטאָר און ניט רעדנער. איז ער דערשינען ווי אַ לעקטאָר האָט ער זיין מאַטעריאַל צוגעגרייט. וואָס צוצוגרייטן האָט ער פאַרמאָגט בשפע. די צוהערער פון אַ לעקטאָר זוכן ניט די רעדנע־רישע טעכניק. איז די שטימע פון רעדנער אַביסל צו דין, אַמאָל אַפילו פאַר־שפּיצט ביז צו סאָפּראַנאָ־מעסיק, — וואָס אַרט עס דעם צוהערער פון לעקטאָר, אויב דאָס וואָס ער לערנט, דאָס וואָס ער איז מסביר, פאַרמאָגט תוכן? און דאָס האָט סירקין אַלע מאָל פאַרמאָגט. און ניי איז ער אויך אַלע מאָל געווען. ווייל געלערנט האָט ער כסדר. שטענדיק האָט ער געהאַלטן אין אָפּפרישן זיין ווִיסן; שטענדיק האָט ער געהאַלטן קאָפּ און האַרץ אָפן פאַר אַלע נייע דער־שיינונגען, אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור און בעיקר געשיכטס־פילאָסאָפיע, וואָס האָט פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין זיין נשמה. אָבער צו סתם אַ רעדע איז זיין שטים ניט געווען פון די בעסטע. צוגרייטן זיך צו סתם אַ רעדע איז פאַר אים אָרגאַניש געווען אוממעגלעך. צו אַזאַ סתם רעדע האָט ער זיך פאַרלאָזן אויף דער שעפערישקייט פון מאָמענט, אויפן

עקספּראָמפּט. זיינע רייד־זשעסטן זיינען דעריבער ניט געווען אויסגעמאָסטן, ווי ביי אויסגעשטודירטע ראַבינער למשל. אויך בנוגע אינהאַלט האָט ער אָנגענומען די ביבלישע מאָטאָ: את אשר ישים אלהים בפי אותו אדבר.

איז טאַקע זיין דערפאָלג אַלס רעדנער געווען אַ גאָט־זאַך. אויב די יצירה־קראַפט איז געווען מיט אים בעתן ריידן האָט ער זיך אויפגעהויבן אומגעהויער הויך. טאָמער האָט אים אָבער די יצירה־קראַפט בעתן ריידן פאַרלאָזט, האָט ער זיך ניט געקענט אויפהויבן. דאַן האָט דער מאַנגל אין רעדנערישער טעכניק אים גובר געווען.

אים הערן איז אַלע מאָל געווען אינטערעסאַנט, ספּעציעל פאַר באַ־וועגונגס־מענטשן, וועלכע האָבן אין יעדער רעדע זיינער געזען פון אַ שאַרפן סירקינישן זאָג, אָדער פון זיינעם אַ שאַרפן פּאָלעמישן ביס. איז אים אָבער אַ רעדע געלונגען דאַן האָט ער, מער ווי יעדער אַנדערער — פון טעכניש־רעדנערישן שטאַנדפּונקט פיל בעסערע רעדנער פאַר אים — דערהויבן זיינע צוהערער.

צוויי אַזעלכע רעדעס זיינען מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון עד היום הזה. די ערשטע רעדע האָט ער געהאַלטן אין יאָר 1909, תיכף נאָך דער פאַראייניקונג־קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שיקאַגאָ. אויף יענער קאָנווענשאָן האָבן זיך צו דער פּועלי־ציון פּאַרטיי אָנגעשלאָסן אַ טייל פון דער געוועזענער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. סירקין איז געווען איינער פון די דריי מיטגלידער פון דעם צענטראַל קאָמיטעט פון די ס.־ט. וועלכע האָבן זיך צוריק אָנגעשלאָסן צו די פּועלי־ציון. די אַנדערע צוויי זיינען געווען: דער פאַרשטאָרבענער אב. גאָלדבערג און איך. מיר האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט ניט די גאַנצע ס.־ט. פּאַרטיי, אָבער אַ נשקשה׳דיקן טייל פון איר (די גאַנצע ס.־ט. פּאַרטיי מיט דעם אויסנאַם פון אַ פּאָר טערי־טאָריאַליסטישע „דייהאַרדס״, האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פּועלי־ציון ערשט אין 1917). צו דער שיקאַגאָער קאָנווענשאָן איז אויך געקומען דר. חיים זשיטלאָווסקי מיט זיין גרופּע (אין אַמעריקע האָבן זיי געהייסן: סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן־טעריטאָריאַליסטן און האָבן זיך געהאַלטן פּראָגראַמאַטיש נאָענט צו די סיימאָווצעס אין רוסלאַנד) און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. די דאָזיקע פאַראייניקונג איז אין ניו יאָרק געפּייערט געוואָרן דורך אַ גרויסן באַנקעט. די צוויי הויפּט רעדנער: דר. חיים זשיט־לאָווסקי און דר. נחמן סירקין.

זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן אַ פּראַכטפולע פּראָגראַם רעדע. אים האָט קיינמאָל ניט געפעלט ניט די רעדנערישע טעכניק און ניט אינהאַלט. איך האָב זשיטלאָווסקי׳ן געהערט אין אַ סך צענדליקער רעדעס. איך מיין אַז קיינ־מאָל אין זיין לעבן האָט ער געהאַלטן אַזאַ רעדע, מיט וועלכער זיין נשמה איז

געווען אין פולן הסכם. מייסטער ווי ער איז געווען אַלע מאָל מיט מח צו קענען אויסגלייכן קרומקייטן, ווידערשפרוכן און זיי טעאָרעטיש צוזאַמענבינדן אין איין פילאָזאָפישן געדאַנקגאַנג, האָט אָבער אַ נפש היפה אָפט געפילט די לאָגיק־נעט מיט וועלכע ער האָט זייער פעאיק פאַרבייט די דאָזיקע ווידער־שפּרוכן. האָט מען באַוואונדערט זיין פעאיקייט, אָבער עס האָט אָפט געלאָזן קאַלט, ווייל עס האָט זיך געשפּירט די געקינסטלטקייט. ביי יענעם באַנקעט האָט אָבער פון אים אַרויסגערעדט זיין גאַנצע נשמה. ער, זשיטלאָווסקי האָט דאַן גערעדט וועגן דער ראָלע פון ארץ־ישראל אין דער אידישער געשיכטע, וועגן דעם רויטן פאָדעם — ארץ־ישראל — וואָס ציט זיך דורך אַלע אונזערע דורות. איבעריק צו זאָגן, אַז די ווירקונג פון דער רעדע איז געווען גוואַלטיק. דער גרעסטער טייל פון די אַנוועזנדיקע זיינען געווען פּועלי־ציון. פאַר זיי איז עס געווען פשוט התרוממות הנפש צו הערן זשיטלאָווסקין אַזוי ריידן.

נאָך אים האָט גערעדט סירקין. שוין דער סאַמע אָנהויב האָט געגלאַנצט מיט סירקינישן שאַרפזין. ער האָט אָנגעהויבן אַזוי:

„חברים! איך שטיי היינט פאַר אייך אַ באַ׳גזל׳טער און אַ פאַרצווייפלטער. אַז איך האָב זיך צוטיילט מיט זשיטלאָווסקין די אידישע וועלט, האָב איך אים אָוועקגעגעבן אַלץ וואָס איז פאַראַן און מיר האָב איך גענומען אַלץ וואָס איז נאָך ניטאָ. איז ביי אים געבליבן דער גלות וואָס איז פאַראַן, און פאַר מיר האָב איך גענומען אַ טעריטאָריע (האָט אין זינען אַז ער איז אָקאָרשט אָוועק פון טעריטאָריאַליזם), וואָס איז נאָך ניטאָ; איז ביי אים געבליבן אידיש, וואָס איז פאַראַן (האָט אין זינען אַז דאָס איז געווען אין דער צייט ווען דאָס אייראָ־פּעאישע אידנטום האָט געלעבט אינטענסיוו און זיין שאַפונגסקראַפט אין אי־דיש האָט געהאַלטן אין כסדרדיקן שטייגן, דאַקעגן דער ישוב אין ארץ־ישראל איז נאָך געווען זייער קליין), און איך האָב מיר גענומען העברעאיש וואָס איז נאָך ניטאָ". ער האָט אָנגעוואָרפן נאָך אייניקע, שוין ניט אַזעלכע שניידנדיקע ביישפּילן וואו זשיטלאָווסקי נעמט אַלץ וואָס איז פאַראַן און ער, סירקין, נעמט אַלץ וואָס איז נאָך ניטאָ. „היינט" — האָט ער פאָרטגעזעצט — „האָט זשיט־לאָווסקי מיך באַ׳גזל׳ט — ער האָט אַוועקגענומען פון מיר מיין טעריטאָריע, מאָרגן, ווער ווייס, וועט ער מיר באַ׳גזל׳ענען ווייטער און וועט אַוועקנעמען פון מיר העברעאיש, — טאָ ביי וואָס וועל איך בלייבן?"

און נאָך אָט דעם שאַרפן אָנהויב איז ער אָוועקגעשוואומען אין אַ ים פון געדאַנקען וועגן דער באַדייטונג פון אימפּאָנדעראַביליען, זאַכן, וואָס די „קלוגע" מענטשן רופן אָן „אומרעאַל", פאַרוואָרפן זיי ווי כוחות וואָס קענען ניט ווירקן אין דער געשיכטע און דעריבער שענקט מען זיי ניט קיין אויפ־מערקזאַמקייט. ער, סירקין, האָט דערשפּירט אַז דווקא אָט די אימפּאָנדעראַ־ביליען זיינען די שטאַרקסטע כחות וואָס באַוועגן געשיכטע. נאָך מער באַוועגן

זיי די געשיכטע פון דעם עם הפלאות, דעם וואונדערפולן אידישן פאָלק וואָס זיין סאַמע לעבן און בעיקר זיינע אייגנאַרטיקע שאַפונגען קענען נאָר דורך אַזעלכע אימפּאָנדעראַביליען פאַרשטאַנען ווערן. און אין אַ רעדע וואָס האָט זיך געצויגן אַנדערהאַלבן שעה, האָט ער געהאַלטן אין שטייגנדיקער שפּאַנונג דעם עולם צוהערער. עפּאָכע נאָך עפּאָכע פון דער אידישער געשיכטע איז אויפגעשטאַנען פאַר אונזערע אויגן און פון סירקין׳ס גאַנצן וועזן האָט גע־שטראָמט דערקלערונג נאָך דערקלערונג, וועלכע כחות עס האָבן די דאָזיקע עפּאָכעס געבאָרן און ווי אַזוי דער אייביקער אידישער גייסט האָט זיי אויפ־גענומען. וועמען איז דאַן אַנגעגאַנגען רעדנערישע טעכניק? מיר האָבן אַלע געזען פאַר אונז אַ גרויסן שעפערישן גייסט אַנטפּלעקט אין די סאַמע פּראָצעסן פון זיין שאַפן.

און דאָס איז עס טאַקי געווען. סירקין׳ס אַ רעדע איז געווען גרויס נאָר דאַן ווען ער האָט זי באותו הרגע געשאַפן. האָט אים אלהים ניט געגעבן קיין רייד, האָט ער זיך ניט דערהויבן און האָט אַנדערע ניט געקענט דערהויבן. האָט אים אלהים יאָ געגעבן רייד, האָט ער זיך שעפעריש דערהויבן און מיט זיך דערהויבן דעם גאַנצן עולם צוהערער. און האָט ער אָט די שעפערישע קראַפט אין זיך דערפילט, איז ער געוואָרן איין שטיק אומרו, אויב ער האָט תיכף ניט באַקומען די מעגלעכקייט זי אַרויסצובריינגען.

ווידער אַן עפּיזאָד וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט און ווידער אַ פאַרגלייך מיט זשיטלאָווסקי׳ן.

אויך אייניקע אַנדערע עפּיזאָדן דרייען זיך מערסטנס אַרום סירקין־זשיט־לאָווסקי. דאָס האָט זיכער ניט צו טאָן מיט עפּעס אַ שטענדיקן גראַנגל צווישן די צוויי מענטשן. דאָס דאַרפט איר פאַרשרייבן אויפן חשבון פון דעם שריי־בער פון די שורות, ווייל ער האָט די מערסטע עפּיזאָדן איבערגעלעבט דורך דעם אָפטן צוזאַמענשטויס פון אָט די צוויי וויכטיקסטע מענטשן אין די אַמערי־קאַנער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע קרייזן.

דאָס איז שוין געשען אין ווינטער 1917-8. נאָך דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע האָט אונזער פאַרטיי דורכגעפירט גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד. איך האָב געהאַט דעם כבוד צו באַזוכן די גרעסטע צאָל שטעט. אין אַ טייל פון די שטעט איז מיט מיר געפאָרן זשיטלאָווסקי; אין אַ צווייטן — סירקין. זשיטלאָווסקי איז נאָך דער פאַראייניקונג פון 1909 געווען אַקטיוו אין דער פאַרטיי אַ קורצע צייט. שפּעטער איז ער געוואָרן ניט אַקטיוו. צי ער האָט זיך אַליין באַטראַכט ווי אַ חבר פון דער פאַרטיי ווייס איך ניט. אָבער מיר האָבן אים שוין ניט אַריינגערעכנט אין אונזער רשימה. נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע איז ער ווידער געוואָרן אַקטיוו. די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן אויך געהאַט אַ פּראַקטישן צוועק: אַ פּאָליטישן פאָנד פאַר דער פאַרטיי. דער

סדר ביי די פֿאַרזאַמלונגען איז געווען אַזוי: איך בין געווען דער ערשטער רעדנער און האָב פֿאַרענדיקט מיט אַן אַפּיל פֿאַר געלט. דער הויפּט רעדנער — סירקין אָדער זשיטלאָווסקי — האָט געדאַרפֿט ריידן נאָכדעם ווי די געלט־זאַמלונג איז געווען פֿאַריבער. מען האָט דאַן געזאַמלט געלט לויט די זעלביקע מעטאָדן וואָס איצט, מיטן חילוק וואָס די סכומים זיינען געווען קלענערע. היינט בעט מען טויזנטער. דאַן האָבן מיר זיך געקענט דערלויבן אָנהויבן בעטן אַ הונדערטער, אַרונטערגיין צו קלענערע סומען, ביז אַן איינציקן דאָלאַר און אַ האַלבער דאָלאַר איז אויך געווען אַ חשוב׳ע נתינה. די דאָזיקע פּראָצעדור האָט זיך נאָטירלעך געצויגן פּילע צענדליקער מינוטן.

די ערשטע „פֿאַרשטעלונג" געדענק איך איז פֿאַרגעקומען אין שיקאַגאָ מיט זשיטלאָווסקי׳ן. דער עולם איז געווען זייער אַ גרויסער. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביי 25־ער האָבן עטלעכע מענטשן זיך אויפֿגעהויבן אַרויסצוגיין. איז זשיטלאָווסקי צוגעקומען צו מיר און אַריינגערעדט אין אויער: חבר צוקערמאַן, איילט זיך ניט! טאָמער וועלן אייניקע אַוועקגיין מאַכט אויך ניט אויס. קריגט אַרויס וויפֿיל נאָר איר קענט. מיר מאַכט ניט אויס אויב צו מיין רעדע וועלן זיין עטלעכע מענטשן ווייניקער.

די „פֿאַרשטעלונג" מיט סירקינ׳ען איז פֿאַרגעקומען אין טאָראָנטאָ. אויך אַן אומגעהויער גרויסער עולם. די זעלביקע פּראָצעדור. סירקין גייט אַרום אויף דער פּלאַטפֿאָרמע אַן אומרואיקער, אַן אויפֿגערעגטער, ביז ער האַלט ניט אויס און קומט צו צו מיר און רוימט מיר אַריין אין אויער:

„חבר צוקערמאַן, מאַכט אַן ענדע. וועט זיין מיט עטלעכע דאָלער ווייניקער. איר פֿטרט מיר אַוועק מיין רעדע".

ווערט עס דערציילט ניט חלילה לגנאי אָדער לשבח פֿון דעם „אומפּראַקטישן" סירקין און דעם „פּראַקטישן" זשיטלאָווסקי אָדער פֿאַרקערט. דאָס ווערט נאָר צוגעגעבן ווי אַ שטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון סירקין אַלס אַ רעדנער. ווען דער רוח הקודש האָט אים באַרירט, האָט ער געמוזט תיכּף באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצושאַפֿן פֿון דער נשמה וואָס אין איר האָט אויפֿגעשטורעמט. קענענדיק סירקינ׳ען האָב איך זיך אים תיכּף אונטערגעגעבן. מיינע חברים פֿון דאַמאָלטיקן צענטראַל קאָמיטעט — אַ סך פֿון זיי לעבן נאָך אַ דאַנק גאָט! — וועלן אויף מיר קיין פֿאַריבל ניט האָבן וואָס איך האָב דאַן פֿאַראורזאַכט אַ געלט־שאָדן אונזער פּאָליטישן פֿאָנד. איך האָב עס געטאָן, ערשטנס, צוליב סירקינ׳ען. איך האָב געוואוסט וואָס עס שטורעמט אין זיין נשמה. אָבער איך בין אויך געווען אַן עגאָאיסט. איך האָב זיך אַליין אויך אין זינען געהאַט. איך האָב געוואוסט וואָס סירקין קען שאַפֿן ווען זיין נשמה איז אויפֿגעברויזט און איך האָב געוואָלט הנאה האָבן פֿון אָט דעם יצירה־פּראָצעס פֿאַר מיינע אויגן. און איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט! דאָס

איז געווען איינע פון די דערהויבנדיקסטע רעדעס וואָס איך האָב ווען געהערט אין מיין גאַנץ לעבן.

און וואָס איז דאַן געווען דער אינהאַלט פון סירקין׳ס רעדע?

ער האָט זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט די פּאָליטישע כחות וואָס האָבן דערפירט צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע. נישט מער ווי 10 פּראָצענט פון זיין אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשענקט דערצו. 90 פּראָצענט האָט ער קאָנצענטרירט אַרום זיין ליבלינג׳ס טעמע: „עם הפלאות״, — די וואונדערבאַרע דערשיינונג ווי אַזוי אַ פֿאָלק האָט געקענט טראָגן אין זיין האַרץ די צוגעבונדנקייט צו אַ לאַנד דורך אַלע דורות און דורך אַלע צרות פון לאַנגן גלות; דעם טעות וואָס די טעריטאָריאַליסטן — און ער אַליין בתוכם — האָבן געמאַכט, ווען זיי האָבן אָט דעם פאַקטאָר ניט גענומען אין חשבון; דעם גרויסן פעלער וואָס אידישע סאָציאַליסטן — אַנטי־ציוניסטן — באַגייען, ווען זיי זעען ניט אין דעם אידיש־געשיכטלעכן וואונדער־פּראָצעס וואָס טראָגט אין זיך סיי די גאולה פון אידישן פֿאָלק דורך ארץ־ישראל, סיי די גאולה פון דער גאַנצער מענטשהייט דורך די עטיש־סאָציאַלע יסודות פון אונזערע נביאים; ער אַנאַליזירט ברייט די דערשיינונג משה העס, וואָס איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַזוי קלאָר דערזען דעם וואונדער־פּראָצעס פון דער אידישער געשיכטע און זיין ווירקונג אויפן גאַנצן מענטשלעכן גייסט; ער אונטערשטרייכט די געשיכטלעכע באַדייטונג פון די בילויים, וואָס טראָץ זייערע פּראַקטישע דורכפאַלן, האָבן זיי אָנגעצייכנט דעם וועג פאַר דער ראָלע וואָס די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָבן איבערגענומען; ער רעדט וועגן די אָנהויבן פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע און זייער באַדייטונג פאַרן וועלט־סאָציאַליזם. די אידישע אַרבעטערשאַפט וואָס פאַרבינדט זיך מיט ארץ־ישראל נעמט איבער די משיחישע ראָלע אין דער אידישער געשיכטע. און אַ הודו לעם ישראל וואָס נאָר סירקין האָט געקענט אין אַזעלכע מאָמענטן אַרויסזינגען האָט זיך געטראָגן איבערן זאַל; אַ הודו לעם ישראל וואָס האָט ניט געהאַט אין זיך קיין שמץ פון שאָוויניזם נאָר בלויז אַ געשיכטלעכע פעסטשטעלונג פון דעם ספּעציעלן טאַלאַנט פון אידישן פֿאָלק, אַ שבח, פּונקט אַזוי באַרעכטיקט ווי אַ גרויסער לויב פאַר אַ גרויסן, אמת׳ן קינסטלער.

ווידעראַמאָל האָב איך — און דער גרויסער עולם צוהערער — זוכה געווען צו שפּירן די גרויסע שעפערישקייט פון נחמן סירקין אין סאַמע פּראָצעס פון זיין שאַפן, ווען גאָט׳ס וואָרט האָט פון אים אַרויסגערעדט.

יט.

איך האָב געבראַכט בלויז צווייביישפּילן פון סירקין אַלס רעדנער, וואָס האָט מיטן תוכן פון זיין רעדע, מיט דעם גוואַלטיקן גייסטיקן שוואונג דער־

הויבן. עס איז אָנגענומען אַז קיין פּראַקטישער מענטש איז סירקין ניט געווען. אוןווירקלעך: אינם געוויינלעכן זין ווי מען פאַרשטייט פּראַקטיש־קייט, האָט סירקין קיין גרויסן חלק ניט געהאַט. פאַראַנען אָבער אַ פּראַקטיש־קייט, וואָס קומט אַרויס טאָקע פון שוואונג, טאָקע פון באַגייסטערונג, און ניט איינמאָל זיינען אַזעלכע פּראַקטישקייטן געקומען צום אויסדרוק דורך נחמן סירקין, וואָס האָט געפירט צו גאָר גרויסע דערגרייכונגען. ווידער בלויז צוויי ביישפּילן:

סירקינ׳ס ראָלע אין דער פּראָפּאַגאַנדע פאַר קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָני־זאַציע איז באַקאַנט אויך אין זיינע שריפטן. איך באַשעפטיק זיך דאָ אָבער מיט סירקין שבעל פּה. דערמאָן איך זיך אויף אַ דעבאַטע, ווידעראַמאָל אויף אַ פּאַרטיי־קאָנווענשאָן, דאָס מאָל אין פּיטסבורג אין 1920. סירקין איז צו־ריקגעקומען פון ארץ־ישראל אַלס איינער פון דער דעלעגאַציע וואָס די פּועלי־ציון באַוועגונג האָט דאַן געשיקט כדי אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן פאַר אַ גרויס־צוגיקער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. דאָס איז געווען אייניקע חדשים פאַר דער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין, וואו די שפּאַלטונג צווישן רעכטע און לינקע איז פאָרגעקומען. די פּיטסבורגער קאָנווענשאָן האָט דאַן געדאַרפט, דורך אירע רעזאָלוציעס, פעסטשטעלן אויף וועלכן צד די אַמעריקאַנער פּאַרטיי שטייט. איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן וואָס האָט צעטיילט די רעכטע און לינקע איז טאַקי געווען — די וועגן פון דער אַרבעטער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. סירקין האָט דאַן געבראַכט אַ פּלאַן צו שאַפן אַ קאָלאָניזאַציאָנס־פאָנד פון אַ מיליאָן דאָלער פאַר דער אידישער אַרבעטער קאָלאָניזאַציע. זיינע פאָרשלאָגן ווי צו זאַמלען דעם מיליאָן דאָלער האָבן פאַרמאָגט אַלע נאַאיוויטעטן פון סירקינען, ווען ער האָט געזוכט ווי אַזוי זיינעם אַ גרויסצוגיקן פּלאַן צו רעאַליזירן. זיינער אַ באַרימט ווערטל פלעגט געוויינטלעך זיין, אַז ער, סירקין, קען פאַרטראַכטן אַ גרויסן פּלאַן, דורכפירן דעם פּלאַן, פלעגט ער זאָגן, איז בלויז אַ טעכנישע פראַגע. דאַרף מען געפינען דעם בריה דערצו. דאָס מאָל האָט ער אַליין געפּרובירט זיין דער בריה. האָט זיך אַנטוויקלט ווידעראַמאָל אַ שאַרפער געראַנגל אַרום דעם פּלאַן.

צווישן די קעגנער פונם סירקין פּלאַן איז דאַן געווען אַ חבר, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שטרענגן מאַרקסיסט. ער האָט אָפּגעפרעגט דעם גאַנצן געדאַנק, אַז די אַרבעטער זאָלן גאָר בויען אייגענע ווירטשאַפטן. ער האָט פאַרטיידיקט די דאַן לינק־פּועלי־ציוניסטישע ליניע, לויט וועלכער די ראָלע פון דעם אידישן אַרבעטער אין בויען ארץ־ישראל קען נאָר זיין אין דעם, וואָס אידישער קאַפּיטאַל וועט בויען ווירטשאַפטן, אידישע אַרבעטער וועלן אַרבעטן אין די דאָזיקע ווירטשאַפטן, וועלן פירן דעם קלאַסן־קאַמף און דורך דעם דאָזיקן קלאַסן געראַנגל וועט געבויט ווערן דער סאָציאַליסטישער אידנשטאַט.

דעם געהעריקן ענטפער האָט ער דאַן באַקומען פון סירקינ׳ען דווקא אויפן שטח פון פראַקטישער קאָלאָניזאַציע. דער געגנער האָט געבראַכט אַלע ראיות פון דער געשיכטע פון קאָלאָניזאַציע ביי אַנדערע פעלקער כדי צו באַווייזן, אַז דאָס וואָס סירקין שלאָגט פאָר איז אַן אוטאָפּיע, אַ חלום; אַז די אַרבעטער־שאַפט טאָר זיך מיט אַזעלכע אוטאָפּיעס ניט פאַרנעמען. סירקין האָט דאַן אַנטוויקלט פאַר דער קאָנווענשאָן אַ בילד פון דער ״אוטאָפּיע״ וואָס די אידישע אַרבעטערשאַפט דאַרף פאַרווירקלעכן. ביסלעכווייז איז פאַר דער קאָנווענשאָן אויפגעמאָלן געוואָרן אַ צוקונפט־בילד פון דער אידישער אַגראַר ווירטשאַפט, אויסגערעכנט ביזן לעצטן דעטאַל פון פּראַקטישן לעבן אין די דאָזיקע קאָ־אָפּעראַטיווע דערפער. היינט זעען מיר אַלע מיט אונזערע פיזישע אויגן דאָס וואָס סירקין האָט דאַן געזען מיט זיינע גייסטיקע אויגן. די וויזיע האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. די סירקין־אינטואיציע פאַר גרויסע פאַרמעסטונגען האָט אונז אַלעמען געגעבן פליגלען. ווייל אויך מיר, דאָ אין אַמעריקע, האָבן געדאַרפט צוטראָגן אונזער חלק צו דער „אוטאָפּיע״, וואָס סירקין האָט דאַן געשילדערט. דער מיליאָן דאָלער איז טאַקע דאַן באַלד ניט געזאַמלט געוואָרן. אָבער דאַן איז פאַרזייט געוואָרן דער קערנדל, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואָקסן אינם איצטיקן געווערקשאַפטן קאַמפּיין. די בריות האָבן זיך סוף כל סוף געפונען און האָבן אַפילו דעם פינאַנציעלן פּלאַן פון דר. סירקינ׳ען, וואָס האָט דאַן אַפילו פאַר זיינע עקסטרעמע אַנהענגער אויסגעזען נאַאיוו, פאַרווירקלעכט.

אַ צווייטערביישפּיל וואָס איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר סירקינ׳ס גרויס־צוזיקער אינטואיציע.

דער אויפשוואונג אין דער פּאַרטיי וואָס איז געקומען נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסוועפּן. עס האָבן אָנגעהויבן קלאָר ווערן די פּאָליטישע ענדערונגען אין דער באַציאונג פון דער בריטישער רעגירונג. אינעווייניק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן אָנגעהויבן ווירקן סימנים פון חילוקי דעות וואָס האָבן קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט. אין אונזער אייגענער פּאַרטיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסווירקן די רעזולטאַטן פון דער דאַמאָלטיקער לעגיאָן באַוועגונג. הונדערטער פון אונזערע בעסטע חברים אין אַמעריקע זיינען אַוועק אין לעגיאָן. די פאַראיינען האָבן גענומען שוואַכער ווערן. די פינאַנץ־לאַגע פון דער פּאַרטיי איז געוואָרן זייער אַ שווערע. אונזער „קעמפער״ האָט זיך געמאַטערט מיט אַ דעפיציט. אַ זיצונג פון צענטראַל קאָמיטעט איז צוזאַמענגערופן געוואָרן טאַקי וועגן דער לאַגע פון אונזער וואָכנבלאַט. עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פילע חברים ניט־מיטגלידער פון צענטראַל קאָמיטעט. מיר זיינען געזעסן שעה׳ן נאָכאַנאַנד און געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו דערמעגלעכן דעם קומענדיקן נומער אַרויסצוגעבן. סירקין איז געזעסן און האָט זיך כמעט ווי ניט באַטייליקט אין דער גאַנצער דיסקוסיע.

פּלוצים האָט ער געבעטן אַ וואָרט און מיט די ערשטע ווערטער האָט ער אונז אַלעמען פּשוט צעטומלט. ער האָט אָנגעהויבן:

„חברים, איך שלאָג פאָר מיר זאָלן זיך אָנהויבן גרייטן אַרויסצוגעבן אַ טאָג־בלאַט!״

ווען די איבעראַשונג איז אַריבער האָט ער אָנגעהויבן פאַר אונז אויסלייגן זיין פּלאַן אין דעטאַלן. ניט די דעטאַלן ווי אַזוי אַרויסצוגעבן די צייטונג; זיכער ניט די דעטאַלן ווי אַזוי אויפצוזאַמלען אַזאַ אומגעהויערן פאָנד וואָס וועט זיין נויטיק פאַר אַ טאָג־צייטונג. דאָס ניט. אָבער ער האָט גענומען אין דעטאַלן שילדערן די אַנטוויקלונגען אין ציוניזם און אין אידישן לעבן אין די קומענדיקע יאָרן; די אילוזיעס וועלכע וועלן מוזן אויסרינען אין די קומענדיקע יאָרן; די געפאַרן וואָס לויערן אויף אונזער באַוועגונג, אויב מיר וועלן זיך לאָזן געשלעפּט ווערן פון די אַנטוויקלונגען, אויב מיר וועלן זיך ניט אָננעמען מיט מוט פאַר גרויסע אונטערנעמונגען. ער האָט אַנאַליזירט די גייסטיקע ירידה וואָס וועט פאַרכאַפּן די אידישע מאַסן אין אַמעריקע; אַז אונזער באַוועגונג האָט די היסטאָרישע פליכט אין אַזאַ צייט זיך קעגנשטעלן קעגן אַזעלכע פּראָצעסן; אַז אַ וואָכנבלאַט איז פאַר אַזאַ צייט ניט קיין פּאַסיקער וואָפן צו קעמפן קעגן דער ירידה. מיר מוזן האָבן פאַר דעם אַ טאָגבלאַט. די זיצונג האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. נאָך שעה׳ען האָבן זיך געצויגן. פון יענער נאַכטזיצונג איז אַרויסגעקומען אַ באַשלוס. דער באַשלוס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַרום אָנדערהאַלבן יאָר שפּעטער האָט „די צייט״, אונזער טאָגבלאַט, דערזען די ליכטיקע וועלט.

איז ניט איצטער די צייט צו דערציילן ווי אַזוי מיר האָבן געאַרבעט דורך די אָנדערהאַלבן יאָר, ווי אַזוי די צוגרייטונג צו דער צייטונג האָט אַריינגעגעבן נייע בלוט אין אונזער באַוועגונג, ווי אַזוי די דערשיינונג פון „די צייט״ האָט פאַרגרעסערט דעם אויפשוואונג, ווי אַזוי די לעזער פון „צייט״ האָבן פּשוט זיך צוגעקלעפּט צו דער צייטונג; ווי אַזוי מיר האָבן אויסגעהאַלטן 20 חדשים; ווי אַזוי דאָס אָפּשטעלן פון „די צייט״ האָט נאָכהער געגעבן דעם גרעסטן קלאַפּ אונזער באַוועגונג בכלל און די פאַרטיי בפרט. קוקנדיק צוריק אויף יענער צייט זאָג איך, אָן וועלכער ס׳איז רעזערוואַציע, אַז ווען מיר דאַרפן נאָכאַמאָל דורכמאַכן די עליות און ירידות אין פאַרבינדונג מיט דער „צייט״ וואָלט איך אויף אַ מינוט ניט געצווייפלט און וואָלט געראָטן אונזער באַוועגונג עס מיט־צומאַכן. אַזוי וויט זיינען די עליות געווען פון גרעסערער באַדייטונג פון די ירידות. איך האָב עס דערציילט כדי צו באַצייכענען אַן אויפשוואונג פּראָצעס אין אונזער באַוועגונג פאַראורזאַכט דורך דער אינטואיציע פון חבר סירקין פאַר גרויסע פאַרמעסטונגען.

פאַר אַ באַוועגונג ווי אונזערע, וואָס האָט זיך צענדליקער יאָרן געראַנגלט

מיט פיל גרעסערע קעגנערישע כחות אין אַמעריקאַנער אידנטום; וואָס ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט זיך די שטימונג ראַדיקאַל געענדערט צו אונזער טובה; פאַר אַ באַוועגונג וואָס האָט געמוזט ציען אירע לעבנס־כחות פון די אינערע נשמה־דראַנגען פון אירע חברים און האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן נאָר אויף זיך אַליין — פאַר אונזער באַוועגונג איז דעריבער די דערשיינונג סירקין געווען אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. עס איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע פּאַסירונגען ווען סירקינ׳ס אינטואיציע האָט אונזער באַוועגונג געגעבן פליגלען. די אויבנגעבראַכטע צוויי פאַלן זיינען אָבער גענוג אַרויסצוברענגען דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך פון סירקינ׳ס אינטואיציע פאַר גרויסע פאַר־מעסטונגען.

כ.

אַריבערגייענדיק צו אַן אַנדער שטח פון סירקינ׳ס כאַראַקטעריסטיק, צו זיין פעאיקייט שנעל און שאַרף אָפּענטפערן אויף אַ קעגנערישן אַרגומענט; צו זיין בליציקייט אין פּאָלעמיק, וואָס אין זיינע שריפטן ווערט עס אָמבעסטן כאַראַקטעריזירט דורך זיינע פעליעטאָנען, וויל איך דערציילן צוויי עפּיזאָדן. איך בין זיכער אַז אויף דעם דאָזיקן געביט איז סירקין שבעל פה אַמרייכסטן. טויזנטער חברים וואָס האָבן אים געהערט דעבאַטירן, האָבן וועגן דעם פיל צו דערציילן. איך מיין אָבער אַז די צוויי עפּיזאָדן גיבן איבער ניט נאָר זיין שאַרפקייט אין תיכף ענטפערן, נאָר אויך דעם זייער איידעלן הומאָר וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

דער ערשטער עפּיזאָד האָט פּאַסירט אין די ימים נוראים פון 1909, באַלד נאָך דער פאַראייניקונג. פאַר אַ קורצער צייט בין איך געווען סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. קומט סירקין און בעט אַ טובה: ער האָט אָנגע־שריבן אַ נייע דראַמע. ער וויל האָבן די מעגלעכקייט זי פאַרצולייענען פאַר אַ גרופּע פון אידישער אינטעליגענץ. איך דאַרף עס פאַר אים איינאָרדנען. אַן שוועריקייטן האָב איך באַקומען דעם הסכם פון דר. עלסבערג צוזאַמענצו־רופן ביי אים אין הויז אויף איינעם פון די יום־טוב אָוונטן אַ פּאַסיקע מסיבה פאַר אַזאַ ציל. געקומען זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק הורוויטש, מענדל ראָזנ־בוים, דר. קאַפּלאַן פון די ס.־ר. און נאָך אַ גאַנצע רייע פון דער דאָזיקער אויבערשטער שיכט פון דער דאַמאָלטיקער סאָציאַליסטישער און אידישער אינטעליגענץ.

סירקין לייענט פאַר די דראַמע. דער נאָמען פון דער דראַמע: „דאָס אידישע פאָלק”. איך גיי חלילה ניט אַריין אין דער ראָלע פון אַ דראַמע קריטיקער. ווי ווייט איך געדענק איז וויניקסטנס איין דראַמע פון דר. סירקין

מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דער דאָזיקער פּאַסירונג אויפגעפירט געוואָרן דורך באָריס טאָמאַשעווסקי. איך דערצייל נאָר דעם דאָזיקן עפּיזאָד כדי אַרויסצוברענגען סירקינ׳ס שנעלן שאַרפזין.

די דראַמע האָט באַצוועקט אַרויסצוברענגען אַלע ריכטונגען וואָס האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין דער דאַמאָלדיקער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. געווען דאָרטן פון אַן אַנאַרכיסט, אַ בונדיסט, אַ פּ.פּ.׳סניק, אַלע ציוניסטישע ריכטונגען, אַן אָרטאָדאָקס, ביז אַ מיידל וואָס איז פריער געווען אַ רעוואָלוציאָנערקע, נאָכהער, נאָך אַ פּאָגראָם וואָס זי האָט דורכגעלעבט, גייט זי נעבעך אַראָפּ פון זינען, גייט אַרום אין די גאַסן און ווען זי טרעפט, שטעלט זי אָפּ און פרעגט צי ווייס ער ווען זי האָט יאָרצייט נאָך איר באָבען.

ווען סירקין האָט פאַרענדיקט לייענען די דראַמע איז איבערגעבליבן זייער אַן אָנגעצויגענע שטימונג, ביז זשיטלאָווסקי האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט:

„דר. סירקין, די דראַמע טויג ניט!״

דורכדעם איז די שטימונג אַביסל אָפּגערייניקט געוואָרן און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ געמיטלעכער שמועס. נאָכן שמועס האָט דר. עלסבערג פאַרבעטן די געסט עפּעס טועם צו זיין. און ווען די שטימונג איז שוין געוואָרן גאָר אַ הייטערע ווענדעט זיך דר. זשיטלאָווסקי צו סירקינ׳ען מיט אַ טענה:

„סירקין, פאַרוואָס איגנאָרירט איר אַלע מאָל מיין פּאַרטיי? אָט האָט איר אין אייער דראַמע אַריינגערעכנט אַלע אידישע פּאַרטייען אַן אויסנאָם. יעדער פאַרטרעטער פון זיין פּאַרטיי האָט עפּעס צו זאָגן גוטס וועגן זיין פּאַרטיי. אָבער וועגן מיין פּאַרטיי — אַפילו קיין וואָרט ניט״.

רייסט אים סירקין איבער און ענטפערט:

„זשיטלאָווסקי, וואָס איז מיט אייך, איר האָט אייער אייגענע פּאַרטיי ניט דערקענט? — דאָס איז דאָך דאָס משוגענע מיידל, וואָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערקע און נאָכדעם פרעגט זי כסדר, ווען זי האָט יאָרצייט נאָך איר באָבען!״

אויף דער זעלביקער קאָנווע — אַ צווייטער עפּיזאָד — און ווידער מיט זשיטלאָווסקי׳ן. מיר זיינען אין מאָנטרעאָל ביי אַ קאָנווענשאָן פון דער פּאַרטיי. אַ גרויסער געראַנגל קומט פאָר וועגן דעם פּראָגראַם פאַרן אידיש־נאַציאָנאַלן־אַרבעטער־פאַרבאַנד וואָס מיר האַלטן אין גרינדן. אונזער מחנה איז צעטיילט. איינע — די מינאָריטעט — וויל אַן אָרדן, וואָס זאָל אָננעמען אַלע פּועלי־ציוניסטישע מצוות. די צווייטע — די מאַיאָריטעט — האַלט, אַז מיר דאַרפן אויפשטעלן אַ נייע קערפּערשאַפט אין וועלכער עס זאָלן קענען אַריינקומען ברייטערע קרייזן. פלאַקערט אַ דיסקוסיע אין אַ ספּעציעלן קאָמיטעט וועגן דעם ענין. אינם קאָמיטעט זיינען אויך — סירקין און זשיטלאָווסקי. סירקין

האַלט מיט דער מינאָריטעט, זשיטלאָווסקי מיט דער מאַיאָריטעט. אַרגומענ־טירט זשיטלאָווסקי:

מיר דאַרפן אויפשטעלן אַ נייע קערפּערשאַפט אין וועלכער עס זאָלן קענען געפינען פּלאַץ מיטגלידער פון אַלע פיר אידישע אַרבעטער פּאַרטייען: בונד, פּועלי־ציון, סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן און די זשיטלאָווסקי פּאַרטיי — די סאָצ.רעוו.־טעריטאָריאַליסטן. און פאַרענדיקט מיט אַ פּסוק: „כנגד ארבעה בנים דברה תורה".

רייסט זיך אַריין סירקין מיט אַ צווישן־רוף: „דעם רשע דאַרפן מיר ניט!"

פרעגט זשיטלאָווסקי: גוט, דעם רשע מיינט איר דעם „בונד", — ווי צעטיילט איר די אַנדערע בנים?

ענטפערט סירקין תיכף: „דער חכם — דאָס איז דער טעריטאָריאַליסט (פאַרגעסט ניט, דאָס איז 1910, ניט לאַנג נאָך דער פּאַראייניקונג), דעם תם — דאָס איז דער פּועלי־ציון, ער האַלט זיך נאָך אַ ביסל ביי טראַדיציע. דער שאינו יודע לשאול, ליבער זשיטלאָווסקי, דאָס איז אייער פּאַרטיי!"

ה.

דאָס זיינען מוסטערן פון סירקינ'ס שאַרפזין אין ענטפערן שנעל אַ דעבאַ־טאַנט, אַ קעגנער. מיט דעם ווערט ווייט ניט אויסגעשעפּט זיין אייגנאַרטיקייט אויפן געביט פון שאַרפער פּאָלעמיק. ער האָט אָבער פאַרמאָגט שאַרפקייט אויף אַ סך געביטן, ניט נאָר אין פּאָלעמיק. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן חוש פאַר דערשפּירן מענטשן, פאַר דערפילן אויפריכטיקייט אָדער פאַרקערט; ער האָט פאַרמאָגט אַ זייער שאַרפן געפיל פון אחריות פאַר אַ געדאַנק וואָס מען טראָגט אין מח, פאַר אַ געפיל וואָס מען טראָגט אין האַרצן. ער האָט אַזאַ באַציאונג געפאָדערט פון אַלעמען מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט. זייער ווייניק מענטשן האָבן זיך אָבער געפירט לויט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער עטיק. האָט סירקין רעאַגירט. דערפון זיינען געקומען שאַרפע צוזאַמענשטויסן. אויף דעם שטח איז דאָ פיל צו דערציילן. אין מיר איז פאַרבליבן אַ שאַרפער רושם פון אַזאַ צוזאַמענשטויס אין יאָר 1919 אין פּאַריז. דאָס מאָל האָט פון אים אַרויסגערעדט צאָרן.

געווען איז עס אויף אַ לעקציע וואָס די באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ האָט דאַן געהאַלטן אין אַ פּאַריזער טעאַטער וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע. איך בין מיטגעגאַנגען מיט סירקינ'ען צו דער לעקציע דערוואַרטנדיק, אַז די באַ־בושקאַ וועט ריידן רוסיש, וואָס איך פאַרשטיי אַביסל. גערעדט האָט זי אָבער פראַנצויזיש. האָב איך גאָר ניט פאַרשטאַנען. פּלוצלונג האָט זיך סירקין אָנגעהויבן רייסן פון אָרט און מיט אויפגערעגטע אויפרופן האָט ער זיך גע־

װענדעט צו דער באַבושקאַ. איז געװאָרן אַ סקאַנדאַל. זי האָט די לעקציע פאַרענדיקט, אָבער אין אױפרעגונג. אַרױסגײענדיק פון טעאַטער האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט דר. מאַצקין און נאָך אײניקע רוסישע אַלגעמײנע ציוניסטן. איך האָב זיך געגרײט פרעגן סירקינ׳ען װאָס עס איז געשען, אָבער מאַצקין האָט עס מיר פאַרשפּאָרט. ער האָט אױסגערעדט סירקינ׳ען װאָס ער האָט זיך ניט געהאַלטן רואיק, װאָס דורך אים איז די פאַרזאַמלונג צעשטערט גע־װאָרן. האָט זיך אָנגעהױבן אַ שאַרפע װערטער מלחמה צװישן די צװײ. די אַנדערע אָנװעזנדיקע, צװישן זײ דר. פּאַסמאַניק, האָבן געהאַלטן מיט מאַצ־קינ׳ען. סירקין איז געװאָרן גװאַלדיק אױפגערעגט. פון דעם װאָרט־קאַמף — אין אידיש, נאַטירלעך — האָב איך זיך דערװאוסט אַז די באַבושקאַ האָט אָנגערופן די רוסישע רעװאָלוציע „דער אידיש־באָלשעװיסטישער אױפ־שטאַנד". סירקין האָט ניט געקענט בלײבן רואיק װען דער אידישער נאָמען איז אַזױ אַרײנגעשלעפּט געװאָרן אין דעם גערױשנגל קעגן דעם באָלשעװיזם. ער האָט דאַן מיט ביטערע װערטער פאָרגעװאָרפן די דעבאַטאַנטן זײנע, אַז זײ פעלט דער חוש פון נאַציאָנאַלער ערע, װען זײ קענען רואיק פאַרשװײגן אַזאַ פאַרשװעכונג פון אידישן נאָמען. פאַר דער באַבושקאַ האָט ער געהאַט זײער שאַרפע עפּיטעטן, אָבער נאָך שאַרפערע פאַר אידישע פירער װאָס װײסן ניט װי צו קעמפן פאַר קנאת שם ישראל. יענע נאַכט האָט ער פשוט ניט געקענט צומאַכן מיט אַן אױג. איך בין געװען מיט אים און האָב אים דאַן צום ערשטן מאָל אין מײן לעבן געזען אַ װײנענדיקן. ער האָט פשוט ניט געקאָנט איבער־טראָגן פאַרװאָס ער װערט אַזױ מיספאַרשטאַנען; פאַרװאָס ער װערט נאָך געטאַדלט, װען ער שטעלט זיך אײן פאַרן אידישן כבוד. זײן הױפּט טענה האָט ער כסדר איבערגעחזרט: װי אַזױ קענען מענטשן — װאָס זאָגן אַז זײ פירן אַ נאַציאָנאַל־אידישע פרײהײט באַװעגונג — רואיק בלײבן, װען דער אידישער נאָמען װערט אױסגענוצט, כדי דורך אים צו פאַרמיאוסן אַ קעגנערישע פּאָ־ליטישע פאַרטײ? װי אַזױ זעען זײ ניט די געפאַרן װאָס ליגן אין לאָזן פאַר־בינדן דעם אידישן נאָמען מיטן באָלשעװיזם? צום עפּיטעט אינטערנאַציאָ־נאַלער איד, אידישער באַנקיר, װאָס דער אַנטיסעמיטיזם נוצט קעגן אונז, װעט נאָך צוקומען דער טערמין איד־באָלשעװיק.

סירקין האָט עס ניט געקענט משיג זײן. לױט אים האָט דער אידישער פרײהײטס־געדאַנק מחייב געװען יעדן אײנעם װאָס פאַרמאָגט אים, געהעריק צו רעאַגירן. ער אַלײן האָט כמעט שטענדיק רעאַגירט. זײן גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעהיט דעם עטישן פּרינציפּ, אַז פאַרן גאָט אין װעלכן מען גלױבט, דאַרף מען גרײט זײן צו קעמפן; אַז נאָר אַזאַ עטישער לעבן דערהױבט, אַז נאָר אַ באַװעגונג מיט אַזעלכע עטישע װערטן קען נעמען אױף זיך קאָלאָסאַלע אױפגאַבן. אָט די קערנער האָט ער אַרײנגעזײט אין אונזער באַװעגונג. די

חלוצישע פרוכטן וואָס אונזער באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן האָבן ניט אין אַ קלענער מאָס צו פאַרדאַנקען אָט דער סירקינ׳ישער זריעה.

כא.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין מיט אים כמעט טאָג און נאַכט אין שפּיטאָל ביז זיין יציאת נשמה. מיר שיינט, אַז אויך אין יענע טעג האָט פון סירקינ׳ען, דורך אייגנאַרטיקער הנהגה, אַרויסגעשטראַלט זיין נשמה־זויבערקייט; זיין זיכערקייט, אַז דער אמת, וואָס באַוועגט און דערהויבט זיין האַרץ מוז אויך סוף־סוף באַוועגן און דערהויבן אַלע יענע, וועמעס נשמות זיינען בכלל אָפן געגנוג און ערלעך געגנוג אַן אמת צו באַנעמען; זיין צוטרוי צו מענטשן בכלל און צו אידן בפרט, אַז זייער יסוד איז אַלעמאָל אַ גוטער, אַז יצר לב האדם איז דוקא טוב מנעוריו.

סירקין האָט געוואוסט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע. איך געדענק אַן ענטפער, וואָס ער האָט אַ פּאָר טעג פאַר יציאת נשמה געגעבן דעם חבר חיים פיינמאַן, יבדל לחיים. פיינמאַן האָט געפּרובירט טרייסטן סירקינ׳ען, אַז ער וועט נאָך געזונט ווערן, אַז ער וועט נאָך זיין מיט אונז ביי דער אַרבעט לאַנגע יאָרן. האָט סירקין געענטפערט:

„חבר פיינמאַן, טוט עס ניט. איך דאַרף ניט אַזעלכע טרייסטעניש. איך וויים, אַז איך פאַרלאָז די ערדישע וועלט. לאָזט מיר דורכלעבן דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין אַן איינרעדעניש. מער ווי די דאָזיקע איבערלעבונג איז שוין פאַר מיר ניט געבליבן״.

אין אָט דעם געמיט־צושטאַנד האָט סירקין דורכגעלעבט זיינע לעצטע טעג: „געניסן״ אין פולן דאָס באַוואוסטזיין פון פאַרלאָזן דאָס לעבן. ווייס איך ניט צי אין זיין דעמאָלטיקער מחשבה איז געווען דאָס איבערגיין פון איין וועלט אין אַ צווייטער. אָבער אַז ער שטייט ביים טויער, וואָס פירט אַרויס פון דער וועלט, אָט דער באַוואוסטזיין האָט דאַן אויסגעפילט זיין גאַנצן וועזן. נאָר ווען מען האָט אָט דעם פאַקט אין זינען, ווערן קלאָר די צוויי מאָמענטן וועגן וועלכע איך וויל דאָ דערציילן.

אַרום דעם ערשטן מאָמענט איז אַ לעגענדע געוועבט געוואָרן, אַז סירקין האָט פאַר זיין טויט געזאָגט ווידוי! אַרויסגעוואַקסן איז די דאָזיקע לעגענדע דורך אַן אַרטיקעלע, וואָס זיין דאָקטאָר ס. עלסבערג האָט דאַן וועגן דעם אָנגעשריבן. דר. עלסבערג — אויך שוין אַ שוכן עפר — איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ סביבה, וואו אידיש־רעליגיעזע מנהגים זיינען ניט געווען זייער הויך אָפּגעשאַצט. אין זיין אַרטיקעלע האָט ער אויסגעדריקט כמעט אַ פּראָטעסט, וואָס אַזאַ ראַדיקאַלער מענטש ווי סירקין, האָט זיך פאַרן טויט אַזוי־

דערשראָקן פאַר דעם גיהנום, וואָס וואַרט אויף אים און האָט דעריבער געזאָגט ווידוי. ווייל איך דערציילן וואָס עס האָט דאַן ווירקלעך פּאַסירט.

איך וויל נישט מען זאָל מיינע ווערטער באַטראַכטן ווי אַן אַפּאָלאָגיע פון סירקינ׳ס אַ תלמיד וועגן אַ האַנדלונג פון זיין רבי׳ן, וואָס איז אים, דעם תלמיד, ניט אָנגענעם. איך האָב דאַן, פונקט ווי איצטער, ווידוי זאָגן ניט באַטראַכט פאַר אַ האַנדלונג, וואָס באַדאַרף אַפּאָלאָגעטישע פאַרטיידיקונגען. איצטער וואָלט איך אַזאַ באַציאונג צו ווידוי־זאָגן ניט געקאָנט דולדן, ווען איך וואָלט עס דערשפּירט ביי אימיצן אַנדערש. איך קאָן דעריבער פּשוט ניט צולאָזן, אַז ווער־עס־איז זאָל מיר צושרייבן אַזאַ באַציאונג. צו פיל האָב איך זיך אָנגעהערט וועגן דער ראָליע, וואָס ווידוי־זאָגן האָט געשפּילט ביי דער גרעסטער צאָל פון אונזערע 6 מיליאָן קדושים, וואָס האָבן דורך ווידוי זייער לעצטן פּראָטעסט אויסגעדריקט אַנטקעגן דער וועלט פון רוצחים און עומדים על הנפש. איך בין זיכער, אַז ווען מיר ווילן אָנהויבן באַטראַכטן די לעצטע חבלה־תקופה מיט אָפענערע, ערלעכערע אויגן, וועלן מיר פאַרוואַרפן דעם געדאַנק, אַז בלויז אייניקע טויזנטער האָבן באַגעגנט זייער טויט מיט קאַמף און די איבעריקע זיינען געגאַנגען כצאן לטבח. מעטאָדן פון קאַמף קענען זיין פאַרשידענע. דער ווידוי־נוסח, אַפילו ווען מען באַשאַפט אים אַליין האַרט פאַרן סוף, ווייל מען געדענקט ניט דעם טראַדיציאָנעלן נוסח, איז אויך אַ קאַמף־מעטאָדע, און ניט פון אַ נידעריקער מדרגה. דערצו איז דאָס פאַרבינדן זיך אין די לעצטע לעבנס־שעה׳ן דורך ווידוי מיט דעם אופן ווי אידן זעגענען זיך מיטן לעבן אומעטום און הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד אויך אַ געמיט־צו־שטאַנד, וואָס דאַרף ניט מען זאָל אים פאַרענטפערן. אויסערדעם וואָלט מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן מהרהר צו זיין אויף סירקינ׳ס אַ הנהגה, — מיט סירקינ׳ס טעאָרעטישע געדאַנקען בין איך דווקא יאָ אָפט געווען מחולק — ווייל איך האָב אַלעמאָל געוואוסט ווי ערנסט ער האָט זיך באַצויגן צו אַ הנהגה, וואָס האָט טיף געוואָרצלט אין אידישן לעבנס־ אָדער שטאַרבן־שטייגער. אויב איך דערצייל עס דאָ, איז עס פּשוט ווייל אַזוי האָט עס פּאַסירט.

דורך זיין אויבנאָנגעצייכנטן באַגער צו „געניסן״ באַוואוסטזיניק דאָס איבערלעבונג פון גיין אַנטקעגן טויט, איז ביי אים געבאָרן געוואָרן דער ווילן זיך צו פאַרטיפן אין תפילות, וואָס דריקן אַמריכטיקסטן אויס די שטימונג, אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעלעבט. איך מיין, אַז סירקין איז געווען איינער פון די גאָר וויניקע — מחוץ פון דער אָרטאָדאָקסיש־אידישער וועלט, — וואָס איז געווען שטאַרק באַהאַוונט אין אונזערע אַלטע ספרים און האָט געוואוסט וואו צו געפינען אַזעלכע תפילות. ווען דער ניט־לאַנג פאַרשטאָר־בענער דר. חיים טשערנאָוויטש (רב צעיר) האָט אים מבקר חולה געווען, האָט סירקין אים געבעטן צו ברענגען אַ מעבר יבוק. נאַטירלעך, האָט דר. טשער־

נאָוויטש דערפילט זיין פאַרלאַנג. סירקין האָט זיך די לעצטע פּאָר טעג זיינע פאַרטיפט אין אָט דעם ספר. דער ראַדיקאַלער דר. עלסבערג, וואָס איז ניט געווען קיין גרויסער ידען אין אַלטע אידישע ספרים, האָט דערפאַר אָנגענומען, אַז סירקין האָט געזאָגט ווידוי. אַזוי איז די לעגענדע פאַרשפּרייט געוואָרן.

מעג איך איצט שוין דערציילן וועגן צוויי מיינע אייגענע פעלערן. דער ערשטער פּגם מיינער איז דאָס, וואָס איך האָב דאַן ניט רעאַגירט אויף עלס־בערג׳ס אַרטיקעלע. איך האָב עס פּשוט געהאַלטן ניט לכבוד דעם זכר פון סירקין וועגן דעם. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב באַזוכט פּוילן און האָב אויסגעפונען, אַז צווישן די פּועלי־ציון קרייזן אין פּוילן איז די דאָזיקע לעגענדע פאַרשפּרייט געוואָרן, האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק, דורך אונזער דאָרטיקער פּרעסע, דעמדאָזיקן פאַקט צו דערציילן. דער צווייטער פּגם מיינער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויך איך האָב ביז דאַן דעם ספר מעבר יבוק ניט געשענקט קיין גרויס אויפמערקזאַמקייט. איך האָב געוואוסט, אַז קאַפּיט־לעך פון מעבר יבוק ווערן געזאָגט ביי לויות. אָבער וועלכע קאַפּיטלעך און וואָס איז דער תוכן זייערער האָב איך ניט געפונען פאַר נויטיק מעיין צו זיין. ביז נאָך סירקינ׳ס טויט, ווען די שאַרפקייט פון טרויער האָט אַביסל אָפּגעלאָזן האָב איך אויפגעזוכט אַ מעבר יבוק און עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון די שטימונגען, וואָס די מערסטע קאַפּיטלעך האָבן אין מיר אַרויסגערופן. ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס סירקין האָט געבעטן דר. טשערנאָוויטש׳ן ברענגען אים דווקא דעם מעבר יבוק. איך קען ניט קיין ענלעכן ספר, וואָס זאָל אויסדריקן יענעם געמיט־צושטאַנד, וואָס סירקין האָט דאַן דורכגעלעבט דורך זיין באַוואוסטזיין, אַז ער פאַרלאָזט די ערד מיט זיין לעבן אויף איר.

כב.

דער צווייטער מאָמענט, שוין אויף אַן אַנדער שטח, איז אָבער, פּונקט ווי דער ערשטער מאָמענט, אויך אַרויסגעוואָקסן פון סירקינ׳ס נשמה־זויבערקייט. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט אין סירקינ׳ען אַרויסגערופן אומגע־הויערע עמאָציעס. ער האָט זי געזען ווי דעם אָנהויב פון וועלט־געראַנגל, וואָס דאַרף סוף־סוף באַפרייען די מענטשהייט פון קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם. אירע מעטאָדן האָבן אין אים אַרויסגערופן אַ ווידערווילן, ער האָט עס אָבער פאַררעכנט ווי די שווערע חבלי־לידה פון אַ גרויסער עפּאָכע וואָס עפנט זיך פאַר דעם מין מענטש. גלייכצייטיק האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט די ספּע־ציעל־אידישע פּרוכט, וואָס איז אויסגעוואָקסן אינם דאָזיקן רעוואָלוציאָנערן גאָרטן — די אידישע יעווסעקציע. די דאָזיקע פּרי האָט שוין דאַן אַנטהאַלטן די קערנער פאַר יענער גיפטיקער פלאַנץ, וואָס ערשט אין אונזערע יאָרן איז

זי דערשינגען אין איר פולער ראָלע, ווי די מהרסים ומחריבים פון אידישן גייסט. סירקינ׳ס פאַרשאַרפטע שפיר־אָרגאַנען האָבן עס שוין דאַן געאָנט. צווישן די ערשטע יעווסעקעס האָבן זיך געפונען אַ באַדייטנדיקע צאָל פון סירקינ׳ס פערזענלעכע חברים. צוזאַמען מיט אים האָבן זיי געגרינדעט — אין סאַמע אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט — די ערשטע קעמערלעך פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דעם דעמאָלסטיקן רוסלאַנד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַרום 6 מיליאָן אידן. צוזאַמען מיט אים האָבן זיי זיך שפּעטער אָפּגעשפּאָלטן פון די פּועלי־ציון און אַוועק מיט די טעריטאָריאַליסטן. די אַלגעמיינע טעריטאָריאַליסטן זיינען געווען גאָר אַ קליינע גרופּע און האָבן קיין גרויסע השפּעה ניט אויסגעאיבט אין רוסישן אידנטום. די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן — דאָרטן האָבן זיי געהייסן „ס. ס.״ — האָבן אָבער אין רוסישן אידנטום פון פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע דווקא יאָ אַריינגעשריבן אַ וויכטיק בלאַט. זיי האָבן צום אידיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק צוגעטראָגן באַדייטנדיקע טעאָרעטישע צושטייערן. סירקין האָט זייער הויך אָפּגעשאַצט די גייסטיקע פּאָטענצן פון אָט דער גרופּע. און ווען ער האָט דערשפּירט אויף וועלכע וועגן די יעסעווקעס לאָזן זיך גיין און וואוהין זיי זוכן צו לענקען די אידישע מאַסן, האָט סירקין די דאָזיקע דערשיינונג טיף דורכגעוויטיקט.

דער פירער פון אָט דער גרופּע איז געווען זיין, סירקינ׳ס, חבר משה ליטוואַקאָוו. צוזאַמען מיט אים האָבן זיך געפונען נאָך אַ צאָל געוועזענע „ס. ס.״ אָדער פּועלי־ציון. און קורץ פאַר זיין טויט, כמעט פאַר יציאת נשמה, האָט ער מיך צוגערופן און מיר דיקטירט אַ צוואָה וואָס איך זאָל שריפטלעך איבערשיקן צו זיינע אַלטע חברים פון דער יעווסעקציע. אַביסל אָפּגערוקט פון אונזביידן איז געשטאַנען — אים צו לאַנגע יאָרן — חבר יואל ענטין.

מען דאַרף געדענקען, אַז שוין דאַן האָבן די יעווסעקעס זייערע פיילן אָנגעשטעלט קעגן צוויי אידישע צילן: ציוניזם און העברעאיש. די דאָזיקע ביידע צילן האָבן, ווי באַוואוסט, פאַרמירט דעם יסוד פון סירקינ׳ס אידעאָלאָגיע. האָט סירקין מיר דאַן דיקטירט די צוואָה און געבעטן איך זאָל עס איבערשיקן צו זיינע חברים, ווי אַ צוואת שכיב מרע.

מער ווי אויף ציוניזם האָט ער קאָנצענטרירט זיין אַפּיל צו זיי בנוגע העברעאיש. וועגן ציוניזם האָט ער געבעטן איך זאָל זיי שרייבן, אַז ווער עס זעט ניט דעם ציוניזם ווי אַ רינג אין דער קייט פון דער אַלמענטשלעכער רעוואָלוציע, יענער באַגרייפט ניט דעם אמת׳ן ציל פון דער וועלט־רעוואָלוציע וואָס דאַרף קומען. איר ציל איז ניט בלויז די אויסגלייכונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע צווישן יחידים. דער עיקר ציל איז: דאָס פאַרשאַפן פאַר אַלע פעלקער פרייע מעגלעכקייטן פאַר זייער פרייער יצירה און אייגנאַרטיקער

אויסלעבונג. אָן ציוניזם איז פאַר דעם אידישן פאָלק אַזאַ פרייהייט אוממעג־לעך. און אָן גלייכער מעגלעכקייט פאַרן אידישן פאָלק מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט, קען ניט געמאָלט זיין אַ וועלט־רעוואָלוציע. ער בעט מיך איך זאָל דערמאָנען, אַז דווקא אָט דער געדאַנק איז דאָך געווען דער יסוד פון זייער טעריטאָריאַליזם. דורך דעם וואָס דער טעריטאָריאַליזם, ווי אַן אָרגאַ־ניזירטער כח, איז דורכגעפאַלן, איז דאָך דער אמת פון אָט דעם געדאַנק ניט שוואַכער געוואָרן. ציוניזם איז דאָך דער טעריטאָריאַליזם וואָס קען פאַר־ווירקלעכט ווערן. ציוניזם גיט די מעגלעכקייט דעם טעריטאָריאַליזם צו בויען. רופט ער זיי דעריבער צוריק צום ציוניזם. ער איז זיכער, אַז דווקא די ניט־אידישע פירער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע וועלן עס גוט באַ־נעמען, אויב די אידישע באָלשעוויקעס וועלן דעם ציוניזם מאַכן פאַר זייער אידיש־רעוואָלוציאָנערן ציל.

מיט זיינע לעצטע כחות האָט ער דאַן אָנגעהויבן דיקטירן וואָס איך זאָל שרייבן וועגן העברעאיש. די העכסטע גייסטיקע אויפשוואונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען אַריינגעגאָסן געוואָרן אין דער העברעאישער שפּראַך. ער ווענדעט זיך דאַן ספּעציעל צו משה ליטוואַקאָוו: איר, וואָס קענט גוט סיי די אַלטע, סיי די מיטלאַלטערלעכע, סיי די מאָדערנע שאַפונגען וואָס זיינען איינגעזאַמלט אין העברעאיש, צי געפינט איר כאָטש איין לאָזונג, וואָס האָט אַן אייביקייט־באַדייטונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איר יסוד איז ניט צו געפינען אין דער העברעאישער שפּראַך. צי מיינט איר, אַז דאָס איז בלויזער צופאַל? צי מיינט איר, אַז די עשרת הדיברות זיינען בלויז צופאַל? צי מיינט איר, אַז די נביאים זיינען בלויז אַ צופאַל? צי זעט ער ניט אין דער, — אין דער העברעאישער שפּראַך, פּראָקלאַמירטע — שמיטה און יובל די ערשטע יסודות פון אַ גערעכטער סאָציאַלער געזעצגעבונג, וואָס די וועלט־רעוואָלוציע וועט דאַרפן אין לעבן איינפירן?

„איך ווייס״, דיקטירט ער מיר ווייטער, „אַז איר נעמט ניט אָן דעם גלויבן, אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער העברעאישער שפּראַך. קענט איר אָבער אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז די העכסטע התגלות פון דעם מענטשלעכן גייסט איז פאַרגעקומען אין דער העברעאישער שפּראַך? איר מוזט דאָך צוגעבן, אַז פון מתן תורה ביז אונזערע הייניקע טעג, איז די העברעאישע שפּראַך אָנגע־לאָדן געוואָרן מיט אַזאַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, ווי קיין אַנדער שפּראַך פון קיין אַנדער פאָלק; אַז הויפּטזעכלעך פון העברעאיש האָבן אַלע רעוואָלוציאָנערן פון אַלע דורות געשעפּט זייער רעוואָלוציאָנערע יניקה״.

סירקינ׳ס שטימע ווערט שוואַכער. ער ענדיקט מיט אַ בקשה צו מיר, איך זאָל ליטוואַקאָוו׳ן דערמאָנען די ערשטע יאָרן פון זייער באַקאַנטשאַפט. זייער ערשטער געשפּרעך האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם איד און סאָציאַ־

ליסט משה העס. ער זאָגט אַרויס נאָך עטלעכע ניט־קלאָרע ווערטער און בלייבט אויסגעשעפּט, ער בעט מיך דערלאַנגען אים אַ גלאָז וואַסער, און באַ־גלייט עס מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דאָס וועט זיין מיין לעצטע הנאה פון עולם הזה". דאָן איז ער אַריינ־געפאַלן אין אומבאַוואוסטזיין. איינציקע שעה שפּעטער האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

כג.

און ווידער מוז איך פאַרצייכענען מיינעם אַ פּגם: איך האָב די צוואָה ניט דורכגעפירט. עטלעכע נאָענטע חברים, וועמען איך האָב שפּעטער דער־ציילט וועגן דעם אינהאַלט פון דער צוואָה, האָבן מסכים געווען מיט מיין האַנדלונג. מיר האָבן געוואוסט, אַז די יעווסעקציע וואָלט געמאַכט חוכא וטלולא פון דער צוואָה. און סירקינ'ס נאָמען איז אונז געווען צו טייער. איך מעג אָבער זאָגן, אַז אויב איך בין באַגאַנגען אַן עוולה, האָב איך מיין שטראָף באַקומען דורכדעם, וואָס מיין געוויסן איז ניט רואיק ביזן היינטיקן טאָג. די דאָזיקע אומרו האָב איך מורא וועט שוין מיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט מיין געוויסן־אומרו לגבי דער גוואַל־טיקער ריינקייט פון סירקינ'ס נשמה, וואָס ווערט אַנטפּלעקט סיי דורך גע־דאַנקען מיט וועלכע ער האָט אָנגעפילט די לעצטע טעג פון זיין לעבן, ווען ער האָט גוט געוואוסט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, סיי דורך דעם טיפן צוטרוי וואָס האָט אין אים געלעבט צום מענטש, צום איד, צום חבר און די נאָך טיפערע אמונה וואָס האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט אין דעם אמת, ווי ער האָט אים אויפגענומען, ווי זיין נשמה האָט עס עמפּונדן.

* * *

ווי געזאָגט שליס איך די קאַפּיטלען וועגן דער סירקין־פּערזענלעכקייט מיט דער רעדע ביי דער שיף אין חיפה, ווען סירקינ'ס ביינער זיינען געבראַכט געוואָרן צו זייער אייביקער רו אין מדינת ישראל.

איך האָב געזאָגט:

התאספנו כאן ללוות את גופתו של נחמן סירקין אל מנוחתו האחרונה במדינת היהודים. לא נערוך לו הספדים. נתיחד רק עם זכרו וננסה להעלות משהו מתמצית חייו ומשנתו, שהוא ציוה לדורות.

במבוא לעבודתו הנהדרת על „תקופות בהיסטוריה היהודית", בה הוא מעלה את עומק־השקפתו על קדושת ההיסטוריה היהודית, מנסח סירקין את מהותה של האומה היהודית במלים אלו:

„ביחוד היהודי־לאומי, הזורם דרך ההיסטוריה, ומוצאו מנבכי־קדומים, במהות היהודית־הלאומית נעוץ הרצון, זה אשר הביא את העם היהודי דרך סערת־הגלות אל חוף הזמנים של ימינו. במהותו הלאומית מושרש הרצון ההיסטורי הנצחי, אשר הניע את העם היהודי באלפי שנות גלותו, בכל הזמנים, לחיים, לשלמות־יתר, לעליה רוחנית.״

אני סבור, כי בסעיף קצר זה מרוכזת כל הפילוסופיה של ההיסטוריה היהודית, לפי שיטת נחמן סירקין.

רצון־הברזל של העם היהודי, ממנו שאב כוח לשאת בגלות הארוכה, רצון זה שרשיו נעוצים במיוחד שבעם היהודי. ברור, כי סירקין ידע כי הכוחות החיצוניים — המדיניים, החברתיים והכלכליים — השפיעו גם הם על מהלך ההיסטוריה היהודית. אבל הם לעצמם לא היה בהם הכוח להבטיח המשך לקיום היהודי. כוח זה, לפי סירקין, לא היה טמון אפילו באותו רצון־האלוהים שבא מבחוץ ופסק מראש אריכות־ימים לעם הזה בכל התנאים. רצון־הברזל היה נעוץ ביחוד היהודי־הלאומי ובמהותו המופלאה. מהי מהות זו — קשה להסביר, כי היא זורמת באפיקי ההיסטוריה ונובעת מן הטרום־היסטוריה, כשם שקשה להסביר כל תופעה מופלאה מן התופעות הממלאות את כל היקום; כשם שיקשה להסביר את יחודם האמנותי של יחידים ברוכי־כשרון. אבל ע״י ההיסטוריה עצמה נקבע — לדעת סירקין — לאן דחף הרצון הזה את עם־הפלאות. רצון זה הניע אותו אל החיים, אל הקיום, אל ההמשך. אבל לא למען הקיום־בעלמא, אלא כדי לשאוף אל השלימות העליונה, אל הרוחניות הגבוהה.

רצון זה, לפי סירקין, אינו מוגבל בתוצאותיו רק ביחס לעם היהודי בלבד. הוא היה בטוח, כי זו השאיפה היהודית־הרוחנית אל הקדושה העליונה הכרחי שתיעשה עליה רוחנית אוניברסלית, שתפתח בשביל כל האנושות אפקי־יצירה חדשים, תעשיר את אוצרות־התרבות ותרבה את נכסי־הרוח העולמיים של כל האדם, וכל האנושות תיעשה קדושה יותר. כי בעולם של טומאה עומדת בסכנה גם אותה הקדושה, אליה נכסף ונמשך ללא־הפוגה עם־הפלאות.

ויום אחד לפני מותו, כאשר הוא ידע כבר, כי הוא עוזב את עולמנו זה וניסה לבטא במשפטים מרוכזים־ביותר את משמעות־חייו, את טעם־החיים של האדם בכלל ושל כל יהודי בפרט — הוא הניח כמעט בתורת צוואת־שכיב־מרע את המשפט דלקמן:

„האמונה בכוחו הרוחני של העם היהודי היא — בעת־ובעונה־אחת — גם אמונה בכוחה הרוחני של האנושות כולה.״

מן היסודות הרוחניים האלה, היהודיים והאנושיים, קורצה דמותו הרוחנית

של נחמן סירקין. את כוחותיו־הוא הרוחניים הוא שאב מאותה הטרום־היסטוריה, ממנה צמח יחודו של העם היהודי. גם הציונות שלו וגם הסוציאליזם שלו ינקו מאותם המקורות. מתחילה הם עוצבו כשני זרמים מקבילים. אולם עד־מהרה נתמזגו בנשמתו לשלמות אחת, שאפפה אותו־כלו, ועוררה בתוכו את האחריות לשליחות היסטורית גדולה. הוא נוכח מהר כי אידיאה המתקבלת על דעתו של אדם אחד ומצמיחה שרשים בתוך ישותו — צריכה להתקבל על דעתם ולהשתרש בישותם של רבים. מן הגרעין הנפשי הזה שבתוך סירקין צמח ענף חדש, ירוק, רענן — משרשי ההיסטוריה היהודית. במשך שנים מועטות צמח מתוך הענף הזה אותו האילן הגדול הקרוי ציונות סוציאליסטית, ובתקופת חיינו גדל ונעשה נטע נושא־פרי של ההיסטוריה הגלותית שלנו. ופריו החשוב ביותר בשל לפני כשלש שנים ויותר בצורת מדינת ישראל, שהציונות הסוציאליסטית תרמה חלק רב כל־כך להקמתה. ובשני הדורות האחרונים הביאה תנועה זו את תרומתה הגדולה להחייאת הלשון העברית, בה ראה נחמן סירקין את הכלי המתאים ליצירות הנפלאות של עם־הפלאות.

לפני 27 שנים עזב אותנו נחמן סירקין. החלק שהיה בו בן־תמותה נסתלק. אולם השפעתו הרוחנית לא פסקה אפילו לרגע אחד. באמצעות המחנה הגדול של תלמידים שהקים בחייו, נעשתה נשמתו צרורה בצרור החיים של העם היהודי. את גופו הבאנו היום למנוחת עולם אל אדמת המדינה היהודית, שהוא ראה אותה בחזונו והוא יצר את תנועת מגשימיה. בעוד שעות מספר נביאו בסמוך לקברו של תלמידו הגדול, ברל כצנלסון. לנגד עינינו נכתב והולך פרק חדש המקשר אותנו עם „פרקי־האבות" העתיקים שלנו: משה הס קבל מן ההיסטוריה הישראלית, הנמשכת מסיני, את תורת הציונות הסוציאליסטית, ומסרה לנחמן סירקין. ונחמן מסרה לברל. ועוד אתנו, גם כאן וגם בפזורה היהודית, כמה יחידים, שנארגו במסכת הרוחנית של הגלוי המודרני לכח־הרצון ההיסטורי־היהודי, הנובע מתוך היחוד היהודי שימשיכו את הפרק הזה. ולאור החזון של סירקין יכול אני להגיד, כי כל־כמה שלא יקשו עלינו הזמנים העוברים על האנושות בכלל ועל העם היהודי בפרט, הרי מוכנים ומזומנים לבנינו ולבני בנינו פרקים חדשים, חוליות חדשות בשרשרת הנצח של היצירה היהודית. המדינה היהודית תגביר את התהליך הזה. כך לימד אותנו סירקין להבין את המשמעות ההיסטורית של נצח ישראל.

וכאשר אנו מביאים למנוחת עולם את ארונו במדינת היהודים, באותה כברת ארץ שלחוף הכנרת, אותה יעדה תנועתנו בשביל החוזים, הראשונים, נושאי הירושה — עתה ובעתיד — של נחמן סירקין, אין אנו נושאים הספדים. להפך, אנו אומרים: אשרינו שזכינו לכך! אשרי האיש, האנשים, שזכו לחיות במחיצתו שנים רבות, לראותו בהתלהבותו הרוחנית, ולהרגיש כי מדרך־חייו

הם למדו יותר אפילו ממה שיכלו ללמוד מדבריו העמוקים בכתב ובעל־פה. כי הם היו שרויים במחיצתו של איש־אמת. ואשרי מי שהוכשר לצלול לעומקא־דסירקין. ואשרי המחנה כולו, אשר זכה לינק על ידי נשמתו של סירקין מן הקדושה הגדולה של ההיסטוריה היהודית.

כי הקדושה הזאת והכוחות הנובעים ממנה — אנו זקוקים להם עתה הרבה יותר משהיינו זקוקים להם אז, כאשר סירקין זרק את דברי הבשורה הראשונים שלו אל תוך חלל המחשבה שלנו. עתה, יותר מאשר אי־פעם, אנו זקוקים לכח הרצון של ברזל, הנעוץ בייחוד היהודי. ורק בכחה של קדושה זו יטוהר הרעיון הסוציאליסטי אשר חולל בשנים האחרונות. ורק בכחה של קדושה זו נוכל להגשים במדינת ישראל את התקוות שתלה נחמן סירקין בשאיפותיו של עם־הפלאות אל השלימות העליונה, להיות נס לגויים, ואת דברי הנביא „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים" — להפוך למציאות אוניברסלית לאנושות כולה.

באַגעגענישן מיט חיים אַרלאָזאָראָוו

א.

קנאַפּע דרייצן יאָר האָב איך אים געקענט. דורך דער צייט האָב איך אים עטלעכע מאָל באַגעגנט. כמעט יעדע באַגעגעניש אונטער נייע באַדינ־גונגען און אַפילו אין נייע לענדער: לאָנדאָן, ניו־יאָרק, ארץ־ישראל, וואַרשע און ווידער ארץ־ישראל. פון איין באַגעגעניש ביז דער צווייטער איז ער געוואַקסן: אין אייגענער פּאַרטיפונג, אין כוח פון הסברה, אין חשיבות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיט יעדער נייער באַגעגעניש איז געוואָקסן מיין אינטערעס צו פאַרשטיין: מה טיבו של אדם זה?

אין די קאַרגע 40 יאָר פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס איז מיר, אין מיין ביז־איצטיקן גורל, באַשערט געווען, האָב איך געהאַט דאָס גרויסע גליק צו באַגעגענען אַ באַדייטנדיקע צאָל פון אידישע פירער פון די לעצטע צוויי דורות. יעדער מענטש איז דאָך אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך. יעדער באַגאַבטער מענטש אַוודאי און אוודאי. עס איז מיר פונדעסטוועגן ניט שווער אָנגעקומען צו דערגרונטעווען זיך צו דעם אייגנאַרטיקן פון די מערסטע אידישע פירער, וועלכע איך האָב באַגעגנט. כמעט אין יעדן באַזונדערן פאַל האָב איך זיך גאַנץ לייכט דערקליבן צו די גייסטיקע קוואַלן פונוואַנען דער מענטש האָט געשעפּט און וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרמירן זיין אייגנאַרטיקע פּערזענ־לעכקייט. אינם פאַל פון חיים אַרלאָזאָראָוו איז עס מיר ניט אַזוי גרינג אָנגע־קומען. איך מוז מודה זיין אַז אַפילו היינט, הגם איך האָב דיסקוטירט מיט אים כמעט אַלע פראַגן וואָס האָבן אינטערעסירט דעם אידישן מענטשן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, פראַגן פון אידישן קיום, פון ישראל בעמים; פראַגן פון ווירטשאַפט, פון סאָציאַלער באַציאונג, פון פּאָליטיק, פון קולטור; האָבנדיק געלייענט כמעט אַלץ וואָס זיין פעדער האָט ווען עס איז אַרויסגע־בראַכט; האָבנדיק געהערט אַ ריי פון זיינע רעדעס, בין איך נאָך אַלץ ניט זיכער צי קען איך אַלזייטיק דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט געלעבט — ליי־דער, אַזוי קורץ — צווישן אונז אונטערן נאָמען חיים אַרלאָזאָראָוו. ווען מיר קומט אויס צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אים האָב איך דאָס געפיל, אַז איך זע אים בלויז ווי אַ טיילווייזן; אַז אַ חלק פון דעם עולם בפני עצמו, וואָס האָט געהייסן אַרלאָזאָראָוו, בלייבט אַלץ פאַר מיר פאַרבאָרגן.

וואָלט עס דעריבער געווען אַ ניט־באַרעכטיקע געוואַגטקייט, ווען איך זאָל פּרוּוון געבן אַ פולשטענדיקע אָפּשאַצונג פון חיים אַרלאָזאָראָוו. אַלץ וואָס

איך פאַרמעסט זיך, איז צוריק צו ברענגען אין זכרון די פאַרשיידענע באַגע־גענישן און געשפּרעכן אונזערע, ווי ווייט זיי האָבן פאַררעגיסטרירט אין מיין וועזן זיין פערזענלעכקייט. אפשר וועט דורכדעם ערגעץ צוגעגעבן ווערן אַ שטריך צו דערגענצן דאָס אַרלאָזאָראָוו־בילד, וואָס זיינע הויפּט־שטריכן וועט דער לייענער מוזן זוכן אין זיינע אייגענע ווערק.

ב.

אונזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען: אַ צוזאַמענשטויס (און ניט זייער קיין אידעלער) פון מיין זייט. דאָס איז פאָרגעקומען ביי דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ, אָפּגעהאַלטן אין לאָנדאָן אין יולי 1920: די ערשטע ציוניסטישע וועלט־אסיפה נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. יענע קאָנפערענץ איז געווען זייער אַ ברוגזנדיקע. אויף איר איז עס געקומען צום שאַרפן גע־ראַנגל צווישן די ווייצמאַן און בראַנדייס אַנהענגער. אויף יענער קאָנפערענץ האָט עס געדאַרפט באַטראַכט ווערן דער נאָרדוי־פאַרשלאַג, תיכף אַריבערצו־פירן אַ האַלבן מיליאָן אידן נאָך ארץ־ישראל, וואָס האָט אויפגעברויזט די געמי־טער. אויף יענער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן דער קרן היסוד, וועגן וועלכן עס האָבן עקזיסטירט שאַרפע קעגנזעצלעכע מיינונגען, סיי וועגן דער עצם גרינדונג, סיי וועגן דעם אופן ווי צו זאַמלען דאָס געלט, סיי אויך וועגן דער באַציאונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג צום פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אויף יענער קאָנפערענץ האָבן געדאַרפט אָנגעצייכנט ווערן די ליניעס פאַר דעם צוזאַמענשטעל פון די ארץ־ישראל־אַמטן, וואָס האָבן געדאַרפט, פון דער אידי־שער זייט, איבערנעמען די רעגולירונג פון דער אידישער עליה קיין ארץ־ישראל. דער ענין איז אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַמפּס־פּונקט צווישן די פאַרשיידענע פראַקציעס אין ציוניזם. איך ווייס ניט ווי אַנדערע, נאָר איך האָב דורכגעלעבט די קאָנפערענץ מיט אַלע נערוון. די ציוניסטישע אַרבעטער־פראַקציעס זיינען נאָך ניט געווען פאַראייניקט. אין דער פראַגע פון צוזאַמענ־שטעלן די ארץ־ישראל אַמטן זיינען זיי געווען שאַרף צעטיילט אין זייערע מיינונגען. מיר, די פועלי ציון, האָבן זיך דאַן געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. עטלעכע טעג נאָך דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט געדאַרפט פאָרקומען אין ווין אונזער אייגענע וועלט־קאָנפערענץ. מיר האָבן דערוואַרט אַ שפּאַלטונג אין אונזערע רייען, ווי עס איז טאַקע געשען. דער לינקער טייל פון אונזער באַוועגונג האָט זיך ניט געוואָלט באַטייליקן אין ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן און וועלט־קאָנפערענצן. ער איז טאַקע קיין לאָנדאָן ניט געקומען. אונזער רעכ־טער פליגל איז דאַן געווען זייער שוואַך. אינגאַנצן האָבן מיר פאַרמאָגט 8 דעלעגאַטן אין לאָנדאָן. די צעירי ציון האָבן געהאַט אַרום 35 דעלעגאַטן. זיינען

מיר נאַטירלעך געשטאַנען „אויף דער וואַך פון אונזערע אינטערעסן". דאָס האָט נאָך גרעסער געמאַכט אונזער נערוועזיטעט. ווי איינער וואָס האָט ביז דאַן ניט אָפט באַזוכט וועלט־צוזאַמענפאָרן איז מיין נערוועזיטעט געווען נאָך שטאַרקער. צווישן די ענינים פאַר וועלכע מיר האָבן זיך איינגעשטעלט, איז געווען אונזער פאָרשלאַג, אַז צו די ארץ־ישראל־אַמטן זאָלן צוגעלאָזט ווערן פאַרטרעטער אויך פון אַזעלכע קערפּערשאַפטן, וואָס געהערן ניט צום ציוניסטישן קאָנגרעס, אויב זיי גיבן זיך אָפּ מיט עליה קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן געהאַט אין זינען, אַז סיי אונזערע לינקע פּועלי־ציון חברים, הויפּטזעכלעך אין פּוילן, סיי אַר־בעטער־גרופּן וואָס אָרגאַניזירן זיך בלויז פאַר עליה, זאָלן אויך האָבן אַ צוטריט צו די ארץ־ישראל־אַמטן און זיי באַאיינפלוסן. די צעירי ציון דאַקעגן זיינען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז בלויז קערפּערשאַפטן וואָס געהערן צום ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס זאָלן צוגעלאָזן ווערן צו די ארץ־ישראל־אַמטן. האָבן מיר מיט טויזנט אויגן נאָכגעקוקט וואָס די צעירי ציון טוען.

האָט פּאַסירט, אַז די אַרבעטער־פראַקציעס האָבן גאָר וועגן אַן אַנדער פראַגע (אַן ענין אין וועלכן זיי זיינען געווען איניק), געפאָדערט אַ „ראָל־קאָל" אָפּשטימונג. דאָס פּרעזידיום איז געווען קעגן. איז אַרום דעם פאָרגעקומען אַ שאַרפער געראַנגל. איך בין געשטאַנען אונטן אין זאַל און מיטגעהאָלפן פאָדערן אַ „ראָל־קאָל". מיין וואוקס און מיין שטימע האָבן מיך „אויסגעצייכנט" פון צווישן די פאָדערער. לאָרד ראָטשילד, וואָס האָט דאַן פּרעזידירט, האָט אָנגע־שריגן אויף מיר. איך האָב, אין היץ פון געראַנגל, זיך נאָך מער פאַר'עקשנ'ט. אַ וואָרט קעגן אַ וואָרט, אַן אויסגעשריי קעגן אַן אויסגעשריי — דער געשעצטער לאָרד האָט זיך אָנגע'ברוגז'ט, פאַרלאָזט דעם פאָרזיץ און אַפילו אַראָפּ איינגאַנצן פון דער פּלאַטפאָרמע. איינער פון די דעלעגאַטן האָט אָנגעהויבן מיר שטאַרק אויסצורעדן. איך האָב אים געענטפערט. הייבט זיך אויף פון די צעירי ציון בענק אַ יונגיטשקער בחור'ל, גייט צו ביז צו מיר און, ווייזנדיק אויף דעם דעלעגאַט מיט וועמען איך פיר דעם „געשפּרעך" אויפן הויכן טאָן, זאָגט ער: „איר ווייסט ווער דאָס איז? — דאָס איז דאָך פּראָפעסאָר יהודה!" שטאַרק צעוואָרעמט פון דער גאַנצער סצענע, אין וועלכער איך בין פּלוצלינג אַריינגעשלעפּט געוואָרן, האָב איך אויף דעם בחור'ל אויפגעהויבן די אויגן — ניט זייער קיין ווייכע — אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט אויף ניט זייער קיין איידעלן אופן און איך האָב נאָך דערצו, זיכער ניט בקול דממה דקה, אָפּגעענטפערט: „און אַז פּראָפעסאָר יהודה, איז וואָס?"

דאָס יונגע בחורל האָט זיך אַזוי שטיל צוריקגעקערט צום בענקל, ווי שטיל ער האָט זיך פון אים פריער אויפגעהויבן. וואָס ער האָט געטראַכט וועגן מיר, קען איך זיך בלויז פאָרשטעלן. אָבער וואָס איך האָב געטראַכט וועגן אים געדענק איך גאַנץ גוט. די היץ פון דער גאַנצער סצענע האָט מיך שנעל

אָפּגעלאָזט. דער רוגז אויפן יונגן בחור׳ל האָט זיך פאַרוואַנדלט — וואָס זאָל איך מיך שעמען? — אין נאָך אַ ביטערן רוגז אויף זיך אַליין. דאָס גאַנצע אויסזען זיינס, דער אופן ווי ער איז צוגעגאַנגען, זיין אָננעמען זיך פאַר דעם כבוד פון אַזאַ תלמיד חכם ווי פּראָפעסאָר יהודה און דער אופן ווי ער האָט מקבל געווען מיין נזיפה האָט מיך ניט נאָר אַנטוואָפנט, עס האָט מיך אויך שטאַרק צערודערט. איך האָב זיך דערפילט גאָרניט אין אָרדענונג מיט מיין געוויסן. דאָס בחור׳ל האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. כ׳בין צוגעגאַנגען צום חבר לעאָן כאַזאַנאָוויטש*) און אים געפרעגט ווער דאָס בחור׳ל איז. האָט ער מיר געענטפערט: דאָס איז חיים וויקטאָר אַרלאָזאָראָוו.

דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך מיט עטלעכע טעג פריער געהערט פון אַ פּאָר איירָאָפּעאישע חברים. זיי האָבן גערעדט וועגן אים, ווי וועגן אַ נייעם פיל פאַרשפּרעכנדיקן יונגעמאַן, וואָס איז נתגלה געוואָרן אויף דער מיט־אַ־פּאָר־וואָכן־פריער אָפּגעהאַלטענער „התאחדות"־קאָנפערענץ אין פּראָג. אַ סך מער פאַר מיר האָט כאַזאַנאָוויטש אויך ניט געוואוסט. כ׳האָב געפרעגט אייניקע ארץ־ישראלדיקע חברים, נאָר אויך זיי האָבן אים צו־גוט ניט געקענט. ער איז נאָך ביז דאַן אין ארץ־ישראל ניט געוועזן. אָבער אין ארץ־ישראל גופא האָט שוין זיין נאָמען דערגרייכט. אונזערע ארץ־ישראל׳דיקע פּועלי־ציון האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ זייער שאַרפן פּאַרטיי־קעגנער אונזערן. אָבער אַלע רעדן וועגן אים מיט גרויס דערוואַרטונג פאַר דער צוקונפט. מיין אינטערעס צו אים איז געשטיגן.

כ׳האָב אים נאָך דער זיצונג אויפגעזוכט, געבעטן אַנטשולדיקונג, געפרעגט אויב ער קען זיך פּערזענלעך מיט פּראָפעסאָר יהודה; אויב ער איז גרייט מיך פאַר אים אָפיציעל פאָרצושטעלן, כדי איך זאָל אויך פון אים בעטן מחילה. דאָס יונגע בחורל — צו ווען ענס גאַנצן מהות דער שווערער נאָמען אַרלאָזאָראָוו האָט זיך גאָר ניט געפּאַסט, — האָט מיט שמחה אָנגענומען מיין בקשה. די פּראָצעדור פון איבערבעטן פּראָפעסאָר יהודה איז פאָרגעקומען. פּרטים זיינען דאָ ניט וויכטיק. אָבער דורך דעם איז אויסגעוואַקסן אַ פריינדשאַפט צווישן אַרלאָזאָראָוו און מיר. דער ערשטער טיפערער געשפּרעך איז טאַקע פאָרגעקומען באַלד נאָך דער איבערבעטונג.

דער אינהאַלט פון געשפּרעך האָט זיך נאַטירלעך געדרייט אַרום די ענינים פון סדר היום פון דער קאָנפערענץ. באַלד איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן זיין מערקווירדיקער כוח־הסברה. ווען מיר האָבן באַרירט די פראַגע וועגן צוזאַ־

*) ער איז צו דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ געקומען בלויז ווי אַ גאַסט. אין דעם קאַמף צווישן די פּראָ־קאָנגרעסיסטן און אַנטי׳ס אין אונזער באַוועגונג האָט ער אָנגענומען אַ נייטראַלע שטעלונג. קיין דעלעגאַט איז ער דעריבער ניט געווען. אָבער אין די באַראַטונגען פון אונזער קליינער פראַקציע האָט ער זיך יאָ באַטייליקט.

מענשטעל פון די ארץ־ישראל־אַמטן האָט ער אין איין הרף־עין קלאָר געמאַכט פאַר מיר די באַדייטונג פון אָט די קאָמיטעטן, וועלכע וועלן צום ערשטן מאָל אין אידישן גלות האָבן דורכצופירן כמעט מלוכה־אויפגאַבן. טאַקע דערפאַר מוז מען זיין שטאַרק פאַרזיכטיק וועגן זייער צוזאַמענשטעל. ניט יעדע גרופּע וואָס אָרגאַניזירט זיך צוליב עליה מעג האָבן אַ דעה אין די דאָזיקע אַמטן. דאָס קען אָנפאַרטרויט ווערן נאָר צו אַזעלכע קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען געבונדן צו אַ נאַציאָנאַלער דיסציפּלין. אונזער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין־כוח ליגט אין ציוניסטישן קאָנגרעס. דערפאַר קענען נאָר אַזעלכע וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן דער קאָנגרעס־דיסציפּלין אָנפאַרטרויט ווערן מיט דער אָנפירונג פון אָט די אַמטן.

איך מוז מודה זיין: דאָס יונגע בחורל האָט מיך ווידער צעטומלט. קיין זקן בין אויך איך נאָך ניט געווען, אָבער כ׳בין געווען מיט 12 יאָר עלטער פון אים און האָב שוין געהאַט דערפאַרונג אין אונזער באַוועגונג. זיין פּשוטע הסברה און זיין צוגיין צו אַן אָרגאַניזאַטאָרישער פראַגע מיט אַזאַ טיף־דרינגנדיקער לאָגיק, גענומען אין ראַם פון אַ גרויס׳צוגיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, האָט מיך שטאַרק אימפּאָנירט. דערצו בין איך עס דווקא געווען דער פאַרטרעטער פון אונזער קליינער פראַקציע אין יענער קאָנפערענץ־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון די ארץ־ישראל־אַמטן. איך האָב זיך דאָס אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן דעם פּונקט־פאַרקערטן שטאַנדפּונקט. אויף דער ערשטער זיצונג פון דער קאָמיסיע האָב איך עס טאַקע געטאָן. פון די צעירי ציון איז אין יענעם קאָמיטעט געווען חבר יוסף שפּרינצאַק. קוקנדיק צוריק צו יענער צייט און קענענדיק איצטער גוט דעם חבר שפּרינצאַק שטעל איך זיך פאָר, ווי ער האָט אינערלעך גע׳חוזק׳ט פון מיר, ווען ביי דער צווייטער זיצונג פון דער קאָמיסיע האָב איך שוין וועגן דעם ענין געשטאַמלט, ניט גערעדט. ער האָט זיכער ניט געוואוסט, אַז זיין יונגער חבר אַרלאָזאָראָוו האָט עס אַזוי „פאַר׳סמ׳ט" זיין „קעגנער" אין דער קאָמיסיע.

דאָס איז ניט געווען דער איינציקער געשפּרעך אונזערער ביי יענער קאָנפערענץ. נאָך שפּעטער איז מיר געבליבן אין זכרון אַ צווייטער געשפּרעך. ס׳איז אים כדאי צו פאַרצייכענען. איך קען ניט גאַראַנטירן פאַר פּינקטלעכקייט פון נוסח, איך בין אָבער אַבסאָלוט ערב פאַרן תוכן. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי דער גאַנצער קרן היסוד־פּלאַן איז פון דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן. מיין פראַקציע האָט מיר געגעבן דעם כבוד צו באַגריסן דעם באַשלוס אין אונזער נאָמען. איך האָב ניט געהאַט קיין סך וואָס אָנצובאַטן דער קאָנפערענץ אין סכומים וואָס מיר קענען פאַרשפּרעכן דעם קרן־היסוד. האָב איך צוגעזאָגט דער קאָנפערענץ, אין נאָמען פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, די מוסקול־קראַפט פאַר דער בוי־אַרבעט. פון דער קאָנפערענץ

איז עס דווקא גוט אויפגענומען געוואָרן. מיינע אייגענע פּראַקציע־חברים זיינען גאָר שטאַרק צופרידן געווען. אָבער איין שאַרפן קריטיקער האָב איך באַקומען תיכף נאָכן שלוס פון דער קאָנפערענץ. אַרלאָזאָראָוו איז צו מיר צוגעגאַנגען מיט אַ כאַראַקטעריסטישער פּאַר אים עפּענונג פון אַ געשפּרעך. „מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן", האָט ער געזאָגט, „ניט אייער איצטיקע רעדע, נאָר אייער האַנדלונג מיט אַ פּאָר טעג פריער. איך רעכן דעריבער אַז איך קען מיט אייך רעדן אָפן. מוז איך אייך זאָגן, אַז אַ פאַרטרעטער פון אידישע אַרבעטער, ספּעציעל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דאַרף זיין זייער פּאָרזיכטיק, ספּעציעל ווען ער קומט פון אַמעריקע, מיט הבטחות. מילא, דאָס וואָס איר רעדט אין נאָמען פון די ארץ־ישראלדיקע אידישע אַרבעטער בין איך אייך מוחל. וואָס דען זאָלט איר טאָן? רעדן אין נאָמען פון די רעכטע פּועלי־ציון, וועמענס רייען עס זיינען אַזוי שיטער?" און גלייך פאַרכאַפּט ער זיך: „גלויבט מיר, עס רעדט ניט צו אייך קיין עקסטרעמער פּאַרטיי־קעגנער. איך וויל אוודאי, אַז אייער צד זאָל מנצח זיין אין אייער באַוועגונג. אָבער מיט דער מוסקול־קראַפט, וואָס איז אייך דערוויִיל געבליבן, וועט מען קיין לאַנד ניט קענען אויפבויען. דאָס איז אָבער ניט דער עיקר. מיין טענה צו אייך איז גאָר אַן אַנדערע. דאָס וואָס מיר נעמען זיך איצט אונטער וועט זיין אומגעהויער שווער. דערפאַר איז געווען אַזאַ ביטערע דיסקוסיע אַרום קרן היסוד. איך בין פאַרן קרן היסוד. מיין גאַנצע פראַקציע אויך. אין מיר לעבט אָבער אַ טיפער אומרו. די אַרגומענטן מצד די אַנהענגער פון געדאַנק, אַז די פינאַנצירונג פון דער ארץ־ישראל־אַרבעט מוז קומען דורך אינוועסטירונגען און ניט דורך נדבות האָבן אין זיך קראַפט. זיי גייען אוודאי אַוועק צום עקסטרעם. אַן דער פּיאָנערישער ראָלע פון אַזאַ נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, ווי דער קרן היסוד וועט דאַרפן ווערבירן, וועלן זיין זייער וויִיניק בעלנים אויף אינוועסטירן פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אָבער אייניקע פון אייערע אַמעריקאַנער בראַנדייס־אַנהענגער האָבן אין די קאָמיסיעס אַרויסגעבראַכט וויכטיקע געדאַנקען. איר זייט געווען דער איינציקער אַמעריקאַנער רעדנער, וואָס איז ניט געווען געבונדן מיט דער בראַנדייס־דיסציפּלין. דערצו פּאַרטרעט איר דאָך די פּועלי־ציון. פון אייך האָב איך דערוואַרט עטלעכע וואָגיקע ווערטער דווקא קעגן די טענות פון די אַמעריקאַנער בראַנדייסיסטן. איר האָט זיך אָבער באַנוגנט מיט סתם אַ באַגריסונג, מיט סתם אַ צוזאָג פון אידישער מוסקול־קראַפט, וואָס אויך וועגן דעם ווייס איך ניט צי איר האָט געדאַרפט רעדן. די אידישע אַרבעטער פון ארץ־ישראל וועלן אַוודאי זייער אַרבעט צוטראָגן. וועגן זיי האָט געדאַרפט און געמעגט רעדן אַן ארץ־ישראל־דיקער חבר. אין דער איצטיקער ארץ־ישראלדיקער מוסקול־קראַפט האָט אייער אַמעריקע זייער אַ קליינעם חלק. די מוסקול־קראַפט וואָס וועט אין דער נאָענטער צוקונפט קומען קיין ארץ־ישראל וועט זיין אַן אייראָפּעאישע. די אידישע

מוסקול־קראַפט וואָס געפינט זיך אין אַזאַ באַדייטנדיקער מאָס אין אייער מדינה איז, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, גאַנץ ווייט פון גרייטקייט זיך אַריבערצוטראָגן קיין ארץ־ישראל. אָט וועגן דעם האָט דווקא איר אונז געדאַרפט עפּעס זאָגן: קענען מיר האָפן כאָטש ווען עס איז אויף אָט דער מוסקול־קראַפט? ווער זאָל וועגן דעם ריידן, אויב ניט איר?״

צום דריטן מאָל אויף יענער קאָנפערענץ האָט ער מיך צעטומלט. און מערקווירדיק: ער האָט דאָך פון מיר אַוועקגענומען דאָס ביסל ליב־ווערטער וואָס איך האָב פון מיינע אייגענע חברים געקראָגן און אנגענעם איז עס דאָך ניט געווען. אָבער דער דירעקטער אופן פון זיין רעדן האָט מיך גאָרניט באַ־ליידיקט. אדרבא, עס האָט אַרויסגערופן אייגענעם חשבון־הנפש. מיין אינטערעס אין אים איז נאָך מער געשטיגן.

מיר זיינען זיך צעפאָרן. איך בין צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ער איז נאָך געבליבן זייער אַ קורצע צייט אין אייראָפּע און אָנהייב 1921 איז ער צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין ארץ־ישראל.

ג.

אונזער ווייטערדיקע באַגעגעניש איז שוין פאָרגעקומען אין 1926 אין ניו־יאָרק. איך האָב די גאַנצע 6 יאָר נאָכגעפאָלגט זיין טעטיקייט. שלינגענדיק אַלץ וואָס איז דאַן פון ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך שטענדיק געזוכט און גענישטערט ידיעות וועגן זיין טעטיקייט. די ידיעות זיינען געווען זייער מאָגערע און זייער זעלטענע. ער האָט דאַן בכלל פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין ארץ־ישראל; מיר שיינט אַז ווייניקער פון אַ יאָר. פאַרוואָס מען האָט פון אים דאַן ניט געהערט ווייס איך ניט. איך שטעל מיר נאָר פאָר, אַז ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל האָט ער קודם כל געוואָלט לערנען, פאַרשטיין דעם נייעם ישוב. אַרלאָזאָראָוו האָט זיכער געפילט, אַז איידער עמיצער דערלויבט זיך צו מישן אין ענינים פון אידישן ישוב, מוז ער אים, דעם ישוב, קענען ניט בלויז פון געהערטע רעדעס, געלייענטע אַרטיקלען אָדער דורכן האָבן געאַנט פון ווייטן מיט דעם כח פון דער אייגענער פאַרשטעלונגס־קראַפט, אַפילו אַן אַרלאָזאָראָווישע. האָט ער מן הסתם זיך מער פאַרטיפט ווי גערעדט, מער געשטודירט ווי שוין אַרויס־געזאָגט מיינונגען. עפּעס האָט אָבער פון זיין פעדער דאַן יאָ דערגרייכט אין אַמעריקע. דאָס איז געווען אַן אָפּשאַצונג וועגן די יפו׳ער געשעענישן פון 1921. שוין אין יענעם אָנהייב האָט מען געקענט דערשפּירן זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו פראַגן.

שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען העפטן פון „אַרבעטס־פאָלק״ אין איי־

דיש און „די אַרבעט" אין דייטש, וואָס ער האָט מיטרעדאַגירט אין בערלין. דאָרטן האָבן אָנגעהויבן דערשיינען זיינע גרעסערע אַרבעטן איבער ציוניזם, דער אַרבעטער־באַוועגונג, סאָציאַליזם, אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע באַציונגען. זיין אַנאַליטישער כוח און זיין כוח־הסברה זיינען מיט יעדן נייעם אַר־טיקל, מיט יעדן נייעם רעפעראַט וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די צוזאַמענפאָרן פון „התאחדות", אָדער אויף ציוניסטישע וועלט־צוזאַמענקונפטן אַלץ בולט׳ער געוואָרן. איך האָב געפּרואווט זוכן אינפאָרמאַציע: פון וואַנען קומט דער מענטש? וועלכע אידישע און וועלטלעכע דערציאונגס־פּראָצעסן האָט ער דורכגעמאַכט? פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ טיפער וויסן אַפילו אין ענינים פון פינאַנצן? ער האָט דאַן פיל גערעדט און געשריבן וועגן דעם.

נאָך העכער הייבט ער אָן שטייגן ווען ער קומט צום צווייטן מאָל קיין ארץ־ישראל. דאָס מאָל בלייבט ער שוין ניט קיין נחבא אל הכלים. ער טרעט אויף מיט די וויכטיקסטע רעפעראַטן סיי אויף די טריבונעס פון דער הסתדרות, סיי אויף דער טריבונע פון דער כנסת ישראל. זיינע רעדעס ווערן איבערגע־געבן אין פולן אין דער ארץ־ישראלדיקער פּרעסע. זיי נעמען אַרום די גאַנצע אידישע, ציוניסטישע, סאָציאַליסטישע און וועלט־פּאָליטישע פּראָבלעמאַטיק. אומעטום איז ער אינדערהיים. און איך טראַכט אַלץ: פונוואַנען איז עס צו אים געקומען? אַזוי ווי אַרלאָזאָראָווס אויסזען ביי אונזער לאַנדאַנער באַגעגעניש האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון אַ ישיבה־בחור, האָב איך אין געדאַנק געפּרובירט אים פאַרבינדן מיט איינע פון די שיטות־הלימוד אין די ישיבות, וועלכע זיינען מיר באַקאַנט געווען. כ׳האָב אים געזוכט צו פאַרבינדן מיט דער ספּעציעלער לאָגיש־אַנאַליטישער שיטה פון ר׳ שמעון שקאָפּ, ביי וועמען איך האָב זוכה געווען אַ יאָר צייט צו לערנען אין דער טעלזשער ישיבה. ביי דער לאָנדאָנער באַגעגעניש בין איך נאָך ניט געווען מיט אים אינטים גענוג בכדי צו פרעגן אים אַליין. פון דערוווייטן האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זע אַ קשר צווישן אים און ר׳ שמעונ׳ס שיטה. דערמאָן איך זיך אָבער, אַז שוין אין לאָנדאָן האָב איך געמערקט אַ שטאַרקן ווידערשפּרוך צווישן זיין ישיבה־בחור׳ישן אויסזען און צוויי דערשיינונגען אין אים. די ערשטע — זיין אידישע שפּראַך, ניט פון ישיבה־בחור׳ישע מקומות שטאַמט זי. צווייטנס — זיין יוגנט. ער איז געווען צו יונג צו קענען האָבן שוין דאַן דורכגעמאַכט אַ באַדייטנדע טיפע־ווירקונג־איבערלאָזנדיקע ישיבה־דערציאונג און שוין אָנזאַמלען אַזאַ ערודיציע, אַזאַ אוצר פון באַקאַנטשאַפט מיט וועלט־ענינים, ספּעציעל מיט סאָציאַלער און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכע פאָדערן לאַנגע צייטן פון שטודירן. ניין, דוכט זיך, ניט קיין ישיבה־פּראָדוקט.

די רעטעניש אַרלאָזאָראָוו ווערט מיר נאָך מער אומקלאָר, וואָס ווייטער איך באַקען זיך מיט דער מעטאָדע פון זיין דענקען און זיין צוגאַנג צו סאָציאַלע

פראַגן. זיין מעטאָדע איז געווען פאַר מיר צו מאַרקסיסטיש, איך בין דעריבער מיט אים ניט מסכים. איך בין דאַן געווען פיל מער נעגאַטיוו צום מאַרקסיזם, ווי אַפילו היינט. אָבער זיין מאַרקסיזם איז אויך געווען אַן אייגנאַרטיקער. רופט עס אין מיר אַרויס נאָך מער באַוואונדערונג.

מיין נעגאַטיווע באַציאונג צום מאַרקסיזם האָט זיך גענומען פון דעם איבערטריבענעם אופן ווי די דעמאָלטיקע אידישע סאָציאַליסטישע גאַס האָט דעם מאַרקסיזם אויפגענומען. ניט נאָר איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נייער שלחן־ערוך דאָגמאַטיק, לויט וועלכן מען דאַרף איינשטעלן דעם גאַנצן ספר החיים, נאָר פיל מער — אַ באַציאונג ווי אמתע פרומע אידן האָבן געהאַט צו תורת משה! הפך בה והפך בה דכולא בה — אַזוי האָבן אידישע סאָציאַליס־טישע שרייבער און רעדנער דאַן דעם יונגן אידישן דור מחנך געווען אין מאַרקסיזם. אַ שאַרפע קאָנקורענץ איז אָנגעגאַנגען צווישן די אידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען, ווער וועמען עס וועט איבערשטייגן אין טריישאַפט צו דער מאַרקסיסטישער דאָגמאַטיק. אין דעם ערשטן יאָר־צענדליק פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט דער מאַרקסיסטישער צויבער אַזוי פאַרכאַפּט די אידישע אַרבעטער־גאַס, אַז אַ ניט־מאַרקסיסט איז געווען ווי אַ מענטש ניט פון דער וועלט. ווי יעדער טיף־פילאָזאָפישער געדאַנק איז אויך דער מאַרקסיזם דורך זיין פּאָפּולאַריטעט פאַרגרעבט געוואָרן. די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין מאָגן־איבער־אַלעס „פילאָזאָפיע", וואָס האָט שאַקירט. אָבער דאָ דערשיינט פאַר אייך אַ מאַרק־סיסט פון אַ פּיל איידעלערן שטאָף. דאָס איז אויך ניט געווען קיין מאַרקסיזם וואָס צאָלט דעם נייטיקן צינז דער צייט און דער מאָדע. ערשטנס, ווען אַר־לאָזאָראָוו האָט אָנגעהויבן רעדן און שרייבן איז שוין די תקופה פון צופיל פאַרמאַטעריאַליזירטן מאַרקסיזם געווען פאַראיבער. צווייטנס, איז אין יענעם קרייז, אין וועלכן ער האָט משפיע געווען און פון וועלכן ער איז מושפע געוואָרן, מאַרקסיזם ניט געווען קיין מטבע עוברת לסוחר. זיין מאַרקסיסטישע מעטאָדע איז בכן געווען, סיי נאָך אַ צוגאָב־באַווייז פון דער אָריגינאַליטעט פון אַרלאָזאָראָווס דענקען, סיי נאָך אַ צוגאָב־דערשיינונג — ווייניקסטנס פאַר מיר — די רעטעניש אַרלאָזאָראָוו נאָך טיפער צו מאַכן.

ווען איך האָב זיך דערוואוסט אַז ער קומט קיין אַמעריקע איז אין מיר נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן דער אינטערעס אויסצוגעפינען: מה טיבו של אדם זה?

איך מוז גלייך מוסר מודעה זיין: קיין פולשטענדיקן ענטפער אויף דער פראַגע האָב איך ביז היינט נאָך ניט באַקומען. איך האָב שוין זינט דאַן גע־לייענט אייניקע ביאָגראַפיעס וועגן אים. איך ווייס שוין, למשל, אַז סיי זיין זיידע דער רב פון ראָמני, וואָס אין אוקראַינע, סיי זיין טאַטע, דער גרויסער

למדן פון זעלביקן ראַמני, סיי זיין מאַמע וואָס האָט אין אים אַריינגעגאָסן דעם מאור שבליטא (זי האָט געשטאַמט פון א ליטווישן שטעטל אין סואוואַלקער גובערניע) האָבן משפיע געווען אויף דער געשטאַלטונג פון זיין אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט. איך ווייס שוין אויך, אַז די דערציאונג וואָס ער האָט אין זיינע קינדער־יאָרן באַקומען אין אַ דייטשן שטעטל ביי דער רוסישער גרענעץ האָט געהאָלפן צוגעבן פאַרשיידנאַרטיקייט צו זיין גייסטיקער געשטאַלט. אָבער אַפילו מיט די אַלע דערקלערונגען איז די פיל־זייטיקייט פון דעם דאָזיקן מענטשן, זיין פאַרמאָגן אין זיך עלעמענטן פון אַ באַדייטנדיקן פּאָעט זייט ביי זייט מיט די עלעמענטן פון אַ קאַלט־אויסגערעכנטן מאָדערנעם פּאָליטיקער, דערביי אַריינדרינגען לעומקא דדינא פון די שווערסטע סאָציאַל־פאַרפּלאָנטערטע פראַגן און קענען זיי שפּעטער אַזוי איינפאַך און קלאָר מסביר זיין — אַזאַ פילזייטיקייט דערשיינט צווישן מענטשן אַזוי זעלטן, אַז דערקלערן עס פולשטענדיק איז אפשר גאָרניט מעגלעך. וועל איך מיך בעסער אומקערן צו מיין אָנגעצייכנטן וועג און דערציילן וועגן אונזערע ווייטערע באַגעגענישן.

ד.

קיין אַמעריקע איז ער צום ערשטן מאָל געקומען נאָך זיין קאַפּיטל „גענף". דער ארץ־ישראלדיקער אידישער ישוב האָט געשיקט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע קיין גענף כדי פאַרצובערענגען פאַר דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פון פעלקער־בונד די טענות פון ישוב קעגן דער בריטישער אַדמיניסטראַציע. זיין „גענפער טאָג־בוך" איז אַ וויכטיקער פּאָליטישער דאָקומענט מיט וועלכן יעדער ערנסטער ציוניסט דאַרף זיך באַקענען. מען קען דאָרטן זען פיל זאַכן וואָס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַרלאָזאָראָוון. מען קען פון דעם אויך לערנען די וויכטיקסטע קאַמף־פרשיות אונזערע קעגן דער מאַנדאַטמאַכט. מען קען פון דעם אויך באַקומען אַ פאָרשטעלונג ווי אַ פעלקער־בונד קאָמיסיע פונקציאָנירט בכלל. אַרלאָזאָראָוו איז אַהין געקומען ווי איינער פון דריי פאָרטרעטער. די אַנדערע צוויי זיינען געווען מאיר דיזענגאָף און הרב עוזיאל. אין דער אַרבעט פון אָט דער דעלעגאַציע האָט ער, דער אינגסטער, זיכער פאַרנומען דעם ערשטן אָרט. דאָס האָט געהויבן זיין אָנזען אין די אויגן פון דער אידישער וועלט. וויצמאַן האָט אים אייניקע חדשים שפּעטער איינגעלאַדן מיטצופאָרן אין שליחות פון קרן היסוד קיין אַמעריקע. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. זיין גאַנצע פרשה אַמעריקע, סיי פון זיין ערשטן באַזוך, סיי פון צווייטן, געהערט ניט צו מיין איצטיקער אַרבעט. וועגן דעם קען מען לייענען אינם ספּעציעלן „אַרלאָזאָראָוו בוך". איך וויל נאָר דערציילן וועגן אַ באַגעגעניש וואָס איז פאָרגעקומען טאָקע ביי מיר אין הויז, אין די לעצטע

טעג פון זיין ערשטן באַזוך. צווישן אַנדערע פראַגן וואָס האָבן אַרומגענומען אַלץ וואָס האָט אונז אַלעמען אינטערעסירט (עס זיינען געווען דערביי אויך אייניקע חברים פון צ.ק. פון פועלי־ציון און צוויי חברים פון צ.ק. פון די צעירי־ציון.) און וועלכע ער האָט שפּעטער באַרירט אין זיינע בריוו וועגן אַמעריקע, זיינען מיר געבליבן אין זכרון די שאַרפע דיסקוסיעס אַרום צוויי פונקטן: א. די פראַגע וועגן דער אידישער יוגנט אין אַמעריקע און ב. די פראַגע ווי וויט דאַרף דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דורכגיין די פּראָצעסן פון אַסימילאַציע און די אַנטווישונגען וואָס מוזן נאָכפאָלגן, ביז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום וועט זיך דערשלאָגן צו דער אידישער רענעסאַנס־באַוועגונג און וועט זיך אין איר אין אַ געהעריקער מאָס באַטייליקן.

איןביידע פראַגן איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער ראש המדברים קעגן אים, ווייל מיר זיינען געשטאַנען אויף קעגנערישע פּאָזיציעס. איך האָב פאַר־נומען אַ מער אָפּטימיסטישן שטאַנדפּונקט, ער — אויב מען קען עס אַזוי אויס־דריקן — אַ מער פּעסימיסטישן.

ס'איז שווער צו דעפינירן וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט. ווייל ווען אַרלאָזאָראָוו איז צוגעגאַנגען צו אַן ענין האָט ער אין אים אַריינגעבראַכט מקורותדיקייט. (דאַרף איך נאָך אונטערשטרייכן, אַז ער האָט אויך דעמאָלט אַלעמען פאַרוואונדערט מיטן טיפן פאַרשטיין דאָס אַמעריקאַנער אידנטום און די פּראָצעסן וואָס עס מאַכט דורך? די זעלבע פאַרוואונדערונג האָב איך געפילט כמעט אין אַלע אונזערע שפּעטערדיקע באַגעגענישן. איך וועל דערריי־בער דאָס מער ניט איבערחזרן.) דער פּעסימיזם אָדער אָפּטימיזם האָט זיך דעריבער ניט באַוועגט אַרום דעם, צי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז כולו רע אָדער כולו טוב; עס האָט זיך ניט געהאַנדלט אין דעם, צי די אידישע יוגנט אין אַמעריקע איז אינגאַנצן פאַרלאָרן פאַר אונז, אָדער זי איז שוין איצטער אַ גרויסער כוח פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע צילן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַנאַליזירן פּראָצעסן וואָס קומען אין אונז פאָר. אַרלאָזאָראָוו האָט אָפּגעשאַצט אַז די פּראָצעסן וועלן זיין זייער שווערע, אַז די אָנשטרענגונגען וואָס מיר מוזן דעריבער מאַכן, מוזן זיין זייער גרויסע און באַלדיקע; אַז פאַרלירן אַ יאָר קען ווערן אַ בכיה לדורות. איך פון מיין זייט האָב געמיינט, אַז ער מאָלט דאָס בילד צו שוואַרץ, ווייל אין אַמעריקאַנער אידנטום הויבן שוין אָן צייטיק ווערן כוחות, וואָס וועלן אַפילו פאַרטיק זיין פאַר הגשמה עצמית. איך האָב אַביסל אַ שפּיל געטאָן מיט מיין בטחון אין נצח ישראל. דאָן איז געקומען זיין ענטפער, וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון עד היום הזה. ווידעראַמאָל קען איך ניט גאַראַנטירן פאַרן נוסח, אָבער פאַרן תוכן בין איך ערב:

נצח ישראל — אַוודאי! אָבער ישראל אַליין מוז ווידמען אַ סך כוחות פאַר זיין קיום, כדי נצח ישראל זאָל בלייבן אַן אייביקער אמת אין אונזער גע־

שיכטע. ער האָט אין מיין שטעלונג געפונען אַן איבערחזרונג פון דעם טעות וואָס די אידישע אָרטאָדאָקסיע האָט געמאַכט מיטן וואַרטן בחיבוק ידים אויף משיחן. ער האָט באַטראַכט מיין שטעלונג ווי אַ פאַרשלעפּערונגס־מיטל פאַר אונזער געוויסן. ער האָט דאַן גענומען אונז געבן קלעפּ איינע נאָך די אַנדערע. איבערהויפּט פאַר וואָס מיר האָבן זיך אַליין פאַרצוימט אין אַן ענגער ראַם. ער האָט געזאָגט: מיר רעדן דאָ כסדר וועגן דעם אידישן אַרבעטער. דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער פון היינט, ווי איך האָב אים דאָ געטראָפן, וועט לאַנג קיין אַרבעטער ניט זיין און וועט זיכער אַליין קיין בויער פון ארץ־ישראל ניט ווערן. אָבער די אידישע יוגנט אין אַמעריקע, זי קען נאָך געקנאָטן ווערן און אַריינגעגאָסן ווערן אין נייע מענטשלעכע און אידישע פורעמס. געדענקט, אויב אונזערע באַוועגונגען וועלן דאָ ניט שטעלן דעם טראָפּ אויף אידישער יוגנט זיינען מיר פאַרלאָרן. אפשר זייט איר גערעכט, אַז איך קוק מיט צו שוואַרצע ברילן, אָבער דאַן ווערט אייער שולד נאָך גרעסער. אויב איר זעט יאָ די כוחות וואָס הייבן אַן צייטיק ווערן צווישן דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט — טאָ וואו זיינען די כלים, וועלכע איר גרייט צו פאַר דער ענערגיע וואָס די דאָזיקע כוחות וועלן גענערירן? אויב איר גרייט עס ניט צו, צי באַשטייט ניט די געפאַר אַז עס וועלן זיך געפינען סאָציאַלע מיראַזשן, וואָס וועלן די יוגנט אָוועקשלעפּן פון אונז?

שאַרף און שניידנדיק איז אויך געווען זיין קריטיק איבער אונזער איינמאַרעניררן זיך בלויז אין אידיש, ווען די אידישע יוגנט מוז געוואונען ווערן דורך דער שפּראַך אין וועלכער זי לעבט. עס וועט אייך ניט באַשערט זיין קיין בעסערע מערכה ווי די אידן פון אייראָפּע. ניט נאָר מוזן מיר צו דער דייטשער אידישער יוגנט גיין מיט דער דייטשער שפּראַך, נאָר אייערע פירער, אַפילו באַראָכאָוו בכבודו ועצמו, האָבן געמוזט גיין צו דער רוסיש־אידישער יוגנט מיט דער רוסישער שפּראַך. איר שטעלט אויף פּעטישן און דינט צו זיי. דינט זיך איר אַליין צו זיי וויפל אייער האַרץ גלוסט, אָבער מאַכט ניט פון די פּעטישן קיין באַריערעס צווישן דער אידישער רענעסאַנס־באַוועגונג און דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט. די אידישע רענעסאַנס־באַוועגונג קען אויף אייער יוגנט ניט מוותר זיין. די אידישע געשיכטע וועט עס אייך קיינמאָל ניט מוחל זיין.

ניט אַזוי פעסט איז געווען זיין אַרויסטריט קעגן מיר אין דער אָפּשאַצונג צי מוז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דורכמאַכן דעם גאַנצן דערנער־וועג פון אַסימילאַציע, כדי דורך דעם דאָזיקן וועג רייף צו ווערן פאַר דער רענעסאַנס־באַוועגונג. דאָ איז ער נוטה געווען אָנצונעמען מיינע אָנווייזונגען אויף אייניקע דערשיינונגען פון חלוצישע געוויקסן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. ער האָט אויך אָט די פרשה גוט געקענט. ער האָט געוואוסט פון דעם פּרואוו

וואָס דער פאַרשטאָרבענער חבר ד״ר וואַלדשטיין האָט געמאַכט צו אָרגאַניזירן דווקא אין אַמעריקע די ערשטע חלוצישע גרופּע און טאַקע אונטערן נאָמען „החלוץ״. ער האָט געוואוסט וועגן דער פּרשה פון האיכר הצעיר, פון בערל קליי, פון אליעזר יפה. ער האָט געקענט בעל־פּה דעם גאַנצן יזכור־בוך וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן נאָך אין 1917. ער האָט געקענט די גאַנצע פּרשה פון דער לעגיאָן באַוועגונג. ער האָט זיין אַרגומענטאַציע—אַז דאָס זיינען אַלץ שפּראָצונגען ניט פון אַמעריקאַנער באָדן נאָר פון אייראָפּעאישן—שנעל געמילדערט, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז טאַקע דערפאַר וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, ווי אַ גאַנצער, שטאַמט פון אייראָפּע איז ער דאָך ניט קיין פּוסטער חלל. ער פאַרמאָגט דאָך עפּעס אין זיך. ער האָט דאָך עפּעס מיטגעבראַכט מיט זיך. דאָס קען ווערן אַ דאַמבע קעגן דעם אַסימילאַציע־שטראָם. זיין קריטיק קעגן אונז איז אָבער דאַן נאָך שאַרפער געוואָרן. אייערע זינד — האָט ער געזאָגט — ווערן דורכדעם ניט גרינגער. אָננעמענדיק טיילוויז אייער אָפּשאַצונג ווערן אייערע פליכטן נאָך גרעסערע און די זינד פון זייער פאַרנאַכלעסיקונג נאָך שווערערע. וואָס טוט די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע, און וואָס טוט אונזער ציוניסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, כדי די דאָזיקע דאַמבע צו שטאַרקן? אַ דאַמבע קען זיך אַמאָל אָפּרייסן אינגאַנצן. און פון הויכן טעאָרעטישן הימל האָט ער אונז באַלד אַראָפּגעשטעלט אויף דער פּראַקטישער ערד. עס האָט אין אים געברענט אַ הייליקער פייער, ווען ער האָט וועגן דעם גערעדט. אַזוי טיף האָט ער דורכגעלעבט דאָס געפיל, אַז די אַמעריקאַנער ציוניסטישע באַוועגונג דערפילט ניט איר היסטאָרישע פליכט. נאָך ערגער: זי באַגרייפט גאָרניט וואָס עס איז אין איר האַנט פון דער געשיכטע איבערגעגעבן געוואָרן, זי ווייס ניט אַז החיים והמות פון נאַציאָנאַלע אידישע האָפענונגען האָט דער שר האומה איר פאַרטרויט. ער האָט עס אַזוי טיף דורכגעווייטיקט, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין געוויינלעך־באַלאַנסירטן טאָן. מיט אייזערנע ריטער־ווערטער האָט ער אונז געשמיסן. פיל שאַרפער ווי אין זיין שפּעטערדיקן באַרימטן בריוו וועגן אַמעריקאַנער ציוניזם צו די מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט ער צו אונז דאַן גערעדט. ער האָט אונז געהאַלטן מער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער לאַגע ווי די אַלגעמיין־ציוניסטישע פירער.

ווען די היץ פון דעם געשפּרעך האָט זיך איינגעשטילט און די אַטמאָספערע איז געוואָרן אַ לייכטערע, וויסנדיק אַז ער גרייט זיך אָפּצופאָרן, האָב איך אויסגעדריקט אין עטלעכע געזעגענונגס־ווערטער מיין האָפענונג, אַז ער וועט נאָך פאַרנעמען וויכטיקערע פּאָזיציעס אין אונזער רענעסאַנס־באַוועגונג, באַזירט אויף זיינע פעאיקייטן אַלס פּאָליטיקער, וואָס איך האָב באַמערקט אין זיינע שריפטן און אין זיינע געדרוקטע רעדעס. אייניקע פון מיינע פּאַרטיי־חברים האָבן עס מיר שפּעטער ניט געקאָנט מוחל זיין. זיי האָבן

געדענקט, אַז איך האָב איבערגעכאַפּט די מאָס; אַז די דיסקוסיע צווישן אונז האָט זיי נאָר באַוויזן, ווי אַזוי אַרלאָזאָראָוו איז אַ גוטער פּאַרטיי־מאַן; ער האָט גוט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט. זיין פּאַרטיי באַציט זיך צו אידיש ניט מיט אַזאַ אינטימער האַרץ־באַציאונג ווי אונזער פּאַרטיי — דערפאַר איז אים גרינג געווען אונז צו וואָרענען ניט צו מאַכן קיין פעטיש פון אידיש. זיין פּאַר־טיי באַקעמפט די קלאַסן־ליניע, דערפאַר איז אים אַזוי גרינג אַוועקצואוואַרפן די רייד וועגן אַרבעטער־קלאַס און קאָנצענטרירן זיך בלויז אויף דער אידי־שער יוגנט. בקיצור: ער האָט זיין פּאַרטיי־ליניע אָנגעהאַלטן און איך האָב מיין פּאַרטיי־ליניע פאַרטושט. זייער אומצופרידנקייט מיט מיר וואָלט זיכער נאָך געווען פיל שטאַרקער, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, אַז דאָס איז געווען ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס אַרלאָזאָראָוו האָט מיך „אַראָפּגעפירט“ פון דער פּאַרטיי־ליניע. זיי האָבן עס צוגעשריבן צו מיין שוואַכקייט. אפשר זיינען זיי געווען גערעכט. אָבער איך האָב עס צוגעשריבן — און שרייב עס נאָך איצטער צו — צו אַרלאָזאָראָווס שטאַרקייט.

ה.

בעת זיין צווייטן באַזוך אין אַמעריקע, האָבן מיר זיך נאָטירלעך אַ סך מאָל באַגעגנט, געשמועסט אַ סך און ניט איין מאָל זיך אומגעקערט צו די אויבנדערמאָנטע צוויי פראַגן. אָבער די ווייטערדיקע באַגעגעניש וואָס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון איז פאָרגעקומען ווידער אין לאָנדאָן — אין דער צייט פון דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט — אָנהייב זומער 1932.

דורך דער צווישנצייט איז ער געגאַנגען מעלה־מעלה. עס האָט שוין דאַן עקזיסטירט אין ארץ־ישראל די פאַראייניקטע פּאַרטיי אונטערן נאָמען מפא״י. ער איז לכתחילה געווען קעגן דער פאַראייניקונג, נאָר ער האָט זיך שנעל אַריינ־געלעבט אין דער נייער לאַגע. אין דער גרעסערער ראָם פון דער פאַראייניק־טער פּאַרטיי און אין דער הסתדרות האָבן זיך נאָך ברייטער פונאַנדערגע־וויקלט זיינע פעאיקייטן. ער האָלט כסדר אין שטייגן. ביז די אידישע אַרבע־טערשאַפט אין ארץ־ישראל פאַרטרויט אים דעם העכסטן פּאָסטן וואָס אירס אַ מיטגליד קען פאַרנעמען: ער ווערט איר קאַנדידאַט פאַר דער פּאָליטישער פירערשאַפט פון גאַנצן ציוניזם און ער ווערט טאַקע דערווילט אויפן 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס צו דעם אַמט. איך טרעף אים שוין ווי דעם לייטער פון פּאָליטישן דעפּאַרטמענט.

זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: אייער וואונש איז מקוים געוואָרן. צי ווייסט איר אָבער וואָס איר האָט מיר דאַן ביי אייך אין הויז צוגעוואונשן? ער האָט דערביי פונאַנדערגעוויקלט איין פרשה נאָך דער צווייטער, וואָס

אידישע רעפּרעזענטאַנץ מיינט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אינערער סתירה. צוזאַמען מיט אונז אַלעמען האָט ער ניט געהאַט קיין גרויס דרך־ארץ פאַר דעם, וואָס מיר האָבן אָנגערופן „שתדלנות־פּאָליטיק״; פון דער צווייטער זייט האָט ער געהאַט די איינשטעלונג, אַז אונזער כוח ליגט אין קעגנזייטיקן הסכם, ניט אין קאַמף. די דאָזיקע איינשטעלונג האָט ער געהאַט סיי בנוגע אונזער באַציאונג צו די אַראַבער, סיי בנוגע אונזער באַציאונג מיט ענגלאַנד. אָבער קומענדיק פּנים־אל־פּנים מיט אידישער פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ האָט ער דערשפּירט, אַז אויך דאָ איז טעאָריע און פעסטשטעלן ריכט־ליניעס איין זאַך און פירן פּראַקטיש־פּאָליטישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — אַן אַנדערע זאַך. ניט גרינג איז צו דערשלאָגן זיך צו אַ קעגנזייטיקן הסכם, ווען די קעגנזייטיקייט הינקט, ווען דער צווייטער שותף אין דער קעגנזייטיקייט איז שטאַרק. ער קען טאָן וואָס ער וויל און איך מוז טאָן, אין די מערסטע פאַלן, אויך וואָס ער וויל. און ער ציט אַ פאַרגלייך צווישן דעם פון אונז אויסגעלאַכטן אידישן שתדלן און אים אַליין.

אונזערע זיידעס, די שתדלנים, האָבן פאַר זיך געהאַט אַ קלאָרע לאַגע. פאַר זיי איז דער אויסדרוק „תולעת יעקב״ געווען אַ קלאָרע פאַרשטעלונג פון דער פּאָליטישער לאַגע פון אידישן פאָלק. זיי האָבן דערפון געצויגן קאָנסעקווענצן. האָבן קיין אָנשטעלן ניט געמאַכט. האָבן געוואוסט: זיי קענען נאָר בעטן רחמים. זייער סטראַטעגיע איז באַשטאַנען אין אויסשפּירן דעם ריכטיקן מאָמענט ווען דער שררה איז אין אַ גוטער שטימונג. זיינען זיי געווען שטאָלצע אידן? — זיכער, שטאָלצער ווי מיר אַלע האָב געמיינט. בלויז ווען מען פאַרזוכט דעם טעם פון זיין אַ אידישער פּאָליטישער פאַרשטייער קען מען עס פאַרשטיין. אַן אינערלעכער גבורה, אפשר אַפילו אַן דער אינערלעכער זיכערקייט פון אַ מין אתה־בחרת׳ניזם, קען אַ מענטש די דערנידעריקונג פון שטיין כעני בפתח — וואָס ווערט געענערט פונעם באַוואוסטזיין פון אייגענער שוואַכקייט — ניט איבערטראָגן. סיידן ער איז אינערלעך גאָרנישט. אַזעלכע האָבן אָבער צו קיין שתדלנות ניט דערגרייכט. די וואָס האָבן יאָ דערגרייכט דערצו, האָבן אינערלעך פאַרמאָגט אַ סך. דעריבער האָט נאָר אַ גאָר־גרויסע מאָס פון גייסטיקער גבורה, — לאָמיר זאָגן אָפן: אַ מין געפיל פון שטיין העכער, אַפילו איבערן שררה צו וועמען מען קומט בעטן רחמים — געקענט שטאַרקן דאָס האַרץ בכדי אויסצוהאַלטן. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן האָבן זיי פון אמת׳ער אמונה — ניט די פאַרפאָליטיזירטע, פאַרפאַרטייאישטע רעליגיע פון היינט (אַ רמז אויף דער פּאָליטיק פון אַ געוויסן מזרחי־פאַרשטייער פון יענער צייט פון וועלכן אַרלאָזאָראָוו האָט געהאַט אויסצושטיין פיל שווערקייטן) — געשעפּט זייער אינערלעכע קראַפט. הלוואי פאַרמאָג איך

יענע גבורה! זי וואָלט מיר שטאַרק אַרויסגעהאָלפן ביי פאַרשיידענע געלעגנ־הייטן.

איך האָב אויך דאָס געפיל, האָט ער ווייטער געצויגן דעם געשפרעך, אַז קעגן אַזאַ איינגעוואָרצלטע פּאַרטיי־שנאה און פּאַרטיי־קנאה, וואָס באַגעגנט מיך, האָט זיך דער אַמאָליקער שתדלן ניט געדאַרפט קעגנשטעלן. איך בין ניט גורס דעם נוסח „אם הראשונים כבני אדם אנחנו כחמורים". עס האָבן אין די אַמאָליקע צייטן אויך געקעמפט צווישן זיך תקיפים. יעדער איינער וואָס האָט געמיינט, אַז אים קומט דער כתר־שתדלן האָט זיך אַרומגערינגלט מיט אייגענע מענטשן און האָט אויפגעשטעלט אַ מין „פּאַרטיי" און געפירט אַ „קאַמף" פאַר זיך. ווען אָבער דער העברעאישער מאַפּו אָדער דער אידישער „מענדעלע", די הויפּט־קעמפער קעגן תקיפות אין אידישן לעבן, וואָלטן אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים און וואָלטן זיך באַקענט מיט דער היינטיקער פּאַרטיי־שנאה־קנאה, וועלכע פאַרשטעלט זיך נאָך מיט אַן איצטלא דקדושה, וואָלטן זיי מחילה געבעטן ביי יענע תקיפים, קעגן וועמען זיי האָבן דעמאָלט געקעמפט.

דער געשפרעך האָט זיך דאַן אַנטוויקלט אַרום דער פּערזאָן פון ענגלישן הויכקאָמיסאַר וואוקאָפּ. אַרלאָזאָראָוו האָט מיט אַ טאָג פריער געמאָלדן ביי דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, אַז וואוקאָפּ האָט אים פאַרזיכערט אַ אידישע עליה קיין ארץ־ישראל פון ווייניקסטנס הונדערט טויזנט אין די פינף יאָר פון זיין — וואוקאָפּס — רעזשים, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן. אין יענע צייטן, נאָך דעם טרויעריק באַרימטן פּאַספילד־פּאַפּיר, מיט זיין „סטאָפּ־אימיגריישאָן" פאַראָרדענונג, איז די דאָזיקע ידיעה באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זייער וויכטיקע פּאָליטישע דערגרייכונג. טייל מיטגלידער פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָבן אָנגעוויזן, אַז פיל אַנדערע פּונקטן פון דעם פּאַספילד־פּאַפּיר, זייער ביטערע פאַר אונז, בלייבן נאָך אַלץ בתקפם. אַרלאָזאָראָוו האָט אויף דעם געענטפערט, אַז די בריטישע פּאָליטיקער — מיט וועמען ער האָט די דאָזיקע פראַגן אויפגענומען — האָבן אַלע געהאַט איין ענטפער: „וואָס ווילט איר נאָך? — מיר גיבן דאָך אייך וואוקאָפּן". אין וואוקאָפּן האָט בכן געדאַרפט ליגן די גאַראַנטיע, אַז די שלעכטע פּונקטן אין דעם פּאַספילד־פּאַפּיר וועלן קיין שליטה ניט האָבן. אַלע האָבן דעם ענטפער אָנגענומען. הייסט דאָך דאָס, אַז וואוקאָפּ איז אַ מענטש פון אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע. איז נאָכדעם ווי ער האָט מיר דערציילט וועגן די שוועריקייטן פון זיין אַ אידישער פאַרשטייער, האָב איך אים אַרויפגעפירט אויף דער וואוקאָפּ־טעמע: דערוואַרט איר מיט וואוקאָפּן אויך אַזעלכע שוועריקייטן?

זיין ענטפער האָט מיך איבערראַשט:

— איר געדענקט — האָט ער אָנגעהויבן — אונזער געשפרעך ביי אייך אין הויז? איר האָט דעמאָלט גערעדט וועגן אימפּאָנדעראַביליעז, וועגן נצח

ישראל, וועגן כוחות וואָס לאָזן זיך ניט אַריינגיסן אין דער מאַטעריאַליסטי־שער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע; איר האָט דאַן געבראַכט אַ רייע פון פאַקטן פון אונזער געשיכטע, וואָס קענען אַנדערש ניט פאַרשטאַנען ווערן. איך בין דאָס געווען דער קאַלטער מאַטעריאַליסטישער גזלן: נאָר ממשות׳־דיקס! נאָר זאַכן וואָס קענען באַנומען ווערן מיט אונזערע פיזישע חושים! נאָר מאַכט־פאַרהעלטענישן. איך ווייס, אַז אייניקע פון אייערע חברים האָבן איך פאַרגעוואָרפן, וואָס איר האָט זיך געלאָזט פון מיר באַזיגן. זאָג איך איך: דער נצחון איז געווען קעגנזייטיק. אַמשאַרפסטן האָב איך עס דער־שפּירט דווקא אין מיטן אַ געשפּרעך מיט וואוקאָפן. אין דעם מענטשן ליגט אַ מיסטישער כוח. ער רעדט, דאַכט זיך, פּאָליטיק פון דער וועלט און עפּעס שטראַלט פון אים אַרויס אַזוינס וואָס איז ווייט פון „דער וועלט״יקייט. ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט פאַרן מאַכן צו־שנעלע אויספירן, וואָלט איך גע־דאַרפט זאָגן: אין דעם דאָזיקן מענטשן לעבט דער פּאָליטיש־בריטישער אינטערעס אין ארץ־ישראל בלויז 20 פּראָצענט. 80 פּראָצענט לעבט, דוכט זיך, אין אים דער באַוואוסטזיין, אַז ער איז פון דער השגחה אויסגעקליבן געוואָרן צו ווערן דער דורכפירער פון דער הבטחה פון גאָט פון ישראל צום פאָלק ישראל. ווען דער דאָזיקער געפיל איז ביי מיר אויפגעקומען, האָט עס מיט־געבראַכט מיט זיך די דעראינערונג פון יענעם געשפּרעך. איר זייט דער ערשטער, מיט וועמען איך טייל מיך מיט אָט דעם געפיל. און מיט אַ כאַראַק־טעריסטישן פאַר אים שמייכל, האָט ער פאַרענדיקט:

— אויב איך וועל דאַרפן אַ סך יאָרן זיין אַ אידישער פאַרשטייער — ווער ווייסט וואוהין איך וועל נאָך פאַרקריכן.

ו.

אונזער ווייטערדיקע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אָנהייב מאַי 1933 אין וואַרשע — בלויז מיט העכער 10 חדשים שפּעטער. אָבער וואָס פאַר אַ 10 חדשים! אין ליכט פון די איצטיקע פּאַסירונגען זיינען יענע חדשים אַוודאי געווען מילדע און רואיקע. אָבער אַרלאָזאָראָוו האָט שוין אין יענע 10 חדשים דערשפּירט דעם אָנקום פון אַ שטורעם, וואָס קען אונז אויסרייסן מיטן וואָרצל.

צווישן לאָנדאָן און וואַרשע האָב איך אים געטראָפן אויך אין ארץ־ישראל. אָקטאָבער 1932 האָב איך מיט מיין משפּחה עולה געווען קיין ארץ־ישראל. איך בין אָבער פאַרבליבן אין ארץ־ישראל בלויז אַ קאַרגן חודש. האָב איך אים בלויז איינמאָל געטראָפן. ער איז געווען זייער שטאַרק באַשעפטיקט. האָט ער מיר בלויז אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, איך זאָל ניט אָפּפאָרן פון ארץ־

ישראל, איידער מיר האָבן אַ געלעגנהייט פאַר אַ גוטן*) heart to heart talk. די געלעגנהייט איז אָבער ניט געקומען. איך האָב געמוזט אָפּפאָרן אין שליחות פון קרן היסוד קיין פוילן. ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע בין איך נאַטירלעך געווען צווישן די וואָס האָבן אים מקבל פּנים געווען. זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: איצטער וועלן מיר האָבן אַ געלעגנהייט פאַר דעם heart to heart talk. קומט צו מיר ווי שנעל נאָר איר קענט. איך נייטיק זיך זייער אַראָפּצורײדן געוויסע זאַכן פון האַרצן. איר זייט דער פּאָסיקסטער מענטש פאַר דעם. דערביי האָט ער צוגעגעבן: איר געדענקט אונזער ערשטע באַגעגעניש? (דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט עס מיר דערמאָנט). שוין דאַן האָב איך געפילט, אַז מיט אייך קען מען רעדן אָפן. נאָך זיכערער בין איך אין דעם געוואָרן ווען איר האָט מיך מקבל־פּנים געווען ביי אייך אין הויז. איך נייטיק זיך זייער און זייער אין אַזאַ חבר. ער האָט דערביי שמייכלענדיק פאַרענדיקט: אפשר איז דאָס אויך מן השמים?

מיר האָבן זיך געטראָפן. דאָס איז געווען מיין לענגסטער געשפּרעך מיט אים — און די שווערסטע באַגעגעניש פון אַלע. ער איז געקומען קיין וואַרשע נאָך אַ באַזוך פון דייטשלאַנד. דער היטלעריזם האָט שוין אָנגעהויבן ווייזן זיינע נעגל, הויפּטזעכלעך קעגן אידן. די אידישע גאַס האָט געהאַט איין ענט־פער: באָיקאָט. אַוודאי איז אויך ער געווען פאַרן באָיקאָט. אין אים האָט אָבער געברענט דער ווילן צו ראַטעווען די דייטשע אידן. ער האָט געוואוסט: איין רעטונג איז געבליבן — יציאת גרמניה. און ווי אַלעמאָל איז ער ניט געבליבן בלויז ביי זיין פאָרמולירטער לאָזונג. אַ גאַנצן, ביז צום קלענסטן דעטאַל אויסגעאַרבעטן פּלאַן האָט ער געבראַכט. ער האָט פאַרטראַכט אַ ליקווידאַציע־באַנק דורך וועלכער צו קענען אַרויסראַטעווען אידישן פאַרמעגן. עס איז ניט נייטיק אַריינצוגיין אין פּרטים. ווער עס האָט געלייענט, אָדער וועט לייענען, זיינע שריפטן וועט זיך אַליין דערמיט באַקענען. איך ברענג עס נאָר ווי די נייטיקע קאַנווע, אויף וועלכער ער האָט פאַר מיר אויסגעמאָלט דאָס דע־מאָלטיקע בילד פון דייטשן אידנטום, פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט און פון מכשולים און תקלות, וואָס מען לייגט אויפן וועג. בעיקר האָט ער געברענט קעגן די, וואָס ווילן נאָך אַלץ ניט זען דעם פראַצעס פונעם אומגליק־שטראָם, וואָס האָט זיך קעגן אונז געעפנט.

וועט איר גלייבן — האָט ער גערעדט — אַז עס זיינען נאָך דאָ אידן אין דייטשלאַנד וואָס האָפן, אַז היטלער וועט נאָך ענדערן זיין טאַקטיק בנוגע אידן? זיי מיינען, אַז ער וועט זיך אָנזעטיקן מיט אונזער האָב און גוטס, מיט אַ ביסל בלוט אונזערס, און וועט שטילן זיינע בעסטיאַלישע באַגערן. דערנאָך

*) אַ שמועס פון האַרץ צו האַרץ.

וועט גרינגער ווערן און מען וועט נאָך ווייטער קענען לעבן אין דייטשלאַנד. דאָס דייטשע פאָלק איז פאָרט אַ קולטור־פאָלק. צו ווייט וועט עס זיך שעמען צו גיין. — ער האָט דערביי ניט געקענט איינזיצן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, גענומען שפּאַצירן מיט די כאַראַקטעריסטישע אַרלאָזאָראָוו־שפּרייזן איבערן צימער — אַזעלכע ברייטע און האַרטע טריט — פאַרלייגט די הענט איבערן קאָפּ און שוין מער געשריען ווי גערעדט: וואָס טוט מען? ווי אַזוי עפנט מען זייערע אויגן? זיי אַליין וועלן דען אונטערגיין? דער גרויסער היס־טאָרישער שאַנס אויסצונוצן דעם גרויסן אומגליק און ראַטעווען, ראַטעווען און דאָס געראַטעוועטע אַריינגיסן אין די קאַנאַלן פון בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, וועט לאיבוד גיין!

ער האָט זיך צוריקגעזעצט, צוריקגעקראָגן זיין באַלאַנסירטן טאָן און אָנגעהויבן שוין שטילער:

די אידישע וועלט מחוץ דייטשלאַנד קאָנצענטרירט איר גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט אויפן באָיקאָט. וואָס דען זאָל אַ שוואַך פאָלק טאָן? אונזער הילפלאָזיקייט פאַרשאַרפט די נויטווענדיקייט פאַר בלויז נעגאַטיווע קאַמפּס־מיטלען. אָבער וואָס קענען מיר דערמיט אויפטאָן? קען מען האָפן, אַז אַ באַ־דייטנדיקער טייל פון ניט־אידן וועלן מיטהעלפן אין באָיקאָט? אויב אידן אַליין זאָלן אים פירן, צי איז ניטאָ די געפאַר, אַז מער ווי דער באָיקאָט וועט טרעפן היטלערן וועט ער טרעפן יענע אידן, וואָס פירן דעם באָיקאָט? ער איז דאַן איבערגעגאַנגען צו אַ דיסערטאַציע וועגן אימפּאָרט און עקספּאָרט. דער געדאַנק וואָס ער האָט דערביי געזוכט אַרויסצוברענגען איז געווען, אַז אין אַזאַ קעגנזייטיקן קאַמף קען היטלער — באָיקאָטירנדיק די אידן מחוץ דייטשלאַנד — שנעלער אונטערגראָבן זייערעווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, ווי דאָס וועלט־אידנטום קען אונטערגראָבן דייטשלאַנדס ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. אַלס אויסדרוק פון צאָרן — אַוודאי באָיקאָט; אָבער ווי אַ ווירט־שאַפטלעכער קאַמפּס־וואָפן איז ער זייער צווייפלהאַפט אין זיין ווירקונגס־קראַפט. אָבער צאָרן פאַרבלענדעט. הילפלאָזיקייט רעדט איין: באַנוץ זיך מיט דעם איינציקן מיטל וואָס דיר איז פאַרבליבן. וואָלט עס קיין גרויס אומגליק ניט געווען, ווען די זעלביקע בלינדקייט און הילפלאָזיקייט וואָלט זיך ניט אַוועקגעלייגט אין וועג פון דער גרויסער רעטונגס־אַקציע, וועלכע איז מעגלעך; פון דער גרויסער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, וואָס קען קומען ווי אַ באַגלייטער פון דער רעטונגס־אַקציע.

און דער קאַלטער אַנאַליטיקער אַרלאָזאָראָוו האָט זיך צע'חלומט אויף דער וואָר. מיט אומגעהויערער פּינקטלעכקייט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַר אַ פאָרום וואָס דאַרף און קען באַשליסן גרויסע גורל־זאַכן אין וועלכע ער איז פאַראינטערעסירט, האָט ער פאַר מיר פונאַנדערגעוויקלט

זיינע פלענער. אפשר האָט ער מיך אויסגענוצט פאַר אַ „רעפּעטיציע" פון די רעפעראַטן, וואָס ער האָט טאַקע שפּעטער געהאַלטן פאַר די פּויליש־אידישע פאָרשטייער און פאַר די ציוניסטישע פירער פון פּוילן. ווי גרויס איז דער אידישער פאַרמעגן אין דייטשלאַנד? ווי גרויס איז דער חלק וואָס קען אַרויס־געפירט ווערן? וועלכע מאַטעריאַלן וואָלטן זיי געקענט און גענויטיקט מיט־נעמען, וואָס זאָל קענען באַנוצט ווערן אין דער ארץ־ישראלדיקער בוי־אַרבעט? ווי אַזוי קען מען דורך אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנץ־פאַרבינדונגען דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל זיכער צו מאַכן פאַר אונז? ווי אַזוי וואָלט דער גרויסער אידישער קאַפּיטאַל, וואָס די דייטשע אידן וואָלטן אַרויסגעראַטעוועט, געקענט איינגע־שפּאַנט ווערן אין פינאַנץ־וואָגן וואָס שלעפּט צו לאַנגזאַם דעם פּראָצעס פון אונזער בוי־אַרבעט? ער האָט שוין געזען פאַר זיך: נייע שטחים אויפגעבויט; נייע אינדוסטריעס אויפגעשטעלט; אַ שפּע צעגיסט זיך איבערן גאַנצן לאַנד; אונזערע שכנים געניסן אויך דערפון; דער גאַנצער נאָענטער מזרח קען גע־ענדערט ווערן. אַ פאַרשטענדיקונג מיט אונזערע שכנים קען אויף דער באַזע געבויט ווערן. ער פאַרכאַפּט זיך: האַ, ווער רעדט עס אַזוי, איך? פון ערגעץ האָב איך עס גענומען. איך באַגיי אַ פּלאַגיאַט. אייער סירקין האָט אַזוי גערעדט. ניין. ער וואָלט עס געמאַכט בעסער. ניט אַלעמאָל האָב איך אייער סירקינען באַגריפן. געווען אַפילו מאָמענטן, ווען — זאָל ער מיר מוחל זיין — איך האָב געמיינט, אַז ער האָט זיך צו שטאַרק איבערגעגעבן זיין פאַנטאַזיע. ניין. ער איז געווען גערעכט. נאָר מיט גרויסצוגיקן שוואונג און פאַרנעם קען מען דאָס אין גלות־פאַרזונקענע פאָלק פאַרוואַנדלען אין אַ בוי־כוח. וואָלט דער ציוניזם היינט פאַרמאָגט אַ צענדליק גרויסע וויזיאָנערן, וואָלטן מיר דאַן געקאָנט אַליין דעמאָנסטרירן דעם אמת פון מעז יצא מתוק. ניטאָ אָבער אַזעלכע.

... איך זע אים נאָך איצטער ווי אַ לעבעדיקן אין יענעם מאָמענט. ריזיק אויסגעוואַקסן אין און דורך דער פאַרצווייפלונג. רעדן — רייד איך ניט. וואָס זאָל איך ריידן? אין האַרצן וועקן זיך האָפענונגען: דו, אַרלאָזאָראָוו, וועסט די מכשולים דורכברעכן. מיר געזעגענען זיך אין אַ מאָדנער שטימונג. איך גיי אַוועק פון אים צעבראָכן און דאָך דערהויבן. איך בין אַנוועזנדיק ביי זיינע רעפעראַטן. ער פאַרלאָזט וואַרשע פריער פאַר מיר. ער דאַרף באַזוכן לעמ־בערג, פּראָג און נאָך אַנדערע אידישע קיבוצים. אין אַ חודש אַרום ריידן מיר זיך אָפּ צו טרעפן אין ארץ־ישראל.

ז.

אין אַ חודש אַרום טרעפן מיר זיך טאַקע אין ירושלים. איך בין אָנגע־קומען מיט עטלעכע טעג פריער פון אים. געטראָפן האָב איך אים אין גאַס,

אינעם פרימאָרגן פון יענעם שוואַרצן טאָג אין וועלכן ער איז דערמאָרדעט געוואָרן, איך האָב יענעם טאָג געדאַרפט אָפּפאָרן קיין עין חרוד. געווען דאָרט אַ צוזאַמענפאָר פון דער מועצת הפועלות. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו דערציילן וועגן דער באַוועגונג אין פוילן, ליטע און לעטלאַנד, וואו איך האָב פאַרבראַכט דעם ווינטער אין שליחות פון קרן היסוד. מיר ריידן אָפּ אַ באַגעגעניש. ווידער ביי מיר אין הויז, אָבער שוין ניט אין ניו־יאָרק נאָר אין ירושלים. איך פאָר קיין עין חרוד. מיט מיר איז מיין גאַנצע משפחה. איך הייב אָן אַריינזאַפּן אין זיך דאָס ארץ־ישראל וואָס פאַרווירקלעכט אונזערע טיפסטע בענקשאַפטן. אַ גליק־געפיל נעמט מיך אַרום. חברים אין עין חרוד פאַרטיפן נאָך מער דאָס געפיל. איך גיי שלאָפן זייער שפּעט. שווער זיך אָפּצורייסן פון אַ כאַראַקטעריסטישער „שיחה" מיט חברים אין ארץ־ישראל בכלל; נאָך שווערער — אין עין חרוד. איך שעפּ אַריין מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה ניט נאָר וואָס חברים דערציילן, נאָר אויך וואָס זיי סימבאָליזירן. און יעדער איינער איז דאָך אַ סימבאָל. אַמנאָענטסטן און אַמטיפסטן־פאַרבונדן ווער איך יענעם אָוונט מיט חבר שלמה לעפקאָוויטש־לביא. על משכבי טראַכט איך וועגן זיין חלוצישן לעבן. איך הייב נאָר אָן איינדרימלען, ביז דער עין חרוד'ישער גלאָק קלינגט. איך כאַפּ זיך אויף. אין חדר האוכל זיינען שוין דאָ אַ סך חברים. אַלע אַרומגעקלעפּט אַרום דעם טאָוול פון מודעות. איך גיי צו. אַ קליינע מודעה מיט אַ שוואַרצן ראַם אַרומגענומען: חיים אַרלוזורוב נרצח! קיין וואָרט פון קיינעם קען מען ניט אַרויסקריגן. קיין וואָרט קומט פון אייגענעם מויל ניט אַרויס. שטום און שטיל קער איך זיך מיט מיין פאַמיליע צוריק אין צימער, וואָס איז אונז פון אַ יונגער חברים־פּאָר אָפּגעטראָטן געוואָרן. שטום און שטיל ווערן מיר באַלד מיטגעטראָגן אין אַ גרויסן, געפּאַקטן טראָק פון עין חרוד קיין תל־אָביב. די מינוטן ציען זיך ווי טעג. די שעה'ן — ווי יאָרן. ענדלעך אָנגעקומען. אָן אומגעהויער גרויסע וואַך אַרום דעם צימער וואו ער ליגט. איך דערשלאָג זיך נאָענט. איך דערזע זיין פּנים. נעכטן האָב איך דאָך מיט אים גערעדט! ווי איז עס מעגלעך? ווי אַזוי איז עס געשען?

ציִ איז דען מעגלעך צו פאַרגעסן אַזאַ טאָג?

* * *

קאַרגע דריי חדשים שפּעטער האָב איך זיך צוריק אומגעקערט קיין פוילן. דאָס מאָל שוין אין פאַרבינדונג מיט אַ נייער אַקציע: מפעל אַרלאָזאָראָוו. מיר האָט מען פאַרטרויט אָנצופירן די אַקציע צווישן פוילישן אידנטום. כ'האָב זי געפירט אונטער אַ נייער לאָזונג. געשעפּט האָב איך די לאָזונג פון אַ פראַגע וואָס לאה פרעגט אין אַנסקיס „דיבוק" נאָכן טויט פון חנן: וואָס ווערט פון די ניט־אויסגעלעבטע טעג און יאָרן פון מענטשן, וועמענס לעבן ווערט

פאַרשניטן יונגערהייט? מיין לאָזונג איז געווען: די ענערגיע פון די ניט־אויסגעלעבטע טעג און יאָרן פון חיים אַרלאָזאָראָוו מוז אַריינגעגאָסן ווערן אין אידישע מוסקולן און זייער קראַפט דאַן אָנווענדן אין דער ארץ־ישראלדיקער בוי־אַרבעט. אַזוי איז עס אויך געשען. דורכן „מפעל אַרלאָזאָראָוו״, מיט דער הילף פון קרן קימת און קרן היסוד זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן פונקטן אויף זיין נאָמען אין וועלכע אידישע מוסקול־קראַפט ווערט אַריינגעגאָסן אין היי־ליקן באָדן, אין אידישע אינדוסטריעס און ווערן פאַרוואַנדלט אין מאָנומענטן פאַר זיין זכרון. אָבער —

לאָזונגען פאַר בוי־אַרבעט האָבן אונז קיינמאָל ניט געפעלט. די ארץ־ישראל בוי־אַרבעט האָט זיך דעריבער אין דער נייער מפעל אַרלאָזאָראָוו לאָזונג ניט געניייטיקט. אין אַרלאָזאָראָוון אַליין האָט אָבער סיי דער ציוניזם, סיי די ארץ־ישראל בוי־אַרבעט, סיי דאָס אידישע פאָלק ניט אויפגעהערט זיך צו נייטיקן אין משך פון די איבער 10 יאָר צייט וואָס זיינען פאַרביי פון יענער פינצטערער נאַכט אין תל־אָביב, ווען אַ מערדער־האַנט האָט אָפּגעשניטן דאָס אַזוי יונגע, אַזוי פיל־צוזאָגנדיקע לעבן פון חיים אַרלאָזאָראָוו.

ניו־יאָרק, ערב ראש השנה, התש״ד.

דער מאַנדאַט איבער ארץ ישראל

א.

עס נדלעך איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער מאַנדאַט־דאָקומענט איבער ארץ־ישראל. דער פולער היסטאָרישער דאָקומענט ליגט פאַר אונז, און מיר קאָנען אַנאַליזירן וואָס ער גיט דעם יידישן פאָלק און וואָס ער גיט נישט.

איך געהער צו די, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט בנוגע אונזער רעכט אויף ארץ־ישראל די וויט־גייענדיקסטע פּאָליטישע פאָדערונגען. מיר האָבן ניט איינמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז אונזער פּאָליטישער ענד־ציל איז: אַ יידישע מלוכה.

אָבער אַרויסשטעלנדיק די דאָזיקע פאָדערונג האָבן מיר אַלע מאָל גע־וואוסט, אַז דאָס איז אונזער ענד־ציל. קיינער האָט ניט גע׳חלומ׳ט, אַז ארץ־ישראל זאָל שוין אינעם איצטיקן מאָמענט ווערן אַ יידישע מדינה.

מיר האָבן ניט גע׳חלומט וועגן דעם, נישט דערפאַר ווייל דאָס וואָלט געהייסן געבן דער יידישער מינאָריטעט פריווילעגיעס איבער דער אַראַבישער מאַיאָריטעט. עס וואָלט געווען אַ פּאָליטישע קורצזיכטיקייט אַזוי צו באַטראַכטן די יידיש־אַראַבישע באַציאונגען. דער אמת׳ער פּאָליטישער יושר וואָלט גע־פאָדערט — דווקא צו געבן יידן פריווילעגיעס איבער ארץ־ישראל, ווייל ס׳וואָלט זיי דעמאָלט געגעבן געוואָרן די נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע פעלקער.

ווייל אידן זיינען דאָך איצט באַרויבט פון דער וויכטיקסטער באַלעבאַטיש־קייט, וואָס באַפעסטיקט דעם קיום פון יעדן פאָלק: אַ באָדן אונטער די פיס! בעת די אַראַבער פאַרמאָגן יאָ די דאָזיקע באַלעבאַטישקייט איבער געגנוג.

ווי נאַציאָנאַלע קערפערשאַפטן — זיינען די אַראַבער יאָ גאַראַנטירט מיט זייער לעבנס־באַזע און די יידן נישט; יעדער אמת׳ער באַגריף פון פּאָליטישן יושר וואָלט אונטערגעזאָגט, אַז געבן איין פאָלק עקזיסטענץ־מעגלעכקייט איז נישט קיין פריווילעגיע פאַר אים, נאָר אַ פשוט־עלעמענטאַרע רעכט צו וועלכער עס איז באַרעכטיקט לכל־הדעות. פאַרקערט: אַ פריווילעגיע וואָלט געהייסן, ווען מ׳וואָלט צוגעגעבן דעם אַראַבישן פאָלק — צוליב זיין צופעליקער און איצטיקער מאַיאָריטעט אין אַ ניט־באַזעצט לאַנד — נאָך אַ נאַציאָנאַלע באַלעבאַטישקייט צו דער גרויסער אַראַביע וואָס עס פאַרמאָגט.

וועדליג דעם פּאָליטישן יושר זיינען מיר, בכן, באַרעכטיקט, אַז ארץ־ישראל זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אונז — אַלס אַ פאָלק, נישט בלויז דעם דאָרטיקן קליינעם אידישן ישוב — ווי אַ אידישע מלוכה. די איינציקע יושר־

דיקע פאָדערונג פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג וואָס לעבט איצט אינעם לאַנד איז — רעכט צו וועלכע אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיינען באַרעכ־טיקט אומעטום.

אָבער בעוונותינו הרבים איז יושר אַ מזמור שיר לעתיד לבוא. לויט די פּאָליטישע באַגריפן, וואָס הערשן איצט אויף דער וועלט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אוממעגלעך שוין איצט צו באַקומען די עפנטלעך־רעכטלעכע באַלעבאַטישקייט איבער ארץ־ישראל.

נאָך מער: ווען אַפילו אַלע פעלקער פון דער וועלט — צוזאַמען מיט די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער — וואָלטן אונזער רעכט יאָ אָנערקענט, וואָלטן מיר אַלץ געדאַרפט האָבן אַ פיזישן כוח, וואָס זאָל פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ אידישער מדינה. דעם דאָזיקן כוח וועלן מיר קיינמאָל ניט קענען באַזיצן סיידן מיר וועלן אַליין באַאַרבעטן דאָס לאַנד.

דער דאָזיקער פאַקט טאָר, נאַטירלעך, נישט פירן דערצו, אַז מיר זאָלן זיך בכלל אָפּזאָגן פון אונזער פּאָליטישן ענד־ציל און פון אונזער פליכט אים שטענדיק צו באַטאָנען. אָט־דער פאַקט דאַרף אונז אָבער דערמאָנען, אַז קיין אמת׳ע באַלעבאַטים איבער ארץ־ישראל וועלן מיר נישט זיין כל־זמן מיר וועלן דאָרטן נישט ווערן קיין מאַיאָריטעט.

ב.

דער מאַנדאַט קאָן איינגעטיילט ווערן אין 4 קאַטעגאָריעס:

1) דער אַריינפיר;

2) פונקטן, וואָס שטעלן פעסט: א. דעם אינטערנאַציאָנאַלן סטאַטוס פון ארץ־ישראל; ב. די רעכט און התחייבותן פון דער מאַנדאַטאָר־מאַכט; ג. די אידישע רעכט.

דער אַריינפיר איז אַן איבערחזרונג פון דער סאַן־רעמאָ־רעזאָלוציע, וואָס חזרט ווידער איבער די באַלפור־דעקלאַראַציע און אַנטהאַלט אויך עטלעכע פעסטשטעלונגען, דהיינו: די פאַראייניקטע פעלקער האָבן באַשטימט ענגלאַנד — מיט איר צושטימונג — אַלס מאַנדאַטאָר א.אַ.וו.

איין פעסטשטעלונג אין דעם אַריינפיר האָט פאַר אונז און פאַרן מאַנדאַט אַ גרויסן באַטייט, און נעמלעך: דאָס אָנערקענען די היסטאָרישע פאַרבינדונג פון אידישן פאָלק מיט ארץ־ישראל, מיטן צוועק צוריק אויפצובויען דאָרט די אידישע נאַציאָנאַלע היים.

מיר גייען דאָ נישט אַריין אין קיין וויכוח וועגן היסטאָרישע רעכט אויף אַ לאַנד בכלל; ס׳איז אויך איבריק די דיסקוסיע, צי האָט בכלל אַ ווערט אַ מאַנדאַט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער רעגירונג, גוטגעהייסן דורך אַנדערע ביר־

גערלעכע מלוכות. דער מאַנדאַט האָט און וועט האָבן פאַר אונז אַ פּאָליטישן באַטייט אַפילו נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. היסטאָרישע רעכט אויף אַ לאַנד איז נישט קיין רעאַקציאָנער־קאַפּיטאַליסטישער נאָר אַ געשיכטלעך־סאָציאַלער באַגריף, וואָס וועט אפשר געענדערט ווערן און פאַרשווינדן, ווען דער גאַנצער מענטשלעכער מין וועט ענדערן זיינע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן. דאָס קאָן אָבער ניט געשען, סיידן ס׳זאָלן פריער געענדערט ווערן די קלימאַ־טישע, געאָגראַפישע און אַנדערע נאַטור־באַדינגונגען אין וועלכע פעלקער אַנטשטייען, לעבן און אַנטוויקלען זיך.

ס׳איז דעריבער פון גרויס באַטייט וואָס דער אַריינפיר שטרייכט אונ־טער אונזער היסטאָרישע פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל און אונזער רעכט דאָרט אויפצובויען אַ נאַציאָנאַלע היים. אָט־דער זאַץ גיט אונז אויך די אינ־טערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג פון נאַציאָנאַליטעט. נאָר אַ פאָלק — אין מלוכה׳־שען זין — דאַרף אַ נאַציאָנאַלע היים. אַ רעליגיעזע אָדער אַן אַנדער סאָרט גרופּע קאָן עס נישט און דאַרף עס נישט האָבן.

דער מאַנדאַט — וואָס בלייבט לכל הדעות אַ היסטאָרישער דאָקומענט — שטעלט בכן פעסט דורכן אַריינפיר, אַז מיר זיינען אַן אומה און גיט אונז ספּעציעלע רעכט אויף ארץ־ישראל.

ג.

די פונקטן, וואָס שטעלן פעסט דעם אינטערנאַציאָנאַלן סטאַטוס פון ארץ־ישראל זיינען ענג פאַרבונדן מיט די פונקטן, וואָס באַשטימען די רעכט פון ענגלאַנד. ענגלאַנד ווערט — לויטן מאַנדאַט — אָנערקענט ווי די פאַר־טרעטערין פון ארץ־ישראל כלפּי דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט.

אַלע רעכט וואָס געהערן צו אַ סוווערענער מאַכט גייען — בנוגע ארץ־ישראל — איבער צו בריטאַניע מיטן אויסנאַם פון די באַגרענעצונגען, וואָס דער מאַנדאַט גופא אַנטהאַלט.

די וויכטיקסטע פון די דאָזיקע באַגרענעצונגען פאַר אונז איז דאָס, וואָס דער מאַנדאַט גופא זעט פאָר די מעגלעכקייט, אַז ענגלאַנדס אַפּוטרופּסות אי־בער ארץ־ישראל זאָל זיך ווען עס איז ענדיקן. ער שרייבט פאָר, אַז דעמאָלט זאָל דער פעלקער־בונד איינשטעלן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַלעסטינאַ־רעגי־רונג. אָבער אויך דער פונקט ווערט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט, ווייל עס ווערט נישט באַשטימט די צייט ווען דער מאַנדאַט זאָל זיך ענדיקן און עס ווערט אויך נישט פעסטגעשטעלט וועד ס׳זאָל בכלל באַשטימען, ווען דער מאַנדאַט דאַרף אויפהערן. אין געוויסע ציוניסטישע קרייזן דענקט מען, אַז דאָס איז אַ מעלה. ווייל אויב מ׳וואָלט באַשטימט אַ צייט וואָלט געקאָנט פּאַסירן, אַז דער

מאַנדאַט זאָל זיך ענדיקן נאָך איידער די אידן האָבן באַוויזן צו ווערן אַ מאַיאָריטעט אינעם לאַנד. דעמאָלט וואָלטן מיר פאַרלאָרן דעם „שאַנס" צו האָבן אַ אידישע מלוכה.

דער דאָזיקער חשבון — ווי עס שיינט — איז אַ טעות'דיקער. אויב אידן וועלן אין 25 יאָר צייט ניט קאָנען ווערן אַ מאַיאָריטעט — האָבן זיי פאַרלאָרן זייער נאַציאָנאַלן צוזאַמענהאַלט. אגב וואָלט אַ באַשטימטע צייט שטאַרקער סטימולירט די אידן און וואָלט אַרויסגערופן מער ענערגיע פאַרן ארץ־ישראל־אויפבוי.

איצט איז די לאַגע אומקלאָר. מיר זיינען אין די הענט פון גרויס־בריטאַניע. ווען זי וועט וועלן וועט זי דערקלערן דעם מאַנדאַט פאַרענדיקט. און אירלאַנד ווייזט אונז, אַז ענגלאַנד האַלט זייער שטאַרק פון דעד תפילה „האוחז ביד"... אמת, דער משל מיט אירלאַנד איז ניט גלייך צום נמשל. די אומשטענדן זיינען אין תוך פאַרשיידן. אַפילו ווען די אומשטענדן וואָלטן געווען דיזעלביקע, האָבן מיר נאָך אַלץ נישט דערלייגט צום געשעפט, ווייל מיר וואָלטן זיך געביטן מיט אירלאַנד און געוען גענומען אויף זיך איר פאַרשקלאַפקייט. מיר זיינען אָבער אירלאַנדס גוטע פריינט, נישט צו וועלן איר געבן אונזער — די אידישע — גלות־פרייהייט.

אָבער ווי מיר זאָלן נישט וועלן טייטשן: די צייט ווען דער מאַנדאַט זאָל זיך ענדיקן ליגט אין די הענט פון מאַנדאַטאָר גופא. און ווער ס'שטרעבט צו אַ זעלבסטשטענדיקער אידישער מלוכה פילט, אַז מיט דעם האָט זיין שטרעבן באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ.

ד.

אינעם מאַנדאַט זיינען אויך פאַראַן אַנדערע באַגרענעצונגען, דהיינו: דער מאַנדאַטאָר האָט נישט קיין רעכט —

א) אָפּצוגעבן קיין פאַלעסטינער טעריטאָריע צו אַ פרעמדער מאַכט;

ב) דאָס פאַרבאָטן אַ קערפּערשאַפט פון אַ מלוכה — וואָס איז אַ מיטגליד פון פעלקער־בונד — צו מאַכן אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען אין ארץ־ישראל;

ג) ענדערן די מאַנדאַט־פונקטן — וואָס דינען ווי די קאָנסטיטוציע פון לאַנד — אָן דער מאַיאָריטעט־צושטימונג פון ראַט ביים פעלקער־בונד;

ד) דער ענדגילטיקער אויסטייטש פונעם מאַנדאַט געהערט צום פּערמאַנענטן טריבונאַל פאַר אינטערנאַציאָנאַלער גערעכטיקייט; דער מאַנדאַטאָר איז מחוייב צוצושטעלן יערלעכע באַריכטן צום פעלקער־בונד.

דערפאַר קאָנטראָלירט ענגלאַנד לגמרי די אויסלענדישע באַציאונגען

פון ארץ־ישראל מיט אַנדערע לענדער. אירע אָפּמאַכן מיט אַנדערע מלוכות זיינען אויך גילטיק פאַר ארץ־ישראל; זי לייגט אַרויף שטייערן אויף דער באַפעלקערונג. קורץ און גוט: ענגלאַנד באַזיצט לגבי ארץ־ישראל אַלע רעכט וואָס אַ סואווערענע מלוכה פאַרמאָגט, מיטן אויסנאַם פון די אויבנדערמאָנטע באַגרענעצונגען.

ה.

וואָס זיינען די אידישע רעכט?

דער צווייטער פונקט פונעם מאַנדאַט זאָגט בפירוש, אַז ענגלאַנד איז מחוייב אַוועקצושטעלן ארץ־ישראל אונטער אַזעלכע פּאָליטישע, אַדמיני־סטראַטיווע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן די גרינדונג פון אַ אידישער נאַציאָנאַלער היים און די אַנטוויקלונג פון אַליינרעגירנדיקע אינסטיטוציעס.

די ציוניסטישע פּאָליטיק האָט דערמיט געוואונען אַ נצחון; ווייל ס'איז אויסגעאיבט געוואָרן אַ שטאַרקער דרוק אויף דער בריטישער רעגירונג, אַז זי זאָל אָפּשוואַכן דעמדאָזיקן פּאַראַגראַף; אָבער סיי דער פּאַראַגראַף און סיי דער פונקט וועגן צוגרייטן דאָס לאַנד צו אַליינפאַרוואַלטונג זיינען געבליבן אין זייער פולער קראַפט.

אמת, די ענדגילטיקע באַשטימונג ווען דער מאַנדאַט ענדיקט זיך און ווען ס'הויבט זיך אָן די אַליינפאַרוואַלטונג — ווערט איבערגעלאָזט צו דער ברי־טישער רעגירונג. אָבער אויך דער פּאַראַגראַף אַנטהאַלט אַ מאָראַלישע התחייבות צו ענגלאַנד צוצוגרייטן דאָס לאַנד צו אַליינפאַרוואַלטונג. ס'ווערט אָנערקענט דער פּרינציפּ, אַז ארץ־ישראל קאָן נישט אייביק בלייבן אַ מאַנ־דאַטן־לאַנד; פריער־שפּעטער מוז זי קריגן זעלבסטשטענדיקייט.

ס'ווערט אָנערקענט אַ אידישע אַגענטור, וועמעס פונקציעס זיינען פאַר־מולירט אַזוי:

„זי זאָל אָפּערירן צוזאַמען מיט דער ארץ־ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע אין די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אַנדערע פראַגן, וואָס זיינען נוגע די אידישע נאַציאָנאַלע היים און די אינטערעסן פון דער דאָרטיקער אידישער באַפעל־קערונג. שטייענדיק תמיד אונטער דער קאָנטראָל פון דער אַדמיניסטראַציע קאָן די אידישע אַגענטור העלפן און זיך באַטייליקן אין דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד".

דער לעצטער פונקט גיט למעשה דאָס וואָס דער ערשטער פונקט גיט להלכה. ס'ווערט באַשאַפן אַן אָנערקענטע אידישע אַגענטור מיט ברייטע פונקציעס און מיט כמעט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. ס'דאַרף אונז ניט

אַפּשרעקן די קאָנטראָל פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע. אָן איר וואָלטן מיר אַוודאי געהאַט כמעט אַ זעלבסטשטענדיקע פאַרוואַלטונג; אָבער אַפילו מיט איר זיינען די אויסזיכטן פון דער אַגענטור כמעט אומבאַגרענעצט. סיידן מ׳דענקט, אַז ענגלאַנד וויל אונז אָפּנאַרן, כאָטש קיינער קאָן נישט אָנווייזן וואָס וועט זי האָבן דערפון אויב זי וועט אונז מאַכן צום געגנער. פונקט להיפוך: מ׳קאָן אָנדייטן אויף אַ סך טעמים פאַרוואָס ענגלאַנד איז פאַראינטערעסירט צו זיין מיט אונז אויפריכטיק.

דאָס אָנערקענען די אידישע אַגענטור איז טאַקע איינער פון די בעסטע באַווייזן, אַז בריטאַניע מיינט ערנסט דורכצופירן די באַלפור־דעקלאַראַציע.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווערט דערוויל אָנערקענט אַלס דידאַזיקע קערפּערשאַפט. ס׳לוינט איצט נישט אַריינצולאָזן זיך אין אַ חקירה, צי וואָלט נישט געווען בעסער ווען אַן אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס זאָל אָנער־קענט ווערן אַלס די אידישע אַגענטור. דער מאַנדאַט זאָגט בפירוש, אַז די אָנערקענונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז גילטיק כל־זמן זי און איר קאָנסטיטוציע זיינען — לויט דער מיינונג פון מאַנדאַטאָר — צוגעפּאַסט דערצו. די כוונה פון אָט־דער באַגרענעצונג איז אפשר געווען, אַז אַזוי שנעל ווי אַ ברייטערע אַלוועלטלעכע אידישער קערפּערשאַפט ווערט געגרינדעט — וועט זי ווערן די אידישע אַגענטור. מעגלעך, אַז די באַגרענעצונג האָט אונז, פועלי־ציון, געהאַט אין זינען. אויב מיר וועלן ווערן אַ צו שטאַרקער כוח אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועט מען אונז אַלס אַגענטור נישט וועלן האָבן. ס׳איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר דעם, ווייל ביז יענער צייט ווען מיר וועלן ווערן די מאַיאָריטעט אינעם ציוניסטישן קאָנגרעס וועט די ברי־טישע אַרבעטער־פּאַרטיי ווערן די בריטישע רעגירונג. וועלן מיר זיך שוין דעמאָלט אויסגלייכן.

וואָס שייך עליה — ווערט אַרויסגעבראַכט גאַנץ קלאָר: „פאַרזיכערנדיק די רעכט און די פּאָזיציעס פון אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג זאָל די אַדמיניסטראַציע דערמעגלעכן אידישע אימיגראַציע; ווי אויך דערמוטיקן — אונטער פּאַסנדיקע באַדינגונגען און אין קאָאָפּעראַציע מיט דער אידישער אַגענטור — די געדיכטע קאָלאָניזאַציע פון אידן אויפן לאַנד — איינשליסנדיק מלוכה־באָדן און חרובע לענדערייען וואָס מ׳דאַרף נישט האָבן פאַר עפנטלעכע צוועקן״.

אין די אַלע פונקטן האָט דאָס אידישע פאָלק געקראָגן פיל מער ווי די מאַקסימאַליסטע חסידים פון „טשאַרטער״ האָבן זיך ווען ס׳איז פאַרגעשטעלט.

אויך בנוגע בירגערשאַפט ווערט בפירוש אויסגעטייטשט, אַז די אַדמיני־סטראַציע מוז דערמעגלעכן די אידן — וואָס קומען על מנת להשתקע — צו באַקומען ארץ־ישראלדיקע בירגערשאַפט. אין 12־טן פונקט ווערט געגעבן

דער אַדמיניסטראַציע דאָס רעכט צו באַפולמעכטיקן די אידישע אַגענטור אַז זי זאָל שאַפן עפנטלעכע אַרבעטן און אַנטוויקלען די נאַטירלעכע רייכטימער פון לאַנד, ווי ווייט זיי זיינען נאָך נישט אונטערגענומען געוואָרן דורך דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל. העברעאיש ווערט אָנערקענט ווי איינע פון די דריי אָפיציעלע שפּראַכן. דאָס גילט דאַרף זיין אין העברעאיש און אַראַביש. דאָס זיינען די פּאָזיטיווע פּונקטן פונעם מאַנדאַט.

די נעגאַטיווע זיינען:

1) ער גיט אונז נישט קיין טערמין ווען דער מאַנדאַט־פּעריאָד ווערט פאַרענדיקט;

2) ער גיט נישט אונזערע פאַרוואַלטנדיקע אָרגאַנען דאָס רעכט אַרויפצוליגן שטייערן אויף דער באַפעלקערונג. ער פאַרבאָט עס אויך נישט. ס׳קאָן זיין, אַז די ווייטערדיקע אָפּמאַכן פון דער בריטישער רעגירונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועלן אַנטהאַלטן — אין דעם פּרט — עפּעס ממשותדיקס. אָבער אין מאַנדאַט איז עס נישטאָ.

3) דער פּונקט — וועגן איבערגעבן דער אידישער אַגענטור דאָס רעכט אונטערצונעמען עפנטלעכע אַרבעטן און אַנטוויקלען די נאַטירלעכע רייכטימער פונעם לאַנד — ווערט נישט גענוג־קלאָר אַרויסגעבראַכט. ער זאָגט בלויז, אַז די אַדמיניסטראַציע „קאָן" באַפולמעכטיקן דער אידישער אַגענטור עס צו טאָן. „קאָן" — מיינט: אויב זי וויל. אַ סך ציוניסטן האָבן געהאָפט, אַז אויב די אידישע אַגענטור וועט גרייט זיין איבערצונעמען וואָסערע ס׳איז עפנטלעכע אַרבעט, וועט איר געגעבן ווערן דאָס רעכט צו באַקומען — ביי גלייכע באַדינגונגען — דעם פאָרצוג איבער אַנדערע קערפּערשאַפטן. די דאָזיקע האָפנונג איז נישט מקוים געוואָרן. ס׳ווערט איר אַפילו נישט גאַראַנטירט דורכן מאַנדאַט, אַז זי וועט ביי אַ וויכטיקער אונטערנעמונג קאָנען מאַכן אַן אָנבאָט. אָבער אפשר וועט אויך אָט דער פּונקט געענדערט ווערן לטובתנו אין די נייע אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג.

דער פּונקט וועגן לאַנד־פאַרטיידיקונג זאָגט, אַז די אַדמיניסטראַציע קאָן אָרגאַניזירן פרייוויליקע מיליטערישע כוחות, וואָס קאָנען נישט — אָן דעם הסכם פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג — באַנוצט ווערן פאַר קיין אַנדער צוועק ווי לאַנד־פאַרטיידיקונג.

דאָ ווערט געגעבן ארץ־ישראל מער זעלבסטשטענדיקייט ווי אַנדערע ענגלישע פּראָטעקטאָראַט־לענדער.

דער צווייטער פּונקט — וואָס באַפולמעכטיקט דעם מאַנדאַטאָר צו באַזאָרגן דאָס נאַציאָנאַלע אייגנטום אויף נאַטירלעכע רייכטימער און עפנטלעכע אַרבעטן — קאָן ווערן פון גרויסן נוצן פאַר דער עקאָנאָמישער צוקונפט פון

ארץ־ישראל. די ציוניסטישע באַוועגונג קען אָט דעם פונקט אויסנוצן פאַר דער באַפעסטיקונג פון אַ אידישער עקאָנאָמיע אויף נאַציאָנאַלע יסודות.

די אונטערשטע שורה: דער מאַנדאַט גיט אונז ברייטע מעגלעכקייטן. ס'איז נישטאָ קיין שום סיבה פאַר די פעסימיסטישע שטימונגען, וואָס טראָגן זיך אין געוויסע ציוניסטישע קרייזן. און מער ווי ווען־עס־איז — איז איצט צוגעפּאַסט הערצלס גרויס וואָרט: „אויב איר ווילט — איז עס נישט קיין לעגענדע"!

אויב דאָס אידישע פאָלק — און באַזונדערס די אידישע אַרבעטער־מאַסן — וועט נאָר וועלן, וועט ארץ ישראל במהרה בימינו ווערן דאָס לאַנד פון אידישן פאָלק.

(„די צייט". — 15 פעברואַר 1921, באַנד 1, נומ. 166).

אונזערע פּאָליטישע צילן

(געשריבן אין יוני, 1930)

1. אַ בליק אין דער צוקונפט

דוקא איצטער, ווען די באַציאונגען צווישן אידן און אַראַבער זיינען אַזוי אָנגעצויגן; ווען ענגלאַנד זוכט דעם גאָלדענעם מיטלוועג צווישן די אידישע און אַראַבישע פאָדערונגען, ווי זיי ווערן פאָרמולירט לויט די איצטיקע באַדינגונגען, — דוקא איצטער איז כדאי אויף אַ מאָמענט צו פאַרגעסן די קעגנוואַרט און וואַרפן אַ בליק אין דער צוקונפט אַריין.

דער גאָלדענער מיטלוועג, אויב ענגלאַנד וועט אַזאַ געפינען, קאָן בשום אופן ניט זיין קיין תשובה לדורות. זיכער קאָן דער דאָזיקער גאָלדענער מיטלוועג ניט געבן קיין פולשטענדיקן ענטפער אויף די אַראַביש־אידישע באַציאונגען, וועלכע וועלן פאַר אַ לאַנגער צייט נאָך מוזן בלייבן קאָמפּליצירט. וואָרים אין דעם דאָזיקן מיטל־וועג וועלן מוזן שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָלע יענע אינטערעסן, וועלכע ענגלאַנד זוכט פאַר זיך אַליין אין און דורך ארץ־ישראל. אין דעם מיטלוועג וועלן מוזן שפּילן אַ ראָלע די תביעות פון די איצטיקע אַראַבישע פאַרטרעטער. ביידע שטעלן מיט זיך ניט פאַר קיין אומפאַרמיידלעכע, היסטאָריש־וויזנטלעכע טיילן פון דעם היסטאָריש־וויכטיקן אַראַביש־אידישן פּראָבלעם. ענגלאַנדס אינטערעסן זיינען ניט אויף אייביק אַריינגעפלאָכטן אין דעם ארץ־ישראל פּראָבלעם. און די תביעות פון די איצטיקע אַראַבישע פאַרטרעטער זיינען אַודאי בלויז צייטווייליקע. זיי וועלן שפּילן אַ ראָלע בלויז ביז יענער צייט, ווען די אַראַבישע מאַסן וועלן קומען צו זייער אמת'ן באַוואוסטזיין סיי ווי אונטערדריקטע מאַסן פון זייערע אייגענע עפענדיס, סיי ווי טיילן פון אַ גרויסער אַראַבישער נאַציע, וואָס דאַרף, מוז און וועט אויפשטיין צו אַ נייעם לעבן און צו אַ באַנייאונג פון איר גרויסער היסטאָרישער ראָלע אין דער וועלט.

און ווייל מיר לעבן איצטער דורך אַ זייער־שווערן, פּאָליטישן קריזיס בנוגע ארץ־ישראל; און ווייל עס איז איצטער אַ צייט, וואָס איז עלול אריינצוטרייבן טיילן פון אונזערע מאַסן אין פּאָליטישן יאוש, איז, דאַכט מיר, ניטאָ קיין מער זיכערער מיטל אָפּצושוואַכן דעם דאָזיקן יאוש ווי דוקא דורך אַ בליק אין דער צוקונפט. אויב אונזערע צוקונפטס־האָפנונגען זיינען באַזירט אויף רעאַלע כחות; מיר בויען זיי אויף פּראָגרעסיווע יסודות; מיר נעמען אין באַטראַכט די גרויסע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר איצטער אין דער גאַנצער וועלט בכלל און אין מזרח בפרט; מיר רעכענען זיך מיט די היסטאָריש־

וועזנטלעכע נויטן פון די אַראַבישע פעלקער און שבטים — און אויב אין אונזערע פּאָליטישע צילן נעמען מיר אָט די אַלע פאַקטאָרן אין באַטראַכט און קומען דאָך צום שלוס, אַז מיר האָבן אויף אונזער זייט סיי דעם יושר, סיי די אמת׳ע רעאַלע נויטן פון אידן און אַראַבער — דאַן דאַרפן אונז די צייט־ווייליקע פּאָליטישע קריזיסן ניט אָפּשרעקן. מיר דאַרפן אַודאי ווידמען אונזער פולע אויפמערקזאַמקייט די צייטווייליקע אַרבעטן קעגן די פּאָליטישע קריזיסן. אָבער מיר ווערן אין זיך אַליין געשטאַרקט דורך דער אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז די קריזיסן זיינען בלויז צייטווייליקע. יעדער איינער פון אונז קען זיך דערמאָנען אין פיל־שווערערע קריזיסן, וואָס מיר זיינען אין די לעצטע 33 יאָר געשיכטע פון אָרגאַניזירטן ציוניזם דורכגעגאַנגען. מיר האָבן זיי, ווי אַ לעבעדיק פאָלק, דורכגעלעבט און איבערגעלעבט. דאַרף מען אפשר איצטער פיל מער כחות מאָביליזירן. אָבער מיר וועלן אויך דעם קריזיס איבערקומען. אויב נאָר דער היסטאָרישער קערן פון אונזערע פּאָליטישע צילן איז סיי גערעכט, סיי מעגלעך דורכצופירן.

מעג מען זיך דעריבער דערלויבן אויף אַ ווײַלע צו פאַרגעסן די זייער שמערצלעכע קעגנוואַרט און די גאָר־שווערע, באַלדיקע צוקונפט, וואָס מיר וועלן מוזן דורכמאַכן. מיר וועלן פּרובירן נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף אונזערע פּאָליטישע צוקונפט־צילן. ווי אַזוי וועלן זיך סוף־כל־סוף פאַרט איינשטעלן אַזעלכע אַראַביש־אידישע באַציאונגען, וואָס זאָלן זיין באַזירט אויף אַן אמת׳ן, שטענדיקן שלום צווישן די צוויי פעלקער? ווי אַזוי דאַרפן מיר ווענדן, אַז די באַציאונגען זאָלן זיך איינשטעלן? וואָס פאַר אַ פּאָליטישע געביידע וועט דאַרפן אויפגעשטעלט ווערן אין יענעם לפי־ערכ׳דיקן אחרית הימים, ווען אויך די אַראַבישע מאַסן וועלן האָבן געקומען צום באַוואוסטזיין פון זייערע אמת־נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע אינטערעסן? ווי וועט דאָס אידישע פאָלק איינאָרדנען זיין צוקונפט אין מיטן פון אַ ים אַראַבישע לענדער אַרום ארץ־ישראל, אָפּהיטנדיק דערביי סיי זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן קיום, סיי דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער? און וואָס וועט דאַרפן זיין די היסטאָרישע ראָלע פון ענגלאַנד אין דעם פּראָצעס פון אויפבויען אַ פּאָליטישן יסוד, אויף וועלכן עס זאָל קאָנען אויפגעבויט ווערן אַן אמת׳ער אַראַביש־אידישער שלום?

2. וואָס באַצוועקן מיר פּאָליטיש אין ארץ־ישראל?

איידער מען קען אָנהייבן דיסקוטירן וועגן אונזערע און אַראַבישע צילן אין ארץ־ישראל, מוז מען די צילן קודם־כל קלאָר פאָרמולירן. אַודאי קען קיין יחיד ניט ריידן פאַרן גאַנצן פאָלק. אויך ניט פאַר דער גאַנצער ציוניס־

טישע באַוועגונג. איך רייד אַפילו ניט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון. אָבער יעדער איינער מוז דאָך פאַר זיך האָבן אַ ציל: וואָס זוכט ער פּאָליטיש אין ארץ־ישראל?

מיין ענטפער איז פאָלגנדיקער:

איך זוך אין ארץ־ישראל אַ סואווערענעם אידישן שטאַט, דורך וועלכן דער קיום פון מיין פאָלק זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן אויף גלייכע זיכערע יסודות מיט דעם קיום פון אַלע אַנדערע פעלקער.

קען און זאָל דער דאָזיקער סואווערענער אידישער שטאַט פון וועלכן ס'איז אויסערלעכן כח באַגרענעצט ווערן?

זיכער! צוויי אויסערלעכע כחות וועלן אָן ספק באַגרענעצן אונזער סואווערעניטעט. איין כח וועט זיין — אַן אמת'ער אינטערנאַציאָנאַלער פעל־קער־בונד. דער צווייטער כח וועט זיין — אַ גרויסע פּאָליטישע איינהייט, פאַר וועלכער קיין נאָמען איז נאָך ניטאָ, וואָס וועט באַשטיין פון אַ פרייען פאַרבאַנד צווישן די אַראַבישע פעלקער מיט דער אידישער ארץ־ישראל, אין וועלכע יעדעס באַזונדערע פאָלק וועט זיין סואווערען אין זיין אינערלעכן לעבן. דער ערשטער פּאָליטישער כח שליסט איין די גאַנצע וועלט. ווי גרויס דער צווייטער פּאָליטישער כח וועט זיין, ווען מיר וועלן פרייוויליק, צוליב קעגנ־זייטיקע נוצן, איבערגעבן אַ טייל פון אונזערע סואווערענע רעכטן, דאָס וועט די צוקונפט באַשטימען.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ניט בלויז אונזער סואווערענער שטאַט וועט זיין אונטערגעוואָרפן אינטערנאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען. די אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען מוז פירן דערצו, אַז באַדייטנדיקע רעכטן, וואָס האָבן ביז איצט געהערט דעם איינצלנעם שטאַט, זאָלן איבערגיין צו אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן.

סוף־כל־סוף וועט דאָך די מענטשהייט מוזן זיך דערטראַכטן צו עפּעס אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּלאַן קעגן מלחמה. אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלע פאַרשטענדי־קונג וועט אַפילו אין אַ שלימותדיק־דורכגעפירטער סאָציאַליסטישער אָרדנונג אויך נויטיק זיין; ווייל כאָטש דער סאָציאַליזם פאַרניכטעט די וויכטיקסטע סיבות, וואָס פירן צו מלחמות, וועלן נאָך אַלץ בלייבן עלעמענטן פון מעגלע־כער שנאה צווישן פעלקער און שטאַטן. אינטערנאַציאָנאַלע פאַרשטענדיקונג מוז דעריבער פאַרנעמען אַ גרעסער אָרט אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. יעדער דערפאָלגרייכער שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג נעמט אַוועק ביי די איינצלנע שטאַטן געוויסע טיילן פון זייער סואווערעניטעט. די אינטער־נאַציאָנאַלע גאַראַנטיעס פאַר מינאָריטעט־נאַציעס, למשל, נעמט אַוועק פון די איינצלנע שטאַטן טיילן פון זייער ביז איצטיקער אָנערקענטער סואווערעני־טעט. יעדער אינטערנאַציאָנאַלע רעגולירונג מוז פאַרקלענערן די מאָס סואווע־

רעניטעט פון די איינצלנע שטאַטן. צי די דאָזיקע סואווערעניטעט־באַגרענע־צונגען וועלן שוין דורכגעפירט ווערן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט דורך אַן אמת'ן פעלקער־בונד, אָדער מיר וועלן מוזן אויף דעם וואַרטן ביזן סאָציאַליזם, איז ניט דאָ דאָס אָרט צו דיסקוטירן. וויכטיק איז בלויז אָנצו־צייכענען, אַז אין דערזעלביקער מאָס, מיט דעם זעלביקן טעמפּאָ וואָס אַלע שטאַטן פון דער וועלט וועלן באַגרענעצט ווערן אין זייער סואווערעניטעט, וועט דער אידישער שטאַט — איך האָף מיט טיפער אינערלעכער פרייד — נעמען אויף זיך די באַגרענעצונג פון זיין סואווערעניטעט דורך אַן אמת'ן, אינטערנאַציאָנאַלן פעלקער־בונד.

אָבער אַזויפיל וויפיל אַלע פעלקער און ניט מער! מיר מעגן, למשל, האַלטן, אַז עס איז שוין רייף די צייט פאַר אַ געוויסער רעכט זי זאָל איבערגיין צום פעלקער־בונד. מיר מעגן און דאַרפן אַגיטירן פאַר דעם. פאַקטיש אָבער וועלן מיר זיך אָפּזאָגן פון דער דאָזיקער רעכט לטובת דעם פעלקער־בונד ערשט דאַן, ווען אַלע פעלקער זיינען דערצו גרייט. ווייל דער פּרינציפּ פון גלייכשטעלן דאָס רעכט פון דעם אידישן פאָלק — און פון יעדן אַנדערן פאָלק וואָס איז ניט גלייכגעשטעלט! — מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט, קען נישט פאַרטראָגן קיין קאָמפּראָמיס. דאָ לאָזט זיך גאָרנישט אָפּדינגען. זאָל מען נאָר אָפּלאָזן איין פּראַצענט פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ — און דו האָסט דיין פאָלק געשטעלט מחוץ די רעכטס־באַגריפן פון דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט.

דער צווייטער העכערער פּאָליטישער כח, וועמען מיר וועלן פרייוויליק איבערגעבן טיילן פון אונזער סואווערענע רעכט, איז נאָך דערווייל אין דער פאַנטאַזיע. דער ערשטער — דער פעלקער־בונד — איז נאָך אויך וויט פון צו זיין אַ רעאַלער כח, וואָס באַגרענעצט וועמעס עס איז סואווערעניטעט. מען מעג אויך געדענקען, אַז אונזער אייגענער פּאָליטישער שטאַט איז נאָך דערווייל אויך בלויז אין אונזערע האָפנונגען. אָבער מיר פאַרהאַנדלען דאָ וועגן ענדצילן פאַר דער צוקונפט און ענדצילן מוז מען פריער האָבן אין דער מחשבה, איידער מען געפינט דעם וועג צו זיי. און אין מיין מחשבה ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלאָרער דאָס בילד פון „פאַראייניקטע שטאַטן אין נאָענטן מזרח״, אין וועלכן עס וועלן פאַראייניקט זיין צוויי גרויסע, אַלטע, צו קולטור און ציוויליזאַציע אויפגעלעבטע פעלקער. זיי וועלן פאַר דער אויסערלעכער וועלט פאָרשטעלן אַ פּאָליטישע איינהייט. אינעווייניק וועלן זיי געבן יעדן פאָלק פולע מעגלעכקייט פאַר פרייער אַנטוויקלונג. דורך קעגנזייטיקן אינטערעס און ווילן וועלן זיי אויספאָרמירן אַזאַ אינערלעכע צווישן־פעלקערלעכע באַציאונג, וואָס זאָל יעדן באַזונדערן פאָלק, וואָס וועט זיין איינגעשלאָסן אין דער דאָזיקער

פּאָליטישער סטרוקטור, געבן דעם מאַקסימום פון זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט.

יעדער באַזונדערער שבט, אפשר אויך רעליגיע, וואָס שטעלן צוזאַמען די גרויסע אַראַבישע נאַציע, דאַרף באַוואָרנט ווערן מיט אַזעלכע פּאָליטישע לעבנס־פאָרמען, וואָס זאָלן אים געבן די מעגלעכקייט אַליין צו באַשטימען זיין אינעווייניקסטן לעבן. יעדער באַזונדערע פּאָליטישע געביידע, וואָס וועט צוליב דעם צוועק אויפגעשטעלט ווערן, וועט זיין אַן אינטעגראַלער טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איין שטאַט פון די דאָזיקע פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָענטן מזרח וועט זיין די אידישע מדינה.

ווי ברייט עס וועלן זיין די גרענעצן פון יענער גאַנצער פּאָליטישער סטרוקטור פון די פאַראייניקטע שטאַטן, קאָן מען איצטער ניט אָנצייכענען. זיכער קאָן מען עס ניט אָנצייכענען זיצנדיק אין אַמעריקע. מען מוז פון איין זייט האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן די נאַציאָנאַלע, ראַסן־ און קולטור־קעגנזאַצן וואָס הערשן צווישן די פאַרשיידענע שבטים און נאַציעס פון גאַנצן נאָענטן מזרח; וויפיל פון די דאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקייטן זיינען היסטאָריש באַרעכטיקט און דאַרפן דערפאַר אויפגעהיטן ווערן דורך פּאַסנדיקע פּאָליטישע לעבנס־פאָרמען. פון דער אַנדער זייט דאַרף מען קלאָר אויספאָרשן די אינטערעסן־געמיינשאַפטלעכקייטן, וואָס וועלן אונטער יענע אחרית־הימימ׳דיקע באַדינגונגען אַנטשטיין צווישן די דאָזיקע פאַרשיידענע ראַסן, נאַציעס, שבטים און עלעמענטן. לאָגיש קאָן אָבער די סטרוקטור אויסגעברייטערט ווערן ביז צום אָנשלוס ניט נאָר פון אידישע און אַראַבישע גרופּירונגען, נאָר פון אַלע גרופּירונגען אין גאַנצן מזרח. ווייל אין די ראַמען פון דער גרעסערער פּאָליטישער סטרוקטור מוזן די היסטאָריש־באַרעכטיקטע פאַרשיידנאַרטיקייטן פון די גרופּירונגען קריגן זייערע פולשטענדיק פרייע מעגלעכקייטן פאַר אויסדרוק און אויסלעבונג.

אָבער מיר פאַרנעמען זיך ניט אַזוי ברייט. מיר באַנוגענען זיך דאָ דערווייל מיט די צוויי קאָנקרעטע פעלקער: אַראַבער און אידן. די פּאָליטישע געביידע, וועלכע מיר ווילן אָנצייכענען, דאַרף נעמען אין באַטראַכט יענע גרופּירונגען און שבטים, וועלכע באַטראַכטן זיך ווי טיילן פון די צוויי נאַציעס. די ווייטערדיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען פון דער גאַנצער וועלט, וועלכע קענען ניט דורכלאָזן דעם נאָענטן מזרח, וועלן שוין באַשטימען די באַציאונגען פון אַנדערע, ניט־אַראַבישע און ניט־אידישע פעלקער און שבטים צו אָט דער פּאָליטישער געביידע, וואָס וועט עקזיסטירן אין נאָענטן מזרח. די דאָזיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען וועלן אויך באַשטימען די באַציאונגען פון אָט דער פּאָליטישער געביידע סיי צו די אַנדערע פעלקער און גרופּירונגען אין מזרח, סיי צו אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט. וואָס נענטער די מענטשהייט

וועט צוקומען צו אַן אמת׳ן אינטערנאַציאָנאַליזם, אַלץ נאַטירלעכער וועט ווערן דער אינעווייניקסטער באַנד צווישן די פעלקער וואָס וועלן זיין איינגע־שלאָסן אין דער דאָזיקער פּאָליטישער געביידע. אין דער זעלביקער צייט וועלן אַלץ זיכערער ווערן די יסודות פון פולשטענדיקער פרייער אויסלעבונג פאַר יעדער באַזונדערער אייגנאַרט, וואָס האָט נאָך אין זיך קולטורעלן ווערט.

און באַשטימען דעם דאָזיקן אינעווייניקסטן קולטורעלן ווערט וועט ניט די מלוכה, ניט אַפילו יענער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל, וועמען די אַלע איינצלנע מלוכות וועלן, צוליב קעגנזייטיקע אינטערעסן, איבערגעבן גרויסע טיילן פון זייערע סאָוועראַנע פּאָליטישע רעכטן. ווייל ניט אויף דער פלאַך פון פּאָליטיק וועלן די דאָזיקע אייגנאַרטיקייטן פון די פאַרשיידענע נאַציעס און גרופּירונגען קענען און דאַרפן דעמאָנסטרירן דעם היסטאָרישן רוח החיים, וואָס זיי פאַרמאָגן. אויך ניט די עקאָנאָמיק וועט דאַן בכח זיין צו פאַרמשפּטן די אָדער יענע עקזיסטירנדיקע אייגנאַרטיקע גרופּע צום היסטאָרישן לעבן, אָדער צום פאַרשווינדן. באַשטימען וועט עס יעדע אָרגאַניזירטע אייגנאַרט פאַר זיך. אפשר וועט בכלל אַזאַ באַשטימונג פון קיינעם ניט דאַרפן געמאַכט ווערן. אַזוי לאַנג ווי יעדער באַזונדערע גרופּע וועט פילן אין זיך אייגנאַרטיקן רוח חיים, וועט דורך דעם אַליין גאַראַנטירט ווערן איר רעכט אויף גלייכע פּאָליטישע לעבנס־באַדינגונגען פאַר איר קיום און אויסלעבן זיך. פּונקט ווי דאָס פּאַקטישע לעבן פון יעדן יחיד, באַשטימט זיין רעכט אויף גלייכע לעבנס־באַדינגונגען.

אָט אַזאַ פּאָליטישע איינהייט וועט בכן אויפגעבויט ווערן, וואָס וועט רעגולירן די פּאָליטישע זייט פון די אַראַביש־אידישע באַציאונגען אין נאָענטן מזרח.

אַ ביישפּיל פאַר אַזאַ פּאָליטישער איינהייט איז פאַר מיר קאַנאַדע. ווי יע־דער ביישפּיל האַלט ער ניט אויס אין אַלע איינצלהייטן. אָבער די פּאָליטישע ראַם איז אין קאַנאַדע דאָ; עס עקזיסטירט איין פּאָליטישע איינהייט — קאַ־נאַדע. זי באַשטייט פון עטלעכע פּראָווינצן. איין פּראָווינץ אין איר — קוויבעק — איז אַ פראַנצויזישע. די איבעריקע זיינען ענגלישע. אַזוי שטעל איך מיר פאָר די צוקונפט פון יענער גרויסער פּאָליטישער איינהייט, אין וועלכער איין שטאַט וועט זיין אַ אידישער — ארץ־ישראל. די איבעריקע וועלן זיין אַראַבישע.

אָבער ווייל די דאָזיקע פּאָליטישע איינהייט וועט געבוירן ווערן אין אַ צייט־אַלטער ווען דער באַגריף פון פרייהייט בכלל און נאַציאָנאַלע פרייהייט בפרט וועט זיין מער באַגרייפלעך און קלערער — סיי פאַר דער אויסערלע־כער וועלט, סיי פאַר די פעלקער, וועלכע וועלן אין דער דאָזיקער איינהייט זיין אַריינגעוועבט — וועט די מאָס פון זעלבסטשטענדיקייט פאַר דעם אידישן

שטאַט, ווי פאַר די באַזונדערע אַראַבישע און אַנדערע שטאַטן, וועלכע וועלן אין דער פּאָליטישער איינהייט איינגעשלאָסן ווערן, זיין אַ סך אַ ברייטערע. זיין סאָוועוּרעניטעט וועט זיין מער באַפּעסטיקט און זיין אינערלעכע פרייהייט פאַר קולטורעלער אַנטוויקלונג וועט בפועל ממש קענען זיין אומבאַגרענעצט.

אויסער אָט די צוויי העכערע פּאָליטישע כחות, וואָס וועלן באַגרענעצן אונזער סאָוועוּרעניטעט, מוז ארץ־ישראל בלייבן אַ זעלבסטשטענדיקער אי־דישער שטאַט. עס בלייבן נאָך פיר פראַגן:

א מוז צוליב דעם ארץ־ישראל ווערן דורכאויס אידיש?

ב) מוז דאָס גאַנצע אָדער, וויניקסטנס, אַ מאַיאָריטעט פון דעם אידישן פאָלק זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל?

ג) ווי ברייט זאָלן זיין די גרענעצן פון ארץ־ישראל?

ד) פאַרוואָס זאָלן די אַראַבער וועלן אַזאַ פּאָליטישע געביידע?

אויף דער ערשטער פראַגע איז דער ענטפער: ניין! ווי דייטשלאַנד מוז ניט ווערן דורכאויס דייטש, ווי פראַנקרייך מוז ניט ווערן דורכאויס פראַנצוי־זיש, און אַזוי ווייטער. עס מיינט אָבער יאָ בפירוש, אַז די מאַיאָריטעט באַפעל־קערונג פון ארץ־ישראל מוז ווערן אידיש, פּונקט ווי יעדע נאַציע איז אַ מאַיאָריטעט־באַפעלקערונג פון איר שטאַט.

אודאי זיינען דאָ פאַרשיידענע מדרגות פון אַזוי־גערופענע סאָוועוּרענע פעלקער. ס׳זיינען דאָ פעלקער, וואָס אין דער פּאָליטישער מדינה וואו זיי לעבן זיינען זיי ניט נאָר סאָוועוּרען, נאָר טאַקע פולשטענדיק האַמאָגען. איין פאָלק זיצט אין איין פּאָליטישער מדינה. דאַקעגן זיינען דאָ מדינות מיט מינאָריטעטן־נאַציעס פון פאַרשיידענעם גרויס: פון מדינות וואו די מינאָרי־טעטן שטעלן צוזאַמען אַ נישט־וויכטיקן פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, ביז מדינות וואו אַלע מינאָריטעטן צוזאַמען דערגרייכן כמעט אַ העלפט פון דער מדינה. ווי אַזוי די לעצטע מדינות וועלן איבערגעאַנדערשט ווערן, ווען אין דער וועלט וועט הערשן דער אמת׳ער פּרינציפּ פון פעלקער־גלייכקייט, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. די פּראָגרעסיווע וועלט וועט אָן ספק דערגיין צו אַ צו־שטאַנד וואו אַזעלכע מדינות וועלן שטאַרק רעווידירט ווערן. אויב עס וועלן בלייבן מדינות מיט גרויסע מינאָריטעטן־פעלקער אין זיי, וועלן די אינטער־פעלקערלעכע באַציאונגען אין די דאָזיקע מדינות אודאי זיין פיל גערעכטערע ווי זיי זיינען איצטער.

קיינער קאָן איצטער ניט פעסטשטעלן צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון אַ מאַיאָריטעט מיר וועלן אין ארץ־ישראל, ביים אויפשטעלן די אויבנגעצייכנטע פּאָליטישע געביידע, דערגרייכן. עס איז אָבער אומבאַדינגט נויטיק פעסט־צושטעלן דעם פּרינציפּ אַז מיר האָבן אַ רעכט, — ניין, אַז עס אונזער פליכט! — צו באַשאַפן אין ארץ־ישראל אַ אידישע מאַיאָריטעט. די דאָזיקע מאַיאָרי־

טעט זוכן מיר, און מיר מוזן זי זוכן ניט בכדי צו אונטערדריקן וועלכע עס איז מינאָריטעט, נאָר בכדי אויסצוגלייכן אונזערע נאַציאָנאַלע לעבנס־באַדינגונגען מיט די נאַציאָנאַלע לעבנס־באַדינגונגען פון אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. אפילו דאַן, ווען קיין מאַיאָריטעט־אַקציע וועט ניט אונטערדריקן קיין מינאָריטעט, ציט די מאַיאָריטעט נאַציע, פון דעם סאַמע פאַקט וואָס זי איז אַ מאַיאָריטעט, אומגעהויערע גרויסע נוצן פאַר איר נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס די מינאָריטעט, ביי איר פולשטענדיקער פרייהייט, קאָן זיי ניט האָבן. פון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער מעלה טאָר זיך קיין נאַציע ניט אָפּזאָגן.

אַ אידישע מאַיאָריטעט אין ארץ־ישראל מיינט פאַר אונז, די גאַראַנטיע, אַז אין איין ווינקל אויף גאָטס ערד וועלן מיר, דורך אונזער קאָנצענטרירטן לעבן ווי אַ מאַיאָריטעט, קאָנען פריי זיין אין אונזער לעבן, קאָנען באַשטימען אונזער אייגענעם גורל, קאָנען אויסלעבן און אַרויסשאַפן פון זיך אונזער אייגענע קולטור. דאָס איז ניט נאָר אַ פראַגע פון רעכט אַליין. די גאַנצע מענטשהייט מוז באַשאַפן פאַר יעדער נאַציע אַזעלכע מעגלעכקייטן פאַר זיין לעבן, אַזעלכע באַדינגונגען. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט קאָנען פאַר דער גאַנצער מענטשהייט גאַראַנטירט ווערן אייביקער פרידן.

בלייבט איבער איין פאָלק אָן אַזאַ מאַיאָריטעט ווערט דאָס דאָזיקע פאָלק געשטעלט אין אַ רעכטלאָזן אויסנאַם־צושטאַנד ווי אַ נאַציע. די דאָזיקע רעכט־לאָזיקייט מוז מיט זיך פאָרשטעלן אַ צעוויייטאָקטן פונקט אין דעם גאַנצן אַל־מענטשלעכן אָרגאַניזם. איז דאָס פאָלק אַליין זייער שוואַך, וועט דער אַלמענטש־לעכער אָרגאַניזם בייקומען דאָס דאָזיקע פאָלק דורך פאַרצערן אים גייסטיק, פשוט אַסימילירן אים אין זיך. איז אָבער דאָס דאָזיקע פאָלק שטאַרק איגער־לעך, וועט עס מיט זיך פאָרשטעלן אַן אייביק־אומגעזונטן צעל אין דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם און וועט אים פאַרשאַפן אייביקע צרות.

יעדע נאַציע האָט איר באַרעכטיקטן אתה בחרתנו. ערגעץ־וואו איז זי אַנדערש ווי די איבעריקע נאַציעס. דערפון קומט איר נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. און ווייל זי איז אַנדערש, טראָגט זי צו עפּעס אייגנס צום גאַנצן אוצר פון דער וועלט־קולטור, פון דער וועלטס גייסטיקער רייכקייט. אין אָט דער דאָזיקער אַנדערשקייט שטעקט איר נאַציאָנאַלער אתה בחרתנו. אונזער אידיש פאָלק איז אַודאי באַרעכטיקט צו זיין חלק נאַציאָנאַלן אתה בחרתנו, ווייל מיר האָבן צום אוצר פון דער וועלטס גייסטיקער רייכקייט זיכער פיל בייגעטראָגן. מיר, נאַציאָנאַלע אידן מכל המינים, גלויבן באמונה שלמה, אַז אונזער ראָלע אויף דעם געביט האָט זיך נאָך ניט געענדיקט; אַז מיר פאַר־מאָגן אין זיך גרויסע פּאָטענציעלע גייסטיקע כחות, וואָס ביי בעסערע נאַציאָ־נאַלע לעבנס־באַדינגונגען, וועלן מיר זיי קענען בעסער און פרייער אַרויס־

ברענגען, כדי אונזער אייגענעם לעבנס־תּוכן צו באַרייכערן און אויך רייכער מאַכן דעם גאַנצן אַלוועלטלעך־גייסטיקן אוצר.

טאַקע דערפאַר זוכן מיר דורך ארץ־ישראל אויסצובעסערן אונזערע נאַציאָנאַלע לעבנס־באַדינגונגען. טאַקע דערפאַר זיינען מיר איבערצייגט, אַז מיר זיינען באַרעכטיקט צו אַ אידישער מאַיאָריטעט אין ארץ־ישראל, ווייל בלויז די אידישע מאַיאָריטעט וועט אונז געבן די מעגלעכקייט פול, גאַנץ און פריי ארויסצוברענגען פון זיך די דאָזיקע פּאָטענציעלע כחות אונזערע.

אויף דער צווייטער פראַגע ענטפער איך: קיין מוז איז דאָס נישט. אָבער אַז סוף־כל־סוף וועט די גרויסע מאַיאָריטעט פון אידישן פאָלק זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל איז אַבסאָלוט זיכער, אויב נאָר מיין אויבן־אָנגעצייכנטער פּאָליטישער ציל וועט דערגרייכט ווערן. איך באַזיר מיינע פּאָליטישע צילן אויף דעם קעגנזייטיקן אינטערעס פון אידן מיט אַראַבער און אפשר אויך מיט אַנדערע מזרח־פעלקער. אויב מיין הויפּט האָפענונג איז אַ ריכטיקע, דאַן וועט יעדער נייער מיליאָן אידן, וואָס וועלן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל, שטאַרקן די גאַנצע פּאָליטישע געביידע וואָס דאַרף אויפגעבויט ווערן לטובת אַלע פעלקער, וועלכע וועלן זיך אין איר אַנשליסן. און אַז אַלע געזונטע טיילן פון אידישן פאָלק, וועלכע ווילן לעבן ווי אידן, און ווי פרייע אידן, וועלן שטרעבן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל — איז פאַר מיר קלאָר.

די שווערקייט אייגצוזען דעם אמת פון דער דאָזיקער באַהויפּטונג באַשטייט אין דעם, וואָס מיר אַלע — ווען מיר טראַכטן וועגן אַריבערפירן מיליאָנען אידן קיין ארץ־ישראל — טראַכטן אַלץ אין טערמינען פון איצטיקע באַדינגונגען: וויפיל דאַרף קאָסטן דאָס אימיגרירן, דאָס קאָלאָניזירן און באַפעסטיקן מיליאָנען מענטשן אין אַ ניי לאַנד. אַזוי־ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, האָב איך אָבער אין זינען ווייטע ענד־צילן; אַזויווי פּאַראַלעל מיט אונזער אייגענער אַרבעט אין ארץ־ישראל קומט פאָר אין דער וועלט דער גרויסער פּראָצעס פון סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט; אַזויווי איך בין איבערצייגט, אַז די עקזיסטענץ און דאָס פרייע אויסלעבן זיך פון יעדער נאַציע וועט ווערן אַ הייליקער אומבאַרירלעכער יסוד פון דעם צוקונפטיקן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענלעבן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט; אַזויווי עס איז זיכער, אַז עקאָנאָמישע סיבות וועלן דאַן ניט האַלטן יחידים און גרופּן צוגעשמידט צו די לענדער וואו עקאָנאָמישע סיבות האָבן זיי פאַרוואָרפן; אַז אַ נאַטירלעכע איבערוואַנדערונג וועט פאַרקומען און יחידים און גרופּן וועלן אָן ספק אויסקלייבן זייערע שטענדיקע וואוינונגס־ און לעבנס־פּלעצער, לויט דער מאָס פון מעגלעכקייט פאַר אינערלעכער אויסלעבונג וואָס די פּלעצער וועלן זיי געבן, — לויט דעם זעלביקן

אינערן טריב וועלן אַלע אידן, פאַר וועמען דאָס לעבן ווי אידן, און ווי פרייע אידן, וועט נאָך אַלץ עפּעס מיינען, קומען קיין ארץ־ישראל.

וואָס שייך דעם ענין גופא — ווי ווייט דוקא דער סאָציאַליזם עפנט אויף אומגעהויער־ברייטע האָריזאָנטן פאַר דער פולשטענדיקער רעאַליזירונג פון ציוניזם אין דעם גרעסט־מעגלעכן פאַרנעם — קאָן ער דאָ בשום אופן ניט אויסגעשעפּט ווערן. מען מוז געדענקען אַז אַפילו אין דער ניכטערער בריטיש לייבאָר פּאַרטי איז פאַראַן אַ זייער באַדייטנדיקער פליגל, וואָס רעדט קלאָר וועגן דורכפירן סאָציאַליזם אין אונזערע יאָרן. עס איז דעריבער ווייט ניט קיין פאַנטאַזיע צו בויען די פולע רעאַליזירונג פון ציוניזם דוקא אויף דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. פאַרקערט, עס וואָלט געווען זייער קורצ־זיכטיק פון דער אידישער פּאָליטיק ווען זי זאָל ניט נעמען אין באַטראַכט יענע גרויסע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס טרעט אַריין אין דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט. בפרט ווען עס גייט פּשוט אויף אַ ליכט אין די אויגן, ווען מען טראַכט וועגן די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, וועלכע עפענען זיך פאַרן ציוניזם דוקא דורך דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. עס איז זיכער, אַז אַט יענע גרויסע זאָרג — וואָס אַ סך ערנסטע ציוניסטן האָבן וועגן דעם, צי וועט כאָטש אַ באַדייטנדיקער טייל פון אידישן פאָלק זיך סוף־כל־סוף באַזעצן אין ארץ־ישראל — פאַרשווינדט, ווען מען טראַכט וועגן אונזער אַרבעט ניט דוקא אונטער קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען, נאָר אויך אונטער צוקונפטיק־סאָציאַליסטישע.

איך וואָלט ניט געוואָלט מען זאָל מיך פאַלש פאַרשטיין: איך האַלט ניט, אַז דער ציוניזם דאַרף זוכן זיין הכשר אין סאָציאַליזם און אויך ניט אַז דער סאָציאַליזם ווערט נאָר גע׳כשר׳ט דורכדעם וואָס זיין פאַרווירקלעכונג וועט העלפן רעאַליזירן דעם פולן — אויב איר ווילט, עקסטרעמען — ציוניזם. ביידע באַוועגונגען לעבן אויף זייערע באַזונדערע, אינעווייניקסטע אמתן. זיי זיינען זיך אָבער געשיכטלעך צוזאַמענגעקומען אין דער לעבעדיקער ראַליטעט. דעם פאַקט טאָר קיינער ניט פאַרקוקן.

אויב מען טראַכט אַזוי, ווערט בולטער וויאַזוי עס וועט אויך סוף־כל־סוף פאַרענטפערט ווערן די דריטע פראַגע: ווי ברייט וועלן דאַרפן זיין די גרענעצן פון יענעם אידישן שטאַט ארץ־ישראל. און ווידער אַמאָל: טראַכט מען אין איצטיקע טערמינען, קלינגט עס ווי סתם רייד, און אפשר נאָך ערגער. טראַכט מען אָבער אין טערמינען, ערשטנס, פון דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פון דער וועלט און, צווייטנס, אין טערמינען פון אַט יענער גרעסערער פּאָ־ליטישער איינהייט, וואָס ווערט אויפגעבויט אין נאָענטן מזרח, וועמענס אַלע טיילן דאַרפן זיין פאַראינטערעסירט זי זאָל וואָס שטאַרקער, גרעסער, קולטור־רעלער, ציוויליזירטער ווערן; און אויב מען געדענקט דערביי די אומגע־

הויערע שטחים פון ניט באַנוצטע לענדערייען, וואָס וועלן במילא זיין איינגע־שלאָסן אין דער דאָזיקער פּאָליטישער איינהייט — דאַן ווערט קלאָר, אַז אויב נאָר דער הויפּט־פּלאַן האָט אַ ממשותדיקן יסוד, דאַן וועט עס פֿאַר דעם גאַנצן פּלאַן זיין פון אומגעהויערער וויכטיקייט צו זאָרגן פֿאַר דעם, אַז דער אידישער שטאַט, ווי אַ טייל פון דער גרויסער מדינה פון נאָענטן מזרח, זאָל האָבן גענוג שטח, פֿאַר זיין פולקאָמענער אַנטוויקלונג.

אָט דאָס זיינען אונזערע פּאָליטישע צילן אין ארץ־ישראל ווי איך באַ־גרייף זיי. אַז זיי זיינען גוט פֿאַר אונז, רעכן איך, וועט יעדער איינער צוגעבן. איך דאַרף אָבער באַווייזן אַז די אַראַבער דאַרפן אויך זיין אין דעם פאַראינ־טערעסירט.

3. די אַראַבישע פּאָליטישע צילן אין ארץ־ישראל

אויך אין דעם קאַפּיטל האָבן מיר אין זינען די צוקונפט. אויך דאָ ווילן מיר אויף אַ מאָמענט איבערשפּרינגען די איצטיק־שווערע קעגנוואַרט און פּרובירן אָנצייכענען אַ ליניע וועגן יענע פּאָליטישע צילן, וואָס די אַראַבער דאַרפן זוכן אין ארץ־ישראל פֿאַר זייער צוקונפט. מיר מוזן זיך אויף אַ מאָמענט פאָרשטעלן, אַז ביי די אַראַבער איז אַנטשטאַנען אַ געזונטע נאַציאָנאַלע באַ־וועגונג; אַז די דאָזיקע באַוועגונג זוכט, פּונקט ווי דער ציוניזם ביי אידן, בלויז רייך־נאַציאָנאַלע צילן פאַרן גאַנצן אַראַבישן פאָלק. וואָס פֿאַר אַ צילן דאַרף זיך אַזאַ אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג שטעלן בנוגע ארץ־ישראל?

אָבער איידער מיר קומען צו אָט־דעם קאָנקרעטן פּונקט, מוזן מיר אויף אַ מאָמענט זיך ווענדן צו אַן אַנדערן וויכטיק־פּאָליטישן כח, וואָס שפּילט שוין און וועט אויך אין דער צוקונפט מוזן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג סיי פון גאַנצן אָריענט, סיי פון ארץ־ישראל. איך האָב אין זינען די גרויסע וועלט, אויסער די אַראַבער און אידן, וואָס האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן אין דעם ענין. ניט מיר, ניט די אַראַבער, קאָנען און דאַרפן זי פאַר־זען. טאָמער וועלן מיר עס אַפילו וועלן, וועט די וועלט ניט לאָזן. די גרויסע וועלט איז אומגעהויער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די אַנטוויקלונגען פון נאָענטן מזרח און זי איז בנוגע אונזערע ענינים צעטיילט אויף פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע כחות.

די באַציאונגען פון די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע וועלט־כחות צום נאָענטן מזרח טיילן זיך לויט פאָלגנדיקער ליניע: זאָלן די פעלקער פון נאָענטן מזרח (די זעלבע באַציאונג איז אויך נאַטירלעך צום וויטן מזרח, אָבער איך באַהאַנדל בלויז דעם נאָענטן מזרח) אויפלעבן, זייערע גרויסע שטחים פון וויסטן באַדן פרוכטבאַר מאַכן, זייערע פּאָטענציעלע קולטור־כחות

אַנטוויקלען, אָדער ניט? אַלע רעאַקציאָנערע כחות פון דער וועלט האָבן מורא פאַר אַזאַ אויפלעבונג. זיי וואָלטן פאַר איר קיין מורא ניט געהאַט, ווען זיי וואָלטן געגלויבט אַז אַן אויפגעוואַכטער מזרח קאָן זיך לאָזן עקאָנאָמיש און פאָליטיש פירן פון דער וועלט־רעאַקציע. די עקאָנאָמישע אויפריכטונג פון די גרויסע שטחים באַדן וואָלט די וועלט־רעאַקציע אויך שטאַרק געוואָלט, ווען זי וואָלט עס געקענט נוצן פאַר אירע צילן. די וועלט־רעאַקציע ווייסט אָבער, אַז עקאָנאָמישע אויפריכטונג אָן פאָליטישער און קולטורעלער דער־הויבונג איז ניט מעגלעך. וועט זי בדאי לאָזן שטחים פון באַדן וויסט, אָן נוצן פאַר קיינעם, אַבי איר הערשאַפט איבערן מזרח זאָל זיין געזיכערט. די פּראָגרעסיווע וועלט, דאַקעגן, האָפט סיי אויף דער עקאָנאָמישער, סיי אויף דער פּאָליטישער און קולטורעלער אויפריכטונג פון מזרח.

און ווייל דער ציוניזם האָט געמאַכט דעם זייער־וויכטיקן אָנהייב אויפ־צובויען אַ טייל פון נאָענטן מזרח; און ווייל דער דאָזיקער טייל — ארץ־ישראל — פאַרנעמט סיי קולטור־היסטאָריש, סיי געאָגראַפיש אַ זייער סטראַ־טעגישע פּאָזיציע אין גאַנצן מזרח, האָבן זיך די דאָזיקע אונטערשיידן פון באַציאונגען מצד פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע כחות פון דער וועלט נאָך בולט'ער גענומען פאַרמירן אַרום אונזער בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. די פּראָגרעסיווע וועלט שטיצט אונדז. די רעאַקציאָנערע וועלט שטיצט... ניט די אַראַבער, נאָר די אַראַבישע עפענדים.

עס איז גענוג דורכצופירן אין געדאַנק די פאַרשיידענע כחות וואָס שטעלן זיך אָפן אָדער פאַרשטעלט קעגן אונזערע צילן, בכדי תיכף איינצוזען, אַז דורך אונזערע צילן וויל מען טרעפן אַ פיל געפערלעכערן כח פאַר דער וועלט־רעאַקציע: די אויפוואַכונג פון גאַנצן מזרח!

לאָמיר גוט אָנקוקן די פּנימער פון אונזערע קעגנער:

מוסאָליני, דורך דער קאַטוילישער קירך, זוכט אַריינצושטעלן אַ פוס אין מזרח, זיכער ניט בכדי דאָרטן צו ברענגען פרייהייט און אויפלעבונג פאַר די דאָרטיקע פעלקער. ער מאַכט זיינע ערשטע מאַנעווערס אין ארץ־ישראל, ווייל ער דענקט, אַז דורך די קאַטוילישע אַספּיראַציעס אויף הייליקע פלעצער אין ארץ־ישראל וועט ער קענען די גאַנצע קאַטויליש־טרייע וועלט אויסנוצן פאַר זיינע אינטריגעס. דורכדעם וויל ער קריגן פאַר זיך אַ גרויסן איינפלוס אין די מאַנדאַט־לענדער, פון וואַנען ער וועט שפּעטער קענען אויסשפּרייטן זיין ווירקונג אויפן גאַנצן אָריענט. ווער קען וויסן, ווי ברייט און ווייט זיינע חלומות פון אַ באַנייטער רוימישער וועלט־אימפּעריע גייען! זיכער האָט ער אָבער זייער ווייניק סימפּאַטיע פאַר דער אמת'ער אויפלעבונג פון די אָריענט־פעלקער, סיי עקאָנאָמיש, סיי גייסטיק, סיי פּאָליטיש.

די עקסטרעמע אימפּעריאַליסטן פון ענגלאַנד — וועלכע האָבן דורך די

לוק׳ס און קיטראוטשעס דעמאָנסטרירט זייער שנאה צו אונזער בוי־אַרבעט — טראָגן אויך ניט צו די פעלקער פון מזרח קיין האָפנונג פון באַנייאונג און באַפרייאונג. מיט די דאָזיקע עקסטרעמע אימפּעריאַליסטן שטייען אַלע יענע כחות פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע, וואָס ציטערן אימת מות פאַר דער אויפלעבונג פון מזרח. זיי אַלע האָבן מורא פאַר דעם ביישפּיל וואָס אונזער אַרבעט אין ארץ־ישראל קאָן ווייזן די אַנדערע מזרח־פעלקער, וויאַזוי זיי קענען איבערבויען זייערע לעבנס און אויפשטיין צו פאַרנעמען זייערע געהעריקע פּאָזיציעס אין דער וועלט.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין דער דאָזיקער באַציאונג די קאָמוניסטישע באַוועגונג. עס איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט זיין חלק אין יענער העצע, וואָס האָט געפירט צו דעם אָנפאַל אויף אונזער ישוב אין אויגוסט 1929. עס איז שוין אַלעמען באַקאַנט די חברותא וואָס ער האָט געשלאָסן מיט די עפענדים און דעם מופטי. וואָס זוכט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אין ארץ־ישראל? כדי קלאָר צו מאַכן דעם דאָזיקן פונקט מוז מען ווידמען עטלעכע שורות אַן עניך, וואָס האָט צוטאָן מיט דעם גרויסן קאַמף צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם אין דער גאַנצער וועלט.

קורץ אויסגעדריקט, האָט דערדאָזיקער קאַמף צו טאָן מיט דעם סאַמע־ציל וואָס רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען שטעלן פאַר זיך. צי שטעלט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אַ ציל, אַז אַלץ וואָס איז געווען ביז איצט מוז מען אינגאַנצן רואינירן און אָנהייבן בויען אַ נייע מענטשלעכע געזעלשאַפט פון ערשטן אַלף־בית? אָדער דער ציל דאַרף זיין: אַלץ וואָס פריערדיקע דורות האָבן געשאַפן ווערטפולס דאַרף אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט ווערן און אויף די יסודות פון געשאַפענעם און עקזיסטירנדיקן דאַרף פאָרטגעזעצט ווערן דער ווייטערדיקער בוי אין באַנייטע, אויסגעבעסערטע, סאָציאַליסטישע באַדינגונגען.

דער עקספּאָנענט פון דעם ערשטן געדאַנקן־גאַנג אין מלוכה־פאָרם איז רוסלאַנד. הינטער איר שטייט דער גאַנצער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל. דער עקספּאָנענט פון צווייטן געדאַנקען־גאַנג איז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל. זיין שטאַרקסטער איינצלנער כח איז איצטער די בריטיש לייבאָר פּאַרטי. זיינען זיך צוזאַמענגעפאַלן די ריין־אימפּעריאַליסטישע קעגנזאַצן צווישן דער רוסישער און בריטישער אימפּעריע מיט די ריין־פּרינציפּעלע קעגנזאַצן צווישן קאָמוניזם און סאָציאַליזם.

דער קאָמוניסטישער אימפּעריאַליזם באַטראַכט, דעריבער, די בריטישע אימפּעריע פאַר זיין וויכטיקסטן און שטאַרקסטן שונא. פאַר דעם קאָמוניסטישן אימפּעריאַליזם איז אַ בריטישע אימפּעריע, געפירט פון דער לייבאָר פּאַרטיי,

פיל געפערלעכער ווי אַ בריטישע אימפעריע מיט אַ קאָנסערוואַטיווער רעגי־רונג בראש. וועגן אַ קאָנסערוואַטיווער גרויס־בריטאַניע קען מען גרינגער איינריידן דעם אייגענעם עולם אַלץ וואָס מען וויל און דער עולם זאָל גלויבן. דערצו קאָן דאָך דער אַרבעטער־רעגירונג אין ענגלאַנד געלינגען איינצופירן וויכטיקע רעפאָרמען פאַר די אַרבעטער אָן דער ווילדער דיקטאַטור. אַזאַ ענין קאָן דורך טויזנטער קאַנאַלן דערגיין צום רוסישן עולם און ווער קען וויסן, וועלכע אויספירן דער רוסישער אַרבעטער קאָן דערפון מאַכן?

דעריבער איז די געשיכטע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין נאָ־ענטן און וויטן מזרח איין קייט פון העצעס קעגן גרויס־בריטאַניע, בעיקר קעגן דער בריטישער אַרבעטער־רעגירונג. וואָלטן די דאָזיקע העצעס חלילה געלונגען, וואָלט די וועלט אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ נייער בלוט־באָד קעגן וועלכער אַפילו די פריערדיקע וועלט־מלחמה וואָלט אויסגעקוקט ווי אַ קינדער־שפּיל. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל זוכט צו שאַרן פייער מיט פרעמדע הענט. ער האָט צעבלאָזן דאָס נאַציאָנאַלע פייער וואו ער האָט געדענקט, אַז דאָס וועט אָנצינדן ענגלאַנד. ער האָט פונאַנדערגעבלאָזן דעם ראַסן־האַס. די זעלביקע קאָמוניסטן וואָס לאַכן אויס יעדע פאָרם פון נאַציאָנאַלן לעבן, האָבן סיי אָפן, סיי פאַרשטעלט, צעבלאָזן די גערעכטע און אומגערעכטע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די אָריענט־פעלקער, אַבי מען זאָל דורך דעם קענען שלאָגן ענגלאַנד. די איינציקע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציע וואָס האָט ניט געקענט דינען זייער ציל איז דער אידישער ציוניזם. האָט מען דעריבער דערקלערט אַ פאַרניכטונגס־קאַמף דעם ציוניזם, בפרט ווען דער ציוניזם האָט פאַרבונדן זיין פּאָליטישן גורל מיט גרויס־בריטאַניע. האָט מען יאָרן נאָכאַנאַנד אָנגעפירט אַ העצע קעגן אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן אין ארץ־ישראל. אויף אָט דעם באָדן איז אויסגעוואַקסן די באַציאונג פון קאָמו־ניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צום ארץ־ישראל פּראָבלעם.

אין וואָס פאַר אַ לעכערלעכער לאַגע דער קאָמוניזם האָט זיך אַריינגע־פּלאָנטערט בנוגע ארץ־ישראל קאָן קלאָר ווערן פון דעם פאַקט, אַז די וואָס זיינען זיינע פאַרבינדעטע אין ארץ־ישראל קומען קיין לאָנדאָן און ווערן אויפגענומען דוקא פון יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן דעם רוסישן פאַרטרע־טער אַרויסגעיאָגט פון לאָנדאָן. אגב, איז צוליב דער זעלביקער העצע, וואָס דער קאָמינטערן פירט אין אָריענט, אויסגעקומען ניט איינמאָל דער רוסישער רעגירונג בכלל און דער קאָמוניסטישער באַוועגונג בפרט אַרויסגעטריבן צו ווערן פון אירע נעכטיקע פאַרבינדעטע. דער אונטערשייד אין אונזער פאַל באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס דער ארץ־ישראלדיקער עפענדי און מופטי קאָן דעם קאָמוניסט ניט טרייבן. וועט ער זיך ווייטער חברן מיט אים. אין לאָנדאָן וועט אָבער דער עפענדי און מופטי קריגן סימפּאַטיע דוקא ביי די

דזשאָינסאָן היקסעס און זייער חבריא. די אַרכי־שונאים פון יעדער פּראָגרע־סיווער באַוועגונג, ווייל זיי זעען אין יעדער פּראָגרעסיווער באַוועגונג באָלשע־וויזם.

אויסער די קאָמוניסטן איז די צעטיילונג אַ פולשטענדיקע: דער אמת׳ער פּראָגרעסיווער מענטש איז פאַר דער אויפלעבונג פון מזרח, דערפאַר אויך פאַר אונזער אַרבעט. דער אמת׳ער רעאַקציאָנער ציטערט פאַר דעם, דערפאַר שטיצט ער דעם עפענדי און דעם מופטי.

און אַפילו די קאָמוניסטן, — אויב מען קען זיי באַצייכענען ווי רעאַקציאָ־נערן אָדער ניט — אין אונזער פאַל שטייען זיי אויף איין זייט מיט דער רעאַקציאָנערער וועלט. זיי פאַראייניקן זיך מיט די מופטים און עפענדיס ניט בכדי צו העלפן די אמת׳ע אויפלעבונג פון די מזרח־פעלקער, זייער נאַציאָנאַלע באַפרייאונג און זעלבסטשטענדיקייט, נאָר פאַרקערט: די עפענדיס און מופטים ווילן זיכער ניט אַזאַ אויפלעבונג. זייערע פאַרבינדעטע, די קאָמוניסטן, אינ־טערעסירן זיך מיט די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די מזרח־פעלקער בלויז אויף ווי ווייט זיי וועלן זיך לאָזן אויסנוצן פאַר דער קאָמוניסטישער העצע קעגן גאַנץ אייראָפּע בכלל און קעגן ענגלאַנד בפרט. אין אונזער פאַל שטייען די קאָמוניסטן צוזאַמען מיט דער וועלט־רעאַקציע אויף איין זייט און די גאַנצע, אמת־פּראָגרעסיווע וועלט אויף דער צווייטער זייט. די ערשטע גרופּירונג וויל ניט די אויפלעבונג פון מזרח, מאַכט ניט אויס צוליב וועלכע צילן יעדע באַ־זונדערע גרופּע נעמט אָן אַזאַ שטעלונג. די צווייטע וויל, האָפט און זוכט די אויפלעבונג און באַפרייאונג פון אַלע מזרח־פעלקער.

צוליב צייטווייליקע, שלעכט־אָפּגעשאַצטע דערשיינונגען טרעפט אַמאָל, אַז אַ פּראָגרעסיווער מענטש פאַרבלאָנדזשעט און נעמט אָן דאָס וואָס ווערט איצטער פאַרשטאַנען אַלס „אַראַבישע אָריענטאַציע"; די אַזוי גערופענע אַמע־ריקאַנער ליבעראַלן און פּראָגרעסיוון, וועלכע זיינען בעצם נאָך פּאָליטישע קינדער, זיי קאָנען זיך אַמווינציקסטן אָריענטירן אין דער לאַגע. דערפאַר געפינט מען צווישן זיי אַזויפיל פאַרבלאָנדזשעטע. אָבער די אַלגעמיינע ליניע איז זיכער, אַז די רעאַקציאָנערע וועלט וויל ניט די אויפלעבונג פון מזרח. דערפאַר לאָזט זי זיך בנוגע ארץ־ישראל פירן פון די עפענדיס. די פּראָגרע־סיווע וועלט וויל יאָ די דאָזיקע אויפלעבונג. דערפאַר סימפּאַטיזירט זי מיט אונז.

אַז אַלע אידן וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין ארץ־ישראל מוזן זיין פאַר דער אויפלעבונג פון מזרח, איז קלאָר. דער פּשוטער שכל זאָגט עס און די געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל באַשטעטיקט עס. אונזער גרעסטער שונא איז די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע צוריקגעשטאַנענקייט פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער.

וואו ליגן אָבער די אַראַבישע אינטערעסן? אָט דאָ קומען מיר צו די אינטערעסן־סתירות: דער אַראַבישער עפענדי און זיינע כלי־קודש מוזן זיין קעגן דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל ווי פון גאַנצן מזרח. די אַראַבישע מאַסן מוזן סוף־כל־סוף זיין פאַר דעם, ווען דערוויל אַפילו איז נאָך פאַראַן אין זייערע צוריקגעשטאַנענע מוחות געגוג אָרט פאַר דער עפענדישער העצע און זיי לאָזן זיך פון איר פירן. דער ארץ־ישראלדיקער עפענדי האָט פאַר דעם אַראַבער אויסער ארץ־ישראל קיין אינטערעס ניט. פּאָליטישע צילן אינטע־רעסירן אים ניט. אים אינטערעסירט נאָר אַז זיין גרויסער שטח באָדן, וואָס ליגט דאָך נאָר אין ארץ־ישראל, זאָל באַארבעט ווערן אויפן אַלטן און פעאָדאַלן אופן. זיינע קנעכט וועלן אים דאַן באַזאָרגן מיט אַ לוקסוס־לעבן אין ביירוט אָדער גאָר פּאַריז. ער ציטערט אויך פאַר דער מעגלעכקייט פון אַן אַגראַר־רעפאָרם, וואָס קען בכלל אָוועקנעמען פון אים זיין באָדן. דאַן פאַרלירט ער אַלץ. זיין אינטערעס ליגט טאַקע בלויז אין ארץ־ישראל, ווייל זיין שטיק לאַנד ליגט בלויז אין ארץ־ישראל. אָבער אויך ער פאַרשטייט, אַז ארץ־ישראל איז בלויז אַ טייל פון מזרח. און אויב אַנדערע טיילן פון מזרח קאָנען נעמען אַביישפּיל פון ארץ־ישראל, מוז עס נאָך פאַרשטאַרקן די געפאַר פאַר זיינע אינטערעסן אין ארץ־ישראל גופא. דערפאַר איז ער אַ שונא פון פּראָגרעס אין וועלכן ס׳איז טייל פון דעם נאָענטן מזרח. דערפאַר וועט ער ביי יעדער גע־לעגנהייט זיך שטעלן אין דינסט פון דער וועלט־רעאַקציע, אַבי אָנצוהאַלטן וואָס לענגער דעם פעאָדאַלן סיסטעם אין אָריענט.

אָבער דער אַראַבישער אַרבעטער, ווי ווייט ער קומט אויף, דער אַראַבישער פעלאַך, ווי בכלל דער ערנסטער אַראַבישער נאַציאָנאַליסט, וואָס וועט סוף־כל־סוף מוזן אויפקומען אין דער אַראַבישער וועלט — וואו ליגן זייערע אינ־טערעסן, סיי אַלס אַראַבער, סיי אַלס אַרבעטער און פעלאַך?

מען וועט זיכער ניט דאַרפן וואַרטן אויף יענער ווייטער צוקונפט פון דער אַדוכגעפירטער סאָציאַליסטישער אָרדנונג כדי דער אמת׳ער אַראַבישער נאַציאָנאַליסט זאָל אָנהייבן פּאָליטיש קלאָר טראַכטן, קלאָר רעדן און אָפן האַנדלען.

דער אמת׳ער אַראַבישער נאַציאָנאַליסט וועט קודם־כל געדענקען, אַז די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון דער אַראַבישער וועלט זיינען ניט באַגרע־נעצט מיט 6 אָדער 7 הונדערט טויזנט אַראַבער אין ארץ־ישראל. פונקט ווי די אידן טראַכטן וועגן זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס ניט בלויז פאַר די 170 טויזנט אידן וואָס געפינען זיך איצטער אין ארץ־ישראל.

דאַן וועט ער זיך מוזן פאַרטראַכטן וועגן דעם טיפן תהום, וואָס ליגט צווישן זיינע אינטערעסן און די אינטערעסן פון דעם עפענדי. עקאָנאָמיש איז ניטאָ קיין שלום־פונקט צווישן די דאָזיקע שאַרפע קלאַסן. פּאָליטיש און נאַציאָ־

נאָל וועט דער אמת׳ער אַראַבישער נאַציאָנאַליסט זוכן פולע פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט און דער עפּענדי וועט אַלעמאָל זיין גרייט צו פאַרבינדן זיך מיט וועלכער ס׳איז אימפּעריאַליסטישער מאַכט אין קאַמף קעגן דער אויפלעבונג פון די מזרח־פעלקער. דער אויפגעלעבטער און אויפגעקלערטער אַראַבישער אַרבעטער, פעלאַך, אינטעליגענט און אמת׳ער נאַציאָנאַליסט, וועט מוזן זוכן פאַרבינדעטע אין דער וועלט. ער וועט דערזען אַז מיט דעם עפענדי שטייט די וועלט־רעאַקציע, אָבער פאַר זיינע אמת׳ע אַספּיראַציעס פון אויפ־לעבונג און באַפרייאונג שטייט די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט. ער וועט זיך אָנהייבן פונאַנדערקלייבן אין די סיבות וואָס האָבן צעטיילט די וועלט בנוגע דעם מזרח. איז זיכער, אַז פאַר אים וועט בלייבן בלויז איין וועג: מיט דער פּראָגרעסיווער וועלט צו אויפבוי און אמת׳ער פרייהייט.

און אַז ער וועט קומען צו זיין באַוואוסטזיין וועט ער דערזען אין דער וועלט מיליאָנען אידן וואָס זיינען גרייט צו קומען אין אָריענט, אַריינלייגן דאָרט זייער פּיאָנערישע ענערגיע, זייער דערפאַרונג, זייער טעכנישן וויסן — און דאָס אַלץ שטעלן צום דינסט פון דעם אויפלעבונגס־פּראָצעס פון גאַנצן מזרח. און דער ארץ־ישראלדיקער אַראַבער צוזאַמען מיט דעם אַראַבער פון אויסער ארץ־ישראל וועלן דערזען די אומגעהויער־גרויסע שטחים באָדן, וויסטע, ניט אויסגענוצטע, וואָס פאַרבאָרגן אין זיך אומגעהויערע רייכטימער. זיי וועלן דערזען וואָס ענערגיע, וויסן און אַרבעטס־ווילן האָבן געמאַכט פון דעם שמאָלן פּאַס ערד צווישן ירדן און מיטל־לענדישן ים. ווי קען דען אַנ־דערש זיין, סיידן אַז ער וועט דערזען אין דעם אידישן אָנקומען אַ גליק פאַר זיך? ווי קאָן דען אַנדערש זיין, סיידן אַז אויפן באָדן פון די דאָזיקע עקאָנאָמישע אינטערעסן־געמיינשאַפטלעכקייט זאָל געבוירן ווערן דער זין פאַר פּאָליטישער אינטערעסן־שותפות?

וואָס פאַר אַ פּראָבלעם וועט דאַן שטיין פאַר דעם אמת׳ן אַראַבישן נאַציאָנאַליסט? ער וועט קלאָר וויסן וועלכער כח עס טרייבט דעם אידן אין ארץ־ישראל. ער וועט קלאָר וויסן וואָס עס איז ווערט פאַר זיינע אמת׳ע נאַציאָנאַלע אינטערעסן דער גרויסער ביישפּיל וואָס אידן האָבן אים ביז איצטער געגעבן און וועלן אים ווייטער געבן. ער וועט פאַרשטיין, אַז אַוועק־נעמען פון אידן זיין האָפענונג אויף ארץ־ישראל — דעם איינציקן פּלאַץ פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום — הייסט אַוועקנעמען פון אידישן פאָלק יענע מאָטאָרישע קראַפט וואָס גיט ענערגיע דער גאַנצער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל. דאָס הייסט אויך אַוועקנעמען פון דעם אַראַבער אַ שותף אין זיין קאַמף עקאָנאָמיש אויפצולעבן די גרויסע לענדערייען וואָס דער אַראַבער קען פאַר־מאָגן; פּאָליטיש און נאַציאָנאַל צעמענטירן דאָס גרויסע אַראַבישע פאָלק און העלפן אים אַרויספירן אויף דעם וועג פון פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער

און מענטשלעכער פרייהייט. וועט פאַר דעם כדאי זיין פאַר דעם אַראַבער מסכים צו זייך, אַז אידן זאָלן פאַרמאָגן אין ארץ־ישראל זייער נאַציאָנאַלע היים אָדער ניט?

איך לאָז דאָ בכיוון אויס די בלוט־קרובה׳שאַפט פוןביידע פעלקער. דאָס וועט אָבער אויך זיין אַ וויכטיקער מאָמענט אין דעם צוקונפטיקן צוזאַמענלעבן צווישן אידן און אַראַבער. איך שטעל זיך אָבער אָפּ אויף די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונגען וואָס דער אַראַבער מוז דורכמאַכן אין דער צוקונפט. און דאַן זאָל קומען דער איד און אָנווייזן אים וואָס פאַר אַ גליקלעכע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע צוקונפט עס ליגט פאַר ביידע פעלקער אין דעם אויבן אָנגעצייכנטן פּאָליטישן פּלאַן. נעמט נאָר אַוועק די איצטיקע אָנגעצויגנקייט און שנאה; ברענגט אויף דעם פּלאַץ קעגנזייטיקן צוטרוי און פאַרשטאַנד, באַזירט אויף בשותפות׳דיקע אינטערעסן און אויף געמיינ־שאַפטלעך־דערגרייכטע רעזולטאַטן — און וועלכער מענטש, וואָס קאָן זען עטוואָס ווייטער פון דעם היינטיקן טאָג, קאָן ניט קלאָר זען די צייט, ווען ביידע פעלקער וועלן צייטיק ווערן פאַר אַזאַ פּאָליטישער פאַראייניקונג? וועלכער מענטש קאָן דאַן ניט קלאָר זען, אַז עס איז די אויפגאַבע פון דער פּראָגרעסי־ווער וועלט צו העלפן פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס וואָס מוז פירן צו אָט אַזאַ ענטפער אויף דעם פּראָבלעם פון אידיש־אַראַבישע באַציאונגען?

סיידן מען שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט אַז יצר לב האדם איז אַלעמאָל געווען און מוז בלייבן שלעכט; סיידן מען האָט פאַרלוירן יעדן גלויבן, אַז די מענטשהייט גייט צו העכערן פּראָגרעס; סיידן מען מיינט אַז דער אַראַבער איז אויף אייביק פאַרמשפּט צו אָפּגעשטאַנענקייט און שקלאַפעריי — דאַן זאָל מען זיך שרעקן, אַז אונזערע אָנשטרענגונגען אין ארץ ישראל וועלן צו גאָר־נישט פירן. גלויבט מען אָבער אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, דאַן בויען מיר אין ארץ־ישראל אויף אַ געזונטן באַדן, טראָץ צייטווייליקע אָנפאַלן. גלויבט מען אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג און אין דעם מענטשלעכן זין פאַר גערעכטיקייט, מעגן מיר און מיר זיינען מחויב קלאָר צו פאַרמולירן אונזערע פולע פּאָליטישע צילן, אַז מיר גייען אין ארץ־ישראל בויען דעם סאָוועריענעם אידישן שטאַט. גלויבט מען אין דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, דאַן דאַרפן מיר האָפן אַז סיי די אַראַבער, סיי די גאַנצע וועלט וועט איינזען דעם אמת׳ן אינטערנאַציאָנאַלן יושר אויף וועלכן אונזערע צילן זיינען באַזירט; אַז ניט בלויז אין וואָרט, נאָר טאַקע אין פאַקט קומען מיר אין ארץ־ישראל ניט נאָר בויען אונזער אייגענע פרייהייט, נאָר אויך מיטצו־העלפן אין דער אמת׳ער באַפרייאונג פון דער אַראַבישער וועלט, סיי עקאָנאָ־מיש, סיי פּאָליטיש, סיי נאַציאָנאַל.

לויט אָט די אַנטוויקלונגען וועלן זיך פאַרמירן די אַראַבישע פּאָליטישע

פאָדערונגען אויף ארץ־ישראל אין דער צוקונפט. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז דער באַוואוסטזיניקער אַראַבער וועט מסכים זיין צום פּלאַן פון „פּאַר־אייניקטע שטאַטן פון נאָענטן מזרח״. ער וועט עס אַליין פאָדערן — און ער וועט, צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן, אָנערקענען דאָס רעכט פון דער אידי־שער נאַציע אויף אַזאַ ארץ־ישראל, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן דוקא וואָס מער אידן אַריינבערענגען אַהין. ווייל וואָס שטאַרקער די אידישע מדינה, אַלץ שטאַרקער און פעסטער וועט זיין די גרויסע, בשותּפות׳דיקע פּאָליטישע געביידע וואָס אַראַבער און אידן וועלן אויפשטעלן, כּדי ביידע פעלקער זאָלן קענען פאַרנעמען זייערע געהעריקע פּלעצער אין דער וועלט.

נאָך איין וואָרט וועגן די מינאָריטעטן־רעכטן אין די שטאַטן פון די באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן, די אַראַבער־מינאָריטעט אין ארץ־ישראל און אפשר אויך אַ אידישע מינאָריטעט אין די אַראַבישע שטאַטן. אַזוי לאַנג ווי עס וועלן עקזיסטירן מינאָריטעטן, באַטראַכט איך אַזעלכע פּאָליטישע רעכט, ווי אויבן דערקלערט, פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך. אָבער איך בין מודה, אַז די שאַרפע נויטווענדיקייט פון די דאָזיקע רעכטן פאַר מינאָריטעטן איז ביי מיר שטאַרק אין ספק, ווען מיר רעדן וועגן אינטערנאַציאָנאַלע באַצי־אונגען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. איך גלויב, אַז די געאָגראַפישע אומשיכטונגען פון מענטשן און גרופּן אונטער אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט, וועט אַזוי פולקאָם באַאיינפלוסט ווערן פון יענעם אינערלעכן דראַנג צו נאַציאָנאַלער אויסלעבונג, וואָס די באַזונדערע גרופּן וועלן אין זיך פאַר־מאָגן, אַז אַלץ וואָס וועט בלייבן נאַציאָנאַל־געזונט ביי יעדן פאָלק, וועט זיך אויך געאָגראַפיש איבערטראָגן צו יענעם געאָגראַפישן פונקט וואו דאָס נאַציאָנאַלע לעבן וועט זיין אַמשטאַרקסטן גאַראַנטירט און וועט פאַרמאָגן די ברייטסטע פרייהייט פאַר אויסלעבונג.

ביז וואַנען דער אַראַבישער פעלאַך און דער אַראַבישער אַרבעטער פון ארץ־ישראל וועט קומען צו זיין באַוואוסטזיניק, איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט ער זאָל ווידער אַמאָל ווערן די האַק אין האַנט פון דעם עפענדי. אָבער ווען ער וועט קומען צו זיין באַוואוסטזיין, וועט ער מוזן צוזאַמען מיט די אידן אַ סוף מאַכן צום עפענדי־טיפּ פון ארץ־ישראל און צוזאַמען מיט אַראַבישע מאַסן אויסער ארץ־ישראל אַרויסטרייבן דעם עפענדי־טיפּ פון גאַנצן נאָענטן מזרח. דורכדעם וועט ער פריי מאַכן דעם וועג פאַר יענער אָנ־געצייכנטער פּאָליטישער פאַרברידערונג צווישן די אידן און אַראַבער, וואָס וועט שפּילן אַן אומגעהויערע ראָלע אין דער געשיכטע פון גאַנצן אָריענט און דורכדעם אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

4. ענגלאַנדס פּאָליטישע ראָלע אין ארץ־ישראל

אויך אין דעם קאַפּיטל ווערט באַטראַכט נאָר די צוקונפט. עס אינטערע־סירן מיך איצט ניט די איצטיקע האַנדלונגען סיי פון דער ארץ־ישראל־דיקער און סיי פון דער לאָנדאָנער רעגירונג; ניט דער באַריכט פון דער שאָ קאָמיסיע און ניט דער גלענצנדער באַריכט פון הערי סנעל — אַפילו ניט יענע טיפערע פּאָליטישע סיבות וועלכע האָבן מצד ענגלאַנד אַרויסגערופן די באַל־פור־דעקלאַראַציע און דעם ווילן איבערצונעמען דעם מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל, הגם די דאָזיקע אַלע פּאָליטישע פראַגן זיינען אומגעהויער וויכטיק אַן־און־פאַר־זיך. ניט פון זיי איז אָפּהענגיק און ניט זיי באַרירן — אפשר מיטן אויסנאַם פון ה׳ סנעלס באַריכט אומדירעקט — יענע היסטאָריש־פּאָליטישע ראָלע וואָס ענגלאַנד דאַרף אויף זיך נעמען אין יענעם פּראָצעס, וואָס זאָל פירן צום אויפבוי פון אַ געמיינשאַפטלעך־פּאָליטישן אָרגאַניזם פון אַראַבער און אידן אין נאָענטן מזרח.

די דאָזיקע פּאָליטישע ראָלע פון ענגלאַנד באַציט זיך זעלבסטפאַרשטענד־לעך ניט בלויז אויף ארץ־ישראל, און ניט בלויז צו אידן און אַראַבער. דאָס איז אַ ראָלע וועלכע ענגלאַנד, אויב נאָר זי וויל אויך ווייטער פאַרנעמען אַ וועלט־פירנדיקע פּאָזיציע, מוז אָנווענדן צו אַלע פעלקער, ראַסן, רעליגיעס און סעקטן, איבער וועלכע זי האָט איצט די ממשלה. אָבער ארץ־ישראל מוז, צוליב געשיכטלעכע סיבות, ווערן פאַר ענגלאַנד דער פּרוביר־שטיין פון איר אייגענער פעאיקייט צו פאַרשטיין דעם היסטאָרישן אויפשריפט אויף דער וואַנט פון דער וועלט־געשיכטע. וועט זי עס אויפנעמען געשיכטלעך־ריכטיק, לויט אינטערנאַציאָנאַלן יושר, לויט דעם אמת׳ן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע גלייכווערטיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט, שטייט פאַר ענגלאַנד פאַר אַ היסטאָריש־וויכטיקע און פּאָליטישע ראָלע. דורך דעם קען זי פאַרוואַנדלען איר אייגענע אימפּעריע אין אַן התחלה פון דער צוקונפטיקער, אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אַן וועל־כער עס זאָלן זיך שפּעטער, מיט זייער אייגענעם ווילן, אָנשליסן אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. וועט עס ענגלאַנד ניט באַגרייפן; וועט ענגלאַנד ניט האָבן אין זינען דעם דאָזיקן גרויסן אַלוועלטלעך־היסטאָרישן ציל, — דאַן שטייען מיר אפשר ביים אָנהויב פון דעם צוזאַמענפאַל פון דער גאַנצער בריטישער אימפּעריע.

יעדער פּאָליטישער בר־דעת, וואָס פאַרמאָגט נאָך דערצו אַ ביסל מוט אַריינצוקוקן אָפן דער צוקונפט אין די אויגן אַריין, מוז שוין איצטער איינזען אין וויכטיקע און פּאָליטישע אומפאַרמיידלעכקייט: אַפילו די בעסטע פּלענער וועגן דער פּאָליטישער צוקונפט פון דער וועלט, וועלכע נעמען ניט אַריין,

ווי אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט, די באַפרייאונג פון די מזרח־פעלקער, וועט לאַנג ניט קענען אויסהאַלטן. קלאָרער ווי אַלע ווען עס דאַרפן פאַרשטיין סאָציאַליסטן. ביי אַלע שווערעקייטן וואָס זיינען זיכער פאַראַן אין דעם פּראָצעס פון אויפלעבונג און אויפהויבונג פון אַלע מזרח־פעלקער, מוז די פּראָגרעסיווע, און בעיקר די סאָציאַליסטישע וועלט באַגרייפן, אַז אָן אַזאַ אויפלעבונג און אויפהויבונג קאָן קיין אמת׳ע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערונג אין דער וועלט ניט באַשטיין. אָן אן אמת־אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערונג, אָן דער אָנער־קענונג פון אַלעמען, אַז אַלע פעלקער פון דער וועלט זיינען באַרעכטיקט צו גלייכשטעלונג אין מעגלעכקייטן סיי פאַר זייערע עקאָנאָמישע, סיי פאַר זייערע גייסטיקע הצטרכותן, וועט קיין פּאָליטישע ענדערונג אין דער געזעלשאַפט, ווי וויכטיק און ריכטיק זי זאָל ניט זיין, ניט קענען זיך לאַנג האַלטן. ווען גאַנץ אייראָפּע מיט אַמעריקע צוזאַמען זאָלן, למשל, מאָרגן איינפירן פולשטענ־דיק דעם סאָציאַליזם און איבערלאָזן די מזרח־פעלקער און די אַנדערש־פאַרביקע ראַסן אין גרויסער עקאָנאָמישער נויט, אין נאַציאָנאַלער פאַרקנעכ־טונג, אין אַ נידעריקערער לעבנס־מדרגה בכלל און ניט תיכף זאָרגן פאַר דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער דערהויבונג און גלייכשטעלונג פון די דאָזיקע פעלקער און ראַסן, — וועט דער סאָציאַליזם זיך לאַנג ניט קענען האַלטן.

און נאָך עפּעס מוז די פּראָגרעסיווע וועלט געדענקען:

אין דעם פּראָצעס פון אויפוואַכונג פונן מזרח ליגן פאַרבאָרגן גרויסע געפאַרן פאַר דער וועלט. אויב דער דאָזיקער פּראָצעס וועט פאָרקומען מיט דער הילף פון דער מער־פּראָגרעסיווער, מער ציוויליזירטער מערב־וועלט ווערן די געפאַרן פאַרקלענערט. זאָל אָבער דער דאָזיקער פּראָצעס פאָרקומען להכעיס דער מערב־וועלט, אין קעגנערשאַפט צו איר — דאַן וועט דער אָנגע־קליבענער צאָרן און האַס, וואָס דורות פון מערבדיק־אימפּעריאַליסטישער פאַרקנעכטונג פון מזרח האָבן איינגעפלאַנצט אין די מזרח־פעלקער, אויסברעכן אין אַזאַ פלאַקער, וואָס קאָן באמת פאַרניכטן אַלץ וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט, סיי אין קולטור סיי אין ציוויליזאַציע.

מוז דעריבער יעדער ערלעכער פּאָליטיקער זיך פאַרשרייבן אין האַרצן איין פאָרמולע: ס׳איז ניט מעגלעך קיין אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערונג אָן דעם מזרח; ס׳איז ניט מעגלעך קיין ערנסטע פּאָליטישע ענדערונגען אין דער וועלט, אָן דער באַפרייאונג און אויסגלייכונג פון די מזרח־פעלקער מיט די מערב־פעלקער.

דריי וועגן זיינען אָפן פאַר דער וועלט בנוגע דעם מזרח:

דער ערשטער — דער אַלט אימפּעריאַליסטישער: מיט שווערדן און באַגנעטן אונטערדריקן און באַהערשן דעם מזרח.

דער צווייטער — דער קאָמוניסטישער. ער גלייבט, אַז צוליב דער וועלט־

רעוואָלוציע איז אַבסאָלוט נויטיק אַז אַלץ וואָס די בורזשואַזע וועלט האָט גע־שאַפן זאָל פאַרניכטעט ווערן. ער ווייסט דערביי, אַז אין די מזרח־פעלקער לעבט אַ באַרעכטיקטער כעס אַנטקעגן מערב. איז בכן פאַרטיק די סטראַטע־גישע באַזע, פון וואַנען מען זאָל אָנצינדן יענעם וועלט־פלאַקער וואָס זאָל פאַרניכטן אַלץ וואָס די פאַרהאַסטע בורזשואַזע וועלט האָט דורך דורות גע־שאַפן, און מאַכן פריי דעם וועג צו דער נייער קאָמוניסטישער ווירטשאַפטס־פאָרם.

דער דריטער — דער אמת אינטערנאַציאָנאַלער. דורך אינטערנאַציאָ־נאַלע הילף — ניט חלילה ווי אַ צדקה וואָס מען טוט מיט די אָרעמע פון מזרח, נאָר מיטן פולן באַוואוסטזיין אַז די גאַנצע וועלט איז אַליין פאַראינטערעסירט אין דעם — זאָל זיך שוין איצט אָנהייבן דער פּראָצעס פון אויפהויבן און באַפרייען אַלע מזרח־פעלקער. דערצו זאָל גלייכצייטיק אין גאַנצן מזרח אָנ־געפירט ווערן סיי אַן אַגיטאַציע, סיי אַזאַ בוי־אַרבעט, וואָס זאָל דעם עמפּינד־לעכן מזרח־מענטשן געבן אַ ביישפּיל ווי אַזוי זיין לעבן איבערצובויען; ווי אַזוי זיין טעכנישע ווירטשאַפט איינצואָרדנען; ווי אַזוי די נאַטירלעכע רייכטי־מער וואָס דער מזרח פאַרמאָגט זאָלן אויסגענוצט ווערן און ניט פאַרוואָרלאָזט ווערן, אויב זיי ברענגען ניט קיין פּראָפיטן ערגעץ אַ קאָנצעסיאָנער פון דער אימפּעריע. פאַרשטייט זיך, אַז ווי אַ סאָציאַליסט האַלט איך פאַר אַ חוב פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, סיי דורך אויפקלערונג, סיי דורך לעבנס ביישפּילן צו דערציען דעם מזרח צו סאָציאַליסטישן און אינ־טערנאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

אין די ערשטע צוויי וועגן ליגט דער חורבן פאַר דער גאַנצער וועלט. דער לעצטער איז דער איינציקער וועג פאַר מענטשן מיט קלאָרע קעפּ, פאַר סאָציאַליסטן מיט ריכטיקן אינטערנאַציאָנאַליזם אין האַרצן.

און אַז מיר נעמען זוכן יענעם קאָנקרעטן פּאָליטישן כח וואָס קען, דאַרף און מוז אויף דעם דאָזיקן דריטן וועג אָנהייבן גיין מיט פעסטע טריט, מוזן מיר אים דערבליקן אין דער „בריטיש לייבאָר פּאַרטיי".

וואָלט איך געדאַרפט באַטראַכטן צי אין די איצטיקע, באַלדיקע און טאָג־טעגלעכע האַנדלונגען פון דער בריטישער אַרבעטער רעגירונג גייט זי אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג, וואָלט איך געמוזט, צוזאַמען מיטן חבר ברייַלספאָרד, ריידן ניט נאָר וועגן דער „אינדישער טראַגעדיע", נאָר אויך וועגן דער „אי־דישער טראַגעדיע".ביידע דינען ליידער פאַר אַ באַווייז, אַז די לייבאָר־רעגי־רונג בלאָנדזשעט. אָבער איך רייד וועגן דער צוקונפט און בלאָנדזשענדיקע — אויב זיי פאַרמאָגן געזונטע, פּאָליטישע אויגן — וועלן סוף־כל־סוף מוזן געפינען דעם ריכטיקן וועג. דאַן וועלן זיי זיך מוזן אַרויסדרייען פון פּלאָנטער און אָנהייבן גיין אויף יענעם היסטאָריש און סאָציאַליסטיש־געזונטן פּאָליטישן

וועג. דער דאָזיקער וועג איז אָנגעצייכנט געוואָרן אויף איינער פון די קאָנ־פערענצן פון די אַרבעטער און סאָציאַליסטישע קערפּערשאַפטן פון אַלע פּעל־קער פון דער בריטישער אימפּעריע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, ווי מיר דאַכט, אין ליווערפּול — און וואָס האָט אין זיין יסוד אַוועקגעלייגט אַזאַ קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פאַר דער אַרבעטער פּאַרטיי, ווי דער דריטער פּלאַן צייכנט אָן. צו אָט דעם וועג וועט די בריטישע אַרבעטער רעגירונג, דורך דעם דרוק פון דער לייבאָר פּאַרטיי, צוזאַמען מיט די אַנדערע פּראָגרעסיווע כחות פון ענגלאַנד מוזן צוקומען. דאַן וועט זיך אָנהייבן די אמת׳ע היסטאָרישע ראָלע פון ענגלאַנד אין מזרח.

דאָס רעאַקציאָנערע ענגלאַנד וועט נאַטירלעך אויך ווייטער זוכן צו גיין אויף דעם ערשטן וועג. זי וועט דורך אַלע פּאָליטישע מיטלען וואָס שטייען אין איר רשות (איינשליסנדיק אויך דאָס שטאַרקן שטילערהייט די הענט פון עפענדיס און מופטיס צו פּאָגראָמען און „אויפשטאַנדן״) לייגן שטיינער אין וועג פון די פּראָגרעסיווע כחות אין ענגלאַנד. טאָמער וועט די ענגלישע רע־אַקציע זיגן — מוז קומען דער צוזאַמענפאַל פון דער בריטישער אימפּעריע, ווייל קיין כח אין דער וועלט קען ניט אָפּשטעלן דעם דראַנג פון די מזרח־פעלקער צו פרייהייט. דער זיג פון דער ענגלישער רעאַקציע אין דער קאָלאָ־ניאַלער פּאָליטיק מיינט אַ טויט אורטייל איבער גרויס־בריטאַניע ווי אַ וועלט־פּאָליטישער פאַקטאָר. די רעטונג פון ענגלאַנד ליגט אין דעם דריטן וועג פאַר דער לייזונג פון די מזרח־פּראָבלעמען.

ענגלאַנד מוז געדענקען, אַז אויב זי וועט ניט היטן אירע אייגענע טריט, דראָט איר אַ געפאַר ניט נאָר פון אירע אייגענע רעאַקציאָנערן — וועלכע זענען ניט מער ווי זייערע אייגענע אימפּעריאַליסטישע צילן — נאָר אויך פון די קאָמוניסטן. מען דאַרף זיין פּאָליטיש בלינד בכדי ניט איינצוזען, אַז דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל באַטראַכט ענגלאַנד פאַר זיין שטאַרקסטן שונא אין דער וועלט. וואָס שטאַרקער די רעאַקציע ווערט אין ענגלאַנד, אַלץ שנעלער קען דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אָנפירן זיין בלוט־העצע אין מזרח. אויב די פּראָגרעסיווע ענגלאַנד ווייסט וואָס איז גוט פאַר איר און פאַר דער וועלט, וועט זי געפינען סיי דעם מוט, סיי די פּראַקטישע וועגן ווי אַזוי אָנצוהייבן פאַרענטפערן די מזרח־פּראָבלעמען אין דעם זין פון אמת־סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

דערביי מוז זי זיך אויסהיטן פון אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק. דוקא צוליב די קאָמפּליקאַציעס וואָס זי וועט געפינען אין איר וועג, מוז איר פּאָליטיק שטענדיק באַלויכטן ווערן פון אַ קלאָרן ענד־ציל. די געשיכטע האָט אויף דער פּראָגרעסיווער ענגלאַנד אַרויפגעלייגט אַ זייער שווערע, אַ זייער קאָמ־פּליצירטע, אַ זייער אחריות׳פולע, דערפאַר אויך אַ זייער ווירדיקע פליכט.

די געשיכטע האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט אָנצופירן מיטן מזרח. ווי וועט זיין סיי איר, סיי דער גאַנצער וועלט, אויב די איצטיקע אַרבעטער רעגירונג וועט ווייטער בלאָנדזשען אין איר קאָלאָניאַלער פּאָליטיק. ווארום קאָן אַלעמען זיין, אויב זי וועט אויסנוצן די גרויסע מאַכט וואָס די געשיכטע האָט אַריינגע־געבן אין איר האַנט אָנצוהייבן צוגרייטן די מזרח־פעלקער צו אמת׳ער פאַרברי־דערונג מיט די מערב־פעלקער אויפן יסוד פון דער אָנערקענונג פונעם רעכט פון אַלע פעלקער צו פולשטענדיקער פרייהייט און אויסלעבונג און אויפן יסוד פון סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דעם גאַנצן ווירטשאַפטס־סיסטעם פון דער געזעלשאַפט.

אַודאי פאַרנעמען אינדיע, עגיפּטן און איראַק מער די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט און אויך פון גרויס־בריטאַניע ווי ארץ־ישראל. אָבער דוקא דורך ארץ־ישראל קען דאָס פּראָגרעסיווע ענגלאַנד בולט׳ער מאַכן אירע אמת׳ע צילן פאַרן גאַנצן אָריענט ווי דורך וועלכן ס׳איז אַנדערן לאַנד. דעריבער וועט דוקא ארץ־ישראל מער דינען אַלס פּרוביר־שטיין פאַר דער פעאיקייט פון דער פּראָגרעסיווער ענגלאַנד צו פאַרשטיין דעם געשיכטלעכן געבאָט פון דער נאָענטער צוקונפט. דער שאַרפסטער פונקט פון קאָנפליקטן אין דער בריטישער אימפּעריע איז אינדיען. אַ פאַרגלייך צווישן די פּאָליטישע צוזאַמענשטויסן אין אינדיען און אין ארץ־ישראל מוז אַרויסברענגען פאָלגנדע פונקטן:

ערשטנס. — ניטאָ אין אינדיע אַזאַ כח וואָס זאָל באַוואוסטזיניק איינזען, אַז אויך זיין היסטאָרישער גורל איז פאַרבונדן דוקא מיט אָט אַזאַ קאָלאָניאַלער פּאָליטיק וואָס די פּראָגרעסיווע ענגלאַנד דאַרף און מוז אָנהייבן פירן אין גאַנצן מזרח. די מאַכטעדאַנישע וועלט, אויף וועלכער ענגלאַנד שטיצט זיך פּאָליטיש אין אינדיע, איז זיכער צו אַזאַ היסטאָרישן באַוואוסטזיין נאָך ווייט ניט דערגאַנגען. סיי די מאַכמעדאַנער, סיי די הינדוסן אין אינדיע נויטיקן זיך נאָך שטאַרק אין אַ פעריאָד פון דערציאונג. ערשט שפּעטער קענען זיי אָנהייבן באַגרייפן די היסטאָרישע פאַרבינדונג צווישן זייערע מאַסן מיט דער פּראָגרע־סיווער ענגלאַנד באַזירט ניט אויף מאָמענטאַלע, צייטווייליק פּאָליטישע פּרי־ווילעגיעס וואָס איין צד קאָן אפשר קריגן אינעם שפּיל אַנטקעגן צווייטן צד, נאָר אַ פאַרבינדונג באַזירט אויף דעם געמיינשאַפטלעכן היסטאָרישן אינטע־רעס אויסצוגלייכן אַלע פעלקער פון דער וועלט אין זייערע מעגלעכקייטן צו לעבן ווי זייער אייגענער גייסט דיקטירט און אויסצוגלייכן די לעבנס־באַדינגונגען פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט. אין ארץ־ישראל איז דער דאָזיקער כח שוין איצט אַ פאַקט. ניטאָ דעריבער אין אינדיע אַזאַ שטאַרק־פאַראינטערעסירטער שותף פאַר דער פּראָגרעסיווער ענגלאַנד, און דערפאַר אַזאַ נוצלעכער שותף ווי די אידן זיינען אין ארץ־ישראל.

צווייטנס. — ניטאָ אין אינדיע קיין עלעמענט, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן

בויען יענעם גרויסן ביישפּיל, אין וועלכע די היסטאָרישע צוקונפט פון מזרח זאָל בולט ווערן פאַר אַלע מזרח־פעלקער. עס איז דאָך איבעריק צו אונטער־שטרייכן, אַז יענעם שווערן וועג — וואָס דער מזרח דאַרף דורכגיין ביז ער וועט פעאיק ווערן צו פאַרנעמען זיין גרויסן היסטאָרישן אָרט אין דער וועלט — וועט מען דורך בלויזער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע ניט דורכמאַכן. פאַר די אימפּעריאַליסטן וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זייערע באַגנעטן, אָדער פאַר די קאָמוניסטן פאַר וועמען דער מזרח איז בלויז אַ צוגעפּאַסטער צינד־מאַטעריאַל פאַר זייערע צילן, זיינען אַזעלכע ביישפּילן ניט נאָר ניט־נויטיק נאָר גאָר שעדלעך, אָבער פאַר יענע וועלכע מוזן אָננעמען דעם דריטן וועג איז אומ־געהויער וויכטיק די אויסבילדונג, די קולטורעלע און ציוויליזאַטאָרישע דער־הויבונג פון די מזרח פעלקער גופא. דער כח פון ביישפּיל איז שטענדיק גרויס. בפרט ווען דער ביישפּיל ווערט אויפגעבויט אויף יענעם קולטור־היסטאָרישן און סטראַטעגיש־געאָגראַפישן פונקט — ארץ־ישראל — וואָס האָט געהאַט אַזאַ געוואַלדיקעווירקונג אויפן אָריענט אין די פאַרגאַנגענע דורות. אָט דער דאָזיקער מאָמענט וועט וואָס ווייטער אַלץ וויכטיקער ווערן אין דער היסטאָ־רישער ראָלע וואָס דאָס פּראָגרעסיווע ענגלאַנד דאַרף דורכפירן אין אָריענט. דער אידישער אויפבוי פון ארץ־ישראל ווערט דורכדעם אויפגעהויבן צו אַן אומגעהויער־וויכטיקן וועלט־פּראָבלעם.

דריטנס. — דווקא ווייל אַרום ארץ־ישראל גופא קומט איצט פאַר אַן אינערלעכער־אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפליקט, וואָס איז פיל מער קאָמפּליצירט דורך דעם פאַקט וואָס די אידישע נאַציע איז נאָך אין ארץ־ישראל ניטאָ, — ווערט ארץ־ישראל אַ מער בולט׳ער פּרובירשטיין פעסצושטעלן צי די פּראָג־רעסיווע ענגלאַנד איז צוגעפּאַסט צו איר היסטאָרישער ראָלע אין אָריענט. דאָ וועט די פּראָגרעסיווע ענגלאַנד דאַרפן באַווייזן איר טיפערע פאַרשטענ־דעניש פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, ווי אין די לענדער, וואו די פעלקער זיצן שוין אין זיי. בולט׳ע סימנים פאַר אַזאַ פאַרשטענדעניש מערקט מען אין די מיינונגען פון א סנעל, אַ בריילספאָרד, אַ וועדזשוואוד און אַנדערע.

אַ בולט׳ער סימן איז אָן ספק אויך געווען די באַלפור־דעקלאַראַציע. אויב זי האָט אַ היסטאָרישן זין, באַשטייט ער אין דעם, וואָס זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז אויף ארץ־ישראל האָבן די אידן תביעות ווי אַ פאָלק וועמענס נאַציאָנאַלע היים דאַרף דאָרט געבויט ווערן; און די אַראַבער האָבן תביעות ווי אַ דאָר־טיקע באַפעלקערונג וועמעס רעכט, ווי אַ באַפעלקערונג, דאַרף אָפּגעהיט ווערן. די באַלפור־דעקלאַראַציע זוכט צו געבןביידע פעלקער יענע רעכט אין וועלכע זיי נויטיקן זיך. דאָס אידישע פאָלק האָט ניט קיין אַנדער נאַציאָנאַ־לע היים. אָנערקענט די באַלפור־דעקלאַראַציע פאַרן אידישן פאָלק דאָס דאָזיקע רעכט אויף ארץ־ישראל. דאָס אַראַבישע פאָלק פאַרמאָגט נאַציאָנאַלע

היימען, דאַרפן די אַראַבער אין ארץ־ישראל בלויז די גאַראַנטיעס פאַר זייער רעכט ווי אַ באַפעלקערונג וואָס וואוינט אין אַ לאַנד, וואָס איז די נאַציאָנאַלע היים פון אַן אַנדער פאָלק. מען טאָר אָבער ניט לייקענען, אַז עס זיינען אויך דאָ סימנים פון אומפאַרשטענדעניש מצד אַנדערע פירער פון דער פּראָגרע־סיווער און פון דער אַרבעטנדיקער ענגלאַנד. דאָס פּראָגרעסיווע ענגלאַנד וועט מוזן פאַרשטיין, אַז לייזן דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון אידישן פאָלק איז פּונקט אַזאַ וועזנטלעכער טייל פון דער אויפגאַבע — צוצוגרייטן די וועלט צו אַן אמת יושרדיקער, אינטערנאַציאָנאַלער באַציאונג — ווי לייזן דאָס פּראָבלעם פון אינדיע, עגיפּטן אָדער אַנדערע מזרח־פעלקער. עס איז אונזער אויפגאַבע פאַרצושלאָגן פאַר דער פּראָגרעסיווער ענגלאַנד אַזעלכע פּאָליטישע פּלענער, וועלכע זאָלן די אַראַביש־אידישע פראַגע פאַרענטפערן אין זין פון אינטערנאַציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט; און עס איז די אויפ־גאַבע פון דער פּראָגרעסיווער ענגלאַנד צו זאָרגן דערפאַר, אַז יענע וועלכע אַדמיניסטרירן ארץ־ישראל אין איר נאָמען זאָלן ניט דינען די ענגלישע און אַלוועלטלעכע רעאַקציע, נאָר דעם אמת׳ן פּראָגרעס פון דער גאַנצער וועלט. וועט די פּראָגרעסיווע ענגלאַנד דערפאַר ניט זאָרגן, וועט זי דאַן פאַרפעלן איר היסטאָרישע ראָלע אין מזרח און די רעזולטאַטן וועלן מוזן זיין זייער שלעכטע סיי פאַר גרויס־בריטאַניע, סיי פאַר אונז, סיי פאַר דער גאַנצער וועלט.

דערמיט מיין איך ניט צו באַהויפּטן, אַז אונזער גורל אין ארץ־ישראל איז לחלוטין אָפּהענגיק פון ענגלאַנד און פון אַזאַ פּראָגרעסיווער ענגלישער פּאָליטיק. עס איז אפשר נויטיק ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען אַלע וועלכע האָבן עפּעס צו זאָגן איבער אונזער גורל אין ארץ־ישראל (איינשליסנ־דיק אויך די בריטישע אַרבעטער־רעגירונג), אַז דעם כח צו מאַכן אונז פאַר אויס פאָלק פאַרמאָגן זיי קיינער ניט. דער דאָזיקער כח ליגט אין אונז אַליין. בלויז אין דעם איז אָפּהענגיק אונזער גורל אין ארץ־ישראל. אויב אונזער לעבנס־קראַפט ווי אַ נאַציע האָט זיך אויסגעשעפּט, וועלן מיר ממילא גאָר־נישט קענען דערגרייכן אַפילו ביי די בעסטע פּאָליטישע באַדינגונגען. אויב אָבער אונזער לעבנס־קראַפט אַלס נאַציע איז, ווי מיר זיינען טיף איבערצייגט, ניט אויסגעשעפּט; אויב מיר פאַרמאָגן אינעווייניקסטן שעפעריש־נאַציאָנאַלן ווילן, דאַן וועט אַ נייע פּאָליטישע שטערונג דאָ אָדער דאָרטן בלויז שווערער מאַכן אונזער וועג, אָבער בשום אופן ניט אָפּשטעלן אונזער שטענדיקן דראַנג צו בויען פאַר אונז אין ארץ־ישראל אונזער נאַציאָנאַלן זיכערקייטס־בנין. אויב ענגלאַנד וועט עס ניט פאַרשטיין, דאַן זאָל ענגלאַנד געדענקען, אַז מיר האָבן אונזערע האָפנונגען אויף ארץ־ישראל ניט אויפגעגעבן, ניט ווען די קאַליפן זיינען געווען די בעלי־בתים, ניט ווען די קרייצצוגלער האָבן מנצח

גענוען, ניט ווען רוים האָט באַהערשט ירושלים און ניט ווען קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געזוכט צו פאַרניכטן דאָס יונגע תל־אביב.

זאָל ענגלאַנד געדענקען, אַז דער מאָדערנסטער אויסדרוק פון אונזער אייביקן דראַנג נאָך ארץ־ישראל — דער ציוניזם — צוזאַמען מיט זיין הערלעכסטע דערהויבנסטע שאַפונג — דער ארץ־ישראלדיקער חלוציזם — האָט זיך אָנגעהויבן איידער לאָנדאָן איז געוואָרן דער מושל איבער ארץ־ישראל. אונזער אַרבעט אין ארץ־ישראל הייבט זיך ניט אָן און ענדיקט זיך דעריבער ניט מיט דער ענגלישער ממשלה. מיר זיינען אָדער היסטאָריש גע־רעכט אָדער היסטאָריש אומגערעכט. אין לעצטן פאַל קאָן אונז קיינער גאָרניט געבן. אין ערשטן פאַל אָבער קאָן קיינער ניט אָפּשטעלן אונזער היסטאָרישע אַרבעט אויפצובויען פאַר אונז אַזאַ נאַציאָנאַלע באַזע, וואָס זאָל אונזער נאַציע גלייכשטעלן מיט אַלע נאַציעס פון דער נאַציאָנאַל־פאַרברידערטער מענטש־הייט. דאָס מוז ענגלאַנד געדענקען.

אָבער אויך מיר מוזן עפּעס געדענקען: בלויז אין אַלוועלטלעכער צו־זאַמענאַרבעט מיט די פּראָגרעסיווע כחות פון אַלע פעלקער ליגט די גאַראַנטיע, אַז אונזער בוי־אַרבעט וועט סוף־כל־סוף זיין דערפאָלגרייך. מיר מוזן גע־דענקען, אַז עס איז ניט אין אונזערע אינטערעסן אַז לאָנדאָן זאָל אַרויס פון ארץ־ישראל, אויב נאָר לאָנדאָן וועט זיין רעפּרעזענטירט דורך דער פּראָג־רעסיווער ענגלאַנד. מיר מוזן געדענקען, אַז טראָץ די בלאָנדזשענישן פון דער אַרבעטער־רעגירונג, טראָץ אירע צייטווייליקע האַנדלונגען וואָס זיינען שעד־לעך סיי פאַר אונז, סיי פאַר איר אַליין, וועט זיך די ליניע מוזן סוף־כל־סוף אויסגלייכן. ניט נאָר צוליב אונז וועט עס מוזן געשען. מער אפשר צוליב די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט, וועלכע קען ערשט דאַן געפינען אָפּרו, ווען זי וועט געפינען אַן ענטפער סיי צו די נאַציאָנאַלע, סיי צו די סאָציאַלע קאָמפּליקאַציעס וואָס זי האָט פון פריערדיקע דורות גע׳ירשנט.

אָבער אויך צוליב די אינטערעסן פון ענגלאַנד אַליין וועט דער היסטאָ־רישער טעות מוזן אויפגעקלערט ווערן. דאָס רעאַקציאָנערע ענגלאַנד קען און וועט אין אונז קיין פאַרבינדעטע ניט האָבן. דאָס פּראָגרעסיווע ענגלאַנד קען, מוז און וועט מיט אונז אַריינטרעטן אין שותפות, ווייל סיי זי און סיי מיר זיינען בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דער אויפלעבונג פון מזרח. דאָס רעאַק־ציאָנערע ענגלאַנד וועט שיקן קיין ארץ־ישראל אַן אַדמיניסטראַציע וואָס וועט ווערן אַ לאָקיי ביי די עפענדים און מופטים; זיי העלפן פּאַגראָמירן אידן און האַלטן אין אייביקער קנעכטשאַפט די אַראַבישע מאַסן, ווי אַלע אַנדערע מזרח־פעלקער. זיי וועלן אודאי זייערע צילן ניט דערגרייכן. די מזרח־פעלקער וועלן סוף־כל־סוף אויפשטיין און די גאַנצע בריטישע אימפּעריע וועט איינפאַלן ווי אַ קאָרטן־הויז. דאָס פּראָגרעסיווע ענגלאַנד וועט אָבער סוף־כל־סוף מוזן שיקן

קיין ארץ־ישראל אַן אַדמיניסטראַציע וואָס זאָל געפינען דעם וועג אויפצו־הויבן די אַראַבישע מאַסן, אָבער ניט אויפן חשבון פון די אידן, נאָר דוקא אין שותפותדיקער קאָאָפּעראַציע מיט זיי. פּונקט ווי דאָס פּראָגרעסיווע ענגלאַנד וועט מוזן שיקן אין אַנדערע טיילן פון מזרח אַזעלכע אַדמיניסטראַציעס, וואָס זאָלן אויפריכטיק העלפן אויפלעבן און אויפהויבן די פעלקער פון אָריענט.

אָט דאָס וועט זיין ענגלאַנדס פּאָליטישע ראָלע אין ארץ־ישראל — ווי אַ טייל פון איר פּאָליטישער ראָלע אין גאַנצן אָריענט — אויב ענגלאַנד וועט אַליין ניט וועלן פירן צום צוזאַמענפאַל פון דער בריטישער אימפּעריע, אָדער דורך אירע אייגענע רעאַקציאָנערע אימפּעריאַליסטן, אָדער דורך דער בלוט־העצע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — און אפשר גאָר דורך אַ צוזאַ־מענשפּיל פון ביידן: פון אירע אייגענע רעאַקציאָנערן בשותפות מיט די קאָ־מוניסטן.

די געשעענישן אין ארץ ישראל און זייערע סיבות

פאַרטראַג אויפן פּאַרטיי־ראַט פון די פּוילישע פּועלי־ציון אין וואַרשע, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 4־טן אַפּריל, 1937.

א.

פון וואַנען האָבן זיך גענומען די אומגליקן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן האָגלען אויף אונזער ישוב אין ארץ־ישראל דעם 19טן אַפּריל 1936? מיר מוזן געדענקען, אַז אַ באַזע פאַר אַזעלכע אומרוען עקזיסטירט שטענדיק אין ארץ־ישראל. זינט דעם ערשטן טאָג נאָך דער מלחמה — און אפשר נאָך פון פריערדיקע צייטן — איז פאַראַן אַ יסוד, וואָס קען שטענדיק אַרויס־רופן אַזעלכע אומרוען. ער ליגט אין די סתירהדיקע אינטערעסן פון פאַר־שידענע פּאָליטישע פיגורן, וואָס שטייען זינט נאָך דער מלחמה אויפן שאַך־ברעט פון ארץ־ישראל. ענגלאַנד האָט אירע אינטערעסן. אַמאָל פאַלן זיי צוזאַמען מיט אונזערע, אָבער אָפט גייען זיי אויך להיפוך צו אונזערע אינ־טערעסן. די אַראַבער — בעיקר יענע גרופּע פון אַראַבער, וואָס פירט איצ־טער דאָס אַראַבישע פאָלק — מיינען, אַז די אינטערעסן פון אידן און אַראַ־בער זיינען און מוזן אייביק בלייבן קעגנזעצלעך. מיר זיינען איבערצייגט, אַז אין די לעצטע צילן אונזערע איז נישטאָ קיין סתירה צווישן אונזערע אינטערעסן און די אַראַבישע. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז ביז וואַנען מיר וועלן דערגרייכן אונזערע לעצטע צילן מוזן מיר דורכגיין גאַנצע שטחים פון אינטערעסן־קעגנזאַצן אויך מיטן אַראַבישן שכן־פאָלק. אָט אין דעם שטח פון אינטערעסן־קעגנזאַצן ליגט דער יסוד פאַר מעגלעכע אומרוען.

אָבער נישט אַלע אומרוען, וואָס זיינען פאָרגעקומען זינט דער בריטי־שער אָקופּאַציע, האָבן געהאַט פאַר זייער באַלדיקער באַזע די זעלביקע סיבות. אויף דעם אַלגעמיינעם שטח פון אינטערעסן־קעגנזאַצן וואַקסן אויך אויס ספּעציעלע דערשיינונגען. זיי קלייבן זיך צוזאַמען אין אַ געוויסער צייט, ווערן פאַרשפּיצט און ברענגען צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן. וועלכע זיינען געווען די ספּעציעלע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די איצטיקע אומרוען?

די אומרוען האָבן זיך נישט אָנגעהויבן — ווי מ׳מיינט — דעם 19טן אַפּריל 1936. די ספּעציעלע סיבות, וואָס האָבן געפירט צו זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער. זיי ליגן אויפן שטח פון איטאַליעניש־ענגלישע באַ־ציאונגען: דער צוזאַמענשטויס פון ענגלאַנדס אינטערעסן אין נאָענטן מזרח מיט די אַספּיראַציעס פון דעם יונגן, וואַקסנדיקן און דערפאַר געפערלעכן אימפּעריאַליזם פון איטאַליע, וואָס חלומט פון באַנייען די רוימישע אימפּע־ריע און זוכט אַרויסצושטויסן ענגלאַנד פון אירע איינפלוס־פּאָזיציעס אין פיל טיילן פון דער וועלט, בעיקר אָבער פון נאָענטן מזרח.

דער שאַרפסטער אויסדרוק פון אָט־דעם צוזאַמענשטויס איז געקומען דורך דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה. סיי ענגלאַנד, סיי איטאַליע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע מלחמה איז נאָר אַן אָנהויב אין אַ גרויס־צוגיקן פּאָליטישן שאָך־שפּיל מצד איטאַליע. אויב זי זאָל נישט אָפּגעשטעלט ווערן, האָט זי צווײ וועגן וואוהין זיך אויסצושפּרייטן: אָדער טיפער אין דרום — ווער ווייסט ביז וואַנען — אָדער העכער צום צפון, איינשליסנדיק דעם גאַנצן נאָענטן מזרח. אין אָט־דעם גאַנצן שטח פון אינטערעסן־שפּיל צווישן ענגלאַנד און איטאַליע ליגט ארץ־ישראל.

איטאַליע האָט שוין געמאַכט ניט איין פאַרזוך אַריינצודרינגען אין ארץ־ישראל. נישט אַלע פון זיי זיינען געלונגען. איטאַליע האָט אויפגעבויט אַ נעץ פון קרעדיט־געזעלשאַפטן, מיט אַ געוויסער באַנק אין דער שפּיץ, וועלכע זוכט זיך דורך ביליקע קרעדיטן ווירטשאַפטלעך אַריינצורייסן אין אונזער בוי־אַרבעט. ביים אָנהויב פון דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה — ווען איטאַליע האָט זיך מער גענויטיקט אין באַלדיקער וואַלוטע, כדי צו קענען באַזאָרגן איר אַרמיי, ווי אין יענע פּאָליטישע צילן, וועלכע זי פאַרבינדט מיט אירע ווירטשאַפטלעכע קרעדיטן אין ארץ־ישראל — האָבן די איטאַ־ליענישע קרעדיט־אַנשטאַלטן אָפּגעשטעלט זייערע קרעדיטן; זיי האָבן גע־זוכט צוריקצובאַקומען די הלוואות וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. אידן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט איטאַליענישע קרעדיטן האָבן תיכף געמוזט אָפּשטעלן זייערע אַרבעטן. מיר האָבן דאָס באַלד דערפילט אין דער בוי־אינדוסטריע און אין די נעבן־אינדוסטריעס, וועלכע באַדינען די בוי־אינדוסטריע. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען אַ פינאַנץ־קריזיס, וואָס איז צום גליק באַזיי־טיקט געוואָרן. אָבער די אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן דערפון וואָס אינדוסטריען, געבויט מיט איטאַליענישן קרעדיט, האָבן געמוזט אָפּ־שטעלן זייער אַרבעט, האָט אונז זייער טייער געקאָסט. באַלד איז געקומען דער שניט פון אונזער עליה. באַנוצנדיק זיך מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט, האָט די רעגירונג רעדוצירט די צאָל פון סערטיפיקאַטן: אין דעם האַלבן יאָר פון אַפּריל ביז סעפּטעמבער 1935 האָט די צאָל דערגרייכט 10.500 און פאַר דעם צווייטן האַלבן יאָר, נאָכדעם ווי עס האָט זיך באַוויזן די אַרבעטס־לאָזיקייט, האָבן מיר שוין באַקומען נישט מער ווי 4,500. דאָס איז געווען די ווירקונג פון דער איטאַליעניש־אַביסינישער מלחמה אויף אונזער ווירט־שאַפטלעכן לעבן. נישט־דירעקט האָט זי אויך געהאַט אַזאַ פאַטאַלע ווירקונג אויף אונזער עליה.

נאָך שאַרפער האָבן מיר די רעזולטאַטן פון דער מלחמה דערשפּירט אין די אידיש־אַראַבישע באַציאונגען. די גאַנצע אַראַבישע וועלט איז אויפ־געררודערט געוואָרן. אויך די אַראַבישע וועלט קוקט מיט גרויס אומרו אויף

די איטאַליענישע אַספּיראַציעס. פון דעם אַראַבישן שטאַנדפּונקט וואָלט איטאַליעס אַרויסשטויסן ענגלאַנד — און איבערנעמען איר השפעה איבער די אַראַבישע לענדער — געווען פון גרעסטער געפאַר. די אַראַבישע לענדער וואָלטן דאַן געהאַט אַן אימיגראַציע־פּראַגע ניט בלויז אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין אַלע לענדער. די אַראַבער, פּונקט ווי די אידן, פאַרשטייען, אַז פון די צוויי אימפּעריאַליזמען, אויב זיי זיינען געצוואונגען מיט איינעם פון זיי צו זיין פאַרבונדן — איז דער איטאַליענישער אימפּעריאַליזם אַ סך שעדלעכער. דערפאַר איז ענגלאַנד געלונגען אויפצושטעלן אַ וואַנט פון אַראַבישע לענדער קעגן דער געפאַר פון איטאַליענישער אַריינדרינגונג. אָנהויבנדיק פון תימן ביז מצרים האָבן די מערסטע פון די אַראַבישע לענדער געשלאָסן אָפּמאַכן מיט ענגלאַנד. אויך אַזעלכע פּאַרטייען אין די אַראַבישע לענדער, וועלכע האָבן געפירט העפטיקע מלחמות און אויפשטאַנדן קעגן ענגלאַנד, זיינען געווען געצוואונגען — צוליבן פחד פאַר איטאַליע — זיך אַנדערש צו אָריענטירן. דאָס איז זיכער געווען איינע פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין די אָפּמאַכן פון איראַק און מצרים מיט ענגלאַנד און אין דער דערנענטערונג פון סאַודיע צו אַ מער־ענגלישער אָריענטאַציע.

איטאַליע האָט געזוכט אַ דורכברוך פון אָט־דעם אַראַבישן פראָנט און זי האָט אים געפונען אין ארץ־ישראל. די אַראַבישע פירער פון ארץ־ישראל האָבן געמיינט, אַז צוליב דעם, וואָס ענגלאַנד שרעקט זיך פאַר דער איטאַליענישער אַריינדרינגונג וועט זיך ענגלאַנד פילן שטאַרק אָפּהענגיק פון די אַראַבער און וועט זיי נאָכגעבן וואָס נאָר זיי וועלן פאָדערן. זיי דאַרפן נאָר אַרויסברענגען זייערע פאָדערונגען אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָלן באַווייזן ענגלאַנד ווי ערנסט זיי מיינען עס. און די צוגרייטונגען פאַר די אָנפאַלן אויפן אידישן ישוב האָבן זיך אָנגעהויבן.

איטאַליע איז זיכער נישט געשטאַנען פון דער ווייטן. איך ווייס נישט, אויב עס געפינען זיך אין די געהיימע אַרכיוון פון דער בריטישער רעגירונג דאָקומענטן, וואָס זאָלן ווייזן, אויסער יעדן ספק, אַז די אומרוען זיינען געפלאַנט און אָרגאַניזירט געוואָרן מיט דער איטאַליענישער הילף. קען זיין, אַז אַזעלכע קאָנקרעטע באַווייזן זיינען נישטאָ. אָבער מיר שיינט: היינט צווייפלט שוין קיינער נישט, אַז די איטאַליענישע האַנט איז געווען שטאַרק אַריינגעמישט אין די אומגליקן, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט.

די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָן ספק שטאַרק איבערגעשראָקן; נישט אַזוי פאַר די ניין הונדערט טויזנט ארץ־ישראל'דיקע אַראַבער, נאָר פאַר דער מעגלעכער ווירקונג, וואָס דאָס קען האָבן אין אַלע אַראַבישע לענדער, וואו ענגלאַנד האָט געזוכט און געפונען אַ שטיץ־פּונקט קעגן דער איטאַליענישער אַריינדרינגונג. דערמיט דערקלערט זיך די מערקווירדיקע האַלטונג,

וואָס האָט נישט קיין גליכן אין דער געשיכטע: די רעגירונג שטעלט אויף קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין ארץ־ישראל; זי שיקט אַהין אַריין מענטשן, וועלכע זי באַטראַכט ווי פאַרברעכער, ווי טעראָריסטן, וואָס ווילן אונטער־גראָבן איר פּרעסטיזש און אפשר אינגאַנצן זי באַזייטיקן. אָבער דער ראש פון דער דאָזיקער רעגירונג, דער הויך־קאָמיסאַר בכבודו ובעצמו, קומט איינמאָל און אַ צווייטן מאָל אין די דאָזיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און זאָרגט דערפאַר, אַז עס זאָל די וואָס געפינען זיך דאָרטן חלילה קיין זאַך נישט פעלן.

די אַראַבער האָבן דערשפּירט דעם פּחד פון דער רעגירונג. זיי האָבן זיך דערמיט באַנוצט און די אומרועו, וואָס זיינען לכתחילה געפּלאַנט גע־וואָרן אויף אַ קורצער צייט, האָבן דורך דער שוואַכקייט פון דער רעגירונג זיך אַזוי פאַרצויגן, אַז נאָך היינט קען מען נישט זאָגן, אַז זיי האָבן זיך שוין געענדיקט.

דאָס איז געווען דער פּאָליטישער יסוד פאַר די אומרועו פון 37—1936. דאָס זיינען די ספּעציעלע באַדינגונגען וואָס האָבן זיך פאַרשפּיצט, ביז זיי האָבן דערפירט צו די אומגליקן. דער דאָזיקער יסוד, געשטיצט פון די באַ־דייטנדיקע פאַרשטאַרקונגען פון אידישע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל אין די לעצטע יאָרן, האָט אַרויסגערופן ביי די אַראַבישע כנופיות און זייערע פירער אין אַראַבישן הויך־קאָמיטעט דעם באַשלוס פון פּרוּוון אָפּשטעלן אונזער בוי־אַרבעט. דאָס האָט באַשטימט דעם פאַרנעם, דעם אויסדויער פון די געשעענישן. דורך דער פּאָליטיש־פאַראינטערעסירטער איטאַליע האָבן די אַראַבער געקראָגן זייערע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן אויסצוהאַלטן אַזאַ לאַנגן שטרייט. אַנדערע פּאָליטיש־פאַראינטערעסירטע כוחות האָבן אויך מיטגע־האָלפן. מיר מוזן מודה זיין, אַז די געשעענישן האָבן געגנוג געווירקט אויף דער רעגירונג. זי האָט אָנגעהויבן זוכן אַ וועג ווי אַזוי די כנופיות מפייס צו זיין.

ווי אַ רעזולטאַט דערפון איז געקומען די קייזערלעכע קאָמיסיע. מיר געפינען זיך שוין היינט ביים סוף פון דעם ערשטן קאַפּיטל אין אָט־דעם נייעם ספר, וואָס וועט הייסן „די קייזערלעכע קאָמיסיע". וואָס זי ברענגט אונז ווייסן מיר נאָך נישט, אָבער וואָס זי קען אונז ברענגען קען מען שוין אָנצייכענען און פּרובירן פאָרמולירן אונזער שטעלונג צו די פאַרשידענע, מעגלעכע אויספירן פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע.

די מאָטיוון, וועלכע וועלן זי באַוועגן, וועלן אָן ספק זיין פאַרשידענע. די קאָמיסיע־מיטגלידער וועלן זיך מוזן רעכענען מיט דעם אומגעהייערן מאַטעריאַל, וואָס אונזערע עדות האָבן זיי צוגעשטעלט. אַז די קאָמיסיע וועט פאַרלאַנגען פון אונז הנחות, דאַרף לוידער זיין קלאָר. מיר האָבן די קאָמיסיע

נישט איינגעלאַדן און זי איז נישט געקומען אונז איינצושטילן. לײדער מוז מען אויך געדענקען, אַז אירע חשבונות וועט זי מאַכן לויט די אינטערעסן פון ענגלאַנד. דאָ מוזן מיר דערשיינען אין דער איצטיקער צייט ווי אַ ווייניק־וואָגיקער ציפער אין פאַרגלייך מיט דער אַראַבישער וועלט. איך רעכן דע־ריבער, אַז אין די אויספירן — צו וועלכע די קאָמיסיע וועט קומען — וועט שפּילן אַ גרויסע ראָלע די פאַרשאַרפונג אָדער די אַנטשפּאַנונג פון בריטיש־איטאַליענישע באַציאונגען. קלאָרער מיינט עס פאָלגנדיקס:

אויב ענגלאַנד וועט אָפּשאַצן די לאַגע אין נאָענטן מזרח ווי ווייניקער־געפערלעך פון איר שטאַנדפונקט, וועט דער באַשלוס פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע זיך אַ ביסל אַ קער טאָן צו אונזער זייט. וועט אָבער ענגלאַנד מיי־נען, אַז די געפאַר פון איטאַליענישן אַריינדרינגען אין נאָענטן מזרח איז נאָענט און גרויס, וועט זי דעריבער וועלן אָפּשוואַכן די קעגנערשאַפט צו איר מצד דער אַראַבישער וועלט און די קעניגלעכע קאָמיסיע וועט זיך אַ קער טאָן צו דער אַראַבישער זייט.

ב.

וואָס קענען זיין די רעזולטאַטן פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע? אויף וועלכע וועגן קענען גיין אירע פאַרשלאַגן? וועט זי זוכן מבטל צו מאַכן די באַלפור־דעקלאַראַציע? וועט זי וועלן צושרייבן אַ נייעם פּירוש צו דער דאָ־זיקער דעקלאַראַציע, פּונקט ווי די בריטישע רעגירונג האָט שוין ביי פריער־דיקע געלעגנהייטן געמאַכט פּירושים צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע?

פאַר קיין בר־דעת איז קיין ספק נישט, וואָס די אָריגינעלע דעקלאַראַ־ציע האָט געמיינט. לויט איר האָבן צוויי עטנישע גרופּן באַזונדערע סאָרטן פון רעכט אויף ארץ־ישראל. איין עטנישע גרופּע — די אַראַבער וואָס וואוינען אין ארץ־ישראל האָבן (און דאַרפן אויף אַלע מאָל באַזיצן) דאָס רעכט פון פרייער אַנטוויקלונג ווי יחידים און פרייער אַנטוויקלונג ווי אַן עטנישע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אייגנאַרט. אַראַבער מחוץ פון לאַנד האָבן אויף ארץ־ישראל קיין תביעה נישט. די צווייטע עטנישע גרופּע, וואָס האָט אַ רעכט אויף ארץ־ישראל איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אויף דער וועלט, וואָס דאַרף אין ארץ־ישראל ערשט קומען. עס איז דעריבער קלאָר, אַז אַלע נישט־אויסגענוצטע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען דאָ אין ארץ־ישראל פאַר קאָלאָניזירן נייע מענטשן־מאַסן, געהערן אין זייער אומגעהייערער מער־הייט צום אידישן פאָלק. אַלע פּירושים וואָס זיינען ביז איצט געמאַכט גע־וואָרן, האָבן געזוכט מקצר צו זיין אָט־די רעכט פון דעם אידישן פאָלק.

אַזוי איז די לאַגע סיי פאָרמעל, סיי עטיש. די באַלפור־דעקלאַראַציע

איז באַוואוסטזיניק צוגעשניטן געוואָרן צו דער לאַגע פון צוויי באַזונדערע עטנישע גרופּירונגען. די אַראַבער ווי אַ פאָלק פעלט נישט קיין לאַנד. ווי אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה האָט עס באַקומען אייניקע זעלבסטשטענדיקע מדינות. דער אַראַבישער גרופּירונג אין ארץ־ישראל פעלט נישט די זיכער־קייט פון דעם קיום פון גאַנצן אַראַבישן פאָלק — ווי עס איז דער פאַל מיט אידן — נאָר די זיכערקייט פאַר דער פרייער אַראַבישער אַנטוויק־לונג. ווען עס וואָלט ווירקלעך געוועזן ערגעץ־וואו אַן אומפּאַרטייאישער גע־ריכט — וואָס זאָל משפּטן אין דעם סכסוך צווישן אונז מיט די אַראַבער פון אַ ריינעם סאָציאַליסטישן אָדער עטישן שטאַנדפּונקט — וואָלט ער גע־מוזט צופּסקענען דעם העכסטן אויסדרוק פון יושר יענע אויסטייטשונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס זאָגט, אַז אַלע נישט־באַנוצטע מעגלעכ־קייטן פון ארץ־ישראל געהערן דעם אידישן פאָלק, וועלכער האָט אין ערגעץ נישט קיין אייגן שטיקל לאַנד און זעט אין ארץ־ישראל די איינציקע גאַ־ראַנטיע פאַר זיין סאַמע קיום ווי אַ פאָלק. ליידער ווערן זאַכן אין דער פּאָליטיק נישט באַשטימט לויט עטישן יושר, אפילו נישט לויט פאָרמעלער אויסטייטשונג. ענגלאַנד וועט איצטער זוכן צו מאַכן אַ נייעם פּירוש אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס זאָל באַגרענעצן אונזער רעכט אויף יענע נישט־באַנוצטע מעגלעכקייטן. אין וועלכע וועגן קענען די איצטיקע פּירושים גיין?

זיי וועלן נישט אָפּשטעלן לגמרי די איינוואַנדערונג. די ענגלישע רע־גירונג וועט זיך שעמען נאָכאַמאָל איבערצוחזרן יענע באַהויפּטונג, וואָס עס האָט געמאַכט אין איר נאָמען דער טרויעריק־באַרימטער פּאַספילד־פּאַפּיר: אַז עס איז נישטאָ מער קיין פּלאַץ פאַר אידן אין ארץ־ישראל. נאָך יענעם פּאַפּיר האָבן מיר געדאַרפט פירן אַ קאַמף איבער אַ יאָר צייט בכדי מבטל צו מאַכן אָט־דעם פּסוק. קאַרגע 6 יאָר זיינען אַוועק זינט דער פּסוק איז אויסגעטייטשט געוואָרן דורך דעם מאַקדאָנאַלד־בריוו, וואָס האָט אונז ווידער־אַמאָל געגעבן די מעגלעכקייט צו ברענגען אונזערע חלוצים אין לאַנד. און וואָס האָבן מיר געזען? איבער 200.000 נייע אידן זיינען אין דער צייט אַריינ־געקומען אין לאַנד און נישט בלויז האָבן זיי געפונען פּלאַץ פאַר זיך, נאָר זיי האָבן אויך באַשאַפן אויפנאַמס־פעאיקע פונקטן פאַר נייע הונדערטער־טויזנטער, וואָס דאַרפן ערשט אַריינקומען, אויב די רעגירונג וועט נישט לייגן קיין פּאָליטישע שטיינער אין וועג. ענגלאַנד ווייסט פּונקט אַזוי גוט ווי מיר, אַז די איבער 200.000 אידן, וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט אין לאַנד נאָכדעם, ווי יענער פּסוק פון פּאַספילד־פּאַפּיר איז בטל געוואָרן, האָבן זיך באַזעצט נישט אין גאַנץ ארץ־ישראל נאָר אין אַ קליינינקן ווינקעלע, וואָס איז נישט מער ווי איין פּופצענטל פון דעם גאַנצן ארץ־ישראל שטח,

אין די איבעריקע 14 פּראָצענט פון ארץ־ישראל זיינען נאָך דאָ אומגעהייער פיל נישט־באַנוצטע מעגלעכקייטן, וועלכע קענען עפענען עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פאַר מיליאָנען נייע מענטשן. „סטאָפּ־אימיגריישאָן" וועט ענגלאַנד דאָסמאָל נישט קענען זאָגן.

אויפן שטח פון עליה קען זי אָבער פאַרשלאָגן אַן אומגעהייערע באַגרענעצונג. זי קען פאַר די קומענדיקע 10 אָדער 15 יאָר אַרויפלייגן אויף דער עליה אַזאַ ראַם, וואָס זאָל נישט דערלאָזן אונזער פּראָצענטועלן וואוקס אין ארץ־ישראל. זי קען דורך אַ סיסטעם פון געזעצן אונז שווער מאַכן און אפשר אויך אוממעגלעך מאַכן דעם פּראָצעס פון דערווערבן נייע שטחים פון באָדן. זי קען דורך דער אויפשטעלונג פון אַ לעגיסלאַטיוון אָרגאַן באַשאַפן אַ צושטאַנד, אין וועלכן ער זאָל נישט דערלויבן אונזער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג אויף קיין געביט. איך רעכן, אַז אויב ענגלאַנד וועט פילן, אַז די געפאַר פון אַ מלחמה מיט איטאַליע איז זייער נאָענט, וועט זי גיין אויף די אויבן־אָנגעצייכנטע וועגן. דאָן איז פאַר אונז קיין אַנדער אויסוועג ווי שאַרפער קאַמף נישטאָ. מיר וועלן מוזן מאָביליזירן אַלע פריינט וואָס מיר האָבן אין דער וועלט; אַלע מענטשן פון אמת־יושרדיקן צוגאַנג צו אַלע פעלקער, צו אידן בתוכם, אין קאַמף קעגן די דאָזיקע פאַרזוכן מצד ענגלאַנד.

פון איין אילוזיע מוזן מיר זיך פונדעסטוועגן אויסהיטן. אונזער קאַמף קען נישט גיין אויף דעם וועג פון פאָדערן אַ נייע מאַנדאַט־מאַכט איבער ארץ־ישראל. פאַראַן איין מדינה, וואָס וואָלט אים לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן געוועזן גרייט איבערצונעמען. דאָס איז ווידעראַמאָל איטאַליע. וואָס מיר קענען דערוואַרטן פון איטאַליע דאַרף, דאַכט זיך, זיין קלאָר פאַר יעדן איינעם: מיר וועלן אַריינפאַלן אין מויל פון קאָמפּערישן פאַשיזם, וואָס איז יונג, פאַרכאַפּעריש און וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַרן לעבן און אינטערעסן פון אַנדערע גרופּירונגען, אויב ער דענקט, אַז זיי שטייען אין וועג פון זיינע פאַרכאַפּערישע אַפּעטיטן. און נישט נאָר דאָס: די זעלביקע איטאַליענישע שיפן, וואָס האָבן ביז איצטער געטראָגן חלוצים פון אַלע טיילן אידישער צעשפּרייטונג קיין ארץ־ישראל, וועלן טראָגן אַהין איטאַליענישע אַרבעטס־כוחות, כדי אַריינצופּלאַנצן איטאַליע און דעם איטאַליענישן פאַשיזם אין ארץ־ישראל. וועלן מיר דעם וועג נישט גיין. אַלע אַנדערע קאַמפּסוועגן וועלן מיר אָננעמען קעגן דער ענגלישער רעגירונג. מיר וועלן זיך ווענדן צו דער עפנטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד אַליין; מיר וועלן זיך ווענדן צו די טריבונאַלן פון פעלקערבונד; מיר וועלן זיך ווענדן צו דער גרויסער עפנטלעכער מיינונג פון אַמעריקע, וועלכע איז אויך מחויב פּאָליטיש צו זאָרגן דערפאַר, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע זאָל אויסגעטייטשט ווערן אין ריכטיקן זין און מיט אַן אמתן האַרצן פאַרווירקלעכט ווערן. שוין

דער קאַמף קעגן פּאַספּילד־פּאַפּיר דאַרף אונז באַווייזן, אַז אפילו אַ געשרי־בענער רעגירונגס־דאָקומענט איז נישט קיין אייביקייט, ווען אַקעגן אים ווערן מאָביליזירט אמתע כוחות און ווען קעגן אים שטויסט די גרויסע נויט פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק אויף דער וועלט.

מיר זיינען אין 1929 געווען אַ שוואַכערער כוח אין לאַנד און פונדעסט־וועגן האָבן מיר דאַן מנצח געווען. מיר זיינען געווען נאָך שוואַכער אין די יאָרן פון דער גרויסער מלחמה, ווען די טערקישע רעגירונג האָט אויפגע־בויט אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט חרוב צו מאַכן דעם אידישן ישוב; האָט דאַן אַרויסגעטריבן פון ארץ־ישראל די בעסטע אידישע זין; האָט אויפגעהאַנגען צענדליקער פון אונזערע בויער און עס איז איר געלונגען צו רעדוצירן ביז גאָר אַ באַדייטנדיקער מאָס די אידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל. מיר זיינען יענע נסיונות דורכגעגאַנגען בשלום און מיר וועלן אויך די איצטיקע פאַרזוכן סוף־כל־סוף דורכגיין בשלום. אָבער אויף אַ שווערן קאַמף, וואָס וועט דאַרפן געדויערן אַ סך חדשים און אפשר יאָרן — מוזן מיר זיין גרייט.

וואָס קען די קאָמיסיע פאָרשלאָגן, אויב זי זאָל אונז נישט וועלן צו־פיל באַגרענעצן? וועגן דעם זיינען דאָ פאַרשידענע השערות אין דער ציוי־ניסטישער וועלט. מען האָט ביי אונז פיל גערעדט וועגן פּאַריטעט; וועגן אַ פּלאַן פון לייזן די אידיש־אַראַבישע פּראָבלעם אין ארץ־ישראל דורך אויפשטעלן פאַרוואַלטנדיקע אָרגאַנען, באַזירט אויף פּאַריטעטער פאַרטרע־טערשאַפט פון ביידע פעלקער. די דאָזיקע אָרגאַנען זאָלן עקזיסטירן די גאַנצע צייט וואָס דער מאַנדאַט וועט עקזיסטירן אין ארץ־ישראל. די פאַר־וואַלטנדיקע אָרגאַנען זאָלן קריגן קלאָרע קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַראויסזעצונ־גען, אַז זיי קענען נישט מבטל מאַכן דעם מאַנדאַט און די באַלפור־דעקלאַ־ראַציע. איך פערזענלעך האַלט נישט פון דעם גאַנצן פּאַריטעט־געדאַנק, כאָטש אין אונזער באַוועגונג איז די גרויסע מאַיאָריטעט געווען פאַר דעם. איך האַלט אָבער פאַר איבעריק אַריינצוגיין איצטער אין אַ דיסקוסיע וועגן דעם פּלאַן. זי וואָלט געהאַט נאָר אַן אַקאַדעמישע באַדייטונג. אויב מיין פּאָליטישער חוש נאַרט מיר נישט אָפּ קומט פּאַריטעט נישט אין באַטראַכט איצטער, ווי אַ לייזונג פון אַראַביש־אידישע באַציאונגען און ווי אַן אויס־גאַנג פון דער איצטיקער שווערער פּאָליטישער סיטואַציע. וואָס־זשע קומט יאָ אין באַטראַכט?

ג.

קאַנטאָנען, אַ אידישע דאָמיניע, אַ יודנשטאַט?

עס טראָגן זיך לעצטנס אין דער אידישער וועלט פאַרשידענע פאָרמו־לעס: קאַנטאָנען, אַ אידישע דאָמיניע, אַ יודנשטאַט. זיי אַלע באַצוועקן צו

טיילן ארץ־ישראל און מיר זאָלן בלויז קריגן אַ טייל. וואָס דאַרף זיין אונ־זער שטעלונג?

את חטאַי אני מזכיר: איך בין אַן אַנהענגער (איך שרעק זיך אפילו נישט דאָס דאַזיקע וואָרט אַרויסצוזאָגן) פון צעטיילן דאָס לאַנד, שוין איבער צען יאָר. וואָס מיינט אַנהענגערשאַפט? קיינער פון אונז וואָלט זיך פלוצלינג נישט אָנגעהויבן בעטן ביי דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל: טוט אונז אַ טובה און צעטיילט אייך מיט אונז ארץ־ישראל. איך רעכן, אַז נאָך היינט מעגן מיר און דאַרפן זאָגן בפני כל עם ועדה, אַז מיר זיינען באַרעכטיקט (און מיר וועלן זיך פון דער דאָזיקער באַרעכטיקונג קיינמאָל נישט אָפּזאָגן,) אויפצובויען אונזער נאַציאָנאַלע היים נישט נאָר אין די איצטיקע גרענעצן פון ארץ־ישראל, נאָר אויך אין עבר־הירדן. אויך די באַ־רעכטיקונג באַזירן מיר סיי אויפן פאָרמעלן נוסח פון דעם מאַנדאַט, אויף די געצייכנטע גרענעצן אין די מעמאָראַנדומס, וואָס די ציוניסטישע באַווע־גונג האָט אָנגעגעבן צו דעם פרידנס־קאָנגרעס און אויך אויף אונזערע היס־טאָרישע רעכטן. איך גיי נאָך ווייטער: פון ריינעם עטיש־סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט זיינען מיר באַרעכטיקט צו פאָדערן פאַר אונז אַזאַ שטח פּלאַץ, וואָס זאָל דערמעגלעכן יעדן אידן, וועלכער האָט אַן אינערן דראַנג זיך אויס־צולעבן ווי אַ איד, צו געפינען זיין אָרט אין דעם גרויסן ארץ־ישראל.

מיר טראַכטן און רעדן אָבער איצטער וועגן צייטווייליקע לייזונגען פון צייטווייליקע אומגליקן. זאָג איך, אַז אַנשטאָט די צעטיילונג פון ארץ־ישראל דורך פּאַריטעט; האַלטן כסדרביידע עטנישע גרופּן אין איין לעגיסלאַטיוון אָרגאַן, איינער זאָל האַמעווען די אַנטוויקלונג פון דעם צווייטן און שטענדיק זאָלן מיר דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף דעם כתוב השלישי — ענגלאַנד — וועלכער זאָל מכריע זיין, וועל איך בעסער מסכים זיין צו אַ געאָגראַפישער צעטיילונג. דאָס קען אונז געבן דעם מאַקסימום פון זעלבסטשטענדיקייט פאַר אונזערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטוויקלונגען; אונז גאַראַנטירן די פאָר צענדליק יאָר פון רואיקער בוי־אַרבעט; אונז געבן אין די ראַמען פון דעם אידישן חלק, רופט עס אָן אפילו קאַנטאָן, די מעגלעכקייט אַריינ־צוברענגען אַזוי פיל נייע אידן, וויפל קליטה־פונקטן מיר וועלן באַשאַפן; אונז געבן די מעגלעכקייט פאַר אונזער אייגענעם שוץ; און וואָס זאָל אונז נאַטירלעך פאַרבינדן מיט ענגלאַנד אין אַן אָפּמאַך, באַזירט אויף קעגנזייטיקן אינטערעס. אויב „קאַנטאָנען" קענען מיינען אָט אַזעלכע רעכט פאַר אונז, דאַרפן מיר אָננעמען קאַנטאָנען ווי אַ צייטווייליקע לייזונג פון דעם פּראָ־בלעם. דערביי דאַרפן מיר דערקלערן, אַז מיר באַטראַכטן עס בלויז ווי אַ צייטווייליקן אויסגאַנג. אויב די בריטישע קעניגלעכע קאָמיסיע וועט אונז פאָרשלאָגן קאַנטאָנען, דאַרפן מיר נישט שרייען: קאַנטאָנען ניע זשעלאַיעם,

נאָר מיר דאַרפן פרעגן — קאַנטאָנען, וואָס מיינט עס? אויב דאָס מיינט, אַז וואָס עס איז איצטער אידיש בלייבט אידיש און דאָס וואָס עס איז איצטער אַראַביש — בלייבט אַראַביש, מוזן מיר ענטפערן דעם שטאַרקסטן „ניין" וואָס איז מעגלעך. דאָס הייסט זיכער פאַרמאַרינירן דאָס וואָס מיר האָבן, אָן ווייטערדיקע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג. עס שטעלט אויך אין סכנה אפילו דאָס, וואָס מיר האָבן שוין אויפגעבויט. אויב אָבער עס וועט אונז געגעבן ווערן אַ באַדייטנדיקע אַנטוויקלונגס־זאָנע, וואָס וועט דערמעגלעכן אַ גרויסע אידישע עליה אין די קומענדיקע 15—20 יאָר, דאַרפן מיר זאָגן, אַז מיר נעמען דעם פּלאַן צייטווייליק אָן, פאַרלאַזנדיק זיך אויף די אַנט־וויקלונגען אַליין, אַז זיי זאָלן אונז שפּעטער דערמעגלעכן, מיט דעם הסכם פון אונזער אַראַבישן שכן־פאָלק, ווייטערדיקע עקספּאַנסיע.

נעמען מיר אָן, אַז ארץ־ישראל ווערט צעטיילט אַזוי, אַז אין דעם אידישן קאַנטאָן פאַלט אַריין 50 פּראָצענט פון דעם באָדן־שטח פון לאַנד. איך וויל נישט אַריינגיין אין דער זייער וויכטיקער פראַגע, וועלכע באָדן־שטחים עס וועלן דאַן אַריינפאַלן אין אונזער קאַנטאָן. איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ בע־סערע און ערגערע שטחים. אָבער איך זאָג גאַנץ אָפן: ווען חלילה מ'זאָל אונז געבן אפילו דעם ערגסטן טייל פון דעם ארץ־ישראלדיקן באָדן, וואָלט איך מיר אויך ניט אָפּגעשראָקן. מיט דעם אויסנאַם פון דעם אָקעאַן־פּאַס האָבן מיר אונזערע וויכטיקסטע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל געבויט אויף באָדנס, וואָס האָבן דאַן נישט געהערט צו די בעסטע אין לאַנד. סיי דאָס וואָס מיר האָבן געבויט אין עמק־הירדן, סיי אין עמק־יזרעאל, על־פּי־רוב אפילו אין עמק חפר, איז אויפגעבויט געוואָרן אויף באָדנס, וואָס איידער מיר זיינען אַהין צוגעקומען זיינען זיי באַטראַכט געוואָרן פאַר די ערגסטע באָדן־שטחים פון ארץ־ישראל. אָט אויף די באָדן־שטחים האָבן מיר אויפגעבויט אונזערע קליטה־פּונקטן, וועלכע האָבן דערמעגלעכט אין 1935 אַן עליה פון איבער 60.000 אין איין יאָר. ווען מיר וואָלטן געהאַט אומגעשטערטע קאָ־לאָניזאַציע־מעגלעכקייטן (אָנשטאָט אין איין פּופּצנטל פון ארץ־ישראל) אין אַ גאַנצן העלפט פון דעם שטח; און ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל דער־שפּירן, אַז אָט אויף דעם העלפט זיינען מיר גאַראַנטירט מיט אַ באַדייטנ־דיקער מאָס פון סואווערעניטעט; מיר האָבן דעם זיכערקייטס־מאָמענט אין אונזערע הענט, אַז קיין איבערחזרונג פון אַראַבישע אויפשטאַנדן קעגן אונז וועט מער נישט מעגלעך זיין — וועט דאָס אידישע פאָלק אַרויסברענגען פון זיך אַזעלכע כוחות סיי אין דער פאָרם פון אומגעהייער גרויסע נאַציאָ־נאַלע קאַפּיטאַלן, סיי אין דער פאָרם פון נאָך גרעסערע קאָנסטרוקטיוו־אויס־געניצטע פּריוואַט־קאַפּיטאַלן, סיי אין חלוצישע כוחות וועלכע וועלן דער־הויבן דעם שטראָם פון עליה ווייט אַריבער די ביז־איצטיקע דערגרייכונגען

און ווייט אַריבער דעם דורכשניט-שטראָם פון איינוואַנדערונג, וואָס אַמע־ריקע האָט אין זיך קולט געווען אין די יאָרן פון העכסטן אויפשוואונג. אויב, אַלזאָ, אַ קאַנטאָן גיט אונז אַן אַנטוויקלונגס-זאַנע פון גרויסער באַדייטונג, דאַרפן מיר קענען אין די קומענדיקע 15—20 יאָר אַריינברענגען אַ פּאָר מיליאָן אידן אין ארץ־ישראל. דאַן ענדערט זיך אונזער גאַנצע שטעלונג אין נאָענטן מזרח. דאַן עפענען זיך פאַר אונז נייע מעגלעכקייטן פון קעגנ־זייטיקער פאַרשטענדיקונג מיט דעם אַראַבישן שכן־פאָלק פון דעם צווייטן קאַנטאָן און נאָך מער — מיט די אַראַבישע שכנים־פעלקער פון אַרום ארץ־ישראל. די וויכטיקסטע פראַגע פאַר די קומענדיקע 15—20 יאָר איז די פראַגע פון עליה. אַ קאַנטאָן, וואָס זאָל אונז דערמעגלעכן אַריינברענגען פון 100 ביז 150 טויזנט אידן אַ יאָר איז פאַר דער איצטיקער צייט די גליק־לעכסטע לייזונג פון דער פראַגע.

בלייבן מיר איינגעשלאָסן לעולם ועד אין אָט־די גרענעץ־ראַמען? — איך באַהויפּט, אַז נישט! סיי אין דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און נאָך מערער אין דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער וועלט אין וועל־כער מיר גלויבן אַז זי וועט קומען, עפענען זיך פאַר אונז עקספּאַנסיע־מעגלעכקייט, אויב נאָר די קומענדיקע 15—20 יאָר וועלן אונז באַפעסטיקן אין אונזער קאַנטאָן. שטעלן מיר זיך פאָר, אַז מיר האָבן דורכגעמאַכט די קומענדיקע 20 יאָר און מיר האָבן אין אונזער ארץ־ישראל אַ אידישע באַ־פעלקערונג פון אַ פּאָר מיליאָן מענטשן. פּאַראַלעל מיט אונז אַנטוויקלען זיך די אַראַבישע פעלקער פון די אַראַבישע לענדער. עס שטייט אויף אַ רייגערע באַוועגונג פאַר אַן אַראַבישער פעדעראַציע, ווי זי איז איצטער: ריין פון פרעמדע איינפלוסן, נישט באַנוצט ווי אַ פּילקע אין אינטערנאַציאָנאַלע פּאָ־ליטישע שפּילן, וואָס האָבן מיט די אמתע אינטערעסן פון די אַראַבישע לענדער גאָרנישט וואָס צו טאָן. זי שטראָמט אַרויס פון דעם אמתן, באַרעכ־טיקטן און גערעכטן ווילן פון אַלע אַראַבער זיך צו צעמענטירן אין איין נאַציאָנאַלע איינהייט; וואָס זאָל אויך פּאָליטיש כלפי חוץ רעפּרעזענטירן איין גרויס אַראַביש פאָלק. ווען אַזאַ באַוועגונג פאַר אַן אַראַבישער פעדע־ראַציע זאָל דאַן באַשטיין, וועט דאָס אידישע ארץ־ישראל דאַרפן גרייט זיין צו שליסן אַן איינהייטס-פּראַנט מיט אַזאַ פעדעראַציע. עס איז אפילו נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס אידישע ארץ־ישראל זאָל ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער דאָזיקער פעדעראַציע. פאַרשטייט זיך, אַז דעם אידישן פאָלק דאַרף גאַראַנטירט ווערן אַ ווייטערדיקע מעגלעכקייט פון אַנטוויקלונגען; אַריינצוברענגען אין און אַרום זיין קאַנטאָן נאָך מיליאָנען אידן און פולע פּאָליטישע און קולטורעלע זעלבסטשטענדיקייט אין דער אַראַבישער פע־דעראַציע. די מענטאַליטעט פון די אַראַבער וועט דאַן מוזן אינגאַנצן געענ־

דערט ווערן. דער וויכטיקסטער אינטערעס פון די אַראַבער וועט זיין די גרויסע שטחים אויסצונוצן ביז צום מאַקסימום פאַר אינטענסיווערווירטשאַפט; און אַזוי ווי די אַראַבער וועלן דאַן באַטראַכטן די אינטערעסן פון גאַנצן אַראַבישן פאָלק און נישט בלויז די אינטערעסן פון 900 טויזנט אַראַבער, וואָס געפינען זיך איצטער אין ארץ־ישראל, קען מען, דאַכט זיך, שוין איצטער פאָראויסזען אַ צושטאַנד, וואו די אַראַבער אַליין וועלן איינזען, אַז יעדער מיליאָן נייע אידן, וואָס קומען אַריין אין און אַרום דעם אידישן מלוכה־געביט, העלפט פאַרשטאַרקערן די געמיינשאַפטלעכע, סיי עקאָנאָמישע, סיי פּאָליטישע עקזיסטענץ פון די צוויי פעלקער. די עקספּאַנסיע פון דעם אידישן קאַנטאָן וועט קומען נישט ווי אַ דרוק קעגן דעם אַראַבישן פאָלק, נאָר דווקא ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אינטערעסן־געמיינשאַפט פון צוויי פעלקער, וואָס רייסן זיך צו אויפלעבונג.

ווען מען טראַכט נאָך וועגן אַ סאָציאַליסטישער ענדערונג, וואָס זאָל אַרויסנעמען פון באַציאונגען פון פאָלק צו פאָלק און פון מענטש צו מענטש יענע סיבה פון עקאָנאָמישער קאָנקורענץ — פון וועמענס קוואַל עס שטראָמט דער מאַקסימום פון צווישן־פעלקערלעכער שנאה — דאַן ווערט די עקספּאַנסיע פון אידישן פאָלק אַרום דעם שטח פון די היינטיקע גרענעצן אַ זייער נאַטירלעכער פּראָצעס. דאַן וועט זיך עס נאָר ווענדן, צי עס וועלן זיך געפינען אויף דער וועלט נאָך אידן, וועלכע וועלן האָבן אַ דראַנג זיך אויסצולעבן ווי אידן און וועלן קענען אַט־דעם דראַנג זעטיקן נאָר דורכן באַהעפטן זיך מיט דעם אידישן ישוב, וואָס וועט דאַן עקזיסטירן אין ארץ־ישראל. דאָס איז גרויסער ציוניזם. קיין אַנדער פירוש צום גרויסן ציוניזם קען מען, דאַכט זיך, נישט מאַכן.

אַט פאַרוואָס איך רעכן, אַז מיטן אָננעמען קאַנטאָנען, אויב זיי גיבן אונז אַן איזור לפיתוח, האָבן מיר נישט נאָר נישט אָפּגעשניטן אונזער מעגלעכקייט פאַר ווייטערדיקער עקספּאַנסיע, נאָר פאַרקערט, מיר האָבן זי ערשט אויפגעעפנט. איך ווייס, אַז מיטן פּלאַן פון צעטיילן ארץ־ישראל אין צוויי שטחים, וועלן מיר זיך אָנשטויסן אין אומגעהייערע שוועריקייטן. דער אידישער בוי־פּראָצעס איז ביז איצטער נישט געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַזעלכע מעגלעכע צעטיילונגען. מיר וועלן נאַטירלעך האָבן אַן אַראַבישע מינאָריטעט אין דעם אידישן שטח און עס וועט מסתמא אויך מוזן זיין אַ אידישע מינאָריטעט אין דעם אַראַבישן שטח. עס וועלן אויך זיין וויכטיקע געביטן, וואָס וועלן אינטערנאַציאָנאַליזירט ווערן. דאָס אַלץ נעם איך אין באַטראַכט. דערמאָן איך נאָכאַמאָל אונזערע חברים, אַז נישט מיר זיינען געקומען מיט דעם פּלאַן צו צעטיילן ארץ־ישראל. אָבער מיר טאָרן נישט פאַרגעסן דעם פאַקט, אַז אין איצטיקן שטח פון ארץ־ישראל לעבט אַ שכן־

פאָלק, וואָס טראַכט גאָרנישט אַוועקצוגיין. אויך מיר טראַכטן גאָרנישט, אַז עס איז מעגלעך ער זאָל אַוועקגיין און מיר מוזן דעריבער געפינען אונזער וועג ווי אַזוי צו לעבן מיטן דאָזיקן שכן־פאָלק אין אמתן פרידן; אַ וועג, וואָס זאָל נישט זיין געבויט אויף שטענדיקע אינערלעכע רייבונגען. די אַלע שוועריקייטן, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, וועט מען מוזן באַזייטיקן. עס וועלן זיין אַזעלכע וועלכע וועלן זיך נישט לאָזן באַזייטיקן, וועלן מיר זיי מוזן טראָגן אויף זיך. אַט פאַרוואָס די אידישע וועלט מוז זיך גוט צוהערן צו דעם, וואָס מ׳שלאָגט אונז פאָר אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַנטאָנען־פּלאַן און נישט סתם אַרויסגיין מיט אַן אַבסאָלוטער קעגנערשאַפט.

איך וויל נישט, עס זאָל זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַזוי לאַנג אויף דעם לעצטן פּונקט, ווייל איך האָב וועגן דעם מער ידיעות ווי די אידישע פּרעסע האָט געבראַכט. איך וויל נישט באַשאַפן ביי אונזערע חברים די אילוזיע, אַז דאָס איז דער אויסגאַנג, וואָס וועט אונז שוין פאַרגעשלאָגן. זייער ווייניק מענטשן ווייסן וואָס די קעניגלעכע קאָמיסיע האָט בדעה פאָרצושלאָגן. איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער, אַז די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע אַליין ווייסן שוין קלאָר וואָס זיי וועלן פאָרשלאָגן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז דער גרויסער טומל, וואָס מ׳מאַכט אַרום דעם קאַנטאָנען־פאָרשלאָג וויל בלויז אויסגעפינען, ווי אַזוי וועלן זיך צו דעם באַציען סיי מיר, סיי די אַראַבער. טאַקע צוליב דעם מוזן מיר זיין פאָרזיכטיק מיטן אופן וויאַזוי צו רעאַגירן אויף דעם פאָרשלאָג. אויב מען גיט אונז אַ קאַנטאָן, וואָס זאָל אַריינגעמען מינדסטנס אַ העלפט פון ארץ־ישראל, טאָר מען נאָך מיין מיינונג נישט פירן קיין צו־אויסגעשפּראָכענע נעגאַטיווע פּאָליטיק. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער געשריי פוןביידע זייטן, סיי פון אידן, סיי פון אַראַבער, קעגן קאַנטאָנען וועט דורכוואַרפן דעם פּלאַן. די קאָמיסיע וועט זיך דאַן אָפּזאָגן דערפון. קיין בעסערן אויסוועג, נאָך מיין מיינונג, וועט מען פאַר דער איצטיקער לאַגע נישט קענען געפינען. קענען מיר געשטעלט ווערן פאַר אַ לאַגע, אין וועלכע מיר וועלן זיין געצוואונגען אָנצונעמען אַ פאָרשלאַג, וואָס וועט פאַר אונז זיין ווייניקער גינסטיק ווי אַ קאַנטאָן, וואָס זאָל אַריינגעמען מינדסטנס אַ העלפט פון ארץ־ישראל.

איך דאָס דאַרף זיין פאַר אונז זייער קלאָר: וואָס פאַר אַ פּאָליטישן ענטפער מען זאָל אויף אונז נישט אַרויפלייגן וועלן מיר אונזער אַרבעט פאָרזעצן אונטער אַלע באַדינגונגען. מיר טאָרן דעריבער נישט פירן קיין פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין אַ מין וואַבאַנק־שפּיל און איינשטעלן אין קאָן מעגלעכקייטן, וועלכע קענען אונז געבן 15—20 יאָר פון אַ אידישער עליה אין

הסכם מיט די אויפנעם־פעאיקייטן, וועלכע מיר אַליין וועלן באַשאַפן אין לאַנד.

ד.

ארץ־ישראל, אידישע נויט און עמיגראַציע

די פראַגע פון באַשאַפן אויפנאַמס־פעאיקייטן אין לאַנד איז פאַר אונז די קאַרדינאַלסטע אין דעם איצטיקן צושטאַנד. די צוקונפטס־האָפענונגען, וועלכע מיר פאַרבינדן מיט ארץ־ישראל פאַרן קיום פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, זיינען אין זייער גרעסטער מאָס אָפּהענגיק צי אונז וועט געלינגען אַריינצוברענגען אין ארץ־ישראל אַ פאַר מיליאָן אידן אין קומענדיקן דור. עס שטייט פאַר אונז אויך די פראַגע פון עמיגראַציע אין דער שטאַרקסטער פאָרעם פונם שטאַנדפונקט פון דער איצטיקער אידישער נויט. עס וואָלט געווען פאַר מיר ערגער ווי אַ באַנאַליטעט, איך זאָל דאַרפן צו אייך אין פוילן רעדן וועגן דער פאַרשאַרפטער נויט אין וואַנדערונג. איך ווייס, אַז אין געוויסע קרייזן פון פוילישן אידנטום איז איצטער געוואָרן כמעט ווי אַן אָנגענומענער געזעץ, אַז רעדן וועגן דער נויט אין עמיגראַציע הייסט אַריינשפּילן אין די הענט פון אַנטיסעמיטן. איז איבעריק צו דערמאָנען אייך, אַז דאָס זעלביקע האָבן די זעלביקע מענטשן געזאָגט בנוגע דעם ציוניזם בכלל. מיר טאָרן נישט געשטויסן ווערן צו אַ פאַלשער אָריענטאַציע מחמת מורא טאָמער וועט עמעצער זאָגן, אַז מיר שטימען אין אַ געוויסן פּרט מיט אַנטיסעמיטישע פאָדערונגען. פונקט ווי מיר האָבן נישט קיין מורא געהאַט צו פירן דעם קאַמף פאַר ציוניזם בכלל, אַזוי וועלן מיר אויך איצטער קיין מורא נישט האָבן צו רעדן און טראַכטן אין טערמינען פון יציאת הגלות. די לעצטע חכמה — צו וועלכער עס האָבן זיך דערגעדט אונזערע קעגנער — באַשטייט אין דעם, אַז אַזויוי עמיגראַציע שטאַמט פון אומגליק, דעריבער טאָר מען נישט פאַרבינדן מיט איר קיין געדאַנקען פון גאולה. קיין פאַלשערע איינשטעלונג קען גאַרנישט געמאָלט זיין.

זאָלן, אדרבה, די דאָזיקע חכמים זיך אַ פרעג טאָן: וואָס וואָלט געוואָרן פון אידנטום אין פוילן, ווען נישט די עמיגראַציע פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן? ווען ס'וואָלט נישט באַשאַפן געוואָרן דורך עמיגראַציע דער גרויסער אידישער קיבוץ אין אַמעריקע? די צאָל פון אידן אויף דער וועלט וואָלט געווען אַ סך קלענער, ווען די אַלע, וואָס זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, זאָלן געווען בלייבן אין זייערע פריערדיקע לענדער, נישט האָבנדיק קיין אָרט וואוהין צו קומען פונאַנדערוויקלען זייערע כוחות און אויפבויען אַ נייעם נאַציאָנאַלן כוח ביים אידישן פאָלק! פון דעם עמיגראַציע־

אומגליק אין די לעצטע 50 יאָר איז דאָך ביי אונז געבוירן געוואָרן אַ ריי גרויסע אידישע ישובים, וואָס, אויב זיי ברענגען נישט אינגאַנצן די גאולה, האָבן זיי דאָך אומגעהייער פאַרשטאַרקט דעם אידישן אָרגאַניזם אויף דער וועלט.

אַוודאי שטאַמט עמיגראַציע פון אַן אומגליקס־צושטאַנד. אויב מ׳קען מאַכן אַ פאַרגלייך, דאַרף עמיגראַציע פאַרגליכן ווערן צו אַ פאַרפּלייצונג, וואָס ברעכט אויס ערגעץ־וואו. אַקעגן דעם טוען קלוגע מענטשן צוויי זאַכן: מען בויט אויף דאַמבעס, כדי נישט צו לאָזן די פאַרפּלייצונג זיך אויס־שפּרייטן, אָבער מען זוכט אויך אויסצונוצן ווי ווייט נאָר עס איז מעגלעך יענע וואַסערן, וואָס רייסן זיך אַריבער איבער די דאַמבעס, בכדי צו באַ־וואַסערן טרוקענע פלעצער, איינצוצאַמען דעם שטראָם און פירן אים אויף וועגן פון קאָנסטרוקטיווע דערגרייכונגען. אונזער שטעלונג צו עמיגראַציע איז אויך דיריגירט פון אַזאַ צוגאַנג. אויף וויפל עס לאָזט זיך אויפשטעלן דאַמבעס אין די פלעצער, פון וואַנען אונזער עמיגראַציע פליסט, מוז מען עס טאָן. אויף וויפל די עמיגראַציע פלייצט אַריבער איבער די דאָזיקע דאַמבעס, מוזן מיר די דאָזיקע שטראָמען אויסנוצן אויפן בעסטן, קאָנסטרוק־טיווסטן אופן.

מיר מוזן די וואַנדערונג באַטראַכטן פון צוויי שטאַנדפּונקטן: דער ערש־טער איז — די בויט פון די וואַנדערער אַליין. דער צווייטער איז — ווי ווייט קען דורך דעם וואַנדערער ווי אַ יחיד און דורך דעם גאַנצן וואַנדערונגס־שטראָם פאַרשטאַרקט ווערן די צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק? אונזערע וואַנדערונגס־פּלענער מוזן דעריבער האָבן אַ גראַדאַציע פון אויפמערקזאַמ־קייט. אויפן ערשטן פּלאַץ מוז שטיין הילף אין אַלע פאָרמען, וואָס איז נאָר מעגלעך פאַר עליה אין ארץ־ישראל. מען דאַרף נישט דווקא זיין קיין ציו־ניסט, כדי צו פאַרשטיין, אַז אין דער דאָזיקער עליה דערגרייכן מיר דעם מאַקסימום פון ביידע שטאַנדפּונקטן. נישטאָ נאָך אַן איינוואַנדערונגס־מעג־לעכקייט, וואו יעדער איינוואַנדערער זאָל אין אַזאַ מאָס שטאַרקער מאַכן די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע פּאָזיציע פון דעם אידישן פאָלק און דערביי פאַר־ענטפערן זיין אייגענע וואַנדערונגס־בויט אויף אַזאַ קאָנסטרוקטיוון אופן. דעריבער מוז די עליה אין ארץ־ישראל באַטראַכט ווערן פאַרן וויכטיקסטן סאָציאַלן פּראָבלעם ביים אידישן פאָלק אין דער איצטיקער צייט. די צווייטע מדרגה פון אויפמערקזאַמקייט דאַרף געשענקט ווערן צו דער מעגלעכקייט פון באַזעצן אידן אין שטחים אַרום ארץ־ישראל. נאַטירלעך דאַרף געזאָרגט ווערן פאַר זייער רעכט צו באַזעצן זיך אין קאָנצענטרירטע ישובים, וואו נאָר עס איז מעגלעך, אויף אויטאָנאָמע יסודות. די דריטע מדרגה פון אויפ־מערקזאַמקייט דאַרף, נאָך מיין מיינונג, געגעבן ווערן אַזעלכע פלעצער,

וואָס ליגן אין דעם שטח פון דער בריטישער אימפּעריע און וואו די באַ־פעלקערונג איז אַזוי צעטיילט, אַז מיט אַ באַדייטנדיקער אָנשטרענגונג קען זיך דער אידישער עלעמענט דערווערבן באַדייטנדיקע עקאָנאָמישע, און וואָס נאָך וויכטיקער איז — פּאָליטישע פּאָזיציעס. מען קען וועגן דעם נישט רעדן צו אָפן און צופיל באריכות, אָבער מיר מוזן פאַרשטיין, אַז אויב אין דרום־אַפריקע, למשל, זיינען די וויכטיקסטע מלוכה־מענער אונז שטאַרק צו־הילף געקומען אין אונזער קאַמף פאַר ארץ־ישראל, איז דאָס נישט נאָר געווען קיין רעזולטאַט פון פּערזענלעכע גוטע באַציאונגען מצד יחידים־פּאָליטיקער, נאָר אויך ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם פּאָליטישן געראַנגל אין אַזאַ מדינה צווישן די בורן און די ענגלענדער. אין עטלעכע וויכטיקע פּונקטן פון דער דאָזיקער מדינה האָבן די אידן דעם פּאָליטישן צינגל אין זייער האַנט צווישן די צוויי קעמפנדיקע מחנות. די אידן אין דרום־אַפריקע האָבן פאַרשטאַנען וויאַזוי זיך דערמיט פּאָליטיש צו באַנוצן און דערפאַר האָבן מיר דערלעבט, אַז אין ארץ־ישראל איז שוין דאָ איין קאָלאָניע מיט דעם נאָמען רמת־יוחנן, אויפן נאָמען פון יאָהאַן סמאָטס. אויך אַנדערע אַזעלכע פּונקטן זיינען דאָ אין דער בריטישער אימפּעריע, וואו אַ קלוגע עמיגראַ־ציע־פּאָליטיק פון אונזער זייט וואָלט געקאָנט אַהין אַריינברענגען אַ אידישן עלעמענט, וועלכער זאָל קריגן פּאָליטישן וואָג. דאָס וואָלט געהאָלפן סיי די אידן אַליין, וועלכע וואָלטן זיך דאָרטן באַזעצט, סיי אויך אונזער פּאָליטישן קאַמף פאַר ארץ־ישראל. אין דער פערטער ריי פון אויפמערקזאַמקייט דאַרפן קומען אין באַטראַכט לענדער, וואו עס געפינט זיך שוין אַ אידישער ישוב פון אַנזעעוודיקער גרויס און וואו דורך דעם צושטראָם פון נייע אידישע מאַסן ווערט סיי דער פּאָליטישער, סיי דער עקאָנאָמישער געביט פון דער אידישער באַפעלקערונג געשטאַרקט. אין דער לעצטער ריי דאַרפן קומען אַלע סאָרטן ערטער, וואו עס איז מעגלעך אַריינצוברענגען אַ קלענערע אָדער אַ גרעסערע צאָל אידישע וואַנדערער.

די וואַנדערונגס־פּאָליטיק, געפירט מיט סוף מעשה במחשבה תחילה קען, בכן, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ כוח, וואָס זאָל אונז שטאַרקן אומעטום. נישט־ציוניסטן דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר דער פּרעפערענץ, וואָס אַזאַ וואַנדערונגס־פּאָליטיק גיט ארץ־ישראל. ציוניסטן דאַרפן זיך נאָך ווייניקער שרעקן פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער דאָזיקער פּלאַן שענקט אַלע אַנדערע מעגלעכקייטן פון איינוואַנדערונג. די זאָרג פון די עקסטרעמסטע ציוניסטן וועט פאַר די קומענדיקע פאַר צענדליק יאָר נישט זיין וואו צו נעמען גענוג אידן פאַר ארץ־ישראל, נאָר ווי ברייטערט מען אויס גענוג אויפנעם־פעאיקייטן אין ארץ־ישראל אַריינצונעמען וואָס מער אידן. נאַטיר־לעך ליגט עס נישט בלויז אויף די ציוניסטישע אָרגאַנען צו זאָרגן פאַר

דעם גאַנצן עמיגראַציע־שטראָם. דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, אויסגעבויט ווי דער אמת׳ער פאָרטרעטער פון וועלט־אידנטום, דאַרף אין דעם שפּילן אַ גרויסע ראָלע. ביידע קערפּערשאַפטן מוזן צוזאַמענאַרבעטן, האָבנדיק שטענדיק אין זינען, אַז אויפן ערשטן אָרט מוז אַלעמאָל זיין די פראַגע פון עליה נאָך ארץ־ישראל. אָבער איין זאַך מוז זיין קלאָר: מיר וואַרפן אָפּ יענע איינשטעלונג, וואָס האַלט פאַר אַן עוולה צו רעדן און טראַכטן וועגן דער אידישער עמיגראַציע־נויט. מיר וואַרפן אויך אָפּ יענע איינשטעלונג, וואָס זאָגט, אַז מ׳זאָל איבערלאָזן יעדן עמיגראַנט אויף גאָטס באַראָט, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל, זאָל ער פאָרן וואוהין ער וויל. מיר זעען אין דער וואַנדערונג אַ גרויסן כוח, וואָס קען העלפן אין דעם פּראָצעס פון פּטור ווערן פון גלות. מיר זוכן אַריבערצופלאַנצן די וואַנדערער אויף אַזעלכע יסודות, אַז פון דאָרטן זאָל שוין מער דער אומגליק פון עמיגראַציע קיינמאָל נישט קענען אויסברעכן.

אויך צוליב דער עמיגראַציע־נויט מוזן מיר דעריבער געדענקען, אַז די נאָענטסטע פּראָבלעם פאַר אונז אין ארץ־ישראל איז: באַשאַפן פאַר זיך מעגלעכקייטן אין די קומענדיקע פאַר צענדליק יאָר אַריבערצופלאַנצן אין ארץ־ישראל אַ דורכשניט פון 100.000 אידן יערלעך. גלויבנדיק, אַז אַ קאָנטאָן מיט אַ גרויסער אַנטוויקלונגס־זאָגנע גיט אונז די דאָזיקע מעגלעכקייט; גלויבנדיק, אַז דווקא אויף דעם וועג קענען מיר האָבן רו מצד אונזערע אַראַבישע שכנים; גלויבנדיק, אַז אויף דעם וועג באַשאַפן מיר פאַר זיך אַ פּאָזיציע וואָס דערמעגלעכט די ענדגילטיקע האָפענונגען אויף אַ פאַרשטענדיקונג מיט אונזערע אַראַבישע שכנים־פעלקער, טאָרן מיר בשום־אופן נישט אָפּוואַרפן אַזאַ פאָרשלאָג. בפרט, אַז אַלע אַנדערע פאָרשלאָגן, וואָס קענען דערוואַרט ווערן, וועלן אונז אַזעלכע מעגלעכקייטן נישט געבן.

עס שטייט אין אונזער וועלט אַ שאלה: וועלכער פראָנט איז פאַר אונז וויכטיקער: דער ענגלישער אָדער דער אַראַבישער? איך רעכן, אַז פון שטאַנדפּונקט פון אונזער אייביקייט, איז דער אַראַבישער עלעמענט דער וויכטיקסטער פאַר אונז. פונקט אַזוי קען מען מסכים זיין, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט פון אונזער באַלדיקער אַרבעט אין ארץ־ישראל, איז דער ענגלישער פראָנט פאַר אונז דער וויכטיקסטער. מיר שיינט אָבער, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער פאָרשלאָג — וואָס קען אונז אין דער זעלביקער צייט פאַרגרינגערן אונזער פּאָזיציע סיי אין אונזער באַציאונג מיט ענגלאַנד, סיי אין אונזער באַציאונג צו דער אַראַבישער וועלט — ווי אָט־דער פאָרשלאָג פון קאַנטאָנען. נאַטירלעך, אַז דאָס איז מיטן תנאי אַז מ׳מאַרינירט אונז נישט איין אין די ראַמען פון דעם, וואָס מיר האָבן שוין.

אָבער, וואָס דער אויסגאַנג זאָל נישט זיין פון דער קעניגלעכער קאָמי־

סיע, מוזן מיר זיך אָנהויבן גרייטן פאַר גרעסערער אַרבעט ווי ביז איצטער. אונזערע אַרבעט־שטחים זיינען אומגעהייער אויסגעוואַקסן. דאָס געביט פון ים מיט דעם האַפן אין תל־אביב ווי זיין העכסטן פונקט; דאָס געביט פון דאָרפישע ישובים, וואָס זיינען באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן דווקא אין די צייטן פון די אומרוען; די בוי־אַרבעט און אינדוסטריע, וועלכע האָט זיך טראָץ די אומרוען נישט אָפגעשטעלט; דער פאַקט, וואָס אויך די רע־גירונג שטעלט פעסט, אַז עס פעלן איצטער אידישע אַרבעטס־הענט אין ארץ־ישראל; די וויטערדיקע זאָרגן פאַר דער באַשפייזונג פון ישוב אין פאַל פון אַ מלחמה אָדער פון ערנסטע אומרוען, כדי אונזער ישוב זאָל נישט זיין אָפּהענגיק נישט פון אימפּאָרט און אויך נישט פון דער נישט־אידישער ווירטשאַפט; די אַלע אַנדערע פאָרמען פון כיבוש־עבודה, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דער לעצטער צייט, וויקלען פאַר אונז פונאַנדער אַ שטח פון טעטיקייט פון אומגעהייערן פאַרנעם. אַז ביז איצטער האָבן די פון אונז באַשאַפענע קליטה־מעגלעכקייטן געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם וואוקס פון אונזער עליה, לייקנט קיינער נישט אָפּ. מיר מוזן אָבער אויך דאָס גע־דענקען: אפילו ווען די אויפנעם־פעאיקייט פון לאַנד זאָל אין דער צוקונפט נישט זיין דער אַנערקענטער מאַסשטאַב פאַר דער אַרבעטער־עליה, הייסט עס נישט, אַז מיר דאַרפן מער נישט אָנווענדן אַלע אונזערע כּוחות אויף באַשאַפן נייע קליטה־מעגלעכקייטן. אויב מיר וועלן נישט באַשאַפן קיין נייע אויפנעם־פונקטן, וועלן מיר קיין עליה נישט האָבן. דעריבער שטייט פאַר אונז ווידעראַמאָל אין דער גאַנצער שאַרפקייט די זאָרג פאַר נאַציאָנאַ־לע קאַפּיטאַלן, די זאָרג פאַר גרויסע חלוצישע מחנות, די אָפּהיטונג פון דעם אַרבעטער־כּוח אין לאַנד, וועלכער איז דער וויכטיקסטער כּוח פון שטאַנד־פונקט פון די אינטערעסן פון דער אידישער נאַציע. עס איז פאַרשטענד־לעך דער גוואַלדיקער אינטערעס, וואָס די פּאָליטישע לאַגע האָט אַרויסגע־רופן צווישן אונזערע מאַסן. אָבער מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז דער דאָ־זיקער אינטערעס זאָל איינשלינגען אַלע אונזערע ענערגיעס. מ'מוז גע־דענקען, אַז מיר וועלן נאָך מסתמא אין ארץ־ישראל דורכמאַכן נישט איין פּאָליטישן קריזיס. אָבער יענע ווירטשאַפטלעכע יסודות, וועלכע מיר בויען אַריין אין ארץ־ישראל, וואָס שטאַרקער זיי וועלן זיין, אַלץ זיכערער זיינען מיר מיט אונזער צוקונפט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מוזן דעריבער זאָרגן דערפאַר עס זאָלן פאַרגרעסערט ווערן די אַקטיוויטעטן ביים אידישן פאָלק פאַר די נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלן; עס זאָלן באַשאַפן ווערן מעגלעכקייטן פאַר גרויסע שטראָמען פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל, וואָס זאָל באַנוצט ווערן פאַר קאָנסטרוקטיווע און נישט פאַר שפּעקולאַטיווע צוועקן. עס מוזן מאָביליזירט ווערן אַלע אונזערע פינאַנציעלע, אינטעלעקטועלע און מוסקול־כּוחות, וועל־

כע זאָלן, סיי אין פאַל פון אַ בעסערן אויסגאַנג פון די פאָרשלאָגן פון דער קאָמיסיע, סיי אויך אין פאַל פון אַן ערגערן אויסגאַנג גרייט זיין אונטער אַלע באַדינגונגען די אַרבעט פאָרצוזעצן.

ה.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די אידישע אַגענץ

ענג פאַרבונדן מיט די פּאָליטישע באַטראַכטונגען זיינען אויך אונזערע אָרגאַניזאַטאָרישע פּראָבלעמען.

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונז, איז די פאַרשטאַרקונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר מוזן אַריינברענגען קלאָרקייט אין דער באַציאונג צווישן ציוניסטן און נישט־ציוניסטן און ברענגען אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וואָס מער פון אידישע פאָלקס־כוחות. דאָס איז איצטער, צוזאַמען מיט דער צוגרייטונג פאַר גרעסערע ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, דער געבאָט פון אונזער צייט.

ווייל מיר מוזן געדענקען: אין די זיגזאַגן, וואָס די ענגלישע רעגירונג מאַכט בנוגע ארץ־ישראל, ליגט נישט קיין סתם־שוואַכקייט אָדער אומפעאיקייט צו באַשליסן. ענגלאַנד פירט איר פּאָליטיק אַזוי, אַז זי זאָל קענען ענדערן אירע וועגן און זיי צופּאַסן צו די אינטערעסן, וועלכע זי וועט באַטראַכטן פאַר וועזנטלעך אין יעדער געגעבענער צייט. שטענדיק האַלט זי דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל אין איר האַנט און זי וועגט און מעסט די פאַרשידענע פּאָליטישע כוחות, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט פוןביידע זייטן. וועלכע כוחות די אַראַבער לייגן אַרויף אויף זייער וואָגשאָל איז אונז באַקאַנט. ס'איז וויכטיק צו געדענקען, וועלכע פּאָליטישע כוחות מיר דאַרפן אַרויפלייגן אויף אונזער וואָגשאָל. די איינפלוסן פון פאַרשידענע נישט־אידישע פּאָליטישע פאַקטאָרן מוזן מיר אַוודאי באַנוצן ביז צום מאַקסימום. אָבער דער וויכטיקסטער פּאָליטישער פאַקטאָר בלייבט דאָס אידישע פאָלק אַליין. נישט דורך פיקציעס קענען מיר באַאיינפלוסן די באַשטימענדיקע כוחות פון גרויס־בריטאַניע. זיי ווייסן זייער גוט וואָס ביי אונז טוט זיך. אויב מיר פאַרשטייען נישט וויאַזוי אַרויסצוברענגען דעם אינערן, ציוניסטישן ווילן פון אידישע מאַסן מכוח אל הפועל, גראָבן מיר בידים אונטער אונזערע פּאָליטישע פּאָזיציעס.

איך באַטראַכט פאַר איינעם פון אונזערע גרעסטע טעותן דאָס, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נישט דורכגעפירט דעם קאָנגרעס־באַשלוס פון לוצערן וועגן אויפשטעלן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער. די אינערלעכע צעשפּליטערונג — וואָס גייט אַריבער אַלע באַ־

רעכטיקטע מאַסן, וועלכע קענען אַרויסוואַקסן פון אמתע דיפערענצירונגען — איז נאָך מיין מיינונג אַ פאַרברעכן. מען קען אָפּשאַצן ווי מען וויל דעם פּאָליטישן כוח פון פּוילישן אידנטום. אָבער קיין פּאָליטיקער מיט שכל וועט נישט באַגאַטעליזירן אַ מיליאָן אידן אין פּוילן, וועלכע וואָלטן קלאָר און דייטלעך דעקלאַרירט זייער ציוניסטישן ווילן און בולט אַרויסגעבראַכט פאַר אַלע פּאָליטישע פאַקטאָרן, אַז דער דאָזיקער ציוניסטישער ווילן איז ענג פאַרבונדן מיט זייער סאַמע קיום, ווי מענטשן און ווי אידן. לייקנט דען ווער דעם פאַקט, אַז עס זיינען דאָ אין פּוילן אַ מיליאָן אידן, פאַר וועמען ציוניזם און ארץ־ישראל איז געוואָרן די האָפענונג פון זייער אייגענעם לעבן? פאַרוואָס געלונגט אונז נישט אָט־די רעאַליטעט אַרויסצוברענגען אויף אַזאַ אופן פאַר דער גאַנצער וועלט און אַריינצוברענגען זי אין די אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג? ביי דער גאַנצער אָרעמקייט פון פּוילישן אידנטום וואָלט אַן איינהייטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — וואָס וויל אַרויסקריגן פון דעם פּוילישן אידנטום אַלע זיינע ציוניסטישע פּאָטענצן — געקענט דערפירן צום פאַרקויף פון אַ מיליאָן שקלים און צו אַזויפיל וויילער צום 20טן ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָס וואָלט געווען אַן אומגעהייערער, פּאָליטישער כוח אַרויפצולייגן אויף דער וואָגשאָל, וואָס דאַרף זיך אַקעגנשטעלן און איבערוועגן די פּאָליטישע כוחות, וואָס די אַראַבער לייגן אַרויף.

נאָך בולטער איז דער דאָזיקער ענין אין אַמעריקע. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט בלי שום ספק אַ גרויסן פּאָליטישן כוח, אָבער עס נוצט אים אויס פאַרן ציוניזם אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק־קליינער מאָס. בעת ס׳דאַרף קומען דער איינפלוס פון פירנדיקע יחידים, ווערט דער דאָזיקער איינפלוס באַנוצט פולע 100 פּראָצענט, אָבער ווען די דאָזיקע יחידים דאַרפן זיך אָנשפּאַרן אויף דעם ווילן פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַזוי ווייניק אָנצואווייזן, אַז עס איז אָפּטמאָל אַ חרפּה צו רעדן וועגן דעם. אַ אידישע באַפעלקערונג פון פיר און אַ האַלב מיליאָן האָט געקענט צום לעצטן קאָנגרעס, — און דאָס זיינען שוין געווען די בעסטע קאָנגרעס־וואַלן אין אַמעריקע, — צוזאַמענברענגען קוים עטלעכע און פופציק טויזנט אידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. עס איז קיין ספק נישט, אַז אויך אין אַמעריקע זיינען דאָ אַ מיליאָן אידן, וואָס זיינען אין פולן הסכם מיטן ציוניזם. אָבער די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען זיינען אויך דאָרטן אַזעלכע, אַז זיי גיבן נישט יעדן אידן די מעגלעכקייט, ער זאָל קענען אויסדריקן זיין ציוניסטישן ווילן. עס וועט זיין אומזיסט צו טענהן, אַז יעדער איד קען אויסקלייבן פאַר זיך איינע פון די עקזיסטירנדיקע ריכטונגען אין ציוניזם. עס מוז באַשאַפן ווערן איין אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם

פאַר יעדן איינציקן, וואָס וויל דעמאָנסטרירן זיין אָנגעהעריקייט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מען מוז דעריבער אויפן קומענדיקן קאָנגרעס נאָכאַמאָל באַנייען און מחייב זיין מיט שטרענגע מיטלען די פאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען, אַז זיי זאָלן אויפשטעלן די איינהייטלעכע ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַרשידענע לענדער. די לעצטע צוויי יאָר האָבן אונז געגעבן פיל דערפאַרונגען אויף דעם געביט. אפשר וועט מען דאַרפן ענדערן אייניקע פּונקטן אין די איינצלהייטן פון דעם פּלאַן; אָבער דער פּלאַן גופא מוז פון קאָנגרעס אַרויפגעלייגט ווערן ווי אַ חוב אויף אַלע ציוניסטן אים דורכצופירן.

אויך אין אונזערע באַציאונגען מיט נישט־ציוניסטן מוז אַריינגעבראַכט ווערן אַ וועזנטלעכע ענדערונג. וואָלט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס שוין היינט געווען אַ ווירקלעכער כוח, וואָס שטיצט זיך אויף אָרגאַניזירטע לאַנד־קאָנגרעסן, האָט ער געדאַרפט ווערן דער צווייטער שותף אין דער אַגענץ. אפילו זיינע שטאַרקסטע חסידים וועלן נישט באַהויפּטן, אַז שוין איצט איז דער וועלט־קאָנגרעס ראוי דערצו. אָבער נאָך ווייניקער ראוי איז יענע בריאה, וואָס רופט זיך אָן דער נישט־ציוניסטישער טייל אין דער אַגענץ. זי איז אינגאַנצן אויסגעליידיקט געוואָרן פון געזעלשאַפטלעכע כוחות — און דאָס אָנהאַלטן יענע בריאה ווי אַ פּאַרטנער צו דער ציוניסטישער באַ־וועגונג ווערט שוין פּשוט קאָמיש. אין קיין קאָמישע לאַגע טאָרן מיר אָבער ווייטער נישט בלייבן.

איך בין געווען איינער פון די הייסטע אָנהענגער פון דער אויסגעברייי־טערטער אַגענץ. איך גלויב נאָך עד־היום, אַז ווען נאָך דער גרינדונג פון דער אַגענץ אין 1929 וואָלטן מיר תיכף נישט באַקומען דריי אומגעהייערע קלעפּ: די אומרוען אין ארץ־ישראל, דער טויט פון לואי מאַרשאַל און דער עקאָנאָמישער קראַך אין אַמעריקע, וואָלט זיך די אַגענץ גאַנץ אַנדערש אַנטוויקלט און וואָלט היינט אַנדערש אויסגעזען. אָבער אין דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצטער, איז די אַגענץ איבעריק אין תוכן און אין איר אָרגאַניזאַטאָרישער פאָרעם איז זי באַלד נישט מער ווי אַ וויץ.

נישטאָ היינט די נויטווענדיקייט פאַר אַן איבערגאַנגס־סטאַדיע פאַר יענע אַנטי־ציוניסטן, אָדער אַ־ציוניסטן פון 10—15 יאָר צוריק — ווען עס איז געווען שווער צו מאַכן דעם שריט גלייך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַריין און עס איז געווען נויטיק צו באַשאַפן פאַר זיי אַ טרעפּל, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן מאַכן אַ צו־לאַנגן שפּאַן אַרויף... אַלע, וואָס זיי־נען פאַראינטערעסירט אין דער בוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל קענען, דאַרפן און זאָלן געפינען זייער פּלאַץ אין יענער ראַם, וואָס הייסט די ציוניסטישע באַוועגונג. ארץ־ישראל פאַראייניקט איצט מער אידן, ווי וועלכער ס׳איז

אַנדערער איינצל־פּראָבלעם אין אונזער לעבן. אַנשטאָט אַ סלע המחלוקת, איז ארץ־ישראל געוואָרן דער צעמענטירנדיקסטער כוח אין אידישן פאָלק. יעדער איד, וואָס וויל העלפן בויען ארץ־ישראל, קען געפינען זיין וועג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דערפאַר איז די פריערדיקע נויטווענדיקייט פאַר דער ניט־ציוניסטישער טייל אין דער אַגענץ מער נישטאָ.

וואָס שייך דעם פּונקט אין מאַנדאַט, וועלכער רעדט וועגן אויסברייטע־רונג פון דער אַגענץ, דאַרף ער גאָר אַנדערש דורכגעפירט ווערן. עס זיינען דאָ גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציעס, סיי אַלוועלטלעכע, סיי אויך פון לאַנד־מאַסשטאַב אין די וויכטיקסטע לענדער פון גרויסע אידישע ישובים. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען אָרגאַניזירט נישט צוליב ציוניסטישע צוועקן; זיי זיינען דעריבער נישט יאָ־ציוניסטן און נישט נישט־ציוניסטן. נעמען מיר אַלס ביישפּיל דעם גרויסן אָרדן „בני ברית". אָט אַזעלכע אָרגאַניזאַ־ציעס דאַרפן איינגעלאַדן ווערן צו שיקן פאָרטרעטער אין דער אַגענץ. די 50־פּראָצענטיקע נישט־ציוניסטישע פאָרטרעטער דאַרפן פאַרטיילט ווערן צו אַזעלכע ווירקלעך־עקזיסטירנדיקע אידישע גרויסע קערפּערשאַפטן. אויך דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעטערשאַפט פון אַמעריקע, וועלכע איז שוין כמעט אין אירע פולע הונדערט פּראָצענט פאַר ארץ־ישראל, דאַרף געגעבן ווערן אַ דירעקטע פאָרטרעטערשאַפט אין דעם צווייטן טייל פון דער אַגענץ. אָבער די אַלע גרויסע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן ניט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון וואָרבורגן מיט דער קליינער גרופּע, וואָס שטייט מיט אים, אַז זיי זאָלן זיך באַטראַכטן ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער כוח אין דעם אידישן לעבן, ווי די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע גרויסע קערפּערשאַפטן מוזן צוקומען צו דער אַגענץ דורך דירעקטער פאַרהאַנדלונג מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און נישט דורך דעם קאַנאַל, וואָס הייסט וואָרבורג. די אידישע אַגענץ וואָלט דאַן ווירקלעך געוואָרן די רעפּרעזענ־טאַנץ פון אַלץ, וואָס איז אָרגאַניזירט אין דעם אידישן לעבן. זי וואָלט אַרויפ־געלייגט אַחריות אויף קערפּערשאַפטן, וואָס ציילן הונדערטער טויזנטער מיטגלידער, וועלכע זיינען דעריבער ביכולת די דאָזיקע אַחריות צו טראָגן. זי וואָלט אין זיך אַריינגעבראַכט יעדע קאָנסטרוקטיווע גרופּע, וואָס קען עפּעס ביישטייערן און וואָלט געמאַכט דורך דעם אַ סוף צו דעם איצטיקן אומדערטרעגלעכן צושטאַנד, ווען אַ קליינינקע גרופּע, וועלכע רעפּרעזענטירט קיינעם נישט, שטעלט פאָדערונגען צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויף דער באַזע פון אַ קאָנטראַקט, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט גע־מאַכט מיט דעם נישט־ציוניסטישן טייל פון דעם אידישן פאָלק, ד. ה. — מיט יענעם טייל פון אידישן פאָלק, וואָס איז נישט אָרגאַניזירט ציוניסטיש און וואָס יענער טייל באַטראַכט זיך גאָרנישט ווי אַנגעהעריק צו דער וואָר־

בורג־גרופּע — פאָדערט פונדעסטוועגן די דאָזיקע קליינע גרופּע איר רעכט אויף 50 פּראָצענט אין אַלע אָרגאַנען, וואָס דאַרפן באַשטימען דעם גורל פון ארץ־ישראל. דער קומענדיקער קאָנגרעס וועט מוזן מאַכן אַ סוף צו אַזאַ לאַגע.

דער קאָנגרעס וועט מוזן מאַכן אַ סוף דערצו אויך צוליב נאָך אַ סיבה. די דאָזיקע גרופּע פאַרלאַנגט נישט בלויז אירע 50 פּראָצענט, נאָר זי איבט אויס דיקטאַטאָרישע איינפלוסן אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג און אויף אירע אַרבעטן. דאָס איז די זעלביקע גרופּע, וואָס באַהערשט אויך דעם אַמע־ריקאַנער „דזשאָינט". צוליב דעם איז דער כוח פון דער דאָזיקער גרויסער הילפס־אָרגאַניזאַציע — וועלכע איז געשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט אָנפּאַרטרויט אין אירע הענט איבער 100 מיליאָן דאָלאַר — און איר איינפלוס אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער זעלביקער גרופּע. דערפאַר דערלויבט זי זיך צו דיקטירן דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַזוי איז דאָס געווען בנוגע דעם מפעל־הבצרון אין אַמעריקע. וואַרבורגס קעגנערשאַפט האָט אונז געקאָסט, נאָך מיין אָפּשאַצונג, אַ גרויסן סכום וואָס מיר האָבן געקענט זאַמלען פאַר ארץ־ישראל. אַזוי פּאַסירט עס אויך אויף אַנדערע געביטן. אַ קריטישער אַרטיקל קעגן „דזשאָינט" אין אַ צייטונג, אין וועלכן, זאָגן מיר, דר. וויַיז איז פאַראינטערעסירט, רופט אַרויס די אומדערהערטע פאָדערונג מצד דעם נישט־ציוניסטישן טייל פון דער אַגענץ, אַז אַזעלכע אַרטיקלען זאָלן נישט דערשיינען. אויב נישט, סטראַשען זיי מיט אַוועקגיין פון יענעם אַנשטאַלט, וואָס זאַמלט די נאַציאָנאַלע פאָנדן פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. אויב די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נאָך אין זיך אַביסל זעלבסטווירדע — וועט זי נישט דערלויבן די פאָרזעצונג פון אַזאַ צושטאַנד.

מיר גייען צו דעם קומענדיקן קאָנגרעס מיט גרויסע ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען, מיט גרויסע אינערלעכע אָרגאַניזאַציע־פּראָבלעמען, מיט גרוי־סע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן אונזער באַציאונג מיט די נישט־ציוניסטן; מיר גייען צום קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס מיט אומגעהייער־וויכטיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען; מיר קומען צום קאָנגרעס נאָך אַ יאָר פון שרעק־לעכע געשעענישן אין ארץ־ישראל. איך ווייס, אַז עס זיינען פאַראַן געביטן, וועלכע איך האָב אפילו נישט באַרירט; הויפּטזעכלעך דעם געביט פון זיכער־קייט אין לאַנד, מיט די פראַגן פון הגנה, הבלגה און נאָך ענלעכע ענינים. די אַלע ענינים וועלן דירעקט אָדער נישט דירעקט באַהאַנדלט ווערן אויפן קומענדיקן קאָנגרעס. מיר מוזן זיך דעריבער ערנסט גרייטן צו אָט־דעם קאָנגרעס. מיר מוזן זיך קודם־כל גרייטן, אַז דער קאָנגרעס אַליין זאָל זיין אימפּאָזאַנט; אַז ער זאָל פאַרטרעטן אַ גרעסערע צאָל אידן ווי דער 19טער

קאָנגרעס אין לוצערן און מיר מוזן אין דער זעלביקער צייט זאָרגן, אַז די פּאָזיציעס, וועלכע די אַרבעטערשאַפט האָט דערוואָרבן אין קאָנגרעס, זאָל נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר אויך באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט ווערן. מיר וועלן דאַרפן ווידער אַרויסגיין אין דער אידישער גאַס און טראָגן דאָרטן די איבערצייגונג, אַז אַלץ, וואָס דער אידישער אַרבעטער־קלאַס בויט אין ארץ־ישראל, איז נישט בלויז כדי צו פאַרשטאַרקן דעם קלאַס ווי אַ קלאַס, נאָר כדי יעדער פּאָזיציע, וואָס מיר בויען אויס זאָל בלייבן זיכער פאַר דעם גאַנצן אידישן פאָלק. מיר ווילן און דאַרפן בויען נייע הונדערטער פונקטן, וועמענס אידישער כאַראַקטער זאָל נישט זיין אָפּהענגיק אין דעם צי די אַראַבער מאַכן אויף אונז פּאָגראָמען; צי זיי רייסן אויס אונזערע בוימער אָדער נישט, ווי עס איז דער פאַל מיט די פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע אַגראַר־פונקטן אונזערע אין לאַנד. מיר ווילן פאַרפילפאַכן די אינדוסטריעלע מעג־לעכקייט פון לאַנד, כדי צו באַשאַפן פלאַץ פאַר נייע הונדערטער טויזנטער. מיר ווילן פאַרגרעסערן דעם שטח פון קאָנסטרוקטיוו־געזונטן אידישן האַנדל און אונזערע האַנדלס־באַציאונגען סיי מיט די שכנותדיקע לענדער, סיי אויך מיט דער גאַנצער וועלט. מיר גלויבן, אַז מיר האָבן די כוחות צו פאַרגרע־סערן די בוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל אויף יעדן שטח. מיר גלויבן, אַז מיר וועלן האָבן די אינערלעכע פּאָליטישע גבורה אַרויסצוגיין פון דעם איצטיקן פּאָליטישן שווערן פלאָנטער, מיט מעגלעכקייטן פאַר אַ גרויסער באַנייטער אַרבעט. צו אָט־די צילן זאָל אונז דינען די שקל־אַקציע, וואָס הויבט זיך איצטער אָן, די וואַל־אַקציע וואָס וועט קומען נאָכדעם און דער קאָנגרעס, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן — דער יובל־קאָנגרעס, דער 20טער קאָנגרעס, 40 יאָר פון דעם ערשטן קאָנגרעס, אין וועלכן הערצל האָט זיין נשמה אַריינ־געבלאָזן. דער דאָזיקער קאָנגרעס זאָל נישט נאָר אויסערלעך אימפּאָזאַנט זיין, נאָר זאָל אַריינשטויסן אין אונזער אינערלעכן ציוניסטישן לעבן דעם גלויבן אין דעם נצחון פון אונזער אידיי און די אָרגאַניזאַטאָרישע ענדע־רונגען, וואָס זיינען נויטיק, כדי אָט־דעם גלויבן וואָס לעבט אין די הערצער פון מיליאָנען אידן אין דער גאַנצער וועלט אַרויסצוברענגען פון זיינע פּאַ־טענצן און פאַרוואַנדלען אים אין אַן ענערגיע, וואָס זאָל אונז ברענגען צו דער העכסטער יצירה.

תש״ג

א.

מיט באַוואונדערונג, פאַרהייליקונג און טיפער פרייד וועלן קומענדיקע דורות, יאָרהונדערטער שפּעטער, צוריקבליקן צום יאָר תש״ג. באַוואונדערונג פאַרן אַנטפּלעקטן העראָאיזם צווישן אַלע פעלקער אין וועלט־געראַנגל צווישן אור וחושך; פאַרהייליקונג פון יעדן טראָפּן בלוט, וואָס איז פון די פרייע פעלקער אָפּגעגעבן געוואָרן אין דעם דאָזיקן געראַנגל און טיפע פרייד, ווייל אין דעם יאָר — תש״ג — האָבן די כוחות פון ליכט אָנגעהויבן זייער נצחון־מאַרש איבער די כוחות פון פינצטערניש. און געבענטשטע יחידים מיט שאַפונגס־קראַפט אויף אַלע געביטן וועלן צוריקווענדן זייערע גייסט־בליקן צום יאָר תש״ג, כדי דורך התרוממות הנפש און רוח הקודש — וואָס גיבן געבורט צו שעפערישקייט — צוריקצוברענגען צו זייערע דורות כאָטש אַ טייל פון דעם הרת עולם, וואָס אונזער דור האָט אין דעם יאָר דורכגעמאַכט.

אפילו פאַר יענע, וואָס וועלן לעבן ווייט אָפּגערוקט פון אונזער צייט און וועלן באַנוצן פאַר זייער אויסדרוק קונסט־פאָרמען, וועט ניט גרינג זיין אַרומצוכאַפּן אַלץ, וואָס די געשעענישן פון תש״ג וועלן געשיכטלעך מיט זיך פאָרשטעלן און אַלע זייערע אויסווירקונגען אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. פאַר איינעם, וועמענס אויסדרוקס־מיטלען זיינען גאַנץ ווייט פון קונסט־פאָרמען — וואָס לעבט נאָך אָט די געשעענישן אַליין מיט און איז אין סאַמע מיטן פון די פּאַסירונגען, ווען די פּראָצעסן פון זייערע שפּעטערדיקע אויסווירקונגען ליגן נאָך פאַרהוילן אין דער צוקונפט, — פאַר אַזאַ איינעם איז אַוודאי שווער אַלץ אַרומצוכאַפּן. נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער ווערט עס פאַר אַ אידן, וואָס איז דאָך מחוייב אונטערצושטרייכן די אידישע תש״ג־געשעענישן, אויסצושעפּן אַלץ, וואָס תש״ג וועט מיט זיך מיטנעמען אין דער אידישער געשיכטע. אַוודאי וועלן אויך אידישע קומענדיקע דורות צוריקבליקן צום יאָר תש״ג מיט באַוואונדערונג, פאַרהייליקונג און פרייד. אָבער די מאָס, סיי פון באַוואונדערונג, סיי פון פאַרהייליקונג און נאָך מער פון פרייד וועט מוזן זיין גאָר אַן אַנדערע פאַר קומענדיקע אידישע דורות. דער וועלט־חשבון פון תש״ג וועט זיין גענוג קאָמפּליצירט. אָבער דער אידישער תש״ג־חשבון וועט זיין נאָך קאָמפּליצירטער.

דאָס ערשטע געפיל, וואָס כאַפּט אַרום ביים שרייבן די שורות, ווען מען מוז דורכפירן דורך קאָפּ און האַרץ סיי דער וועלטס תש״ג־חשבון, סיי דעם אידישן, איז אַ וואָרענונג און מאַנונג. די אידישע תש״ג־געשעענישן וואָרע־

נען און מאָנען זייער תיקון: וואָרף אונז ניט אַריין אין דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פון דער וועלט־לאַגע! היט זיך פון יענעם פאַטאַלן טעות, אַז עס איז איצטער דאָ בלויז איין חשבון — דער וועלט־חשבון; אַז אויב דער וועלט־חשבון וועט ווערן ריכטיק אויסגערעכנט און ריכטיק אויסגעצאָלט, וועט שוין דורך דעם דער אידישער חשבון ממילא אויסגערעכנט און אויסגעצאָלט ווערן.

אַוודאי מוז מען די אידישע תש״ג־געשעענישן אַריינגעמען אין דער ראַם פון דער וועלט־לאַגע. אָן אַ קלאָרן וועלט־חשבון איז בכלל אוממעגלעך צו מאַכן דעם חשבון פון קיין שום באַזונדער פאָלק. נאָך ווייניקער קען דער אידישער חשבון געמאַכט ווערן מחוץ פון דער וועלט־ראַם. אָבער אין דער וועלט־ראַם מוזן די אידישע תש״ג־געשעענישן באַקומען זייער ספּעציפישע אָפּשאַצונגען.

וואָס איז דער וועלט־חשבון פון תש״ג?

אויף אַלע שלאַכט־פעלדער האָבן אין יאָר תש״ג באַקומען די אויבערהאַנט די כוחות, וואָס קעמפן קעגן נאַציזם און פאַשיזם. אין דעם קורצן דויער פון בלויז צוועלף חדשים זיינען די כוחות פון פינצטערניש געטריבן געוואָרן פון על־אַלאַמיין וואָס אין מצרים ביז אין האַרץ פון איטאַליע אַריין, געבנדיק אַ טויט־קלאַפּ דעם פאַשיזם און שטאַרק פאַרוואונדנדיק זיין שותף, דעם נאַציזם. אין די זעלביקע צוועלף חדשים איז דער נאַציזם אַליין פאַרטריבן געוואָרן פון סטאַלינגראַד ביז כמעט פאַר די מלחמה־גרענעצן פון פוילן און די באַלטישע לענדער. אין זעלביקן תש״ג האָבן די יאַפּאַנער צום ערשטן מאָל דערשפּירט די געפּאַנצערטע האַנט פון די דעמאָקראַטיעס, ווען עס האָט אפשר צו לאַנג גענומען ביז זייער האַנט איז אָנגעפילט געוואָרן מיט יענער מיליטערישער גבורה, וואָס בלויז איר שפּראַך פאַרשטייען די אין מיליטאַריסטישער מ״ט שערי טומאה פאַרזונקענע פירער פון יאַפּאַנישן פאָלק. איז אָבער די באַוואָפנטע האַנט פון דער פאַראייניקטער דעמאָקראַטיע ענדלעך אויפגעהויבן געוואָרן, וועט זי, האָפנטלעך, שוין ניט אַרונטערגעלאָזן ווערן, ביז עס וועט קיין שריד ופליט ניט בלייבן צו די כוחות פון חושך. די דאָזיקע אַלע געשעענישן וועלן עס ברענגען צום יאָר תש״ג די באַוואונדערונג פון קומענדיקע דורות, ווייל אין דעם יאָר איז אַרויסגעטראָטן מיט פולער קראַפט דער הערלאיזם פון אַלע פעלקער, ווען זיי האָבן דערשפּירט די געפאַר פון נאַציסטישער און פאַשיסטישער באַהערשונגס־תשוקה איבער זיי. אַוודאי קאָסט עס אַלע פעלקער בלוט. נאָר פאַרהייליקט וועט דאָס דאָזיקע בלוט בלייבן לעולם ועד.

און ווייל אין תש״ג האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן דער אויסגאַנג פון וועלט־געראַנגל, וועט מען זיך מיט טיפער פרייד דערמאָנען אָן דעם גע־

בענטשטן יאָר. דער גרעראַנגל גופא איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט. געגוג נייער הערעאָיזם און נאָך גענוג בלוט וועט זי פאָדערן ביזן ענדגילטיקן נצחון. דער נצחון וועט אָבער קומען. עס איז שוין דעריבער אפילו היינט ניט שווער זיך פאָרצושטעלן ווי די וואונדן, פון וועלכע אַלע פעלקער בלוטיקן איצטער, וועלן ווערן נאָכן נצחון פולקאָם שנעל פאַרהיילט און די פרייד מיט די תש״ג־וועלט־געשעענישן וועט ווערן שלימותדיק.

קאָמפּליצירט הויבט אָן דער וועלט־חשבון צו ווערן, ווען מען קומט צו צו די שלום־פּראָבלעמען. אָבער אפילו בנוגע שלום ליגט עס דאָך אַלץ אין די הענט פון די פרייע פעלקער אַליין. נאָר זייער אייגענע קורצזיכטיקייט, זייער אייגענע פאַרגליוועוודקייט, זייער אייגענער קלאַמערן זיך אין אַלטע לעבנס־פאָרמען, זייער אייגענע ניט־גרייטקייט אַריינצוטראָגן ראַדיקאַלע שינויים אינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן און אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען קען זיי טרייבן צו אַ דריטער, נאָך בלוטיקערער וועלט־מלחמה. זאָלן, חלילה, די פעלקער פון דער וועלט געשלאָגן ווערן מיט אַזאַ בלינדקייט, וועט דער וועלטס תש״ג־חשבון גאַנץ אַנדערש אויסזען אין דער צוקונפט. דער אַנטפּלעקטער הערעאָיזם און דאָס פאַרגאָסענע בלוט וועט האָבן אָוועקגעגאַנגען לאיבוד. די הייליקייט וועט זיך אָפּטאָן פון תש״ג. די שמחה וועט אוודאי פאַרשווינדן.

אָבער די האָפענונגען אויף אַ געזונטן סטאַבילן שלום באַשטייען דאָך נאָך. די האָפענונג באַשטייט דאָך נאָך, אַז די שעפער פון דעם נייעם וועלט־שלום וועלן האָבן דעם מוט צו זוכן די ריכטיקע מעטאָדן, וואָס זאָלן פירן די מענטשהייט צו דער אויסגלייכונג פון אַלע ווירטשאַפטלעכע קרומקייטן, וואָס שטעלן אויף מענטש קעגן מענטש, קלאַס קעגן קלאַס און פאָלק קעגן פאָלק און אַריינפלאַנצן די דאָזיקע מעטאָדן אין דעם נייעם סאָציאַלן צוזאַמענלעבן; עס קען דאָך נאָך אַריינגעבויט ווערן אין דער נייער וועלט־געגנזיידע קאָלעקטיווע וועלט־אחריות, געטראָגן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, באַזירט אויף דער אָנערקענונג פון גלייכווערטיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער; דורך דעם קענען דאָך אויסגעגליכן ווערן די קרומקייטן פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען אין דער מענטשהייט. וועט דאָס געשען, דאַן האָט זיך מיטן יאָר תש״ג געעפנט יענע נייע תקופה פאַר דער מענטשהייט, וועלכע נביאים און חוזים ביי אַלע פעלקער האָבן פאַראויסגעזען און פאַראויסגעזאָגט.

ניט בלויז וועלן די שווערדן ענדגילטיק קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַקעראייזנס, נאָר דער מענטשלעכער גייסט — וועמענס אומאויסשעפּלעכקייט עס איז אַזוי בולט געוואָרן דווקא אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען ער האָט געמוזט זיין גאַנצע יצירה־פּאָטענץ פאַרנוצן פאַר קריגס־צילן,

— דער דאָזיקער מענטשלעכער גייסט, אין אַ וועלט באַהערשט פון אמתער פרייהייט און פון זיכערן פרידן, וועט זיך קענען פאַנאַנדערגיסן אויף אַלע פעלדער פון קולטור. צי איז דען מעגלעך פּאַראויסצוזאָגן צו וועלכע היכן די מענטשהייט קען זיך דאַן דערהויבן? צי קען און צי דאַרף דען מער געזאָגט ווערן אויסער דאָס איבערחזרן יענע וויזיע פון אַנטפּלעקטע שמים חדשים וארץ חדשה, וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן דער מענטשהייט דורך אונזערע נביאים?

ב.

אָט דער גאַנצער חשבון מוז אַוודאי אויך אַריינגענומען ווערן אין דער אידישער תש״ג־אָפּשאַצונג, אָבער מיט זייער באַדייטנדיקע ספּעציפישע אונ־טערשטרייכונגען. סיי דער אידישער אַנטפּלעקטער העראָאיזם, סיי די מאָס פון פאַרגאָסן אידיש בלוט, שטייגן איבער דעם דורכשניט פון דעם וועלט־חשבון און די מאָס פון אידישער פרייד וועט זיין אָפּהענגיק פון ספּעציפישע פאַקטאָרן, וואָס שטראָמען אַרויס פון אונזער אייגנאַרטיקן לעבן און מוזן אַריינגעבראַכט ווערן אין אונזער באַזונדערן תש״ג־חשבון.

דער אידישער העראָאיזם פון תש״ג פאַרמאָגט אַ גרויסן טייל, וואָס איז ענלעך צום העראָאיזם פון אַלע פעלקער. אויף אַלע מלחמה־פראָנטן, וואו העראָאיזם איז אַנטפּלעקט געוואָרן זיינען אונזערע אידישע קינדער באַטייליקט. אַלע באַריכטן, וואָס דערגרייכן צו אונז, דערציילן וועגן זייער חלק אין אַנטפּלעקטן העראָאיזם. אָבער צו דעם קומט נאָך צו אַ סאָרט הע־ראָאיזם, וואָס איז גאָר ניט מעגלעך ביי אַנדערע פעלקער.

די גבורה פון די וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער און אַנדערע אידישע געטאָס איבערשטייגט אַלץ, וואָס די העלדישסטע קאָמאַנדאָס פון אַלע פעל־קער האָבן באַוויזן. דאָס בלוט פון אָט די אידישע קדושים איז זיכער ניט רויטער פון דעם בלוט פון די העלדן און קדושים ביי אַנדערע פעלקער. אָבער אַ פיל גרעסערע מאָס פון אינערלעכער גבורה האָט זיך געפאָדערט צו קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן די נאַציס אין וואַרשע, ווי דורכצופירן די געוואַגטסטע קאָמאַנדאָ־מיסיע. פּרובירט זיך נאָר פאָרשטעלן דעם געמיטס־צושטאַנד פון אַ קאָמאַנדאָ־העלד, מיט דער ברכה פון אַ גאַנץ פאָלק הינטער זיך; מיט די בליקן פון זיינע נאָענטסטע, וואָס דערמוטיקן אים און ועל־כולם — מיט אַ האָפענונג צוריקצוקומען אַ לעבעדיקער. דערצו איז ער דורכגעדרונגען מיט באַוואוסטזיין, אַז ער באַטייליקט זיך דירעקט אין דער מלחמה, אַז זיין טאַט דערנענטערט דעם טאָג פון נצחון. פאַרגלייכט עס מיט דעם געמיטס־צושטאַנד פון אַ קדוש אין וואַרשע: ער גייט צום זיכערן טויט.

ער ווייס אפילו ניט צי זיין פאָלק וועט ווען עס איז זיך דערוויסן פון זיין טאָט. ער ווייס, אַז זיין טאָט און אפילו זיין טויט קען קיין דירעקטע ווירקונג אויף דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה ניט האָבן. עס באַוועגן אים בלויז מאָטיוון פון אידישן און מענטשלעכן כבוד. אויסער דעם האָט דאָך דער קאָמאַנדאָ־העלד ניט דורכגעלעבט קיין יאָרן פון דערנידעריקונגען, וואָס דע־מאָראַליזירן דעם מענטשן, ווי עס האָבן דורכגעלעבט די אידן פון די געט־טאָס. דער אַנטפּלעקטער אידישער העראָאיזם האָט דעריבער מיט זיך פאָר־געשטעלט אַ ספּעציפישע דערשיינונג, וואָס טאָר פון אידישן תש״ג־חשבון ניט אויסגעלאָזן ווערן.

און וועגן דער מאָס פאַרגאָסן בלוט — צי איז דען נויטיק אונטערצו־שטרייכן, אַז מען טאָר פון אויג ניט אַרויסלאָזן דעם פאַקט, אַז מיר האָבן שוין פאַרלאָרן אַרום אַ פערט־חלק פון דער אידישער באַפעלקערונג אויף דער גאַנצער וועלט? (דאָס נעם איך שוין אָן די מער אָפּטימיסטישע ציפערן פון דעם בוך, וואָס איז מיט אַ חודש צוריק אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם פאָרשונג־אינסטיטוט ביים אידישן וועלט־קאָנגרעס און אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אין יענעם בוך ווערט אָנגעגעבן די צאָל פון טויטע איבער דריי מיליאָן. עס זיינען אָבער דאָרטן אָנגעגעבן קאַרגע צוויי מיליאָן עוואַקויר־טע וואָס אַ באַדייטנדיקער פראָצענט פון זיי לעבן שוין אויך ניט און איבער 345,000 דעפּאָרטירטע קיין מזרח־אייראָפּע, וואָס די מערסטע פון זיי, דאַרף מען אָננעמען, לעבן שוין ניט). פון וועמעס האַרץ רייסט זיך דען ניט די תפילה: זאָל גאָט שומר ומציל זיין אַלע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט, פון אַזאַ גורל, וואָס האָט שוין אונז געטראָפן.

דערפון איז געדרונגען, אַז די מאָס פון פרייד פאַר אידישע קומענדיקע דורות מיטן יאָר תש״ג וועט נאָך זיין שטאַרק אָפּהענגיק פון דעם, צי וועט פאַר דעם ספּעציעלן אידישן העראָאיזם און פאַר דער אומפאַרגלייכלעך גרעסערער מאָס פון בלוט־פאַרלוסט קומען אויך אַ געהעריקע מאָס פון סיי נאַציאָנאַלער, סיי יחידישער שאָדן־פאַרגיטיקונג נאָך דער מלחמה. דערפאַר ווערט דער אידישער תש״ג־חשבון פיל קאָמפּליצירטער און זיין אָפּשאַצונג איז איצטער פיל שווערער.

דערצו ווערן מיר נאָך געשיכטלעך געקריוודעט מיט דעם, וואָס אין דער פאָרמירונג פון דער נייער וועלט־אָרדענונג וועלן מיר קיין דעה ניט האָבן. מיר וועלן, ווי אַ פאָלק, ניט קענען מיטבאַשטימען אין יענע נייע וועלט־אָרדענונגען, וועלכע וועלן פעסטשטעלן די סטאַביליטעט פון דעם קו־מענדיקן פרידן און די מאָס פון אמתער פרייהייט, וואָס וועט באַהערשן די קומענדיקע וועלט. וועט, חלילה, די מענטשהייט בלייבן ביי איר בלינדקייט און דורך דעם שטויסן צו אַ דריטער וועלט־מלחמה, וועט דער שארית ישראל

ווידער געשטעלט ווערן אין אַ געצוואונגענעם אַתּה־בחרתּנו־צושטאַנד: מיר וועלן ווידער געשטעלט ווערן פֿאַר דער נויט פֿון ספּעציפֿישן העראָאיזם און אַ פֿיל גרעסערער מאָס פֿון אַ נייער בלוט־פֿאַרלירונג לגבי די אַנדערע פֿעלקער. אָבער אין מיטהעלפֿן אויסצומיידן די קאַטאַסטראָפֿע וועלן מיר אַלץ בלייבן דער אַתּה־מאסתּנו־פֿאָלק פֿון דער מענטשהייט.

ג.

דאָס זיינען אַלץ ספּעציפֿיש־אידישע פּונקטן אין דעם אַלגעמיינעם וועלט־חשבון. דערמיט שעפּן זיך אָבער ווייט ניט אויס די ספּעציעל־אידי־שע תּש״ג־געשעענישן. דווקא די אַנדערע אידישע תּש״ג־געשעענישן קאָמ־פּליצירן אונזער לאַגע און מוזן אונז צווינגען צו ספּעציעל אידישע שריט. די דאָזיקע געשעענישן האָבן געמיינזאַמעס מיטן וועלט־חשבון אין צוויי פּונקטן. ערשטנס — זיי שטאַמען אויך פֿון דער מלחמה. צווייטנס, — תּש״ג האָט זיי ניט אָנגעהויבן, נאָר געבראַכט צו מער בולטקייט. אין זייער איבע־ריקער כאַראַקטעריסטיק זיינען זיי אָבער ריין־אידישע. און אונזער גרעסטע זאָרג וועגן זיי באַשטייט אין דעם, וואָס זייער חשבון קען בלייבן ניט אויס־גערעכנט און אַוודאי ניט אָפּגעצאָלט, אפילו אויב פֿאַר דער גאַנצער וועלט וועט אויפֿגעשטעלט ווערן אַ סטאַבילער פֿרידן און אַן ערנסטער פֿאַרזוך זאָל אפילו יאָ געמאַכט ווערן אויסצוגלייכן די אויבנאָנגעצייכנטע סאָציאַלע קרומ־קייטן.

סעיף נומער איינס אין ספּעציפֿישן אידישן חשבון: אַנטיסעמיטיזם אין יאָר תּש״ג איז באַדייטנדיק פֿאַרשטאַרקט און ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. וואָס מער קרבנות די מלחמה פֿאָדערט, אַלץ גרעסער ווערט די צאָל מענטשן אויף דער וועלט, וואָס אָדער אין זייער באַוואוסטזיין, אָדער אין אונטערבאַ־וואוסטזיין, וואָרצלט די היטלעריסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די מלחמה איז אַ אידישע. דווקא דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן זיין מלחמה קעגן דער וועלט מיט דעם אויסראָטונגס־קאַמף קעגן אידן שפּייזט די דאָזיקע באַהויפּטונג און קרעפֿטיקט זי. די צאָל מענטשן, וואָס קענען זיך דערהויבן איבער אָט דער פּראָפּאַגאַנדע ווערט קלענער. און מיר מוזן גרייט זיין דאָס דאָזיקע פּראָבלעם צו באַגעגענען. מיר מוזן קלאָר זען, אַז די סאַמע מעגלעכקייט אַז אַזאַ סאָציאַלער גיפֿט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט זאָל גאָר קענען פֿאַר־וואָרצלט ווערן אין מענטשלעכע הערצער איז ענג פֿאַרבונדן מיט אונזער היסטאָרישער היימלאָזיקייט. ווען דער שאָס, וואָס האָט געפֿירט צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז אָפּגעפֿייערט געוואָרן אין סאַראַיעוואָ, איז דער־פֿון קיין אַנטי־סערביזם אין מענטשלעכן פֿילן ניט אַריינגעגאָסן געוואָרן.

ווייל אַנטי־סערביזם האָט פריער ניט עקזיסטירט און די מענטשלעכע פּסי־כיק האָט זיך דעריבער ניט פאַרנומען אויף דעם וועג. אָבער אַנטיסעמיטיזם האָט שוין פון פריער עקזיסטירט אינעם געמיטס־צושטאַנד פון אַ סך צענ־דליקער מיליאָנען מענטשן. קען היטלער דורך פאַרדרייען פאַקטן, דורך זייען גיפט, די מענטשלעכע פּסיכיק יאָ טרייבן צו פאַרשטאַרקן אַנטיסעמי־טיזם. טאָמער האָט אַ פאַמיליע — אפילו ערגעץ אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה — צוגעטראָגן אַ לעבנס־קרבן צו דער מלחמה, פאַרוואַלגערט זיך ערגעץ אַ טראָפּן פון היטלער־געבעלס־סם און גיפטיקט אַריין אין דער נשמה פון דער פאַמיליע. פון וואַנען האָט זיך אָט דער אַנטיסעמיטיזם געשיכטלעך גענומען? דאָס איז די באַקאַנטע באַגלייט־דערשיינונג פון אונזער היימלאָ־זיקייט.

און אויב תש״ג — דאָס יאָר, אין וועלכן דער וועלט־חשבון האָט צום ערשטן מאָל, זייט די מלחמה איז אויסגעבראָכן, דערזען דעם אָנהויב פון נצחון — האָט דעם אַנטיסעמיטיזם ניט געקענט אָפּשוואַכן, איז עס אַ וואָרע־נונג פאַר אונז. די דאָזיקע ספּעציעל־אידישע תש״ג־דערשיינונג מוז דורך ספּעציעל אידישע ענדערונגען באַגעגנט ווערן. די באַצאָלונג פון וועלט־חשבון קען אָט די אידישע קאָנטאָ איבערלאָזן אומבאַצאָלט. אידן מוזן זאָגן, אַז די קאָנטאָ זאָל באַצאָלט ווערן. זי קען באַצאָלט ווערן נאָר אויף איין וועג: מאַכן אַ סוף צו אידישער היימלאָזיקייט.

סעיף נומער צוויי אין ספּעציעלן אידישן תש״ג־חשבון איז: די אַרונ־טערזינקונג פון אידישער חשיבות. אויך דאָ האָט די היטלער־געבעלס־פּראָ־פּאַגאַנדע געהאַט איר חלק. און אויך דאָ האָט תש״ג ניט געבראַכט קיין טרייסט צו אונזער פאַרבלוטיקט פאָלקס־הארץ. און דער ווייטיק שניידט נאָך דאָ טיפער, ווייל די קרבנות פון אָט דעם סם זיינען ניט בלויז מאַסע, נאָר די סאַמע קאַרפּן־קעפּ פון דער וועלט, וואָס פירן מיט אַזויפיל וויזיע דעם קריג קעגן היטלערן. דאָס וואָס די קאַרפּן־קעפּ פילן אפשר גאָר אַליין ניט זייער שולד, מאַכט די לאַגע פאַר אונז ערגער, ניט בעסער. אויב גרויסע וועלט־פירער, פּראָקלאַמירער פון אַלע פרייהייטן פאַר מענטש און פאָלק, קענען גאָרנישט שפירן, אַז זיי זיינען געפאַלן קרבנות צו אַ פּראָפּאַגאַנדע, וואָס שטעלט דעם אידישן מענטש אַוועק אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע; אויב זיי טוען ניט דאָס, וואָס זיי וואָלטן מאָראַליש געדאַרפט טאָן אויס מורא מען זאָל זיי ניט חושד זיין, אַז זיי זיינען צופיל פּראָ־אידיש; אויב זיי קענען אונזער געשריי פאַר באַלדיקער רעטונג אָפּ׳פטרן מיט דערקלערונגען, אין וועלכע זיי קענען גאָר אַליין ניט גלויבן, און אויב מען מוז נאָך אָננעמען, אַז זיי זעען אין דעם ניט קיין פּראָצעס פון מאָראַלישן זינקען, — איז דאָך גאָר־גאָר ווי צו אונז. דאַן מוז דאָך אַוועקגעשטעלט ווערן אונטער אַ גרויסן

פראַגע־צייכן די מאָראַלישקייט פון דעם מין מענטש בכלל. תש״ג האָט אונז אונטערגעטראָגן גאָר אַ גרויסע פּאָרציע זאָרג אויף דעם געביט. זאָרג אויך פאַר אונזער מצב אין די פרייע לענדער, אָבער נאָך גרעסערע זאָרג פאַרן מצב פון שארית ישראל אין די אָקופּירטע לענדער איבערהויפּט.

דאָ ליגט פאַר אונז אַ וואָרענונג: גרייט זיך צו אַ שאַרפן קאַמף אפילו פאַר די עלעמענטאַרסטע רעכט פון אידן אין אייראָפּע. דאָס וואָס איז געוועז זעלבסטפאַרשטענדלעך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די גלייכע בירגערלעכע רעכט פאַר יעדן אידן, וועט גאָרניט זיין אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אפילו נאָכן נצחון איבערן היטלעריזם. ווער קען שוין איצטער אָפּמעסטן ווי טיף פאַרוואָרצלט עס איז שוין אין די הערצער פון די ניט־אידישע אייראָפּעאישע באַפעלקערונגען דער געפיל־צושטאַנד, אַז דער איד דאַרף טאַקע ניט באַטראַכט ווערן ווי גלייכווערטיק און דערפאַר דאַרף ער טאַקע ניט זיין גלייכבאַרעכטיקט מיט די ניט־אידישע בירגער. די האַנדלונגען פון דער וועלט כלפּי אונז אפילו אין תש״ג האָבן די דאָזיקע זאָרג ניט פאַרקלענערט, נאָר גאָר, גאָר באַדייטנדיק פאַרגרעסערט.

איך ווייס, דאָ און דאָרט האָבן ניט־אידישע יחידים אין די אָקופּירטע לענדער זיך דערהויבן צו הויכע מדרגות פון אמתער מענטשלעכקייט בנוגע צו אונז. אָבער פאַרגלייכט די איינצל־פאַלן מיט די צענדליקער טויזנטער אוקראַינער, ליטווינער, רומענער, אונגאַרן און אַנדערע ניט־דייטשן, וועלכע דינען אַזוי גערן היטלערן אין זיין פיזישער פאַרניכטונג פון אידן — און דער טראַגישער חשבון ווערט שוידערלעך קלאָר.

סעיף נומער דריי אין ספּעציעלן אידישן תש״ג־חשבון איז: די פּחד־איינשטעלונג, וואָס באַהערשט אפילו די דעמאָקראַטישסטע אָנפירער פון די גלות־רעגירונגען פון די אָקופּירטע לענדער, ווען זיי באַרירן די פראַגע פון נאַציאָנאַלע רעכט פאַר מינאָריטעטן אין זייערע באַפרייטע לענדער. דאָ איז די אידישע לאַגע גאָר, גאָר אַ באַזונדערע אפילו כלפּי די אַנדערע מינאָריטעטן־גרופּן, וואָס ווילן לעבן ניט אין זייערע שטאַטן. לויט רעכטס־באַגריפן זיינען אַלע מינאָריטעטן, וואָס ווילן ממשיך זיין זייער אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבן און ווערן אין דעם געשטערט, טאַקע אין דער זעלביקער לאַגע. אָבער לויט דער מאָס פון אחריות, וואָס יעדער יחיד פון אַזאַ מינאָריטעט־גרופּע טראָגט פאַרן המשך פון זיין גאַנץ פאָלק איז דער אונטערשייד זייער אַ גרויסער. זיכער דאַרף אַ פּאָליאַק האָבן רעכט צו לעבן ווי אַ פּאָליאַק, וואו ער געפינט זיך. אָבער דער המשך פון דער פּוילישער אייגנאַרט איז ניט אָפּהענגיק פון דעם צי די פּאָליאַקן, וואָס לעבן ווי אַ מינאָריטעט, וועלן יאָ אָדער ניט קענען פריי ממשיך זיין זייער אייגנאַרטיקן לעבן. דער קיום

פון דער פוילישער אייגנאַרט איז גאַראַנטירט דורך דער באַפרייטער פוילן. וואָלטן מיר שוין פאַרמאָגט אַזאַ מאָס פון זיכערקייט בנוגע אַ פרייער אידי־שער ארץ־ישראל, ווי די פּאָליאַקן האָבן בנוגע פוילן, וואָלט אונזער מינאָ־ריטעטן־פּראָבלעם אויסגעגליכן געוואָרן מיט דעם זעלביקן פּראָבלעם ביי אַלע פעלקער. ביז דאַן אָבער — און קיינער ווייסט ניט ווי לאַנג דער צו־שטאַנד וועט זיך ציען — טראָגט יעדער אידישער יחיד אין דער גאַנצער וועלט — ווייל מיר לעבן דאָך ווי מינאָריטעטן אומעטום — די מאָראַלישע אחריות פאַר דעם המשך פון דער גאַנצער אידישער אייגנאַרט. זיין נויט אין פאַרזיכערונג צו קענען מַמשיך זיין די אידישע אייגנאַרט איז דעריבער פיל שאַרפער ווי ביי אַנדערע מינאָריטעטן־גרופּן. תש״ג האָט די האָפענונג, אַז די קומענדיקע מחברים פון דער וועלטס שלום־פּראָגראַם זאָלן האָבן אַ פאַרשטענדיקונג פאַר דער באַזונדערקייט פון דער אידישער לאַגע אויף דעם געביט זיכער ניט פאַרשטאַרקט.

מען קען בנוגע דעם זיך באַהאַלטן אונטער דער אומבאַשטימטקייט פון דער צאָל אידן, וואָס וועלן בלייבן לעבן נאָך דער מלחמה. די צאָל קען, חלילה, זיין אַזאַ קליינע, אַז זיי וועלן גאָר ווי אַ קאָמפּאַקטע מינאָריטעט ניט קענען פונקציאָנירן. אַן אָפּשוואַכונג פון דער שאַרפקייט פון דעם דריטן זאָרג־סעיף איז אַוודאי דאָ אין אָט דער באַהויפּטונג. קיין גרויסן נחת רוח וועט דאָך אָבער פון דעם אַרגומענט קיינער ניט ציען. דערצו פאַרשאַרפט אָט די באַהויפּטונג דעם זאָרג־סעיף נומער פיר פון אונזער תש״ג־חשבון: וועלן מיר ווי אַ פאָלקס־אָרגאַניזם קענען איבערלעבן דעם אומגעהויערן בלוט־פאַרלוסט פון אונזער פאָלקס־קערפּער? דאָס געהערט צום תש״ג־חשבון, ערשטנס דערפאַר, ווייל תש״ג האָט אַליין בייגעטראָגן אַ רעכט ביסל וואונדן, פון וועלכע מיר בלוטיקן. צווייטנס דערפאַר, ווייל תש״ג האָט אָנגע־הויבן אַראָפּנעמען דעם געדיכטן שלייער, וואָס איז ביז דאַן געהאַנגען איבער אונזער קאַטאַסטראָפע און האָט אָנגעהויבן אויפדעקן פאַר אונז איר אומ־געהויערן פאַרנעם. דריטנס טאַקע דערפאַר, וואָס אין תש״ג, ווען די גאַנצע וועלט האָט אָנגעהויבן פרייער צו אָטעמען, ווייל זי האָט באַקומען גלויבן אין ענדגילטיקן נצחון, איז אין דעם זעלביקן יאָר פאַר אונז די פראַגע פון קענען אויסהאַלטן נאָך שאַרפער געוואָרן.

און וויפל סוב־סעיפים פון זאָרג זיינען פאַרבונדן מיט אָט דער הויפּט־זאָרג פון אונזער איצטיקער עפּאָכע! וואָס זאָל ווערן פון דעם שארית ישראל, וואָס וועט בלייבן לעבן אין די מלחמה־לענדער? ווי אַזוי מוזן מיר זיך גרייטן צו באַגעגענען זייערע פשוטע הילפס־נויטן, נאָכדעם ווי מיר וועלן קענען צו זיי צוקומען? וועלכער טייל פון אָט דער לאַסט וועלן נעמען אויף זיך די פאַראייניקטע פעלקער און וועלכן טייל וועלן מיר דאַרפן נאָך אַליין אַרויפ־

נעמען אויף אונזערע פּלייצעס? וועלכע האָפענונגען אויף רעקאָנסטרוקציע וועט פאַר זיי בלייבן אין זייערע פריערדיקע וואוין־לענדער? וועלכע מעג־לעכקייטן וועלן זיך פאַר זיי עפענען אין ארץ־ישראל? פאַרהוילן זיינען נאָך דערוויל די פּראָצעסן, וועלכע די גאַנצע מענטשהייט וועט דורכמאַכן נאָך דער מלחמה און נאָך מער פאַרהוילן זיינען די אידישע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן. און מאַכן מיר ביים זעגענען זיך מיט תש״ג און ביים באַגעגענען תש״ד אונזער חשבון־הנפש, קענען מיר בלויז אָנצייכענען, וואָס דאַרפן מיר וועלן בנוגע אָט די אַלע זאָרגן? וואוהין זאָלן מיר ווענדן דאָס ביסל כוחות, וועלכע מיר אַליין פאַרמאָגן נאָך און וואוהין זאָלן מיר העלפן קירעווען דאָס אויג און דעם מוח פון יענער טייל פון דער מענטשהייט, וואָס איז גרייט אַריינצוקוקן אין אונזער ספּעציעלער לאַגע, גרייט צו טראַכטן וועגן איר און גרייט אויך צו העלפן אונז דערפירן אויף אונזער פאָלקס־לעבן צו אַ זיכערן ברעג?

ד.

שווער איז צו געבן דעם ענטפער אויף אַלע די פראַגן. אין מיר וואַקסט אָבער אַלץ מער די איבערצייגונג, אַז אַלע אידישע תש״ג־געשעענישן ציי־כענען מיט בלוט און פייער דעם וויכטיקסטן ענטפער: יציאת איירָאָפּע! אויף דעם, שיינט מיר, דאַרף קאָנצענטרירט ווערן אונזער הויפּט־אויפמערק־זאַמקייט. איך ווייס: עוואַקואַציע איז אַ פאַרמיאוסט וואָרט. דאָס דאָזיקע וואָרט איז געענוג פאַרמיאוסט אויך אין מיין נשמה. פאַרמיאוסט דאַרף דאָס וואָרט אָבער בלייבן נאָר דאַן, ווען עמעצער, וואָס וויל פון אונז פּטור ווערן, רוקט עס אונז אונטער ווי אַ מיטל פאַר זיינע באַגערן. געריייניקט מוז דאָס דאָזיקע וואָרט ווערן, ווען מיר נעמען עס אויף מיט אונזער אייגענעם ווילן, ווי אונזערן אַ נאַציאָנאַלן ציל. בפרט ווען אין מיין באַוואוסטזיין בלייבט קיין ספק ניט איבער, אַז נאָר אַזוי וועלן מיר אַמבעסטן דינען סיי די אינ־טערעסן פון אונזער אייגן פאָלק, סיי די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט. און ווייל דער דאָזיקער ענין איז אַזוי קאָמפּליצירט, ווייל ער רופט אַרויס ביי זייער פיל אַ גרויסע שרעק און ווייל ער רירט אָן אויך די פראַגע פון דער צוקונפט פון די אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד — צי דאַרפן זיי אויך איינגעשלאָסן ווערן אין דער לאָזונג פון יציאת־איירָאָפּע, אָדער צו זיי דאַרף מען צוגיין מיט אַ באַזונדער מאָס — מוז איך סיי דעם אַנאַליז פון און סיי די באַגרינדונג פאַר אָט דער לאָזונג איבערלאָזן צו אַן אַנדער געלעגנהייט. בפרט אַז דער ענין גייט זייער וויט אַריבער די ראַמען פון

תש״ג־געשעעניש און איך האָב נאָך ווייט ניט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן זאָרג־תהום, וואָס אָט דאָס יאָר תש״ג האָט אונז אַליין צוגעטראָגן, אָדער בלויז פאַרשאַרפט. איך מיין, אַז פאַר דעם ציל, וואָס איך האָב זיך גע־שטעלט, אונטערצושטרייכן דעם ספּעציעל־אידישן חשבון, סיי פון תש״ג, סיי פון דער גאַנצער מלחמה און נאָך־מלחמה־עפּאָכע, זיינען גאַנץ גענוג די ביז איצטיקע דערמאָנטע תש״ג־געשעענישן. איך מוז אָבער נאָך אָנצײ־כענען די תש״ג־געשעענישן אין ארץ־ישראל. עפּעס איז אין תש״ג אויך געשען ביי אונז אין אַמעריקע גופא. אַלע די דאָזיקע געשעענישן שטעלן מיט זיך פאָר רינגען אין אַ קייט פון פאַרזוכן מצד אונזער פאָלק אויסצו־האַלטן, דורכצולעבן די קאַטאַסטראָפע. דער זעלביקער ציל איז אויך אַנט־האַלטן אין דער לאָזונג יציאת איראָפּע. מיר מוזן וועגן דעם ניט אויפ־הערן טראַכטן.

אונזערע רעיונות אין דער אלול־שטימונג פון אַן אָפּגעשלאָסענעם גרויסן יאָר אין דער מענטשלעכער געשיכטע מוזן קאָנצענטרירט ווערן אַרום דער זאָרג, אַז אונזער אידיש פאָלק זאָל אויך קענען דערלעבן דעם יום שכולו טוב, צו וועלכן עס דאַרף זיך דערשלאָגן די גאַנצע מענטשהייט, וואָס מוז געהייליקט ווערן דורך די ימים בלוט, וואָס זי פאַרגיסט איצטער. אָן דער וועלטס יום שכולו טוב קען קיין אידישע גאולה ניט געמאָלט זיין, ווי עס קען אָבער אויך ניט געמאָלט זיין דער וועלטס יום שכולו טוב אָן אַ חלק אין יענעם טאָג פאַר דעם אידישן פאָלק. אָט דעם חשבון וועט קיינער פאַר אונז ניט מאַכן. אַלע אונזערע כוחות מוזן אים געווידמעט ווערן. מיט אָט די רעיונות דאַרפן מיר זיך זעגענען מיט דעם יאָר תש״ג. מיט אָט די רעיונות דאַרפן מיר באַגעגענען דעם יאָר תש״ד.

תש״ג האָט אָנגעהויבן צו צייכענען די קאָנטורן פאַר יענעם יום שכולו טוב. אונזער ראש השנה וואונטש פאַר תש״ד איז, אַז אין אים זאָל זיך אָנ־הייבן אויפשטעלן די געביידע פאַר אַזאַ באַנייטער מענטשהייט, וואָס זאָל פאַרדינען דעם זכות צו לעבן אין יענעם יום שכולו טוב; אַז אין אים זאָלן זיך אָנהייבן די פּראָצעסן, וואָס זאָלן פירן צו אַזאַ אידישער גאולה, וואָס זאָל דערמעגלעכן אויך דעם אידישן פאָלק נהנה צו זיין פון דעם שיין פון דער נייער שכינה, וואָס וועט באַשטראַלן די מענטשהייט. אַלס פאַרבאַדינג פאַר דעם אַלעמען, מוז קומען די אָנשטרענגונג פון דער גאַנצער מענטש־הייט צו רעאַליזירן אין תש״ד די אַלט־אידישע וויזיע פאַר אַלמענטשלעכער פרייהייט, אויסגעדריקט אין דער תפילה:

ועולתה תקפץ פיה והרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ.

ה.

אין ארץ־ישראל איז די בלויזע ניט־איבערגעריסנקייט פון דער בוי־אַרבעט אַ געשעעניש פון געשיכטלעכער באַדייטונג. דער פאַרנעם, ליידער, איז ניט קיין גרויסער. אינגאַנצן נייע דרייצן אַגראַר־פונקטן אויפגעבויט (אַכט פון זיי הסתדרותישע) און בלויז נייע פיר טויזנט עולים (אמת, די דאָזיקע צאָל שליסט־איין בלויז די פאַרמעלטע* עולים). פיל באַדייטנדיקער איז דער פאַרנעם געווען אויפן געביט פון נייע אינדוסטריען. דאָס זעלביקע אויפן געביט פון נייע קולטור־דערגרייכונגען. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן די דאָזיקע דערגרייכונגען באַדאַרפט אָפּגעשאַצט ווערן פון שטאַנדפּונקט פון זייער פּאָטענץ אויפצונעמען נייע עולים. אין דער איצטיקער צייט מוזן זיי אָפּגעשאַצט ווערן אין דער ראַם פון צוגרייטונג פאַר גרויסע מלוכיש־אידישע פּערספּעקטיוון. דאָס אידישע פאָלק טאָר אין דער מאָס פאַר זיינע חשבונות בנוגע ארץ־ישראל אפילו אויף איין מאָמענט ניט פאַרגעסן. אין דער ראַם גענומען קען זיך דוכטן, אַז די פּאַקטישע נייע דערגרייכונגען ווערן נאָך קלענער. אָבער ווען מען מאַכט דעם אַלגעמיינעם היסטאָרישן חשבון אין אַזאַ ראַם, וואָס איז מעגלעך געוואָרן נאָר אין פאַרבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערע טענדענצן, וואָס די מלחמה האָט אַריינגעטראָגן אין דער גאַנצער מענטשהייט, מוז מען אויך בנוגע ארץ־ישראל ניט פאַרגעסן די מלחמה־געשעענישן. דאַן ווערט דאָס בילד אַנדערש.

אָנהויב תש״ג האָט די גאַנצע אַליאירטע וועלט גערעכנט, אַז עס וועט געשען עטוואָס, וואָס פאַר איר — פאַר דער וועלט וואָס פירט מלחמה קעגן היטלערן — האָט דאָס געדאַרפט האָבן בלויז אַ סטראַטעגישע באַדייטונג; זי האָט גערעכנט, אַז ארץ־ישראל וועט פאַרנומען ווערן פון שונא. אונז האָט עס אָנגעפילט מיט שוידער. איז דען נויטיק אונטערצושטרייכן, וואָס עס וואָלט דאַן געשען מיטן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל? עס איז אפילו ניט נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז דאָס לעבן פון יעדן אידן אין ארץ־ישראל איז ניט הייליקער פון דעם לעבן פון אַ איד אין פוילן, רוסלאַנד, רומעניע און אומעטום, וואו דער שניטער־מחבל האָט פאַרשניטן אידישע לעבנס. אָבער דער אידישער ישוב אַלס אַ גאַנצער פאַרקערפּערט מיט זיך ניט נאָר לעבנס פון יחידים, ניט אפילו בלויז דאָס לעבן פון אַ גאַנצן קיבוץ, וואָס האָט געקענט מיטן וואָרצל אויסגעריסן ווערן. דער אידישער ישוב פאַרקערפּערט מיט זיך די איינציק געבליבענע האָפענונג פון גאַנצן פאָלק. קיינער פון אונז האָט ניט די גאַראַנטיע, אַז די וועלט וועט אונז איצטער דערלויבן

*) די צאָל וואָס זיינען געקומען דורך עליה ב׳ — די אונטערערדישע מעפּילים — זיינען אין דעם ניט געווען איינגעשלאָסן.

די דאָזיקע האָפענונג צו רעאַליזירן. אָבער קלאָר איז דאָך, אַז אָן דעם אידישן ישוב וואָלטן אונזערע שאַנסן פיל, פיל קלענער געווען. דעריבער מוז דער ערשטער סעיף אין דעם ארץ־ישראלדיקן תש״ג־חשבון זיין: אין יאָר תש״ג איז דער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל געראַטעוועט געוואָרן פון פאַר־ניכטונגס־געפאַר און איז פאַרבליבן דער הויפּט־יסוד, אויף וועלכן די מלוכיש־אידישע בנינים — אויב די וועלט וועט צו אונז נאָר גערעכט זיין — וועלן קענען אויפגעשטעלט ווערן.

פון דעם פּונקט געזעצט, איז יעדע נייער אויפגעבויטער דאָרף אַ דער־גרייכונג. יעדע נייע אויפגעשטעלטע אינדוסטריע — אַ פּאָזיציע. יעדע נייע טויזנט אידישע עולים אַ בייטראַג צו יענעם גרויסן בוי־פּאַרנעם, צו וועלכן מיר מוזן זיך גרייטן.

אַוודאי מוז לויט דעם חשבון גערעכנט ווערן אויך די צווייטע זייט פון דער מטבע: דאָס וואָס האָט געקענט דערגרייכט ווערן און איז ניט דערגרייכט געוואָרן. דער שאָדן דערפון איז אין תש״ג פיל גרעסער געווען ווי אין די פריערדיקע יאָרן. אַוודאי קען ניט זיין קיין סליחה ומחילה פאַר יענעם חוטא, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס אונזערע בוי־אַרבעטן זיינען אין תש״ג אַלץ געבליבן איינגעשרומפּן ווי אין די פריער־דיקע מלחמה־יאָרן. די געשיכטע פון אידישן פאָלק וועט ניט פאַרגעסן אָנצו־ווייזן אויף דעם ווייס־בוך, ווי אויפן הויפּט־שטערער, סיי אין ראַטעווען אידישע לעבנס, סיי אין פאַרשנעלערן דעם בוי־פּראָצעס אונזערן. די ברי־טישע רעגירונג בכלל און די ארץ־ישראלדיקע אַדמיניסטראַציע בפרט, וועלן אָט די פלעקן פון זיך קיינמאָל ניט קענען אָפּוואַשן. זיי האָבן דעם אידישן פאָלק געשטערט אין אויסנוצן פאַר דער מלחמה אַלע פּאָטענצן, וואָס אַ גרויסע אידישע עליה נאָך ארץ־ישראל, דווקא אין די מלחמה־יאָרן, וואָלט פאַרמאָגט פאַר די מלחמה־אינטערעסן גופא. די בריטישע רעגירונג וועט טראָגן דעם חטא פאַרן שטילשווייגן און דורכדעם נעמען אויף זיך די אחריות פאַר די האַנדלונגען פון איר ארץ־ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע. די לעצטע אַליין וועט אָבער אַריבערגעטראָגן ווערן אין דער אידישער געשיכטע ווי יענע מאַכט, וואָס האָט מיט סאַדיסטישער הנאה געשטערט יעדן רעטונגס־פאַרזוך און יעדן בוי־פאַרנעם. אין תש״ג האָבן אָט די סאַדיסטישע פאַרזוכן דערגרייכט זייער העכסטן שפּיץ.

אויפן פּאָליטישן געביט איז דער שפּיץ פון סאַדיזם געווען — דער אָקאָרשט געשלאָסענער וואָפן־פּראָצעס. עס איז ניט דער ערשטער וואָפן־פּראָצעס אין ארץ־ישראל. עס זיינען אין אַזעלכע פּראָצעסן געמשפּט געוואָרן סיי אידן, סיי אַראַבער. קיינמאָל האָט עס אָבער די ארץ־ישראלדיקע אַדמי־ניסטראַציע ניט פאַרוואַנדלט אין אַ וועלט־ספּעקטאַקל. קיינמאָל האָט זי ניט

איינגעלאַדן וועלט־קאָרעספּאָנדענטן, ווייל קיינמאָל האָט זי ניט געוואָלט פאַר־וואַנדלען אַזאַ פּראָצעס אין אַ בלבול קעגן דער הסתדרות, קעגן דעם גאַנצן אידישן ישוב און קעגן דער אידישער אַגענץ, וואָס רעפּרעזענטירט בנוגע ארץ־ישראל דעם גאַנצן אידישן פאָלק. אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט איז דער שפּיל פון סאַדיזם באַשטאַנען אין ניט אַריינלאָזן קיין רוי־שטאָפן און מאַשינען קיין ארץ־ישראל, כדי ניט צו דערלאָזן הויבן די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג אפילו פון דער מלחמה־ווירטשאַפט. סיי דער פּאָליטישער און סיי דער ווירטשאַפטלעכער סאַדיזם באַצוועקן איין זאַך: שוין איצט, ווען די מלחמה גייט נאָך אָן, וואָס טיפער אַריינפלאַנצן דעם ווייסן פּאַפּיר פּראָגראַם, כדי שווערער צו מאַכן נאָך דער מלחמה דעם פּראָצעס פון אָפּשאַפן אים. צו דעם איז נויטיק, ערשטנס, אַז די וועלט זאָל ניט בלייבן אונטערן איינ־דרוק, אַז די אידן האָבן געגעבן אַ וויכטיקן שטייער צו די מלחמה־אָנשטרענ־גונגען. מען מוז דעריבער לאָזן צירקולירן דורכן פּראָצעס די באַהויפּטונג, אַז אידן האָבן גאָר געשטערט די מלחמה־אָנשטרענגונגען. ווירטשאַפטלעך מוז מען ארץ־ישראל פאַרוואַנדלען אין אַ מין פעלאַכן־לאַנד, צוגעפּאַסט צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג, אָבער מען טאָר ניט דערלאָזן די פאַנאַנ־דערבויאונג פון דער אינדוסטריעלער ווירטשאַפט, צו וועלכער דער אידי־שער ישוב איז מער צוגעפּאַסט. דערביי ווייס די אַדמיניסטראַציע, אַז פאַר אידן איז די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג זייער נויטיק פאַר די נאָך־מלחמה־צילן: אויפצובויען גרויסע ווירטשאַפטלעכע אויפנאַמס־מעגלעכקייטן פאַר מיליאָנען אידן. דערצו טאָר מעקמייקל ניט דערלאָזן. אין תש״ג האָט ער זיין גרעסטן סאַדיזם אַנטפּלעקט.

דעריבער דאַרף דער צווייטער סעיף אין ארץ־ישראלדיקן תש״ג־חשבון זיין: דער ענטפער פון אידישן ישוב אויף אָט דעם פּאָליטישן און ווירט־שאַפטלעכן סאַדיזם מצד דער ארץ־ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע. דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרן: קיין אידישע קאָאָפּעראַציע מיט די פּלענער, וואָס די אַדמיניסטראַציע וויל איצטער דורכפירן. קיין אידישער ווירטשאַפטלעכער, פינאַנציעלער אָדער מאָראַלישער כוח זאָל ניט געשטעלט ווערן אין דינסט פון אָט די פּלענער. נאָר אויף דער דרייצנטער זיצונג פון אסיפת הנבחרים, אָפּגעהאַלטן אין ירושלים, דעם 24טן מערץ, איז דורך חבר בן־גוריון געגעבן געוואָרן דער היסטאָרישער ענטפער פון אידישן פאָלק. נאָכן וואָפן־פּראָצעס ווערט דער ענטפער נאָך וויכטיקער. אינעם ענטפער איז אויך קלאָר געמאַכט געוואָרן, אַז אונזער קאַמף קעגן ווייס־בוך און די וואָס ווילן עס שוין פאַר־פלאַנצן אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט, וועט אונז ניט אָפּרייסן פון שותפותדיקער אַרבעט מיטן ענגלישן פאָלק, סיי אויפן געביט פון לייזן וועלט־פּראָבלעמען, סיי אויפן געביט פון העלפן דער מענטשהייט צו לייזן

די אידישע פּראָבלעם, וואָס איז אויך אַ וועלט־פּראָבלעם, איינע פון די אָנגעוויטיקסטע אין דעם גאַנצן פּראָבלעמען־פּלאָנטער, פון וועלכע די וועלט מוז זיך אַרויספּלאָנטערן, אויב זי מיינט ערנסט אויפצושטעלן אויף דער וועלט אַ סטאַבילן שלום. די האַנט פון דעם אידישן פּאָלק איז אויסגעשטרעקט פאַר קאָאָפּעראַציע מיטן בריטישן פּאָלק. אָבער דאָס גרויסע בריטישע פּאָלק מוז אַריינוואַרפן אין היסטאָרישן מיסט־קאַסטן דעם ווייסן פּאַפּיר. זי וועט אים קיינמאָל ניט קענען דורכפירן. דער היסטאָרישער קשר פון אידישן פּאָלק מיט ארץ־ישראל וועט קיינמאָל ניט איבערגעריסן ווערן. דאָס אידישע פּאָלק וועט קיינמאָל ניט שלום מאַכן מיט דער פאַרשליסונג פון די טויערן פון זיין מוטערלאַנד פאַר זיינע קינדער. דאָס אידישע פּאָלק וועט קיינמאָל ניט דערלויבן צו פאַרוואַנדלען זיין נאַציאָנאַלע היים אין אַ געטאָ.

און דער ארץ־ישראלדיקער ישוב שטייט פעסט ביי דער דעקלאַראַציע. די פעסטקייט פון דעם ישוב ווערט נאָך בולטער דורך דער טאַקטיק פון אייניקע אידישע יחידים וועלכע ווילן זיך אויסשפּאַנען פון דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, סיי פון דעם אָרגאַניזירטן אידישן ישוב אין ארץ־ישראל, סיי פון דער דיסציפּלין פון וועלט־אידנטום, פאַרקערפּערט אין דער אידישער אַגענץ. אויב ביי דער גאַנצער טאַקטיק פון דער ארץ־ישראלדיקער אַדמיניסטראַציע צו צעשפּאַלטן דעם אידישן ישוב, דורך וואַרפן דאָ און דאָרט אַ ווירטשאַפטלעכןביינדל צו איינער אָדער אַ צווייטער גרופּע, האָבן זיך געפונען בלויז אַ פּאָר יחידים (וואָס דערגרייכן אפילו ניט דער צאָל פון די פינגער אין איין האַנט), וועלכע זיינען דערפון געפאַנגען געוואָרן, האָבן מיר פאַר זיך די בעסטע דעמאָנסטראַציע פון דער אינערלעכער מאָראַלישער פעסטקייט פון ישוב. און יענע פון אונזערע אייגענע קלאָגמוטערס, וואָס לאָזן ניט דורך קיין געלעגנהייט אָנצואווייזן אויף דער אינערלעכער צעשפּאַלטונג אין ישוב צווישן פּאַרטייען און גרופּן, זאָלן זיי אויך זיך איינקוקן אינם מהות פון אידישן ישוב אין ליכט פון די תש״ג־געשעענישן און זיי וועלן אפשר אויפהערן צו קלאָגן. אַוודאי זיינען די צו־שאַרפע פּאַרטיי־רייבונגען אינם ישוב ניט קיין פּאָזיטיווע דערשיינונג. ניט וועגן דעם אָבער גייט עס אונז איצט. דווקא אין אונזער פאַל ווערט דאָך דורך דעם די שטאָלענע פעסטקייט פון ישוב נאָך מער בולט. צעשפּאָלטן אפשר אין פאַרשיידענע גרופּן, אין פאַרשיידענע אינטערעסן — אָבער ווען אַ נאַציאָנאַלע געפאַר רוקט זיך אָן, בלייבן בלויז אייניקע יחידים פורצי גדר. דער גאַנצער ישוב בלייבט שטיין ווי אַן אייזערנע וואַנט אין קאַמף קעגן דער געפאַר.

אין דער ראַם פון מלוכיש־אידישע פּערספּעקטיוון שטייגט די געשיכטלעכע באַדייטונג פון ישוב נאָך העכער. און דאָ קומען מיר צום דריטן סעיף פון ארץ־ישראלדיקע תש״ג־געשעענישן. דער ישוב באַנוגנט זיך ניט מיט

קיין דעקלאַראַציעס. פּלענער פון גרויסן פאַרנעם ווערן צוגעגרייט. ניט פון אַלע פּלענער ווייסן מיר שוין דאָ. ניט וועגן אַלע פּלענער וואָס מיר ווייסן אפילו, קען מען שוין אָפן רעדן און שרייבן. אָבער גענוג אָנצואווייזן אויף איין פאַרטראַכטן פּלאַן, וואָס האָט דערגרייכט דער אַמעריקאַנער און אידי־שער עפנטלעכקייט, כדי צו דערזען, וואוהין דער ישוב צילט און אויף וועלכע מאָסשטאַבן ער פאַרנעמט זיך. איך האָב אין זינען דעם פּלאַן צו פאַראייניקן דורך אַ קאַנאַל דעם מיטללענדישן ים מיטן ים המלח. די ווירט־שאַפטלעכע פּאָטענצן פון אַזאַ וואַסער־פאַרבינדונג זיינען פּשוט אין לשער. די דערפון גענערירטע עלעקטרישע קראַפט וועט אומגעהויער הויבן די גאַנ־צע פּראָדוקציע־פּאָטענץ פונם לאַנד. אויסזיכטן פאַר אַרויסברענגען גרע־סערע רייכטימער פון ים המלח גופא קען אונזער נאָך־מלחמה־ווירטשאַפט געבן זייער גרויסע פאַרצוגן אויף די וועלט־מערק. די מעגלעכקייט צו באַ־וואַסערן אומגעהויערע שטחים, איבערהויפּט דעם נגב, ווערן גרעסער. דאָס אַלץ — ווי אַ באַזע פאַר דעם נייעם אידישן מלוכה־לעבן, וואָס מיר דאַרפן סוף־כל־סוף דערגרייכן אין ארץ־ישראל. אין דער ריכטונג האָבן די אידישע תש״ג־געשעענישן אין דער וועלט אַ שטויס געטאָן דעם געדאַנקען־גאַנג פון ארץ־ישראלדיקן ישוב. וויפל פּאָטענציעלע קראַפט ליגט אין דעם, אויב נאָר די וועלט זאָל קיין צוואַנגס־באַריערן פון ווייסע אָדער שוואַרצע פּאַפּירן אונז אין וועג ניט אויפשטעלן.

נאָך גרעסערע פּאָטענצן זיינען פאַרבאָרגן אין אָט אַזעלכע פּלענער פאַר אַן אמתער פאַרשטענדיקונג מיט אונזער אַראַבישן שכן־פאָלק. יאָ, אין זיי — ניט אין לאָזונגען פון בי־נאַציאָנאַלן שטאַט וואָס קיינער פאַרשטייט זיי ניט און קיינער גלויבט זיי ניט. וויניקער פון וועמען עס איז קענען די אַראַבער גלויבן אין דער ערנסטקייט פון אַזעלכע לאָזונגען. זיי האָבן נאָך שטאַטן. דאָרטן זיינען אויך דאָ מינאָריטעטן. זיי האָבן שטאַטן, וואו קריסטן און מאַכמעדאַנער לעבן אין איין פּאָליטישער ראַם. זאָגט מען בי־נאַציאָנאַ־לער שטאַט אין ארץ־ישראל, פאַרוואָס ניט אויך אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער? וויפל קאָמפּליקאַציעס דאָס קען אַריינטראָגן אין די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער! איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס נאָר אויפן באַזיס פון גלייכווערטיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון צוויי פעלקער אין דעם גאַנצן שטח פון נאָענטן מזרח, ניט בלויז פון ארץ־ישראל אַליין, וועט קענען אויפ־געבויט ווערן אַ סטאַבילע — ניט בי־נאַציאָנאַלע, נאָר — אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג צווישן אַראַבישן און אידישן פאָלק.

נאָר פּלענער פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס זאָלן אויך פאַר דער אַראַבישער וועלט קלאָר מאַכן, אַז אידן מיינען עס טויט־ערנסט צו פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ אידישער מלוכה, וועט אַרויסרופן אינם אַראַבער אַ באַציאונג

צו אונז ווי צו אַ גלייכווערטיקן, דערפאַר אויך צו אַ גלייכבאַרעכטיקטן פאָלק. זאָל אונזער צד צוגעבן, אַז דאָס אַראַבישע פאָלק, צו אַלע שטאַטן וואָס עס פאַרמאָגט שוין, צו די אַלע ניט־באַנוצטע שטחים פון באַדן, וואָס שטייען צו זיין רשות, שטחים וואָס זיינען עטלעכע צענדליק מאָל גרעסער ווי ארץ־ישראל, קומט נאָך אים אַ העלפט מלוכה־רעכט אויך אינם קליינעם ארץ־ישראל, וואָס פאַר אונז איז עס געווען און עס בלייבט אונזער איינציקע האָפענונג פאַר אַ מלוכה־לעבן, — זאָלן מיר מסכים זיין צו אַזאַ געדאַנקען־גאַנג, און דער אַראַבער מוז אין דעם זען, אַז מיר אַליין גיבן צו, אַז מיר זיינען ניט גלייכווערטיק. דעריבער קען אמתע פאַרברידערונגס־פּאָליטיק מיטן אַראַבישן פאָלק געפירט ווערן נאָר דורך פלענער, וואָס אין זייער מהות ליגן צוגרייטונגען פאַר אַ אידישן מלוכה־לעבן. דורך אָט די פלענער האָט דער ישוב אין תש״ג גערעדט די זעלביקע קלאָרע שפּראַך, וואָס ער האָט גערעדט דורך זיינע פּאָליטישע דעקלאַראַציעס. אַלע סעיפים צוזאַמענגענו־מען פירן צו איין סך־הכל:

דער אידישער ישוב האָט שוין אין תש״ג אָנגעהויבן צו לייגן די יסודות פאַר דער דערמעגלעכונג פון דער לאַזונג פון יציאת אייראָפּע און פאַר דער וועגנטועלער אויפבויאונג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

ז.

נאָך אַ וויכטיקן סעיף פאַרמאָגט דער ארץ־ישראלדיקער תש״ג־חשבון. אין יאָר תש״ג, מער ווי ווען עס איז פריער, האָט דער אידישער ישוב אַרויפּ־גענומען אויף זיינע אַקסלען די אחריות און זאָרג פאַר אידן בכל תפוצות העולם.

אַוודאי דאַרפן געלט־סכומים פאַר הילף און רעטונג אויך אַריינגענומען ווערן אין חשבון. די צוזאַמענשטעלונג פון אַזעלכע טאַבעלן לאָז איך איבער פאַר אונזערע פאַרשער און סטאַטיסטיקער. אָן אַזעלכע טאַבעלן ווייסן מיר אויך זייער גוט אַז דער אידישער ישוב האָט פיל טיפער אַריינגעדרונגען אין זיין אייגענער קעשענע, פיל ברייטער און אָפענער האָט זיך אַרויסגע־וויזן זיין האַרץ און האַנט אין אָפּשפּאָרן פון זיך, כדי צו ראַטעווען שארית ישראל. איך האָב דאָ אָבער אין זינען גאָר אַן אַנדער תש״ג־געשעעניש.

פירט דורך אין אייער זכרון אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ פאַרזוכט צו טאָן אין פאַרבינדונג סיי מיט רעטונג, סיי מיט פּאָליטישער פאָדערונג פאַר רעטונג צו די אַליאירטע, סיי אין אויסדריקן אונזער אייגענעם ווייטיק, און איר וועט דערזען, אַז אין איבער 90 פּראָצענט פון אַלע אַזעלכע פאַרזוכן, האָבן מיר, אַמעריקאַנער אידן, איבער פינף מיליאָן אין צאָל (כן ירבו!) נאָכגע־פאָלגט די איניציאַטיוו פון דעם אידישן ישוב אין ארץ־ישראל, אָפילו אונ־

זערע תעניתים און פראָטעסטן האָבן מיר אין תש״ג דורכגעפירט נאָכפאָלגנ־דיק דעם ארץ־ישראלדיקן אידישן ישוב.

איז דער ארץ־ישראל׳דיקער איד מער מסוגל צו פילן דעם אידישן אומ־גליק ווי אַן אַמעריקאַנער איד? ליגט בכלל די סיבה אין דעם אינדיווידועלן אידן? מען קען געפינען אַרגומענטן אויך פאַר אַזאַ באַהויפּטונג. אַוודאי איז קיין א״י געפאָרן אַ גרעסערער פּראָצענט אידן, פאַר וועמען די פאַרבינדונג מיטן אידישן פאָלק און זיין גורל שטעלט מיט זיך פאָר דעם תוכן פון זייער לעבן, ווי עס זיינען געפאָרן אין אַנדערע לענדער. דאָס וואָלט געווען אמת, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן העכערע ספערן פון אידישן גייסט, וועגן טיפער פילן דעם דראַנג פאַרן המשך פון דעם אייגנאַרטיקן אידישן לעבן. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן פשוט׳ער פיזישער אויסראָטונג, איז זיך שווער פאָרצושטעלן אַ אידן אַ יחיד, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, וואָס זיין בלוט זאָל אין אים ניט אויפקאָכן. פאַרוואָס דאָך האָט דער ישוב, פאַר־העלטנסמעסיק קליין אין צאָל, איבערגענומען די איניציאַטיוו? פאַרוואָס איז אים דאָס אַמעריקאַנער אידנטום נאָכגעגאַנגען, ניט פילנדיק, אַז עס דאַרף גאָר אַנדערש זיין?

די דערקלערונג קען נאָר געפונען ווערן אין געשיכטלעכן פאַקט, וואָס קיינער קען שוין מער ניט אָפּלייקענען. דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל איז דער איינציקער ישוב אין דער וועלט, וואָס האָט בלויז איין פליכט: זיין פליכט צום אידישן פאָלק. ער קען דעריבער מער גאַנץ זיין מיט זיך. דער באַוואוסזיין פון אַזאַ לאַגע פאַרשאַרפט דעם אחריות געפיל פון יעדן אידישן יחיד און פון דעם גאַנצן קיבוץ אַלס אַזעלכן. צו באַשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק איז דאָך דער הויפּט־ציל פון ציוניזם. תש״ג האָט דעריבער צום ערשטן מאָל בולט אַרויסגעבראַכט פאַר דער וועלט די היסטאָרישע אויפטוען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אויפבויענדיק אַ ישוב וואָס נאָך ניט האָבנדיק דערגרייכט דעם צושטאַנד פון אָנערקענטער פּאָליטישער שטאַטלעכער זעלבסטשטענדיקייט, פירט ער אָבער שוין ביז גאָר אַ הויכער מאָס אַ זעלבסטשטענדיקן לעבן.

נאָך בולט׳ער קומט דערפון אַרויס די באַדייטונג פונם ישוב פאַר די מלוכה׳יש אידישע פּערספּעקטיוון נאָך דער מלחמה. נאָך בולט׳ער ווערט פאַר אונז דאָס גליק, וואָס האָט אונז געטראָפן אין תש״ג, ווען די גרויסע סכנה וואָס איז געהאַנגען איבערן ישוב איז פאַרמיטן געוואָרן. נאָך בולט׳ער קומען אַרויס די חטאים פון יענע וואָס האָבן ניט דערלאָזן אָט דעם יסוד פאַר דער אויסגלייכונג פון אונזער נאַציאָנאַלן סטאַטוס מיט דעם סטאַטוס פון אַלע פעלקער פון דער וועלט נאָך פעסטער איינבויען, נאָך ברייטער פאַרנאַנדערבויען.

פון דער ספּעציעלער מאָס פון אידישער זעלבסטשטענדיקייט שטאַמט אויך דער פאַקט, וואָס דער אידישער ישוב האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיין שטייער צו דער מלחמה אָנשטרענגונגען צו פאַרשרייבן אויף אַ קאָנטאָ: אויף דער קאָנטאָ פון אידישן פאָלק. סיי די מענטשן־כוחות, וואָס ער האָט בייגעשטייערט, סיי זיינע פאַרגרעסערטע אינדוסטריען, סיי אפילו די כוחות, וואָס ער האָט באַזאָרגט פאַר היימישער פאַרטיידיקונג, וואָס דאָס זיינען דאָך אַלץ רינגען פון דער זעלביקער קייט פון מלחמה אָנשטרענגונגען — אַלץ איז אין דער וועלט׳ס ספר הזכרון פאַרשריבן געוואָרן אויפן חשבון פון אידישן פאָלק. די תחבולות פון די, וואָס האָבן דווקא דאָס ניט געוואָלט, וואָס האָבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן אומעטום בלייבן בלויז אַן אַנאָנימער שותף אין דער מלחמה, איז זיי דאָס מאָל בלויז טיילווייז געלונגען. אין יאָר תש״ג האָט זיך נאָך די וועלט מער דערוואוסט פון אָט דעם ספּעציעלן שטייער פון אידישן פאָלק צו דער מלחמה ווי ביז תש״ג. דאָס אַלץ איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער מאָס פון זעלבסטשטענדיקן בלויז־אידישן לעבן פון דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל.

האָט מען דאָס אין זינען, פאַרשטייט מען שוין אויך פאַרוואָס דער ישוב פון ארץ־ישראל איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט דעם גרעסטן חלק אין דערמעגלעכן דעם הערויסיזם פון די געטאָ קדושים. עס איז נאָך ניט געקומען די צייט וועגן דעם פיל צו ריידן. אָבער פון די תש״ג־חשבונות אין ארץ ישראל טאָר מען דעם פאַקט ניט אַרויסלאָזן. בפרט ווען מען קלייבט אויס פאַר די תש״ג־חשבונות נאָר יענע געשעענישן, וואָס וועלן זיך אויס־ווירקן אין דער ווייטערדיקער געשיכטע אַריין. זיכער וועט די דאָזיקע געשעעניש פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די ערשט־קלאַסיקע אידישע תש״ג־פּאַסירונגען אין ארץ ישראל, וואָס האָבן שוין געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער אידישער וועלט און וועלן נאָך וואַקסן אין געשיכטלעכער באַדייטונג במרוצת הימים.

ז.

ביי אונז אין אַמעריקע האָבן די תש״ג פּאַסירונגען, וועלכע וועלן מיט־געטראָגן ווערן אין דער אידישער געשיכטע, זיך קאָנצענטרירט אַרום דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ. טאָ זאָל איר געווידמעט ווערן די הויפּט אויפמערקזאַמקייט אין אָט דעם סעיף פון אידישן תש״ג־חשבון אין אַמעריקע.

דאָס דאַרף ניט מיינען, אַז עס האָבן זיך ניט באַוויזן אין תש״ג דאָ ביי אונז קיין שום אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שפּראָצונגען, וואָס וועלן האָבן אַ

באַדייטונג פאַר דער אַמעריקאַנער אידישער אַנטוויקלונג און דורכדעם זיך אויסווירקן אויפן גאַנצן אידישן לעבן אומעטום. געווען פיל אַזעלכע. געווען אויך נעגאַטיווע דערשיינונגען. די מערסטע זיינען אָבער געווען פּאָזיטיווע. האָבנדיק אין זינען אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום הויבט ערשט אָן שפּילן אינם אידישן פאָלק זיין געשיכטלעכע ראָל; האָבנדיק אין זינען אַז פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן און אפשר דורות וועט הויפּטזעכלעך דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דאַרפן אויף זיינע פּלייצעס אויסטראָגן דעם גאַנצן געשיכטלעכן געבאָט פון שמור שארית ישראל — האָט יעדע פּאָזיטיווע דערשיינונג אַ געשיכטלעכע באַדייטונג. יעדער פאַרזוך צו פאַרשטאַרקן אינערלעך דאָס אידישע באַוואוסטזיין, פון וואָס פאַר אַ שיטה דאָס זאָל ניט זיין, ווען נאָר דאָס העלפט שטאַרקן דעם ווילן פאַר אידישן המשך ביי דעם אַמעריקאַנער אידנטום, הויפּטזעכלעך ביי אונזער יוגנט, וועט זיכער אַריינגיין אין אידישער נצחיות אַריין. אָבער אויסרעכענען אַלע איז אוממעגלעך. מוז איך זיך קאָנצענטרירן אַרום דער הויפּט תש״ג דערשיינונג פון אַמעריקאַנער אידנטום — דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ.

די אַנטוויקלונגען, וואָס האָבן געפירט צו דער קאָנפערענץ זיינען אַלעמען באַקאַנט. איך נעם אָן, אַז עס איז גוט באַקאַנט אויך די גאָר באַדייטנדיקע ראָל וואָס אונזער אייגענע באַוועגונג האָט דערביי געשפּילט. אונזער סיראַקיוזער פּאַרטיי צוזאַמענפאָר האָט דעם ערשטן שריט געמאַכט. די בני ברית איניציאַטיוו אין פּיטסבורג איז אוודאי געווען אַ שריט פון גרעסערן און ברייטערן פאַרנעם אין דער ריכטונג. אָבער כראָנאָלאָגיש איז עס פאַרט דער צווייטער געווען. דער דריטער שריט איז אויך פון אונז געמאַכט געוואָרן דורך דעם גרויסן באַוועגונגס־צוזאַמענפאָר סוף מערץ פון דעם יאָר. פאַר אונז איז דער שריט דער וויכטיקסטער געווען. מיר האָבן דאָרטן אַ פולע שלום־פּראָגראַם אָנגעצייכנט פאַר דעם אידישן פאָלק נאָך דער מלחמה אין אַ ראַם פון אַ באַנייטער מענטשהייט. פאַרגלייכט מען אונזער פּראָגראַם מיט דער אָנגענומער פּראָגראַם פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ, וועט מען אויסגעפינען אַ באַדייטנדיקע מאָס פון השפּעה פון דער ערשטער אויף דער צווייטער. נאָך וויכטיקער איז אָנצוצייכענען, אַז די געשיכטלעכע באַדייטונג פון דער קאָנפערענץ וועט זיין אָפּהענגיק אָן דעם, צי זי וועט אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אָננעמען אויך יענע טיילן פון דער פּראָגראַם פאַרן אידישן פאָלק נאָך דער מלחמה, וואָס אונזער באַוועגונג האָט פאָרמולירט און די אַלאידישע קאָנפערענץ האָט זיי דערווייל נאָך ניט אָנגענומען.

און ווייל אַלע אָפּשאַצונגען דאָ ווערן געגעבן בלויז פון געשיכטלעכן קוק־פונקט, וויל איך זיך גאָרניט פאַרנעמען מיט דעם איינדרוק, וואָס די

קאָנפערענץ גופא האָט איבערגעלאָזן. זי איז נאָך, אגב, פריש אין אַלעמענס זכרון. איך וויל בלויז אָנצייכענען, וואָס זי האָט געשיכטלעך דערגרייכט און וואָס זי האָט געשיכטלעך פאַרפעלט. אין אַנדערע ווערטער: ווי ווייט האָט די קאָנפערענץ יאָ אָדער ניט געהאָלפן גרייט מאַכן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום סיי בעסער און טיפער צו פאַרשטיין די פּראָבלעמען פון אידישן פאָלק אין אונזער תקופה, סיי אַרויפצונעמען אויף זיינע פּלייצעס דעם טייל פון היסטאָרישער אחריות, וואָס די השגחה האָט אים, דעם אַמעריקאַנער אידנטום, צוגעטיילט.

וויל מען אין קורצן אונטערציען דעם סך־הכל פון דער קאָנפערענץ, דאַרף מען, ווי מיר שיינט, עס אַזוי פאָרמולירן:

וואָס די קאָנפערענץ האָט אין נאָמען פון אַמעריקאַנער אידנטום געזאָגט, איז געווען גוט געזאָגט, האָט געבראַכט כבוד דעם אידישן פאָלק און האָט קלאָר געמאַכט פאַר דער וועלט דעם געאייניקטן ווילן פון אַמע־ריקאַנער אידנטום בנוגע אַלע דריי שטחים פון אידישער גלייכבארעכטיקונג: ווי יחידים, צוגלייך מיט אַלע בירגער אין אַלע לענדער, וואו זיי לעבן; ווי מינאָריטעטן־גרופּן — צוגלייך מיט אַלע אַזעלכע גרופּן, וואו אַזעלכע עקזיסטירן, און ווי אַ פאָלק — צוגלייך מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט דורך דער אויפשטעלונג פון דער אידישער קאָמאָנוועלט אין ארץ ישראל. פונקט אַזוי קלאָר, שטאָלץ און אָפן האָט די קאָנפערענץ גערעדט אין איר רוף צו דער וועלט פאַר באַלדיקער רעטונג. דאָס אָבער וואָס די קאָנפערענץ איז באַרופן צו טאָן, אויפצונעמען אַלע התחייבות׳ן, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דאַרף טראָגן אין דער איצטיקער תקופה — דאָ האָט די קאָנפערענץ דערוויל פאַרפעלט.

און פאַרפעלט האָט זי ניט אויס מאַנגל אין ווילן. דאָ האָבן זיך איר געשטעלט אין וועג די מאָנאָפּאָל־תשוקות פון אָרגאַניזירטע גרופּן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך טיילן פון דער אידישער נויט־זאָרג און ווילן בשום אופן ניט אויפגעבן זייער מאָנאָפּאָל אויף דעם. די פאַרכאַפּטע נויט־זאָרגן זיינען סיי פּאָליטישע, סיי ווירשאַפטלעכע, סיי רעטונגס־זאָרג, סיי פשוט׳ע הילפס־זאָרגן. אַזוי פאַרשיידנאַרטיק זיינען אויך די גרופּן, וואָס ווילן זייערע מאָנאָפּאָליזירטע נויט־זאָרגן ניט אויפגעבן. און דאָ האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם וויכטיקסטן פונקט, אָן וועלכן עס איז אָפּהענגיק די מאָס פון געשיכטלעכער אויסווירקונג, וואָס די קאָנפערענץ וועט האָבן.

דען עס האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעשטויסן צוויי קעגנזעצלעכע שיטות אין פּראָצעס פון נויט־באַזאָרגונג אין גאַנצן אידישן לעבן. איין שיטה האַלט: פאַר יעדער אידישער נויט — אַ באַזונדערע קאָמיטע. די צווייטע שיטה האַלט: אַלע נויטן מוזן באַגעגנט ווערן פון איין אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט.

דער ענין דעמאָקראַטיע שפּילט אין דעם אויך אַ גרויסע ראָלע. די ערשטע שיטה איז אַרויסגעוואָקסן צווישן די עלעמענטן, וואָס ציטערן פאַר דער פּערמאַנענטער דעמאָקראַטישער אָרגאַניזירונג פון אַמעריקאַנער אידנטום. די צווייטע שיטה איז אַן דעמאָקראַטישער אָרגאַניזירונג ניט מעגלעך.

די ערשטע שיטה האָט ביז איצטער געהערשט. שוין אין גרעאַנגל אַרום דער אָרגאַניזירונג פון דעם אידישן קאָנגרעס בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער קאַמף צווישן דיביידע שיטות פאָרגעקומען. צוליב היסטאָ־רישן אמת זאָל עס געזאָגט ווערן, אַז אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז אויך דאַן געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דער צווייטער שיטה. מיר האָבן פאַרלאָרן. איך גיי איצטער קיינעם ניט משפּט׳ן. ווער עס איז נאָך אַלץ בלינד גענוג ניט איינצוזען די דעמאָ־ראַליזירנדיקע רעזולטאַטן פון יענעם טעות אויף אַלע געביטן פון אונזער לעבן, רעזולטאַטן, וואָס האָבן אפילו משפּיע געווען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָבן זיכער געשטערט אינם פּראָצעס פון אָרגאַניזירן דעם וועלט אידנטום, — ווער עס האָט ביז איצט ניט דערזען, וועט אים מיין משפּט ניט זעעוודיקער מאַכן. אָבער מיר שטייען איצטער פאַר אַ פיל גרעסערער נויט אין אַריינטראָגן אָרגאַניזירטע אחריות אין אונזער לעבן. די אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ האָט עס געקענט דורכפירן מיט איין מאָל. ווען זי וואָלט זיך ווייניקער אָפּגעשראָקן פאַר די פּאַראינטערעסירטע גרופּן און וואָלט דערקלערט פּראָסט און פּשוט: היינט איז עפּעס געשען. היינט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ געאייניקטער אַדרעס פון אַמעריקאַנער אידנטום פאַר אַלע זיינע נויטן, פון היינט און ווייטער נעם איך, אַמעריקאַנער אידישע קאָנפערענץ, אין נאָמען פון גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום, אַלץ איבער. איך מאַך אַ סוף צו דער סיסטעם פון קאָמיטאָקראַטיע אין אונזער לעבן — וואָלטן די גרופּן געמוזט זיך אונטערגעבן.

די צרה איז אָבער געווען, וואָס גרויסע אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס האָבן מיטגעהאָלפן די דאָזיקע גרופּן און ניט דערלאָזט אַז די קאָנפערענץ זאָל ווערן אַ יש אויך אויפן געביט פון טאָן. די הויפּט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם טראָגט דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס. ער, וואָס הורתו ולידתו איז געווען בקדושת דעמאָקראַטיע אויפן באַזיס פון געדאַנק, אַז עס דאַרף זיין איין אידישע קערפּערשאַפט פאַר אַלע אידישע נויטן, אַמע־ריקאַנער און אַלוועלטלעכע, ער האָט אויך מורא געהאַט עפּעס צו פאַרלירן. פון דער גרויסער אידייע פון איין אַלץ־אַרומנעמענדיקער אידיש־אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאָך איין פּאַראינטערע־סירטן צד. און ער היט זיינע פּיצעלעך אינטערעסן, ווי יעדע אַנדערע גרופּע. איך ווייס זייער גוט, אַז מען גיט ניט אויף אַן אָרגאַניזאַציע, איידער מען

ווייס וואָס פון דער נייער אַלץ־אַרומנעמענדיקער קערפּערשאַפט וועט ווערן. וואָלטן די פירער פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס אָבער געקענט זאָגן צו די 500 דעלעגאַטן קלאָר און אָפן: איך בלייב נאָך דערווייל עקזיסטירן. איך ווייס נאָך ניט ווי ווייט דו, דאָס ניי־געבוירן קינד, ביסט באמת גרייט אַלץ איבערצונעמען. אָבער ווייז נאָר אַרויס דיין גרייטקייט און מיינע שליסלען זיינען אין דיינע הענט. איך וועל דאַן מיט אַ ברכה פון „שהחיינו" זיך שליסן, ווייל אין דיר זע איך די פאַרקערפּערונג פון דעם ציל און פון דער אידייע, וואָס האָט מיך אויף גאָטס וועלט געבראַכט. מיט וואָס פאַר אַן אַנדער געפיל וואָלטן די 500 דעלעגאַטן זיך צעפאָרן! זיי וואָלטן דערשפּירט, אַז זיי זיינען אַ טייל פון אַ רעוואָלוציאָנערער ענדערונג אין אַמעריקאַנער אידישן לעבן. זיי וואָלטן עס אין זייערע קהילות אַוועקגעטראָגן. זיי וואָלטן יעדע געזעלשאַפטלעכע צעלע אין אַמעריקאַנער אידנטום צוגעגרייט צו דער גרויסער ראָלע, וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דאַרף שפּילן. אַנשטאָט דעם זיינען זיי אַוועקגעפאָרן מיט אַ געפיל, אַז אַלץ בלייבט ביים אַלטן. איין קאָמיטע וועט זאָגן: הילף און רעטונג — אני ואפסי עוד. אַ צווייטע קאָמיטע וועט זאָגן: מיגראַציע — אני ואפסי עוד. אַ דריטע קאָמיטע וועט זאָגן: פּאָליטיק — אני ואפסי עוד. און אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך אידישער קאָנגרעס וועט זאָגן סתם אני ואפסי עוד. צי קען אונטער אַזעלכע באַדינגונגען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דערפילן זיין היסטאָרישע שליחות? צי וועט ניט פאַרגעסן ווערן די קאָנקורענץ פון יעדער קאָמיטע באַזונדער אַליין צו גיין צום פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַליין צו פאַר־האַנדלען מיטן סטייט דעפּאַרטמענט, אַליין צו לויפן צו קירכן־פאַרשטייער. און איין קאָמיטע וועט אויסכיטרעווען די צווייטע, כדי די אידישע גאַס זאָל חלילה אָן איר ניט פאַרגעסן? צי קען אונטער אַזעלכע באַדינגונגען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דערפילן די אומגעהייער שווערע פליכטן וואָס ליגן אויף אים?

אַ נס איז אונז געשען, וואָס בנוגע ארץ ישראל פאַרמאָגן מיר אַן אָנערקענטע אַלאידישע, אַלוועלטלעכע רעפּרעזענטאַנץ און דאָס וואָס איז פאַרבונדן מיט „טאָן" בנוגע ארץ ישראל ליגט אין זיכערע, דעמאָקראַטיש־באַשטימטע הענט. דעריבער איז אויף דעם געביט געוואָג די דעקלאַראַציע פון דער קאָנפערענץ. אָבער בנוגע אַלע אַנדערע אידישע ענינים — בלייבט יעדע קאָמיטע מיט איר באַזונדערן כתר־מלכות אויף דער אָפּגעזונדערטער אידישער נויט־זאָרג, וואָס זי האָט מאָנאָפּאָליזירט.

איז פאַראַן אַ גרופּע אין אונזער אידישער וועלט, וואָס וואַרפט די שולד פאַר דעם דווקא אויף ציוניסטן. די אַנטי־ציוניסטישע טייל פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט וויל דווקא האָבן, אַז די ציוניסטן איז עס געגאַנגען בלויז

אין איין זאך: אין דער קאָמאָנוועלט־רעזאָלוציע, אַלע אַנדערע זאַכן גייט זיי ניט אָן. זיי מאַכן דערפון מטעמים פאַר זייער אייגענעם אין־אַנטי־ציוניזם־פאַרעקשנ׳טן קלייזל, כדי צו באַווייזן: מיר האָבן אַלע מאָל געזאָגט, אַז די ציוניסטן אַרט ניט דער גורל פון גאַנצן אידישן פאָלק. גייט עס ניט אַריין אין די תש״ג חשבונות צו פּאָלעמיזירן מיט אָט דער גרופּע. איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע ציוניסטן יחידים. זיי ווייסן אָבער, אַז עס איז אַ שקר, ווען מען וואַרפט אויף אַלע ציוניסטן אַרויף אַזאַ בלבול. אָבער אין תש״ג חשבון גייט גאָר אַריין דער ענין פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנפערענץ און וואָס פון איר וועט ווערן. און אין דעם פּונקט גייען די בלבול־מאַכער אויף ציוניסטן דווקא אויף דער גאַנצער ליניע מיט יענע כוחות, וואָס ווילן ניט דערלאָזן, אַז די קאָנפערענץ זאָל ווערן די אַלץ־אַרומנעמענדיקע, אַלץ־אַנפירנדיקע און אַלץ־אויספירנדיקע אידישע קערפּערשאַפט אין אַמע־ריקע. יעדע גרופּע וואָס העלפט אין דעם מיט, וועט דאַרפן אָפּגעבן חשבון דער אידישער געשיכטע.

די האָפענונג צו פאַרוואַנדלען די קאָנפערענץ אין אַזאַ קערפערשאַפט, טראָגט דער אינערלעכער קעגנערשאַפט, באַשטייט נאָך אַלץ. הלוואי זאָל תש״ד אויף דעם געביט ממלא זיין דאָס, וואָס אין תש״ג האָט געפעלט מוט דורכ־צופירן. דער גאַנצער תש״ג חשבון שרייט און רופט אונז זיך צו גרייטן צו גרויסע ענדערונגען אין איינקלאַנג מיט דער תקופה, אין וועלכער מיר לעבן; אין הסכם מיט די נויטן פון אידישן פאָלק און אין איינקלאַנג מיט דער גרויסער אחריות, וואָס ליגט אויף אונז. דאָס ארץ ישראל׳דיקע אידנטום האָט ניט נאָר זיין אינערלעכן געמיט, נאָר אויך זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע כלים צוגעגרייט דערצו. מיר אין אַמעריקע האָבן דערוויל געמאַכט אַן אָנהויב. צוזאַמען מיט דער תפילה: כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, אַן וועלכער די וועלט וועט ניט צוקומען צום יום שכולו טוב, מוז ביי אונז אין אַמעריקע דורכגעפירט ווערן די לאָזונג: כי תעביר ממשלת הפקר מן חיינו. ערשט דאַן וועט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, אין דער פולער קראַפט, אַרויפטרעטן אויף דער אידישער וועלט־אַרענע. דאַן וועט זיין תש״ג־אָנהויב זיך אַריינגיסן מיט גרויסער אויסווירקונג אין די קאַנאַלן פון אידישער אייביקייט.

ערב ראש השנה תש״ד.

כינוס

רעדע ביים כינוס, דעם 20טן יוני 1949, אָפּגע־
האַלטן אין האָטעל ניויאָרקער, אין ניו־יאָרק.

מיר האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט אונטערן נאָמען: נאַציאָנאַלער כינוס פאַרן אַרבעטנדיקן ישראל. טאָ זאָל גלייך אונטערגעשטראָכן ווערן: דער דאָזי־קער נאָמען דיקטירט ניט קיין שום פּראָגראַמאַטישע דאָגמע. די ציוניסטישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין וועמעס נאָמען איך טרעט איצטער אויף, האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פון צוגרייטן דעם כינוס. זי האָט איינ־געלאַדן פירנדיקע אידישע פּערזענלעכקייטן און זי האָט איר ציל דער־גרייכט. דער כינוס קומט פאָר. פון איצט אָן ווערט דער כינוס זעלבסטשטענ־דיק. זיין אויפגאַבע איז פריי צו טראַכטן, פריי צו ריידן און פריי אויסצו־דריקן וואָס ער וויל און ווי ער וויל, סיי וועגן מדינת ישראל, סיי וועגן דעם עם ישראל בתפוצות, און סיי וועגן זיך אַליין, וועגן זיין אייגענער ווייטערדיקער עקזיסטענץ און וועגן די אויפגאַבן וואָס ער דאַרף זיך שטעלן. בלויז דריי פּונקטן, שיינט מיר, דאַרף דער כינוס אָננעמען למפרע ווי זיין יסוד: אַז די זאָרג פאַר דעם אידישן קיום און אידישן המשך איז אַ חוב וואָס ליגט אויף אונזער איצטיקן דור פּונקט ווי פריערדיקע דורות האָבן עס אין זייערע צייטן געטראָגן; אַז די ניי־אויפגעשטעלטע מדינה איז די זיכערסטע באַזע פאַר אונזער קיום און אַז מדינת ישראל, געפירט פון דער אַרבעטערשאַפט בכלל און מפא״י בפרט, איז אַ היסטאָרישער פאַקט.

עס וועלן דאָ פאַר אונז אויפטרעטן פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן זייערע לעבנס געווידמעט דער אידישער מחשבה. זיי וועלן פאַרנאַנדערוויקלען פאַר אונז עטלעכע פּרשיות מיט וועלכע דער אידישער געדאַנק דאַרף זיך אין אונזער עפּאָכע שטאַרק באַשעפטיקן. איך וויל בלויז זאָגן עטלעכע ווערטער צו דער באַגרינדונג פון דער הנחה אַז די אויבנדערמאָנטע דריי פּונקטן דאַרפן למפרע בילדן דעם יסוד פון אונזער כינוס. איז דער ערשטער פּונקט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יעדער פּירוש איז איבעריק. דערפאַר מוז אָבער עפּעס געזאָגט ווערן וועגן די אַנדערע צוויי פּונקטן.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן אויף איין אָדער אַן אַנדער אופן צו דעפינירן דעם מהות פון אידישן פאָלק. די דעפיניציעס קענען זיין ריכטיקע אָדער פאַלשע, זיי קענען זיין טיילוויז ריכטיק און טיילוויז פאַלש. דער אומ־באַשטרייטבאַרער אמת פון אונזער געשיכטע איז, אַז מיר האָבן אין דעם אידישן פאָלק אַ פענאָמען פון אַ באַזונדעראַרטיקן פאָלקס־אָרגאַניזם. היסטאָ־

ריקער האָבן אָנגעצייכנט פאַרשידענע צוגאַנגען מצד פאַרשידענע עלעמענטן צו די הויפט דערשיינונגען אין אונזער געשיכטע. אייניקע האָבן געזען דעם הויפט־יסוד פון אונזער קיום אין אונזער אַמאָליקער מלוכה; אַנדערע האָבן עס געזען אין אונזער נבואה. מיר שיינט, אַז ווען מיר קוקן איצטער צוריק, קענען מיר די דאָזיקע דערקלערונג פון אָדער מלוכה, אָדער נבואה, ניט אָננעמען. די מלוכה איז געווען די באַשאַפונג פון אידישן פאָלק; די נבואה איז געווען אַן אַרויסשטראַלונג פון זעלביקן פאָלק. אין געוויסע צייטן האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשטויסן און געקעמפט איינע קעגן די אַנדערע. אין דער אונטערשטער שורה האָבן זיי אָבער ביידע באַאיינפלוסט אונזער געשיכטלעכע אַנטוויקלונג און פאַרזיכערט אונזער המשך. אָן דער מלוכה אַמאָל — און דער באַגריף מלוכה נעמט דאָ אין זיך אַריין בלויז דעם פאַקט וואָס אַ באַשטימטער קיבוץ לעבט אין אַ באַשטימטער אייגענער טעריטאָריע — ווער ווייסט צי וואָלט אונזער נבואה־גייסט אין אונז בכלל אַנטוויקלט געוואָרן; אָן דעם נבואה־גייסט איז אַ גרויסער ספק צי וואָלטן מיר אויסגעהאַלטן ווי אַ באַ־זונדער פאָלק ביז אונזערע טעג. און אָן דער מלוכה איצטער איז געשטעלט געוואָרן אין סכנה די מעגלעכקייט אויפצוהאַלטן אין אונז דעם אייגנאַרטיקן נבואה־גייסט, וואָס אָן אים ווערט אונזער אייגנאַרט אויסגעליידיקט. די וואָס קומען איצטער — ביי דער ווידעראויפשטעלונג פון דער אידישער מדינה — שטעלן דעם דגש אויף אונזער זיין אַ נביאים־פאָלק, כדי דורכדעם צו מיני־מיזירן די באַדייטונג פון דער מדינה, האָבן ווי עס שיינט נאָך ניט ווי געהעריק אויפגענומען דעם אמת'ן זין פון דעם וואונדערבאַרן מהות פון דעם דאָזיקן פאָלק פון וועלכן מיר זיינען אַלע אַ טייל און וועמעס קיום מיר זיינען אַלע פאַראינטערעסירט ממשיך צו־זיין.

זייענדיק איבערצייגט, אַז דער עיקר פון דער אידישער אייגנאַרט ליגט אין דעם אידישן גייסט; אַז אָן דער דאָזיקער אייגנאַרט, וואָלטן מיר לאַנג שוין ניט עקזיסטירט — ווייס איך גלייכצייטיק, אַז דער גייסט לעבט ניט מחוץ פון דעם לעבעדיקן אידן, און אַז די אויסדרוקן פון גייסט זוכן זיך אָנצוקליידן אין פאַרשידענע לבושים. זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין אינסטיטוציעס, אין וועלכע דער לעבעדיקער איד גיסט אַריין זיינע גייסטיקע פייאיקייטן פון יצירה. דאָס וואָס מיט דער צייט ווערן זיי, די אינסטיטוציעס, אַליין פאַרהייליקט (אָפט אויפן חשבון פון גייסט, וואָס האָט זיי געבוירן), איז אַ פראָבלעם וועלכע איך לאָז אויס פון מיין איצטיקער באַטראַכטונג. אָבער ווי אַזוי אַן אַבסטראַקטער גייסט עקזיסטירט, ווייס איך ניט. איך ווייס אָבער יאָ, אַז די אינסטיטוציעס פון גייסט — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — וואָס דאַרפן באַאיינפלוסן מענטשן און וואָס דאַרפן זיך אויסדריקן אין מענטשלעכער יצירה, זיינען ניט אַבסאָלוט פריי פון ווירקונגען מן החוץ. די דאָזיקע אינסטיטוציעס דורך

וועלכע דער מענטש זוכט אויסצודריקן זיין גייסט, קענען אונטער געוויסע באַדינגונגען געשטעלט ווערן אין געפאַר. זיי קענען אַמאָל זיך נישט צופּאַסן נישט נאָר צו נייע פּאָליטישע באַדינגונגען נאָר אויך צו נייע אידעאישע שטראָמען, וואָס פּאַרכאַפּן פון צייט צו צייט טיילן פון דער מענטשהייט. אין דער מאָדערנער וועלט האָט זיך דער אידישער גייסט זיכער צוזאַמענגעשטויסן מיט אַזעלכע סיי פּאָליטישע, סיי אידעאישע שטראָמען. איז דעריבער אַנטשטאַנען די נויטיקייט צו זוכן פאַר אונזער אייגנאַרט אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זאָלן פאַרזיכערן זיין נאַטירלעכן וואוקס, ניט געשטערט פון אַנדערע גייסטיקע פּראָצעסן; אַז אַריינעמענדיק נייע געדאַנקען און נייע אידעען, און ווערנדיק פון זיי באַאיינפלוסט, זאָל דער גייסט פון דעם דאָזיקן פאָלק ניט געשטעלט ווערן אין אַזאַ לאַגע, אַז די סאַמע וואָרצלען פון זיין אייגנאַרט, זאָלן אָנהויבן טריקענען. האָט דער פאָלקס־געניוס דעריבער גענומען צו הילף זיין אייגענע גאולה־תשוקה — וואָס איז אַליין איינע פון די טיפסטע אַנטפּלעקונגען פון זיין נבואה־גייסט — און האָט אַרויסגעבראַכט אַ מאָדערנע ציוניסטישע באַוועגונג, כדי דורך באַנייטער אידישער מלוכה ווייטער צו פאַרזיכערן זיין אייגנאַרט — די סאַמע נשמה פון זיין קיום.

נאָך אַן איינשטעלונג איז געשיכטלעך ניט אינגאַנצן ריכטיק. דאָס איז יענע איינשטעלונג, וואָס זאָגט, אַז דער פאַקט וואָס מיר האָבן אין גלות באַוויזן אַזאַ געוואַלדיקע שעפערישע פעאיקייט, דאַרף מיינען אַז אונזער שעפערישקייט שטאַמט דערפון, וואָס מיר זיינען דוקא געווען אומעטום אַ מינאָריטעט, און אין דעם געראַנגל מיט דער מאַיאָריטעט זיינען אויסגעשאַרפט געוואָרן אונזערע גייסטיקע וואָפן פאַר וויטעריקער יצירה.

עס איז קיין ספק ניט, אַז דער עצם פאַקט פון אונזער עקזיסטירן ווי אַ מינאָריטעט אין די פאַרשידענע גלות׳ן צווישן פאַרשידענע קולטורן, איז איינע פון די בולט׳סטע דעמאָנסטראַציעס פון דער וואונדערלעכקייט און דער אַנדערשקייט פון אונזער פאָלק. אָבער איך מיין, אַז די דאָזיקע דערשיינונג דאַרף אַזוי דערקלערט ווערן: מיר האָבן אין אונזער אויפשטייגן אויף דער מענטשלעכער אַרענע אַריינגענומען אין זיך אַזאַ געוואַלדיקע גייסטיקע קראַפט, וואָס אפילו אונטער באַדינגונגען אין וועלכע אַנדערע פעלקער האָבן ניט אויסגעהאַלטן, זיינען מיר דאָך געבליבן פעסט מיט אונזער אייגנאַרט. דערקלערט מען זיך אַזוי דעם זין פון דער אידישער געשיכטע, קומט ממילא אויפן געדאַנק די פראַגע — פון וואַנען האָט זיך צו אונז גענומען די דאָזיקע ספּעציעלע אייגנאַרטיקייט?

דער רעליגיעזער איד האָט אויף דעם אַ קלאָרן ענטפער: גאָט האָט אונז אויסגעוויילט. נישט אַלע פון אונז קענען אָננעמען די דאָזיקע דערקלע־רונג. דעם פאַקט גופא פון אונזער אַנדערשקייט קען אָבער קיינער ניט

אַפּלייקענען. מיר גייט אָבער אין דעם ריכטיקן אָפּשאַצן די ראָלע וואָס דאָס דאָזיקע לאַנד, — וואו מיר האָבן איצט פון דאָס ניי אויפגעבויט אונזער מלוכה — האָט געשפּילט אין העלפן פאָרמירן יענע גרויסע פעאיקייטן וואָס דאָס אייגנאַרטיקע פאָלק האָט אַרויסגעוויזן. מען קען ניט באַטראַכטן ווי אַ ריינעם צופאַל, וואָס איינע פון די גרעסטע דערשיינונגען פון דער מענטש־לעכער געשיכטע, מתן תורה, איז געשען אין אַ פּראָצעס פון דראַנג פון אידישן פאָלק צום זעלביקן אידישן לאַנד. מען קען אויך ניט באַטראַכטן ווי בלויז אַ צופאַל דאָס אויפשטיין פון אַ צווייטער גייסט־קראַפט, פון קריסטנ־טום — מעגן מיר צו דער דאָזיקער גייסטיקער קראַפט האָבן וועלכע באַציאונג מיר ווילן, — וואָס איז ווידער געשען דורך אַ צוזאַמענשטויס אינם זעלביקן אידישן פאָלק און אין דעם זעלביקן אידישן לאַנד. עס זעט דעריבער אויס, אַז צו דער געשטאַלטונג פון אונזער אייגנאַרט, האָט דאָס דאָזיקע לאַנד צוגע־טראָגן גאָר ניט קיין קליינעם חלק. מיר זעען אין דער צוריק־פאַרבינדונג פון דעם פאָלק פון גייסט מיט דעם לאַנד וואָס האָט געהאָלפן פאָרמירן דעם דאָזיקן גייסט, אַ היסטאָרישע פאַסירונג וואָס דאַרף פאַרזיכערן דאָס פאָלק פון דעם געגעבענעם גייסט נייע גייסטיקע יצירה כוחות דורך וועלכע ער זאָל קענען אָנפילן מיט אינהאַלט זיין אייגענעם לעבן און דורך וועלכע זיין שטייער צו דער געזאַמלטער מענטשלעכער קולטור זאָל פיל גרעסער און שטאַרקער ווערן.

איך מיין, אַז צו דער קאַטעגאָריע פון גייסטיקע שאַפונגען פון דער מענטשהייט געהערן אויך די שטרעבונגען צו זוכן נייע סאָציאַלע פאָרמען פון לעבן. ווען מען פּרובירט מאַכן אַ פאַרגלייך פון דאָס וואָס איז אונז געלונגען אין ישראל און דאָס וואָס איז אונז נישט געלונגען אין אַלע לענדער, ווערט באַפעסטיקט די באַהויפּטונג, אַז דווקא אין ישראל שטאַרקן זיך די מעגלעכקייטן פאַר אונזערע גייסטיקע שעפערישע כחות.

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן האָט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאַרנומען זייער אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין אונזער אידישן לעבן. אין דער מאָדערנער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק וועלן פאַרנעמען זייער אַ געהעריקן קאַפּיטל אפילו יענע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען ביי אידן, וועמען עס איז ניט באַשערט געווען דאָס גליק פון אויפבויען פּערמאַנענטע ווערטן — ווי עס איז באַשערט געווען דער סאָציאַליסטישער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ישראל. דער ווילן איז ביי אַלעמען געווען דער זעלביקער. די גרייטקייט פון מסירת נפש פאַרן סאָציאַליסטישן אידעאַל איז דעמאָנסטרירט געוואָרן דורך אידישע מאַסן כמעט אין אַלע לענדער וואו אידן האָבן געלעבט. אויך אין דעם דאָזיקן לאַנד וואו מיר געפינען זיך זיינען דורך אידישע סאָציאַליסטן געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן אויפצובויען דערפער פון וועמעס ווירטשאַפט יעדע

פאָרם פון עקספּלואַטאַציע זאָל זיין אויסגעשלאָסן. געלונגען איז דאָס פונ־דעסטוועגן ניט. פונקט ווי עס איז ניט געלונגען דער אידישער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג אין אַנדערע לענדער ענלעכע פאַרזוכן.

עס זעט אויס, אַז די זעלבע צילן געטראָגן אין די הערצער פון די זעלביקע אידן, קענען בלויז געפינען זייער תיקון דאָרטן וואו עס בויט זיך אַ ברייטע נאַציאָנאַלע באַזע פאַרן גאַנצן פאָלק, דאָרטן וואו מיר האָבן אפילו אונטער דער פרעמדער מאַנדאַטן־מאַכט שוין געפילט דעם טעם פון אידישער סוווערניטעט, פון דער מעגלעכקייט אַליין צו באַשטימען אונזער אייגענעם גורל.

דערפון איז ווידער געדרונגען, אַז אפילו אַזאַ גייסט־פאָלק ווי דאָס אידישע, קען אַמבעסטן אַרויסשאַפן פון זיך זיינע גייסטיקע אוצרות ווען ער פאַרמאָגט פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע סוווערעניטעט. בפרט ווען די באַזע פאַר זיין סוווערעניטעט ווערט צוריק דאָס לאַנד וואו זיינע אייגנ־אַרטיקע פעאיקייטן האָבן זיך אַנגעהויבן פאַרמירן. אויב עס איז אפילו אמת, אַז עס קען ניט דורך קיין אַנאַליז פעסטגעשטעלט ווערן ווי גרויס עס איז דער פּראָצענט פון אידישער וואונדערבאַרער אייגנאַרטיקייט און שעפערישקייט וואָס דווקא דאָס דאָזיקע לאַנד האָט אין אים אַריינגעגעבן — אָבער דער דאָזיקער שטייער איז געווען גאָר אַ באַדייטנדיקער. וועגן דעם זאָגן עדות אַ סך גרויסע פּאַסירונגען אין אונזער געשיכטע. דעריבער איז אונזער ווידערבאַנייאונג אין ישראל ניט בלויז אַ מלוכה־דערשיינונג, נאָר — וואָס ס'איז פיל וויכטיקער — אַ באַזע פאַר פולשטענדיקער ווידעראויפלעבונג פון אונזער נביאים־גייסט.

אין דער איצטיקער עפּאָכע איז אויף דער וואַנט פון אונזער געשיכטע דער־שינען אַ נייע שריפט וואָס לייענט זיך אַזוי: די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן קיום פון דעם אידישן פאָלק און זיין ווייטערדיקער המשך איז געשיכטלעך אַרויפגעוואָרפן אויף צוויי כוחות: איין כוח איז מדינת ישראל מיט איר ישוב; דער צווייטער כוח איז דאָס גרויסע אידנטום אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, הויפּטזעכלעך דאָס אידנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דערמיט איז ניט געמיינט קיין זלזול צו די אידנטומס פון די קלענערע לענדער. האָבנדיק פאַרלוירן איבער אַ דריטל פון אונזער פיזישן און נאָך אַ פיל גרעסערן חלק פון אונזער גייסטיקן וועלט אָרגאַניזם, איז יעדער אידישער קיבוץ אונז טייער און נויטיק פאַר דעם אידישן המשך. אָבער די הויפּט אחריות פאַר דעם גאַנצן פאָלקס המשך ליגט פאָרט אויף אָט די צוויי כחות. די דאָזיקע אחריות וועלן זיי קענען אויספילן ווען זיי וועלן אַרבעטן ווי שותפים וואָס זאָלן זיך קעגנזייטיק שפּייזן, און ניט ווי שותפים וואָס זוכן איינע די אַנדערע צו עקספּלואַטירן. אָן דער דאָזיקער קעגנזייטיקייט שיינט מיר, שטייט אין

געפאַר סיי מדינת ישראל, סיי דער ווייטערדיקער המשך פון אונזער לעבן אין די גלות לענדער. עס איז דער געבאָט פון דער צייט, די דאָזיקע שותפות קלאָר און דייטליך צו פאָרמולירן און מיט אָפענע הערצער אויפנעמען. און אונזער נאַציאָנאַלע אַסעמבלי דאַרף, נאָך מיין מיינונג, ווערן סיי דער אַמעריקאַנער פאָרום וואו אָט ד י שותפות זאָל פאָרמולירט ווערן, סיי די לאַבאָראַטאָריע צוזוגרייטן דאָס האַרץ פון אַמעריקאַנער אידנטום די שותפות ווי געהעריק אופצונעמען.

מיין איך, אַז אויסער דער ערשטער זעלבסטפאַרשטענדלעכער הנחה וועגן דעם אַז די זאָרג פאַר אונזער המשך דאַרף ווערן די צענטראַלע אויפגאַבע פון דעם דור, האָב איך אויך געגוג אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פון דער מדינה אין אונזער גוראַנגל פאַרן קיום. דאַרף איך איצטער זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם לעצטן פונקט: מדינת ישראל געפירט פון מפא״י זאָל אויך זיין פאַר אונז אַ יסוד זאַך. מיר דערוואַרטן ניט קיין בלינדן נאָכפאָלגן פון אַלץ וואָס די איצטיקע ישראל רעגירונג געפירט פון אונזער פאַרטיי מפא״י טוט אויף; מיר דערוואַרטן אָבער יאָ אַ קלאָרע געשיכטלעכע פאַרשטענדעניש ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז דאָס אַרבעטנדיקע ישראל איז געוואָרן דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין ממשלת ישראל. מיר דערוואַרטן אַ פאַרשטענדעניש פאַר דעם פאַקט וואָס מפא״י איז היינט די פאַרטיי, וואָס איז די פאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע חוט השדרה פון מדינת ישראל. מיר דערוואַרטן, אַ פאַרשטענדעניש פאַר די צילן פון ממשלת ישראל לויט דעם פּראָגראַם וואָס מפא״י האָט זיך איצטער געשטעלט, — די צילן וואָס ווערן אויסגעדריקט אין צוויי קאָנקרעטע שטרעבונגען: קבוץ גלויות און סאָציאַליסטישער בוי.

פונקט ווי קבוץ גלויות איז ניט קיין ענין וואָס קען דורכגעפירט ווערן אין אַ פאַרויס באַשטימטן צייט־שטח, אַזוי איז אויך סאָציאַליסטישער בוי. איןביידע צילן קענען זיכער זיין חלוקי דעות. עס קען זיין אַן איינשטעלונג וואָס באַטראַכט דעם קבוץ גלויות ווי אַ פאַנטאַזיע. עס קען זיין אַן איינשטעלונג, אַז קבוץ גלויות דאַרף געדויערן ווער ווייסט וויפיל הונדערטער יאָרן. עס קען זיין אַן איינשטעלונג, אַז דער וועלט קאַטאַקליזם פון וועלכן מיר זיינען נאָך ווייט ניט אַרויס, וועט אַרויפצווינגען אַ זייער שנעלן קבוץ גלויות. איך מיין, אַז אַלע וואָס גלויבן אין קבוץ גלויות האָפן, אַז ווי לאַנג דער פּראָצעס זאָל ניט דויערן, זאָל קבוץ גלויות קומען ווי אַ רעזולטאַט פון דעם ווילן פון פילע מיליאָנען אידן צו לעבן אַ גאַנצן און ניט אַ צעשפּאָלטענעם לעבן; דער דראַנג צו קבוץ־גלויות זאָל אַרויסוואַקסן פון אייגענעם אידישן ווילן און ניט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ וועלט קאַטאַקליזם.

ווי אײנער וואָס גלויבט אין קבוץ־גלויות, וואָס איז איבערצייגט אַז עס

וועט אַמאָל קומען אַ טאָג ווען דער באַגריף גלות וועט זיין בלויז אַ געשיכט־לעכער און ניט קיין געגנוואָרט־לעבעדיקער; ווי איינער וואָס גלויבט אַז אַ ריכטיקער שלימות־לעבן פאַר דעם עם ישראל ליגט אין קאָנצענטראַציע אין ישראל; ווי איינער וואָס גלויבט אַז מדינת ישראל וועט אַרויסגעבן פון זיך אַזעלכע גייסטיקע צוציאונגס כחות, וואָס וועט קלאָר מאַכן פאַר יעדן אידן וואָס וויל לעבן ווי אַ איד, די געוואַלדיקע מעלות פאַרן פערזענלעכן אויסלעבן זיך ווי אַ איד, ווען ער וועט זיך אַליין, זיין אייגענע פערזאָן און זיין אייגענע משפחה אַריינפירן אין דעם פּראָצעס פון קיבוץ גלויות; ווי איינער וואָס גלויבט אין אַזאַ אחרית הימים פאַר אונזער פאָלק, זאָג איך אַז עס ליגט אַ גרויסער חוב אויףביידע שותפים צו זאָרגן דערפאַר, אַז דער צווייטער שותף, דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, זאָל האַלטן כסדר אין פאַרשטאַרקן זיין נאַציאָנאַלן לעבן. עס מוז אַריינגעמען אין זיך וואָס מער פון יענער אידישער גייסטיקער קראַפט, וואָס האָט אויסגעזונדערט דעם אידישן פאָלק ווי אַ וואונדער־פאָלק אין דער מענטשלעכער געשיכטע, כדי עס זאָל קענען לעבן אַ מאַקסימאַל רייכן נאַציאָנאַלן לעבן אַזוי לאַנג ווי עס בלייבט אין אַמעריקע און כדאי עס זאָל אין פּראָצעס פון קבוץ גליות ברענגען אין ישראל וואָס מער געזונטע אידישקייט. פּראַקטיש מיינט עס, אַז פונקט אַזוי פיל כחות וויפל ביידע שותפים מוזן זיין גרייט אַריינצוגעבן אין בנין ישראל, פונקט אַזוי פיל כחות, מאָראַלישע און פינאַנציעלע, כחות אין מחשבה, מוזן אַריינ־געגעבן ווערן צו דערהויבן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו דער מדרגה פון זיין היסטאָרישער פליכט.

ניט מיר זיינען די וואָס באַשטימען געשיכטלעכע פּאַסירונגען און קיינער קען ניט זען קיין זין אין יענער געשיכטלעכער פּאַסירונג, וואָס האָט אומ־געבראַכט דעם גייסטיק־פּרוכטבאַרסטן טייל פון אונזער פאָלק און האָט אַרויפגעוואָרפן אַזאַ געוואַלדיקע אחריות אויף אונז, אויף די אידן פון אַמעריקע, אפשר איידער מיר זיינען דערצו דערוואַקסן. דער געבאָט פון דער געשיכטע מוז אָבער אויסגעפאָלגט ווערן. די אחריות ליגט אויף אונז. מיר מוזן זי טראָגן, מיר מוזן פון אָט דעם היסטאָרישן פאַקט ציען אַלע קאָנסעקווענצן. און מיט דעם גאַנצן קאָלעקטיוון כוח פון געדאַנק און געפיל וואָס געפינט זיך אין דער איצטיקער אסעמבלי, מוזן וועגן געזוכט און געפונען ווערן ווי אַזוי אַ הויב צו טאָן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו דער היסטאָרישער אחריות פאַר וועלכער ער איז געשטעלט געוואָרן.

איז בנוגע דעם עצם ציל פון קבוץ גליות קענען טאַקע זיין פאַרשיידענע צוגאַנגען. אָבער אַז דער ציל פון ממשלת ישראל מוז זיין צו ברענגען וואָס מער אידן קיין ישראל; אַז פון דעם דאָזיקן היסטאָרישן חוב קען זיך און וויל זיך גאָר ניט באַפרייען אויך דאָס אַמעריקאַנער אידנטום; אַז אַ

טייל פון דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט דאַרף זוכן, דורך חלוציזם, זיך מיטצובאַטייליקן אין בנין ישראל, דאָס שיינט מיר, ווערט פון אונז אַלעמען אָנגענומען. און ניט נעמענדיק אויף זיך קיין אויפגאַבע אָנצוצייכענען די גאַנצע טעטיקייט־פּראָגראַם פון אַמעריקאַנער אידנטום, זיינען אָבער קלאָר די הויפּט אויפגאַבן זיינע. קלאָר איז, אַז זיינע אָנשטרענגונגען אויפן פינאַנ־ציעלן געביט, סיי פאַר בנין הארץ, סיי פאַר זיינע אייגענע הצטרכות מוזן אויפגעהויבן ווערן צו אַ מדרגה פון וועלכער קיינער פון אונז האָט נאָך ניט געוואַגט צו טראַכטן. קלאָר איז, אַז דער יונגער אידישער מענטש און דאָס יונגע אידישע קינד אין אַמעריקע מוז תיכף אַריינגעבראַכט ווערן אין אַזאַ דערציאונגס פּראָצעס, וואָס זאָל אין דער קירצסטער צייט אים באַקענען מיט יענע אוצרות וואָס האָבן אונז געמאַכט פאַרן וואונדער פאָלק און אַרויס־רופן אין אים דער באַגער טיפער אַריינצוקוקן אין דער אידישער געשיכטע, קלאָרער צו פאַרשטיין וואָס איז זיין חוב אַלס איד און מער גרייט זיין דעם דאָזיקן חוב צו באַצאָלן. קלאָר איז, אַז אַ חלוצישע באַוועגונג פון אַ פיל גרעסערן פאַרנעם ווי ביז איצטער, מוז אויפגעשטעלט ווערן כדי אונזער יוגנט זאָל באַקומען יענעם זין אין זיין לעבן, וואָס נאָר חלוציזם אין אַלע זיינע געשטאַלטונגען קען אַרויסברייגען און דורכדעם רייך מאַכן די נשמות פון אונזערע קינדער. קלאָר איז אויך אַז מיר טאָרן אונזער מחשבה ניט לאָזן רוען. שטענדיק מוזן מיר זוכן די וועגן וואָס זאָלן פירן דעם אַמעריקאַנער אידנטום צו זיין דערהויבונג.

מיר דאַרפן ניט באַשאַפן קיין דאָגמאַטישע פּלאַטפאָרמע; מיר דאַרפן אָבער באַשאַפן אַן אַפּאַראַט וואָס זאָל מיט דעם כוח פון זיין מחשבה מיטגיין מיט מדינת ישראל, מיט ממשלת ישראל און מיט יענע פּראָצעסן וואָס דאַרפן דורכגעמאַכט ווערן אין אַמעריקאַנער אידנטום גופא. דורך דער ריינקייט פון דער מחשבה, דורך דער אָביעקטיוויטעט וואָס איז געזיכערט דורך דעם וואָס דאָ זיינען פאַרטראָטן מענטשן פון אַזוי פיל ריכטונגען און אַזוי פיל גייסטיקע איינשטעלונגען, דאַרף דער כינוס זוכן אָפּצוהיטן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום פון ווערן אַ קרבן פון אַזאַ פּאָליטישער איינשטעלונג, סמנים פון וועלכע מיר האָבן געזען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, לויט וועלכער דאָס אַמערי־קאַנער אידנטום זאָל כלומרשט דאַרפן אָפּהיטן ממשלת ישראל פון דעם טעות פון סאָציאַליזם און ראַטעווען די מדינה פון דער געפאַר פון מפא״י.

און דאָס ברענגט מיך טאַקע צום צווייטן טייל פון דעם פּראָגראַם פון מפא״י — וועגן סאָציאַליסטישן בוי.

פונקט ווי בנוגע קבוץ־גליות, אַזוי קענען אויך בנוגע סאָציאַליזם זיין פאַרשידענע מיינונגען. איך נעם אָבער אָן, אַז יעדער איינער וואָס האָט געענטפערט אויף אונזער רוף צו קומען צו אָט דעם כינוס האָט געוואוסט

וואָס דער אַרבעטער ציוניזם זוכט איצטער דורכצופירן אין ישראל און האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר דעם. איך מעג אָננעמען אַז פאַרקערט: דווקא די דאָזיקע סאָציאַלע צילן פון מפא״י האָט נאָך אים נענטער געבראַכט צום כינוס. וויל איך דאָ בלויז אַרויסברענגען נאָך איין געדאַנק.

אין די עקאָנאָמישע פּראָצעסן פון ישראל וועט די אידישע אַרבעטערשאַפט אַוודאי זוכן אַריינצוטראָגן איר סאָציאַליסטישן ווילן. און דער ווילן איז זייער אַ וויכטיקער פאַקטאָר, אָבער ער איז ניט דער איינציקער. דער העכסטער חלוצישער ווילן מוז זיך רעכענען מיט אָביעקטיווע באַדינגונגען. מיר האָבן עס זייער בולט געזען אין דער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם ארץ־ישראל בוי. דער אידעאַליסטישער חלוצישער ווילן פון די ערשטע בילויים שטייט אויסער יעדן ספק. אַזוי איז אויך אויסער יעדן ספק דער חלוצישער ווילן פון דעם נדיב הידוע, דעם באַראָן ראָטשילד. דאָך זיינען זיי ווירטשאַפטלעך דורכגעפאַלן. ערשט ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט די נייע שותפות פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל געזאַמלט פון גאַנצן אידישן פאָלק מיט דער אידישער מוסקול־קראַפט וואָס דער אידישער אַרבעטער האָט צוגעטראָגן, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייער עקאָנאָמישער באַזיס וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס אויפבוי פון ישוב, וואָס האָט דערפירט צו דער זעלבסטשטענדיקער מדינה. אָבער די דאָזיקע נייע ווירטשאַפט כדי זי זאָל זיין דערפאָלגרייך, כדי דער אידישער אַרבעטס־מענטש זאָל קענען מיט חשיבות אין איר לעבן און זי ווייטער בויען, האָט ניט צופעליק אַריינגעבויט אין זיך דעם פּרינציפּ, אַז קיין מענטש איז ניט באַרעכטיקט צו געניסן פון עקספּלואַטאַציע פון אַ צווייטנס אַרבעט. דער דאָזיקער פּרינציפּ האָט פאַר־זיכערט דעם דערפאָלג פון דער נייער געשאַפענער ווירטשאַפט.

איצטער ווען מיר שטייען פאַרן פּראָבלעם פון פאַרטאָפּלען דעם אידישן ישוב אין פיר יאָר צייט פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער מדינה; איצטער ווען מיר שטייען פאַר דעם פּראָבלעם פון עקאָנאָמישער קליטה, וואָס האָט ניט געהאַט איר גלייכן אין דער גאַנצער פאַרצייכנטער געשיכטע פון אַלע פעלקער; איצטער שיינט מיר, מער ווי אין אָנהויב פון דער צווייטער עליה, קען האָבן אַ דערפאָלג און קען צוגרייטן קליטה מעגלעכקייטן אין אַזעלכע מאַסשטאַבן נאָר אַ ווירטשאַפט וואָס איר יסוד איז ניט דער פּריוואַטער ריוח, נאָר דער נאַציאָנאַלער ציל. אַודאי וועט יעדער געבן זיין ברכה יעדע פּריוואַטע איניציאַטיווע וואָס וועט העלפן בויען ישראל, אָבער קלאָר איז, אַז נאָר אַ קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט, נאָר אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט קען פרוכטבאַר מאַכן דעם נגב, קען באַזעצן דעם גאַנצן גליל, קען באַפעלקערן יענע גרויסע שטחים וואָס ציען זיך צווישן תל־אביב און ירושלים; קען דורך דעם אויך פאַרזיכערן מדינת ישראל פון אויסערלעכע געפאַרן.

אידן פון אַלע קלאַסן האָבן ביז איצטער געהאָלפן בויען די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט. און אידן פון אַלע קלאַסן וועלן ווייטער נאָך מער העלפן. זיי וועלן העלפן דורך ביישטייערונגען און זיי וועלן העלפן דורך געבן הלוואות דער ממשלת ישראל. דורך הלוואות וועלן זיי סיי קענען האָבן פּריוואַטן ריוח, סיי זיך באַטייליקן אין פּרוקטבאַר מאַכן די וויסטע טיילן פון ישראל. די באַטייליקטע אין אונזער כינוס, וועלכע ווייטיקן אָפּט איבער די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט, וועלן זיכער זען אין ממשלת ישראל, געפירט פון מפא״י, אַ כוח און אַ ביישפּיל ווי אַזוי אויסצומיידן די קרומקייטן פון עקאָנאָמישן לעבן, אָנהאַלטנדיק דערביי די פרייהייט און די דעמאָקראַטיע פון דער באַפעלקערונג. אויך אויף דעם געביט קען ישראל זיך אפשר פּאַר־מעסטן צו ווערן אַ נס לגויים. איך בין איבערצייגט אַז אונזער כינוס האָט אין זיך די כוחות אויך דאָס דאָזיקן פונקט קלאָר צו מאַכן צום אַמעריקאַנער אידנטום.

לאָמיר געדענקען: מיר לעבן אין דער גרעסטער עפּאָכע פון אונזער געשיכטע, די גרעסטע אין נאַציאָנאַלן אומגליק און די גרעסטע אין נאַציאָ־נאַלע דערגרייכונג. זייענדיק זיכער אין דעם דערפאָלג פון אונזערע באַראַ־טונגען פיל איך, אַז דער כינוס וועט שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין יענעם פּראָצעס וואָס דאַרף דערהויבן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום צו אַזאַ מדרגה, וואָס זאָל אים מאַכן ראוי צו ווערן דער שותף צו מדינת ישראל אין דער טראַ־גישסטער אָבער אויך גרעסטער תקופה אין וועלכער עס איז אונז אַלעמען באַשערט מיט־צו־לײַדן, מיט־צו־שאַפן און מיט־צו־לעבן.

דאָס פּראָבלעם „ישראל בעמים"
אין דער נייער תקופה

א.

דאָס פּראָבלעם „ישראל בעמים" האָט באַאומרואיקט אידן אין אַלע יאָר־טויזנטער פון די אידישע גלותן. ווייניקער באַאומרואיקט האָט עס אין עפּאָכעס פון רעליגיעזער פאַרטיפטקייט. דעמאָלט האָט דער אידישער מענטש דעם „ישראל" אין זיך אויסגעלעבט אין רעליגיע, וואָס איז געווען זיין אינערלעכער נשמה־תוכן. דעם „בעמים" — דאָס לעבן אַרום אים — האָט ער אָפּגעצאָלט זיין בירגערלעכע פליכט און האָט דערמיט יוצא געווען. אין עפּאָכעס פון מער סעקולערן לעבן, אָדער צווישן סעקולערע גרופּעס אפילו אין עפּאָכעס פון רעליגיעזער פאַרטיפטקייט, האָט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דעם אידן טיפער באַשעפטיקט. גאָר נאָענט צו אונזער עפּאָכע, ביים וויגעלע פון דער השכלה־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע, האָט דער העברע־אישער פּאָעט יהודה ליב גאָרדאָן אפילו אויסגעשמידט אַ פאָרמולע פאַר דער טאָג־טעגלעכער הנהגה פון דעם אידישן מענטשן, כדי צו געפינען אַ גלייכגעוויכט צווישן דעם „ישראל" און „בעמים". זיין פאָרמולע איז געווען: „היה אָדם בצאתך ויהודי באוהליך". איז אַוודאי גערעכט געווען דער שפּעטערדיקער אַחד העם, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַזאַ פאָרמולירונג. אַ פאַרקערטע הנהגה וואָלט אויך ניט פיל בעסער געווען. דער סאַמע געדאַנק פון טראָגן איין פּנים אין איין אָרט און אַ צווייט פּנים אין אַ צווייט אָרט, וועלכן פּנים מען זאָל נישט דאַרפן אויסבאַהאַלטן פון דער עפנטלעכקייט, איז אַ דערנידעריקונג פאַר דעם מענטש און פאַר זיין קאָמפּליצירטער נשמה. וואָלט מען געדאַרפט אָנצייכענען אַ הנהגה, וואָלט זי נאָר געקענט זיין איינע: „היה אָדם ויהודי בצאתך ובאוהלך". דאָס סאַמע זוכן אַ פאָרמולע ווייזט אָבער די שאַרפקייט פון עצם פּראָבלעם.

איך ווייס, אַז די באַגריפן „אָדם" און „יהודי" פאַלן זיך נישט צונויף אין גאַנצן מיט די באַגריפן „ישראל" און „עמים". די ערשטע פאַר באַגריפן באַצייכענען די הנהגה פון יעדן יחיד. די צווייטע — באַצייכענען די הנהגה פון „כלל ישראל" אין דעם „כלל עם", אין וועלכן דער „כלל ישראל" לעבט. נאָך טיפער איז דער חילוק, וואָס דער „אָדם" און „יהודי" מוזן לעבן אין איין און דעמזעלביקן מענטשן. אָבער ישראל און עמים שטעלן מיט זיך פאַר צוויי באַזונדערע קערפּערס. אויסער דעם: „אָדם" באַצייכנט דער עיקר דעם נישט־אידישן קולטור־קלימאַט, אין וועלכן דער „יהודי" מוז לעבן. דער

באַגריף „עם" שליסט אויך איין דעם טעריטאָריעל־שטאַטלעכן מאָמענט, די בירגערלעכע פאַרפליכטונגען.

צו דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס איז אין אונזער עפּאָכע נאָך צוגעקומען אַ נייע קאָמפּליקאַציע. צו די טערמינען „אָדם" און „יהודי" און „ישראל בעמים" איז צוגעקומען, אין אונזער עפּאָכע, דער נייער באַגריף „ישראלי". דער טערמין באַצייכנט שוין בלויז אַ שטאַט־אַנגעהעריקייט. ער האָט זיין באַזונדערן קעגן־טערמין אין יעדן לאַנד פון אונזער צעשפּרייטונג: אין אַמעריקע — אַמעריקאַנער, אין פראַנקרייך — פראַנצויז און אַזוי ווייטער. דאַרף אויך באַצייכנט ווערן דער אונטערשייד צווישן „אָדם" און „יהודי" פון איין זייט, און „ישראלי" און „אַמריקני" פון דער צווייטער זייט. אפילו ווען מען נעמט נישט אָן די הנהגה, אַז דער אידישער מענטש דאַרף, צוליב באַקוועמלעכקייט, ערגעץ־וואו אונטערשטרייכן דעם „אָדם" און אַנדערשוואו אַקצענטירן דעם „יהודי"; אפילו ווען מען נעמט אָן די ערלעכע און אָפענע הנהגה פון „היה אָדם ויהודי בצאתך ובאוהלך", זאָגט מען דאָך דערמיט אויך, אַז דער־זעלביקער מענטש טראָגט אין זיך צוויי קאַטעגאָריעס, וואָס שטויסן זיך צונויף ערגעץ־וואו אין דער נשמה. אָבער אין דעם פאַל שליסן זיך די דאָזיקע קאַטעגאָריעס קעגנזייטיק נישט אויס. זיי לעבן דאָך, ווי געזאָגט, אין דעמזעלביקן אידישן מענטשן. דאַקעגן — דער „ישראלי" און „אַמריקני" שליסן זיך בפירוש יאָ אויס קעגנזייטיק. דאָ קען דער אידישער מענטש זיין אָדער „ישראלי" אָדער אַן „אַמריקני". קומט דאָך אין פלוג אויס, אַז דער דאָזיקער טערמין „ישראלי", וואָס באַצייכנט „שטאַטס־אַנגעהעריקייט", איז זייער אַ קלאָרער. פונדעסטוועגן שטעלט ער צו נאָך אַ קאָמפּליקאַציע צו דער גאַנצער „ישראל בעמים" פּראָבלעם, ווייל צווישן דעם אַמעריקאַנער איד און דעם ישראלי אין ישראל עקזיסטירט פאָרט אַן אַנדער באַציאונג ווי די באַציאונג פון דעם זעלביקן אַמעריקאַנער אידן צו אַ בירגער פון אַן אַנדער לאַנד. דאָס פּראָבלעם פון „עם אחד", וואָס שליסט איין אַלע אידן פון דער וועלט, מישט זיך דאָ אַריין און פאָדערט זיין חוב פון דעם אַמעריקאַנער אידן.

איז נויטיק זיך פאַנאַנדערצוקלייבן אין דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס פּראָגעס, כדי צו קענען פאָרמולירן אַן אידייאישן יסוד פאַר דעם אַמעריקאַנער אידן, אויף וועלכן ער זאָל קענען אויפבויען אַ פעסטע הנהגה פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער, אי: ווי אַ איד, אי: ווי אַן אַמעריקאַנער, אי: ווי אַ מיטגליד פון אַ אידישן עם אחד.

איך רייד וועגן אַמעריקאַנער אידן, ערשטנס, ווייל מיר לעבן דאָ, צווייטנס — ווייל ער איז היינט דער גרעסטער אידישער קיבוץ אין דער וועלט. אָבער ענלעכע פּראָבלעמען, וואו מער און וואו ווייניקער שאַרף, מאַטערן אידן

אומעטום. אפשר וועט אַן אָנגעצייכנטע הנהגה פאַר אַמעריקאַנער אידן זיך אויך צופּאַסן צו אידן אומעטום.

כדי צו קענען קומען צו מסקנות, מוז מען פּרובירן אַנאַליזירן פאָלגנ־דיקע פראַגעס:

א. בירגערשאַפט און אידישקייט.

ב. קולטור־פּלוראַליזם פאַר דעם אידישן יחיד און פאַר דעם אידישן קיבוץ.

ג. צו וואָס פאַרפּליכט דאָס „עם אחד"־באַוואוסטזיין?

ד. דער פּלאַץ פון ישראל אין אונזער לעבן.

ה. קיבוץ גלויות און דאָס אַמעריקאַנער אידנטום.

די אַלע פּונקטן זיינען צווישן זיך אַזוי געבונדן, אַז שוין אינם פּרואוו קלאָר צו מאַכן דעם ערשטן פּונקט, מוז מען אַריינטרעטן אין אַנאַליזן וואָס געהערן כמעט צו אַלע אויסגערעכנטע פּונקטן. דאַרף מען נישט זוכן קיין אָרגאַניזירטן מוקדם ומאוחר. איך האָף בלויז, אַז פון אַלץ וואָס איך קלייב זיך אַרומצורעדן וועט מען שפּעטער קענען פאָרמולירן עטלעכע מסקנות פאַר אונזער הנהגה אין אַמעריקע.

הייבן מיר אָן פון פּונקט „א" — בירגערשאַפט און אידישקייט.

ב.

וואָס פאַרשטייען מיר אונטער בירגערשאַפט? מיר האָבן אין זינען די ציווילע פאַרבינדונג פון דעם מענטשן מיט דער מדינה וואו ער לעבט. אַלע פליכטן, וואָס וואַקסן אַרויס פון אָט־דער פאַרבינדונג, זיינען חל אויף אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון זייער קולטור, ראַסע אָדער רעליגיע.

וואָס פאַרשטייען מיר אונטער אידישקייט? — דאָ האָבן מיר אין זינען דעם אידנס נשמה־פאַרבינדונג מיט יענע אייגנאַרטיקע לעבן־ און שאַפן־פאָרמען וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אַנטוויקלט במשך זיין לאַנגער גע־שיכטע.

די בירגערשאַפט־פאַרבינדונג איז פון גאָר אַן אַנדער מאַטעריע ווי די אידישקייט־פאַרבינדונג. צום שאַרפסטן ווערט די אַנדערשדיקייט קלאָר, ווען מען באַטראַכט דעם אונטערשייד צווישן בייטן בירגערשאַפט און שמד. בייטן בירגערשאַפט, צוליב עקאָנאָמישע שוועריקייטן אָדער פּאָליטישע אונטער־דריקונג, וועט קיינער נישט באַטראַכטן פאַר אַן אוממאָראַלישע טאַט. פאַר־קערט, מדינת אַמעריקע און אַלץ וואָס זי האָט געבראַכט דער מענטשהייט איז אויפגעקומען ווי אַ רעזולטאַט פון בייטן בירגערשאַפט. בייטן אידיש־קייט — שמד — צוליב עקאָנאָמישע שוועריקייטן אָדער פּאָליטישער אונ־

טערדריקונג, וועט יעדערער באַטראַכטן פאַר אַן אוממאָראַלישע טאַט. דער־פון איז געדרונגען, אַז די ספערן פון בירגערלעכער פאַרבינדונג ליגן נישט אַזוי טיף אין דער נשמה־וועלט ווי די ספערן פון אידישקייט־פאַרבינדונג.

דאָס רוב מענטשן אויף דער וועלט זיינען גליקלעך דערמיט, וואָס זייער ציווילע, בירגערלעכע פאַרבינדונג פאַלט זיך פולשטענדיק צונויף מיט זייער נשמה־פאַרבינדונגען, מיט זייער אמונה, קולטור און מיט דעם גאַנצן סכום גייסטיקן לעבן בכלל. דאָס זיינען די קינדער פון אַלע נאָרמאַלע פעלקער, וואָס האָבן קיינמאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון זיין אין גלות. פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע מענטשן, וואָס ביי זיי זיינען נישט די דאָזיקע צוויי ספערן ווי איין יש. דאָס זיינען מענטשן, וועמעס סכום גייסטיקע איבער־לעבונגען זיינען אַנדערש ווי דער סכום איבערלעבונגען פון דער גרויסער מאַיאָריטעט צווישן וועלכע זיי לעבן. די בולטסטע גרופּע פון דער צווייטער קאַטעגאָריע איז די גאַר גרעסטע צאָל אידן בכל התפוצות. פאַר דעם אידישן מענטשן, וואָס וויל נישט פטור ווערן פון זיין אידישקייט, איז אַ פולע שלימות צווישן זיין בירגערשאַפט און אידישקייט מעגלעך נאָר אין ישראל, ווייל נאָר ווען אַ איד בעזעצט זיך אויף שטענדיק אין ישראל, ווערט פון זיין אידישקייט און בירגערשאַפט איין האַרמאָנישע גאַנצקייט. איז אַ איד אַ בירגער נישט אין ישראל, קען פאַר אים אַזאַ גאַנצקייט נישט געמאָלט זיין.

דערמיט ווערט נישט געמיינט, אַז עס מוז אין דער נשמה פון דעם אידן, וואָס לעבט נישט אין ישראל, זיין אַ קאָנפליקט צווישן זיין בירגער־שאַפט און זיין אידישקייט. די צוויי טויזנט־יאָריקע גלות־געשיכטע האָט אונז באַוויזן ווי אַזוי אידן, בכל התפוצות, האָבן אויפגעהאַלטן די פולסטע טרייקייט צו זייער בירגערשאַפט זייט ביי זייט מיט דער טיפסטער נשמה־צוגעבונדנקייט צום אידישן פאָלק. קיין פולע גאַנצקייט אָבער צווישן ביר־גערשאַפט און אידישקייט האָט פאַר אידן אין גלות קיינמאָל נישט געקענט זיין און קיינער האָט זי נישט געזוכט.

דער איד אַליין האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. די אויפגעקלערטע נישט־אידישע וועלט האָט דאָס אויך גאַנץ גוט באַגריפן. די דאָזיקע וועלט האָט אָנגענומען ווי אַ פאַקט די אַנדערשדיקייט פון דעם אידישן מענטשן. זי האָט נישט געפאָדערט, אַז ער זאָל אויפגעבן זיין נשמה־צוגעבונדנקייט צו אידישקייט, ווי אַ פּרייז פאַר בירגערשאַפט. די באַגרינ־דונג איז געווען, אַז בדברים שבלב דאַרף יעדער יחיד, ווי אַ יחיד, און יעדע גרופּע, ווי אַ גרופּע, זיין אינגאַנצן פריי. ווי דברים שבלב האָט די אויפגעקלערטע נישט־אידישע וועלט אָנגענומען, דער עיקר, די רעליגיעזע איבערצייגונג און דעם רעליגיעזן לעבנס־אַרט. זי האָט דעריבער שלום גע־

מאַכט מיט דער רעליגיעזער אַנדערשדיקייט פון די אידן און האָט זיי גע־געבן פולשטענדיקע גלייכקייט אין דער בירגערשאַפט.

נישט זייער גרינג איז עס אָנגעקומען. אפילו די אויפגעקלערטע נישט־אידישע וועלט האָט זיך גאַנץ פּאַמעלעך דערהויבן צו אַזאַ הויכער מדרגה פון טאָלעראַנץ. די בלעטער פון דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען פול מיט אומגעהויערע שחיטות, וואָס מען האָט דורכגעפירט איבער אונז — פונקט ווי איבער מיטגלידער פון אַנדערע רעליגיעזע גרופּירונגען — נאָר דערפאַר, ווייל אונזער אמונה איז אַנדערש. אפילו שחיטות, מחמת פּאָליטי־שע אָדערווירטשאַפטלעכע צילן, האָט מען אָפט דורכגעפירט אונטערן אויסרייד, אַז מען קעמפט קעגן אַנדערש־גלויביקע. ביסלעכווייז אָבער האָט דער אויפגעקלערטער טייל מענטשהייט אָנגעהויבן אָנערקענען דאָס רעכט אויף רעליגיעזער אַנדערשדיקייט אי פאַר יחידים, אי פאַר גרופּעס.

קיינער קאָן דאָך נישט אָננעמען, אַז ווען מען אָנערקענט דאָס רעכט אויף רעליגיעזער אַנדערשדיקייט, איז עס חל בלויז אויפן אויסערלעכן אַנדערשדיקן ריטואַל פון אַ רעליגיעזער גרופּע. זיכער איז עס דאָך מער חל אויף דער באַזונדערער נשמה־אויפפאַסונג פון יעדער אַנדערשדיקער רעליגיעזער גרופּע. שטייט דעריבער אַ גרויסע און שווערע אויפגאַבע אין דער איצטיקער צייט. עס מוז אין די אויגן פון דער מענטשהייט אויפגע־הויבן ווערן די באַדייטונג פון דער קולטורעלער אַנדערשדיקייט פון פעל־קער צו דער זעלביקער מדרגה — און דערפאַר צו די זעלביקע רעכטן — וואָס זי אָנערקענט פאַר רעליגיעזער אַנדערשדיקייט. די מענטשהייט דאַרף ווערן דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז די אמתע דברים שבלב — סיי פון דעם יחיד און סיי פון דער גרופּע — איז זיין קולטורעלע אייגנ־אַרטיקייט. דאָס איז יענע אייגנאַרטיקייט פון זיינע נשמה־איבערלעבונגען, וואָס פּראָדוצירט די פרוכט וואָס רופט זיך די באַזונדערע קולטור פון יעדן פאָלק. פּערזענלעך באַטראַכט איך אפילו די רעליגיעזע אַנדערשדיקייט פון אַ געוויסער גרופּע ווי אַ פּראָדוקט פון דער נשמה־אייגנאַרטיקייט פון דער דאָזיקער גרופּע. ווען די מענטשהייט דורכגעדרונגען ווערן מיט אַזאַ באַ־וואוסטזיין, און ווען זי אויפהויבן די קולטור־אַנדערשדיקייט צו דער מדרגה פון דער רעליגיעזער אַנדערשדיקייט — וועט מען דעמאָלט נישט פאָדערן פון דעם יחיד און פון דער גרופּע דעם צינז פון אויפגעבן קולטור־אַנדערש־דיקייט פאַרן פרייז פון גלייכער בירגערלעכקייט. אונזער לאַגע צווישן די פעלקער צווינגט אונז צו זיין זייער שאַרף פאַראינטערעסירט אין דעם. מיר מוזן פאָדערן אַזאַ באַציאונג צום גאַנצן סכום קולטור, וואָס מיר באַטראַכטן פאַרן יסוד פון דער אידישער אַנדערשדיקייט. וויכטיקער ווי אין אַלע פרי־ערדיקע גלות־לענדער אונזערע איז עס דווקא דאָ, אין אַמעריקע.

אין די פריערדיקע עפּאָכעס און אין אַלע פריערדיקע גלות־לענדער, וואו אידן האָבן געלעבט, איז אפשר נישט געווען נייטיק די דאָזיקע דעפי־ניציע פאַר דער קולטור־אַנדערשדיקייט, און ס'איז נישט געווען נייטיק זי צו דערהויבן אין די אויגן פון דער מענטשהייט. כמעט די פולע הונדערט פּראָצענט נשמה־אַנדערשדיקייט פון אידן האָבן זיי אויסגעלעבט אויפן שטח פון רעליגיע. און האָט דאָס פאָלק צווישן וועמען אידן האָבן געלעבט, אָנער־קענט דעם דאָזיקן פאַקט, און האָט דערמיט שלום געמאַכט, איז נישט גע־ווען קיין נויטווענדיקייט פאַר אַ נייער דעפיניציע פון דער אַנדערשדיקייט. דער קיום און דער המשך פון די אידן איז געווען געגנוג באַפעסטיקט אין דער רעליגיעזער אַנדערשדיקייט.

אָבער אין אונזער עפּאָכע און איבערהויפּט אין אַמעריקע, צוליב סיבות וואָס נישט דאָ איז דער פּלאַץ זיי צו באַטראַכטן, פאַרמאָגט נישט אונזער רעליגיע־אַנדערשדיקייט יענע פעסטקייט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין די פריערדיקע צייטן און אין די פריערדיקע אידישע גלותן. מוז דעריבער קו־מען אַ נייע דעפיניציע פון דער אידישער אַנדערשדיקייט, וואָס באַגרענעצט זיך נישט בלויז מיט דער רעליגיעזער אַנדערשדיקייט. נאַטירלעך מוז עס נישט זיין קיין סתם אויסגעטראַכטע דעפיניציע. זי מוז זיין באַגרינדעט אויפן לעבנס־אמת. און דער לעבנס־אמת — אויב דאָס וואָס איך האָב אויבן געזאָגט איז ריכטיק — דיקטירט דווקא די נייע באַטאָנונג פון דער אַנדערשדיקייט פון פאַרשיידענע גרופּעס און די רעכטן וואָס דאַרפן פאַר זיי אָנערקענט ווערן.

און ווייל דער אידישקייט־המשך איז אין אַמעריקע געשטעלט געוואָרן אין אַ גרעסערער געפאַר ווי ערגעץ אַנדערש־וואו, שטייט פאַרן אַמעריקאַ־נער אידנטום די גרויסע אויפגאַבע אָוועקצושטעלן אויפן העכסטן פעדעסטאַל — אי פאַר זיך אַליין, אי פאַר דעם באַוואוסטזיין פון די נישט־אידן מיט וועלכע מיר לעבן דאָ צוזאַמען — די קולטורעלע אַנדערשדיקייט פון דער גרופּע, וואָס לעבט אין דער וועלט אונטערן נאָמען איד. און פּונקט ווי אין דער רעליגיעזער אַנדערשדיקייט האָבן אויפגעקלערטע מענטשן נישט געזען קיין אָפּשוואַכונג פון דער בירגערלעכער איבערגעגעבנקייט, אַזוי מוזן אויפגעקלערטע מענטשן איצטער וויסן, אַז דורך אויפהאַלטן די אידישע קולטור־אַנדערשדיקייט ווערט נישט אָפּגעשוואַכט די בירגערלעכע פאַרבינדונג און די ציווילע בירגערלעכע לאָיאַליטעט פון דעם אידישן מענטשן צו די פאַראייניקטע שטאַטן.

און קומט ווער עס איז אונז פאַרוואַרפן טאָפּלטע לאָיאַליטעט — זאָל אונזער ענטפער זיין דאָס, וואָס די מערסטע דענקנדיקע מענטשן וויסן שוין אַליין, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט — טאָפּלטע לאָיאַליטעט — מיט וועלכער געוויסע אידן אין אַמעריקע שרעקן זיך אַליין, איז אַ פּוסטע פראַזע. עס

האָט קיין תוכן נישט. קיין מענטש אין דער וועלט לעבט נישט בלויז מיט איין לאָיאַליטעט. עס איז דאָ אַ לאָיאַליטעט צו דער משפּחה, לאָיאַליטעט צו אַ גרופּע, לאָיאַליטעט צו אַ קלאַס, צו אַן אידיי און אפילו צו געוויסע יחידים. די נשמה פון מענטשן איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַז אין איר געפינען געוויס פּלאַץ אַלע סאָרטן ערלעכע לאָיאַליטעטן, און זיי לעבן אין איר גאַנץ האַרמאָניש. מיר דאַרפן זיך נישט פאַרענטפערן פאַר האָבן אַ סך לאָיאַליטעטן, נאָר עס פעסטשטעלן ווי אַ פאַקט. וועגן די צוויי לאָיאַליטעטן וועגן וועלכע מיר ריידן איצט, דאַרפן מיר בלויז פעסטשטעלן — צו וואָס איז אונז מחייב אונזער בירגערשאַפט און וואָס פאָדערט פון אונז אונזער אידישקייט. און דאָס דאַרפן מיר טאָן אָן פּחד, און בולט און קלאָר.

צו וואָס עס פאַרפליכט אונז אונזער בירגערשאַפט — דאָס באַשטימט טאָג־טעגלעך דאָס אָרגאַניזירטע מלוכה־לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און מיר אַלע נעמען עס למפרע אָן. צו וואָס עס פאַרפליכט אונז אונזער אידישקייט — דאָס מוזן מיר אַליין פאַר זיך באַשטימען. אונזער אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער דאָזיקער באַשטימונג מוז זיין: אידישער המשך. אונזער אידישע לעבנס־פּראָגראַם אין אַמעריקע מוז איינגעשטעלט ווערן בלויז פון דעם שטאַנדפּונקט. אויך אונזער באַציאונג צו מדינת ישראל מוז באַשטימט ווערן פון דעם שטאַנדפּונקט. אַלץ, וואָס העלפט פאַרזיכערן אידישן המשך, איז נישט נאָר אונז דערלויבט, נאָר עס מוז ווערן אַ חוב פאַר אונז. אַזוי מוזן מיר ריידן צו זיך אַליין און פּונקט אַזוי מוזן מיר ריידן צו אונזערע נישט־אידישע שכנים. רייד איך מיר נישט איין, אַז דער דאָזיקער לעבנס־וועג איז אַ גרינגער. איך זאָג נאָר, אַז ער איז דער איינציק ווירדיקער, דער איינציק אידישער און דער איינציק מענטשלעכער וועג.

אַוודאי וועלן אַ סך נישט־אידן נישט פאַרשטיין. מוזן מיר אָבער געדענקען, אַז יענע ניט־אידן, וואָס וועלן נישט האָבן קיין חשק אונז צו פאַרשטיין, וועלן געפינען געוויס טענות קעגן אונז. עס וועלן נישט העלפן קיין שום פאַרענטפערונגען, — וואָס מיר זאָלן נישט צוגרייטן און ווי שטאַרק מיר אַליין זאָלן נישט פאַרוואָסערן אונזער אידישקייט, מיינענדיק אַז דורך דעם באַטאָנען מיר מער אונזער בירגערלעכן פּאַטריאָטיזם. אָבער די ערלעכע און ריכטיק־דענקנדיקע מענטשן דאַרף מען אויפקלערן וועגן דער ספּעציעלער לאַגע, וואָס אין איר געפינען מיר זיך און צו וואָס אָט דער צושטאַנד פאַרפליכט אונז. זיי וועלן אונז דעמאָלט פאַרשטיין. אויב מיר וועלן זוכן צו פאַרוואָסערן אונזער אידישקייט; אויב מיר וועלן זוכן כסדר תירוצים פאַר אונזער אידישקייט; אויב מיר וועלן נישט אָפן און קלאָר זאָגן, אַז מיר זיינען איין און דער זעלביקער צייט פולשטענדיקע בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פולשטענדיקע מיטגלידער פון אידישן

פאָלק, וואָס איז איין פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט, וועלן זיי ערשט דע־מאָלט אונז חושד זיין, אַז מיר באַהאַלטן עפּעס. און אַז מען באַהאַלט עפּעס, מן הסתם שעמט מען זיך דערמיט.

וועלן מיר אָבער קלאָר און אָפן דעמאָנסטרירן אונזער אידישע אַל־וועלטלעכע איינהייטלעכקייט; וועלן מיר קלאָר מאַכן, אַז אונזער קיום און אונזער ווייטערדיקער המשך ווי אַ פאָלק וועלן מיר פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט אויפגעבן; אַז אונזער בירגערשאַפט־פליכט טאָר פון אונז נישט פאָדערן זיך אָפּצוזאָגן, אָדער אפילו צו פאַרקלענערן אונזער קאָנצענטראַציע אין די ספערן פון אונזער גייסטיקער אייגנאַרט, — דעמאָלט איז דאָ אַ האָ־פענונג, אַז ערלעכע ניט־אידן וועלן אונז פאַרשטיין. זיי וועלן אויך פאַר־שטיין, אַז די גייסטיקע קראַפט, וואָס האַלט אונז צוזאַמען ווי אַן איינהייט־לעך פאָלק, איז פון אַזאַ שטאָף, וואָס אויב מיר לאָזן זי אויסרינען פון אונ־זערע נשמות, וועט אונזער גייסטיק לעבן אויסגעצערט ווערן און אונזער גייסט־שטייער צום אוצר פון דער אַלמענטשלעכער קולטור וועט שטאַרק רעדוצירט ווערן. אי די מענטשהייט, אי מיר אַליין וועלן פון דעם נאָר היזק האָבן.

ג.

דער אַמעריקאַנער איד איז אָבער נישט בלויז אַ בירגער פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן. ער לעבט אויך אין דער אַמעריקאַנער קולטור. און דווקא אויף דעם געביט איז דער קאָנפליקט צווישן „אָדם" און „יהודי" ביז גאָר שאַרף. ווי דאַרף מען זיך באַציִען צו דער פּראָבלעם? דאָ דאַרף מען שאַרף אונטערשיידן צווישן אַ שטרעבן צו אַ פּערמאַנענטן ענטפער אויף דער פּראָ־בלעם, און אַ צייטווייליקער איינאָרדענונג אַזוי לאַנג ווי דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט. פאַר דער צייטווייליקער איינאָרדענונג — וואָס קען זיך ציִען דורות — דאַרף מען דעם ענטפער זוכן אין קולטור־פּלוראַליזם. דעם פּער־מאַנענטן ענטפער מוז מען זען אין קיבוץ־גלויות. בנוגע קולטור־פּלוראַליזם מוז מען אונטערשיידן צווישן קולטור־פּלוראַליזם פאַרן יחיד און קולטור־פּלוראַליזם פאַר אַ גרופּע; צווישן קולטור־פּלוראַליזם אין אַ מדינה, וואו יעדער באַזונדערע גרופּע לעבט דאָך איר אייגענעם קולטור־לעבן, און צווישן אַזאַ קולטור־פּלוראַליזם, וואו די זעלביקע גרופּע מוז לעבן אין צוויי קולטורן.

מען קען נישט באַטראַכטן קולטור־פּלוראַליזם ווי אַ נאָרמאַלן צושטאַנד און זען אין אים אַ פּערמאַנענטן ענטפער פאַר אונזער איצטיקער פּראָבלעם פון „ישראל בעמים". אפשר פאַר יחידים קען קולטור־פּלוראַליזם באַטראַכט ווערן ווי אַ לייזונג צו זייערע יחידישע קולטורעלע דראַנגען. איך קען גענוג

יחידים, וואָס לעבן טאַקע אין צוויי און אפילו אין מער ווי צוויי קולטור־שטחים. איך האָב געהערט פון גאָר אַ גוטן אידן אַ באַהויפּטונג, אַז ער לעבט אין דריי קולטור־שטחים: צוויי איינגעבוירענע — די אידישע און רוסישע — די דריטע אַ דערוואָרבענע — די אַמעריקאַנער. ער וויל קיין איינע פון זיי פון זיין נשמה נישט אַרויסשניידן. בין איך גרייט מודה צו זיין, אַז אַזאַ נשמה איז אפשר זייער אַ רייכע. איך בין גרייט מסכים צו זיין, אַז זיינע אַלע דריי קולטור־שטחים זיינען דברים שבלב, וואָס פאַרדינען רעספּעקט. אויב נייטיק, בין איך גרייט מיטצוקעמפן פאַרן רעכט פון אַט־דעם יחיד, ער זאָל קענען ווייטער אַנטוויקלען דעם דאָזיקן אוצר שבלב, וואָס ער פאַרמאָגט. די צאָל פון אַזעלכע מענטשן קען אָבער נישט זיין קיין גרויסע. פאַר מאַסן קען עס נישט זיין קיין לייזונג. דער דורכשניט־מענטש, ווען ער ווערט געפאַנגען פון אַ נייער קולטור־אַטמאָספער, ווערט די אַלטע אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן פון זיין נשמה. דאָס פירט ענדלעך צו קולטור־שמד. אויב נישט ביי אים אַליין, ביי דעם וואָס גייט דורך אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע, איז עס זיכער ביי זיינע קינדער. איז ווען עס האַנדלט זיך וועגן יחידים, זאָג איך נאָכאַמאָל, אַז יעדע מענטשלעכע פערזענלעכקייט, וואָס איז אַן עולם בפני עצמו, איז באַרעכטיקט צו געניסן פונם מאַקסימום קולטורעלער רייכקייט צו וועלכע איר נשמה איז פעאיק. מען קען אָבער בשום אופן אַזאַ רעצעפּט נישט אונטערטראָגן יענער פערזענלעכקייט, וואָס איז פאָלק, וואָס איז נישט קיין יחידישע נאָר אַ גרופּע־פערזענלעכקייט.

אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען האָט אַ פאָלק איין קולטור. אַ פאָלק זאַפּט אין זיך אַריין ווירקונגען פון אַנדערע קולטורן, קאָכט עס איבער אין אייגענעם קולטור־מאָגן און שאַפט דערפון נישט און קען גאָרנישט שאַפן דערפון קיין פּלוראַליזם. עס ווערט אַ טייל פון זיין אייגענער קולטור. אין דעם באַשטייט די אייגנאַרט פון אַ פאָלק. נישט זיין מלוכה און נישט זיין טעריטאָריע מאַכט אים פאַר יענער אויסגעשפּראָכענער פערזענלעכקייט ווי זיין פאָלק. זיין אויסגעשפּראָכענע פערזענלעכקייט ווערט נישט באַשטימט פון יענע אַטריבוטן, וואָס אַנדערע פעלקער פאַרמאָגן אויך. זיין פערזענלעכקייט ווערט באַשטימט דווקא פון יענער מאָס אַנדערשדיקייט, וואָס דאָס פאָלק באַזיצט. די דאָזיקע אַנדערשדיקייט ווערט אויסגעפורעמט דורך זיינע אייגנאַרטיקע גייסטיקע יצירה־כוחות. ווייל אויסגערייניקט פון אַלץ וואָס איז נישט וועזנטלעך פאַר דעם פאָלק־באַגריף — בלייבט פאָלק אַ גרופּירונג, וואָס איז באַרופן אַרויסצולעבן פון זיך און דורך דעם צוטראָגן דער מענטשהייט אַ באַשטימטע וואַריאַציע פון קולטור. פאָלק לגבי מענטשהייט איז געגליכן צו אַ מוזיקאַלישער כלי אין אַן אָרקעסטער. יעדער כלי אין אָרקעסטער טראָגט צו זיין אייגנאַרטיקן טאָן. די האַרמאָניע פון דעם אָרקעסטער איז

דער רעזולטאַט פון צוזאַמענשפּיל פון די באַזונדערע כלים. אַזוי מוז אויך פון דעם צוזאַמענשפּיל פון די וואַריאירטע קולטורן אַרויסשטראָמען די סימפאָניע פון דער אַלמענטשלעכער קולטור. פון דעם צוזאַמענשפּיל, אָבער נישט פון דער פאַרניכטונג פון די באַזונדערע וואַריאַציעס. און פּונקט ווי אין אַן אָרקעסטער וואָלט די האַרמאָניע צעשטערט געוואָרן ווען פּלוצלונג וואָלט אַ פידל אָנהויבן גאָר פּויקן ווי אַ פּויק, אַזוי איז אויך אין דער מענטש־לעכער קולטור. הייבט אַ פאָלק אָן אויפצוגעבן זיין אייגנאַרטיקן קולטורעלן לעבן און קולטור־שאַפן, האָט ער גאַרנישט מער וואָס צוצוטראָגן צום סך הכל פון מענטשלעכן קולטור־אוצר. אויב עס זוכט זיך דאָך אַריינצורייסן אין אַנדערע קולטורן, טראָגט עס אָפט אַריין אַ דיסהאַרמאָניע. דער באַזונ־דערער קולטור־טאָן פון אַ פאָלק איז דעריבער אַ ברכה פאַרן פאָלק אַליין, ווייל דאָס איז דער נאַטירלעכער באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיינע יצירה־כוחות, און אַ גרויסער פאַרמעגן פאַר דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, וואָס איז דער סך־הכל פון אַלע באַזונדערע קולטורן.

אַ נאָרמאַל פאָלק האָט דעריבער איין קולטור. דער יחיד פון אַזאַ נאָר־מאַל פאָלק דאַרף נישט קיין קולטור־פּלוראַליזם. מיר לעבן אָבער נישט קיין נאָרמאַל לעבן. דאַרף די פּערמאַנענטע לייזונג צו אונזער ניט־נאָרמאַל־קייט זיין: ווערן נאָרמאַל! דאָס קענען מיר דערגרייכן דורך קיבוץ־גלויות. איך ווייס אָבער, אַז דער קיבוץ־גלויות־פּראָצעס איז אַ דורות־לאַנגער. מוזן מיר פאַר זיך אויך אָנצייכענען אַ צייטווייליקע לייזונג. דאָ קומט אונז צו הילף דער געדאַנק פון קולטור־פּלוראַליזם. אָבער מיר מוזן צו אים צוגיין מיט גרויסער אָפּגעהיטקייט.

מען מוז זיך זייער שטאַרק היטן פון דער געפאַר, אַז דאָס גאַנצע אַמע־ריקאַנער אידנטום זאָל זיך אָנכאַפּן אין קולטור־פּלוראַליזם ווי אַ פּערמאַ־נענטע לייזונג פון זיין „ישראל בעמים״־פּראָבלעם. דאָס קען חלילה פירן צו פולשטענדיקן קולטור־שמד. דאָ דערנענטערן מיר זיך צו דער טיפסטער און טראַגישסטער צעטיילונג אין אונזער לעבן צווישן די, וואָס נעמען אָן דעם ציוניזם ווי די פּערמאַנענטע לייזונג פון דער אידישער פּראָבלעם, און די וואָס פאַרלייקענען עס; צווישן די, וואָס נעמען אָן דעם קיבוץ־גלויות־געדאַנק און צווישן די וואָס נעמען אים ניט אָן. די עקסטרעמע אידישיסטן און אַנדערע גלות־נאַציאָנאַליטעטן, וואָס ווילן זיכער אידישן המשך, אָבער נעמען נישט אָן דעם ציוניזם, מוזן זען אין קולטור־פּלוראַליזם זייער איינ־ציקע באַזע. אַנדערש האָבן זיי נישט קיין האָפענונג פאַרן אידישן המשך. דאָס זעלביקע איז, צום באַדויערן, אויך אמת וועגן יענע פון אונז, וואָס זיינען אפילו נישט קיין עקסטרעמע אידישיסטן און נישט קיין עקסטרעמע גלות־נאַציאָנאַליסטן, אָבער עס פעלט זיי דער גלויבן אין קיבוץ־גלויות.

זיי מוזן זיך באַזאָרגן מיט אַן אידעאָלאָגישער איינשטעלונג, וואָס זאָל זיי ווי־עס־איז פאַרזיכערן מיט אַ לעבנסוועג פאַר אַ פּערמאַנענטן צושטאַנד פון אַ צעטיילט פאָלק: טיילן אין ישראל און טיילן אין חוץ לארץ. זיי קענען אפילו ברענגען פאַר זייער איינשטעלונג ראיות פון אונזער אייגענער געשיכטע. הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד האָט אונזער פאָלק געפירט אַזאַ לעבן: פאַרמאָגט אַן אייגענע מדינה, און דער גרעסטער טייל פון אונזער פאָלק האָט גאָר געלעבט אין חוץ לארץ. זיי קענען אפילו שטאַרקן זייער איינשטעלונג דורך דעם היסטאָרישן פאַקט, וואָס אין געוויסע עפּאָכעס — דער בעסטערביישפּיל: גלות בבל — האָבן די שעפערישסטע אידישע כוחות געלעבט דווקא אין גלות. און דאָך בלייבט די געפאַר גרויס. די כוחות וואָס האָבן אין יענע עפּאָכעס אויסגעהאַלטן די אידישע אַנדערשדיקייט זיינען געווען גאָר אַנדערע. דער עיקר איז עס געווען — רעליגיעזע פּאַרטיפונג אין דער איינציקער אייגענער אַנדערשדיקייט. און ביי אַלעם דעם איז אין יענע תקופות גופא נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויף אַ האָר דער דראַנג צו פולער גאולה, וואָס קען קומען דווקא דורך אומקערן זיך אין ציון און דווקא דורך קיבוץ־גלויות.

וואָס בלייבט אונז דעריבער יאָ אָנצונעמען פון קולטור־פּלוראַליזם? דער ענטפער איז: דאָס רעכט אויף קולטור־פּלוראַליזם. מיר זיינען געצוואונגען צו אָנערקענען דעם רעאַלן פאַקט ווי ער איז: דער גרעסטער טייל פון אַמעריקאַנער אידנטום לעבט אין דער אַמעריקאַנער קולטור. מיר דאַרפן מיט אַלע כוחות זוכן אַריינפלאַנצן אין אים די אידישע קולטור. מיר ווייסן, אַז דאָס קען נישט געשען אין אַמעריקע דורך אויסשליסן אים פון דער אַמעריקאַנער קולטור. דאָס קען געשען נאָר ווי אַ צוגאָב צו איר. מוזן מיר אָנקומען צו קולטור־פּלוראַליזם. מוזן מיר אָט־דעם צושטאַנד אויך נישט באַגעגענען מיט אַ שפלות־קאָמפּלעקס. מיר אָנערקענען עס ווי אַן אַנאָמאַליע פון דער אידישער אומנאָרמאַליטעט, אָבער מיר שעמען זיך דערמיט נישט ווי מיט עפּעס אַ מום. מיר באַטראַכטן עס נישט ווי אַ פּערמאַנענטע לייזונג פון דער אומנאָרמאַלער לאַגע. מיר באַטראַכטן עס אָבער ווי אַ מוז פון אונזער לעבן. אַזוי מוזן מיר עס דערקלערן זיך, אַזוי אונזערע קינדער און אַזוי אויך די ניט־אידן צווישן וועלכע מיר לעבן.

דאָס דאָזיקע רעכט דאַרפן מיר האָבן ווי אַ גרופּע, וואָס איר רוב וועט מוזן לעבן אין צוויי קולטורן. מיר דאַרפן אָבער אויך האָבן דאָס רעכט פון קולטור־פּלוראַליזם פאַר יענע, וואָס ווילן לעבן בלויז אין דער אידישער קולטור־אַטמאָספער. ווי קליין זייער צאָל זאָל נישט זיין, דאַרף זיי דאָס דאָזיקע רעכט אָנערקענט ווערן. דאָס איז דער פּרינציפּ פון קולטור־פּלוראַליזם אין אַ מדינה, וואו עס קען לעבן מער ווי איין קולטור. איך געהער

נישט צו די וואָס פּריידיקן אַזאַ סעפּאַראַטיזם. איך בין מודה, אַז ווען איך וואָלט נישט געגלויבט אין קיבוץ־גלויות וואָלט איך געווען פאַר אַזאַ סע־פּאַראַטיזם. פון שטאַנדפּונקט פון אידישן המשך זע איך אין אַזאַ סעפּאַראַ־טיזם גאָר אַ גרויסן כוח פאַרן אידישן קיום. איך שטעל אָבער דעם טראָפּ אויף קיבוץ־גלויות. דאַרף איך נישט אָנקומען צו אַזאַ סעפּאַראַטיזם, כדי דערמיט צו לייזן די פראַגע פון „ישראל בעמים״. איך וועל דערביי געבן מיין פולשטענדיקע ברכה יענע, וואָס קענען זיך אַזוי אויסשליסן פון דעם אַרום און זיך איינשליסן אין דער אייגענער גייסטיקייט, אפילו ווען איך וואָרן, מען זאָל אין דעם נישט זען די לייזונג פון אונזער אידישער המשך־פּראָבלעם. ווייל אויסהאַלטן פּערמאַנענט אַזאַ אָפּזונדערונג, אָן רעליגיעזער פאַרטיפונג, קען עס נישט. עס מוז סוף־כל־סוף פירן צו קולטורעלן מאַסן־שמד. ווי אַ צייטווייליקער מיטל וואָס — ווי שוין געזאָגט — קען נעמען דורות, מוזן מיר אָבער צו קולטור־פּלוראַליזם, אין זיינע פאַרשיידענע פאָר־מען, יאָ אָנקומען.

צו דער וועלט מוזן מיר יעדנפאַלס ריידן אָפענע ווערטער. צי ווען מיר לייגן האָפענונגען אויף קיבוץ־גלויות, צי ווען מיר פאַרלאָזן זיך אויף קול־טור־פּלוראַליזם אין אַמעריקע — אונזער המשך, ווי אַן איינהייטלעך פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט, וועלן מיר קיינמאָל נישט אויפגעבן. דאָס מוזן מיר ביי זיך אַליין פעסט באַשליסן. און מיט דעם קלאָרן באַשלוס מוזן מיר קומען צו אונזערע ניט־אידישע שכנים אין אַמעריקע, וואָס וועלן אונז סוף־סוף פאַרשטיין.

ד.

יענע ניט־אידן וואָס וועלן דאָס פאַרשטיין, וועלן אויך מסכים זיין צו פּריווילעגיעס, וואָס צו זיי זיינען מיר באַרעכטיקט. איך זאָג בפירוש פּריווי־לעגיעס, ווייל תיכף טראָגט מען אונז אונטער פאַרגלייכונגען מיט אַנדערע פאָלקלעכע מינאָריטעטן, וואָס גיבן זיך גרינגער אונטער דער אַסימילאַציע, וואָס ווערן אַריינגעצויגן נישט נאָר אין זייערע בירגערלעכע פליכטן, נאָר אויך אין דעם גייסטיקן לעבן פון דער הערשנדיקער קולטור אין אַמעריקע און פאַרלירן ביסלעכווייז זייער אייגנאַרט. וואָלט מען געקענט די דאָזיקע פאַרגלייכונגען אָפּפּטרן מיט דעם ענטפער, אַז ווער עס וויל אויפגעבן זיין אייגנאַרט, צווינגט אים קיינער נישט עס אָנצוהאַלטן. אויך אידן, וואָס ווילן אויפגעבן זייער אייגנאַרט, קען קיינער נישט צווינגען עס אָנצוהאַלטן. מענטשן, וועמען זייער אייגענע גייסטיקע אייגנאַרטיקייט גיט נישט גענוג גייסטיקע הנאה, וואָס זאָל זיי קאָמפּענסירן פאַר די שוועריקייטן וואָס מען

מוז אויף זיך נעמען אויב מען וויל די אייגענע אַנדערשדיקייט ממשיך זיין, — יענע מענטשן צווינגט קיינער נישט צו טראָגן די לאַסט פון אייגנאַרט. איך וויל זיך אָבער נישט באַגנוגענען מיט אָט־דעם ענטפער. איך מיין, אַז יענע גרויסע אידישע מאַסן, וואָס נעמען אויף זיך מיט ליבשאַפט דעם שווערן עול פון זייער אַנדערשדיקייט, זיינען באַרעכטיקט צו פּריווילעגיעס.

כדי קלאָר אַרויסצוברענגען וואָס איך מיין מיט פּריווילעגיעס, וויל איך דערציילן וועגן אַ געשעעניש, פאַרבונדן מיט דעם פאַרשטאָרבענעם לואי מאַרשאַל, וואָס קיינער האָט נישט געצווייפלט אין זיין אַמעריקאַנער פּאַט־ריאָטיזם. געשען איז עס אין מאַי אָדער יוני 1917, תיכף נאָכדעם ווי די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַריין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין דער שטאָט בענגאָר, אין שטאַט מעין, איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ שטאַט־צוזאַמענפאָר פון אַלע אידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס פאַר די מלחמה־קרבנות. לואי מאַרשאַל איז געווען דער הויפּטגאַסט פון יענער קאָנפערענץ. איך בין אַהין דעלעגירט געוואָרן פון פּיפּלס רעליף קאָמיטעט. זונטיק ביי־טאָג איז פאָרגעקומען אַ „מיטיק״ לכבוד דער קאָנפערענץ. אינם „מיטיק״ האָבן זיך באַטייליקט: דער גאָווערנאָר פון שטאַט מעין, דער מעיאָר פון שטאָט בענגאָר און נאָך אַנדערע געסט, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער פאָרזיצער פון בענגאָרער האַנדלס־קאַמער. אַלע האָבן נאַטירלעך באַ־גריסט די קאָנפערענץ. צווישן די באַגריסער איז אויך געווען דער לעצט־דערמאָנטער. ער האָט אין זיין באַגריסונג־רעדע דערציילט, אַז מיט עטלעכע וואָכן פריער האָט מען אין בענגאָר דורכגעפירט אַ גרויסע אַקציע פאַר „ליבערטי לאָונס״ און די אידן האָבן זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער דאָ־זיקער אַקציע. ער האָט שטאַרק געלויבט זייער פּאַטריאָטיזם און פאַרענדיקט מיטן זאַץ:

"I hope that as a result of this war we will all forget our ancestries, we will all forget our previous ties and we will become a homogeneus American nation."

לואי מאַרשאַל האָט געענטפערט אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ אויף די אַלע באַגריסונגען. אַזוי ווי איך בין געווען דער צווייטער ניו־יאָרקער גאַסט, בין איך געזעסן לינקס לעבן אים. ווען מאַרשאַל איז אין זיין ענט־פער צוגעקומען צום אויבן־ציטירטן זאַץ, האָב איך דערשפּירט, ווי אַן עלעק־טרישער שטראָם האָט אים דורכגענומען. זיין לייבן־שטים איז געוואָרן ברו־מענדיקער. ער האָט זיך אַלעמאָל דערהויבן צו אַזאַ פּאַטאָס, ווען ער האָט גערעדט וועגן ענינים, וואָס האָבן טיף באַרירט זיין נשמה. מיט שטאָלץ און ווירדע האָט ער אויסגערופן:

"To forget our ancestries—under no circumstances!"

ער האָט דעמאָלט קלאָר און דייטלעך אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק:

אויב אפילו אַנדערע עטנישע גרופּעס קענען אָננעמען אַזאַ עצה, קענען און טאָרן אידן בשום אופן דאָס נישט טאָן, ווייל אידן זיינען אין גאַר אַן אַנ־דערער לאַגע. דער איטאַליענער, דער דייטש, דער פראַנצויז, דער מיטגליד פון וואָסער־עס־איז אַנדערער עטנישער גרופּע, וואָס לעבט אין אַמעריקע, — ווען ער נעמט אָן אַזאַ עצה, ווייס ער דאָך זייער גוט, אַז די קאָנטינואַי־טעט פון זיין אייגנאַרטיקער קולטור און פון זיין אייגנאַרטיקן פאָלקסלעבן איז פאַרזיכערט. אין איטאַליע, אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך איז פאַר־וואָרצלט און פאַרזיכערט דער המשך פון אָט־די באַזונדערע פעלקער. אויב אָבער דער אַמעריקאַנער איד וועט אָננעמען אַזאַ עצה, דאַרף דער איד אין פּוילן, דער איד אין רומעניע, דער איד אין ענגלאַנד, דער איד אומעטום, וואו ער געפינט זיך, אויך אָננעמען אַזאַ עצה. וואָרים אומעטום זיינען מיר דאָך מינאָריטעטן, אומעטום הייסט מען אונז פאַרגעסן אונזער אָפּשטאַם און אונזער אייגנאַרט. וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון דעם המשך פון אידישן פאָלק? (ער האָט כסדר באַנוצט דעם טערמין „דזשואיש פּיפּל".) ווי אַזוי קענען מיר זיך באַטייליקן אין אַ פּראָצעס, וואָס מוז פירן צום אונטערגאַנג פון אידישן פאָלק?

דער איינדרוק פון זיין רעדע איז געווען אַ קאָלאָסאַלער אויף דער גאַנצער פאַרזאַמלונג. מיר איז באַשערט געווען צו זיין אַן עדות ווי אַזוי ניט־אידן האָבן עס אויפגענומען. צו דער רעכטער זייט פון לואי מאַרשאַלן איז געזעסן דער גאָווערנאָר פון שטאַט. צו מיין לינקער זייט איז געזעסן דער מעיאָר פון בענגאָר. הינטער אונזערע פּלייצעס האָבן זיי איינע צו די אַנדערע אַרויסגעזאָגט זייער מיינונג וועגן מאַרשאַלס רעדע. איינער האָט קלאָר אויסגעדריקט דעם געדאַנק:

"He is absolutely right! We never looked upon it from this angle. How can a people undermine its own continuity and efface itself entirely?"

דער צווייטער האָט דערצו מסכים געווען.

עס איז כדאי צו געדענקען, אַז אין יענער צייט איז אין אַמעריקאַנער אידנטום אָנגעגאַנגען אַ זייער שאַרפע געפעכט אַרום אָרגאַניזירן דעם אַמע־ריקאַנער אידישן קאָנגרעס. די נאַציאָנאַלע עלעמענטן האָבן געוואָלט דעם קאָנגרעס. זיי האָבן פאָרמולירט צוויי הויפּט־פאָדערונגען: א) ארץ ישראל פאַר דעם אידישן פאָלק; ב) נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט פאַר די אידן אין מזרח־אייראָפּע. מאַרשאַל איז דעמאָלט געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטי". דער דאָזיקער קאָמיטעט איז געווען קעגן דעם קאָנגרעס. ער האָט זיך געשראָקן פאַר ביידע פאָדערונגען. אין דעם פּראָצעס פון דיסקוסיעס איז קלאָר געווען, אַז דעם פּונקט ארץ־ישראל

פאַר אידן, וואָלטן די קעגנער שוין ווי־עס־איז געקענט אָננעמען. אָבער דעם צווייטן פּונקט — בשום אופן נישט. די טענה — און זייער אַ לאָגישע — איז געווען: אויב מיר דאַרפן פאָדערן מינאָריטעטן־רעכט פאַר די אידן אין מזרח־אייראָפּע, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט פאָדערן דיזעלביקע מינאָריטעטן־רעכט פאַר די אידן אין אַמעריקע. און דאָס איז געווען אַ געדאַנק, וואָס האָט פּשוט איבערגעשראָקן מיט זיין אויסטערלישקייט און אין געוויסע אויגן האָט עס אויסגעזען פּשוטע ווילדקייט. פונדעסטוועגן האָט מאַרשאַל דער־שפירט, אַז דאָרטן, וואו מען פאַרלאַנגט פון אונז צו פאַרגעסן אונזער אָפּ־שטאַם, מוז אונזער ענטפער זיין — אַ שאַרפער ניין! אפילו ווען מען פאַ־דערט עס פון אונז אין נאָמען פון פּאַטריאָטיזם צו אַמעריקע. וואָס נאָך וויכטיקער איז: ער האָט קלאָר און בולט געפאָדערט אַ פּריווילעגיע פאַר דער אידישער מינאָריטעט לגבי אַנדערע מינאָריטעטן אויפן יסוד, אַז אונזער פאָלקס־לאַגע איז אַנדערש ווי די לאַגע פון די אַנדערע פעלקער. און ניט־אידן האָבן עס אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען.

אין ליכט פון דער אויפגעשטעלטער אידישער מדינה קען מען אונז זאָגן: איר האָט דאָך שוין אַן אייגענע מדינה, דאַרפט איר דאָך איצטער שוין אויך געשטעלט ווערן אין דער זעלביקער קאַטעגאָריע ווי אַנדערע מינאָריטעטן. ווייס איך נישט וואָס לואי מאַרשאַל וואָלט אויף דעם איצטער געענטפערט. איך ווייס אָבער, אַז מיר מעגן נאָך אַלץ פאַרלאַנגען פּריווי־לעגיעס אויפן זעלביקן יסוד וואָס מאַרשאַל האָט עס דעמאָלט פאַרלאַנגט, ווייל אונזער לאַגע איז נאָך אַלץ נישט גלייך מיט דער לאַגע פון אַנדערע מינאָריטעטן. די זיכערקייט פאַר אונזער פאָלקס־המשך איז נאָך אַלץ שוואַ־כער ווי די זיכערקייט ביי אַנדערע פעלקער. איך מיין ניט, אַז עס איז נייטיק צו באַטאָנען די ראָלע, וואָס די אידישע מדינת דאַרף שפּילן אין פאַרזיכערן אידישן המשך. דאָס איז דאָך דער סאַמע יסוד פון ציוניזם. נאָר די מדינה וועט אונז פאַרזיכערן אַ גלייכן סטאַטוס און גלייכע, פרייע יצירה־מעגלעכ־קייטן מיט אַנדערע פעלקער. אָבער די מדינה אַליין מוז זיין אַ פעסטע. אַ קליינינקע מדינהלע קען נישט זיין זיכער אין איר אייגענעם קיום. זי קען זייער ווייניק משפּיע זיין אויפן אידישן המשך בכל התפוצות. גרויס מאַכן די אידישע מדינה איז, דעריבער, די פליכט פון אַלע, וואָס ווילן אידישן המשך. דערפון איז קלאָר, אַז נאָר ווען מיר וועלן האָבן אין ישראל אַזאַ פּראָצענט פון אונזער פאָלק, ווי עס האָבן אַנדערע פעלקער אין זייערע לענדער, וועלן מיר פאַרלירן דאָס רעכט צו פאָדערן פּריווילעגיעס. יענע אידישע מינאָריטעט, וואָס וועט לעבן אין אַמעריקע אין דער צייט ווען מיר וועלן האָבן אין מדינת ישראל אַזאַ פּראָצענט פון וועלט־אידנטום ווי עס האָבן, למשל, די איטאַליענער אין מדינת איטאַליע, אָדער לפּחות די איר־

לענדער אין אירלאַנד — דעמאָלט וועט יענע אידישע מינאָריטעט מעגן טראַכטן וועגן אויסגלייכן איר פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן אידישן המשך, מיט דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַנדערע מינאָריטעטן, וואָס געפֿינען זיך אין אַמעריקע, פֿאַר זייער פֿאָלקס־המשך. אין אונזער עפּאָכע ליגט נאָך אַ גוואַלדיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפֿן אַמעריקאַנער אידנטום אויסצוגלייכן די לאַגע פֿון אידישן פֿאָלק מיט אַלע פֿעלקער אין דער וועלט, כדי צו פֿאַרזיכערן זיין קיום. פֿאַר דעם ציל מוז די אַמעריקאַנער אידישע מינאָריטעט אָנפֿירן אַקטיוויטעטן, וואָס די אַנדערע מינאָריטעטן נייטיקן זיך ניט אין זיי. אָט־די פּריווילעגיע מוז דעם אַמעריקאַנער אידנטום אָנערקענט ווערן. און אַלע אַזעלכע טעטיקייטן וואָס פֿירן צו פֿאַרשטאַרקן דעם קיום פֿון אידישן פֿאָלק ווי אַ פֿאָלק, מוז למפֿרע אָנערקענט ווערן ווי דאָס רעכט פֿון דער אַמעריקאַנער אידישער מינאָריטעט.

נעמט מען אָן אָט־דעם געדאַנקען־גאַנג ווערט קלאָר, אַז דער קיבוץ־גלויות־געדאַנק איז אַ מוז פֿאַר דער וועלטערדיקער אידיש־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. אָן קיבוץ־גלויות וועלן מיר קיינמאָל נישט אויסגלייכן אונזער לאַגע מיט אַנדערע פֿעלקער. און נעמט מען אָן קיבוץ־גלויות, דעמאָלט קומט ממילא אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו חלוציות, ווייל אָן חלוציות וועט קיין קיבוץ־גלויות נישט מעגלעך זיין. ביידע — סיי קיבוץ־גלויות, סיי חלוציות — מוזן חל זיין אויך אויפֿן אַמעריקאַנער אידנטום.

קיינער קען נישט און קיינער דאַרף נישט היינט באַשטימען ווי שנעל דער פּראָצעס פֿון קיבוץ־גלויות וועט פֿאָרקומען. דאָס הענגט אָפּ פֿון אַנטוויקלונגען נישט נאָר אין אידישן פֿאָלק, נאָר אין דער גאַנצער מענטשהייט. עס קענען קומען וועלט־אויפֿטרייסלונגען, וואָס קענען אַלע אונזערע חשבונות מאַכן צו־גאָרנישט, דורכדעם וואָס זיי וועלן אַלץ און אַלעמען חרוב מאַכן. אַזעלכע וועלט־אויפֿטרייסלונגען קענען אויך חרוב מאַכן אונזער מדינת ישראל. איבעריק צו זאָגן, אַז קיינער ווינטשט נישט קיינעם אַזעלכע אויפֿטרייסלונגען, און קיינער בויט נישט און קען נישט בויען קיין שום פּראָגראַמען פֿאַר אַקטיוויטעטן אויפֿן יסוד פֿון אַזעלכע מעגלעכע אויפֿטרייסלונגען. עס קענען קומען אויפֿטרייסלונגען אַזעלכע, וואָס זאָלן באַרירן אידן אין גלות מער ווי אידן אין ישראל; אַזעלכע אויפֿטרייסלונגען, וואָס וועלן באַרירן די אידן אין די דאָזיקע גלות־לענדער מער ווי די פֿעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן. אַזעלכע אויפֿטרייסלונגען וועלן אַוודאי שטויסן דעם קיבוץ־גלויות צו אַ שנעלער טעמפּאָ. אויך אַזעלכע אויפֿטרייסלונגען ווינטשט קיינער נישט, כאָטש אויסגעשלאָסן זיינען זיי נישט. אָבער אונזער חשבון בויען מיר אויך נישט אויף אַזעלכע אויפֿטרייסלונגען. מיר האָפֿן אויף פֿרידלעכע אַנטוויקלונגען. דעמאָלט וועט קיבוץ־גלויות געדויערן דורות. און דווקא דעמאָלט

וועט חלוציות מוזן שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות.

קיינער דאַרף אויך נישט און קיינער קען אויך נישט איצט באַשטימען ווי גרויס וועט זיין דער פּראָצענט אידן, וואָס וועלן אַריינגעבראַכט ווערן אין קיבוץ־גלויות־פּראָצעס. אויך דאָס הענגט אָפּ פון וועלט־געשעענישן. וואָס יעדערער פון אונז מוז זיך און דער וועלט קלאָר זאָגן, איז, אַז דאָס פולשטענדיקע אויסגלייכן אונזער פאָלקס־לאַגע מוז אָנקומען צום קיבוץ־גלויות־פּראָצעס; אַז יעדער איד וואָס וויל אידישן המשך און טראָגט דער־פאַר אַחריות פאַרן אידישן קיום, קאָן נישט און טאָר זיך נישט אויסשליסן פון דעם חוב מיטצוהעלפן אין אָט־דעם פּראָצעס; אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט נישט נאָר דאָס רעכט, נאָר אויך דעם חוב מיטצוהעלפן אין דעם פּראָצעס. און אונזערע אַמעריקאַנער נישט־אידישע שכנים וועלן די דאָזיקע פּריווילעגיעס פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום אָנערקענען אין פּראָ־פּאָרציע צו דעם ווילן, וואָס די אַמעריקאַנער אידן וועלן אַליין דעמאָנסטרירן סיי פאַר קיבוץ גלויות סיי פאַר חלוציות.

ה.

עס בלייבט צוצוגעבן נאָך עטלעכע ווערטער, דווקא ווי איינער פון די מאמינים אין קיבוץ־גלויות. אויך קיבוץ־גלויות איז פאַר אונז בלויז אַ מיטל. דער ציל איז: אידישער המשך, אידישער קיום. אויף דעם שטח גיסן זיך צוזאַמען אַלע אונזערע אַקטיוויטעטן, אי אין מדינת ישראל, אי אין די תפוצות. מיר טאָרן נישט באַטראַכטן די טעטיקייטן אויף די דאָזיקע צוויי הויפּט־שטחים ווי קאָנקורענטן צווישן זיך. זיי מוזן זיך איינע די אַנדערע ממלא זיין. נאָר אין אַזאַ טעטיקייט־פּראָגראַם ליגט די גאַראַנטיע קעגן צעשפּליטערן דעם עם אחד. און אידישער המשך מיינט פאַר אונז, דער עיקר, דער המשך פון דער אידישער אייגנאַרט, פון דער ספּעציעל־אידישער גייס־טיקער פּערזענלעכקייט.

מיר זיינען אָפּגערוקט צענדליקער יאָר פון יענער צייט, ווען עס האָט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געפלאַקערט די מחלוקת צווישן הערצל און נאָרדאַו פון איין זייט, און אַחד העם פון דער צווייטער זייט. מיר קענען איצט, קוקנדיק צוריק, פאַרשטיין די סיבות פון דעם דאָזיקן געראַנגל. מיר קענען אָבער היינט בשום אופן נישט טיילן די עצם נויטיקייט פון אַזאַ געראַנגל. עס איז שוין קלאָר געוואָרן דורך דער געשיכטע אַליין, אַז אלו ואלו דברי אלהים חיים. אידן־נויט איז געווען אַ גרויסער שטויס־כוח, וואָס האָט געפירט צו דער אידישער מדינה. און די מדינה איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט צו פאַרזיכערן די אידישע קולטור. זי, די ספּעציעלע אידי־

שע קולטור פון איר זייט, איז דער סאַמע תוך פון אונזער גאַנצער אייגנאַרט, צוליב וועלכער יעדער דראַנג נאָך המשך איז פאַרשטענדלעך, און יעדער קאַמף פאַר המשך איז באַרעכטיקט. איצט, ווען מיר האָבן די מדינה דער־גרייכט, דאַרף מען אַוודאי אַלץ טאָן, כדי איר מאַטעריעלער און פיזישער יסוד זאָל זיין פעסט. וואָרים דווקא די פעסטקייט פון דער מדינה איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פאַר דער פאַרזיכערונג פון איר יצירה־קראַפט אויף די שטחים פון גייסט. אָבער איצט, גלייכצייטיק מיט אַלע אַרבעטן פאַר ווייטער בויען ישראל, מוז ווערן, אי פון מדינת ישראל, אי פון דעם אידישן פאָלק אין גאָר דער וועלט, אינוועסטירט אַ סך ענערגיע, כדי צו אַנטוויקלען די גייסטיקע כוחות פון אונזער פאָלק בכל התפוצות. דאָס דאַרף מען טאָן — דורך ברענגען וואָס מער אידן צו דער אינטעגראַלער אידישער ליטע־ראַטור פון אַלע צייטן און אין אַלע שפּראַכן, אָבער, דער עיקר, צו העברע־איש און אידיש; דורך אידישער קונסט אין אַלע פאָרמען; דורך לערנען און שטודירן אידישע געשיכטע און דורך באַקענען אידן — אַלטע און יונגע — מיט אַלע אויסשטראַלונגען פונם אייגנאַרטיק־אידישן יצירה־דראַנג, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט במשך אַלע אונזערע דורות. אידיש וויסן און אידיש געפיל מוז אַריינשטראָמען אין אונזער נייעם דור, כדי דורכדעם צו העלפן אויספאָרמירן די אידישע גייסטיקע פערזענלעכקייט.

די דאָזיקע אידישע גייסטיקע פערזענלעכקייט האָט, אין איר דראַנג צו שלמות, אָנגענומען פאַרשיידענע מיטלען ווי אַזוי זיך צו געשטאַלטיקן. דער ציל איז: וואָס מער גייסטיק פאַרטיפן דעם אידישן מענטשן; די קוואַלן פון זיין פאַרטיפונג זיינען די גייסטיקע ירושה, וואָס ער האָט אַליין פון זיך אַרויסגעשאַפן און זי אַנגעקליבן אין אומגעהויערע גרויסע שייערן פון גייסט. אַלע אַנטפּלעקונגען פון אידישער גייסטיקער אייגנאַרט, די אידישע אמונה אַריינגערעכנט, שטראָמען אַרויס פון דער אייגנאַרטיקער שעפערישקייט פון דעם אידישן מענטשן אין זיין גאַנג צו דער פאַרטיפסטער געשטאַלטיקונג. אין דעם פּראָצעס איז ארץ־ישראל נישט געווען קיין צופאַל. דאָס אומקערן זיך צוריק, צו אָט־דעם אור־קוואַל, פאַרזיכערט נישט נאָר דעם פיזישן המשך, נאָר אויך דעם תוכן פון דעם דאָזיקן המשך. דער אידישער גייסט וועט צוריק אָנגעזעטיקט ווערן מיט אַלץ וואָס ארץ־ישראל האָט אין אים אַריינגעגעבן. ער וועט עס פון דאָס ניי איבערשאַפן און אַריינגיסן עס אין אונזערע מאָדערנע פורעמס, כדי גייסטיק צו זעטיקן זיך אַליין און די אייגענע דורות, און כדי דורך דעם דאָזיקן פּראָצעס מיטצושפּילן ווי אַן אייגנ־אַרטיקע כלי אין דעם גרויסן אָרקעסטער פון דעם מענטשלעכן גייסט.

באַטראַכטנדיק דאָס גאַנצע אידישע פאָלק ווי איין איינהייט אין דער

גאַנצער וועלט, ווייסנדיק אַז די דאָזיקע יצירה־כוחות קענען צום שטאַרקסטן ווערן אויפבעוואָרט און צום בעסטן גענערירט דורך און אין ישראל, לעבט אָבער דער אידישער גייסט נישט ערגעץ־וואו אין אַ חלל. ער לעבט אין די לעבעדיקע אידן, אין אַלע לעבעדיקע אידן, וואו זיי זאָלן נישט זיין. און אָננעמענדיק דעם פּרינציפּ פון קיבוץ־גלויות, מוז דאָך זיין קלאָר, אַז יענע אידן, וואָס וועלן זיין די טרעגער פון קיבוץ־גלויות, וועלן מיטברענגען מיט זיך אין דער מדינה בלויז יענע גייסטיקע יצירה־פאַרמעגנס, וואָס זיי וועלן אין זיך אַנטוויקלען אומעטום וואו זיי לעבן. אפילו פון דעם שטאַנד־פּונקט פון גענערירן יצירה־קראַפט אין מדינת ישראל איז דעריבער אויך נייטיק, אַז דער שטראָם פון יציאת־הגולה זאָל מיט זיך ברענגען דעם מאַקסימום געזונטע טיפע אידישקייט, טיפן אידישן וויסן און פאַרשאַרפטן אידישן געפיל.

אָבער נישט בלויז צוליב קיבוץ־גלויות מוזן די אידן וואָס לעבן אין די גלותן, — אַזוי לאַנג ווי זיי בלייבן דאָרטן און וויפל עס בלייבן דאָרטן, — פירן אַ טיפן אידישן לעבן, געבויט אויף טיפן אידישן וויסן און טיפן אידישן געפיל. זיי דאַרפן פירן אַזאַ לעבן, דער עיקר צוליב דעם, ווייל אַן דעם וועט פאַרטרוקנט ווערן זייער אידישער יצירה־קוואַל און זייער גאַנ־צער גייסט קען אויסגעטריקנט ווערן. זיי דאַרפן פירן אַזאַ לעבן אויך צו־ליב דעם, וואָס דער צוזאַמענשפּיל פון גייסטיקע יצירה־כוחות, צווישן ישראל און די אידן מחוץ לישראל, וועט זיין פון אומגעהייער־גרויסער באַדייטונג פאַרן פאַרטיפן אַלע פאָרמען אידישקייט. דורכדעם וועט אויך פאַרזיכערט ווערן אַ געזונט אידיש לעבן אומעטום. און עס וועט שטייגן דער יצירה־קוואַל, וואָס וועט אַרויסשטראָמען פון ישראל.

די ציוניסטישע באַוועגונג, אין איר ריכטיקן געשיכטלעכן זינען, דאַרף מען זען ווי אַן אָנהייב פון דעם פּראָצעס, וואָס דער אידישער וועלט־אָרגאַ־ניזם האָט אָנגעהויבן דורכפירן. דורך אים — דורך דעם אידישן וועלט־אָרגאַניזם — טראָגט זיך דער פּראָצעס אַריבער צוריק צו זיין טעריטאָריעלן מקור און צו דעם מקור וואו עס האָט זיך אויסגעפורעמט זיין גייסטיקע אייגנאַרט. ווען מען באַטראַכט אַזוי די מאָדערנע אידישע געשיכטע, — פון די בילויים ביז יענעם מאַראָקאַנער אידן וואָס איז ערשט נעכטן אַריינגע־קומען אין ישראל — דעמאָלט מוז מען אָנערקענען די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס ליגט אויף דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג אויפן שטח פון פאַרטיפן דאָס אידישע געפיל און דאָס אידישע וויסן. די דאָזיקע אויפ־גאַבע מוז ווערן דאָס אַרבעטס־פּראָגראַם פון גאַנצן באַוואוסטזיניקן אידנ־טום, וואו ער זאָל זיך נישט געפינען.

איך ווייס, אַז ערשט נאָך די אַלע באַטראַכטונגען דאַרף מען אויסאַר־בעטן פּראַקטישע פֿאָרשלאַגן וואָס צו טאָן. ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, ער זאָל קענען זיין לעבן אַזוי איינאָרדענען כדי צו דערגרייכן די אָנגעצייכנטע צילן. דאַרף מען בויען נייע אינסטיטוציעס פֿאַר די דאָזיקע צוועקן? דאַרפֿן אַלטע אינסטיטוציעס איבערגעבויט ווערן? די מסקנות פֿון אָט־די מחשבות וועלן דאַרפֿן קומען. קודם אָבער דאַרפֿן מיר אַליין קלאָר ווערן צי נעמען מיר אָן די מחשבות ווי אַ יסוד פֿאַר אונזער לעבן.

„צוקונפֿט“, יאַנואַר, 1950.

ציוניזם אין דער נייער תקופה

א.

די אָרגאַניזירטע ציוניסטישע באַוועגונג האָט פונקציאָנירט לויט אָנגעצייכנטע און פאָרמולירטע פּראָגראַמען. די דאָזיקע פּראָגראַמען זיינען, נאַטירלעך, געווען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון די געגעבענע תקופות. אפילו דאָס באַזעלער פּראָגראַם האָט געמוזט צאָלן צינזן צו דער דאַמאָלסדיקער תקופה און האָט געזוכט אויסדרוקן וואָס זאָלן ניט מגלה זיין דעם גאַנצן און טיפן גאולה־דראַנג, וואָס ציוניסטן, אין זייער רוב, האָבן שוין דעמאָלט פאַרבונדן מיטן ציוניזם. איצטער געפינען מיר זיך אין אַ נייער תקופה. וועט די ציוניסטישע באַוועגונג זוכן צו פאָרמולירן אַ נייעם פּראָגראַם, וואָס וועט, מן הסתם, אויך מוזן צאָלן צינזן צו איצטיקע פּאָליטישע חשבונות. זי וועט אויך דאַרפן פאָרמולירן אַן אַרבעטס־פּראָגראַם פאַר דער גאָר נאָענטער תקופה. דאָס וועט זיכער געטאָן ווערן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן קומענדיקן יולי אין ירושלים. פאַרמעסט איך מיך דאָ ניט צו פאָרמולירן אָפיציעלע פּראָגראַמען. עס ווייזט זיך מיר אָבער אויס, אַז ס׳איז אונזער אַלעמענס אויפגאַבע אַריינצובליקן אין דעם ציוניזם געשיכטלעך. וועלכע כוחות האָבן אים געבוירן? וואָס האָט ער דערגרייכט ביז איצטער? וועלכע אויפגאַבן זיינען פאַר אים פאַרבליבן? און וואָס דאַרף דער ציוניזם זיין אין דער צוקונפט?

ניט נעגירנדיק די אויסערלעכע השפעות וואָס האָבן אים באַווירקט, און וואָס וועלן אים אויך באַווירקן אין דער צוקונפט, וויל איך זיך דאָ היינט באַשעפטיקן בלויז מיט אינערלעך־אידישע פּראָצעסן, וואָס האָבן דעם ציוניזם געבוירן, האָבן באַשטימט זיינע אַרבעטס־שטחים, סיי פאַר דער איצטיקער עפּאָכע, סיי אויך פאַר דער ווייטערדיקער צוקונפט. אויף ווי ווייט עס איז נויטיק אָנצוצייכענען אַ גאַנץ בילד פון די אַרבעטס־שטחים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג וועל איך מיך באַמיען דאָ און דאָרט אָנצואווייזן אויך אויף באַלדיקע און פּראַקטישע אויפגאַבן. בעיקר שטעל איך מיר אָבער אַלס ציל — אָנצוצייכענען דעם ווייטערדיקן געשיכטלעכן גאַנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ב.

דער ציוניזם איז דער המשך פון צוויי געשיכטלעכע דראַנגען אינעם אידישן פאָלק: דער נאַטירלעכער דראַנג פאַר נאַציאָנאַלן קיום און דער

משיחישער דראַנג צו מענטשלעכער און אידישער דערהויבונג און צו דער אַלמענטשלעכער גאולה. די דאָזיקע דראַנגען האָבן געלעבט אינם אידישן פאָלק פון דעם ערשטן טאָג וואָס עס איז אַרויפגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דער ערשטער דראַנג — נאַציאָנאַלער קיום — האָט ניט געזוכט, ווייל ער האָט ניט געדאַרפט זוכן, קיין אַנטפּלעקונג. אַלע פעלקער פאַרמאָגן דעם קיום־דראַנג, פונקט ווי עס פאַרמאָגן עס אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. דער צווייטער — דער משיחישער דראַנג — האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרשידענע עפּאָכן דורך פאַרשידענע דערשיינונגען. בצאת ישראל ממצרים האָט זיך עס אַנטפּלעקט אין מתן תורה. ווען ישראל איז געזעסן אויף זיין לאַנד האָט זיך עס אַנטפּלעקט אין זיינע נביאישע אויסשטראַלונגען, וואָס זייער הויפּט־ציל איז געווען מאָראַלישע דערהויבונג און משיחיות. ווען ישראל איז אַוועק אין גלות, האָט עס אָנגענומען אַ צוגאָב־אַנטפּלעקונג אין דער שטאַרקער תשוקה צו שיבת ציון. משיחיות, מענטשלעכע דערהויבונג און בענקעניש נאָך גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט האָבן ווייטער באַגלייט אונזער גאַנג אין דער וועלט. דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די אידישע שאַפונגען פון אַלע דורות ביז צו דער לעצטער תקופה אין דער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור. אין אַלע די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען איז דעמאָנסטרירט געוואָרן די אידישע אייגנאַרט, וואָס האָט אויסגעזונדערט אונזער פאָלק אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די דאָזיקע אייגנאַרט איז באַשטאַנען אין שטענדיקן ציען זיך צום זיין און צו בלייבן אַן עם קדוש; אין שטענדיקן שטרעבן זיך צו דערהויבן צו די העכסטע גייסטיקע מדרגות, סיי יחידישע, סיי פאָלקישע און סיי אַלמענטשלעכע.

אידישע נויט — און אין באַגריף „נויט" מיין איך ניט בלויז מאַטעריעלע „נויט" — האָט אָפט פאַרשאַרפט די דאָזיקע דראַנגען און זיי געשטויסן אָנצונעמען ממשותדיקע פאָרמען. דעם שטאַרקסטן שטויס צום מאָדערנעם ציוניזם, צום ביישפּיל, האָט זיכער געגעבן די אידישע נויט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די פּאָגראָמען פון צאַרישן רוסלאַנד און אין די דערנידעריקונגען וואָס דעם אידישן מענטשן איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אַנדערע לענדער. וואָלטן אָבער ניט געלעבט אינם אידישן פאָלק די אויבנאָנגעצייכנטע דראַנגען, וואָלט די נויט אַליין געשטויסן ניט צו דער שעפערישער חלוציות, וואָס האָט דערפירט צו מדינת ישראל, נאָר ווער ווייסט צו וועלכע ווירטשאַפטלעכע און גייסטיקע אָפּגרונטן.

דאָס זיינען די כוחות וואָס האָבן דעם ציוניזם געבוירן. מחמת דער איבערצייגונג, אַז דער מאַנגל אין אַן אייגענער היים איז די גרעסטע סכנה

פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע שעפערישע דראַנגען אין אידישן פאָלק, האָט זיך די הויפט־ענערגיע פון ציוניזם אין זיינע ערשטע פופציק יאָר קאָנצענטרירט אַרום אַלץ וואָס האָט געדאַרפט געטאָן ווערן בכדי צו דערגרייכן די אידישע מדינהשאַפט. אַלע פּאָליטישע אַרבעטן און אַלע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען האָבן געצילט צו איין פּונקט: דורך אייגענער מדינהשאַפט אויסצוגלייכן דעם סטאַטוס פון דעם אידישן פאָלק מיט אַלע פעלקער פון דער מענטשלעכער משפּחה. דער ציל אין אויג איז געווען ניט דאָס פּשוטע זיין ככל הגוים, נאָר צו באַקומען גלייכע לעבנס־באַדינגונגען מיט אַלע פעלקער, כדי צו קענען פאַרזיכערן פרייע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פאַר אונזער אידישער אַנדערשקייט.

ג.

צו וואָס האָט דער ציוניזם ביז איצט דערפירט?

איך מיין, אַז דווקא איצטער איז נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער ציוניזם האָט צו פאַרצייכענען — מחוץ זיין גרעסטער דערגרייכונג: די אויפשטעלונג פון דער מדינה! — נאָך אַ וויכטיקע היסטאָרישע דערגרייכונג וואָס איז עלול, צוליב דער גרויסער ליכט פון מדינת ישראל, פאַרטונקלט צו ווערן. איך האָב אין זינען דאָס וואָס דער ציוניזם האָט אַרויסגעראַטעוועט גרויסע, לאַטענטע המשך־כוחות אין דעם אידישן פאָלק פון דער סכנה פון פולשטענדיקער אויסוועפּונג. ער האָט די דאָזיקע כוחות צוריק דינאַמיש געמאַכט און דורך דעם דערפירט אי צו מדינת ישראל, אי צום צופלוס פון נייע המשך־זאַפטן אינם פאָלק בכל התפוצות. צו דער דערגרייכונג פון מדינת ישראל האָט דער ציוניזם דערפירט דורך דעם וואָס ער האָט אויפגעשטעלט די חלוצישע באַוועגונג אין אַלע אירע געשטאַלטונגען: אין ווירטשאַפטלעכן בוי, אויפן פּאָליטישן שטח, אויפן מיליטערישן שטח און אויפן שטח פון אידישן גייסט. די באַנייטע המשך־זאַפטן זיינען אַריינגעפלאָסן אין דעם אידישן פאָלק דורך דער דערציאונגס־סיסטעם, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אויפגעשטעלט. די דאָזיקע דערציאונג איז, אָן ספק, אויך געווען אַ גאָר וויכטיקער פאַקטאָר אינם אויפקום פון חלוציות פאַר מדינת ישראל.

אַזוי איז די אַנטוויקלונג געגאַנגען אין אייראָפּעאישן אידנטום. אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט האָט דער ציוניזם אַרויסגעבראַכט אַ באַדייטנדיקע חלוצישע קראַפט, בלויז אויפן פּאָליטישן שטח. אַביסל כוחות האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אויך צוגעטראָגן אויפן מיליטערישן שטח. דער אַמעריקאַנער חלק איז, אָן ספק, געווען גאָר אַ גרויסער אין פינאַנ־

צירן דיווירטשאַפטלעכע אַרבעט. אָבער אינם חלוציזם אויפן ארץ־ישראל־באָדן גופא — דעם חלוציזם פון הגשמה עצמית — איז דער אַמעריקאַנער חלק ביז איצט געווען זייער אַ באַגרענעצטער. אַזוי איז אויך באַגרענעצט געווען דער צושטייער פון אָרגאַניזירטן ציוניזם אין אַמעריקע אויפן שטח פון געגערירן נייע המשך־זאַפטן פאַר קומענדיקע דורות. און ווייל דער גרעסטער טייל פון אידישן גלות־פאָלק געפינט זיך איצט אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, מוז מען שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו די סיבות, וואָס האָבן דערצו געפירט, אויב מען וויל אָנצייכענען אַ ליניע — זאָל זיין אפילו בלויז אַן אַבסטראַקטע — פאַר דער וויטערדיקער געשיכט־לעכער אַנטוויקלונג פון ציוניזם.

ד.

איידער מען צייכנט אָן אַזאַ ליניע, ווייזט זיך מיר אויס, אַז ס'איז נויטיק אַרויסצוברענגען איניקע גרונט־יסודות, אויף וועלכע דער געשיכטלעכער ציוניזם האָט זיך געשטיצט ביז איצטער און וואָס אויף זיי מוז ער זיך נאָך פעסטער אָנשפּאַרן אין דער צוקונפט. איך נעם אָן אַלס גרונט־הנחות די פאָלגנדיקע פונקטן:

1. די אידישע אַנדערשקייט, וואָס האָט אונזער פאָלק דערהויבן צו ווערן דער עם הפלאות פון דער מענטשהייט, איז אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אין יעדן אידישן מענטש. פון וואַנען דאָס איז צום אידישן פאָלק געקומען איז אפשר גאָרניט מעגלעך צו דעפינירן, פונקט ווי מען קען ניט דעפינירן פון וואַנען עס האָט זיך גענומען ביי אַ גרויסן קינסטלער דער ספּעציעלער טאַלאַנט זיינער. קינסטלער „בחסד עליון" וואָלט אפשר געווען די ריכטיקע דערקלערונג. נויטיקט זיך אָבער דער דאָזיקער באַגריף אַליין אין פירושים איבער פירושים. איז שוין בעסער זיך צו באַגנוגענען מיט דעם פאַקט, וואָס קיינער קען ניט לייקענען, אַז עס זיינען דאָ קינסטלער־יחידים און קינסט־לער־פעלקער. אַלע בלעטער פון אונזער געשיכטע און אויך פון דער וועלט־געשיכטע דערציילן וועגן דער וואונדערלעכער אידישער אַנדערשקייט. נע־מען מיר דעם דאָזיקן פאַקט אָן, ווי ער איז געשיכטלעך צו אונז דערגאַנגען, און מיר זיינען נאָר מוסיף, אַז אַ פונק פון דער דאָזיקער אַנדערשקייט פאַר־מאָגט יעדער איד.

2. איך בין נישט מסכים מיט יענע גרופּירונגען אינם אידישן לעבן, וועלכע פּרובירן אַרויסברענגען איין אַנטפּלעקונג פון דעם אידישן גייסט און עס דערהויבן צו דער העכסטער און אָפטמאָל אפילו אויך — אין איינקלאַנג מיט אונזער מאָנאָטעאיסטישער דערציאונג — צו דער איינציקער קראַפט

פון שעפערישקייט אין אונזער אידישער געשיכטע. נעמען מיר אַלס ביישפּיל אונזערע עקסטרעמע העברעאיסטן.

עס רעדט אַ גרויסע וועלט־פּערזענלעכקייט; זי רעדט וועגן וועלט־שלום, פּרובירט שילדערן אחרית־הימים־האָפענונגען פאַר דער מענטשהייט — וועט דער העברייער תיכף זאָגן, אַז דער דאָזיקער וועלט־מענטש האָט גאָר־ניט מחדש געווען, ער האָט עס אַרויסגענומען פון אונזער העברעאישן אוצר.

דער פאַקט גופא וואָס ווערט דערביי אַרויסגעבראַכט וועט זיין אַן אמתער, אָבער די אינטאָנאַציע אויפן העברעאישן אוצר איז געשיכטלעך פאַלש. ניט די שפּראַך איז די סיבה, נאָר די פלאַימדיקייט פון פאָלק. אַלץ וואָס דער העברעאישער אוצר פאַרמאָגט אין זיך שטראָמט פון דער שעפערישקייט פון פאָלק. זי, און בלויז זי, האָט געבוירן די רייכקייט גופא פון דער העברעאישער שפּראַך.

אָדער נעמען מיר אַן אַנדער משל — די אידישע אמונה. ניט איך וויל, ניט איך קען זיך אַריינלאָזן אין אַ וויכוח מיט די, וואָס גלויבן, אַז די געטלעכע רעוועלאַציע האָט אונז געגעבן די תורה. אָבער ווי אַ פּשוטן מענטשן, ווייזט זיך מיר נאָך אַלץ אויס, אַז ווען מען באַטראַכט אפילו די גאַנצע דערשיינונג פון מתן תורה און די גאַנצע קדושה וואָס עס איז אַריינגעגעבן אין דער אידישער אמונה, ווי דער באַשאַף פון דעם אידישן פאָלקס־געניוס, האָט מען דערמיט זיכער אונזער אייגנאַרטיקייט ניט פאַרקלענערט. איך מיין אויך, אַז עס איז דורך דעם ניט פאַרקלענערט געוואָרן אפילו די קדושה פון דער תורה און פון אמונה. נעמט מען אָן ווידער, אַז מיר האָבן זוכה געווען צו אַ געטלעכער אַנטפּלעקונג דווקא צו אונז, דאַרפן מיר דאָך דאַן שוין מער ניט קיין אַנדער באַווייז פון דער פלאַימדיקער אַנדערשקייט פון אונזער פאָלק.

דער דריטער ביישפּיל — דער ביישפּיל פון קדושת שבת. דער פאָלקס־אינסטינקט האָט פאַרבונדן די באַזונדערע הייליקייט און אַנדערשקייט פון אונזער שבת מיט דער נשמה יתירה, וואָס יעדער איד דערשפּירט אין זיך מיט דעם אָנקום פון שבת. פון וואַנען איז געקומען דער דאָזיקער נשמה־יתירה־מאָטיוו? בלויז פון דער שטרענג אָרטאָדאָקסישער פאָרם פון שמירת שבת? זיכער האָבן די דאָזיקע פאָרמען גוואַלדיק משפּיע געווען אויף דער גייסטיקער קראַפט, וואָס שבת האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער אידישן לעבן. ווען אָבער דאָס אידישע פאָלק וואָלט ניט פאַרמאָגט אין זיך דעם באַזונדערן טאַלאַנט צו געבוירן נשמה־יתירהדיקייט, וואָלטן די מעטאָדן פון שמירת־שבת אַליין ניט דערהויבן אונזער שבת צו אַזאַ גייסטיקער הויך. קדושת שבת וואָלט זיך אפשר בכלל ווייניק צוגעקלעפּט צו אונז.

אַזוי קען מען נעמען כמעט יעדע אַנטפּלעקונג פון אונזער וואונדער־

באַרער שעפערישקייט און זי צוריקברענגען צו דעם איין און איינציקן מקור — צו דעם גרויסן קינסטלער־טאַלאַנט פון דעם אידישן פאָלק. איך אונטער־שטרייך אָט־דעם פונקט, ווייל נאָר ווען מען האָט אים אין זינען, קען מען באַקומען דעם גלויבן, אַז אויך דאָס אידנטום אויפן אַמעריקאַנער קאָנטי־נענט און דאָס פון אַסימילאַטאָרישע חלומות פאַרהלשטע אידנטום פון מערב־אייראָפּע, קען נאָך אַלץ אויפשטיין צום לעבן, זיך אָנטרינקען מיט אונזער המשך־זאַפט און צוטראָגן זיין חלק צו דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון אידי־שער שעפערישקייט.

3. הייסט עס, אַז אַלע אַנטפּלעקונגען פון דער אידישער שעפערישקייט ציען זייער חיונה פון דער אידישער אַנדערשקייט. אָנהויבנדיק פון מתן תורה, דורך די נביאים, דורך דער משיחיות, דורך דער תשוקה צו שיבת ציון פון אַלע דורות, דורך דעם אויפשטיין פון גייסטיקע שטראָמען אינם אידישן לעבן, וואָס האָבן אויפגעשטעלט פאַרשידענע הייזער פון לערנען און האָבן אונז געגעבן דעם תלמוד מיט אַלע זיינע מפרשים, דורך די מקובלים, ביז דער חסידישער באַוועגונג און דער באַוועגונג פון מוסרניקעס פון די אונז גאָר נאָענטע פריערדיקע דורות. אין זיי אַלע האָט געווירקט די אידישע אַנדערשקייט. זי ציט זיך דורך, ניט ווי אַ פאָדעם אין אונזער געשיכטלעכן פּראָצעס; זי איז איינגעפלאָכטן אין אים ווי אַ געוועב און דרינגט אים דורך אומעטום. יעדער אונץ פון אונזער שעפערישקייט איז פול דערמיט. פון דעם נעמט זיך די אַנדערשקייט פון אונזער שבת, וואָס איז ניט בלויז אַ יום מנוחה, נאָר בעיקר, אַ יום קדושה. פון דעם האָבן זיך גענומען אונזערע כוחות אויסצוהאַלטן אַזוי פיל גלותן און בלייבן לעבן. ניט פאַרלירן די אינערלעכע צונויפגעבונדנקייט און אויפהאַלטן אונזער עם־אחד באַוואוסטזיין — פון דעם האָט זיך ביז איצט גענומען אונזער באַ־זונדערע פעאיקייט צו פאַרוואַנדלען די אויף אונז אַרויפגעצוואונגענע פרעמ־דע שפּראַכן (וואָס ביי אַנדערע מינאָריטעטן זיינען זיי געווען דער הויפּט־מיטל פאַר אַסימילאַציע) אין כלים פון נאַציאָנאַל־אידישער יצירה, וואָס האָבן געהאָלפן שטאַרקן אונזער אייגנאַרט. די בעסטע באַווייזן דערצו זיינען אַראַמעאיש און אידיש. אפשר ליגט אין דער דאָזיקער דערשיינונג דער ריכטיקער ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס האָט מער בייגעטראָגן צו אונ־זער לעבן־בלייבן ווי אַ פאָלק אין גלות — אונזערע שטאַרקערע אייגנאַר־טיקייט, אָדער אונזער ספּעציעלע פעאיקייט זיך צוצופּאַסן צו אַלע באַדינ־גונגען? אונזער ספּעציעלע צופּאַסונגס־פעאיקייט איז אָן ספק אַ היסטאָרי־שער פאַקט. אָבער דווקא דער דאָזיקער פאַקט דערהויבט נאָך העכער די מדרגה פון אונזער פאָלקישע אַנדערשקייט. אונזער אַנדערשקייט איז פון אַזאַ גייסטיק־שטאַרקער קראַפט, אַז אין פּראָצעס פון צופּאַסן זיך האָט זי

דאָס, צו וואָס זי האָט זיך געדאַרפט צופּאַסן, אָפּט אַזוי איבערגעשמאָלצן אין איר שמעלצטיגל, אַז אויך דערפון זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן כלים פאַר אונזער שעפערישער אַנדערשקייט.

4. אויסמעקן די דאָזיקע אידישע אַנדערשקייט קען מען נאָר, אָדער דורך פיזישער אויסראָטונג פון אידישע מאַסן, אָדער דורך גייסטיקער צוואַנגס־פאַרשקלאַפונג. דאָרטן, וואו אידישע מאַסן לעבן און פאַרמאָגן פריי־הייט פאַר זייער אייגענעם גייסט, קען, צוליב אָביעקטיווע סיבות, קומען אַמאָל אַ גייסטיקע ירידה, אָבער אין פּאָטענץ פאַרמאָגט דער אידישער מענטש אין זיך די פונקען פון דער אידישער אַנדערשקייט. דעריבער זיי־נען דאָ אַלע אויסזיכטן אויף אַ געזונטן נאַציאָנאַלן המשך אין אַמעריקאַנער אידנטום, אויב נאָר עס וועלן געמאַכט ווערן די ריכטיקע פאַרזוכן צו גע־נערירן אין אים שעפערישקייט דורך אַריינגעבן אין אים אידישן המשך־זאַפט.

5. מדינת ישראל קען און וועט ווערן אַן אומגעהויערער פאַקטאָר פון המשך — סיי פאַר זיך, סיי פאַר דעם גאַנצן צעשפּרייטן אידישן גלות — נאַטירלעך יענעם אידישן גלות, וואָס לעבט אונטער באַדינגונגען פון פריי־הייט, וואָס קען אַליין פריי לעבן גייסטיק און קען זיך פריי פאַרבינדן מיט דעם ישראל־ישוב. אַזוי לאַנג ווי אין גלות לעבן אידן אונטער באַדינגונגען פון פרייהייט, קען און דאַרף מדינת ישראל ווערן אַ צושטעלער פון לעבנס־זאַפט פאַר יענע אידן, ביז יענעם טאָג ווען קיבוץ גלויות וועט אויך זיי ברענגען קיין ישראל.

6. די מענטשלעכע שעפערישקייט איז אַן אייביקע: זי וועט זיך קיינ־מאָל נישט אָפּשטעלן. אייביק איז אויך די שעפערישקייט פון יעדער נאַ־ציאָנאַלער גרופּע, אָבער די אייביקייט פון אַ פאָלקס־גרופּע איז אָפּהענגיק פון איר כוח אויפצוהאַלטן איר גייסטיקע אַנדערשקייט. און אַזוי ווי די אידישע גייסטיקע אַנדערשקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער ווי די אַנדערשקייט פון די אַלע ביז איצט באַוואוסטע פעלקער, ווערט קלאָר דער געשיכטלעכער זין און דער אמת פון נצח ישראל. אין אָט דער נצחיות גלויב איך באמונה שלימה. דאָס איז די נצחיות וואָס שטראָמט פון שטענ־דיקער אינערלעכער שעפערישקייט־טאַלאַנט און ניט אַ נצחיות וואָס פאַר־לאָזט זיך אויף אַן אויסערלעכער קראַפט זי אָפּצוהיטן. דער נצח ישראל לא ישקר שטאַמט פון דער טיפער זיכערקייט אין דער גרויסער פלאַימדיקער אַנדערשקייט פון דעם אידישן פאָלק. און אַזוי לאַנג ווי דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן, וועט עס אין זיך אויפהאַלטן די דאָזיקע אַנדערשקייט; דאַן בלייבט דער נצח ישראל לא ישקר אַ היסטאָרישער אמת.

7. דער ציוניזם, וואָס ציט זיין יניקה פון אָט־די דראַנגען פונם אידישן פאָלק, ווי זיי זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער גאַנצער אידישער גע־

שיכטע, האָט דעריבער ניט קיין ענד־ציל; ער איז אַן אייביקער פּראָצעס און ער דאַרף אייביק מיטגיין מיט דער אידישער געשיכטע. אין מדינת ישראל וועט זיך זיין ציל ניט פאַרענדיקן, אפילו ווען דער לעצטער איד וועט געבראַכט ווערן קיין ישראל. אמת, נישט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וועט אין ישראל דאַרפן אָפּהיטן די ציוניסטישע אידיי פון אייביקער אידישער נצחיות דורך אייביק־אידישער און אַנדערשדיקער שעפערישקייט. דאָס וועט טאָן דאָס פרייע פאָלק פון ישראל דורך זיין עצם־לעבן און שאַפן. אָבער דער קערן פון דער ציוניסטישער אידיי בלייבט אויך דאָרט אַן אייביקער, טאָקע ווייל ער איז דער המשך פון די געשיכטלעכע דראַנגען וואָס לעבן אינם אידישן פאָלק. איך וואָלט געוואָלט באַצייכענען דעם דאָזיקן גאַנצן געשיכטלעכן פּראָצעס ווי אונזער ציען זיך צו אַחרית הימים. שטערט מיר אָבער דאָס וואָרט „אַחרית", אויב דאָס דאָזיקע וואָרט דריקט אויס אַ צושטאַנד וואָס נאָכדעם איז שוין נישטאָ קיין ווייטערדיקער וועג וואוהין צו גיין. דאָס וואָלט געווען דער סוף פון דעם מענטשלעכן גייסט. דאָס מענטשלעכע האַרץ מוז האָבן שטענדיק וואוהין זיך ווייטער צו ציען. צום גליק איז אַזאַ „אַחרית" גאָרנישט מעגלעך, ניט פאַר אַ פאָלק און ניט פאַר דער מענטשהייט. דעריבער בלייבט נצחיות דאָס ריכטיקע וואָרט. אין ישראל וועט די דאָזיקע נצחיותדיקע אַנדערשקייט זיין גאַראַנטירט דורך דעם סאַמע־פרייעם, נאַציאָנאַלן לעבן פונם אידישן פאָלק. אין די תפוצות וועט דער ציוניזם — דאָ שוין ניט בלויז די אידיי, נאָר אויך די אָרגאַ־ניזאַציע — דאַרפן אָפּהיטן די שעפערישע כוחות פון אידישן פאָלק פון פאַרשידענע סכנות וואָס לויערן אויף זיי. קיינער קען ניט גאַראַנטירן צי נייע וועלט־אידייען וועלן ווייטער ניט זוכן אָפּצושוואַכן די אידיש־שעפערישע אַנדערשקייט. קיינער קען אויך ניט גאַראַנטירן צי נייע וועלט־שטורמען וועלן ניט אַריינוואַרפן אידן אין באַדינגונגען, וואָס וועלן אָפּשוואַכן די אינערלעך־גייסטיקע קראַפט פונם אידישן פאָלק. קעגן דעם דאַרף זיך דער ציוניזם פאַרפאַנצערן. אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז נאָך פאַרן ציוי־ניזם איבערגעבליבן אַן אומגעהויער גרויסע ראָלע אויפצואוועקן אין גרויסע מאָסן אידן זייערע אידישע שעפערישע כוחות, וואָס געפינען זיך נאָך אַלץ אין לאַטענטן צושטאַנד און שטייען נאָך אַלץ אין געפאַר פון פולשטענדי־קער אויסוואַפונג.

ה.

נעמט מען אָן די דאָזיקע גרונט־הנחות, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אין דער איצטיקער עפּאָכע שטייען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג,

וועלכע דאַרף מיטגיין מיט דער אידישער געשיכטע, צוויי פּאַראַלעלע — אין מיינע אויגן גלייך־וויכטיקע — אויפגאַבן. ערשטנס, העלפן פאַרשטאַרקערן און פאַרזיכערן מדינת ישראל; צווייטנס, אָפּהיטן אונזער גייסטיקע אַנדערשקייט אומעטום, דערהויבן זי צו דער העכסטער שעפערישקייט און דורך פּאַסיקער, טיף־דרינגענדיקער דערציאונג צוגרייטן די נייע אידישע דורות ממשיך צו זיין די אַנדערשקייט און שעפערישקייט פונם אידישן פאָלק.

דאָס זיינען די הויפּט־אויפגאַבן. אַלץ וואָס דער ציוניזם פאַרנעמט זיך צו טאָן אויף די דאָזיקע שטחים דאַרף דורכגעדרונגען ווערן, ערשטנס, מיט דער זאָרג, אַז די אַרבעט סיי פאַר מדינת ישראל, סיי פאַר דער פאַרטיפונג פון דער גייסטיקער אידישער שעפערישקייט אין אַלע תפוצות, זאָלן געפירט ווערן אין דער אָנערקענונג פון דער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט איינער פון צווייטן. מען קען דערפירן צו אַ דערפאָלג נאָר ווען זייביידע דערגאַנצן זיך און ניט ווען זיי ווערן אָוועקגעשטעלט איינע קעגן די אַנדערע. צווייטנס, די זאָרג דערפאַר, אַז אַלע אַרבעטן, סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות, דאַרפן אָנגעפירט ווערן מיטן ציל אין אויג אָפּצוהיטן דעם עם־אחד תוכן פון גאַנצן אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. און דריטנס, די געשיכטלעכע קרוין־אויפגאַבע דאַרף זיין: די פולשטענדיקע רעאַליזירונג פון קיבוץ גלויות, וואָס שליסט איין די אידן פון דער גאַנצער וועלט.

אין אָט די פאַרמולירטע אויפגאַבן זיינען פאַראַן סיי די שטחים פון אַרבעטן וואָס דאַרפן באַלד געטאָן ווערן און סיי אויך די צוקונפט־פּראָגראַם פון ציוניזם.

איך וואָלט מיך אפשר געקענט באַגנוגענען מיט די אַרויסגעבראַכטע געדאַנקען. פיל איך אָבער, אַז דער פונקט קיבוץ גלויות פאָדערט אַ ביסל מער קלאָרקייט. און ווייל דער דאָזיקער פונקט איז, אין מיינע אויגן, צוזאַמענגעקניפּט מיט אַלע אַנדערע אויפגאַבן, וואָס שטייען איצט פאַרן ציוניזם אין דער נייער תקופה, וויל איך פּרובירן זיי אָנצייכענען מיט קורצע ווערטער, מיטן ציל אַרויסצוברענגען צום בולטסטן דעם קיבוץ־גלויות־פונקט.

די פאַרשטאַרקונג פון מדינת ישראל שליסט איין סיי פּאָליטישע, סיי ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן. די ווירטשאַפטלעכע אויפגאַבן זיינען אַזוי קלאָר, אַז זיי נויטיקן זיך ניט אין ספּעציעלער אונטערשטרייכונג. און פאַר דער פּאָליטישער הילף אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע זיינען אויך דאָ קלאָר־פאַרמולירטע אויפגאַבן פאַר אונזער איצטיקער עפּאָכע. וואָס איך מיין קען קלאָר ווערן, ווען מיר האָבן פאַר אונזער אויג דעם פּאָליטישן געראַנגל פאַר דעם אויפריכטן פון דער אידישער מדינה אין די יאָרן הארט פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון ישראלס זעלבסטשטענדיקייט.

אין די שאַרפע דיסקוסיעס וואָס זיינען דאַן געפירט געוואָרן אין דער

ציוניסטישער באַוועגונג, הויפּטזעכלעך אין ארץ־ישראל, האָט דער איצטי־קער פּרעמיער בן־גוריון אייניקע מאָל פאָרמולירט די דאַמאָלסדיקע פּאָלי־טישע פאָדערונגען פון אידישן פאָלק אין פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. די ערשטע פאָרמולירונג איז געמאַכט געוואָרן אין דער צייט, ווען די סאַמע פאָדערונג פון אַ אידישער מדינה לאַלתר, באַלד, איז אָפּגעפרעגט געוואָרן פון פאַרשידענע טיילן פון אָרגאַניזירטן ציוניזם. דאַן האָט בן־גוריון פאָר־מולירט די פּאָליטישע פאָדערונגען אויפן פאָלגנדיקן אופן: עפענען פריי די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר אידישער עליה, די הערשאַפט פון דער סוכנות איבער אידישער עליה, געבן דער סוכנות פולע אויטאָריטעט צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד, כדי צוצוגרייטן ארץ־ישראל ווי אַ אידישע מדינה. די ערשטע פאָדערונג איז געווען — עליה. אַ ביסל שפּעטער, ווען מען איז געקומען נענטער צו דער מעגלעכקייט פון אַ אידישער מדינה, האָט ער ווידעראַמאָל פאָרמולירט דריי פאָדערונגען אין דער פאָלגנדיקער אָרדענונג: בטחון, מדינת ישראל, עליה. די דאָזיקע פאָדערונגען האָבן ווידעראַמאָל געהאַט פאַר זיך דעם ציל: אַ פרייע, גרויסע אידישע עליה. אין אַ נאָך שפּעטערדיקער עפּאָכע, כמעט האַרט פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה, האָט ער אין נייע גרויסע דיסקוסיעס ווידעראַמאָל פאָרמולירט די זעלבע פאָדערונג און האָט נאָך צוגעגעבן דערצו אַ פערטן פּונקט וואָס האָט געהייסן „ברית יהודית־ערבית״ (אידיש־אַראַבישער בונד). גיי איך איצט נישט אַריין אין אָפּשאַצן דעם ווערט פון די פאַרשידענע פּאָליטישע פאָ־דערונגען פאַר די פאַרשידענע צייטן ווען זיי זיינען פאָרמולירט געוואָרן. איך לאָז דאָ אויך אויס די אַראַביש־אידישע באַציאונגען. איך וויל בלויז אונטערשטרייכן, אַז שוין דאַן, ווען בן־גוריון האָט פאָרמולירט די דאָזיקע פאָדערונגען, זיינען דאָס ניט געווען דריי אָדער פיר אָפּגעזונדערטע פּאָלי־טישע צילן. זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט איין ציל: אַ אידישע מדינה, באַגרינדעט אויף איר אייגענער בטחון־קראַפט, וואָס נעמט אין זיך אַריין דעם מאַקסימום פון אידישער עליה.

אַלע פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען, בכן, פאַרבונדן מיט עליה. קיינע פון די פּאָליטישע פאָדערונגען זיינען נאָך ניט רעאַליזירט געוואָרן בשלימות. די מדינה אַליין איז נאָך אויך ווייט פון צו זיין זיכער. די פולע רעאַליזירונג פון אַלע פאָדערונגען איז אָפּהענגיק פון עליה. און עליה גופא מיינט קיבוץ גלויות. וועט קיבוץ גלויות דורכגעפירט ווערן, וועלן אַלע טיילן פון דאָזיקן פּראָגראַם ווערן רעאַליטעטן; טאָמער, חלילה, ווערט קיבוץ גלויות אין אַ באַדייטנדיקער מאָס ניט פאַרווירקלעכט, דאַן בלייבן אין געפאַר אַלע טיילן פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן פּראָגראַם. דערביי דאַרף מען נישט אַרויסלאָזן פון אויג די פאָלגנדיקע דריי פּונקטן:

א. די דערגרייכונגען פון אַלע, דורך בן־גוריון אָנגעצייכנטע פּאָליטישע צילן, זיינען די אויפגאַבע און דער אינטערעס ניט בלויז פון דער ישראל־באַפעלקערונג; די לאַסט פון דער דאָזיקער אויפגאַבע ליגט אויף אַלע אידן פון גאָר דער וועלט.

ב. אידן מחוץ פון ישראל האָבן אַ רעכט און אַ פליכט אַרויסצוזאָגן זייערע מיינונגען בנוגע דעם וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן, כדי צו דערגרייכן די פּאָליטישע צילן. באַשליסן די פּאָליטישע טאַקטיק און די פּאָליטישע האַנדלונגען פון מדינת ישראל קענען בלויז די אויטאָריטעטן פון דער אידישער מדינה, אָבער אויסדריקן מיינונגען זיינען מחוייב אַלע יענע אידן וואָס דענקען, אַז זיי האָבן עפּעס צוצוטראָגן צום פּאָליטישן געראַנגל וואָס דאָס גאַנצע אידישע פאָלק מאַכט איצט דורך אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרשטאַרקונג און פאַרזיכערונג פון מדינת ישראל. איך מיין אפילו, אַז די פּאָליטישע אָרגאַנען פון דער מדינה דאַרפן זיך גוט צוהערן צו דעם וואָס דאָס פאָלק בתפוצות זאָגט, אפילו בנוגע דער פּאָזיציע וואָס די פאַרטרעטער פון ישראל נעמען אין „יו־ען" צו פאַרשידענע פראַגן פון וועלט־באַדייטונג. אויך וועגן דעם קענען באַשליסן בלויז די אָרגאַנען פון דער ישראל־רעגירונג; אָבער היות ווי די שטעלונגען פון מדינת ישראל צו דעם אומגעהויערן אידיאישן געראַנגל אין דער איצט־צעטיילטער מענטשהייט מוזן אָנרירן לעבנס־אינטערעסן פון גאַנצן אידישן פאָלק, דאַרפן די ישראל־פאַרטרעטער אין דער „יו־ען" זיך שטאַרק צוהערן צום ווילן פונם אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. איך מיין ניט, אַז צוליב דעם דאַרפן באַשאַפן ווערן באַזונדערע אָרגאַנען. פאַרקערט, אַזוינס טאָר קיינער ניט פאַרלאַנגען, אָבער יענע אידישע אָרגאַנען, וואָס עקזיסטירן שוין, בעיקר טאַקע דער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס, דאַרפן און מוזן ברענגען צום אויסדרוק די שטעלונג פון דעם אידישן פאָלק צו אַזעלכע טיף־דרינגענדיקע ענינים.

ג. קיינער קען ניט פאָראויסזאָגן ווי לאַנג עס וועט זיך ציען דער צושטאַנד, ווען די אָרגאַנען פון מדינת ישראל וועלן האָבן די נויטיקייט זיך צוצוהערן צו דעם פּאָליטישן ווילן פונם אידישן פאָלק מחוץ ישראל. אויב דער קיבוץ גלויות פּראָצעס וועט אָנהאַלטן זיין איצטיקן טעמפּאָ אויך נאָכדעם ווי עס וועלן אויסגעליידיקט ווערן אַלע אידישע גלותן פון מזרח־אייראָפּע און פון די אַראַביש־מוזולמענישע לענדער, קען זיין, אַז אין פאַרלויף פון איין האַלבן יאָרהונדערט זאָלן זיך די כוחות־פאַרהעלטענישן צווישן די אידן אין ישראל און די אידן אין די תפוצות שטאַרק בייטן. די נויטיקייט צוצוהערן זיך צו די פּאָליטישע וואונטשן פון יענע אידן וואָס וועלן נאָך בלייבן אין די תפוצות, וועט שוין זיין ניט אַזוי שאַרף. אָבער אַזוי לאַנג ווי דער רוב מנין פון עם ישראל בלייבט אין די תפוצות, מוז מדינת ישראל

שטאַרק אין זינען האָבן דעם פּונקט, אַז אַלע אירע פּאָליטישע שטעלונגען רירן זייער טיף אָן די לעבנס־אינטערעסן פון אידן אין דער גאַנצער וועלט. דערפון דאַרפן ציען לאָגישע קאָנסעקווענצן סיי ממשלת ישראל, סיי דער אָרגאַניזירטער וועלט־ציוניזם.

ז.

ווי אַזוי דאַרף דער פּראָצעס פון קיבוץ גלויות חל זיין אויף אידן אין די מערב־איראָפּעאישע לענדער, און איבערהויפּט אויף אידן פון אַמערי־קאַנער קאָנטינענט? זאָל צום ווייפּלטן מאָל געזאָגט ווערן, אַז די עקסטרעמ־סטע אָנהענגער פון קיבוץ גלויות, צו וועלכע איך רעכן מיך צו, בויען ניט אויף קאַטאַסטראָפעס. מיר קענען נישט זיך אַליין, נישט עמעצן אַנדערש, געבן אַ פאַרזיכערונג, אַז אַ קאַטאַסטראָפע וועט ניט קומען; אָבער אַ קאַ־טאַסטראָפע אין אונזער תקופה מוז זיין אין איר כאַראַקטער אַ גלאָבאַלע. אידן וועלן פשוט ניט האָבן וואוהין צו אַנטלויפן. קיינער קען ניט וויסן וואו די קאַטאַסטראָפע קען פריער טרעפן. ווי ביטער עס איז נישט פון מויל אַרויסצוברענגען אַזאַ וואָרט, מוז אָבער אויך דאָס געזאָגט ווערן — פון אַזאַ וועלט־קאַטאַסטראָפע קען אויך ניט געזיכערט זיין מדינת ישראל. זייער ווייניק פון אַמעריקאַנער אידן, אויב, חלילה, זיי וועלן דאַרפן זיך ראַטעווען, וועלן גיין אין דעם וועג פון קיבוץ גלויות. בכלל איז אוממעג־לעך צו מאַכן וועלכע ניט איז חשבונות אויסגערעכנט אויף אַ קאַטאַסטראָפע. אונזערע חשבונות מוזן, דעריבער, זיין באַזירט אויף דער האָפענונג פון שלום, מיט, אָדער אָן דער קאַלטער מלחמה. וועלכע כוחות וועלן דאַן פירן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אויפן וועג פון קיבוץ גלויות?

עס וועט אַוודאי זיין אַ כוח המושך: מדינת ישראל וועט ציען צו זיך. עס וועט אויך זיין אַ כוח־הדוחף — די אוממעגלעכקייט פון שלימותדיקן לעבן אין קיינעם פון די גלות־לענדער פאַר עמעצן, וואָס וויל זיך פול־שטענדיק אויסלעבן אַלס איד. די דאָזיקע צוויי כוחות וועלן צוציען אַ ביסל אידן צו דער אידישער מדינה. די צאָל מוז אָבער זייער באַדייטנדיק שטייגן, כדי מיר זאָלן זי קענען אַריינרעכענען ווי אַ וויכטיקן בייטראַג צום קיבוץ גלויות־פּראָצעס. די צאָל קען שטייגן נאָר אין דער מדרגה וואָס די תשוקה צום אידישן אויסלעבן זיך וועט וואַקסן, ווען די אידן אין די פרייע לענדער וועלן פאַרמאָגן די טיפע וויזיע, וואָס איז פאַרבונדן מיט קיבוץ גלויות און מיט שיבת ציון. דעריבער איז דער וויכטיקסטער געבאָט פון דער עפּאָכע די דאָזיקע וויזיע אַריינצופלאַנצן צווישן די אידן פון אַמעריקע און מערב־איראָפּע וואָס מער. דערפאַר באַטראַכט איך אַלע אַרבעטן אויף דעם גע־

ביט פון גלייכער וויכטיקייט מיט אַלץ וואָס מיר דאַרפן טאָן צו שטאַרקן מדינת ישראל.

איך וויל אויך אָנווייזן אויף אַ וועלט־אַנטוויקלונג, וואָס קען געבן אַ גאָר באַדייטנדיקן שטויס דעם קיבוץ־גלויות־פּראָצעס. דאָס איז דווקא אַזאַ אַנטוויקלונג, וואָס, לויט מיין באַנעם, איז זי פּונקט דער היפּוך פון אַ קאַ־טאַסטראָפע. איך ברענג עס אַרויס ווי איינער וואָס איז דורכגעגאַנגען די פאַרשידענע שטאַפּלען פון דער פּועלי־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. איינער פון אירע טיפסטע דענקער, בער באָראָכאָוו, האָט צווישן אַנדערע סאָציאַל־אַנאַליטישע געדאַנקען — מיט וועלכע ער האָט באַרייכערט דעם ציוניזם — אויפגעשטעלט אַ טעאָריע, וואָס האָט זיך גערופן „די סטראַטעגישע באַזע״. געווען איז אין דעם אַ שטיקל צינז־אָפּצאָל דעם דעמאָלטיקן קוק פון געוויסע טיילן פון דער אידישער מאַסע, אַז אַלץ האָט זיך געדאַרפט צופּאַסן צום סאָציאַליזם.

די טעאָריע האָט געקלונגען אַזוי: „דער ציוניזם דאַרף פאַר דער אידי־שער אַרבעטערשאַפט זיין אַ סטראַטעגישע באַזע, וואָס זאָל פאַר איר דער־מעגלעכן אַ נאָרמאַלן אַנטייל אין דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם״. פון אַלץ וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט קען מען פאַרשטיין, אַז איך געהער נישט צו די חסידים פון באַזירן דעם ציוניזם אויף אַזאַ יסוד. איך מיין, אַז דער ציוניזם דאַרף ניט זוכן זיין באַרעכטיקונג אין דעם וואָס ער איז גוט פאַרן סאָציאַליזם, הגם געשיכטלעך איז באָראָכאָווס אַנאַליז באַ־רעכטיקט געוואָרן. אָן ספק, האָט די אידישע אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל פיל בעסערע מעגלעכקייטן צו בויען סאָציאַליסטישע פּאָזיציעס, ווי די אידישע אַרבעטער האָבן עס ווען עס איז געהאַט אין אַ וועלכן ס׳איז לאַנד.

אָבער איך בלייב נאָך אַלץ ביי דער מיינונג, אַז דערמיט באַגרינדן ציוניזם האָט מען נישט געקענט, פּונקט אַזוי ווי מען דאַרף ניט באַגרינדן די נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם צי ער דינט יאָ, אָדער ניט, דעם ציו־ניסטישן ציל. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז די רעאַליזירונג פון סאָציאַ־ליזם וועט געבן זייער אַ גרויסן שטויס דעם קיבוץ־גלויות־פּראָצעס. איך גלויב, אַז דאָס וואָס די מענטשהייט דאַרף דערוואַרטן פון סאָציאַליזם וועט סוף־כל־סוף רעאַליזירט ווערן. עס מאַכט ניט אויס אונטער וואָס פאַראַ נאָ־מען דאָס זאָל ניט דערשיינען. איך בין איבערצייגט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט ווען עס וועלן אויסגעגליכן ווערן יענע קרומקייטן אינם ווירטשאַפט־לעכן לעבן פון דער מענטשהייט, וואָס זיינען די וויכטיקסטע גורמים פון אַלע קאַמפן צווישן פעלקער און קלאַסן. איך האָב דעם געפיל, אַז מיר שטייען איצט נעענטער צו אַזאַ אויסגלייכונג ווי מיר זיינען ווען עס איז גע־שטאַנען, טראָץ די שרעקלעכע בלוט־שטראָמען וואָס די מענטשהייט צאָלט

פאַר די דאָזיקע אויסגלייכונגען. איך האַלט אויך, אַז ווען עס וועט קומען דער טאָג פון דער דאָזיקער אויסגלייכונג, ווערט דער פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות פיל מער מעגלעך ווי מיר שטעלן זיך עס איצט פאָר.

באַפעלקערונגען וועלן דאַן באַשטימען זייער לעבנס־אָרט פיל מער לויט דעם דראַנג פון זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנדערשקייט, ווי זיי קענען עס טאָן איצטער. איך שטעל מיר, למשל, פאָר, אַז אַן איטאַליענער, וואָס לעבט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, ביי וועמען דאָס אויסלעבן זיך אין דער איטאַליענישער קולטור פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין זיין נשמה, וועט פּרובירן זיך צוריקקערן צו יענעם אָרט, וואו ער וועט קענען בלייבן אַ גאַנצער הונדערט־פּראָצענטיקער איטאַליענער. אַוודאי וועלן פאַרשידענע אַנדערע פאַקטאָרן שפּילן אַ ראָלע. די טיפקייט, אין וועלכער זיינע קינדער און זיין משפּחה זיינען איינגעוואָרצלט אין דער נייער אַמעריקאַנער קולטור, וועט זיין אַ וויכטיקער פאַקטאָר. אויך ביי אידן וועט זיין דאָס זעלבע. אָבער אויב עס איז אמת וואָס איך באַהויפּט, אַז די אידישע אַנדערשקייט ווערט אַ סך וויניקער אָפּגעטעמפּט, ווי די אַנדערשקייט ביי אַנדערע עטנישע גרופּירונגען, וועלן אידן אַרויסגעבן פון זיך אַ גרעסערן פּראָצענט וואָס וועלן זיך ציען קיין ישראל, ווי איטאַליענער קיין איטאַליע.

מיין איך, בכן, אַז עס קענען קומען אָביעקטיווע פּראָצעסן, וואָס וועלן פאַרשנעלערן דאָס אַריינפירן פון גרויסע טיילן פון אַמעריקאַנער אידן אין דעם קיבוץ־גלויות־שטראָם און די דאָזיקע פּראָצעסן זאָלן גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט קאַטאַסטראָפעס. אָבער אפילו אַזאַ מאמין ווי איך, סיי אין די פּאָטענציעלע כוחות פון אַמעריקאַנער אידנטום, סיי אין דער האָפענונג אויף דער אויסגלייכונג פון עקאָנאָמישע קרומקייטן, פאַרבינד פונדעסטוועגן דעם פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות הויפּטזעכלעך מיט דעם, אַז דער חזון פון דער אידישער אַנדערשקייט זאָל לעבן אין אידישע הערצער, ווייל אויך אין יענעם „אַחרית הימים" פון עקאָנאָמישער גלייכקייט וועלן זיך אידן ציען צו זייער לאַנד נאָר דורך דעם כוח פון זייער חזון. דעריבער באַטראַכט איך דאָס גאַנצע פּראָבלעם פון אַ טיפדרינגענדיקער אידישער דערציאונג אין אַלע תפוצות פון דער זעלבער געשיכטלעכער באַדייטונג ווי דעם פּראָצעס פון בויען און שטאַרקן די אידישע מדינה.

ח.

צו אַט אַזעלכע אויפגאַבן מוז זיך צוגרייטן די ציוניסטישע באַוועגונג. זי האָט זייער אַ שווערן קאַמף פאַר זיך. שפּעטער־צו וועט מדינת ישראל ווערן אַ גרויסע הילף אין דעם דאָזיקן קאַמף. דערוויל געפינען מיר זיך

נאָך אין אַ צושטאַנד, וואָס דווקא די אויפשטעלונג פון מדינת ישראל ווערט אויסגענוצט פון דער אַסימילאַטאָרישער סטרא־אחרא, וואָס קעמפט קעגן די דאָזיקע נאַציאָנאַל־אידישע פּראָצעסן און וואָס נעמט אָן פאַרשידענע פּנימער אונטער פאַרשידענע באַדינגונגען. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט עס אָנגענומען די געשטאַלט פון דעם „קאָונסיל פאָר דזשודאַאיזם". די־זעלביקע פאָרם פון „דזשודאַאיזם" קען זיין סיי רויט, סיי שוואַרץ. ניטאָ קיין עצמ'דיקער אונטערשייד צווישן דעם „דזשודאַאיזם" פון אידישע קאָמוניסטן, רעפּרעזענטירט דורך דעם טרויעריק־באַרימטן איליאַ ערענבורג; דעם „דזשודאַאיזם" פון אַרטור קעסטלער מיט זיין חבריא און דעם „דזשודאַאיזם" פון ראָזענוואַלד מיט זיין גרופּע. זיי האָבן זיך איצט פאַנאַנדערגעשריגן אין דער אידישער גאַס און באַנוצן דווקא די אויפגעשטעלטע אידישע מדינה ווי אַן אַרגומענט פאַר זייערע אַסימילאַציע־לאָזונגען. זיי זוכן אונטערצוגראָבן דעם עם־אחד־געדאַנק — דעם וויכטיקסטן אמת פון דער גאַנצער אידישער געשיכטע. איין טייל וויל, אַז מיר זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב אין סאָוועטן־רוסלאַנד; אַ צווייטער וויל אונז פאַרוואַנדלען אין שטויב אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אַ דריטער טייל וויל אונז צעשטויבן אין דער גאַנצער וועלט. קעגן די דאָזיקע פאַרזוכן מוז דער ציוניזם אַרויסשטעלן זיין גאַנצע קראַפט. דווקא אין די פרייע לענדער איז די געפאַר פון פאַראַ־ליזירן אונזער היסטאָרישע שעפערישקייט זייער גרויס. מיר מוזן וויסן, אַז מיר האָבן דאָ צו קעמפן קעגן אומגעהויערע כוחות. די אַלגעמיינע שול אין די פרייע לענדער איז אַ גוואַלדיקער כוח אויף אונטערצוגראָבן אונזער אייגנאַרטיקייט. איך האָב מורא צו זאָגן, אַז צוגעהאָלפן דערצו האָבן אַלע אונזערע שיכטן, ניט אויסגעשלאָסן די רעליגיעזע פירער. די רעפאָרמער פון כל המינים האָבן עס אפשר אָנגענומען באַוואוסטזיניק; די אָרטאָדאָקסן נעמען אָן דעם דאָזיקן צושטאַנד ווי אַ גזר פון לית ברירה. זיי פאַרפאַנצערן זיך אין אייניקע אויסערלעכע פאָרמען פון רעליגיעזן לעבנס־שטייגער און מיינען, אַז דורך דעם וועלן די נייע דורות געראַטעוועט ווערן פאַר אידיש־קייט. די אַזוי־גערופענע ניט־רעליגיעזע זיינען אויך שולדיק אין שענקען צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט די פראַגן פון פאַרפלאַנצן אידישקייט אין נייע דורות. קיינער פון אונז איז ניט פריי פון דעם היסטאָרישן חטא. אָבער צווישן אידן, אויך צווישן אַ גרויסן טייל רעפאָרם־אידן, האָט זיך אָנגע־הויבן אַ נייע דערקענטעניש: די תשוקה פון אידישן המשך האָט אָנגעהויבן מאָנען איר חוב. די רעפאָרמער האָבן דערשפּירט, אַז די געשיכטע האָט זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש. זיי האָבן געמיינט, אַז נאָכגעבנדיק אין אויסערלע־כער אידישקייט, וואָס זיי האָבן באַטראַכט בלויז ווי אַ שאָלעכץ, וועט די יאָדער — די אידישע מיסיע — בלייבן. פּלוצים האָבן זיי דערזען דאָס

פאַרקערטע. פריער פון אַלץ איז די יאָדער צעפלאָסן געוואָרן; נאָכדעם איז זי אינגאַנצן אויסגערונען געוואָרן. די אידישע אָרטאָדאָקסיע האָט גע־נומען אַריינדרינגען טיפער אין דעם דאָזיקן געשיכטלעכן ענין און אויך די אידישע ניט־רעליגיעזע האָבן דערזען דעם תהום, פאַר וועלכן מיר שטייען. איז אַוודאי כדאי די דאָזיקע סימנים צו באַגריסן. אָבער עס איז נאָך ביי אַלע קלאַסן אידן ווייט דערפון, זיי זאָלן אין דעם זען דעם עיקר העיקרים, פּאַראַלעל מיט פאַרשטאַרקן מדינת ישראל.

און ניט נאָר די שול. די אַלגעמיינע גאַס איז נאָך אַ גרעסערע געפאַר. זוי מיר זאָלן זיך ניט קליגן, איז שווער צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי דאָס אידישע קינד — וואָס לעבט אין דער פרעמדער אַטמאָספער — זאָל ניט באַאיינפלוסט ווערן פון די קריסטלעכע חגאות. דאָס גאַנצע לעבן פון דעם אידישן קינד קומט פאָר אין אַ פרעמדער אַטמאָספער. דעריבער מאַך איך זיך ניט קיין אילוזיעס. איך ווייס, אַז מיר שטייען פאַר אומגעהויער־שווערע אויפגאַבן. איך ווייס, אַז אויך אונזער דור מוז זוכן סייגים וגדרים, וואָס זאָלן אָפּהיטן די אידישע אייגנאַרט. אין פּרטים גיי איך ניט אַריין. דעם דאָזיקן געראַנגל פאַר אונזער קיום מוזן מיר אויף זיך נעמען, בפרט איז דאָס דער חוב פון ציוניזם. קיין אַנדער ברירה איז פאַר אידן, וואָס ווילן המשך, ניטאָ.

דער ציל, וואָס איז פאַרבונדן סיי מיט שטאַרקן מדינת ישראל, סיי מיט איינפלאַנצן אידישע געשיכטלעכע וויזיע אין די יונגע אידישע דורות פון אַלע לענדער פון די תפוצות דאַרף, ווי מיר שיינט, אַזוי פאָרמולירט ווערן:

דורך ביידע קאַנאַלן אַריינגיסן אין אַלע קומענדיקע דורות די המשך־זאַפטן פון דער אידישער אייגנאַרטיקייט, אויסגעדריקט אין אַלע אַנטפּלעק־קונגען פון אונזער גייסט, כדי אַרויסצוברענגען דעם שלימותדיקן אידן. יעדער דור דאַרף רייכער מאַכן אונזער שעפערישע אייגנאַרטיקייט דורך צוגעבן זיין היסטאָרישן נופך משלו. דורך דעם וועט פאַרגרעסערט ווערן אונזער צושטייער צו דער אַלוועלטלעכער שעפערישקייט, וואָס וועט פירן צו וואָס מער שלימותדיקייט פון אַלע מענטשן־קינדער.

ט.

וואָס פאַרא שייכות קען מיט די דאָזיקע היסטאָרישע פּראָצעסן האָבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע? אין דער אַלטער אידישער וועלט האָבן מצוות מעשיות אָנגעפילט דאָס לעבן פון יעדן יחיד. זיי האָבן אים פעסט געהאַלטן אין דער ראַם פון אידישקייט און פון אידישער אַנדערשקייט. פאַר די וואָס קענען עס ממשיך זיין, דאַרף געטאָן ווערן אַלץ צו באַשאַפן באַדינגונגען

פאַר אַזאַ לעבן. פאַר די אָבער וואָס מצוות מעשיות (געדעכט, אָדער אומ־געדעכט) האָבן פאַרלוירן זייער קראַפט — זיי מוזן האָבן אַן אָרגאַניזירטן כוח וואָס זאָל זיי צוזאַמענהאַלטן. די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף זיין דער דאָזיקער וועלט־כוח.

דערמיט ווערט נישט אויסגעשלאָסן קיין אַנדער פאָרם פון אידישער אויסלעבונג. די, ביי וועמען די סינאַגאָגע פילט אויס זייער אידישע נשמה, איז אדרבא ואדרבא, זאָלן זיי ממשיך זיין. דער אָרגאַניזירטער ציוניזם דאַרף ניט נאָר ניט אויסשליסן קיינע פון די דאָזיקע פאָרמען, נאָר פאַר־קערט — ער דאַרף זיי אַלע סטימולירן. דער ציוניזם דאַרף אָבער פאַר זיך אַליין געדענקען, אַז כל זמן עס זיינען נאָך דאָ אידן אין גלות, איז דער קיבוץ־גלויות־פּראָצעס ניט פאַרענדיקט און זיין אויפגאַבע איז עס צו דער־פירן צו ביידע צילן.

טאָמער וועט עמעצער קומען און פרעגן: צי איז דאָס אַלץ געווען איינ־געשלאָסן אין דעם ציל וואָס די ערשטע גרינדער פון דער באַוועגונג האָבן פאַר זיך געשטעלט? וועל איך ענטפערן: מסתמא ניט. אָבער אַ באַוועגונג וואָס טרעפט צו צום געשיכטלעכן פּראָצעס פון אַ פאָלק, אָדער פון דער מענטשהייט, איז אַלע מאָל מער ווי אירע ערשטע גרינדער טראַכטן וועגן איר. ציוניזם איז, אָן ספק, פיל מער, ווי זיין פאָרמעלע פּראָגראַם האָט אָנ־געצייכנט. איך וואָג צו באַהויפּטן, אַז דער ציוניזם איז פיל, פיל מער ווי אפילו דער גרויסער הערצל האָט געטראַכט ווען ער האָט די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע געגרינדעט. איך זאָג בפירוש „געטראַכט", ווייל אינטו־איציע, רוח הקודש, האָט הערצל זיכער פאַרמאָגט.

איך זע די ציוניסטישע באַוועגונג, ניט ווי די מדינה אונטערוועגס, נאָר ווי דאָס פאָלק אונטערוועגס. דער פּראָצעס פון איבערטראָגן דאָס אידישע פאָלק קיין ארץ־ישראל דורך קיבוץ־גלויות האָט זיך, זיכער, אָנגעהויבן מיט דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס דאַרף זיין איר ראָלע אויך ווייטער, אַזוי לאַנג ווי דער אַחרון היהודי געפינט זיך נאָך אונטערוועגס.

„קיום", פּאַריז, 1950.

גלות און ישראל אין דער איצטיקער תקופה

א.

אויב מען רעדט וועגן דער איצטיקער אידישער תקופה, זאָגט מען שוין דערמיט אַליין אַז זי איז אַנדערש ווי די פריערדיקע אידישע תקופות. דאַרף מען אָנצייכענען פון וואַנען די אַנדערשקייט שטאַמט און אין וואָס זי באַשטייט.

איך זע די אַנדערשקייט ווי אַ פועל־יוצא, ערשטנס, פון דריי אין תוך גרונט־פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, און, צווייטנס, פון דריי עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונגען, וואָס אויך זיי זיינען צווישן זיך אַנדערש אין כאַראַקטער.

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן זיינען לויט דער ריי פון זייער געשען:

א. די רוסישע רעוואָלוציע;

ב. די היטלער קאַטאַסטראָפע;

ג. די אויפשטעלונג פון דער אידישער מדינה.

די עוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונגען זיינען:

א. די אָפשוואַכונג פון רעליגיעזן יסוד אין אונזער לעבן;

ב. די אָפשוואַכונג פון דער אַל־מענטשלעכער מאָראַל;

ג. דער אויפקום און דער כאַראַקטער פון אַמעריקאַנער אידנטום.

די אויסווירקונג פון די ערשטע צוויי רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אויף אונזער איצטיקער תקופה נויטיקט זיך נישט אין קיין לאַנגע פירושים. די היטלער־קאַטאַסטראָפע האָט פיזיש אויסגעמאָרדעט אַ דריטל פון אידישן פאָלק און די רוסישע רעוואָלוציע האָט אָפּגעריסן פון אַלוועלטלעך־אידישן מקור נאָך ווייניקסטנס אַ זעקסטל פון אונזער וועלט־פאָלק. צוזאַמען האָבן ביידע פאָליטישע אויסברוכן פאַרשניטן אַ פולע העלפט פון אונזער גאַנצן פאָלק. און, אויב מען נעמט אָן — און אַנדערש קען מען גאָר נישט אָננעמען! — אַז אַ פאָלק איז בעיקר אַן אָרגאַניזם וואָס שאַפט אַן אייגנאַרטיקע קול־טור, דאַן איז דורך די דאָזיקע צוויי געשעענישן פאַרשניטן געוואָרן פון אונזער פאָלק פיל מער ווי אַ העלפט פון זיין שעפערישער פּאָטענץ.

אַ פאָלקס אייגנאַרט גייט אַדורך במשך זיין געשיכטע. יעדער נייער דור נעמט איבער די גייסטיקע אוצרות פון פריערדיקע דורות, לעבט זיך אויס אין זיי און טראָגט צו זיין אייגענעם שטייער, דעם נופך משלו, צו דער געשיכטלעכער עשירות. ביי נאָרמאַלע פעלקער ווערט דער יצירה־פּראָצעס אויסגעשפּרייט אויף אַ נאָרמאַלן אופן צווישן זיינע קינדער. די

פעאיקערע העלפן בעיקר שאַפן זיין קולטור און די דורכשניטלעכע מאַסן זיינען בעיקר די קאָנסומענטן פון אָט־דער יצירה. די קעגנזייטיקע ווירקונגען פון די פעאיקערע און די דורכשניטלעכע שיכטן באַאיינפלוסן סיי דעם פראָצעס פון שאַפן, סיי די הנאה פון אויסלעבן זיך אין דער אייגנאַרטיקער קולטור. צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פאַר די קולטור־געשיכטע פונם געגעבענעם פאָלק.

אונזער גלות־לעבן האָט אָבער אַריינגעטראָגן אַ צוגאָב־צעטיילונג צווישן אונזערע שאַפנדיקע שיכטן און אונזערע קאָנסומענטן פון דעם שאַפן. די צוגאָב־צעטיילונג איז געווען אַ געאָגראַפישע: איינגעזעסענע גלותן און גלותן וואָס ווערן פון דאָס ניי אויפגעשטעלט. אין די איינגעזעסענע גלותן איז די אַנטוויקלונג אויף אָט־דעם שטח געגאַנגען כמעט אַזוי נאָרמאַל ווי ביי די אַנדערע פעלקער: געווען אַ קלענערע שיכט פון קולטור־שאַפער און אַ גרעסערע פאָלקס־שיכט פון געניסער. אויך זייער קעגנזייטיקע ווירקונג איינע אויף דער צווייטער איז געווען כמעט ווי ביי נאָרמאַלע פעלקער: די גרעסערע שיכט האָט משפיע געווען אויף די קולטור־שאַפער און צוזאַמען האָבן זיי גענאָסן די הנאה פון אויסלעבן זיך אין אָט־דער קולטור. אין די ניי אויפגעשטעלטע גלותן זיינען די ערשטע דורות כמעט געווען בלויז געברויכער און זייער וויניק אַליין־שאַפער פון קולטור. אין אַלע צייטן פון אונזער צעשפּרייטונג זיינען געווען איינגעזעסענע גלותן, וואָס זייער צוטראָג צו דער אייגנאַרטיקער אידישער קולטור איז געווען גאָר אַ באַדייטנדיקער, און נייע גלותן, וואָס זייער אייגענער צוטראָג, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען געווען ניי, איז געווען לפי־ערך זייער אַ קליינער.

די צוויי רעוואָלוציעס האָבן אָפּגעשניטן פון אונז דווקא יענע העלפט פון אונזער פאָלק, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון אידיש־אייגנאַרטיקער קולטור־שאַפונג אין די לעצטע יאָרהונדערטן פון אונזער געשיכטע. נישט האָבנדיק קיין עקזאַקטע מאָס, לויט וועלכער צו מעסטן דעם דאָזיקן גייסט־פאַרלוסט, נעם איך אָן, אַז עס האָט אויסגעשניטן פון דער אידישער יצירה וויניקסטנס צוויי דריטל פון אירע לעבעדיקע שעפער און געברויכער.

די נייע תקופה הויבט זיך בכן אָן מיט אָפּגעשוואַכטע גייסט־כוחות. דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע נעגאַטיווע פאַקטאָרן, מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען, ווען מען מאַכט אַ פאַרזוך אָנצוצייכענען אַ וועג פאַר דער איצטיקער תקופה וואָס זאָל פירן אונזער פאָלק צו ווייטערדיקן קיום, צו גייסטיקן המשך.

דער דאָזיקער נעגאַטיווער פאַקטאָר האָט געקאָנט מאַכן אַ סוף צו אונזער גאַנצן נאַציאָנאַלן קיום, און וואָלט איבעריק געמאַכט אַלע רייד וועגן

נייע המשך־פּראָצעסן. צום גליק האָט ער זיין פולן ציל נישט דערגרייכט. עס זיינען געשען צוויי זאַכן: א) דער חורבן האָט אומגעבראַכט בלויז טרעגער פון די גייסטיקע אוצרות, די אוצרות גופא האָט ער נישט געקאָנט פאַרניכטן. די ווערטן אַליין זיינען אויפגעהיט אין וואָרט, אין שריפט און אין אַנדערע גייסטיקע אויסדרוקס־פאָרמען. ב) אַ שארית ישראל איז אונז דאָך איבערגעבליבן. און אַזוי ווי אָנגעזאַמלטע קולטור־אוצרות באַקומען נאָר דאַן זייער תיקון ווען זיי ווערן געטראָגן פון דור צו דור דורך לעבעדיקע מענטשן, וואָס זיינען דורכגעדרונגען פון אָט־דער אייגנאַרטיקער גייסטיקער עשירות, מוז דעריבער דער אָפּגעראַטעוועטער טייל פון שארית ישראל פון אונזער תקופה נעמען אויף זיך די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע אָט־די גוואַלדיקע אָנגעזאַמלטע עשירות צוריק אַריינצופלאַנצן אין וואָס מער פון זיינע איי־גענע רייען און בעיקר זיי אַריבערטראָגן צו נייע דורות. ער מוז זיך דערי־בער פאַרזיכערן מיט נייע (איינגעשלאָסן אויך אַלט־נייע) המשך־פּראָצעסן אין דער נייער תקופה. דאַרף מען די דאָזיקע פּראָצעסן אָנצייכענען. אָבער איידער מיר טוען עס, מוזן מיר אין זינען האָבן נאָך צוויי נעגאַטיווע פאַק־טאָרן וואָס אונזער נייע תקופה האָט איבערגענומען.

זיי זיינען: די אָפּשוואַכונג פון אמונה אין אונזער לעבן און די אָפּשוואַ־כונג פון דער מענטשלעכער מאָראַל בכלל. דער רעליגיעזער מענטש וועט זאָגן, אַז אויך די אַלגעמיינע מאָראַלישע אָפּשוואַכונג קומט פון דער אָפּשוואַ־כונג פון רעליגיעזן געפיל. פאַר אונזער היינטיקער באַטראַכטונג איז אָבער קיין חילוק נישט, צי ביידע פאַקטאָרן זיינען צווישן זיך פאַרבונדן אָדער נישט. וויכ־טיק איז נאָר דער פאַקט גופא, אַז אונזער היינטיקע, ניי־אידישע תקופה הויבט זיך אָן אין אַ צייט פון אַן אָפּגעשוואַכטער מאָראַל אין דער גאַנצער מענטשהייט און פון אַן אָפּשוואַכונג אין דער גייסטיקער קראַפט וואָס אמונה האָט אויסגע־איבט אין דעם אידישן שאַפן.

ב.

די נייע תקופה עפנט זיך אָבער אויך מיט צוויי גוואַלדיקע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, וואָס פריערדיקע גלות־תקופות האָבן נישט פאַרמאָגט: די אויפ־שטעלונג פון מדינת ישראל און דער אויפקום פון אַמעריקאַנער אידנטום. ביידע פאַקטאָרן זיינען פול מיט אומגעהויער־וויכטיקע פּראָבלעמען און מען מוז צו זיי געפינען ענטפערס. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אין זיי ביידע איז הויפּטזעכלעך פאַראַנקערט אונזער האָפענונג אויף קיום; אַז בעיקר דורך זיי מוזן דורכגיין די המשך־פּראָצעסן פון אונזער תקופה, ווייל זיי זיי־נען היינט דער וויכטיקסטער טייל פון שארית ישראל. ווען מען רעדט דע־

דיבער וועגן גלות און ישראל אין דער איצטיקער תקופה, מוז מען בעיקר האָבן אין זינען צוויי זאַכן: א. — די פּראָבלעמען פון אָט־די צוויי אידנטומס; ב. —— די קעגנזייטיקע פאַרבינדונג צווישן זיי. אין דעם זיינען איינגעוועבט אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען וואָס באַרירןביידע צוזאַמען. די וויכטיקסטע דאַרפן פאַרצייכנט ווערן.

דערביי מוזן מיר אויך געדענקען די צייט, אין וועלכער די גאַנצע מענטשהייט לעבט. דאָס בעסטע וואָס מען קען בנוגע דעם האָפן איז, אַז דער נייער אידישער תקופה, וועגן וועלכע מירריידן, וועט באַשערט זיין אויסצומיידן אַ נייע וועלט־מלחמה. אויב, חלילה, אָט די האָפענונג וועט נישט מקויים ווערן, וועלן אַלע אונזערע אַנאַליזן גאָרנישט ווערט זיין. קיינער קען נישט וויסן ווי אַזוי די מענטשהייט בכלל וועט אויסזען נאָך אַ דריטער וועלט־מלחמה. נאָך ווייניקער קאָן עמעצער וויסן ווי אַזוי דער שארית ישראל וועט אויסזען נאָך אַ נייעם וועלט־שטורעם. אָבער ווען די האָפענונג זאָל אפילו יאָ מקויים ווערן (און קיין נייע וועלט־מלחמה וועט נישט אויסברעכן), וועט די נייע אידישע תקופה דורכמאַכן איר וועג אין אַ צייט פון דער גרעסטער אינטערנאַציאָנאַלער אָנגעצויגנקייט; אין אַ צייט פון אַ קאַלטער מלחמה, וואָס וועט האַלטן די מענטשהייט צעטיילט נישט נאָר אין דער ברייט, געאָגראַפיש, צווישן מזרח און מערב, נאָר אויך אין דער טיף, אידייאיש — צווישן דעמאָקראַטישער פרייהייט און דיקטאַטאָרישער שקלאַפעריי. דערצו וועט נאָך — אין די דעמאָקראַטישע לענדער גופא — די מענטשהייט זיך געפינען אין דעם פאַרשאַרפסטן קלאַסן־געראַנגל.

די דאָזיקע וועלט־לאַגע מוז מען אויך אין זינען האָבן, ווען מען פּרואווט אָנצייכענען ראשי פּרקים פון אַ אידישער המשך־פּראָגראַם אין דער איצטיקער תקופה, סיי פאַר מדינת ישראל סיי פאַרן אידנטום אין גלות — הויפּטזעכלעך אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

קודם כל דאַרפן באַצייכנט ווערן אייניקע הנחות, אויף וועלכע אַזאַ המשך־פּראָגראַם דאַרף זיין באַזירט.

ג.

די ערשטע הנחה: מדינת ישראל האָט אַריינגעבלאָזן אַ נייעם רוח חיים אין דעם שארית ישראל און געגעבן אַ נייע ווענדונג דער וויטערדיקער אידישער געשיכטע. דעם רוח חיים שפּירן מיר אַלע. די פּאַטענץ פאַר אַ נייער ווענדונג געפינט זיך אָן ספק אין מדינת ישראל. אָבער די ריכטונג פון דער נייער ווענדונג און דער תוכן וואָס זי וועט אַריינברענגען אין אונזער וויטערדיקן לעבן זיינען אָפּהענגיק פון דער פעאיקייט פון שארית

ישראל אין מדינת ישראל גופא; ווי אַזוי זי וועט באַווייזן אַריינצוברענגען די היסטאָריש־אידישע גייסטיקע עשירות אין אירע נייע דורות און מאַכן זיי אַקטיוו אין די וויטערדיקע לעבנס־פּראָצעסן פון אידנטום אין מדינת ישראל.

די צווייטע הנחה: די אויבן־אויסגערעכנטע נעגאַטיווע פאַקטאָרן דיקטירן די נויטווענדיקייט, אַז די צוויי וויכטיקסטע כחות וואָס זיינען אונז איבערגע־בליבן מוזן זיך האַלטן ענג־צוזאַמען. זיי מוזן איינזען אַז זיי זיינען אָפּהענגיק איינער פון צווייטן. אויב יעדער איינער פון זיי זאָל זיך פאַרלאָזן בלויז אויף אייגענע כחות, נעמט ער אויף זיך די פאַרגרעסערטע געפאַר פון אַ דורכפאַל, וואָס קען פירן צום אומקום. זאָל, חלילה, ישראל ניט אויסהאַלטן, וועט צוזאַמענברעכן אויך די אידישע אייגנאַרטיקייט אין גלות. און זאָל, חלילה, דער גלות פאַרלירן זיין ווילן פאַר המשך פון דער אידישער אייגנ־אַרטיקייט, וועט דורכדעם געשטעלט ווערן אין סכנה אויך מדינת ישראל.

די דריטע הנחה: די אויסגערעכנטע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן גיבן די האָפענונג אַז מיר קענען איבערלעבן אפילו די אויסערגעוויינלעכע שווערע באַדינגונגען, אויב מיר זאָלן וויסן ווי אַזוי צו מאָביליזירן אַלע אונזערע פאַרבליבענע כחות; זיי ריכטיק איינטיילן אויף אַלע יענע אַרבעטס שטחים וואָס דאַרפן פאַרזיכערן אונזער קיום און אונז צוגרייטן צו יענעם דרך המלך אויף וועלכן אונזער שאַפונגס־וועג וועט ווערן פריי אָן שטערונגען. אונזער קיום זאָל דערביי אויך איינגעפלאָכטן ווערן אין אַ ברידערלעכן פעלקער־בונד, וואָס וועט אַריינגעמען אין זיך די גאַנצע מענשהייט.

ד.

וואָס זיינען די פּראָבלעמען פון ישראל?

אויפן ערשטן אָרט גייען נאַטירלעך יענע פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט בויען די מדינה. אין דעם גייען אַריין די שטחים פון „בטחון״, עקאָנאָמישע באַפעסטיקונג, דאָס אַריינבויען פון געזונטע סאָציאַלע יסודות און דאָס איינ־פלאַנצן פוןווירקלעכער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע. דאָס דאַרף דורכגעפירט ווערן דורך עליה, קליטה, התישבות און אַלץ וואָס גייט אַריין אין באַפעסטיקן די מדינה.

אין די ערשטע צוויי אויסגערעכנטע שטחים קען דער גלות מיטהעלפן ישראל און ער העלפט טאַקע מיט. די דאָזיקע פאַרבינדונג צווישן גלות און ישראל איז בדרך כלל אָנגענומען געוואָרן. מיטן אויסנאַם פון אידישע קאָמוניסטן און די גרופּקעלעך אידן וואָס נעמען אָן די אידעאָלאָגיע פון „קאָנסול פאַר דזשודאַאיזם״, גיבן אַלע אידן הילף דורך די פאַרשידענע

געלט־זאַמלונגען. בנוגע די לעצטע צוויי שטחים האָבן אידישע גרופּן אין די תפוצות פאַרשידענע איינשטעלונגען. יעדע ריכטונג זוכט אפילו — און מיט רעכט! — צו באַאיינפלוסן אַנטוויקלונגען אין ישראל לויט איר אידעאָלאָגיע. דורכדעם איז אויך אויף די דאָזיקע שטחים דאָ אַ פאַרבינדונג צווישן ישראל און גלות, אפילו ווען אַלע ווייסן, אַז בלויז די בירגער פון דער מדינה קענען ענדגילטיק באַשטימען די סאָציאַלע און פּאָליטישע יסודות אין ישראל. פאַר אונזער באַטראַכטונג איז בעיקר וויכטיק אַ פינפטער שטח: הויבן דעם גייסטיקן מצב פון ישראל־אידנטום. אודאי איז דאָס וויכטיק פאַרן ישראל אידנטום גופא. אָבער פּונקט אַזוי וויכטיק איז דאָס אויך פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק, ווייל אויף דעם שטח מוזן געפונען ווערן די היסטאָרישע פאַרבינדונגען צווישן ישראל און גלות; אויף דעם שטח וועלן אויך מוזן אויפגעבויט ווערן די וויכטיקסטע בריקן צווישן ישראל און גלות. פון די רעזולטאַטן אויף אָט דעם שטח זיינען אָפּהענגיק די וויכטיקסטע צוויי צילן, וואָס אונזער תקופה איז מחויב צו זיי צו שטרעבן און טאָן אַלץ וואָס זי קען, זיי צו פאַרזיכערן: די אויפהאַלטונג פון דעם עם־אחד באוואוסטזיין אינם גאַנצן אידישן פאָלק און די ווייטערדיקע ראָלע פון דעם אידישן פאָלק אין דער מענטשהייט. דער צווייטער ציל איז אָפּהענגיק פון ערשטן. וועלן מיר אויפהאַלטן אונזער עם־אחד׳יזם, אונזער פאָלקישע אייגנאַרטיקייט, איז אונזער ראָלע אין דער מענטשהייט דורכדעם אַ געזיכערטע. מיר וועלן האָבן וואָס צו־צוטראָגן צום גאַנצן קולטור־אוצר פון דער מענטשהייט, און מיר וועלן עס צוטראָגן דורך לעבן אונזער אייגנאַרטיקן לעבן, דורך פאָרזעצן אונזער אייגנאַרטיק און גייסטיק שאַפן. וועלן מיר אונזער אייגנאַרטיקייט, חלילה, פאַרלירן, האָבן מיר מער ניט וואָס בייצושטייערן. סיי די אויפהאַלטונג פון אונזער אייגענעם עם־אחד׳יזם און סיי אונזער שטייער צו דער מענטשהייט איז זייער פיל אָפּהענגיק פון דער גייסטיקער הויך, צו וועלכער דאָס ישראל־אידנטום וועט זיך דערהויבן און פון דער גייסטיקער טיפקייט צו וועלכער ער וועט דרינגען.

טראָץ דער געפאַר אויסגעלאַכט צו ווערן פון ציניקער און היפּער־רעאַליסטן, מעג מען זיך אויך פאַרמעסטן צו פאָרמולירן אַן אחרית הימים פּראָגראַם פאַר מדינת ישראל וואָס, מיר שיינט, אַז ער פאַלט צוזאַמען מיט דעם אחרית הימים פּראָגראַם פאַרן גאַנצן אידישן פאָלק. איך באַנוץ דעם אָנגענומענעם באַגריף „אחרית הימים״, געדענקענדיק דערביי, אַז קיין אמתער „אַחרית״ וועט קיינמאָל ניט זיין, ווייל קיינמאָל וועט ניט קומען אַזאַ טאָג ווען דער מענטש זאָל ניט האָבן ווייטער צו וואָס צו שטרעבן און וואוהין צו צילן. אויך דער אחרית הימים פון אונזערע נביאים האָט ניט געקאַנט מיינען, אַז דאָס וועט טאַקע זיין דער אַחרית, דער סוף, פון מענטשלעכע שטרעבונגען צו

דערהויבן זיך אַלץ העכער צו קדושה. איך באַנוץ דעם באַגריף „אחרית" נאָר אויף אַזוי ווייט ווי אַ מענשלעכער מח פון אונזער תקופה קען מיט זיין מחשבה דערגרייכן. אָט דער אַחרית הימים פון דעם אידישן פאָלק דורך מדינת ישראל דאַרף אונז ברענגען צו אַ צושטאַנד, וואָס איז פאַרקערפּערט אין אַן אַנדער נביאישער הבטחה: כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים. ווען מען האָט זיך ביים לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס מתווכח געווען וועגן אַ ירושלים־פּראָגראַם, האָט זיך מיר געדוכט: ווען מען זאָל טאַקע מוזן אָננעמען אַ נייע פּראָגראַם וואָס זאָל פאַרבייטן די באַזעלער, וואָלט נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה אַזאַ פּראָגראַם אַם בעסטן און היסטאָריש אַמריכטיקסטן געקאָנט אויסגעדריקט ווערן דורך דער דאָזיקער נביאישער הבטחה. איך בין זיכער אַז סוף־סוף וועט אַזאַ פאָרמולירונג אָנגענומען ווערן. די דאָזיקע נביאישע הבטחה דריקט אויס ניט נאָר אַ רעליגיעזן גלויבן. זי ווייזט אויך אָן אויף דעם מהות פון דער אידישער גייסטיקער אייגנאַרטיקייט. ניט צופעליק איז די אידישע אייגנאַרטיקייט אַם'בולט'סטן אַנטפּלעקט געוואָרן אויף דעם שטח פון אמונה. אויף דעם שטח זיינען פאַרצייכנט אַלע גרעסטע גייסט־דערגרייכונגען אין אונזער געשיכטע. אויך אין דער צוקונפט וועט דער דאָזיקער עלעמענט בלייבן דער ספּעציעלער אינסטרומענט פון אונזער אייגנאַרטיקייט, דער הויפּט־אַרויסרופער און הויפּט־אַרויסברייננגער פון אונזע־רע גייסטיקע פּאָטענצן, ווען אפילו דער ענין אמונה אַליין וועט דורכגיין פאַרשידענע ענדערונגס־פּראָצעסן. די אידישע נבואה האָט עס זיכער טיף באַגריפן און דעריבער האָט זי אָנגעצייכנט אונזער ספּעציפישע ראָלע פאַר דור דורות, אין אָט דעם פּסוק: כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים. ציון און ירושלים זיינען, אמת, בעיקר געאָגראַפישע באַגריפן און אויך זייער געאָגראַפיע שפּילט אַן ספק אַ גרויסע ראָלע. אָבער אין ציון און ירושלים איז זיכער געמיינט געוואָרן אויך „העם היושב בציון". ווייל דורך אים, דורך דעם פאָלק וואָס איז ספּעציעל פאַר אָט דער ראָלע צוגעפּאַסט, וועט די דאָזיקע נבואה מקויים ווערן און דורך אים וועט זי געטראָגן ווערן צו דער גאַנצער מענשהייט.

אָבער כדי צו קענען האָפן אויף אַזאַ אחרית הימים מוז נאָך דאָס אידישע פאָלק נעמען אויף זיך אַן אומגעהויער־גרויסן עול: צו העלפן דעם ישראל־ישוב זיך דערהויבן צו אָט אַזאַ גייסטיקער הויך. איך זאָג בפירוש: דאָס גאַנצע אידישע פאָלק מוז דערצו מיטהעלפן. דער ישראל ישוב אַליין וועט מיט אייגענע כחות זיך ניט קענען דערהויבן. און דאָ האָב איך ניט אין זינען מאַטעריעלע הילף. איך האָב אין זינען אַז דורך אַריינברענגען אין דער שארית הפליטה — גלות און ישראל — וואָס מער פון די אייגנאַרטיק־אידישע און גייסטיקע רייכטימער וואָס אפילו די היטלער־וואַקכאַנאַליע האָט

ניט געקענט פאַרניכטן, וועט דערהויבן ווערן דער גייסטיקער מצב פון דעם גאַנצן אידנטום. דאָס מיינט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז די דערהויבונג פון דעם גייסטיקן מצב פון אידן וואָס לעבן אין גלות — און אַזוי לאַנג ווי זיי בלייבן אין גלות — איז אין זיך אַליין אַ פאַקטאָר, וואָס וועט העלפן הויבן דעם גייסטיקן מצב פון אידן אין ישראל. פון דער אַנדערער זייט וועט דער אויפגעהויבענער גייסטיקער מצב פון ישראל־אידנטום העלפן אין הויבן די מדרגה פון אידיש־גייסטיקן לעבן אין די תפוצות. אויב, חלילה, פאַרקערט, אויב דער גייסטיקער מצב וועט ניט געהויבן ווערן, וועט די ווירקונג אויך זיין אַ קעגנזייטיקע, אָבער אַ נעגאַטיווע.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ איז ריכטיק נאָר ווען מען נעמט אָן דעם עם־אחד פּרינציפּ; אַז אין די ספערן פון אונזער גייסטיקן שאַפן זיינען מיר אַן איינהייטלעך פאָלק. מיר ווייסן, אַז ניואַנסן פון פאַרשידנקייט האָבן זיך אַריינגעריסן אין גאַנג פון אונזער קולטור־שאַפן. אייניקע ניואַנסן האָבן פּאָזיטיוו באַפרוכפּערט אונזער שאַפן. אַנדערע, פאַרקערט, האָבן עס נעגאַטיוו באַאיינפלוסט. אָבער דער יסוד איז אומעטום דער זעלביקער. מיר פאַרמאָגן אַן אינטערגראַלע קולטור. אין איר זיינען איינגעשלאָסן אַלע שאַפונגען פון אַלע אידישע דורות אויף אַלע געביטן פון שאַפן זינט דעם טאָג ווען מיר זיינען אויפגעטראָטן ווי אַ פאָלק אויף דער אַרענע פון דער מענשלעכער קולטור; זינט מיר האָבן אָנגעהויבן אַריינשפּילן אונזער אייגנאַרטיקן טאָן אין דעם סימפאָנישן אָרקעסטער פון מענטשלעכן גייסט. אונזער אַרויפטריט אויף דער וועלטלעכע קולטור־אַרענע האָט זיך אָנגעהויבן דורך מתן־תורה. אָבער כחות וועלכע האָבן וויברירט אין דעם שבט עבר, פון וועלכן מיר שטאַמען, האָבן שוין פריער אויסגעוואַרעמט דעם וואונדער פונם קומענדיקן מתן־תורה אין דעם דאָזיקן וואונדער־שבט. צי דאָס זיינען געווען גאָטס כחות אָדער אינערע וואונדערבאַרע פאָלקס־שעפערישקייט, דיסקוטיר איך דאָ ניט. דעם געשיכטלעכן פאַקט קען אָבער קיינער ניט אָפּלייקענען: פון יענעם מעמד הר סיני ביז היינטיקן טאָג ציט זיך דער שטראָם פון אידיש־אייגנאַרטיקער יצירה און ער גיסט זיך אַריין אין דעם גרויסן קולטור־ים פון דער גאַנצער מענשהייט.

די דאָזיקע כחות וואָס האָבן אונז געגעבן מתן תורה, די נביאים, די סופרים, די אנשי כנסת הגדולה און די תנאים ואמוראים, די גאונים און די שעפער פון דער שפּאַנישער עפּאָכע, די חסידים און די מוסר־באַוועגונג, די העברעאישע און אידישע ליטעראַטור און אַלע אידישע קולטור שאַפער אין אַנדערע אויסדרוק־פאָרמען פון גייסט וואָס האָבן זייערע יצירות אַריינגעגאָסן אין ניט אידישע קאַנאַלן, אָבער זיי אַליין האָבן עס פון אידישע מקורות געשעפּט, — אָט די דאָזיקע כחות זיינען די ירושה אויך פון דעם אידן

אין דער היינטיקער תקופה. ער האָט די פּאָטענץ זי אויפצונעמען און צוטראָגן זיין חלק צום גאַנג פון אונזער קולטור־געשיכטע. די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור, די אַנטשטייאונג פון ציוניזם, בעיקר פון חלוציזם און די עצם־אויפשטעלונג פון דער מדינה זיינען עדות, אַז די דאָזיקע כחות לעבן נאָך אין אונז. מדינת ישראל איז דער גרעסטער פאַקטאָר אין אַרויסברענגען די דאָזיקע פּאָטענצן מכח אל הפועל.

די צענטראַלסטע פּראָבלעם פון ישראל אויף דעם דאָזיקן שטח איז מיזוג הגלויות, דאָס צוזאַמענשמעלצן און פאַראייניהייטלעכן די אידן פון די פאַרשידענע גלות׳ן. די ראָלע פון ישראל אין אָט דעם היסטאָרישן המשך־פּראָצעס קען נאָר דאַן געמאָלט זיין, ווען פון אַלע באַזונדערע גלות׳ן וועט אויסשמידט ווערן אַ גייסטיקער עם־אחד׳יזם, באַזירט אויף דער היסטאָרישער אייגנאַרטי־קייט פון אידישן פאָלק. די אידן אין גלות מוזן דאָ אויך מיטהעלפן. זיי קענען עס טאָן דורך אַרויסברענגען צום אַקטיוון ווירקן די גייסטיק־אידישע פּאָטענצן וואָס אויך זיי פאַרמאָגן. זיי וועלן דורכדעם סיי רייכער מאַכן זייער לעבן, סיי אויך באַאיינפלוסן דעם פּראָצעס פון מיזוג הגלויות אין ישראל.

אָבער סטיכיש וועט עס ניט קומען.ביידע טיילן מוזן אַריינלייגן אין דעם די טיפסטע מחשבה, צו וועלכער זיי קענען זיך דערקלייבן. יעדער אונץ פון ענערגיע מוז אַריינגעגאָסן ווערן אין אַלע אַרבעטן וואָס פירן דערצו. וועל איך שפּעטער פּרובירן אָנצייכענען די הויפּט אַרבעטס־שטחים, דורך וועלכע אָט די גייסטיקע המשך־זאַפט זאָל אַריינגעשטראָמט ווערן אין אידנטום פון אונזער עפּאָכע. איך מוז אָבער פריער פּרובירן אַרויסברענגען די באַדייטונג פון דעם צווייטן פּאָזיטיוון פאַקטאָר פון דער איצטיקער עפּאָכע: דאָס וועזן פון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס איז פיל שווערער ווי אַרויסצוברענגען די באַ־דייטונג פון מדינת ישראל פאַר אונזער איצטיקער עפּאָכע.

ה.

רעדנדיק וועגן וועזן פון אַמעריקאַנער אידנטום, וואָלט מען אייגנטלעך געדאַרפט אָנצייכענען די פאַרשידענע עפּאָכן פון דער אידישער איינוואַנ־דערונג אויף דעם נייעם קאָנטינענט. מען וואָלט אויך געדאַרפט אַרויסברענגען די השפּעה פון יעדער איינער פון זיי אויף דעם אויספאָרמירונג פון דער פיזיאָנאָמיע פונם אַמעריקאַנער אידנטום, ווייל אפילו די ערשטע און די שוואַכסטע איינוואַנדערונג — די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע — האָט אויך איבער־געלאָזן אירע צייכנס אויף אונזער וועזן. אַזוי ווי מיר נעמען אַריין אין אונזער באַטראַכטונג די אידישע קיבוצים פון אַלע לענדער אויפן אַמערי־קאַנישן קאָנטינענט, וואָלט מען אפילו געדאַרפט אַריינרעכענען, צווישן די

כחות וואָס האָבן פאָרמירט אונזער וועזן, אויך יענע אַנוסים־איינוואַנדערער פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל וואָס האָבן בשעתם געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע, הויפּזעכלעך אין אַזאַ לאַנד ווי בראַזיל. אַוודאי וואָלט מען געדאַרפט אונטער־שטרייכן די איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום, וואָס האָט אויסגעווירקט די גרעסטע השפעה אין פאָרמירן אונזער מהות. וועלן שפּעטער־דיקע פאָרשער זיכער דאַרפן שענקען אויפמערקזאַמקייט די אַלע פאַקטאָרן. פאַר אונזער היינטיקער באַטראַכטונג וועט זיין גענוג אָנצוצייכענען די הויפּט־פאַקטאָרן וואָס האָבן באַאיינפלוסט דאָס וועזן פון אַמעריקאַנער אידנטום. ערשטנס: די פאַקטאָרן וואָס האָבן פאָרמירט דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דעם לאַנד אַמעריקע און דורכדעם באַאיינפלוסט די אַנטוויקלונג אויך פון די אַמעריקאַנער אידן. צווייטנס: די אינווייניקסטע אידישע פאַקטאָרן וואָס האָבן די אידישע ישובים פון די אַמעריקאַנער לענדער געגעבן אַן אייגנאַרטיק פּנים. בעיקר דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף דעם אידנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין די אַנדערע אמעריקאַנישע לענדער זיינען אייניקע פון די דאָזיקע פאַקטאָרן גאָר ניט געווען, אָבער דאָס צאָלרייכע אידנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט סיי ווי באַאיינפלוסט דאָס וועזן פון די אידישע ישובים אין די אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער אין דער ריכטונג אין וועלכער עס האָט זיך אַליין אַנטוויקלט.

דער ערשטער פאַקטאָר: אַמעריקע איז אין קולטור־היסטאָרישן זינען אפילו איצטער נאָך ניט קיין האָמאָגענע נאַציע. אין די ביז־איצטיקע דורות, אין וועלכע דאָס וועזן פון אַמעריקאַנער אידנטום האָט זיך געהאַלטן אין פאָרמירן, איז זי אַוודאי ניט געווען קיין האָמאָגענע קולטור־היסטאָרישע נאַציע. דער פאַקטאָר האָט זיך בעיקר אויסגעווירקט אויף פאָלגנדיקן אופן: דער איד וואָס האָט געלעבט אין אַן אייראָפּעאישער מדינה האָט פון זיינע קינדער יאָרן אָן זיך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט אַ ניט־אידן, וואָס האָט געהערט צו אַ באַשטימטער, אַנדערשדיקער קולטור און אַן אַנדערשדיקן לעבנס־שטייגער. דער דאָזיקער ניט־איד האָט געהערשט אין לאַנד. דער איד איז ניט געווען קיין טייל פון דעם הערשער פאָלק. דאָס האָט באַשטימט זיין פּסיכיק אויף פאַרשיידענע לעבנס־שטחים. דאָס האָט אים אויך געשטויסן צו מער אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע ער האָט אָנגענומען ווי זיין גורל, דורכדעם צו מער זעלבסטשטענדיקן און אייגנאַרטיקן לעבן. אין אַמעריקע האָט ער זיך אויך באַגעגנט מיט אַ ניט־אידן, אָבער ער האָט גלייכצייטיק דערזען פאַרשיידענע ניט־אידן, מיט פאַרשיידענע לעבנס־שטייגערס און פאַרשיידענע אַנדערשקייטן. קיין הערשער־פאָלק האָט ער ניט באַגעגנט. דאָס האָט געפירט דערצו, ער זאָל זיך באַטראַכטן ווי איין גרופּע צווישן אַ צאָל באַזונדערע מענשן־גרופּן, אַלע פאַראייניקט אין איין אַמעריקאַנער נאַציע. דאָס האָט

געבראַכט צו ווייניקער אָפּגעזונדערטקייט אָבער דורכדעם אויך צו ווייניקער דראַנג פאַר זעלבסטשטענדיק־אייגנאַרטיק לעבן.

דער צווייטער פאַקטאָר: אַמעריקע איז פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונג לאַנד וואָס איז כמעט אָקאָרשט אַנטשטאַנען ווי אַ רעזולטאַט פון פעלקער־וואַנדערונגען. דורכדעם איז דער באַגריף „פרעמדער" דאָ ניט פאַרבונדן געוואָרן מיט דער פאַרשיידנקייט פון עטנישע גרופּן — ווי אין איראָפּע — וואו איין עטנישע גרופּע האָט זיך באַטראַכט פאַר דער איינגעזעסענער און די אַנדערע עטנישע גרופּן פאַר פרעמדע, אפילו ווען די דאָזיקע „פרעמדע" זיינען הונדערטער יאָרן שוין געזעסן אין לאַנד. ניט נאָר דער פּאָליטישער הערשער־כח פון דעם ניט־אידן האָט דאָרטן געשטויסן צו מער אינעווייניקסטער זעלבסט־שטענדיקייט, נאָר אויך דאָס אייגענע פרעמדקייט־באַוואוסטזיין האָט געפירט אין דער זעלביקער ריכטונג. אין אַמעריקע האָט אויך די שטויסקראַפט געפעלט. צי די אַמעריקאַנער אידן זיינען גערעכט אין זייער געפיל אַז דאָ זיינען זיי ניט קיין פרעמדע, איז אַ באַזונדערע פראַגע. אָבער אַז זיי פאַרמאָגן אָט דעם געפיל, איז זיכער. עס איז אויך זיכער, אַז דאָס האָט אָפּגעשוואַכט, ניט פאַרשטאַרקט, דעם דראַנג צו וואָס מער זעלבסטשטענדיק־אידיש לעבן.

דער דריטער פאַקטאָר: דער ניט־אידישער קולטור־דרוק אַליין איז אויך ניט געווען אַזוי שטאַרק ווי אין די איראָפּעאישע לענדער. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, דאַרף מען אויך אָט דעם פאַקטאָר אַריינרעכענען צווישן יענע וואָס האָבן ניט געהאָלפן אַרויסרופן מער דראַנג פאַר זעלבסטשטענדיקן אויסלעבן זיך. עס האָט ניט געהאָלפן אַרויסרופן דעם קעגן־כוח וואָס דרוק — פיזישער אָדער גייסטיקער — רופט אַרויס ביי מענשן.

דער פערטער פאַקטאָר: אַמעריקע אַליין ווי אַ דערשיינונג האָט — פאַרכאַפּט. די היים פאַר אַלע פאַרפאָלגטע; די טיפע מענשלעכקייט וואָס האָט אַרויסגערעדט פון אַמעריקאַנער גייסט־מענשן, כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן דורך טאָמאַס דזשעפערסאָן; די גוואַלדיקע פרייהייט וואָס עס האָט באַגעגנט דעם אידן און דעם ניט־אידן; די פאַרהעלטנישמעסיקע גלייכקייט וואָס מען האָט דאָ דערשפּירט. טראָץ די גוואַלדיקע שוועריקייטן פון דעם אימיגראַנט זיך צוצופּאַסן האָט עס דאָך געווירקט, אַז אַמעריקע איז געוואָרן ניט בלויז אַ לאַנד, נאָר אַ אידייע. אידן זיינען פון דעם געפאַנגען געוואָרן מער ווי אַנדערע עטנישע גרופּן. אין דער אַמעריקאַנער אידייע האָבן זיי דערשפּירט דעם אָפּקלאַנג פון די טענער וואָס זיי האָבן אַריינגעזאַפּט אין זייערע נשמות דורך דער אידישער גייסטיקייט, הויפּטזעכלעך דורך דער אידישער נבואה. דאָס אַלץ צוזאַמענגעפּאַרט מיט די גרויסע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וואָס מען האָט דאָ געפונען, האָט פאַר׳שיכור׳ט. אָט די אַלע דערשיינונגען האָבן

אויך געווירקט אין דער ריכטונג פון אָפּשוואַכן דאָס אייגנאַרטיק אידישע אין דעם נייעם אידנטום.

אינעווייניקסטע פאַקטאָרן האָבן אויך צוגעהאָלפן.

דער ערשטער פון זיי — דער עלעמענט וואָס האָט זיך געצויגן אַהער אין די ערשטע שטראָמען פון דער אידישער מאַסן־אימיגראַציע איז ניט באַשטאַנען פון דער העכערער שיכט קולטור־פאָרשטייער און קולטור־געניסער. נאָך ווייניקער פון זיי זיינען געווען קולטור שאַפער.

דער צווייטער אינעווייניקסטער פאַקטאָר: עמיגראַציע אָן אַן אידייע ווירקט בכלל אין דער ריכטונג פון אַרונטערדריקן דעם גייסטיקן ניוואָ פון די מענטשן, וואָס גיסן זיך אַריין אין איר שטראָם.

דער דריטער אינעווייניקסטער פאַקטאָר: די שווערע פיזישע אַרבעט, וואָס דער נייער אימיגראַנט האָט געדאַרפט טאָן אין זיינע ערשטע יאָרן, ביז ער האָט זיךווירטשאַפטלעך איינגעאָרדנט, האָט אויך געווירקט אַרונטערצודריקן זיין גייסטיקע מדרגה.

דער פערטער אינעווייניקסטער פאַקטאָר: דער צוזאַמענשטויס צווישן דער אידישער גייסטיקייט וואָס די פריערדיקע — הויפּזעכלעך די דייטש־אידישע — אימיגראַציע האָט מיט זיך געבראַכט, מיט דער גייסטיקייט פון דער אידישער מאַסן־אימיגראַציע פון דרום און מזרח אייראָפּע; דער פאַרזוך פון די פריער געקומענע דייטשע אידן צו פאַרעמען דעם אימיגראַנטישן אידן אין דעם גייסטיקן פאָרעם וואָס ער, דער דייטשער איד, האָט פאַר אים צוגעגרייט. ער אַליין, דער דייטשער איד, איז געווען אָנגעפילט מיט פּחד, טאָמער וועלן די מזרח־אייראָפּעאישע אידן אַרויסווייזן צופיל אַנדערשקייט. די „גרינקייט" פון דעם נייעם אימיגראַנט — און ביז אַ געוויסן גראַד זיין עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פון דעם דייטשן אידן, וואָס איז שוין דאַן געווען ווירטשאַפטלעך איינגעפעסטיקט — האָט געעפנט אַ טיר פאַר זיין השפעה אויפן אָרעמען מזרח־אייראָפּעאישן אידן. די דאָזיקע השפעה האָט אויך געווירקט אין דער ריכטונג פון ווייניקער דראַנג צו זעלבסטשטענדיק־אידישן אויסלעבן זיך.

און אַ פינפטער אינעווייניקסטער אידישער פאַקטאָר: די פאַרקריפּלטע פאָרמען, אין וועלכע עס זיינען מיט איבער אַ האַלבן יאָר־הונדערט צוריק געפּרעדיקט געוואָרן גרויסע אידייען צווישן אידן. סיי סאָציאַליזם סיי אַנאַרכיזם זיינען געבראַכט געוואָרן צו גרויסע מאַסן געאָרעמט מיט אַנטי־אידישקייט, מיט אַנטי־ציוניזם, איבערהויפּט, מיט אַ פלאַכן קאָסמאָפּאָליטיזם וואָס האָט געמיינט בלויז אַסימילאַציע. דער בלבול המוחות האָט דווקא דעם קאָסמאָפּאָליטיזם פאַרבונדן מיט דעם גרויסן געדאַנק פון אינטערנאַציאָ־

נאַליזם, וואָס איז, ווי דאָס וואָרט אַליין דעקלאַרירט שוין, אַן אַפּלייקענונג פון קאָסמאָפּאָליטיזם.

ווען מען נעמט אַלע די פאַקטן צוזאַמען, איז עס פּשוט אַ נס, וואָס עס איז אונז דאָך געבליבן אַן אַמעריקאַנער אידנטום, אַפילו מיט אַלע אונזערע חסרונות. איך באַטראַכט טאַקע דאָס אויפקומען פון אַמעריקאַנער אידנטום ווי איינעם פון די ניסים פון דער מאָדערנער אידישער געשיכטע. איך שרייב עס צו בעיקר צו דעם וואָס, באַוואוסט אָדער אפילו אומבאַוואוסט, לעבט אין יעדן אידן די אחד׳ישע אייגנאַרטיקייט פון דער אידישער יצירה. עס וועט אַמאָל פאַרשאַפן אַן ערלעכן היסטאָריקער אומגעהויערן נחת רוח, ווען ער וועט אויספאָרשן די פּראָצעסן דורך וועלכע דער שר האומה האָט פאַר אונז געראַטעוועט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום.

איצטער געפינען מיר זיך אין אַזאַ לאַגע: די מערסטע אינעווייניקסטע פאַקטאָרן וואָס האָבן געשטויסן צו ווייניקער אידיש־זעלבסטשטענדיקן גייסטיקן לעבן, זיינען שוין נישטאָ. די אימיגראַציע־שטראָמען פון די לעצטע 40 יאָר האָבן געבראַכט אַן עלעמענט, וואָס האָט געהאַט אַן אַנדערע, אַ טיפערע און אינטימערע באַציאונג צו אידישער קולטור; די צייט פון דער שווערער פיזישער אַרבעט איז פאַרביי; די גייסטיקע ווירקונג פון דעם וואָס איך האָב אָנגערופן די דייטשע אידן איז באַדייטנדיק שוואַכער געוואָרן. עס איז שיינט מיר, געקומען אַ פאַרקערטער פּראָצעס: די מזרח־אייראָפּעאישע אידן האָבן אָנגעהויבן שטאַרק באַאיינפלוסן די דייטשע אידן. אָט די קעגנזייטיקע השפּעה האָט אויך בייגעטראָגן פּאָזיטיווע עלעמענטן צום מהות פון אַמערי־קאַנער אידנטום. די גרעסטע רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען קעגן דעם פינפטן פאַקטאָר. פון די ניט־אַמעריקאַנער פאַקטאָרן זיינען אַביסל געענדערט געוואָרן די ערשטע דריי. עס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דער פערטער פאַקטאָר, וואָס ווירקט היינט טיפער ווי אין דער פעריאָד פון דער אידישער מאסן־איינוואַנדערונג. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען איצטער אַנדערע. על פּי רוב זיינען די ענדערונגען געגאַנגען לטובת דער מעגלעכקייט פון אייגענעם אידיש־גייסטיקן לעבן. אָבער עס זיינען נאָך דאָ אָביעקטיווע פאַק־טאָרן קעגן דער דאָזיקער אַנטוויקלונג.

פאַרלאָזן זיך ווייטער אויף נסים טאָרן מיר ניט. דער זעלביקער שר האומה, וואָס האָט ביז איצט געזאָרגט פאַר אונזער קיום, חזר׳ט איבער, דאַכט זיך, דעם אַלטן אָנזאָג: אין סומכין על הנס. מיר מוזן באַוואוסטזיניק און פּלאַנירט מיטהעלפן דעם שר האומה פאַרזיכערן אונזער ווייטערדיקן המשך.

ו

איך האַלט פאַר נויטיק דאָ קלאָר צו מאַכן נאָך אַ פּונקט: קוקן מיר אויפן אַמעריקאַנער אידנטום ווי אויף אַ נצחיות'דיקער ערשיינונג אין אונזער געשיכטע, אָדער ווי אויף אַ פאַראיבערגייענדיקער? ניט וועגן דעם, צי אַמעריקע איז יאָ אָדער ניט אַ גלות, דיסקוטיר איך. אַ גלות איז פאַר מיר יעדער פּלאַץ וואו דער אידישער מענש איז מחויב זיך צו שפּאַלטן צווישן איד און נאָך עפּעס, מעג דער דאָזיקער עפּעס מיט זיך פאַרשטעלן דאָס פרייסטע לאַנד אויף דער וועלט. אַ איד קען זיין שלימות'דיק לעבן געפינענ נאָר אין ישראל. ווען אַ איד באַפרייט זיך פון צעשפּאַלטנקייט, באַפרייט ער זיך פון גלות. דערביי פאַרגעס איך, חלילה, ניט, אַז אונזער שעפערישע אייגנאַרטיקייט איז דורך און אין גלות אויך ניט איבערגעריסן געוואָרן. פאַר מיר איז אָבער קלאָר, אַז מיט אונזער גאַנצן גלויבן אין דער שעפערישקייט פון דעם אידישן פאָלק אין אַלע צייטן און אין כמעט אַלע גלות'ן, איז אָבער אַנטשטאַנען אַ סכנה, אַז יענע מיטלען וואָס האָבן ביז איצטער פאַרזיכערט אונזער קיום זיינען ניט שטאַרק גענוג פאַר דער פאַרזיכערונג פון אונזער קיום אין דער נייער עפּאָכע; אַז אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג מוז אין אונזער לעבן אַריינ־געבראַכט ווערן כדי צו פאַרזיכערן די אויפהאַלטונג און פאַרזעצונג פון אונזער אחד'יקייט ווי אַן אייגנאַרטיק פאָלק; אַז קיבוץ גלויות איז יענע רעוואָלוציאָ־נערע ענדערונג וואָס איז איינציק און אַליין בכוח אונז צו באַזאָרגן מיט אַט דער פאַרזיכערונג פון אונזער קיום. דער געשיכטלעכער זינען פון ציוניזם באַשטייט אין דעם, וואָס פילבאַרע אידן האָבן דערשפּירט די אָנקומענדיקע סכנה און האָבן, דורכן ציוניזם, אָנגעהויבן בויען די דאַמבע קעגן דער דאָזיקער געפאַר. די דאַמבע האָבן זיי דערשפּירט אין דער היסטאָרישער בענקשאַפט צו קיבוץ־גלויות. זיי האָבן זיך דעריבער געשטעלט ווי אַ ציל פאַרן אידישן פאָלק: פאַרוואַנדלען די בענקשאַפט צו קיבוץ־גלויות אין אַ ממשותדיקן פּראָצעס. דורכדעם האָבן זיי דערפירט צו מדינת ישראל און צום נייעם ווענד־פּונקט אין אונזער געשיכטע.

איך האַלט אַז קיבוץ־גלויות מוז איינשליסן די אידן פון אומעטום, אַמערי־קאַנער אַריינגערעכנט. מיט חדשים צוריק האָב איך געהערט אַ רעפעראַט פון דעם באַוואוסטן שרייבער מאָריס סעמיועל אויף אַט דער טעמע. וועגן זיינע באַהויפּטונגען איז גראַד יאָ נויטיק צו מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען.

רעדנדיק וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן ישראל און גלות פרעגט סעמויעל: „וואָס איז דער וועג, אויף וועלכן מיר האָבן געדאַרפט גיין, און וואָס איז דער ענד־ציל בנוגע ישראל און דעם וועלט־אידנטום?” נאָך איידער ער ענטפערט אויף דער פראַגע, זאָגט סעמיועל אַרויס די פאָלגנדיקע פראַזע: „מיר שעמען זיך צו באַהויפּטן איצטער עטוואָס, וואָס איז אין קעגנזאַץ

צו דעם וואָס מיר האָבן פּראָקלאַמירט אין דעם טאָג פון ענטוזיאַזם״. ווען מען באַנעמט די דאָזיקע ווערטער אין קאָנטעקסט פון זיין גאַנצן רעפעראַט, הייסט עס אַזוי: אין דעם טאָג פון ענטוזיאַזם — אין טאָג פון דער גרינדונג פון דער מדינה — האָבן מיר פּראָקלאַמירט אַ פולשטענדיקן קיבוץ גלויות; איצטער אָבער מוז מען זאָגן עטוואָס, וואָס איז אין סתירה צום קיבוץ־גלויות. וואָס דאַרפן מיר זאָגן איצט? סעמיועל פאָרמולירט עס אין פאָלגנדיקע ווערטער: „מיר דאַרפן שטרעבן צו דער עטאַבלירונג פון אַ גלייכגעוויכט צווישן וועלט־אידנטום און ישראל אידנטום״.

ער נעמט, בכן, אָן די פאָרמולע „גלייכגעוויכט״ און שטעלט זי אַוועק קעגן דער פאָרמולע פון קיבוץ־גלויות. דערמיט איז געזאָגט, אַז לעולם־ועד וועט דאָס אידישע פאָלק בלייבן צעטיילט אין צוויי געאָגראַפיש־צעשפּאָלטענע טיילן, און אַז דער „ענד־ציל״ — „גלייכגעוויכט״ וועט מוזן זיין די פערמאַנענטע לייזונג פון דעם פּראָבלעם: באַציאונגען צווישן ישראל און גלות.

אָט די טעזע פרעג איך אָפּ.

צו באַפעסטיקן זיין איינשטעלונג זאָגט סעמיועל: „מיר קענען זיך פון דעם, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן אין גלות, ניט אָפּזאָגן״. ער פרעגט: „צי קענען מיר זיך אָפּזאָגן פון וואָלאָזשין, פון מיר, און פון אַנדערע פונקטן פון גרויסער אידישער שעפערישקייט?״ — בין איך מסכים מיט אים, אַז ניט מיר קענען און ניט מיר מעגן זיך דערפון אָפּזאָגן. איך פרעג אָבער אָפּ די באַהויפּטונג, אַז כדי זיך נישט אָפּצוזאָגן פון די אוצרות פון דער אידישער שעפערישקייט, מוזן אידן אויך געאָגראַפיש בלייבן אין די וואָלאָזשין׳ס אָדער מיר׳ס. סיווי האָט שוין די געשיכטע אונז כמעט פאַר׳משפט, אַז אין די פּאַקטישע וואָלאָזשינ׳ס אָדער מיר׳ס קענען מיר שוין ניט בלייבן. אָבער מיין שטעלונג איז חל אויף ענלעכע פונקטן פון דער אידישער שעפערישקייט, אין וועלכע מיר קאָנען נאָך דערווייל געאָגראַפיש יאָ בלייבן. זי איז חל אפילו אויף אידישע שעפערישקייט־פונקטן אויפן נייעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. די אידישע קולטור־געשיכטע ווייזט אונז אָן, ווי אַזוי מיר האַלטן אויף אין זיך די שעפערישקייט פון אונזערע דורות, אפילו ווען מיר זיינען געאָגראַפיש מער ניט פאַרבונדן מיט יענע פונקטן. מיר האָבן פומבדיתא, נהרדעא און סורא אַריינגענומען אין אונזער גייסטיקן אוצר, טראָץ דעם וואָס מיר זיינען אין בבל געאָגראַפיש נישט פאַרבליבן. פאַר דעם האָבן שוין געזאָרגט די שאַפער פון אונזער תלמוד. מיר האָבן די אוצרות פון אַלע גאונים אין אַלע לענדער, פון רמב״ם און ר׳ יהודה הלוי אין די ספרדישע לענדער, פון רש״י אין אַן איראָפּעאישער מדינה און פון ענלעכע גרויסע אידישע שעפערישע מענשן — אַלע זייערע יצירות האָבן מיר אַריינגענומען אין אונזער קולטור־אוצר און דורכדעם אויך אין דעם לעבעדיקן אידנטום, טראָץ דעם וואָס געאָגראַפיש זיינען

מיר מער מיט יענע פונקטן ניט פאַרבונדן. אַזוי וועט עס אויך געשען מיט די נייע פונקטן פון אידישער שעפערישקייט. דער שר האומה האָט זיינע וועגן ווי אַזוי זיי אַריינצוגיסן אין די קאַנאַלן פון אונזער קולטור. דער בעסטער און צו אונז נאָענטסטער ביישפיל איז טאַקע וואָלאָזשין, וואָס סעמיועל דערמאָנט.

אין צוגאָב צו די רעליגיעזע אוצרות וואָס זיינען איבערגעלאָזן אין די שריפטן פון די וואָלאָזשינער ראשי ישיבות האָט דער שר האומה אַריינגע־בראַכט קיין וואָלאָזשין אַן אויסטערלישן טראָפּן פון דעם שאַפּנדיקן שטראָם אידישע גאונות. דער דאָזיקער טראָפּן האָט אין זיך אַריינגעזויגן די העכסטע אידישקייט און די טיפסטע קדושה וואָס וואָלאָזשין האָט פאַרמאָגט. ווען דער דאָזיקער טראָפּן איז שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן אין דער שעפערישער פּערזענלעכקייט וואָס האָט געהייסן חיים נחמן ביאַליק, איז פאַר אונזער אייביקייט איבערגעבליבן זיין „המתמיד", און וואָלאָזשין איז אויך דורכדעם לעולם ועד פאַרבליבן אין אונזער קולטור אוצר. אַזוי איז עס אַלע מאָל געגאַנגען און אַזוי וועט עס אַלע מאָל גיין. וויכטיק איז דאָס, וואָס די לעבע־דיקע אידן און די לעבעדיקע אידישע דורות קענען אין זיך אַריינזאַפּן. אַט־דאָס וועלן זיי אויך מיט זיך מיטטראָגן, צי די ווייטערדיקע דורות וועלן געאָגראַפיש בלייבן אין יענע פלעצער, אָדער ניט.

דאָס וואָס מיר האָבן געשאַפן אין אַלע תקופות, אַריינרעכענענדיק אויך די גלות תקופות, דאַרפן מיר מיט זיך אַוודאי מיטנעמען, אויב אפילו מיר וועלן אין די דאָזיקע גלות לענדער ניט בלייבן. צי איז אָבער דאָ די זיכערקייט, אַז די באַדינגונגען אין גלות אין די נייע תקופות פון דער מענשהייט וועלן אונז ווייטער דערמעגלעכן אַזעלכע יצירות? — דאָס קאָן איצט קיינער מיט זיכערקייט ניט באַהויפּטן. מיר קאָנען אויך ניט וויסן, צי אפילו דאָס ביז איצט געשאַפענע וועט לעולם ועד בלייבן מיט אונז, אויב מיר וועלן אויך ווייטער בלייבן אין גלות. דווקא סעמיועל האָט אין זיין רעפעראַט געבראַכט פאַר דעם אַ ביז צום־ווייטאָג טרעפנדיקן ביישפיל, ווען ער האָט אָנגעוויזן ווי באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט צום ערגערן פון דער צייט ווען מענדעלע מוכר ספרים האָט געשריבן זיין „שלמה רב חיים׳ס" ביז אונזערע טעג. סעמיועל, וואָס האָט אַזאַ טיפן זין פאַר אידישער געשיכטע, האָט דאָך ניט גע־קאָנט ניט דערשפּירן, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט פונ׳ם אייגענעם שעפערישן אוצר אַרויסגערופן דאָס שטרעבן צו קיבוץ־גלויות און האָט עס פאַרוואַנדלט אין דעם שטאַרקסטן כוח צו פאַרפאַנצערן אונז קעגן די געפאַרן, וואָס די נייע תקופות ברענגען אונז. און אויב סעמיועל האָט זיך איצט איבערגעשראָקן פאַר יענער לאָזונג וואָס „מיר האָבן פראָקלאַמירט אין די טעג פון ענטוזיאַזם", האָט ער דערמיט, לפי עניות דעתי, אונטערגעשניטן דעם סאַמע וואָרצל, פון

וועלכן די מאָדערנע שעפערישקייט פון דער אידישער געשיכטע ציט איר הויפּט חיונה.

איך בין אַוודאי פאַרן דערגרייכן אַ גלייכגעוויכט אויפן שטח פון אונזער גייסט מיט ישראל, אַזוי לאַנג ווי עס בלייבן אידן אין גלות, (אָדער אין די תפוצות, ווי ווער עס וויל עס רופן), ווען מען רעדט אָבער וועגן ענד־ציל, קען ניט זיין קיין אַנדערער ווי פולשטענדיקער קיבוץ־גלויות. דערמיט ווערט נישט געמיינט, אַז אַלע הונדערט פּראָצענט אידן — עד אחרון היהודים — מוזן זיך געפינען אין ישראל. איך בין גרייט אויך אויף דעם געביט אָנצונעמען דעם פּרינציפּ פון אַ גלייכן סטאַטוס מיט אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט. איך בין אפילו גרייט אָנצונעמען דעם סטאַטוס פון יענעם פאָלק וואָס האָט דעם העכסטן פּראָצענט פון זיינע קינדער ניט אין זיין לאַנד. אָבער ווען עס וועט קומען יענער טאָג און אונזער סטאַטוס אויף דעם געביט וועט אויסגעגליכן ווערן מיט דעם סטאַטוס פון יענעם פאָלק, וועט דער אידישער דור פון יענער תקופה מעגן באַטראַכטן, אַז דער פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות האָט זיך געענדיקט.

אויף דער פראַגע, צי די אַמעריקאַנער געאָגראַפיע איז אַ נצחיות־דער־שיינונג אין אונזער געשיכטע, איז מיין ענטפער: ניין.

ז

שטייען אָבער אויף אַנדערע פראַגן:

א) אויב מיר וויסן לכתחילה אַז מיר וועלן דאָ ניט האָבן קיין נצחיות, צי וועט אָט דאָס וויסן ניט אַראָפּדריקן אונזער דראַנג צו־צוטראָגן אונזער אייגענעם חלק צום היסטאָרישן פּראָצעס פון אידישן שאַפן? אויף דעם ענטפער איך: עס זיינען זיכער פאַראַן געפאַרן אַז אונזער שאַפונגס־דראַנג זאָל אַראָפּגעדריקט ווערן, אָבער זיי קומען ניט פונם וויסן אַז מיר זיינען דאָ ניט־פּערמאַנענט. אַלע אונזערע פריערדיקע גלות׳ן באַשטעטיקן אָט די איינשטעלונג. אין אַלע אידישע גלות־דורות האָט טיף געלעבט די תשוקה צו שיבת ציון און פונדעסטוועגן איז זייער גייסטיק־אידישע שאַפונגס־קראַפט דורכדעם ניט אַראָפּגעדריקט געוואָרן. פאַרקערט! דער שיבת ציון פאַקטאָר האָט געהאָלפן סטימולירן אידיש שאַפן. וואָס איז געווען דער זין פון דער שיבת ציון־תשוקה? — דאָס גלות־לאַנד, אין וועלכן מען לעבט, איז ניט קיין פּערמאַנענטע היים אין דער אידישער געשיכטע. אַ פּערמאַנענטע היים פאַרן אידישן פאָלק איז געבליבן איינע: ארץ־ישראל! די ניט פּערמאַנענטקייט פון די גלות־לענדער האָט אונזערע שאַפונגס־כוחות ניט אַראָפּגעדריקט.

ב) וואָס דאַרף זיין אונזער באַציאונג צו דער פראַגע פון אידישער אינטעגרירונג אין דער אַמעריקאַנער קולטור?

דאָ ליגט אונזער שווערסטע פּראָבלעם. יענע קלאָרע צעטיילונג פון דעם אידישן מענטשן — וואָס מען האָט געקענט מאַכן אין פריערדיקע תקופות — אַז ווי אַ בירגער געהערט ער צו זיין וואוינלאַנד און ווי אַ גייסט־מענטש געהערט ער צום אידישן פאָלק, קאָן דאָ אין אַמעריקע אַזוי דעפיניטיוו ניט אָנגעווענדעט ווערן. דאָס איז געווען מעגלעך, ווען אידישקייט איז געווען סינאָנים מיט רעליגיע און די רעליגיעזע אַנדערשקייט איז פון די ניט־אידישע שכנים אָנערקענט געוואָרן. איצט ווען די מערסטע אידן ניט מסכים זיין, אַז זייער אַנדערשקייט איז באַגרעניצט בלויז צו רעליגיע; די מערסטע ניט־אידן ווען צו קיין אַנדער „אַנדערשקייט" זיך ניט אַזוי גרינג צוגעוואוינען. אין פריערדיקע גלות׳ן האָבן אידן — הויפּטזעכלעך טאַקע רעליגיעזע אידן — אפשר זיך ניט געגנויטיקט אין דער ניט־אידישער אָנערקענונג פאַר זייער אַנדערשקייט. אין דער איצטיקער עפּאָכע, הויפּטזעכלעך אין אַמעריקע, וועט זיין זייער שווער צו לעבן אין אַן אַנדערשקייט, וואָס דער ניט־איד וויל ניט אָנערקענען. יחידים קענען אפשר געפינען אין זיך די גייסטיקע קראַפט צו קאָנצענטרירן זיך אין דער אייגענער גייסט־אַטמאָספערע און איגנאָרירן דעם אַרום. אידישע מאַסן וועלן עס ניט קענען און וועלן עס אויך ניט וועלן. זיי וועלן זיך זיכער ניט אָפּזאָגן פונם זיין אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַמעריקאַנער קולטור. דערפון איז געדרונגען, אַז דער אַמעריקאַנער איד מוז גייסטיק פירן אַ טאָפּלטן לעבן. אָט דעם פאַקט מוזן מיר קוקן אָפן אין די אויגן.

וואָס ווייטער אַלץ מער וועט דער אַמעריקאַנער איד ווערן אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער קולטור. דער אַמעריקאַנער טייל פון זיין גייסטיקן לעבן קומט צו אים נאַטירלעך. ניט ער אַליין און ניט די געזעלשאַפט דאַרף אויסגעבן ספּעציעלע ענערגיע כדי דאָס צו דערגרייכן. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און די אַמעריקאַנער אינסטיטוציעס זאָרגן שוין פאַר דעם. פאַר זיין אידישער גייסטיקייט מוז ער אָבער קעמפן. און דער דאָזיקער קאַמף איבער דער נשמה פון דעם אַמעריקאַנער אידן וועט זיין זייער אַ שווערער. דאָס בעסטע וואָס מיר קענען האָפן צו דערגרייכן איז אַ גייסטיקער גלייכגעוויכט צווישן ביידע גייסט־שטראָמען. אונזערע קומענדיקע דורות מוזן כאָטש 50 פּראָצענט פון זייער גייסטיקן לעבן געפינען אין זייער אידישקייט. אויב ניט באַשטייט די סכנה, אַז דער אַמעריקאַנער טייל זאָל ביסלעכווייז איינגאַנצן פאַרווישן דעם אידישן טייל.

אויב אָבער עס וועט דערגרייכט ווערן אַזאַ גלייכגעוויכט איז, שיינט מיר, ניט איבערטריבן די האָפנונג אַז אין דער נשמה וועט דאָמינירן די אידישע גייסטיקייט. דאָס לאַנד, די מלוכה באַאיינפלוסט אָן שום ספק. אָבער אין

שטחים פון גייסט מוז — ביי גלייכע באַדינגונגען — נעמען די איבערהאַנט יענער גייסט שטראָם וואָס טראָגט זיך פון די אור־געשיכטלעכע קוואַלן. בפרט נאָך פון אַ גייסט־פאָלק, וואָס האָט באַוויזן אַזאַ טיפן צייכן אַריינצוקריצן אין דער מענשלעכער קולטור.

דעריבער מוזן מיר קומען צום שלוס: אינטעגראַציע אין דער אַמערי־קאַנער קולטור איז אומפאַרמיידלעך. דורך גרויסע אָנשטרענגונגען מוזן מיר זוכן צו דערגרייכן אַזאַ קולטור־פּלוראַליזם פאַר דעם אַמעריקאַנער אידן, וואָס זאָל באַלאַנסירט ווערן, אַזוי אַז די אינטעגראַציע זאָל ניט אויסוואַרצלען פון אים זיין היסטאָריש־אידישע אייגנאַרט. אין אָט דעם פּראָצעס מוז ישראל קומען דעם אַמעריקאַנער אידנטום שטאַרק צו הילף.

ג) צי איז דאָס לעבן אין צוויי אָדער מער קולטורן אַ דערשיינונג וואָס ברייטערט אויס די נשמה פון דעם יחיד, און ער ווערט דורכדעם אַ גרעסערערביישטייער צום קולטור שאַפן? איך ענטפער אויף דעם — ניין! יחידים קענען זיך פילן זייער גוט אין מער ווי איין קולטור. זיי קענען אפילו — מיט רעכט! — באַהויפּטן אַז זייער גייסט־לעבן איז דורכדעם רייכער. אָבער פאַר גרויסע מאַסן איז אַזאַ קולטור־לעבן ניט נאַטירלעך; און אַלץ וואָס עס איז ניט נאַטירלעך, איז ניט מרבה קולטור. ס'איז נאַטירלעך, אַז יעדע אייגנ־אַרטיקע קולטור־גרופּע לעבט ווי אַ באַשטימטע פלאַנץ: זי זאַפּט אין זיך אַריין השפעות פון אַנדערע פלאַנצן אויך, אָבער איר חיות שעפּט זי פון איר אייגנאַרטיקער זאַפט. מישן צוויי זאַפטן אין איין פלאַנץ קען אפשר אַמאָל אַרויסברענגען אַ נייע פּרוכט, אָבער די אָריגינעלע פּרוכט קען עס פאַר אַ לאַנגער צייט ניט בלייבן. אויב דער ציל איז — שאַפן אַ נייע קולטור, וואָס זאָל זיין אַ הרכבה פון אידישקייט מיט אַמעריקאַנישקייט, קאָן מען עס אפשר דערגרייכן. אָבער אויב דער ציל איז, ווי אין אונזער פאַל, דאָס ווייטערדיקע וועבן פון דעם אייגנאַרטיק־אידישן קולטור־געוועב און אויפהאַלטן דעם היס־טאָרישן, גייסטיקן עם־אחד׳יזם צוזאַמען מיט אידן אין אַנדערע לענדער און הויפּזעכלעך צוזאַמען מיט אידן אין ישראל, איז די נויטווענדיקייט צו לעבן אין צוויי קולטורן ניט קיין געזונטע דערשיינונג.

דאָס ענדערט אָבער זייער ווייניק. קיין אַנדער אויסוועג איז פאַר אונז ניטאָ. די איינציקע מסקנה קען נאָר זיין: נאָך מער ענערגיע אַריינצוגעבן אין אַלע יענע אַרבעטן, וואָס דאַרפן אויפהאַלטן און ווייטער אַנטוויקלען די אידישע אייגנאַרט. דאָס פירט צו נאָך עפּעס: דאָס פאַרשטאַרקט נאָך די איבערצייגונג, אַז לעולם ועד טאָר דאָס אידישע פאָלק אַזאַ קולטור־פּלוראַליזם ניט דולדן; אַז אונזער ענד־ציל מוז דעריבער זיין: אַריינברענגען דאָס אַמערי־קאַנער אידנטום אַליין אין פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות.

ד) איז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום שוין איצט גרייט צו נעמען אויף זיך די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע פון זיין אַ גלייכער שותף מיט מדינת ישראל, וואָס די אידישע געשיכטע האָט אויף זיי ביידן אַרויפגעלייגט?

מיין ענטפער וואָלט דאָ געקענט זיין מיט אַן אַנדערע פראַגע: האָט דען דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אַן אַנדער ברירה? אָבער איך רעכן אַז אפילו ווען מען קוקט אַן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום מיט די אָביעקטיווסטע ברילן, קאָן מען שוין אויך זען סימנים פון זיין לפי־ערך׳דיקער דערוואַקסנקייט צו אַזאַ ראָלע.

כדי דאָס צו באַשטעטיקן, דאַרף איך אפילו ניט אָנקומען צו אַ פאַרגלייך מיט דעם וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער פאַרגלייך ווייזט זיכער אַ גאָר באַדייטנדיקן באַרג־אַרויף־פּראָצעס אין דער אַנטוויקלונג פון גייסטיקער אידישקייט אין אַמעריקאַנער אידנטום. איך זע עס פון יאָר צו יאָר, כמעט אפילו פון טאָג צו טאָג.

איך זע עס צווישן אידישע קינדער. איז נאָר געקומען אַ איד מיט אמת׳ן גאָט אין האַרצן און האָט זיך צוגערירט צו אַן אַמעריקאַנער אידישן קינד, האָט זיך די נשמה פון קינד פאַר אים צעעפנט און ער האָט געהאַט גרויס הצלחה אין אַריינזייען אין איר יענע געזונטע אידישקייט, וועלכע איז פאַר אים, פאַר דעם פאַרזייער, דער אמת פון זיין אייגענער נשמה. יענע פאַרזוכן צו־צוקומען צום אידישן קינד, וואָס זיינען ניט געלונגען, שרייב איך צו ניט צום קינד, נאָר צו דעם, וואָס דער קומער צום קינד האָט אַליין קיין גאָט ניט פאַרמאָגט, וואָס זאָל זיין אייגענע נשמה אויספילן.

איך זע עס אויך צווישן דערוואַקסענע: קוקט זיך איין צו יענע אידן וואָס זייער אידישקייט האָט זיך אָנגעהויבן אויסלעבן אין גרויסע אַקציעס פאַר ישראל. קוקט טיף אַריין אין זייערע אויגן, זעט ווי עס ברענט אין זיי אַ פייערל, וואָס איר האָט פריער אין זיי ניט געזען. איר באַגעגנט זיי ביי אַלע צוזאַמענקונפטן אין פאַרבינדונג מיט אַזאַ פּראַזאַאישער זאַך ווי זאַמלען געלט פאַר ישראל. איר באַגעגנט אַרבעטער און פאָלקס־מענשן ביי גע־ווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַרזאַמלונגען. איר באַגעגנט מיטלשטאַנד מענשן און גרויסע גבירים אויף די צוזאַמענקונפטן פון יונייטעד דזשואיש אַפּיל. איצטער זיינען אויך צוגעקומען פאַרזאַמלונגען פאַרבונדן מיט דעם פאַרקויף פון ישראל־באָנדס. איך קען אויך אידן פון אַלע ריכטונגען וואָס באַטייליקן זיך ניט אין אַזעלכע אסיפות. פאַרגלייכט זיי, און איר וועט דערפילן ווי שוין די פּראָזאַאישע געלט־זאַמלונגען, פאַרבונדן מיט אַ גרויסער אידישער אידייע,

דערהויבן יענע וואָס באַטייליקן זיך יאָ אין זיי. נאָך בולטער ווערט עס, ווען איר דערזעט ווי אין די וואָס באַטייליקן זיך יאָ, ווערט פון יאָר צו יאָר זייער פאַרשטיין אידישקייט ברייטער, זייער פילן אידישקייט טיפער און זייער ווילן זיך צו באַרייכערן מיט אידישע מצוות אַלץ ברענענדיקער. איך וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף הונדערטער אַזעלכע אָנפירער פון אידישע קהילות, וואָס איך באַגלייט שוין צענדליקער יאָרן אין זייערע אַקטיוויטעטן, אין וועלכע דער דאָזיקער דערהויבונגס-פּראָצעס האַלט כסדר אין שטייגן. זייער אָפט זיץ איך אַליין אַ פאַרגאַפטער פון אַזעלכע דערשיינונגען. עס גייט אַרויף איינער אָדער אַ צווייטער אויף דער טריבונע. איך דערשפּיר זיין אינערלעכע נשמה-שטייגערונג און איך פרעג מיך: וואָס וואָלט פון אָט דעם אידן געוואָרן, ווען ניט אָט די דערהויבענע אַרבעט זיינע? אין בעסטן פאַל וואָלט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אַן אַקטיוויטעט פאַר אַ פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע (וועלכע איך בין גאָר ניט מזלזל). איך האָב די אַרבעטער פאַר פילאַנטראָפּיע אויך באַגעגענט. איך האָב פאַר זיי גרויס רעספּעקט. אַמאָל זיינען עס די זעלביקע מענשן. אָבער ווי אַנדערש זייערע אויגן שיינען ווען זיי רירן זיך צו צו זאַכן וואָס האָבן אַ גרעסערע, אַ היסטאָרישע באַדייטונג! ווי טיפער איז זייער אייגענע איבערלעבונג! אין לשון האָבן זיי זיך כמעט ווי ניט געענדערט. זיי רעדן אויך דאָ וועגן פילאַנטראָפּיע. זיי שטאַמלען נאָך ווען עס קומט צו דער שפּראַך וועגן אידישע טעטיקייטן. זיי שטאַמלען שוין אָבער ווייט ניט וועגן די דאָזיקע טעטיקייטן גופא. ווער קען אָפּשאַצן וויפיל ישראל (וואָס דאָס מיינט אייגנטלעך ציוניזם, וואָס האָט געבראַכט צו ישראל, ווען אפילו אויך אין דעם שטאַמלט נאָך זייער צונג און זיי שרעקן זיך נאָך אָנצורופן דאָס קינד ביים אמת'ן נאָמען) האָט שוין בייגעשטייערט צו יענע פּראָצעסן, וואָס מאַכן דאָס אַמעריקאַנער אידנטום מער פעאיק צו טראָגן די שווערע אָבער אויך הייליקע אחריות, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט!

די מדינת ישראל רעוואָלוציע האָט נאָך ניט דורכגענומען אַלעמען. און די וואָס זי האָט דורכגענומען, האָט זי נאָך ניט באַווירקט אויף פולע הונדערט פּראָצענט. אָבער נאָר גייסטיק-בלינדע קענען ניט זען, ווי איר ווירקונג שטייגט און זי ווירקט אויך, אַז כמעט אין אַלע שטחים גייען מיר דאָך באַרג אַרויף. איך רעכן דעריבער אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום וועט זיין חלק צו דער שותפות צוטראָגן.ביידע צוזאַמען, ישראל און דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, שטעלן מיט זיך פאָר אַ פעסטן אָנשפּאַר, אויף וועלכן דער שר האומה מעג זיך פאַרלאָזן. אויב עס איז באַשערט אויסצומיידן אַ נייע וועלט-מלחמה; אויב מיר וועלן זיך ניט פאַרלאָזן בלויז אויף סטיכישע פּראָצעסן, נאָר אַליין צולייגן פרייער האַרץ און קאָפּ, נאָכדעם האַנט און מוסקול צו די אַרבעטן וואָס שטייען פאַר אונזער איצטיקער עפּאָכע, זיינען דאָ אַלע שאַנסן אויף הצלחה.

ח

איך ווייס, אַז איך האָב נאָך ווייט ניט אויסגעשעפּט אַלע פּראָבלעמען פון ישראל און פון אַמעריקאַנער אידנטום, און פון זייערע בשותפותדיקע ענינים. דאָס איז ניט מעגלעך און אויך גאָר ניט נויטיק. דאָס געזאָגטע איז געגוג צו געבן דעם הינטערגרונט. מען מוז פּרובירן צוקומען צו מסקנות. אויך דאָ פאַרנעם איך זיך ניט אויסצושעפּן אַלע מסקנות, וואָס מען דאַרף דערפון ציען, ווייל איך וואָלט דאַן געדאַרפט אויסרעכענען אַלע קולטור־בריקן וואָס קענען איבערגעוואָרפן ווערן צווישן ישראל און גלות.

בנוגע ישראל האָב איך אגב, שוין אָנגעוויזן אויף איין פּראַקטישן פּראָצעס — מיזוג הגלויות. עס קומט דאָרטן צו נאָך אַן אויפגאַבע. אפשר איז זי נאָך דערוויל ניט אַזוי דרינגענדיק, אָבער אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג קאָן זי אונז אויסהיטן פון אַ פאַטאַלער מחלה פאַר אונזער עם־אחד׳ישער אייגנאַרט. איך האָב אין זינען דאָס אויסראָטן פון ישראל־אידנטום די ווילדע גראָזן פון אום־קולטור און אַנטי־געשיכטע, וואָס די קליינע כנענים „באַוועגונג״ רעפּרעזענטירט. האָבנדיק צו פירן אַזאַ שווערן געראַנגל פאַר המשך פון אונזער געשיכטלעכער אייגנאַרטיקייט, קענען אַזעלכע דער־שיינונגען ברענגען גרויס שאָדן.

וויכטיקער אָבער זיינען יענע אַרבעטס־שטחים וואָס דאַרפן אונז געבן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן און ניט בלויז אָפּהיטן פון נעגאַטיווע איינפלוסן. אַלע קענען זיי געבראַכט ווערן אונטער איין רובריק: דערציאונג. דערציאונג פון קינדער און דערציאונג פון דערוואַקסענע. דערציאונג פון אידן אין ישראל און דערציאונג פון אידן אין גלות — צו די קלאָרע צילן: אויפהויבן די מדינה צו דער העכסט־מעגלעכער און גייסטיקער מדרגה; איינפלאַנצן וואָס מער פון אונזער גייסטיקער עשירות אין די תפוצות, כדי אַלע טיילן פון אידישן פאָלק צוזאַמען זאָלן זיך אַנטוויקלען צו יענעם צושטאַנד, ווען די תורה וועטווירקלעך געטראָגן ווערן פון דעם עם היושב בציון.

איך זע פאָלגנדיקע צענטראַלע אויפגאַבן אויף דעם געביט פאַר אונזער איצטיקער תקופה:

א. דערפירן צו אַ ווי־ווייט־מעגלעכן איינהייטלעכן־אידישן דערציאונגס פּראָגראַם פאַר קינדער סיי פאַר ישראל, און סיי פאַרן גלות. איך פאַרשטיי, אַז דער אַמעריקאַנער קולטור־פּלוראַליזם וועט ניט מעגלעך מאַכן קיין פולע הונדערט־פּראָצענטיקע ענלעכע דערציאונגס־פּראָגראַם מיט ישראל, וואו אידן לעבן גאַנץ, אין איין קולטור. איך מיין נאָר, אַז דאָס וואָס וועט אַריינגיין אין דעם לער־פּראָגראַם פון אידישע דערציאונגס אַנשטאַלטן אין גלות, דאַרף אַנטהאַלטן עלעמענטן, וואָס די דערציאונגס אַנשטאַלטן אין ישראל גיבן אויך דעם אידישן קינד. דערמיט וועלן יענע יסודות׳דיקע עלעמענטן, וואָס העלפן

אויספורעמען די אידישע נשמה אין דעם אידישן קינד ווי־ווייט מעגלעך זיין די זעלביקע.

כדי דאָס צו דערגרייכן, מוז ישראל קודם פאַר זיך אַליין אויפשטעלן אַן איינהייטלעכע דערציאונגס פּראָגראַם, וואָס איז מחייב אַלע ריכטונגען. אויב זי קען זיך אינגאַנצן ניט באַפרייען פון די באַזונדערע „זרמים", זאָל זי בלויז איבערלאָזן צו זיי די מעגלעכקייט פון צוגאָב דערציאונג. די עיקר'דיקע דערציאונג מוז, ביז אַ געוויסן עלטער, זיין די זעלביקע פאַר אַלע קינדער.

אַ קאָמיסיע פון די בעסטע דערציער וואָס מיר פאַרמאָגן דאַרף זיך אַוועקזעצן און אויסאַרבעטן אַ מינימום־דערציאונגס פּראָגראַם, וואָס זאָל דורך דער כנסת אין ישראל אָנגענומען ווערן ווי אַ געזעצלעכע פליכט. אין אַלע אידישע דערציאונגס אַנשטאַלטן פון גלות זאָל זי אָנגענומען ווערן ווי אַ מאָראַלישע פאַרפליכטונג. שפּראַכלעך זאָל העברעאיש שטיין אין סאַמע צענטער. אין דער מינימום פאַרפליכטונג דאַרפן אויך אַריינגיין די אויפגאַבן צו עפענען פאַר דעם אידישן קינד סיי אין ישראל, סיי אין גלות, די גייסטיקע אוצרות אין דער אידישער שפּראַך, מיט וועלכע זיי דאַרפן זיך באַקענען אין אָריגינאַל. דורך דעם וועלן די המשך־שטראָמען וואָס האָבן יאָרהונדערטער געפּלייצט דורך דער דאָזיקער שפּראַך אַריינגעבראַכט ווערן אין אַלע אידישע קינדער. אויסער דעם שפּראַך־עלעמענט מוז דערפירט ווערן צו אַ געוויסן הסכם וועגן די אַנדערע עלעמענטן, וואָס זיינען וועזנטלעך פאַר אידישער דערציאונג.

אין ד ע ר פאַרבינדונג מוז מען מיט טיפסטער שפּירעוודיקייט צוגיין צו דער פראַגע, וואָס פאַר אַ פּלאַץ זאָל אמונה פאַרנעמען אין דער דערציאונג פּראָגראַם. איך האָב ניט אין זינען די שולחן ערוך אמונה. איך האָב צו איר ניט, חלילה, קיין זלזול באַציאונג, אָבער זי לאָזט מיך קאַלט. פאַר דער איינהייטלעכער גאַנצקייט פון דערציאונג וואָלט איך, אַ ניט־אָרטאָדאָקס, מסכים געווען אַריינצונעמען אפילו שולחן־ערוך־רעליגיעזע עלעמענטן אין דער דערציאונג. ווען איך רייד וועגן אמונה, האָב איך עפּעס אַנדערש אין זינען.

אין אמונה און אירע אויסשפּראָצונגען, נבואה און משיחיזם, שטייגט אויף ביז צו די העכסטע הויכן די אייגנאַרט פונם עם אחד. אין אַלע גרויסע עפּאָכעס פון אונזער געשיכטע איז אונזער אמונה־אייגנאַרט אונז בייגעשטאַנען. זי האָט געהאָלפן רייכער און טיפער מאַכן אונזערע קולטור־אוצרות, אויסברייטערנדיק דורכדעם דעם שטח פון אונזער אייגנאַרטיקייט, במילא אויך פון אונזער אויסדערוויילטקייט.

איך נעם זיך ניט אונטער צו דערקלערן, פון וואַנען עס האָבן זיך צו אונזער פאָלק גענומען אָט די באַזונדערקייט, אָבער ס'וין דער עצם פאַקט וואָס זיין נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט האָט זיך אַנטפּלעקט דורך מתן תורה באַווייזט צוויי זאַכן. עס באַווייזט זיין וואונדערבאַרע באַזונדערקייט, ווייל אַנדערע

פעלקער האָבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג צו אַזאַ הויכער מדרגה פון שעפערישן גייסט ניט דערגרייכט. עס באַווייזט אויך, אַז דער שטח אויף וועלכן זיין געניאַלע אייגנאַרט ווערט אַמטיפסטן אויסגעווירקט, איז אמונה.

דערביי בעט זיך אַ באַמערקונג: ווען מען זאָגט, למשל, אויף אַ יאַשע חפץ אַז זיין אויסדערוויילטקייט ברענגט ער אַרויס דורך דעם פידל, האָט מען דערמיט נ י ט געזאָגט צוויי' זאַכן: מען האָט ניט געזאָגט אַז ער איז דער איינציקער וואָס קען שפילן פידל, און מען האָט ניט געזאָגט, אַז אויף אַנדערע כלים קען ער ניט שפילן. מען האָט נאָר געזאָגט, אַז די כלי וואָס גיט אים די מעגלעכקייט אויסצודריקן אַמבעסטן זיין געניאַליטעט איז דער פידל. דאָס זעלביקע מוז מען געדענקען וועגן דער שייכות פון עם־אחד צו אמונה. אמונה איז ניט זיין מאָנאָפּאָל און אמונה איז ניט די איינציקע גייסטיקע כלי, אויף וועלכער ער קען שפילן, אָבער אמונה איז יענער שטח פון גייסט וואו זיין אייגנאַרטיקע געניאַליטעט, וואָס ער טראָגט אין זיך פון זיין אור־געשיכטע, האָט זיך אַמבעסטן אַנטפּלעקט. אויב עס איז ריכטיק — און עס א י ז זיכער ריכטיק! — אַז די דאָזיקע אייגנאַרט פון דעם עם־אחד איז פון אַזאַ גוואַלדיקן שטאַרקן גייסט־שטאָף וואָס גיט זיך קיינמאָל ניט אונטער, דאַן מוז דער עם־אחד טאָן מיט אמונה דאָס, וואָס ער האָט געטאָן מיט שבת. ער האָט אַריינגעגעבן אין שבת אַזוי פיל פון זיין ציען זיך צו קדושה, אַז שבת האָט אים מיט קדושה צוריקגעצאָלט. מוז ער דעריבער אין אמונה אַריינלעבן זייער גרויסע כחות, כדי די דאָזיקע אייגנאַרט זיינע זאָל אים צוריקצאָלן מיט כחות פאַר ווייטערדיקן המשך.

דאָס מענטשלעכע האַרץ מוז שטענדיק האָבן פאַר זיך אַ ציל וואוהין צו שטרעבן. וואָס מער דער מוח וועט באַגרייפן, אַלץ ברייטער און ניט שמעלער וועט ווערן דער שטח וואוהין די נשמה וועט זיך ציען. און אַט דעם שטח האָט דער מענטש ביז איצט אויסגעפילט מיט אמונה און וועט אים ווייטער אַזוי אויספילן. אמונה אַליין ווערט דורך דעם דינאַמיש. זי מוז כסדר שאַפן נייעס. דאָס וואָס נעכטן האָט דער מוח ניט באַגריפן און דער מענטש האָט עס אויסגעפילט מיט אמונה, האָט היינט דער מוח יאָ באַגריפן. גייט עס אַרויס פון שטח פון אמונה. אָבער אמונה מוז זיך אויסברייטערן אויף יענע נייע שטחים וואָס האָבן זיך דערווייל געעפנט פאַר דעם מענטשנס האַרץ. מוז זי זיך איבערשאַפן. אין דעם ליגט טאַקע די גאַראַנטיע פאַר איר אייגענער אייביקייט, אַזוי לאַנג ווי דער מענטש לעבט אויף דער וועלט. און אַ פאָלק וועמענס אייגנאַרטיקייט איז אַנטפּלעקט געוואָרן אויפן שטח פון אמונה, איז פאַרזיכערט מיט אַן אייביקן שאַפונגס־געביט.

און אויב מיר האָבן זיך דערגרונטעוועט צום וועזן פון עם אחד, קענען מיר זאָגן: פון דאַנען האָט אַרויסגעשפּראָצט מתן תורה, פון דאַנען האָט אַרויס־

דונערט אונזער נבואה, פון דאַנען איז געקומען דער כוח פון אונזער רעליגיעזער יצירה, פון דאַנען האָבן געצויגן חיונה אַלע משיחישע באַוועגונגען אין אונזער געשיכטע, פון דאַנען שטראָמט אונזער קדושת שבת, פון דאַנען האָבן זיך גענומען אונזערע גאולה־בענקשאַפטן און דער אייגנאַרטיקער בונד פון עם־אחד און ארץ ישראל. מיר מוזן דאָן קענען זאָגן אויך אַ ווייטערדיקן פסוק: פון די זעלביקע גייסט־קוואַלן נערן זיך קודם כל אונזערע מאָדערנסטע שרייבער און קינסטלער. אויב איר פאַרמאָגט אַן אמת שפּירבאַרן געהער, וועט איר אַרויסהערן אַ גוואַלדיקע דערהויבונג, ווי נאָר אַ קינסטלער אונזערער רירט אָן די סטרונעס פון אמונה. ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין, רעאַגירט ער דערביי גאָר אַנדערש. ווייל אינסטיקטיוו פילט ער, אַז דאָ האָט ער אָנגערירט דעם סאַמע קדשי־הקדשים פון זיין אייגן האַרץ. דאָס שלאָגן פון אים אַרויס די אייגנאַרטיקע קוואַלן פון דעם עם אחד, צו וועלכן ער געהערט.

אפילו אונזערע מאָדערנע באַוועגונגען שעפּן זייער כח פון אָט דעם אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון אידישער אייגנאַרט. פון דעם קוואַל האָט געטרונקען הערצל, ווייל נאָר אויפן שטח פון משיחיזם קען דערקלערט ווערן זיין דערשיינען. פון דעם כח האָבן געשעפּט די בילו״יים. פון דעם כח איז חלוציזם אין אונז געבוירן געוואָרן. פון דאַנען האָבן מיר געשעפּט די גבורה פון העפּלה, סיי פאַר מתן ציוניזם, סיי פון אונזער צייט. מיט אָט דער זאַפט איז אָנגעטרונקען אונזער הגנה־זעלנער, פונקט ווי עס האָבן פון אים געטרונקען אַלע אונזערע זעלנער פון אַלע דורות וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין מלחמות היהודים. אויך דער פאַקט וואָס אונזער יוגנט איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען, קען דערקלערט ווערן נישט בלויז מיט די ספּעציעל שווערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר האָבן געלעבט אין די גלות־לענדער, נאָר אויך און פיל מער מיט דעם, וואָס די עטיש־מאָראַלישע קראַפט פון סאָציאַליזם איז אַ קינד פון אמונה. און אין אמונה ליגט אונזער סאַמע מהות.

די דורות בויער פון ארץ־ישראל האָבן אַוודאי געשעפּט פון אָט דעם קוואַל. נישט אידן־נויט אַליין האָט זיי געטריבן קיין ארץ־ישראל. נויט אַליין שלעפּט אָפּטער אין „בירא עמיקתא״ פון פאַרצווייפלונג, צום „דנאָ״ פון דער געזעלשאַפט. נאָר אַ נויט וואָס האָט זיך געשפּייזט מיט דער ספּעציעלער גייסטיקער אייגנאַרט פון עם אחד האָט געקענט אַרויסברענגען אַ דור פון בויער, וואָס זאָלן זיך דערהויבן „לאיגרא רמא״. דער גייסט־שטראָם וואָס האָט אונז צוריק אויפגעלעבט העברעאיש האָט אויך זיין אָנהויב אין אונזער עם אחד וועזן. הערט זיך איין צו די לידער, מיט וועלכע די לעצטע צוויי דורות אין ארץ־ישראל האָבן געשטאַרקט זייערע הערצער אין שווערע מינוטן, און איר וועט דערקענען זייער אָפּשטאַם. מיט דעם כח און נאָר

מיט דעם כח איז אויך אידיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שעפערישער קול־טור־כלי. נישטאָ קיין שעפערישע דערשיינונג פון אונזער צייט, וואָס איז נישט באַפרוכפּערט געוואָרן דורך די קאַנאַלן פון אונזער אייגנאַרט, פונם מהות פון דעם עם־אחד.

דורך אַזאַ באַציאונג צו אמונה דאַרף אַנטשידן ווערן דאָס אָרט, וואָס אמונה וועט מוזן פאַרנעמען אין אונזער דערציאונג. און יענע פון אונז אויף וועמען די היסטאָרישע אויפגאַבע וועט אַרויפגעלייגט ווערן צוצוגרייטן דעם מינימום פּראָגראַם פאַר אידישער דערציאונג, וועלן זיך דערמיט מוזן זייער שטאַרק רעכענען.

די אויפשטעלונג פון אַן אַלוועלטלעך אידישן קולטור־אַמט פאַר די צוועקן פון האַרמאָניזירן די אידישע דערציאונג פון ישראל און גלות באַ־טראַכט איך דעריבער אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון אונזער איצטיקער תקופה.

ט.

אַ צווייטע קולטור־היסטאָרישע אויפגאַבע וואָס ליגט אויף אונזער דור איז אויפזאַמלונג און אָפּקלייב.

אויך פאַר דעם זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ אידישער וועלט־אָרגאַן פון די גרעסטע אויטאָריטעטן, וואָס מיר פאַרמאָגן, כדי אויפצוזאַמלען אַלע אונזערע אוצרות און אין דער זעלביקער צייט מאַכן אַן אָפּקלייב.

אויפזאַמלונג איז אַ זייער שווערע אָבער פּשוטערע אויפגאַבע. אין אונ־זער דור האָבן ביאַליק און ראַווניצקי אָנגעהויבן עפּעס אויפצוטאָן אויף דעם שטח. דאָס איז אַן אויפגאַבע ניט פאַר איין דור, נאָר פאַר אַ גאַנצער עפּאָכע. אויפגעזאַמלט מוז ווערן אַלץ וואָס איז פון אידן געשאַפן געוואָרן און טראָגט אין זיך אַ פונק פון דער אייביקער אידישער אייגנאַרטיקייט. פאַר די וואָס וועלן פאָרשן און שטודירן אידישע שאַפונג דאַרף אַלץ זיין אויפגעזאַמלט.

אָבער אַן אָפּקלייב דאַרף אויך געמאַכט ווערן. די אוצרות מוזן דאָך אַריינגעטראָגן ווערן אין לעבן; זיי מוזן אַוודאי באַפרוכפּערן די נייע שאַפער, אָבער זיי מוזן דאָך אויך גייסטיק שפּייזן די געברויכער. מוז דעריבער קו־מען אַן אָפּקלייב, וואָס זאָל צוטראָגן אַ מין נייעם שולחן ערוך אויך פאַר אידישע מאַסן. דער דאָזיקער אָפּקלייב זאָל דינען אַלס יסוד פאַר דער מיני־מום אידישער דערציאונג.

איך זוך דאָ ניט צו פסלען דעם אַלטן שולחן ערוך. יענע עלעמענטן וואָס קענען צוגעצויגן ווערן צו אַ פולשטענדיק אָרטאָדאָקסיש־אידישער

דערציאונג, האָבן פאַר זיך דעם פּאַרטיקן שולחן ערוך. איך מיין, אַז דער געזאַמטער כח פון אידישן פאָלק פון דער גאַנצער וועלט דאַרף זיי מיטהעלפן אין זייערע אַרבעטן.

אָבער, צום באַדויערן, קען מען ניט דערוואַרטן אַז אַלע אידן זאָלן זיך נערן בלויז מיט אָט דער גייסטיק־טראַדיציאָנעלער שפּייז. איך גיי ווייטער: ווי ווייט עס איז מעגלעך דאַרפן אין דעם נייעם אָפּקלייב איבערגענומען ווערן גאָר גרויסע חלקים פון דעם אַלטן טראַדיציאָנעל־אידישן לעבנס־שטייגער. איך זאָג אָבער, אַז אונזער עפּאָכע איז מחויב צו באַזאָרגן אידיש־גייסטיקע שפּייז פאַר וואָס אַ גרעסערער צאָל אידן. דאָ וועלן די אָפּקלייבער זיך מוזן רעכענען מיט די נייע באַדינגונגען, אונטער וועלכע דער איד פון די נייע דורות לעבט, און צוגרייטן פאַר אים אַזאַ שפּייז, וואָס ער זאָל קענען קולט זיין אין טאָג־טעגלעכן לעבן. איך בין זיכער אַז אַ סך פון די וואָס וועלן זיך פריער שפּייזן מיט דער פאַר־זיי־אָפּגעקליבענער גייסטיקער שפּייז, וועלן זיך שפּעטער צוכאַפּן צום גאַנצן אָנגעזאַמלטן אוצר. וויבאַלד אָבער מען וועט פאַר זיי ניט צוגרייטן קיין אָפּקלייב, וועלן זיי צו די טיפערע אוצרות קיינמאָל ניט קענען צוקומען.

די וואָס וועלן דאַרפן מאַכן דעם אָפּקלייב וועלן האָבן פאַר זיך אַ גוואַל־טיקע אויפגאַבע וויאַזוי צו פאַרזיכערן אַז דאָס וועזנטלעכע זאָל אין דעם אָפּקלייב בלייבן. אַ ביישפּיל וועט קלאָרער אַרויסברענגען וואָס איך מיין: די צוויי אין געשיכטלעכן זין נייעסטע אַנטפּלעקונגען פון אידישן גייסט, אויסגעדריקט אין חסידיזם און אין דער מוסר־באַוועגונג פון די לעצטע דורות, דאַרפן אַוודאי אין דעם אָפּקלייב געפינען זייער אָרט. אָבער בשעת מוסר איז זייער גרינג איבערצוזעצן פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן, ווייל עס איז באַזירט אויף די אייביקע יסודות פון מענטשלעכער עטיק, קען חסידות — צוליב דעם וואָס דאָס איז פיל ענגער אַריינגעזעצט אין אַ ריין־אידישער ראַם — שווערער אַריינגעבראַכט ווערן אין אַן אָפּקלייב, וואָס דער מאָדער־נער איד זאָל עס טאַקע דערשפּירן. די מוסר־לערע קען דעריבער גרינגער אָנגעווענדט ווערן אין אונזער מאָדערנעם לעבן, בשעת די חסידישע לערע האָט שוין אפילו אונזער דור בלויז דורכגעלעבט דורך דער ליטעראַטור; ער האָט זיך שוין אַליין וויניק באַטייליקט אין דעם עצם אייגנאַרטיקן שטראָם פון חסידישן לעבנס־שטייגער. און דאָך מוז דער מאָדערנער איד קענען אין זיך איינזאַפּן אויך דעם גייסטיקן אַראָמאַט פון חסידיזם. דעם וועג וויאַזוי דאָס צו דערגרייכן, וועלן מוזן געפינען די אָפּקלייבער. האָבן זיי עס געפונען, האָבן זיי בייגעטראָגן אַ גרויסן שטייער צו דער מעגלעכקייט אַריינצוגעבן אידישע המשך־זאַפטן אין נייע אידישע דורות. אין דעם נויטיקן זיך די נייע דורות סיי אין ישראל, סיי אין גלות. דאָס איז אַ גייסטיקע בריק, וואָס וועט

ביידע דערנענטערן איינע צו די אַנדערע און ביידע דערנענטערן צו אידי־שער גייסטיקער נצחיות.

י.

און נאָך אויף איין גרויסער אויפגאַבע וויל איך אָנווייזן. דער נאָמען פון דער אויפגאַבע איז חלוציות. אונזער דור מוז אָבער אַריינטראָגן אַ נייעם צוגאַנג צו חלוציות, וואָס האָט זיך שוין דערוואָרבן אַזאַ וויכטיק אָרט אין אונזער נייער געשיכטע.

פון דעם וואָס איך וויל זאָגן דאַרף מען ניט ציען קיין מסקנא, אַז די אַרבעט פאַר חלוציות וואָס איז אָנגעגאַנגען ביז איצטער, דאַרף, חלילה, אָפּ־געשטעלט ווערן. זיכער מוז זי פאַרשטאַרקט ווערן. יעדער סאָרט חלוציות איז אַ בריק צווישן גלות און ישראל. אונזער תקופה טאָר זיך אָבער דער־מיט ניט באַנוגענען. חלוציות אין אונזער תקופה מוז האָבן אַ צווייפאַכע אויפ־גאַבע: סיי העלפן בויען ישראל, סיי העלפן בויען עם ישראל. איך שטעל מיר עס פאָר אַזוי:

אין צוגאָב צו די הונדערטער חלוצים וואָס וועלן גיין קיין ישראל, דאָרט צו בלייבן און דאָרט זיך איינוואָרצלען, מוז אַ בריק איבערגעוואָרפן ווערן, איבער וועלכער טויזנטער אידישע יונגע מענטשן זאָלן גיין אַהין־און־צוריק. זיי זאָלן גייענדיק אַהין, וויסן אַז זיי וועלן קומען צוריק. זייער צוריקקומען זאָל ניט זיין אַ רעזולטאַט פון אַן אַנטוישונג, נאָר פון אַ פריער־אויסגעאַר־בעטן פּלאַן. זיי זאָלן אין זייערע יונגע יאָרן גיין אין ישראל, ווער אויף אַ יאָר, ווער אויף לענגער. אַ פּראָגראַם פון לערנען און אַרבעט זאָל פאַר זיי דאָרט צוגעגרייט ווערן. נאָכדעם זאָלן זיי קומען צוריק און ווערן די מענטש־לעכע בריק צווישן ישראל און דעם גלות. די פון זיי, וואָס וועלן פאַרציען צו בלייבן אין ישראל זאָלן עס קאָנען טאָן. די וואָס קומען צוריק זאָלן, לויט זייער אייגענעם ווילן, זיך אָרגאַניזירן אין חלוצישע „גרעינים״. נאָכדעם ווי זיי זיינען עטלעכע יאָר געווען אין אַמעריקע און האָבן זייער השפעה אויס־געאיבט אויף די הונדערטער טויזנטער פון דער אַמעריקאַנער יוגנט, פון וועלכע זיי זיינען ביין פון זייער ביין, זאָלן זיי אַליין — אויב זיי זיינען נאָך דערצו אַנטשלאָסן — עולה זיין קיין ישראל.

פון די אַלע השפעה־שטראָמען וואָס די איצטיקע תקופה קען און דאַרף עפענען כדי צו דערגרייכן ביידע צילן (ענגערע פאַרבינדונג צווישן ישראל און גלות און טיפערע פאַרפלאַנצונג פון אידישקייט אומעטום), וועט אָט דער שטראָם, ווי מיר שיינט, ברענגען די גרעסטע מאָס פון הצלחה. ווען מיר זאָלן קענען האָבן במשך פון ניט צו־פיל יאָרן אויפן אַמעריקאַנער קאָנ־

טינענט עטלעכע טויזנט אַזעלכע יוגנטלעכע, וואָלטן מיר געעפנט דעם בעסטן און ווירקנדיקסטן וועג צו די הערצער פון דער אידישער יוגנט אין גלות, וואָס זי איז דאָס אידישע פאָלק פון מאָרגן, וואָס דורך אירע הערצער און נשמות דאַרף געצויגן ווערן דער ווייטערדיקער געוועב פון אידישע נצחיות, באַזירט אויף די לעבנס־פּאָטענצן פון דעם אידישן פאָלק.

ווי געזאָגט: אָט די אַלע מסקנות האָבן צו טאָן מיט דערציאונג, ווייל אַלע באַצוועקן זיי די פאַרפלאַנצונג פון די אייביקע ווערטן פון אידישער גייסטיקער אייגנאַרטיקייט. אָנשטאָט דער „גרויסער" דעבאַטע, צי איז אַמע־ריקע גלות אָדער ניט, לאָמיר זיך קאָנצענטרירן אַרום אַלע אַרבעטן וואָס קענען אין אונז שטאַרקן אונזערע שאַפנדיקע כוחות.

דווקא די נעגאַטיווע פאַקטאָרן, מיט וועלכע אונזער תקופה ווערט זיך דאַרפן ראַנגלען, הויפּטזעכלעך די אָפּגעשוואַכטע מאָראַל פון דער גאַנצער מענטשהייט און די אָפּגעשוואַכטע ווירקונג פון אמונה אין אונזער לעבן, דיק־טירן צוויי זאַכן: זיי דיקטירן, ערשטנס, אַז מיר מוזן צוגיין צו די ענינים מיט דער גרייטקייט פאַר אומגעהויערע אָנשטרענגונגען; זיי דיקטירן, צווייטנס, אַז די דאָזיקע גייסטיקע בריקן מוז מען אָנהויבן בויען תיכף. מען טאָר אפילו ניט אָננעמען דעם נוסח אַז ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען דאַרפן האָבן פּריאָריטעט. עס מוז געפונען ווערן אַ גלייכגעוויכט צווישן ביידע סאָרטן אַרבעטן. ביידע מוזן גלייכצייטיק געטאָן ווערן, אויב אונזער תקופה זאָל קענען דורכפירן די שליחות וואָס די אידישע געשיכטע האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, סיי בנוגע אונזער לעבן אין גלות, סיי בנוגע בויען און באַפעסטיקן מדינת ישראל.

„קעמפער", דעצעמבער, 1951.

גייען אַמעריקאַנער פּועלי־ציון אויף אַ נייעם וועג?

א.

אונזער 28טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט געהאַט מזל צו דער פּרעסע. עך האָט אַרויסגערופן פאַרשיידענע קאָמענטאַרן, פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. האַלט איך קודם כל פאַר מיין חוב צו קאָרעגירן אייניקע ניט־ריכטיק איבערגעגעבענע פאַקטן און אויך ניט ריכטיקע אויסטייטשונגען, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן צו געוויסע האַנדלונגען פון דער קאָנווענשאָן. נאָכדעם וויל איך פּרובירן געבן מיינע אייגענע אויסטייטשונגען פון אָט די האַנדלונגען.

דער הויפּט אינטערעס פון כמעט אַלע זשורנאַליסטן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם וואַל פון אונזער נייעם פּרעזידענט. די מערסטע פון זיי האָבן אין דעם געזען אַן אָנהויב פון אַ נייעם וועג, אויף וועלכן די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון האָבן אָנגעהויבן גיין. באַציען זיך טאַקע די מערסטע שרייבער מיט גרויס רעספּעקט צו דער פּערזאָן פון חבר רבי דזשיימס העלער, אָבער אייניקע פון זיי רעדן שוין ניט מיט אַזאַ רעספּעקט וועגן די פּועלי־ציון וואָס האָבן אים געוויילט אַלס זייער פּרעזידענט. טייל איך ניט זייער אָפּשאַצונג פון דער פּאַרטיי און פון די מאָטיוון וואָס האָבן זי געפירט צו דער וואַל פון חבר העלער. איך טייל זיכער ניט זייער מיינונג, אַז די־דאָזיקע וואַל שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנהויב פון אַ נייעם דרך. בעיקר אָבער שטים איך ניט איין מיט דעם אינהאַלט, וואָס זיי שרייבן צו דעם נייעם וועג, וואָס אויף אים זאָלן די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון, לויט זייער נוסח, זיך האָבן אַוועקגעלאָזן.

לאָמיר אָנהויבן מיט פעסטשטעלן אייניקע פאַקטן.

ב.

ווי עס איז דער שטייגער אין פּאָליטישע באַוועגונגען, פאַרבינדט מען געוויינלעך ערנסטע פּרוּוון, פון גיין אויף נייע וועגן, מיט באַמיאונגען זיך צו באַפרייען פון דער פריערדיקער פירערשאַפט. ווען אין אונזער פאַל וואָלט עס געווען אמת, וואָלט מען אויך ניט געקענט האָבן קיין טענות צו די פּועלי־ציון. ניטאָ און עס דאַרף ניט זיין קיין פּערמאַנענץ פאַר פירערשאַפט. אַ באַוועגונג מוז כסדר זוכן נייע מנהיגים, צי זי פאַרנעמט זיך צו גיין אויף נייע וועגן אָדער ניט. אין אונזער פאַל איז אָבער די דאָזיקע באַהויפּטונג געבויט אויף השערות, וואָס שטיצן זיך ניט אויף קיין שום פאַקטן.

אין טייל קאָמענטאַרן פילט זיך אפילו אַ שמץ פון רחמנות צו די, וואָס האָבן ביז איצט אַנגעפירט מיט די אַמעריקאַנער פועלי־ציון. עס זאָל הייסן, אַז צוליב און דורך דער נייער ווענדונג האָט מען די פריערדיקע פירער פאַרגעסן. מיט מיר פּערזענלעך איז מען זיך, לויט דעם נוסח פון אייניקע שרייבער, — נאָך באַגאַנגען מיט חסד. עס זאָל הייסן אַז כדי פריי צו מאַכן דעם אָרט פאַר חבר העלער, האָט מען מיך דערהויבן צו אַ העכערער פּאָזיציע; מען האָט מיך אַריינגעשיקט אין דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענץ. מיט די איבעריקע פריערדיקע אָנפירער האָט מען אפילו אַזאַ איינזען אויך ניט געהאַט! מען האָט זיי פשוט פאַרגעסן און זיי זיינען אַראָפּ פון דער סצענע.

איז צום גליק נישטאָ קיין שמץ פון אמת אין די דאָזיקע באַהויפּטונגען. צו דער העכערער פּאָזיציע בין איך דווקא דערהויבן געוואָרן כמעט גלייך נאָכדעם ווי דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט מיך אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון די פועלי־ציון. איך האָב פאַרנומען דעם אַמט פון פּרעזידענט ווייניקער ווי פינף יאָר און שוין פיר יאָר ווי איך בין אַ מיטגליד פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע. אויב עס איז געווען אַ שייכות צווישן מיין פּרעזידענט־אַמט און מיין מיטגלידערשאַפט אין דער עקזעקוטיווע, איז די שייכות געווען פונקט אַ פאַרקערטע ווי די קאָמענטירער גיבן אָן: מיין דעמאָלטדיקער אויס־וואַל פאַר פּרעזידענט האָט געדינט ווי אַ שריט פאַר מיין וואַל אין דער עקזעקוטיווע און ניט דער איצטיקער אויסוואַל פון חבר העלער.

פונקט אַזוי איז ניט ריכטיק, אַז מ'האָט די אַנדערע פריערדיקע פירער פאַרגעסן. אין אַזאַ דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע ווי אונזערע איז אַ פּרע־זידענט נישט קיין מושל בכיפה, ווער דער פּרעזידענט זאָל ניט זיין. ביי אונז הערשט קאָלעקטיווע אחריות. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אין רשות פון צענטראַל־קאָמיטעט. און כמעט אַלע פריערדיקע אָנפירער זיינען גע־וויילט געוואָרן פונדאָסניי אין צענטראַל־קאָמיטעט.

נאָך ווייניקער קאָרעקט איז דער איינדרוק, וואָס אייניקע שרייבער זוכן צו שאַפן, אַז די מפאַי־פירער פון ישראל האָבן אַרויפגעצוואונגען אויף די אַמעריקאַנער פועלי־ציון סיי די נייע שיטה, סיי דעם נייעם פּרעזידענט. אויב חבר העלערס וואַל דעמאָנסטרירט טאַקע אַ נייע שיטה, מוז איך אויף זיך נעמען אַ טייל פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווייניקסטנס מיט אַנדער־האַלבן יאָר צוריק האָב איך פאַרגעשלאָגן חבר העלער, ער זאָל מסכים זיין איבערצונעמען דעם פּרעזידענט־אַמט פון די פועלי־ציון. און איך בין ניט געווען דער איינציקער. דר. חיים פיינמאַן און מיט אים אַ גאַנצע ריי חברים האָבן דאָס זעלביקע פאַרגעשלאָגן דעם חבר העלער.

פון אַט די עטלעכע פאַקטן איז דאַכט זיך קלאָר, אַז ניט מפא״י האָט

אויף אונז עפּעס אַרויפגעצוואונגען; אַז מיר האָבן מיט אונזער אייגענעם ווילן צוגעגרייט די מעגלעכקייט פאַר חבר העלערס וואָל און אַז די פריער־דיקע אָנפירער האָבן ניט פאַרדינט דעם רחמנות וואָס איינינקע שרייבער האָבן צו זיי אַרויסגעוויזן.

ג.

באַוויזט טאָקע דאָס אויסווײלן פון חבר העלער דעם אָנהויב פון אַ נייעם דרך? — דאָס לייקן איך לחלוטין אָפּ. עס וועט מן הסתם איבעראַשן אייניקע קאָמענטירער, ווען איך וועל באַהויפּטן, אַז אויף דעם דאָזיקן נייעם דרך האָבן מיר אַרויפגעטראָטן נישט שפּעטער ווי אין יאָר 1909 — דאָס הייסט מיט 43 יאָר צוריק, ווען מיר האָבן אין ניו יאָרק געגרינדעט די ערשטע ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע שולע. אויב יענע האַנדלונג האָט פאַרמאָגט אַ היסטאָ־רישע באַדייטונג, איז עס געלעגן אין דעם וואָס מיר האָבן זיך שוין דעמאָלט געשטעלט מיטן פּנים צום אַמעריקאַנער אידנטום און בעיקר צו זיין יוגנט. שוין דאַן האָבן מיר דערשפּירט, אַז אין דער אידישער געשיכטע איז אויפ־געשטאַנען אַ נייער כוח, וואָס טאָר ניט איגנאָרירט ווערן. און אַזוי ווי שוין דאַן האָבן מיר געזען דעם עיקר פון פּועלי־ציוניזם אין מיטגיין מיט די געשיכטלעכע שטראָמען פון דעם אידישן פאָלק — און אין איבערגעבן זיי די קראַפט, וואָס אונזער אידיי טראָגט אין זיך — האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די דערציאונג פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קינד איז איינע פון די עיקרדיקסטע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונזער באַוועגונג. צי מיר האָבן די דערציאונג גופא פאַרווירקלעכט ווי געהעריק, אָדער ניט — דאָס גע־הערט ניט צו אונזער היינטיקן וויכוח. אָבער אַמעריקאַנער פּועלי־ציוניזם האָט אין 1909, דורך דער צוגרייטונג פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדי־קאַלער שולע, אָנגעזאָגט זיך (און יענעם טייל פון דער אידישער וועלט, וואָס האָט זיך צו אים צוגעהערט), אַז ער האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צום אַמעריקאַנער אידנטום.

פון דיזעלביקע מאָטיוון האָבן געשטאַמט אַלע אונזערע פּרוּוון צו אָר־גאַניזירן די יוגנט־גרופּע פּועלי־ציון. איך שרייב ניט היינט קיין געשיכטע, וועל איך זיך אַוודאי ניט אָפּשטעלן אויף די פאַרשיידענע סטאַדיעס, וואָס מיר האָבן אויף דעם געביט דורכגעמאַכט ביז מיר זיינען דערגאַנגען צו אונ־זערע היינטיקע „הבונים". אָבער די מאָטיוון וואָס האָבן אונז באַוועגט זיינען אַלעמאָל געווען: זוכן וועגן צום אַמעריקאַנער אידן און צו זיינע קינדער.

פונקט דערזעלביקער מאָטיוו האָט אונז באַוועגט איינצולאַדן חבר העלער, אַז ער זאָל זיך שטעלן ביים רודער פון די פּועלי־ציון און אונז העלפן פאַר־ווירקלעכן אָט דעם ציל.

ד.

איניקע קאָמענטירער האָבן אָבער אויסגעדריקט זייער פּחד, אַז דורך דעם דאָזיקן וואָל האָבן אַמעריקאַנער פּועלי־ציון זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון צוויי יסודות, וואָס, לויט זיי, זיינען עס געווען די סימנים מובהקים פון די פּועלי־ציון: אידיש און פּאָלקסטימלעכקייט. איינער פון זיי האָט אפילו געמאַכט חוזק פון אַ פּרוּאוו, וואָס איך האָב געמאַכט — בעתן שמועס, וואָס חבר העלער האָט געהאַט מיט אידישע צייטונגס־מענטשן — צו געפינען באַרירונגס־פּונקטן צווישן געוויסע אידייאישע איינשטעלונגען פון פּועלי־ציוניזם מיט געוויסע אידייאישע איינשטעלונגען פון רעפאָרם־אידנטום. וויל איך דאָ פּרובירן פאָרמולירן איניקע געדאַנקען אויף אָט די שטחים — סיי די וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט ביי יענער באַגעגעניש, סיי אַזעלכע וואָס איך האָב דאַן, צוליב צייט־באַגרענעצונג, ניט געקענט אַרויסזאָגן.

עקסטרעמע אידישיסטן באַשולדיקן דעם ציוניזם, אַז ער איז שולל דעם גלות. כדי ניט צו באַהאַלטן זיך אונטער אומקלאָרע ווערטער חזר איך דאָ איבער צום וויפלטן מאָל מיין אייגענעם „אני מאמין" אין דער פראַגע. איך געהער צו יענע וואָס גלויבן באמונה שלמה, אַז עס וועט קומען אַ טאָג אין דער אידישער געשיכטע, ווען דער באַגריף גלות וועט באַצייכענען אַ פאַרגאַנגענע תקופה אין דעם לאַנגן און אייביקן געשיכטלעכן גאַנג פון אידישן פאָלק. אָבער דער פּראָצעס וועט געדויערן דורות. איז ווען מען טראַכט ניט אין טערמינען פון אַזעלכע ווייטע תקופות, נאָר מען טראַכט וועגן דער תקופה אין וועלכער מיר לעבן, זיינען די אמתע שוללי הגלות דווקא די עקסטרעמע אידישיסטן. זיי זיינען שולל יעדן גלות וואָס לעבט ניט — וואָס קען אפשר גאָר ניט לעבן — מיט יענע גייסטיקע אינהאַלטן, וועלכע פילט אַן דידאָזיקע אידישיסטן; גייסטיקע אינהאַלטן וואָס פילן אַן אויך מיך, דעם ניט־אידישיסט.

עס איז אונז געשען אַ גרויסער נס, איינער פון די פילע נסים פון אונזער געשיכטע. עס איז אַריינגעשריבן געוואָרן אינם ספר היצירה פון דער אידישער אייגנאַרט אַ וויכטיקער קאַפּיטל, די תקופה וואָס — צוליב מאַנגל אין אַן אַנדער נאָמען — רופט מען זי „די מזרח־איראָפּעאישע". זיינען מיר אַלע אָנגעפילט מיט טיפער ליבע צו אָט דעם טייל פון דער אידישער אייגנאַרט, וואָס וואָרצלט טיף אין אונזערע נשמות.

אָבער דערדאָזיקער קאַפּיטל האָט זיך דאָך ווען עס איז אָנגעהויבן. געווען אַ צייט ווען ער איז נאָך ניט געווען אַריינגעשריבן מיט אַזויפיל אינהאַלט אין אידישע הערצער. די אידישע הערצער האָבן דאָך דאַן אויך געפילט, דאַן אויך געשאַפן. ווער איך ניט דער פּוסק אחרון צו מעסטן, וועלכע עפּאָכע עס האָט צוגעטראָגן וואָגיקערע יצירה צו אונזער אייגנאַרטיקער

שאַפונגס־געשיכטע. אָבער אויב מען האָט אין זינען אַז עס איז דאָך פּאַרט געווען אַ שעפערישׂ אידישׂ פאָלק נאָך איידער דער נייער מזרח־איראָפּעאַי־שער קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן, מוז מען קומען צו איין מסקנה: די פּאָ־טענץ פון שעפערישקייט ליגט אין דעם אידישן מענטשן, אין דער ירושה וואָס ער האָט איבערגענומען פון אַלע דורות, און נישט בלויז פון איין עפּאָכע, ווי ליב און טייער זי זאָל אונז ניט זיין.

זאָלן זיך אַמאָל די עקסטרעמע אידישיסטן אַ פרעג טאָן: ווי וואָלט געווען, ווען ביים סוף פון דער אַזויגערופענער שפּאַנישער עפּאָכע וואָלטן די דעמאָלט־שעפערישע אידן געהאַט אַן איינשטעלונג, אַז פּאַרטיפּטע אידיש־קייט איז מעגלעך נאָר אין דער פאָרם, אין וועלכער זיי האָבן זי אויפגע־בומען פון פריערדיקע דורות צוזאַמען מיט דעם וואָס זיי אַליין איז געלונגען צוצוגעבן צו דער דאָזיקער גייסטיקער ירושה? וואָס וואָלט געווען, ווען זיי האַלטן, אַז וואָס שייך די נייע דורות איז אַ ספק, אויב זיי וועלן נאָך צו־טראָגן דעם נופך משלהם, דאָס ביסעלע אייגנס צו דעם אומאויפהערלעכן שטראָם פון אידישער יצירה? מיט וואָס פאַר אַ נאָמען וואָלט די געשיכטע געדאַרפט באַצייכענען אַזאַ איינשטעלונג, ווען מיט איבער אַכט הונדערט יאָר שפּעטער האָט אַרויסגעשטראָמט אַזאַ גוואַלטיקע גייסטיקע יצירה פון מזרח־איראָפּעאישן אידנטום? וואָלט ניט דער בעסטער נאָמען געווען פאַר זיי — שוללי הגלות, ווייל זיי האָבן שולל געווען פון קומענדיקע אידישע דורות, וואָס לעבן אין אַנדערע גלותן, די היסטאָרישע יצירה־קראַפט פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק?

אַן עקסטרעמען און דערפאַר בולטןביישפּיל פון אַזאַ שלילת הגלות האָב איך אַליין געהערט פון דעם שעפער פון אידישיזם, דר. חיים זשיטלאָווסקי. אין אַ וויכוח וועגן דער שפּראַך וואָס דאַרף הערשן אין ארץ־ישׂראל, האָב איך באַנוצט דעם אַרגומענט, אַז אין די אַראַבישע לענדער לעבן איבער אָנדערהאַלבן מיליאָן אידן, וואָס אידיש איז ניט זייער שפּראַך. האָט זשיט־לאָווסקי זייער שאַרף מיר געענטפערט: חבר צוקערמאַן — יענע אידן גע־הערן ניט צו מיין אידישן פאָלק.

ה.

פּועלי־ציוניזם האָט אָט דעם שלילת הגלות אַלעמאָל באַקעמפט. פאַר אונז איז דער באַגריף „עם אחד" אַ יסוד פון אונזער וועלט־אַנשויאונג. מיר טייטשן עס אויס זייער פּשוט: איין פאָלק, אין אַלע צייטן, אונטער אַלע באַדינגונגען, אַן אונטערשייד וועלכע שפּראַך דער אָדער יענער גלות זאָל ניט האָבן אויף אים אַרויפגעצוואונגען. מיר גלויבן, אַז שטענדיק און אומע־

טום לעבט אין דעם אידן די פּאַטענץ פאַר זיין אייגנאַרטיקער שעפערישקייט. אונזער אויפגאַבע איז אומעטום צו פאַרוואַנדלען די פּאַטענץ אין מעשים, אין לעבעדיקן גייסטיקן שפּייז פאַר דעם אידישן מענטשן. איז עס אַוודאי אונזער פליכט צו עפענען פאַרן נייעם אַמעריקאַנער איד די שפּראַך־קוואַלן, דורך וועלכע אידישע שעפערישקייט האָט אַממערסטן געשטראָמט. פאַר־נעמט דאָס ערשטע אָרט העברעאיש. פאַרנעמט אַ זייער וויכטיקן אָרט אידיש. טוען מיר וואָס עס איז אין אונזער כוח אויף אָט דעם שטח. וואָלט איך זיך געוואָלט פאַרטייאיש באַרימען, וואָלט איך אַוודאי געמעגט דערמאָנען, אַז מיר זיינען געווען די ערשטע אויף דעם געביט; אַז ביי אונז זיינען ניט געווען קיין שום וויכוחים אַרום דעם. אידישע שולן זיינען אָרגאַניש און זעלבסטפאַרשטענדלעך אַרויסגעוואָקסן פון אונזער פּועלי־ציוניזם. פונקט אַזוי איז ביי אונז ניטאָ קיין דיסקוסיע וועגן דער באַדייטונג פון טאָג־שולן. לויט אונזערע כוחות בויען מיר זיי.

אָבער מיר וועלן קיינמאָל ניט מסכים זיין צו פאַרוואַנדלען די שפּראַך אין אַ באַריערע צווישן אונזער אידיי און דעם יונגן אַמעריקאַנער איד. מיר זיינען זיך אין דעם סומך אויף אונזערע אייגענע ראשונים. בער באָראָכאָוו האָט זיינע ערשטע פּועלי־ציוניסטישע שריפטן געשריבן אין רוסיש. דר. נחמן סירקין האָט זיך באַנוצט מיט דריי שפּראַכן: העברעאיש, אידיש און דייטש. שפּעטער־צו האָט ער געשריבן ענגליש.

ווייס איך, אַז מען קען אָנווייזן אויף סיבות, אויף ניט גלייכע באַדינ־גונגען, אייניקע באַהויפּטן אפילו, אַז רוסיש פאַרן רוסישן אידן האָט ניט אַנטהאַלטן אַזויפיל אַסימילאַציע באַצילן ווי ענגליש פאַר אַמעריקאַנער אידן. איך פרעג־אָפּ די באַהויפּטונג. אָבער אפילו ווען מ׳זאָל עס אָננעמען, האָט דאָך דייטש זיכער געטראָגן פיל געפערלעכערע אַסימילאַציע־באַצילן, און פונדעסטוועגן האָט דאָס ערשטע, אמת־פּועלי־ציוניסטישע ווערק ניט פאַר־לאָרן זיין ממש היסטאָרישע באַדייטונג דערפאַר, וואָס עס איז געשריבן גע־וואָרן אין דייטש. איך האָב אין זינען „רוים און ירושלים״ פון משה העס.

איז, הייסט עס, קלאָר פאַר מיר: דער מאמר „שמע, בכל לשון שאתה שומע״ פּאַסט זיך זייער צו אונזער שטעלונג אין דערדאָזיקער פראַגע. דער מחבר פון אָט דעם מאמר האָט זיכער געגלויבט, אַז דער רבונו של עולם וויל הערן תפילות דווקא אין לשון הקודש. דאָך האָט ער אָנגעזאָגט: „בכל לשון שאתה שומע״ — אין דער שפּראַך וואָס דער מתפלל פאַרשטייט. מיר מוזן דעריבער זיך רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז אַ דריטע שפּראַך מוז קריגן אונזער אויפמערקזאַמקייט, אויב מיר ווילן קריגן דעם יונגן אידישן מתפלל אין אונזער שול אַריין.

ו.

גלויבנדיק, ערשטנס, אין דער פעאיקייט פון דעם נייעם אַמעריקאַנער אידן אויפצונעמען די היסטאָרישע ירושה פון אידישע שעפערישקייט ; גלויבנ־דיק, צווייטנס, אַז דורך דעם אַמעריקאַנער אידנטום הויבט זיך אָן שרייבן אַ נייער נוסח אין דער אידישער געשיכטע, וואָס וועט זיך אַמאָל דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ נייעם קאַפּיטל אין אידישער שעפערישקייט ; גלויבנ־דיק, דריטנס, אַז טראָץ דעם היטלער־חורבן, וועלכער האָט אַזוי אונטער־געהאַקט די פריערדיקע תקופה — ווי קיין תקופה איז ניט אָפּגעהאַקט גע־וואָרן אין אונזער גאַנצער געשיכטע — זיינען אונז דאָך געבליבן שעפע־רישע מענטשן וואָס טראָגן אין זיך די עשירות פון דער מזרח־אייראָפּע־אישער תקופה און קענען עס איבערפלאַנצן אין אַמעריקאַנער אידנטום ; גלויבנדיק אין דעם אַלעם, האַלט איך, אַז אונזער באַוועגונג איז מחויב צו פאַרוואַנדלען זיך אַליין אין איינעם פון די מכשירים, דורך וועלכן דידאָזיקע פּראָצעסן דאַרפן געפינען זייער תיקון. איך האָב, פון דעם שטאַנדפּונקט גע־זען, אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, וואָס אונזער קאָנווענשאָן איז געווען אַ צוויי־שפּראַכיקע אסיפה. כ׳האָב דערביי אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אונ־זערע ווייטערדיקע צוזאַמענקונפטן וועלן זיין דריי־שפּראַכיקע. איך האַלט עס ניט פאַר סתם אַ האָפענונג. עס זיינען שוין געווען צענדליקער דעלעגאַטן און נאָך מער געסט וואָס האָבן פאַרשטאַנען העברעאיש. אויף ווי ווייט שפּראַכן שפּילן אַ ראָלע אין אויפהאַלטן און פאָרמירן די גייסטיקע אייגנאַרט פון אַ פאָלק — און קיינער לייקנט ניט אָפּ זייער ראָלע — דאַרפן אַלע וויסן, אַז דאָס בעסטע וואָס מען קען דערוואַרטן אין די קומענדיקע צענדליקער יאָרן אין אַמעריקע איז פיל־שפּראַכיקייט. ווער עס וועט זיך פאַר׳עקשנען אויף איין־שפּראַכיקייט, וועט פירן בלויז צו ענגליש. די נייע נוסחאות פון אַמעריקאַנער אידנטום ווערן שוין איצט מער געוועבט — און וועלן אויך ווייטער מער געוועבט ווערן — אין יענע אידישע צוזאַמענקונפטן און אין יענע אידישע הייזער, וואו עס וועט הערשן פילשפּראַכיקייט. ניט אָנערקענען דעמדאָזיקן פאַקט געהערט אויך צו שלילת הגלות וואָס איך האָב אויבן אָנגעצייכנט. דעריבער ווער איך ניט שטאַרק גערירט פון דער נאָסטאַלגיע, וואָס געוויסע קאָמענטירער האָבן אַרויסגעוויזן צו דער צייט, ווען פּועלי־ציון אין אַמעריקע איז געווען אַ פעסטונג פון איין שפּראַך — אידיש. איך האַלט עס פאַר אַ נאַטירלעכער אַנטוויקלונג וואָס מיר גייען אַריבער צו מער־שפּראַכיקייט. כ׳זאָג : אין אונזער קרייזן — און אין ענלעכע קרייזן — וועט אויסגעשמידט ווערן דער נייער נוסח פון אַמעריקאַנער אידנטום. מיר דאַרפן באַוואוסטזיניק גיין דערצו. צו דער באַוואוסטזיניקייט געהערט אַוודאי

דאָס ווייטערע אַנטוויקלען העברעאיש און אידיש, און פונקט אַזוי געהערט דערצו דאָס באַנוצן זיך מיט ענגליש.

ז.

ווען מען זאָרגט פאַר דער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט זיך כלומרשט אָפּגעטאָן פון די פועלי־ציון, מוז מען אויך אַמאָל פּרובירן אַנאַליזירן: וואָס ווערט אין אָט דעם טערמין פאַרשטאַנען? וואָס באַדייט דער טערמין „אידי־שע פאָלקסטימלעכקייט"? אונז אינטערעסירט איצט ניט דער נעגאַטיווער ניואַנס פון דעם דאָזיקן אויסדרוק, דער ניואַנס וואָס באַצייכנט אַ ניט־צו־הויכע מדרגה פון אינטעלעקט, ניט צו־גרויסע און ניט צו־טיפע למדנות. אונז אינטערעסירט דאָ דווקא דאָס פּאָזיטיווע: דאָס טראָגן אין זיך דאָס אינטים־פאָלקישע, דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער עטנישער גרופּע און דער אופן פון טראָגן עס אין זיך: נאַטירלעך, ניט געקינצלט, דורך זיין וואָס מען איז, דורך דעם ניט פאַרשטעלן זיך פאַר עפּעס אַנדערש, דורך ניט לאָזן אָפּווישן דעם צלם איד פון אויסזען, פון אויפפיר, פון גאַנצן לעבנס־שטייגער — און דאָס אַלץ מיט טיפער הנאה.

איז ווידעראַמאָל דיזעלביקע פראַגע: די פאָלקסטימלעכקייט פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידן איז דאָך ניט אַלעמאָל געווען דער קען־צייכן פון אידישן אויסזען, אידישן אויפפיר און אידישן לעבנס־שטייגער. אין דעם פאַל דאַרפן מיר דאָך ניט גיין צוריק פיל הונדערטער יאָרן כדי זיך צו דערמאָנען אויך אַנדערע אויסדרוקן פון אידישער פאָלקסטימלעכקייט. פאַר אונזערע אייגענע אויגן קומען אויף פאַרשיידענע פאָלקסטימלעכקייטן. איך רעד שוין ניט וועגן דעם, וואָס די תימנ'ער אידן — ווי אַביישפּיל — טראָגן אַנדערע אויסדרוקן פון פאָלקסטימלעכקייט. מען קען דאָך ניט לייקענען דעם פאַקט, אַז אפילו דער אויסדרוק פון פאָלקסטימלעכקייט ביי אונזערע אייגענע זיי־דעס איז געווען אין פיל פּרטים אַנדערש פון די פאָלקסטימלעכקייט־אויס־דרוקן אין אונזער דור. וואָלטן פאַרשער אַוודאי געדאַרפט פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון אַזעלכע ענדערונגען אין יעדן דור און זייערע סיבות. דאָס איז ניט מיין אויפגאַבע. איך זאָג נאָר, אַז ווען מען באַקלאָגט זיך אויף די פועלי־ציון הלמאי זיי גיבן אויף זייער פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, בלייבט אַלץ אַ פּלאַץ צו פרעגן: ערשטנס — צי איז דאָס בכלל אמת, און צווייטנס — אויב יאָ — וואָס נעמען זיי איבער במקום דער פאַרלאָרענער פאָלקס־טימלעכקייט?

פאַר דעם עקסטרעמען אידישיסט איז דאָ איין סימן מובהק פון פאָלקס־טימלעכקייט: רעדן אידיש. פאַר מיר פּערזענלעך איז אידיש־רעדן אַ טיפע

נשמה־באַדערפעניש. איך האָב שוין דורכדעם אפילו ניט איינמאָל אַרויס־גערופן צאָרן ביי אייניקע ישראל־חברים. איך וועל שוין מן הסתם אַזוי בלייבן ביז מיינע לעצטע טעג. מיר פירן דאָ אָבער ניט קיין וויכוח וועגן אַ יחידישן ענין. מיר רעדן דאָ וועגן פאָלקסטימלעכקייט פון אַן עטנישער גרופּע. איך ברענג דעם ביישפּיל פון זיך אַליין, כדי קלאָר צו מאַכן וואָס איך מיין. ווען איך, דער יחיד, רעד אידיש אין ישראל, ווייס איך דאָך זייער גוט, אַז די שפּראַך פון כלל ישראל אין מדינת ישראל איז און וועט זיין העברעאיש. און איך וויל טאַקע אַליין, אַז אַזוי זאָל עס זיין. איז דאָך קלאָר, אַז די אידישע פאָלקסטימלעכקייט אין ישראל וועט שוין ניט זיין פאַרבונדן מיט רעדן אידיש. איז וואָס — וועל איך דעריבער אָט די פאָלקסטימלעכ־קייט חלילה פסלען? וועל איך פסלען די פּראָצעסן וואָס פירן צו פאָלקס־טימלעכקייט אין ישראל, ווייל דער עלעמענט פון אידיש־רעדן איז אין זיי ניט איינגעשלאָסן? וועלן פון אונז געפּסלט ווערן דער נייער אידישער פאָלקלאָר, וואָס וועבט זיך אין ישראל; דאָס נייע ליד, וואָס יונגע מאַמעס זינגען ביים פאַרוויגן זייערע קינדער, אָדער אַלע אַנדערע טרעגער און פלאַנצער פון פאָלקסטימלעכקייט? וועלן מיר זיי פּסלען בלויז דערפאַר וואָס זיי ציען זייער יניקה און ווערן געטראָגן פון און אין העברעאיש?

און זאָל מען מיר דאָ ניט אונטערוואַרפן די טענה: וואָס פאַרגלייכסטו? — העברעאיש איז דאָך אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך; אַריבערטראָגן פאָלקס־טימלעכקייט אין תחום פון העברעאיש איז דעריבער געוואונטשן. אָבער דאָ, אין אַמעריקע, וועט דאָך דער שפּראַך־פאַרבייט זיין גאָר אַן אַנדערער!

בין איך מסכים דערמיט. אַוודאי איז דער העברעאיש־שטח מער ראוי פאַר אידישער פאָלקסטימלעכקייט, ווי דער ענגליש־שטח. און אויף ווי ווייט די דאָזיקע דערקענטעניש קען פירן צו פאַרשטאַרקן די פאַרשפּרייטונג פון העברעאיש — אַוודאי און אַוודאי. אָבער קענען מיר, מעגן מיר זיך אויס־דרייען אינגאַנצן מיטן רוקן צו יענער נייער אידישער פאָלקסטימלעכקייט, וואָס קען און הויבט טאַקע אָן זיך צו שאַפן אין און דורך ענגליש? קענען מיר ענדערן דעם פאַקט, וואָס אַרום אַ מיליאָן אידישע מאַמעס פאַרוויגן זייערע קינדער מיט אַן ענגלישן ליד? קענען מיר אָט דעם איינפלוס אויף דער נשמה פונם יונגינקן אידישן קינד אינגאַנצן איבערלאָזן אויף הפקר? קענען מיר ניט, אין דער ענגלישער שפּראַך, זינגען צו די קינדער וויג־לידער וואָס זאָלן האָבן אידישן תוכן? קענען מיר פאַרמאַכן די אויגן צו אַ פאָלקלאָר, וואָס הויבט זיך אָן שאַפן אין אַמעריקאַנער אידנטום אין דער ענגלישער שפּראַך, און וואָס דורך זייטיקע שטראָמען דרינגען אין אים אַריין אידישע אייגנטימלעכקייטן און ווערן, אין ענגליש, אַ המשך פון אידישן

פֿאָלקלאָר, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין אַלע שפּראַכן און אונטער אַלע באַדינגונגען?

סיידן מען איז אַ שולל פון דעם נייעם אַמעריקאַנער אידישן גלות; סיידן מען גלויבט, אַז ער טראָגט שוין ניט אין זיך קיין פּאָטענץ פון אידי־שער יצירה; סיידן מען גלויבט, אַז דאָס האַרץ פון דער אידישער מאַמע אין אַמעריקע איז אינגאַנצן אויסגעלײדיקט און מוז לעולם ועד בלייבן אויס־געליידיקט פון יענע ספּעציעל־אידישע גאַרונגען, בענקשאַפטן און אידיש־מוטערלעכע סענטימענטן — וואָס האָבן אין אַלע פריערדיקע אידישע תקופות דערהויבן די אידישע מאַמע צום ווערן די הויפּט־דערהאַלטערין פון אידישן המשך, דורך איינפלאַנצן ליבע צום אידישן פאָלק אין אירע קינדערס הערצער.

אָבער אויב מען האָט אַזוי ווייניק אמונה אין דער נייער אידישער מאַמע, מוז מען דאָך דעם דאָזיקן אמונה־מאַנגל אַריבערטראָגן אויך אויפן אַמע־ריקאַנער אידישן טאַטן. אויב דאָס זאָל, חלילה, זיין אמת, טאָ וואו קען מען דאָן זוכן דעם בטחון סיי פאַר מדינת ישראל, סיי פאַרן גאַנצן אידישן פאָלקס־המשך? און ווען מיר וועלן אפילו דערגרייכן אין ישראל פולע צוויי אָדער אפילו דריי מיליאָן אידן, וועלן זיי דען אַליין זיין בכוח צו טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם גאַנצן קיום־עול און די נאָך שווערערע המשך־לאַסט פון גאַנצן אידישן פאָלק? און אַן דעם אַמעריקאַנער אידנטום קענען מיר דאָך ביי די איצטיקע באַדינגונגען ניט דערוואַרטן קיין פיל גרעסערע אידישע באַפעלקערונג אין ישראל.

מוז דאָך אַ באַוועגונג, וואָס טראַכט וועגן זיך אין געשיכטלעכע קאַ־טעגאָריעס, ערנסט זוכן וועגן צו יענעם גרעסטן טייל פון אונזער שארית ישראל, צום אַמעריקאַנער אידן. זי וואָלט דאָך פאַרראַטן איר היסטאָרישע מיסיע ווען זי זאָל עס ניט טאָן. ווייס איך אַז פאַר פיל פון אונז, ווי יחידים, איז זייער שווער זיך אַליין איבערצואַנדערשן. אָבער דאָס פאָדערט קיינער פון אונז, דאָס טאָר מען גאָר פון קיינעם ניט פאָדערן. ווער עס לעבט זיך אויס אין אידישער פאָלקסטימלעכקייט לויט מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום — תבוא עליו ברכה. אַ באַוועגונג אָבער, ווי אַ באַוועגונג, מוז זוכן וועגן צום גאַנצן נייעם דור. די וואָס טראָגן אין זיך מזרח־אייראָפּעאישע אידישקייט, דאַרפן זייער נשמה־פאַרמעגן שטעלן צום דינסט פון דער דאָזיקער באַווע־גונג; זיי דאַרפן אַריינגיסן זייער אינהאַלט אין כלים, וואָס דער יונגער אַמע־ריקאַנער איד זאָל קענען פון זיי טרינקען. טאַקע צוליב דער באַרייכערונג פון דעם יונגן אַמעריקאַנער איד מוזן די טרעגער פון מזרח־אייראָפּעאישער אידישער גייסטיקייט אין זיך אויפהיטן זייער גייסטיק עשירות. ווי ווייט נאָר זיי קענען, דאַרפן זיי עס זוכן איבערצופלאַנצן אין זייערע קינדער.

אָבער זיי אַליין קענען, ליידער, ניט אַריבערפלאַנצן זייער גייסטיקע

עשירות אין נייעם דור פון די אַמעריקאַנער־געבאָרענע אידן. מוזן זיי זיין די ערשטע צו זוכן פאַר דעם פּאָסיקערע מענטשן. און דווקא מענטשן פון רבי העלער טיפּ זיינען די באַרופענע פאַר אָט־דער גרויסער היסטאָרישער אויפגאַבע. זיי פאַרמאָגן אין זיך געגוג אידישע שפּיר־פעאיקייטן, כדי צו דערשפּירן דאָס געזונטע פון מזרח־אייראָפּעאישן אידישן אוצר. זיי אַליין זיינען דערציבער די פּאַסיקסטע כלים, דורך וועלכע דידאַזיקע גייסטיקע עשירות זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן צום נייעם אַמעריקאַנער אידן. דערביי פאַרמאָגן זיי אויך אַן אייגענעם גייסטיקן פאַרמעגן, וואָס צוזאַמען מיטן מזרח־אייראָפּעאישן איד שטעלט ער מיט זיך פאַר אַ רייכן גייסטיקן „שולחן ערוך", פון וועלכן דער נייער אַמעריקאַנער איד — דער איד, וואָס איז ניט אינגאַנצן צעפרעסן פון דער גלייכגילטיקייט־אַסימילאַציע — קען ציען זיין אידיש־גייסטיקע חיונה.

אַז אַזאַ נייער טיפּ איד שטייט־אויף אין אַמעריקע, קענען נאָר בלינדע ניט איינזען. ס'איז גענוג בלויז זיך צוצוקוקן צו די נייע אַמעריקאַנער אידן, וואָס קאָנצענטרירן זיך אַרום „פּאַראייניקטן אידישן אַפּיל", אַרום דער אַק־ציע פאַר ישראל־באָנדס און אַרום פאַרשיידענע אידישע דערציאונגס־אַר־בעטן אין אַמעריקע. ניט אַלע פון זיי זיינען פון חבר העלערס גייסטיקער שיעור־קומה, אָבער אַזוי זיינען דאָך ניט אַלע פון אונזער אייגענער באַוועגונג געווען פון דער גייסטיקער שיעור־קומה פון אַ סירקין. אויך אין ישראל זיינען ניט אַלע אידן, אפילו ניט אַלע מפא"י־חברים, פון דער גייסטיקער שיעור־קומה פון אַ בערל קאַצענעלסאָן. חבר העלער איז אַן אויסנאַם־פּלאַנץ אין אַמעריקאַנער אידנטום, אָבער ווייט ניט קיין איינציקער. דאָס וואָס ער טראָגט אין האַרצן קען — ניין, מוז! — ווערן דער קנין פון הונדערטער טויזנטער, אויב מיר ווילן אַז די גלייכגילטיקייט־אַסימילאַציע זאָל ניט אינ־גאַנצן צעפרעסן דעם אַמעריקאַנער אידנטום.

ח.

האָבן אָבער אייניקע שרייבער די טענה: ס'טייטש, ווי פּאַסט זיך אַ רע־פאָרמירטער רב אין שפּיץ פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון. לאָמיר אַ קוק טאָן וואָס פאַר אַ האַפט אָט די טענה פאַרמאָגט.

דאָ האָבן מיר פאַר זיך ווידעראַמאָל אַ נאָסטאַלגיע וואָס איך, ווי אַ יחיד, טייל זי אויך — אַ נאָסטאַלגיע נאָכן אַלט־אידישן אָרטאָדאָקסישן לעבנס־שטייגער. איך טייל זי, הגם די מערסטע מצוות מעשיות — וואָס פון זיי איז דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער אויסגעוועבט געוואָרן — בין איך שוין לאַנג ניט מקיים; פּונקט ווי די שרייבער, וואָס האָבן קעגן אונז אַרויס־

גערוקט דידאָזיקע טענה, האָבן שוין אויך לאַנג פאַרוואָרפן די מערסטע מצוות־מעשיות פון זייער שטעטל. קען מען אָבער פון אָט דער בענקשאַפט אויפבויען אַ יסוד פאַרן נייעם אַמעריקאַנער אידן? פאַר איינצלנע — יאָ, און כן ירבו! יענע וואָס גלויבן אַליין אין די אָרטאָדאָקסישע מצוות־מעשיות און זיינען גרייט אַליין צו לעבן לויט די דאָזיקע מצוות,— יענע קענען עס אויך מאַכן ווי אַ פּראָגראַם פון זייערע באַוועגונגען. פון אונז קענען זיי קריגן — און וועלן עס קריגן! — בלויז אונזער ערנסט־געמיינטע ברכה. אָבער פאַר דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג, קאָן דידאָזיקע נאָס־טאַלגיע ניט דינען ווי פּראָגראַם. מיר וועלן דאָס מזרח־אייראָפּעאישע שטעטל אַהער ניט קענען אַריבערטראַגן, אפילו ווען מיר וואָלטן עס געוואָלט. עס שיינט מיר, אַז אַנדערע קענען עס שוין אויך ניט. אָבער באמת־פרומע אידן מעגן פּרובירן. דער ערשטער תנאי פאַר וועלכער ס׳איז מצוות־פּראָגראַם איז — אַליין זיי מקיים צו זיין. דאָס וואָס מיר קענען אַליין ניט מקיים זיין, קענען מיר ניט פאַרשלאָגן ווי אַ פּראָגראַם פאַרן נייעם אַמעריקאַנער אידן.

איז אויב ניט די נאָסטאַלגיע און ניט די אָרטאָדאָקסישע מצוות־מעשיות — פאַרוואָס איז אַ רעפאָרם־ראַבאַי ניט פּונקט אַזאַ געוואונטשענער חבר ווי וועלכער ס׳איז אַנדער איד, וואָס שליסט זיך אָן אין אונזער באַוועגונג? ס׳איז ביי אונז געבליבן אַ באַרעכטיקטער בייגעשמאַק לגבי רעפאָרם־אידנ־טום צוליב דעם וואָס פון די ערשטע באַגרינדער פון רעפאָרם־אידנטום זיינען אַרויסגעקומען משומדים. דאַרף נאָך ערשט פעסטגעשטעלט ווערן, אויב דער געדאַנקענגאַנג פון רעפאָרם־אידנטום טראָגט די פולע אחריות פאַר דעם; צי האָבן ניט מיטגעווירקט נאָך סיבות — יענע סיבות וואָס האָבן גורם געווען צו ענלעכע דערשיינונגען סיי צווישן קינדער פון די ערשטע אידיש־שרייבער, פון העברעאישע שרייבער און פון אייניקלעך פון אָרטאָדאָקסישע רבנים און אפילו פון ציוניסטישע פירער. די דערשיינונג פון אָפּגעבראָכענע צווייגן פונם אידישן בוים האָט ליידער ניט אויסגעמיטן קיין ריכטונג אין אידישן לעבן. כשאני לעצמי זע איך נאָר איין וועג וויאַזוי דער דאָזיקער שמד־פּראָצעס קען פאַרענדיקט ווערן. דאָס וועט געשען ערשט דאַן, ווען אַ פולער קיבוץ־גלויות וועט פאַרווירקלעכט ווערן; ווען אַן אָפּ־נויג פון אַן אָנגענומענער מצווה אָדער פון אַן איינגעשטעלטער טראַדיציע וועט ניט קענען ווערן דער אָנהויב פון אינגאַנצן זיך אָוועקרייסן פון אידישן שטאַם. ביז דאַן וועלן צווייגן ווייטער אָפּגעריסן ווערן.

אָבער אפילו ווען מען פאַרגעסט ניט אָט דעם היסטאָרישן חשבון מיטן רעפאָרם־אידנטום — צי באַגייען מיר ניט אַן עוולה קעגן אַ אידישן שבט דורך פאַראַלגעמיינערונג; דורך ניט מאַכן קיין חילוק צווישן רעפאָרמער און

רעפאָרמער ? זיינען די אַמעריקאַנער רעפאָרם־ראַבינער טאַקע פון זעלביקן טייג געקנאָטן וואָס די דייטשע רעפאָרם־ראַבינער בימי הערצל ? ליגט ניט עפּעס יסודותדיקס אין דעם פאַקט, וואָס די וויכטיקסטע גייסטיקע טרעגער פון ציוניזם אין אַמעריקע געהערן אָדער צו די רעפאָרם־אידן אָדער צו די קאָנסערוואַטיווע ? ליגט ניט פּונקט אַזוי עפּעס יסודותדיקס אין דעם פאַקט, וואָס כמעט אַלע וויכטיקסטע אַרויסטרעטונגען אין אַמעריקע פון דער ציוי־ניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געקראָגן זייערע שטאַרקסטע אונטער־שטיצונגען פון די רעפאָרם־ראַבינער, אָדער פון די קאָנסערוואַטיווע ראַבאַיס ?

ווער האָט געצייכנט דעם רוף פון אַ כמעט אידענטיפיקאַציע מיט דער הסתדרות אויב ניט אָט־די עלעמענטן ? און ווען מיר האָבן באַלד נאָך הקמת המדינה אָנגעהויבן אויפשטעלן דעם כינוס פון אינטעלעקטועלע פאַר דעם אַרבעטנדיקן ישראל, — וועלכע עלעמענטן האָבן זיך מערסטנס אָפּגע־רופן, אויב ניט די זעלביקע ראַבינער ?

זיינען דאָס אַלץ בלויז צופאַלן ? מיין ענטפער איז : ניין ! עס איז דאָ אַ גייסטיקע קרובהשאַפט צווישן פּועלי־ציוניזם מיט יענע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרוואָרפן דעם אַמאָליקן רעפאָרם־נוסח און אָנגעהויבן שרייבן אין אַמעריקע אַ נייעם, אַן אייגענעם נוסח.

וואָס האָבן יענע רעפאָרם־אידן — און איבערהויפּט זייערע ראַבינער — אויפגעהאַלטן פון דעם רעפאָרם־נוסח ? בעיקר זיינען עס געווען צוויי הויפּט־געדאַנקען : די איינשטעלונג פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט — לויט דעם ווי די אידישע נבואה האָט עס פאָרמולירט און פאַרזאָגט פאַר קומענ־דיקע דורות — און די איבערצייגונג אַז מיר, דאָס אידישע פאָלק, האָבן אויף זיך די מיסיע צו זיין דער אור לגויים. דידאָזיקעביידע געדאַנקען האָט דער היסטאָרישער פּועלי־ציוניזם שוין לאַנג אַריינגענומען ווי די וויכטיקס־טע ווינקלשטיינער פון זיין איבערצייגונג. איך רעד ניט פון יענעם פּועלי־ציוניזם פון די אַמאָליקע בראָשורקעס, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן כדי צו קעמפן מיטן „בונד" אָדער מיט אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען אויף דער אידישער גאַס מיט 50 יאָר צוריק. יענע האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק נאָכצורעדן די „היסטאָריש"־מאַטעריאַליסטישע רייד, וואָס זיינען געווען אַ גאַנגבאַרע סחורה אין יענער נאָך ניט געענוג רייפער אידישער מאַסן־גאַס. איך רעד פון יענעם פּועלי־ציוניזם וואָס האָט זיך באמת אָנגעהויבן נאָך פון משה העס און איז דורך נחמן סירקין און בערל קאַצענעלסאָן געטראָגן גע־וואָרן אין דער דאָזיקער מערקווירדיקער באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון דער אידישער געשיכטע. איך רעד פון יענעם פּועלי־ציוניזם וואָס נעמט אָן, בנוגע דער מיסיע־אידיי (צום פּונקט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט קום איך שפּעטער), אַז יעדער אייגנאַרטיק פאָלק האָט עפּעס־וואָס בייצו־

שטייערן צום אַלגעמיינעם אוצר פון מענטשלעכער יצירה; אַז דאָס אידישע פאָלק האָט זיין נופך משלו — און גאָר אַ באַדייטנדיקן! — צוצוטראָגן; אַז דאָס אידישע פאָלק, פונקט ווי יעדער אַנדער פאָלק, קען צוטראָגן זיין צושטייער נאָר ווען עס האַלט אויף און איז ממשיך זיין אייגנאַרטיקע יצירה; אַז אויב עס זאָגט זיך אָפּ פון זיין אייגנאַרטיקייט בלייבט עס אָדם־נאַקעט און פאַרלירט זיין זכות־הקיום פאַר זיך און זיין נוצלעכקייט פאַר דער מענטשהייט.

עס עקזיסטירט זיכער אַ קרובהשאַפט צווישן אָט דעם פּועלי־ציוניזם און יענעם טייל פון רעפאָרם־אידן, פאַר וועמען זייער רעפאָרמיזם איז ניט געווען סתם קיין פּריקת־עול; אַ פאַרזוך גרינגער צו מאַכן פאַר די אייגענע פלייצעס די זייער־שווערע לאַסט פון אידישקייט; פאַר יענע וואָס האָבן טאַקע געגלויבט אין דער אידישער מיסיע; פאַר יענע וואָס האָבן באמת תופס געווען דעם עטישן אימפּעראַטיוו פון סאָציאַלן יושר לויט אונזערע נביאים.

אין וואָס איז באַשטאַנען דער תוכיקער חילוק צווישן אונז און די רע־פאָרם־אידן, וואָס האָבן באמת געגלויבט אין דער אידישער מיסיע? — בעיקר אין דעם וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז כדי צו קענען דורכפירן אונזער מיסיע מוזן מיר לעבן צווישן די פעלקער; אַז עס איז דעריבער גאָטס ווילן צו האַלטן אונז צעזייט און צעשפּרייט. מיר האָבן געזאָגט דאָס פאַרקערטע: מיר קענען דורכפירן אונזער גייסטיקע מיסיע נאָר דאַן ווען אונזער נאַציאָ־נאַל לעבן וועט זיין טיף־פאַרוואָרצלט אין אונזער אייגענער מדינה און דווקא אין ארץ־ישראל. ערשט דאַן וועלן מיר אונזער אייגנאַרט פאַרזיכערן און ערשט דאַן וועלן מיר פאַרמאָגן וואָס בייצושטייערן צו דער וועלט און וועלן דערפילן אונזער מיסיע. מיר האָבן אָנגענומען ווי אונזער געשיכטלעכע פּראָ־גראַם דעם נביאישן אָנזאָג: כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים. די רעפאָרמער פון דעם העלער־טיפּ האָבן אָנגענומען אונזער שטעלונג, אַנישט וואָלטן זיי קיין ציוניסטן ניט געוואָרן.

וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר צוצושרייבן צו דער גרויסער פּלעיאַדע פון רעפאָרם־ראַבינער, וואָס זיינען אַזוי דערצויגן געוואָרן און האָבן דורך זייער גאַנצן לעבנס־אַרט באַוויזן אַז דאָס איז דער אינהאַלט פון זייערע נשמות, די אחריות פאַר יענע רעפאָרמער, וואָס האָבן אויסגעמעקט ציון און ירושלים פון זייערע תפילות? פונקט ווי איך וויל ניט טראָגן קיין אחריות פאַר אַלץ וואָס געוויסע פּועלי־ציון האָבן אַמאָל געשריבן און גע־זאָגט אין נאָמען פון פּועלי־ציוניזם, אַזוי טאָר איך ניט אַרויפלייגן די לאַסט פון די שווערע זינד פון די אבות פון די רעפאָרמער אויף די פּלייצעס פון

יענע, וואָס זייער גאַנצער לעבן האָט באַוויזן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון יענע איינשטעלונגען.

די דאָזיקע שיכט קען שפּילן זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין יענער אַנט־וויקלונג פון אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס זאָל אים באמת אויפהויבן צו דער געהעריקער הויך; ער זאָל קענען ווערן אַן אמתער שותף מיט דעם ישראל אידנטום אין דער געמיינשאַפטלעכער אחריות וואָס די אידישע געשיכטע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט: די צווייפאַכע אחריות פון העלפן באַפעסטיקן מדינת ישראל און העלפן אַריינפלאַנצן אין דעם נייעם אַמעריקאַנער אידן — דורך אַלע וועגן וואָס זיינען פאַר אונז אָפן — דעם מאַקסימום פון אידי־שער אייגנאַרט, פון אייגנאַרטיקער אידישער יצירה. וואָרים די שותפות מוז אויך — און אפשר בעיקר! — זיין אויפן שטח פון גייסט. דווקא אָט דער שטח וועט האָבן דעם כוח צו פאַרזיכערן אידישן המשך.ביידע שותפים דאַרפן צוטראָגן זייערע חלקים — ווען אפילו דערווייל נאָך ניט קיין גלייכע — צו דער דאָזיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונזער פאָלק.

דאָס, און ניט עפּעס אַנדערש איז דער זין פון אונזער שידוך מיט ראַ־באַי העלער. זיין אַריינטרעטן ווי דער פּרעזידענט פון אונזער פּאַרטיי פאַר־שטאַרקט אַלע יסודות פון פועלי־ציוניזם. די פאָלקסטימלעכקייט פון יענע פועלי־ציון וואָס האָבן זי מיטגעבראַכט פון מזרח־אייראָפּע ווערט דורכדעם ניט געענדערט. דער פועלי־ציוניזם וועט, האָף איך, נאָך שפּילן אַ באַדייטנ־דיקע ראָלע און וועט העלפן באַפרוכפּערן אַ נייע פאָלקסטימלעכקייט, וואָס לעבט אויף אין דעם נייעם אַמעריקאַנער אידן. אידיש און העברעאיש וועלן פאַרנעמען ביי אונז דעמזעלביקן בכבודיקן אָרט וואָס ביז איצטער. איך קען פאַרזיכערן אַלע אונזערע קריטיקער, אַז מיר וועלן צו דער אַנטוויקלונג פון ביידע שפּראַכן אין אַמעריקע צוטראָגן ניט ווייניקער ווי די עקסטרעמע אידישיסטן. ליידער קען איך, אויפן יסוד פון אונזער ביז איצטיקער דער־פאַרונג ניט זאָגן דאָסזעלביקע וועגן די עקסטרעמע העברעאיסטן. לגבי זיי זיינען מיר ביז איצט געבליבן הינטערשטעליק. וועלן מיר זוכן אויסצובעסערן אונזערע אַרבעטן אויף דעם העברעאישן שטח. די קריטיקער אָבער זיינען אַלע פון דער אידישיסטישער זייט. מיט זיי האָבן מיר זיך ביז איצטער אויס־געגליכן און וועלן זיך אויך ווייטער אויסגלייכן. מיר וועלן נאָר צוקריגן אַ נייעם שטח, אין אַמעריקע דעם גרעסטן שטח, פון מעגלעכקייט צו באַ־איינפלוסן דעם היסטאָרישן גאַנג פון דעם אידישן פאָלק, דורך באַאיינפלוסן די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דעם יונגן אַמעריקאַנער אידנטום.

ט.

אויף אונזער צוזאַמענפאָר זיינען פון אייניקע חברים באַרירט געוואָרן עטלעכע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונזער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם,

עס איז באַרירט געוואָרן די פראַגע פון אונזער נאָמען — צי זיינען מיר באַרעכטיקט צום נאָמען „לייבאָר״; עס איז געפרעגט געוואָרן, פאַרוואָס מיר האָבן ניט דאָס וואָרט סאָציאַליזם אין אונזער נאָמען און עס איז בכלל געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אונזער סאָציאַליסטישער טעטיקייט אין אַמעריקע. דאָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט איניקע שרייבער זיך אָפּצושטעלן, אין זייערע אַרטיקלען, אויף אָט די פראַגן. איינער האָט געפּסלט אונזער אַרבעטער־כאַראַקטער, אַ צווייטער האָט נאָך, ווי אַ הוספה דערצו, אָפּגעפרעגט אונזער סאָציאַליזם.

מעג איך מיר דערלויבן אַביסל פּאַרטייאישע זעלבסטלויב. איך פּאָלג נאָך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די רעפעראַטן און וויכוחים פון אַלע אידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אידעאָלאָגישע פראַגן: אידישע און אַלמענטשלעכע. און איך מאַך די באַהויפּטונג, אַז אונזער קאָנווענשאָן, סיי דורך די רעפעראַטן, סיי די וויכוחים האָט אויפגענומען די ענינים פיל טיפער, ווי אַלע אידישע צוזאַמענקונפטן אין אַמעריקע, וואָס וואָלטן זיך אויך געדאַרפט פאַרנעמען מיט די זעלביקע אָדער מיט־זיי־פאַרבונדענע פּראָבלעמען. איך באַהויפּט אויך, אַז דער באַרירטער שטח איז געווען אַ פיל ברייטערער. דערצו וואָג איך פאָראויסצוזאָגן, אַז די פאָרמולירונגען וואָס וועלן ענדגילטיק אַרויסגעבראַכט ווערן פון אונזער באַוועגונג, ווי אַ רעזולטאַט פון אָט די וויכוחים, וועלן מיט זיך פאָרשטעלן אַ גאָר נישקשה׳דיקן צושטייער צו העלפן פאַרקלענערן די קאָנפוזיע וואָס הערשט ביי אַלע גרופּירונגען, ריין־ציוניסטישע, ריין־סאָציאַליסטישע, ריין־גלות׳יסטישע און אויך אין אונזער באַוועגונג וואָס נעמט אַריין סיי ציוניזם, סיי סאָציאַליזם, סיי גלות־אַרבעט.

די דאָזיקע קאָנפוזיע איז אַ רעזולטאַט פון גוואַלטיקע וועלט־געשעענישן, וואָס צווינגען ערנסטע מענטשן איבערצוקוקן זייערע אייגענע פּראָגראַמען. דאָס דאַרף געטאָן ווערן בנוגע אַלע אידעאָלאָגישע ענינים. היינט רעד איך וועגן אונזער סאָציאַליזם. טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט עפּעס אויפגעטאָן אויף דער וועלט. זי האָט גורם געווען צו פּאָזיטיווע און אויך צו זייער נעגאַטיווע דערשיינונגען. מיר קענען זיך שאַרף אָפּגרענעצן — און מיר גרענעצן זיך שאַרף אָפּ! — פון דעם באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישן איינשטעל; מיר באַקעמפן אים וואו מיר קענען. מיר טאָרן אָבער ניט פאַרזען דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז די דאָזיקע סם־פאַרשפּרייטנדיקע פּלאַנץ איז אויסגעוואַקסן אין גאָרטן פון סאָציאַליזם. עפּעס איז געווען אין דער סאָציאַליסטישער לערע, וואָס האָט אַזאַ פלאַנץ דערמעגלעכט. זיינען מיר מחוייב איבערצוקוקן די פרשיות פון די סאָציאַליסטישע מזוזות און זוכן וואו עס ליגט דאָרט דער פּגם.

וואָלט איך געוואָלט בלויז פּאָלעמיזירן מיט יענעם שרייבער, וואָס פּסלט אונזער סאָציאַליזם, וואָלט איך זיך געקענט באַנוגענען מיט אַ פּאָר פאַקטן פון אונזער נאָענטער און איצטיקער געשיכטע, כדי אים צו באַ־וויזן וועלכע באַוועגונג אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט האָט עפּעס ממשותדיקס צוגעטראָגן צו דער סאָציאַליסטישער פאַרווירקלעכונג — זיינע: די בונדישע, אָדער אונזערע: די פּועלי־ציוניסטישע. איך וואָלט אים גע־בעטן אָנצואווייזן כאָטש אויף איין פּרואוו פון בונדיסטן ערגעץ־וואו, אויפ־צושטעלן כאָטש איין ווירטשאַפטלעך קעמערל, באַזירט אויף סאָציאַליסטי־שע יסודות. די פּועלי־ציון, דאַקעגן, האָבן אין ישראל אויפגעבויט הונדער־טער אַזעלכע ווירטשאַפטן. און אפילו אין אַמעריקע האָבן אונזערע חלוצי־שע הכשרות מיט זיך פאָרגעשטעלט ווירטשאַפטלעך־סאָציאַליסטישע קע־מערלעך. ווען ער וואָלט זיך ניט געשראָקן פאַרן אמת, וואָלט ער געקאָנט האָבן אַ תירוץ: ער וואָלט געקענט זאָגן, אַז ווי סאָציאַליסטישע מינאָרי־טעט־גרופּעס האָבן די אידישע סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער ניט געהאַט יענע פרייהייט פון איניציאַטיוו, וואָס די אידישע סאָציאַליסטן האָבן פאַר־מאָגט אין ישראל. דאָס וואָלט געווען ריכטיק. אָבער דערמיט אַליין וואָלט ער דאָך געדאַרפט אָננעמען אַ וויכטיקן יסוד פון פּועלי־ציוניזם: אַז דווקא דאָס אייגענע לאַנד ווערט פאַר אונז אַ באַזע פאַר סאָציאַלסטישן בוי. אָבער דאָס וועט אָט דער קאָנסערוואַטיווער, פאַרעלטערטער בונדיסט קיין מאָל ניט מודה זיין.

נאָר אפילו ווען ער וואָלט אָט־דעם תירוץ אָנגעגעבן, וואָלט איך אים אָפּגעפרעגט. איך וואָלט, חלילה, ניט אָפּגעפרעגט דעם פאַקט, אַז אין אונ־זער אייגענער מדינה איז אונז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט פאַר אידיש־סאָציאַליסטישער איניציאַטיוו, וואָס אידישע סאָציאַליסטן אין גלות־לענדער קענען עס בשום אופן ניט האָבן. איך וואָלט אָבער אָפּגעפרעגט זיין רעכט צו באַהאַלטן זיך הינטער אָט דעם תירוץ. איך קען אַנדערע ריכטונגען, ניט בונדישע, און אויך ניט ציוניסטישע, וואָס האָבן כאָטש געמאַכט פאַרזוכן אַזעלכע עקאָנאָמישע קעמערלעך אויפצושטעלן אויך אין אַמעריקע. אויף אַן אַלגעמיינעם שטח האָבן עס דאָ פּרובירט די אַנאַרכיסטן. דאָס וואָס אַזעלכע אַנאַרכיסטן זיינען ס׳רוב געווען אידן, שפּייזט אַביסל מיין אידישן „שאָוויניזם”, אָבער איך קען עס ניט פאַרשרייבן אינגאַנצן אויפן אידישן חשבון. עס איז אָבער געווען איין מערקווירדיקער פּרואוו — אַ ריין־אידישער, מיט אַ שטאַרק אידישן מאָטיוו הינטער אים — דער פאַרזוך וואָס די ערשטע עם־עולם־גרופּע האָט געמאַכט אין אַמעריקע. צווישן די שריפטן פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַנאַרכיסט־ציוניסט, דר. הלל זאָלאָטאַראָוו — וועלכער האָט זיינע לעצטע יאָרן געווידמעט דעם פּועלי־ציוניזם — איז פאַראַן אַ

דראַמע וועגן דעם פאַרזוך אויפצושטעלן אין די מערב־שטאַטן אַ אידישע עם־עולם־קאָלאָניע, כמעט אויף די זעלביקע יסודות אויף וועלכע די הונ־דערטער קיבוצים זיינען צענדליקער יאָרן שפּעטער אויפגעשטעלט געוואָרן אין ארץ־ישראל. דאָרטן באַגעגענען מיר זיך מיט אַ גרופּע אידן־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געשפּירט אַז סיי זייער אידישקייט, סיי זייער סאָציאַליזם איז זיי צו עפּעס מחייב; אָבער זיצן און „שרייבן" סאָציאַליזם אין אַ ניו־יאָר־קער צייטונג און זיך נאָך דערצו נעמען די שטאַרק־אָפּגעפּרעגטע רעכט אויסצוטיילן סאָציאַליסטישע סמיכות צו עמעצן אַנדערש — איז גאַנץ ווייט פון אמתן סאָציאַליזם.

ניין, דער „בונד" און זיינע פּאַרעלטערטע וואָרט־זאָגער האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן דאָס רעכט זיך צו באַטראַכטן ווי „די איינציקע פאָרשטייער פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט", וואָס געוויסע בונדישע שרייבער ווילן זיך נאָך אַלץ פון אים ניט אָפּזאָגן. דער „בונד" שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיק־היסטאָרישן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבע־טערשאַפט. דאָס וויל און קען קיינער פון אים ניט אָוועקנעמען. אָבער אין דער פּאָזיטיווער טעטיקייט פון בויען סאָציאַליזם שפּילט שוין דער „בונד" פון לאַנג קיין ראָלע ניט. וועלן מיר אַלע אים אָפּצאָלן דעם ערן־חוב, ווי מען צאָלט יעדער גרופּע וואָס האָט אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע. לערנען אָבער סאָציאַליזם — דאָס וועלן מיר מער ניט פון אים. די אידישע אַרבעטער־שאַפט האָט, ברוך השם, סאָציאַליסטישע בויער אין די הונדערטער טויזנ־טער, וואָס ניט אין „בונדס" גאָרטן זיינען זיי אויסגעוואַקסן.

צי דאַרפן מיר אין אַמעריקע האָבן דעם טערמין סאָציאַליזם אין אונ־זער נאָמען? דאָס וועלן מיר אַליין באַהאַנדלען און באַשטימען. דאָסזעלביקע איז אויך בנוגע אונזער רעכט צו באַנוצן דעם טערמין „לייבאָר". איך קען נאָר בנוגע „לייבאָר" באַהויפּטן, אַז מיר וועלן זיך שטענדיק פאַרגלייכן מיט אַנדערע אידישע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען וואָס שייך דעם פּראָ־צענט אמתע אַרבעטער, וואָס געהערן צו זיי און צו אונז.

י.

פּאָלעמיזירן מיט יענע שרייבער איז אָבער פאַר מיר ניט דער עיקר. מיר גייט הויפּטזעכלעך אין אַרויסברענגען דעם אונטערשייד, אין סאָציאַ־ליזם גופא, צווישן זיין יסוד, וואָס בלייבט אייביק, און זיינע פאַרוויקלע־כונגס־מעטאָדן, וואָס ענדערן זיך, וואָס דאַרפן זיך ענדערן; יענע אָרטאָ־דאָקסישע סאָציאַליסטן, וואָס לאָזן ניט צו קיין ענדערונג, מוזן אָדער בלייבן פאַרמאַרינירט און פאַרלירן אינגאַנצן זייער איינפלוס, אָדער זיי שטויסן

ווייטער דעם וואָגן פון באָלשעוויזם־קאָמוניזם, וואָס איז ניט קיין רעזולטאַט פון סאָציאַליסטישן יסוד, נאָר פון פאַלשע מעטאָדן און פון האַלטן זיך ביי פאַלשע פילאָזאָפיעס. פאַרמעסט איך זיך ניט אויסצושעפּן אָט די טעמע, אָבער עטלעכע ווערטער דאַרף וועגן דעם געזאָגט ווערן.

דער יסוד פון סאָציאַליזם, דאָס אייביקע אין אים, איז דער זעלביקער וואָס דער סאָציאַלער יושר פון אונזערע נביאים. אין דעם ליגט זיין מאָראַליש־עטישע באַרעכטיקונג. דאָס איבעריקע איז מעטאָדע. אַ מעטאָדע קען זיין ריכטיק און זי קען זיין פאַלש. אַ מעטאָדע מוז מען אָפט בודק זיין, צי זי איז עטיש, אין איינקלאַנג מיטן ציל, און צי זי פירט פּראַקטיש צו אים. צו דער מעטאָדיק פון סאָציאַליזם געהערט די איינשטעלונג, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער איינציקער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין סאָציאַליזם; אַז נאָר ער קען דעריבער ברענגען די סאָציאַליסטישע גאולה, און אַז קלאַסן־קאַמף איז דער איינציקער וועג צום סאָציאַליזם. אויסער מעטאָדע זיינען אויך דאָ פאַלשע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען, וואָס געוויסע אבות פון מאָדערנעם סאָציאַליזם האָבן פאַרבונדן מיטן סאָציאַליסטישן געדאַנק. דערצו געהערט די פילאָזאָפיע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און דער גלויבן, אַז סאָציאַליזם פאַרענטפערט אַלע צווישן־מענטשלעכע און אַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען פאַר אַלע דורות. דעם געדאַנק אַז אין אַ סאָציאַליסטישן רעזשים וועלן קענען לייכטער פאַרענטפערט ווערן אַלע צווישן־מענטשלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, וואָס מיר קענען אין דער איצטיקער עפּאָכע, נעמען אָן אַלע סאָציאַליסטן. אָבער אַז דאָס עצם אויסגלייכן די ווירטשאַפט וועט שוין פאַרענטפערן אָט די אַלע פּראָבלעמען, דאָס נעמען אַלע סאָציאַליסטן ניט אָן. עס מוז נאָך עפּעס געשען אויסער דער ווירטשאַפטלעכער אויסגלייכונג. אַזוי ווי פאַר מיר אַליין איז מיין אייגענע מיינונג גאַנץ וויכטיק, זאָג איך בפירוש, אַז איך נעם עס ניט אָן. אויב די ווירטשאַפטלעכע אויסגלייכונג איז ניט באַזירט אויף עטיש־מענטשלעכער איינשטעלונג, אויף דעמאָקראַטישער פרייהייט, טראָגט זי אין זיך גרויסע סכנות.

כ׳נעם אויך ניט אָן אַ צווייטן געדאַנק וואָס איז דערמיט אומדירעקט פאַרבונדן. איך נעם ניט אָן, אַז די פּראָבלעמען פון צווישן־מענטשלעכע און אונטערפעלקערלעכע באַציאונגען וועלן אַלעמאָל בלייבן די זעלביקע וואָס איצטער. איך האַלט, אַז אין נייע באַדינגונגען וועלן אויסוואַקסן נייע פּראָבלעמען; ווייל איך נעם ניט אָן דעם סאָציאַליזם ווי אַ געדאַנק, וואָס וועט ברענגען אַזאַ אחרית הימים, וואָס נאָך דעם וועט שוין די מענטשהייט קיין שום פּראָבלעמען ניט האָבן. איך נעם ניט אָן אפילו דעם אידיש־נביאישן אחרית הימים, אויב עס זאָל מיינען, אַז דאַן וועט שוין אַלץ זיין

פאַרענטפערט. איך וואָלט גאָר ניט געוואָלט לעבן אין אַזאַ „רואיקער" עפּאָ־כע. עס אַפּעלירט ניט צו מיר אַזאַ „יום שכולו טוב". איך באַטראַכט סאָ־ציאַליזם ווי אַ שטאַפּל אויפן לייטער פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג צו וואָס מער שלימות. איך בין איבערצייגט אַז דער מין מענטש וועט זיך אייביק ציען צו אַזאַ שלימות און וועט זי אין פולן קיינמאָל ניט דערגרייכן. שטענדיק וועט בלייבן וואוהין ווייטער צו ציען זיך.

אָבער אויך פאַר יענע נייע אַנטוויקלונגען, וואָס קיינער קען נאָך זייער פּנים ניט זען, וועט דער עטישער יסוד פון סאָציאַליזם — סאָציאַלער יושר — אַלץ בלייבן אַ יסוד. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט ניט אַליין און ניט אָקאָרשט אויסגעטראַכט דעם דראַנג צו סאָציאַלן יושר. סאָציאַליזם איז געוועזן און איז געבליבן אַ המשך־פּרק פון אַט דער עטיק. אין דעם ליגט דער עלעמענט פון זיין אייביקייט, ווי פון אַלע באַוועגונגען וואָס פאַרבינדן זיך — באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט — מיטן שטרעבן פון דעם מין מענטש צו העכערער מענטשלעכקייט. אַט דעם אייביקייט־יסוד האָט אפילו אַ היטלער ניט געקענט באַשמוצן דורך רופן זיין מאָרד־באַוועגונג מיטן נאָמען סאָציאַליזם.

עס ליגט אָבער ניט קיין קדושה אין די מיטלען וואָס דאַרפן פירן צום סאָציאַליזם, און עס ליגט בפירוש טומאה אין די פאַלשע טעאָריעס, וואָס מען האָט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אָנגעבונדן. די מעטאָדן און מיטלען טאָרן קיין טומאה׳דיקע ניט זיין, כאָטש זיי מוזן ניט זיין קיין אייביקע. די פאַלשע טעאָריעס דאַרף מען וואָס שנעלער פאַרוואַרפן, כדי אויסצורייניקן דעם סאָציאַליסטישן גאָרטן פון די סם־פּלאַנצן, וואָס זיינען אין אים אויס־געוואָקסן, ווי אַ רעזולטאַט פון דער פאַרהייליקונג פון דער מעטאָד פון קלאַסן־קאַמף און פונם האַלטן זיך ביי דער פאַלשער טעאָריע פון היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם.

אונזער באַוועגונג וואָס איז מחייב צו זיין אַ מענטש, אַ איד, אַ ציוניסט און אַ סאָציאַליסט; אונזער באַוועגונג וואָס לערנט רעספּעקט פאַר אַן אידיי וואָס מען טראָגט אין האַרצן — אַז מען טאָר זי ניט טראָגן לשוא, — אונ־זער באַוועגונג מוז פאָרמולירן מצוות מעשיות פאַר זיך און פאַר יענע, וואָס וועלן גרייט זיין מיט איר מיטצוגיין. די דאָזיקע מצוות מעשיות מוזן איינשליסן אונזער מענטשלעכקייט, אונזער אידישקייט, אונזער ציוניזם און אונזער סאָציאַליזם. מיר מוזן פאָרמולירן אַזעלכע מצוות־מעשיות, וואָס קודם כל זאָלן מיר אַליין זיי מקיים זיין. און די עובדה פון אונזערע קומענ־דיקע וויכוחים איז ניט נאָר צו פאָרמולירן טעאָרעטישע געדאַנקען, נאָר אויך פּרובירן אָנצייכענען די מצוות מעשיות וואָס די טעאָריע איז צו זיין מחייב.

יא.

איך מיין ניט, אַז מיר וועלן אַזוי שנעל קענען לייזן, סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש, אַלע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר אונז. איך מיין אָבער איין זאַך: מיר ווייסן וואָס אונז פעלט. מיר ווייסן וואָס מיר זוכן אויף אַלע שטחים פון אונזער פועלי־ציוניזם, וואָס נעמט אַרום בוכשטעבלעך אַלע פראַגן, וואָס דער היינטיקער אידישער מענטש בכלל און אידישער סאָציאַליסט בפרט דאַרף אין זיי זיין פאַראינטערעסירט. איך האָף דעריבער אַז עס וועט אונז געלינגען אַנצוהויבן אויספילן וואָס אונז פעלט.

אויף דער קאָנווענשאָן גופא איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנהויב פאַר דער פאָרמולירונג סיי פון דער טעאָריע, סיי פון דער פּראַקטיק אונזערער אין די נאָענטע יאָרן. די באַריכטן פון די קאָמיסיעס האָבן אָנגעצייכנט ענטפערס פאַר אונזערע מצוות מעשיות אין אַמעריקאַנער אידישע פראַגן און פאַר אונזערע מצוות מעשיות אויף דעם אַלגעמיין אַמעריקאַנער געביט. די דאָזיקע באַריכטן האָבן אַנטהאַלטן מער גלות־אַרבעט ווי ביי אַנדערע גלות׳יסטישע גרופּירונגען און מער פּאָליטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטן ווי ביי אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען. הלואי זאָלן מיר נאָר זיין בכוח זיי דורכצופירן.

אין די באַריכטן פון דעם ספּעציעלן קאָמיטעט פאַר יוגנט און חלוציות קען מען געפינען אַ נייע פּרשה פון חלוצישע מצוות מעשיות, וואָס מיר האָבן שוין אָנגעהויבן דורכצופירן — טעטיקייטן וואָס וועלן זיכער פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט ווערן. און ווידעראַמאָל דערלויב איך זיך אַ שטיקל פאַרטייאישע הנאה: אונזער נייער פּלאַן פאַר הכשרה אין ישראל וועט אין פאַרלויף פון די נאָענטע יאָרן צוציען טויזנטער אַמעריקאַנער־אידישע יונגע קינדער — און ניט נאָר פון אונזער באַוועגונג — צו אַ נייעם פּרק פון חלוציות. מיר האָבן שוין דעם נחת־רוח צו זען ווי אַנדערע חלוציש־ציוניסטישע גרופּירונגען הויבן אָן גיין אויפן זעלבן וועג. הלואי זאָלן זיי אויך מצליח זיין.

עס איז געקומען אַן אַמעריקאַנער חבר פון מינעאַפּאָליס — אין אונזער פועלי־ציוניסטישן גאָרטן אויסגעוואַקסן, — וואָס לעבט אין ישראל און איז איינער פון אַ גרופּע אַמעריקאַנער חברים וועמען עס איז געלונגען אויפצושטעלן אַ מוסטער־מושב אין ישראל, ניט ווייט פון כפר־ויתקין. די תנועת־המושבים האָט אים געשיקט אַהער צו מאָביליזירן עלטערע חברים פאַר עליה אין ישראל און אויפשטעלן דאָרטן ענלעכע מושבים. דער חבר הייסט יעקב בערמאַן און דער מושב וואו ער לעבט הייסט „חירות״, און ער העלפט בויען אַ נייעם מושב „באר טוביה ב״. אין דעמדאָזיקן מושב וועלן זיין איינגעבויט מער קאָאָפּעראַטיוו־סאָציאַליסטישע יסודות, ווי אין די טאָוונגען

פון אַלע ניט־ציוניסטישע, אידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין אַמעריקע. דאָס איז אַ שטח פון סאָציאַליסטישע מצוות פאַר אַזעלכע חברים, וואָס קענען אין דער חלוצישער באַוועגונג שוין ניט אַריינטרעטן.

אַן אַנדער באַריכט האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ גאַנץ גרויסע פּרשה פון ציוניסטישע פּראָבלעמען מיט די מצוות מעשיות וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן. אין דעם זיינען געווען איינגעשלאָסן אַלע אַקטיוויטעטן וואָס באַצוועקן צו העלפן בויען און באַפעסטיקן מדינת ישראל: אונזער אַנטייל אין „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל", אין די ישראל־באָנדס, אין דער אַרבעט פאַרן קרן קיימת; אונזער אייגענער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין, וואָס ווערט אויסגעטראָגן הויפּטזעכלעך פון אונזער אייגענער באַוועגונג; אונזער באַטייליקונג אין די פּאָליטישע אַרבעטן פאַר מדינת ישראל.

אָט די אַלע אַרבעטן, וואָס זיינען אויסגערעכנט געוואָרן אין אַלע רעפעראַטן און אין אַלע קאָמיסיע־באַריכטן — זיי זיינען אונזערע מצוות מעשיות. אין אָט די אַרבעטן דאַרף מען זוכן דעם קען־צייכן פון אַמעריקאַנער פּועלי־ציוניזם און ניט דאָרטן וואו די קריטיקער אונזערע האָבן עס געזוכט. די 28טע קאָנווענשאָן האָט קלאָר גערעדט צו דער אידישער עפנטלעכקייט וועגן אָט די אַלע אַרבעטס־שטחים. אָט די אַלע אַרבעטן ליגן אין די הערצער פון די אַמעריקאַנער פּועלי־ציון. כדי צו העלפן אונז אין אָט די אַרבעטן רופן מיר אַלע אידישע אַרבעטער, אַלע אידישע פאָלקס־מענטשן, אַלע אידישע אינטעלעקטועלע אין אונזערע רייען אַריין.

יב.

אונטערציענדיק די אונטערשטע שורה פון אונזער צוזאַמענפאַר־חשבון, קען איך נאָר אויסדריקן די האָפענונג, אַז פריער פאַר אַלץ זאָלן אונזערע אייגענע חברים באַגרייפן די פיל־זייטיקע אחריות וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען; אַז נאָר ווען אַלע חברים וועלן אַריינגעבן אין זייער אַרבעט אויף די ערטער יענעם פּועלי־ציוניסטישן ענטוזיאַזם, וואָס האָט אונז באַוועגט אין די וויכטיקסטע שעפערישע צייטן פון אונזער כמעט האַלבן יאָרהונדערט אין אַמעריקע, וועלן מיר קענען דערפילן די אויפגאַבן וואָס די אידישע געשיכטע לייגט אַרויף אויף די אַלע פון אונזער דור, וואָס באַגרייפן די צייט אין וועלכער מיר לעבן. אונזערע חברים דאַרפן זיך צוהערן צו אַלע קריטיקער, אָבער דערביי געדענקען: לא מפיהם אָנו חיים. מיר לעבן ווי אַ באַוועגונג, פון אַ דראַנג וואָס מיר האָבן איבערגענומען פון פריערדיקע אידישע דורות. אַלע וואָס שפּירן אין זיך אָט דעם דראַנג, צי זיי האָבן זייערע ערשטע אידיש־גייסטיקע טריט געמאַכט על טהרת ה'אָרטאָדאָקסיע,

אָדער זיי האָבן אונטערגעזינדיקט מיט רעפאָרם, אָדער זיי האָבן געזוכט אַ צווישן־וועג אין דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג, פאַר זיי אַלע זיינען די טירן פון פּועלי־ציוניזם אָפן, אויב זיי פאַרבינדן נאָר זייערע ערשטע גייסט־שריט מיט די ווערטן וואָס דער פּועלי־ציוניזם טראָגט אין זיך — ווי זיי זיינען אויפגעפּאַסט געוואָרן פון משה העס, נחמן סירקין, בערל קאַצענעלסאָן און פילע אַנדערע.

מיר שטיצן ניט אונזער רוף אפילו אויף דער מפא״י אין ישראל. מיר האַלטן עס ניט פאַר קיין צופאַל וואָס דווקא אונזער באַוועגונג האָט צוגע־שטעלט דער אידישער געשיכטע אַזאַ קראַפט ווי מפא״י, וואָס איז די טרע־גערין פון דאָס פונדאַמענטאַלסטע וואָס ווערט געבויט אין אונזער עפּאָכע. מיר זיינען אַוודאי גליקלעך אין אָט דעם באַוואוסטזיין. אָבער אונזער רוף איז באַזירט אויף דעם אידישן, דעם מענטשלעכן, דעם ציוניסטישן און דעם סאָציאַליסטישן חוב וואָס מיר דאַרפן צאָלן צו זיך אַליין, צו אונזער גאַנצן פאָלק און צו דעם גאַנצן מין מענטש. מיר ווייזן אָן אויף אונזער באַוועגונג ווי אויף דעם וועג דורך וועלכן אידישע יחידים קענען — פאַראייניקטער־הייט און דורך די קאַנאַלן פון זייער פאָלק — זיך באַטייליקן אין יענעם פּראָצעס דורך וועלכן דער מין מענטש ציט זיך צו דער העכערער מענטש־לעכקייט. ציענדיק זיך צו אָט דער העכערער מענטשלעכקייט קען דער דאָ־זיקער אידישער יחיד, דורך אונזער באַוועגונג, העלפן בויען יסודות פאַר דעם פאָלק און יסודות פאַר דער מענטשהייט אין וועלכע אמתע גלייכהייט באַזירט אויף פרייהייט זאָלן הערשן. און טראָץ די שרעקלעכע אוממענטש־לעכע צוריקטראָטן וואָס זיינען פאַר אונזערע אויגן געשען דורך היטלע־ריזם, דורך באָלשעוויזם און דורך אַנדערע פאַרקריפּלונגען פון מענטשלעכן שטרעבן, בלייבן מיר נאָך אַלץ מאמינים אף על פי שיתמהמה.

„קעמפער“, אויגוסט, 1952.

אַקטועלע פּראָבלעמען אין ציוניזם

(פון אַ רעפעראַט געליינט סוף יאַנואַר 1954)

א.

אויפן סדר־היום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג שטייען וויכטיקע אידייאישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פּראַגן. זיי ווערן שוין גאַנץ לאַנג דיס־קוטירט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אונזער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן דיסקוטירן די פראַגן כמעט תיכף נאָך דער אויפשטעלונג פון דער מדינה, אויף אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 4טן יוני 1948. זינט דאַן זיינען די פראַגן אויפגעקומען אויף כמעט אַלע ציוניסטישע און פּאַרטייאישע צוזאַמענקונפטן. איך האָב עס אָנגערופן „די גרויסע דעבאַטע אין ציוניזם". די דאָזיקע דעבאַטע איז באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די שטעלונגען פון חבר דוד בן גוריון. אויך ער האָט זיין חלק אין דער דעבאַטע אָנגעהויבן ביי׳צוטראָגן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. זיין לעצטער בריוו צו דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט האָט פאָרמולירט זיין שטעלונג צו איין (1) פונקט פון דער גרויסער דעבאַטע. ער האָט אָבער פיל ברייטער גערעדט וועגן די דאָזיקע פראַגן אויף דער בשותפות׳דיקער זיצונג פון דער אַגענץ־עקזעקוטיווע מיטן פּרעזידיום פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ירושלים אין יולי 1953. איצטער פאַר־עפנטלעכט חבר בן גוריון אַ סעריע אַרטיקלען וואו ער אַנטוויקלט זיינע מיינונגען ברייטער און אַלזייטיקער.

וואָס זיינען די פראַגן וועגן וועלכע עס ווערט דעבאַטירט? — זיי זיינען פיל און זייער פאַרצווייגטע. היינט וויל איך בלויז באַרירן צוויי אידייאישע און איין אָרגאַניזאַציאָנעלע. די אידייאישע זיינען:

א. וואָס איז איצטער — ווען מדינת ישראל עקזיסטירט — דער חילוק פון אַ ציוניסט און אַ ניט־ציוניסט, וואָס איז אַ פריינט פון ישראל?

ב. מוז יעדער אָרגאַניזירטער ציוניסט נעמען אויף זיך דעם פּערזענלעכען חוב עולה צו זיין?

די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגע צעצווייגט זיך פאַקטיש אין עטלעכע פראַגן: וואָס דאַרף זיין די ראָלע פון די ניט־ציוניסטישע פריינט פון ישראל? דאַרפן זיי זיך אָרגאַניזירן פאַר זייערע פּראָ־ישראל אַרבעטן? אויב יאָ — וויאַזוי? דאַרפן זיי זיך אָרגאַניזירן אין וועלט־מאַסשטאַב, אָדער בלויז אין לאַנד־אָרגאַניזאַציעס? ווער דאַרף נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו זיי צו אָרגאַניזירן — די אידישע אַגענץ אָדער די מדינה? וועלכע רעכטן דאַרפן

די ניט־ציוניסטן האָבן אין באַשטימען די שטחים, מעטאָדן און דעם פאַרנעם פון די אַרבעטן וואָס דאָס פאָלק ישראל, מחוץ פון מדינת ישראל, דאַרף אָנפירן אין ישראל?

מיר האָבן בכן פאַר זיך אַ רייע פון פראַגן וואָס שטייען איצטער ברומו של עולמנו. איך מיין אַז איין פּאָזיטיווע זאַך האָט בן־גוריון זיכער אויפגעטאָן מיט זיין בריוו צום אַקציאָנס־קאָמיטעט און זיינע אַרטיקלען וועלכע ער פאַרעפנטלעכט: ער האָט דערמיט אַ שטאַרקן שטויס געגעבן די ציוניסטישע עפנטלעכקייט צו באַשעפטיקן זיך טיפער מיט די ענינים און אפשר צו פאַרשנעלערן דורכדעם דעם פּראָצעס פון קומען צו ענדגילטיקע פאָרמולי־רונגען. מיט אייניקע פונקטן פון זיין בריוו בין איך שטאַרק מחולק. בעיקר וועגן דעם פּראָבלעם פון עליה אין דער איצטיקער עפּאָכע און אויף דעם אונטערשייד צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטישע חובבי־ישראל.

ב.

איך האַלט פאַר נויטיק צו ברענגען דעם וויכטיקסטן פּאַראַגראַף פון חבר בן־גוריונ׳ס בריוו אין וועלכן ער האָט פאָרמולירט זיינע גרונט־הנחות וועגן די צוויי אידייאישע פונקטן. דער דאָזיקער פּאַראַגראַף לייענט זיך אַזוי:

„איז מעגלעך אַ ציוניסטישע באַוועגונג נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה אָן דעם חוב פון פּערזענלעכער עליה? און אויב דאָס איז מעגלעך — וואָס איז דער אונטערשייד צווישן ציוניזם אָן דער עליה פליכט און צווישן דער ליבשאַפט צו מדינת ישראל, וואָס איז שותפות כמעט יעדן איד, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען? וואָס איז דער אידייאישער אינהאַלט און די באַזונדערע מיסיע פון ציוניזם אָן עליה? און וואָס איז דער פּערזענלעכער חוב פון אַ ציוניסט, אין נאָמען פון דער באַוועגונג, וואָס דורך אים זאָל מען קענען אונטער־שיידן צווישן איינעם וואָס איז אַ ציוניסט און צווישן דעם סתם איד וואָס העלפט מדינת ישראל".

לויט די ווייטערדיקע פּאַראַגראַפן פון זיין בריוו און לויט דעם תוכן פון די אַרטיקלען וואָס האָבן אונז ביז איצט דערגרייכט, זוכט חבר בן־גוריון אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, אַז דער סימן מובהק פון אַ ציוניסט אין איצטיקער צייט קען זיין נאָר פּערזענלעכע עליה.

סיי אין דעם בריוו, סיי אין די אַרטיקלען שטיצט זיך חבר בן־גוריון — מיט רעכט! — אויף די גרויסע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אידישן לעבן ווי אַ רעזולטאַט פון דעם חורבן פון אייראָפּעאישן אידנטום

פון איין זייט און הקמת המדינה פון דער צווייטער זייט. ער באַהויפּטעט — ווידער מיט רעכט! — אַז מען קען ניט ממשיך זיין די ציוניסטישע באַוועגונג אַן וועזנטלעכע אידייאישע און אָרגאַניזאַטאָרישע ענדערונגען, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די נײַ־געשאַפענע באַדינגונגען.

איך בין אָבער שטאַרק מסופק, צי די גרויסע ענדערונגען אין אונזער לעבן דיקטירן טאַקע די מסקנה, אַז אַ ציוניסט קען זיין נאָר דער וואָס איז גרייט פאַר פּערזענלעכער עליה.

אַז די ענדערונגען דיקטירן אַ גרויסע עליה פון די פרייע לענדער, הויפּזעכלעך פון די פּאַראייניקטע שטאַטן, איז ריכטיק. די ווירטשאַפט פון מדינת ישראל און די זיכערקייט אידע נויטיקן זיך אין נייע צוגעפּאַסטע כוחות. אָבער אַז די דאָזיקע כוחות וועלן דער מדינה צוגעשטעלט ווערן דורך דער רעאַליזירונג פון פּערזענלעכער עליה פון די ציוניסטן אין די פרייע לענדער — אין דעם בין גאָר ניט זיכער. נאָך ווייניקער וואָלט די מדינה געוואונען דורך דער פּערזענלעכער עליה פון די ציוניסטישע פירער, וועגן וועלכע חבר בן־גוריון רעדט אַזוי שאַרף. איך זע ניט די נוצן וואָס קען אַרויסקומען סיי פאַר דער מדינה, סיי פאַרן אידנטום אין די תפוצות פון פאַרשפּיצן דעם זייער וויכטיקן וויכוח, צו אַ וויכוח צווישן בן־גוריון און די פירער פון אַמעריקאַנער ציוניזם. און קודם כל מוז מען אין דעם וויכוח זיך היטן פון ניט ריידן קלאָרע רייד.

אין דעם ציטירטן גרונטזעצלעכן פּאַראַגראַף באַנוצט זיך חבר בן־גוריון מיט טערמינען וואָס קענען לײַדער בלויז פאַרטונקלען די לאַגע און ניט זי אויפקלערן. ער הייבט אָן מיט שטעלן דעם טראָפּ אויף פּערזענלעכער עליה און תוך כדי דיבור רופט ער דעם ציוניזם וואָס נעמט ניט אָן דעם חוב פון פּערזענלעכער עליה: אַ „ציוניזם אָן עליה". איז עס טאַקע איינס־און־דאָס־זעלביקע? איך לייקן עס לחלוטין. איך האַלט ניט אַז דער איינציקער סימן מובהק פון אַ ציוניסט איז פּערזענלעכע עליה און פונדעסטוועגן בין איך איבערצייגט, אַז ציוניזם אָן עליה איז אָן אומזין.

אַ ציוניסט מוז אַרבעטן פאַר עליה, אַ ציוניסט מוז דערציִען צו עליה, אָן דעם איז ער קיין ציוניסט ניט. אָבער זאָגן אַז דער ציוניסט וואָס קען, אָדער אפילו וויל, אַליין ניט עולה זיין איז ניט קיין ציוניסט, איז נאָך מײַן מיינונג אָן אומרעכט.

און ווען בן־גוריון פרעגט וואָס איז פאַרט דער אונטערשייד פון אַ ציוניסט ביז סתם אַ פרײַנט פון ישראל, שײַנט מיר אַז דער ענטפער בנוגע דער פראַגע פון עליה ווערט בולט אַרויסגעזאָגט אין אַ באַרימטן אויסגעלאַכטן אַנעקדאָט אין וועלכן איך זע דווקא אמת׳ע פאָלקס־חכמה. דער אַנעקדאָט זאָגט, אַז אַ ציוניסט איז דער איד, וואָס מאָנט געלט פון אַ צווייטן אידן,

כדי אַ דריטער איד זאָל קענען עולה זיין. דער אַנעקדאָט שטעלט בכן פעסט דריי קאַטעגאָריעס אידן: דער עולה, דער ציוניסט און דער איד וועמען דער ציוניסט באַוועגט צו העלפן דעם ערשטן איד עולה צו זיין. אין אָט דער פּאָלקסטימלעכער צוטיילונג פון פונקציעס ליגט דער ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס איז בנוגע עליה דער אונטערשייד צווישן אַ ציוניסט און סתם אַ איד וואָס העלפט מדינת ישראל (פאַראַן אויך אַנדערע אונטערשיידן, וועגן דעם וועט באַזונדערס גערעדט ווערן). די דאָזיקע צעטיילונג אין דריי קאַטעגאָריעס איז ריכטיק אין אונזער תקופה, ווי זי איז געווען ריכטיק אויך אין פריערדיקע תקופות.

איידער איך וועל פרובירן נאָכאַמאָל קאָנקרעט פאָרמולירן דעם אונטער־שייד וואָס איך זע בנוגע עליה צווישן אַ ציוניסט און אַ סתם חובב־ישראל, איז נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער דאָזיקער ענין איז ניט אַבסאָלוט פאַרבונדן מיט אַ צווייטער פראַגע: וועגן דער ראָלע און דעם דויער פון דעם קאַפּיטל אַמעריקע אין אונזער לאַנגער אידישער געשיכטע. מען קען אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט, אַז דאָס נייע קאַפּיטל אַמעריקאַנער אידנטום האָט אַריינגעטראָגן אין אונזער וויטערדיקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג אַן אייביקייט־עלעמענט; מען קען אָננעמען, ווי איך נעם אָן, אַז אויך גלות אַמעריקע איז ניט קיין נצחיות׳דיקע דערשיינונג אין אונזער געשיכטע. אין ביידע פאַלן בלייבט נאָך געננוג שטח פאַר סטימולירן עליה, דערציען צו עליה די אַמעריקאַנער אידישע נייע דורות. אין כלל ציוניסט געהערט דע־ריבער אויך יענער איד, מיט וועמען איך בין ניט מסכים, וואָס דענקט, אַז דער אַמעריקאַנער גלות איז אַ פאַראַלעלע אייביקייט מיט מדינת ישראל און אַז דאָס אידישע פאָלק איז פאַרמשפט לעולם ועד צו בלייבן צעשפּאָלטן אין צוויי טיילן: גלות און מדינת ישראל. אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג פון אים איז, ער זאָל העלפן דערציען צו עליה. צי דאָס וועט פירן צו אַ פולשטענדיקן קיבוץ־גלויות ווי איך גלויב, אָדער עס וועט ניט פירן צו פולשטענדיקן קיבוץ־גלויות ווי ער גלויבט, מעגן מיר ביידע איבערלאָזן צו דער באַשטימונג פון דער צוקונפטיקער אידישער געשיכטע.

פאַראַן טיפע אונטערשיידן צווישן די צוויי שטאַנדפּונקטן בנוגע דעם תוכן פון אידישער דערציאונג. אָבער וועגן דעם ווערט דאָ ניט גערעדט. פאַר דעם קומענדיקן דור וועלן מיר זיך ביידע באַנוגענען, אויב עס וועט אונז געלינגען דורך אַלע אָנשטרענגונגען פאַר עליה אַריבערצוברענגען קיין ישראל בלויז אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם אידישן נאַטירלעכן צואוואוקס. ווען דאָס וואָלט אונז געלונגען ביז איך זיכער, אַז אויך חבר בן־גוריון וואָלט עס באַטראַכט פאַר אַ זייער גרויסער דערגרייכונג. דאָס וואָלט זיכער געמיינט, אַז די אַמעריקאַנער אידן הויבן אָן זיך אַליין אַריינצוברענגען אין פּראָצעס

פון קיבוץ גלויות. וואוהין דער דאָזיקער פּראָצעס וועט פירן: צו פולשטענ־דיקער ליקווידירונג פון דעם אַנדערשדיקן גלות, פון דעם בעסטן גלות אין דער ביז איצטיקער אידישער געשיכטע, אָדער בלויז צו אַ באַדייטנדיקער באַטייליקונג אין פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות וועט, ווי אויבנגעזאָגט, די צוקונפט אַליין באַשטימען.

דער קאָנקרעטער חילוק צווישן אַ ציוניסט און אַ סתם חובב־ישראל אויפן שטח פון עליה איז דעריבער לויט מיין מיינונג, דער: אַ ציוניסט נעמט אָן דעם פּרינציפּ, אַז אויך די אידן אין די פרייע לענדער מוזן זיך אַליין אַריינברענגען אין פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות. ווייסנדיק, אַז דאָס איז אַ זייער שווערער פּראָצעס, מוז מען זיין גרייט אַריינצוגעבן אומגעהויערע ענערגיע אין דערציען דורות. דורכן ביישפּיל פון פּערזענ־לעכער עליה העלפט מען טאַקע אויך באַאיינפלוסן אַנדערע צו עליה. אָבער צוגרייטן דורות קען מען ניט בלויז דורך דעם ביישפּיל. דאָס אַנטוויקלען אין די דורות די תשוקה צו עליה מוז מען אויך דורך אַריינברענגען אין זיי דעם באַוואוסטזיין וועגן דעם מעכטיקן פאַרנעם פון אידישער אייגנאַרטיקייט; דעם ווילן ממשיך צו זיין די אייגנאַרטיקייט, און דעם פאַרשטאַנד אַז אָט די יצירה־כוחות קען מען נאָר פאַרזיכערן דורך ברענגען דעם רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק אין דער מדינה. די קומענדיקע דורות מוזן ווייסן, אַז אין גלות, אפילו אין בעסטן גלות, מוזן זיי זיין צעשפּאָלטענע מענטשן; אַז גאַנצע מענטשן קענען זיי זיין נאָר אין דער אייגענער מדינה. מוז מען אַנטוויקלען אין זיי דעם חשק צו לעבן אַ שלימות׳דיקן לעבן. אָן אַזאַ חשק וועלן זיי ניט עולה זיין. דורך קאַטאַסטראָפעס וועט קיין עליה אין אונזער עפּאָכע ניט אַרויסגעבראַכט ווערן. אַ קאַטאַסטראָפע אין אונזער עפּאָכע, וואָס מוז זיין אַ גלאָבאַלע, קען בלויז ברענגען חורבן און קען אפילו ניט זיין קיין צוגאָב־שטויס־כוח צו גאולה.

און כדי די דערציאונג צו עליה זאָל זיין דערפאָלגרייך אין די תפוצות, מוז נאָך אויך עפּעס געשען אין ישראל און ניט דווקא אויפן ווירטשאַפטלעכן שטח. אויך וועגן דעם וועט מען נאָך דאַרפן זייער טיף טראַכטן, זייער פיל ריידן און גאָר אַ סך טאָן. היינט רייד איך בלויז וועגן דעם וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן אין די תפוצות, הויפּטזעכלעך טאַקע ביי אונז אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאַרף מען נאָך דאָ בלויז צוגעבן, אַז אין יענעם מאָמענט, וואָס די סתם־ליבהאָבער פון מדינת־ישראל וועלן אָננעמען אָט דעם קוק אויפן אידישן לעבן אין גלות — אַמעריקע איינגעשלאָסן — וועט טאַקע מער ניט זיין קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן ציוניסטן און די סתם־ליבהאָבער, ווייל די לעצטע וועלן אויך ווערן ציוניסטן. דאַן וועט מען מעגן אינגאַנצן

ליקווידירן די ציוניסטישע באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג, און באַנוגענען זיך מיט אָרגאַניזירן אַלע אידן וואָס זיינען פאַר מדינת ישראל.

ווען חבר בן־גוריון וואָלט געזאָגט, אַז עליה איז איינע פון די פּערזענ־לעכע פליכטן פון אַ ציוניסט, וואָלט איך כמעט געקענט גיין מיט אים דעם גאַנצן וועג בנוגע עליה. איינע, אָבער ניט די איינציקע. דער ציוניסט האָט אַ סך פּערזענלעכע פאַרפליכטונגען, סיי בנוגע סטימולירן עליה, סיי בנוגע אַלע אַנדערע ענינים, וואָס ציוניזם דיקטירט. אויב מיין פריער־פאָרמולירטער יסוד זאָל אָנגענומען ווערן ביי אַלע ציוניסטן (ליידער זיינען דאָ גענוג אַזעלכע, וואָס רופן זיך ציוניסטן און נעמען אויך דעם יסוד ניט אָן), האָט דער ציוניזם אַ גרויסע צוקונפט. ער האָט אַ זייער ברייטן אַרבעטס־שטח פאַר מדינת ישראל אין פאַרבינדונג מיט סטימולירן עליה און צוגרייטן די ווייטערדיקע דורות פאַר זייער אייגענעם אַריינגיין אין פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות. ער האָט אויך אַן אומגעהויער־ברייטן אַרבעטס־שטח אין אַלע לעבנס־קעמערלעך פון אונזער אידישער עקזיסטענץ אין אַמעריקע, וואוהין דער ציוניסטישער קוק אויף אידיש־געשיכטלעכער אַנטוויקלונג דאַרף אַרייגעבראַכט ווערן.

און ווען דער חבר בן־גוריון זאָגט אין זיין בריוו צום אַקציאָנס־קאָמיטעט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז איצטער אפילו בייטיקער ווי פאַר דער שאַפונג פון דער מדינה — און אין דעם איז ער פולשטענדיק גערעכט — דאַן קען עס ניט זיין בלויז צוליב פּערזענלעכער עליה. אויב מען אָרגאַניזירט זיך בלויז צוליב פּערזענלעכער עליה דאַרף עס אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען חלוצישע באַוועגונג, אָדער מיט אַן אַנדער נאָמען, וואָס דריקט אויס די אָרגאַניזירונג פון אידן בלויז צוליב דעם צוועק. זאָגט מען, אַז די ציוניסטי־שע באַוועגונג, אַלס באַוועגונג איז נאָך איצט נויטיקער ווי פאַר הקמת המדינה — מוז זי האָבן אַ פּראָגראַם ניט נאָר פאַר יחידים, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק; מוז זי האָבן אַרבעטס־שטחים מחוץ די צילן פון פּערזענלעכער עליה. קען מען מסכים זיין אָדער ניט מיט דעם פּראָגראַם וואָס איך האָב פאָרמולירט; קען מען פאָרמולירן אַנדערע פּראָגראַמען. וואָס מען זאָל אָבער ניט פאָרמולירן — מוז עס אַרומנעמען וויכטיקע גייסטיקע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און ווירשאַפטלעכע שטחים אין אידישן לעבן. זיי דאַרפן זיין פאַרבונדן סיי מיטן בויען מדינת ישראל, סיי מיט פאַרטיפן דאָס אידישע לעבן אין גלות, אַזוי לאַנג ווי גרויסע אידישע מאַסן וועלן בלייבן אין די גלות׳ן.

איך פאַרשטיי די נויטווענדיקייט פון חלוצישער עליה, פון פּראָפעסיאָנעל־אויסגעבילדעטע מענטשן, פון מענטשן וואָס קענען אינוועסטירן קאַפּיטאַלן. אַלע דריי קאַטעגאָריעס זיינען גאָר ניט אַזויפל צו געפינען אין די רייען פון

אָרגאַניזירטן ציוניזם. די אָרגאַניזירטע ציוניסטן זיינען מחויב צו סטימולירן אַזעלכע עלעמענטן צו פאָרן קיין ישראל, צו געבן זייער וויסנשאַפט, איני־וועסטירן זייער געלט און אַוודאי דאַרף די ציוניסטישע באַוועגונג סטימו־לירן און העלפן אָרגאַניזירן די וואָס זיינען גרייט זיך חלוציש צו פאַרבינדן מיט ישראל מיט זייער גאַנצן לייב און לעבן. די ציוניסטישע באַוועגונג זוכט עס צו טאָן. פאַרוואָס זי האָט ביז איצטער ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג איז אַן ענין וואָס דאַרף אונז אַלעמען מאַכן זאָרגן. און אויב מען האָט אין זינען צו פאַרשטאַרקן דורך עליה די שוץ־קראַפט פון דער מדינה, האָב איך מורא, אַז דורך פערזענלעכער עליה פון די ציוניסטן, ווי איך קען זיי, וואָלט מען אויך קיין סך ניט דערגרייכט. אויך פאַר דעם מוז קומען אַן אויסגעקליבענער עלעמענט. אויך ער וועט קענען קומען נאָר דורך דערציאונג.

דאָס שיינט מיר, דאַרף זיין דער ענטפער צו די ערשטע צוויי אויס־גערעכנטע פונקטן, וואָס חבר בן־גוריון האָט באַרירט אין זיינע אַרויס־טרעטונגען.

ג.

בלייבט אונז איצט איבער צו פרובירן בקיצור פאָרמולירן אַן ענטפער אויף די אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן. ביז איצטער האָט ח׳ בן־גוריון וועגן די פראַגן גערעדט ביי דער אויבנדערמאָנטער זיצונג פון אַגענץ־עקזעקוטיווע און פרעזידיום פון אַקציאָנס־קאָמיטעט. אפשר וועט נאָך חבר בן־גוריון אין ווייטערדיקע אַרטיקלען קלערער מאַכן, וויאַזוי ער שטעלט זיך פאָר די אָרגאַניזאַטאָרישע ראַמען פון ציוניזם און פון די ניט־ציוניסטן אין דער איצטיקער עפּאָכע. איך וויל דאָ פרובירן פאָרמולירן מיינע פאָרשטעלונגען, וואָס איך האָב, אגב, פאָרגעשלאָגן צום נאַציאָנאַל ראַט פון דער פועלי־ציון פאַרטיי אין פעברואַר 1953. איך ווייס אַז איך צעגיי זיך מיט חבר בן־גוריון׳ס ביז איצטער אַרויסגעבראַכטע מיינונגען אויף דעם שטח.

איך זע די נויטווענדיקייט פאַר צוויי אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען פון די אידן אין חוץ לארץ אין פאַרבינדונג מיט זייערע פראָ־ישראל׳דיקע אַקטי־וויטעטן:

א) די ערשטע ראַם (צי איר נאָמען זאָל בלייבן אידישע אַגענץ אָדער ניט, איז פאַר דעם איצטיקן וויכוח ניט וויכטיק) דאַרף זיך באַשעפטיקן מיט אַלע אַקטיוויטעטן וואָס באַצוועקן צו שטאַרקן מדינת ישראל פּאָליטיש און עקאָנאָמיש. דידאָזיקע ראַם דאַרף אויפגעשטעלט ווערן דורך פאַרטרעטער־שאַפטן פון אַלע אָרגאַניזירטע אידישע קערפּערשאַפטן וועלכע זיינען פאַר־

אינטערעסירט צו שטאַרקן ישראל. יחידים האָבן אין דעם ראַם קיין אָרט ניט. אַלע ציוניסטישע און ניט־ציוניסטישע אידישע קערפּערשאַפטן זיינען אין דעם ראַם פאַרטראַטן לויט אַ מאָדוס פון פאַרטרעטערשאַפט וואָס ווערט באַשטימט דורך אַ פריערדיקן הסכם פון די אָרגאַניזאַציעס.

ב) די צווייטע ראַם איז — די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע. איר אַרבעטס־שטח ווערט ניט געענדערט. זי ווייסט נאָר אַז אין ענינים פון פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער פאַרשטאַרקונג פון ישראל קען זי אַליין ניט האַנדלען. זי קען פאַרהאַנדלען אַלע פראַגן, זי קאָן אָננעמען רעקאָמענ־דאַציעס וועגן אַלע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, אָבער באַשטימען און האַנדלען וועגן די דאָזיקע פּונקטן קען נאָר די ערשטע ראַם. איר אייגענע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטס־שטחים זיינען אַלע יענע אַרבעטן וואָס דאַרפן פירן צו דער אַנטוויקלונג פון דער תשוקה צו קיבוץ גלויות אין גאַנצן אידישן פאָלק, וואו נאָר ער זאָל ניט לעבן. דער ציוניסטישער גערעאַנגל אין דער איצטיקער תקופה וועט אין דער אידישער וועלט אויסגעקעמפט ווערן צווישן די וואָס נעמען אָן דעם היסטאָרישן קיבוץ־גלויות בליק פאַר דער ווייטער־דיקער אידישער געשיכטע און די וואָס נעמען אים ניט אָן.

ווען עס וועלן שוין עקזיסטירן אין דעם אידישן פאָלק אַזעלכע צווי ראַמען וועלן דאַן אַנטשטיין צוויי באַגלייט־פראַגן:

א) ווי זאָלן זיי פינאַנסירט ווערן? ב) וואָס זאָלן זיין די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן זיי? אויסער דעם דאַרף מען אויך באַשטימען ווער עס זאָל נעמען די איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן די גרויסע אַל־אידישע ראַם — די אַגענץ, אָדער די מדינה און צי זאָל די נייע ראַם זיין אַן אַלוועלטלעכע אָדער מען דאַרף אָרגאַניזירן בלויז לאַנדעס־ראַמען.

די פינאַנסירונג שטעל איך מיר פאָר, נעמענדיק אונזער אייגענע אַמעריקע ווי די וויכטיקסטע באַזע פאַר אַלע אַזעלכע אַקטיוויטעטן, בזה האופן: דער „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" ווערט ווייטער פאַרטגעזעצט; די שותפות מיט דעם „דזשאָינט" ווערט אָנגעהאַלטן; דער חלק וואָס איז באַשטימט פאַר די ישראל־אַרבעטן ווערט צעטיילט אין צוויי טיילן; (די פּראָצענטן דאַרפן דאָ ניט אָנגעוויזן ווערן, פאַרשטענדלעך, אַז דער לייבן־טייל גייט צו דער ערשטער ראַם) איבער יענעם טייל וואָס גייט פאַר עקאָנאָמישן בוי פון ישראל און פאַר אַלע אַרבעטן אין ישראל וואָס וועט געהערן צום ערשטן ראַם איז דער בעל־הבית דער ערשטער ראַם. דערמיט איז שוין פאַרענטפערט די פראַגע: וועלכע רעכטן זאָלן די ניט־ציוניסטישע טיילן האָבן אין דער אַרבעט. זיי אַלע האָבן רעכטן גלייך מיט די ציוניסטישע טיילן וואָס וועלן געהערן צו דער ערשטער ראַם. מיט אַביסל פעאיקייט אַריינצוקוקן אין אַנטוויקלונגען וואָס דאַרפן ערשט פאָרגעקומען קען מען זען פאַר זיך אַ רעגולירטע און קאָאָרדי־

נירטע אַרבעט צווישן אַלע אידישע אָרגאַניזירטע כחות אין די וויכטיקסטע שטחים פון אַל־אידישן אינטערעס. פון דעם קען נאָר אַרויסקומען מזל און ברכה.

די קעגנזייטיקע באַציאונגען וועלן קענען רעגולירט ווערן דורך אַ קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. איך וואָלט אפילו מסכים געווען, אַז נאָכדעם ווי די צוויי קערפּערשאַפטן עקזיסטירן אַ יאָר צייט און רעגולירן צווישן זיך ווי געהעריק די אַרבעט, זאָל דער סטאַטוס — וואָס די כנסת האָט דורך אַ ספּעציעלן געזעץ געגעבן דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע — אַריבער־געפירט ווערן צו אָט דעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. באַטירלעך מיטן הסכם פון דער כנסת גופא. דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט זאָל אויך האָבן דאָס רעכט אַריבערצופירן אַרבעטן פון דער ריין־ציוניסטישער ראַם צו דער אַל־אידישער, אַזוי שנעל ווי די לעצטע איז גרייט דידאָזיקע אַרבעטן אָנצופירן אין נאָמען פון דער אַל־אידישער ראַם.

אויב מען וועט ביי אונז, אין אַמעריקע, תיכף צוטרעטן צו אָרגאַניזירן אַזאַ לאַנדעס־ראַם פאַר ישראל — און איך מיין אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן, און דאָס וועט זיי אַ גוטער ביישפּיל פאַר די אידן פון אַנדערע לענדער — דאַרף דער ציוניסטישער צד זאָגן צו די ניט־ציוניסטישע אידישע אָרגאַ־ניזאַציעס: מיר, ציוניסטן, זיינען פאָראויס מסכים צו טיילן זיך מיט אייך אין אַלע פליכטן און רעכטן, וועלכע איר זייט גרייט צו נעמען אויך אויף אייך. ווילט איר אָנהויבן מיט באַגרעניצטע רעכטן און פליכטן זיינען מיר מסכים; ווילט איר זיי אויסברייטערן זיינען מיר אויך מסכים.

דער ענטפער אויף דער פראַגע ווער עס זאָל נעמען אויף זיך די איני־ציאַטיווע, קען נאָר זיין איינער: ניט די מדינה, נאָר די אַגענץ דאַרף נעמען אויף זיך אויפצושטעלן די אַל־אידישע ראַם. פאַר מיר איז דער דאָזיקער פונקט אַזוי קלאָר, אַז איך קען ניט פאַרשטיין אַן אַנדער צוגאַנג. צוליב פאַרשידענע ריין־פּראַקטישע און סטראַטעגישע סיבות קען עס די מדינה, דורך אירע אַמבאַסאַדעס אָדער קאָנסולאַטן, ניט טאָן. דער קומענדיקער ציוניסטישער קאָנגרעס דאַרף אַזאַ באַשלוס אָננעמען און די עקזעקוטיווע וועט דאַרפן זוכן דעם באַשלוס דורכצופירן אויב דער קאָנגרעס וועט עס פּרינציפּיעל אָננעמען.

וועגן דער פראַגע וועלט־אָרגאַניזאַציע אָדער בלויז לאַנדספאַרבאַנדן — איז מיין ענטפער פאָלגנדיקער: מען דאַרף אָנהויבן אָרגאַניזירן אַל־אידישע לאַנדעס ראַמען איבערלאָזנדיק צו זיי אַליין צו באַשטימען אויב זיי זאָלן זיך צוזאַמענשליסן אין אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע. פּערזענלעך בין איך פאַר אַ וועלט אָרגאַניזאַציע; ווייסנדיק אָבער ווי שווער עס וועט בכלל אָנקומען דאָס אויפשטעלן אַזעלכע אַל־אידישע ראַמען, דאַרפן די אָנהענגער פון אַזאַ

סטרוקטור ניט באַשווערן דעם פּראָצעס דורך באַשטיין אַפּריאָרי אויף אַ וועלט־ראַם.

אין אַט די פאָרשלאַגן זע איך דעם ענטפער אויף די אָרגאַניזאַטאָרישע פראַגן וואָס שטייען פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַר דער גאַנצער אידישער וועלט אין פאַרבינדונג מיט די אַרבעטן וואָס דאַרפן אין אונזער תקופה געפירט ווערן פאַר און אין מדינת ישראל.

ד.

ביז איצט האָב איך זיך באַמיט צו פאָרמולירן דעם חילוק צווישן אַ ציוניסט און סתם אַ פריינט פון ישראל אויפן שטח פון עליה. אַ ציוניסט דאַרף — לויט מיין מיינונג — אָננעמען דעם פּרינציפּ אַז די אידן פון די פרייע לענדער מוזן זיך אַליין אַריינברענגען אין פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות. דער סתם־פריינט פון ישראל איז ניט מחויב אָט דעם פּרינציפּ אָנצונעמען. וואָס זיינען די אונטערשיידן צווישן זיי מחוץ פון דעם עליה־שטח?

איך נעם ניט אָן די מיינונג, אַז עס איז דאָ אַ טיפער אונטערשייד צווישן זיי אויפן פּאָליטישן געביט. דער פּאָליטישער ציוניזם — מחוץ פון די רעוויזיאָניסטן — טראַכט ניט וועגן אויסברייטערן די גרעניצן פון מדינת ישראל. ער נעמט אָן די איצטיקע מדינה אַזוי ווי זי איז. אויך די פריינט פון ישראל נעמען אָן די מדינה אַזוי ווי איז. איידער די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן איז דווקא אויף אָט־דעם שטח געווען דער שאַרפסטער אונטערשייד: ציוניסטן האָבן געשטרעבט צו אידישער מדינה׳שאַפט און די ניט־ציוניסטן זיינען נאָר געווען גרייט צו העלפן אין דער פּראַקטישער אַרבעט: ברענגען וואָס מער אידן קיין ארץ־ישראל און זיי דאָרטן באַזעצן. דער פּאָליטישער מדינה־ציל, — אָדער ער איז זיי ניט אָנגעגאַנגען, אָדער זיי זיינען געווען בפירוש קעגן אים. איצט אָנערקענען זיי די מדינה און ווילן איר העלפן ניט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך פּאָליטיש.

פאַרשטיי איך, אַז אַן אונטערשייד קען זיך נאָך אַלץ אַנטוויקלען אויך אויפן פּאָליטישן שטח, בעיקר טאַקע ביי אונז אין אַמעריקע. אין פאַל פון אַ שאַרפן געראַנגל צווישן דער ישראל־מדינה מיט דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן קען, חלילה, זיך אַנטוויקלען אַזאַ אונטערשייד. דער געראַנגל קען זיין פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז ציוניסטן וועלן גיין מיט מדינת ישראל און סתם־פריינט וועלן זיך שטאַרק קווענקלען.

עס איז אויך זייער וואַרשיינלעך, אַז אין פאַל פון אַזאַ געראַנגל זאָלן אפילו אַ טייל ציוניסטן ניט זיין גרייט צו גיין מיט מדינת־ישראל. אָבער

עס איז אָנצונעמען אַז די מערהייט ציוניסטן וועט שטיין מיט ישראל. איז, ערשטנס, קלאָר, אַז קיינער קען ניט ווינטשן אַזאַ פּאָליטישע אַנטוויקלונג. צווייטנס, דאַרף זיין פּונקט אַזוי קלאָר אַז מען קען ניט און מען טאָר ניט אויפבויען די ציוניסטישע אַנדערשקייט אויף אַ יסוד פון אַזאַ אומגעוואונטשטער וואַרשיינלעכקייט. ביז איצט האָבן אַלע טיילן פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אין אַלע פּאָליטישע געראַנגלען וואָס זיינען ביז איצט אויסגעפאָכטן געוואָרן פאַר מדינת ישראל, זיינען די ניט־ציוניסטישע פריינט פון ישראל געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט די ציוניסטן. צו זוכן אונטערשיידן אויף אָט־דעם שטח, איז צום גליק, דערווייל ניטאָ קיין סיבה.

פאַרקערט! דער אמת׳ער אינטערעס פון מדינת־ישראל דיקטירט, אַז עס זאָל ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך ניט דערלאָזט ווערן צו אַן אינער־אידישן פּאָליטישן געראַנגל אַרום מדינת־ישראל. דאָס קען פאַרהיט ווערן דורך דער אויפשטעלונג פון דער ברייטער אַל־אידישער ראַם פאַר אַלע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע ענינים, וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן פריער. איך מיין אַז דאָס איז אַ צוגאָב־אַרגומענט פון דער נויטיקייט אַז אַזאַ אַל־אידישע ראַם זאָל וואָס אַמשנעלסטן אויפגעשטעלט ווערן. דערביי ווייס איך, אַז ציוניסטן וועלן אָפּטמאָל דאַרפן איינגיין אויף פשרות אין אָט דער אַל־אידישער ראַם. איך מיין אָבער אַז מיר דאַרפן פאַרציען געמיינשאַפטלעכע האַנדלונגען פון גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום אפילו מיט פשרות, איידער, חלילה, אַ צעשפּאָלטן אַמעריקאַנער אידנטום וואָס שייך פּאָליטישע ענינים פון מדינת ישראל (די קאָמוניסטן, די דזשודאַאיסטן און די אויפגעהעצטע נטורי קרתא׳ניקעס דאַרפן אונז ניט שטאַרק אינטערעסירן אין שייכות מיט די פראַגן וואָס מיר באַהאַנדלען איצט).

מיין אויספיר פון דעם איז דעריבער, אַז עס זיינען ניט גערעכט יענע, וואָס זוכן דעם אונטערשייד אויפן פּאָליטישן שטח.

ה.

אַ רעכט ביסל שאַרפער זיינען די אונטערשיידן אין דער באַציאונג צום געדאַנק פון אחדות האומה, כאָטש אויך דער געדאַנק קען ניט אָנגענומען ווערן אַלס דער קענצייכן פון אַ ציוניסט אין אונטערשייד צו דעם סתם חובב ישראל.

פון אחדות האומה האַלטן אויך זייער שטאַרק די עלעמענטן וואָס זיינען ניט קיין ציוניסטן. ביים רעליגיעזן אידן איז אחדות האומה כמעט אַזאַ הייליקער פרינציפּ ווי אחדות הבורא. ציוניזם האָט זיין באַציאונג צו אחדות האומה טאָקע איבערגענומען בירושה פון די פריערדיקע אידיש־רעליגיעזע

דורות, וואָס האָבן געהאַלטן כסדר אין פעסטשטעלן: „מי כעמך ישראל גוי אחד". צווישן רעליגיעזע ניט־ציוניסטישע אידן און ציוניסטן איז אויף דעם שטח דער אונטערשייד נאָר אין מדרגה. וועלכע מדרגה עס איז אַ העכערע, בין איך ניט דער פּוסק אחרון צו באַשטימען. ביים רעליגיעזן אידן איז אחדות העם שטאַרק פאַרבונדן מיט זיין רעליגיעזן באַנעם. ער האַלט דעריבער כסדר אין פעסטשטעלן נאָך אַ מימרא: „קודשא־בריך־הוא, ואורייתא וישראל חד הוא". אין אָנהויב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט דווקא אָט דער גלויבן דערווייטערט רעליגיעזע אידן פון ציוניזם. זיי האָט זיך געדוכט, אַז דער ציוניזם צערייסט די איינהייט צווישן קודשא־בריך־הוא און ישראל. דעם פּרינציפּ פון אחדות האומה האָבן זיי אָבער אַלעמאָל הייליק געהאַלטן.

לעצטנס ווערט דער פּרינציפּ פון דער אַלוועלטלעכער איינהייט פון אידישן פאָלק אָנגענומען אפילו פון אַזעלכע עלעמענטן, וואָס האָבן מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק עס באַטראַכט ווי די שאַרפסטע רעאַקציע. טייל פון זיי גיבן אין דעם אַריין דווקא אַן אַנטי־ציוניסטישן אינהאַלט. מען רעדט וועגן אַ וועלט־פאָלק; מען פאַרוואַנדלט דעם דאָזיקן באַגריף אין אַ היסטאָרישער אידייע. געמיינט איז דערמיט אַז מיר מוזן לעולם ועד בלייבן אַ וועלט־פאָלק, וואָס דאָס מיינט דאָס זעלביקע וואָס אַ צעשפּרייט פאָלק. צווישן אָט דעם באַגריף און דעם ציוניזם ליגט אַ תהום. דער ציוניזם אָנער־קענט אַוודאי דעם פּרינציפּ פון אונזער אַל־וועלטלעך־פאָלקישער איינהייט. דערביי וואָרנט דער ציוניזם, אַז פאַרזיכערן לעולם ועד אונזער אחדות האומה קען מען נאָר דורך קאָנצענטרירן דעם רוב מנין ובנין פון דער אידישער אומה אין דער אייגענער מדינה. מען קען אָבער אויך בנוגע דעם אונטערשייד פון אַ ציוניסט און אַ אידן פון די וועלט־פאָלק־אָנהענגער ניט זאָגן אַז ער באַרוט אויפן שטח פון פּרינציפּ פון אחדות האומה.

פאַראַן אויך אַזעלכע אידן, ניט־ציוניסטן, וואָס זיינען גוואַלטיקע אָנהענגער פון דער אידייע פון אַ אידישן וועלט־קאָנגרעס. זיי זעען אין דעם די איינהייט פון אידישן פאָלק. זיינען די ציוניסטן שטענדיק געווען פאַר דער אויפשטעלונג פון אַן אַלוועלטלעך־אידישער ראָט, סיי צוליב פּראַקטישע מאָטיוון, סיי אויך צוליב דעמאָנסטרירן דורך דעם די אַלוועלטלעכע איינהייט פון אידישן פאָלק. דער ציוניזם וואָרנט אָבער אויך קעגן דער אילוזיע וואָס מיינט, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַטאָרישע ראָט שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַראַנטיע פאַר דעם קיום און דעם המשך פון דעם אַלוועלטלעכן פאָלק. אין פריערדיקע דורות האָט רעליגיע געקענט פאַרזיכערן די גאַנצקייט פון דער אידישער אומה. אין אונזער עפּאָכע, ווען דער כח פון רעליגיע איז באַדייטנדיק שוואַכער, קען אַן אָרגאַניזאַטאָרישע ראָט דעם אָרט פון רעליגיע ניט פאַרנעמען אין פאַר־

זיכערן אונזער גאַנצקייט. בלויז אַ אידישע מדינה, וואָס זאָל סוף־סוף איינשליסן דעם גרעסטן טייל פון פאָלק, קען זיין דער איינציקער כח וואָס זאָל אויך אין דער צוקונפט גאַראַנטירן אונזער פאָלק׳ס קיום.

פון דעם איז געדרונגען אַז בנוגע אחדות האומה זיינען דאָ פאַרשיידענע איינשטעלונגען פון פאַרשיידענע טיילן אין דעם אידישן פאָלק. פאַראַן אויך אַזעלכע עקסטרעמיסטן, וואָס לייקענען אינגאַנצן אָפּ די אַלוועלטלעך־אידישע איינהייט. דער ציוניזם נעמט אָן די אחדות־האומה ווי אַ יסוד פון זיין סאַמע תוכן. אָבער ווי אַ קענצייכן פון אַ ציוניסט, וואָס מאַכט אים אַנדערש ווי אַ ניט־ציוניסט, קען אויך אחדות־האומה ניט אָנגענומען ווערן.

וואָס־זשע קען יאָ באַצייכנט ווערן ווי דער סימן מובהק פון אַ ציוניסט? דער ענטפער איז: דער געשיכטלעכער פלאַץ וואָס די מדינה פאַרנעמט אין זיין באַוואוסטזיין. מיט אַנדערע ווערטער: דער ציוניזם אין אונזער עפּאָכע מוז זיין באַזירט אויף דער אָנערקענונג, אַז מיר געפינען זיך איצט אין אַזאַ תקופה אין אונזער געשיכטע, ווען דער שווער־געוויכט פון אידישן לעבן, פון אידישער שעפערישקייט און פון אידישן כח ווערט שטופנווייז אַריבערגעטראָגן אין דער אידישער מדינה. אַלע געשעענישן אין אידישן לעבן אומעטום דאַרפן דורך דעם ציוניסט באַטראַכט ווערן פון אָט דעם געשיכטלעכן קוק־ווינקל. אַלע מצוות מעשיות, וואָס ער דאַרף אויף זיך נעמען, מוזן אַרויסוואַקסן פון אָט דעם באַוואוסטזיין. זיין באַזונדערע שטעלונג צו עליה שעפּט ער אויך פון אָט דעם באַוואוסטזיין. זיין אַרבעט אויפן דערציאונגס־געביט מוז דורכגעדרונגען ווערן פונם ווילן צו דערפירן אָט דעם היסטאָרישן פּראָצעס צו אַ פולשטענדיקער פאַרענדיקונג.

ז.

איידער איך גיי איבער צו פאָרמולירן אַלע פּערזענלעכע פאַרפליכטונגען וואָס אָט די איינשטעלונג לייגט אַרויף אויף אַ ציוניסט, וויל איך בלויז אילוסטרירן מיין געדאַנק דורך צוויי פּאַסירונגען פון אונזער לעבן אין די לעצטע וואָכן און חדשים.

די ערשטע פּאַסירונג האָט זיך אַרויסגעוויקלט אין פאַרבינדונג מיטן פּלאַן אויפצושטעלן אַ מאָנומענט פאַר דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין אונזער געשיכטע. מיט עטלעכע חדשים צוריק וואָלט איך זיך אפשר צוריקגעהאַלטן פון אַרויסברענגען אין דער עפנטלעכקייט די דאָזיקע פּאַסירונג, ווייל איך וואָלט אפשר דורכדעם שווערער געמאַכט די פאַרהאַנדלונגען צווישן דעם ניי־אויפגעשטעלטן וועלט־קאָמיטעט פון „יד ושם" און די אָנפירער פון דעם פּאַריזער פּלאַן. איך האָב געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק,

אַז די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען זאָלן דערפירט ווערן צו אַ הסכם. איצט, ווען דער הסכם איז דערגרייכט געוואָרן, קען שוין דעריבער קיין שאָדן ניט אַרויסקומען דורך אַרויסברענגען די דאָזיקע פּאַסירונג אין דער עפנטלעכקייט.

ה׳ יצחק שניאורסאָן, דער אָנפירער פון דער פּאַריזער אונטערנעמונג, איז געקומען קיין אַמעריקע מאָביליזירן צווישן אידן פינאַנציעלע הילף פאַר דעם פּאַריזער מאָנומענט. כמעט אַלע וויכטיקע קערפּערשאַפטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן זיין קאָמיטעט, צווישן זיי אויך אייניקע ציוניסטישע קערפּערשאַפטן. אויף דעם אַז די עצם־אונטערנעמונג איז ניט פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ קאָנקורענץ צו ישראל, קען עדות זאָגן דער פאַקט, וואָס גרויסע וועלט־ציוניסטישע פירער האָבן באַצירט די געדרוקטע בלאַנקן און פּאַמפלעטן פון דעם קאָמיטעט וואָס האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן די פּאַריזער אונטערנעמונג.

איך גיי איצט ניט אַריין אין אַ וויכוח צי די ציוניסטישע פירער האָבן ריכטיק געהאַנדלט אָדער ניט. איך וויל בלויז דורכדעם אונטערשטרייכן, אַז דער פּאַריזער פּלאַן האָט ניט דווקא געדאַרפט באַטראַכט ווערן ווי אַ קאָנקורענץ־אונטערנעמונג צום עלטערן געדאַנק פון „יד ושם״, וואָס האָט גלייך פון אָנהויב פעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז די צענטראַלע מאָנומענטן מוזן אויפגעשטעלט ווערן אין ירושלים. און דאָך איז מיר גוט באַקאַנט דער פאַקט, אַז אייניקע גאָר וויכטיקע אידיש־אַמעריקאַנער קערפּערשאַפטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן פּאַריזער פּלאַן, כדי — ווי דער נוסח איז געגאַנגען — ניט אַלץ זאָל קאָנצענטרירט ווערן בלויז אין ישראל. ווען זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן האָבן זיי גוט געוואוסט, אַז די כנסת האָט שוין אָנגענומען דעם „יד ושם״ געזעץ, וואָס האָט בפירוש גערעדט וועגן קאָנצענטרירן די וויכטיקסטע זכר־מאָנומענטן אין ירושלים.

איז טאַקע זייער הויפּט־אַרגומענט געווען: פאַרוואָס עפּעס דווקא אין ירושלים? פאַרוואָס מוז אַלץ קאָנצענטרירט ווערן אין דער אידישער מדינה? זיי האָבן זיך שטאַרק אָנגעכאַפּט אָן אַ דערקלערונג וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך די פירער פון פּאַריזער פּלאַן, אַז אין ישראל וועט אויפגעבויט ווערן דער אידיש־נאַציאָנאַלער מאָנומענט, אָבער אין פּאַריז וועט אויפגעשטעלט ווערן דער אַלוועלטלעכער, דער אינטערנאַציאָנאַלער מאָנומענט. ירושלים איז פאַר זיי ניט פּאַסיק גענוג פאַר דער אויפשטעלונג פון אַן אַלוועלטלעך גרויסן זכר־מאָנומענט. אָט די ירושלים, וואָס פאַרנעמט דעם ערשטן אָרט אין דער נשמה פון דעם גרעסטן טייל פון דער מענטשהייט, איז פאַר זיי ניט קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ וועלט־מאָנומענט, ווייל דאָס מיינט דאָך קאָנצענטרירן אַלץ אין ישראל. און זיי זיינען גרייט צו העלפן ישראל, אָבער פאַרוואַנדלען

ישראל אינם צענטער־פונקט פון דעם אידישן וועלט־פאָלק, דערצו זיינען זיי ניט גרייט.

טראַכט מען זיך טיפער אַריין אין אָט דער כמעט זייטיקער פאַסירונג, זעט מען אין וואָס דער אונטערשייד איז: דער ציוניסט וויל און זוכט אַז מדינת ישראל זאָל וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ סיי אין אידישן וועלט־באַנעם, סיי אין אידישן וועלט־לעבן. דער ניט־ציוניסט, אפילו דער פריינט פון ישראל, טיילט נישט דעם דאָזיקן ווילן און שטרעבן.

ז.

אַ צווייטע פאַסירונג, אויפן רעליגיעזן געביט, אונטערשטרייכט נאָך דייטלעכער דעם דאָזיקן אונטערשייד. איך האָב אין זינען די אומגליקלעכע דעמאָנסטראַציע פון די נטורי־קרתא׳ניקעס ביי דעם ישראל־קאָנסולאַט. איך האָב איצט ניט אין זינען די דעמאָנסטראַנטן אַליין. איך האָב אָבער אין זינען די רעאַגירונגען פון צוויי אָרגאַניזירטע אידיש־רעליגיעזע ריכטונגען: די מזרחי און די אגודה. די מזרחי איז אַ ציוניסטיש־רעליגיעזע באַוועגונג. די אגודה קען איצט זיכער אַריינגערעכנט ווערן צווישן פריינט פון ישראל. מען קען זייער פריינטשאַפט ניט אָוועקשטעלן אויף אַ נידעריקערער מדרגה פון באַציאונג צו ישראל ווי פון ניט־רעליגיעזע פריינט פון ישראל. האָבן זיי דאָך אַ חלק אין מדינת־ישראל גופא, בעיקר די פּועלי אגודת ישראל. זיי זוכן דאָך אפילו צו גרינדן אייגענע הכשרות אין אַמעריקע.

אָבער דעם ציוניסטישן פּרינציפּ פון דעם פּרימאַט פון ארץ־ישראל אין אונזער לעבן האָבן זיי עד היום ניט אָנגענומען. איז ווי האָט זיך אויסגע־דריקט די רעאַגירונג פון מזרחי און הפּועל המזרחי צו דער ווילדער דע־מאָנסטראַציע פון די נטורי־קרתא־אָנהענגער, און ווי האָט זיך אויסגעדריקט די רעאַגירונג פון דער אגודה? די ערשטע, מיט טיפן ציוניזם אין זייערע נשמות, האָבן תיכף רעאַגירט און האָבן די דעמאָנסטראַנטן פאַרדאַמט ווי זיי האָבן פאַרדינט. די לעצטע, די אגודה, האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגן זיי. פאַראַן מיינונגען וואָס באַהויפּטן, אַז די אגודה האָט גאָר איר האַנט אין סטימולירן די דעמאָנסטראַציע.

מען דאַרף נאָך דערביי גיין אַ שריט ווייטער: מען קען ניט באַהויפּטן, אַז די מזרחי שטעלט־איין מער פּראַקטישע אינטערעסן אין קאַן, ווייל די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס קענען שעדיקן די געלט־זאַמלונגען פאַר ישראל אין אַמעריקע. דער פאַקט איז, אַז די אגודה און אירע אנשטאַלטן געניסן פאַרהעלטנישמעסיק ניט ווייניקער פון די דאָזיקע געלט־זאַמלונגען ווי דער מזרחי. דאָס ווערט ניט געזאָגט לגנאי, ניט צו מזרחי און ניט צו דער

אגודה. אויף ווי ווייט זיי בויען ווירטשאַפטן, שטעלן אויף דערפער און פירן אָן גייסטיקע אַרבעטן אין מדינת ישראל, זיינען זיי באַרעכטיקט צו דער הילף וואָס זיי באַקומען פון די אַמעריקאַנער אידן. איך ברענג אַרויס דעם פּונקט כדי נאָך שאַרפער צו אונטערשטרייכן, אַז ניט עפּעס מאַטעריעלע אינטערעסן האָבן פאַראורזאַכט די אַנדערשדיקע רעאַגירונגען פון די צוויי אידיש־רעלי־גיעזע באַוועגונגען; אַז בלויז איין־איינציקער אונטערשייד איז צווישן זיי דאָ: מזרחיסטן זיינען ציוניסטן און אגודיסטן זיינען בלויז פריינט פון ישראל.

ח.

ביידע פּאַסירונגען אונטערשטרייכן, בכן, דעם אמת פון דעם ענטפער, וואָס איך האָב פאָרמולירט, אויף דער פראַגע: וואָס איז דער אונטערשייד פון אַ ציוניסט און סתם אַ פריינט פון ישראל? דער ציוניסט זעט די איצטיקע עפּאָכע ווי דעם אָנהויב פון פּראָצעס פון קיבוץ־גלויות, וואָס דאַרף אַריבער־טראָגן דעם שווערגעוויכט פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן אין דער אייגענער מדינה; דער ניט־ציוניסט זעט ניט אַזוי די פּראָצעסן פון דער אידישער געשיכטע. ביים ציוניסט פאַרנעמט די אידישע מדינה דעם ערשטן אָרט אין זיין גאַנצן אידישן מהות, ביים פריינט פון ישראל פאַרנעמט די מדינה ניט דעם ערשטן אָרט אין זיין אידישן מהות.

מען וואָלט געקענט די רשימה פון פּאַסירונגען, אין וועלכע דער דאָ־זיקער חילוק איז אַזוי בולט, נאָך פאַרלענגערן און פאַרלענגערן. איך מיין אַז אין כמעט יעדער אַל־אידישער געשעעניש פון דער איצטיקער עפּאָכע מוז דער אונטערשייד דערשיינען. פאַר מיר איז קיין ספק ניט, אַז דער הויפּט־געראַנגל אין דעם אינערלעכן אידישן לעבן פון די נאָענטע יאָרן, אפשר יאָרצענדליקער, וועט זיך דרייען אַרום אָט דער פראַגע. אַזוי וועט עס אָנגיין ביז די וואָס זיינען איצטער בלויז פריינט פון ישראל, וועלן אָננעמען די ציוניסטישע קאָנצעפּציע. ווי לאַנג דאָס וועט געדויערן ווייס איך ניט. איצט איז אָבער די אויפגאַבע פון אַלע אידן בכלל און פון ציוניסטן בפרט צו זוכן אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרמען פאַרן אידישן פאָלק אין פאַרבינדונג מיט זיינע פליכטן צו ישראל, וואָס זאָלן באַצוועקן צוויי זאַכן א) דעם מאַקסימום פון אייניקייט אין יענע שטחים, וואו קיין חלוקי־דעות זיינען שוין ניטאָ; ב) דעם מאַקסימום פון פרייהייט פאַר די באַזונדערע גרופּירונגען אָנצופירן זייערע אַרבעטן לויט דעם דיקטאַט פון זייער געוויסן און פון זייערע איבער־צייגונגען. ווען עס וועט געשען דער נס און דער רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק וועט אָננעמען די ציוניסטישע קאָנצעפּציע, דאַן וועט קענען עקזיסטירן איין־איינציקע אַל־אידישע ראַט און ניט קיין צוויי ווי איך שלאָג איצט פאָר.

דאָס זיינען די יסודות וואָס אונטערליגן די אָרגאַניזאַטאָרישע פאָרשלאָגן וואָס איך האָב פריער פאָרמולירט.

מיר שיינט, אַז דווקא מיר ציוניסטן האָבן געדאַרפט איצט אונזערע גייסטיקע כחות פאַרווענדן ניט אין אַ פּרוכטלאָזער דיסקוסיע, צי עליה מוז זיין די פערזענלעכע פליכט פון יעדן איינעם וואָס וויל פאַרדינען דעם נאָמען ציוניסט, נאָר אין אַ קאָנסטרוקטיוון וויכוח ווי אַזוי איבער־צו־אָרגאַניזירן דעם אידישן פאָלק כדי ער זאָל אַמבעסטן קענען דערפילן אַלע זיינע פליכטן, סיי צו מדינת ישראל, סיי צו זיין לעבן אין גלות, אַזוי לאַנג ווי דער קיבוץ־גלויות־פּראָצעס איז ניט פאַרענדיקט.

איך האַלט עס בפירוש פאַר אַן אומרעכט מצד חבר בן־גוריון, ווען אין זיינע לעצטע אַרטיקלען זוכט ער צו באַשאַפן דעם איינדרוק אַז די מענטשן וואָס פירן די אידישע אַגענץ ווילן, לויט אינערציע, אויפהאַלטן דעם אָרגאַניזאַטאָרישן סטאַטוס־קוואָ. ער ווייסט זייער גוט, אַז כמעט אַלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע זיינען גרייט פאַר ראַדיקאַלע שינויים. זיי באַשטייען בלויז אויף דעם, אַז ביז עס וועלן ניט אויפגעשטעלט ווערן די נייע אָרגאַניזאַטאָרישע כלים זאָל ניט צעבראָכן ווערן די איינציקע כלי — די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע — וואָס טראָגט דעם היסטאָרישן ציוניזם נאָך אַלץ אין דעם אידישן פאָלק. און אויב מ׳נעמט אָן מיין אַנאַליז פון די אונטערשיידן צווישן אַ ציוניסט און אַ סתם אַ חובב־ישראל, וועט נאָך די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג אַלץ האָבן אויף זיך אַ גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע, אפילו ווען עס וועט אויפגעשטעלט ווערן — ווי איך האָף, וואָס שנעלער — די אַל־אידישע ראַם, וואָס וועט איבערנעמען די פולע אחריות פאַר דער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער שטאַרקונג פון מדינת ישראל.

איז וועמען קען עס נוצן וואָס חבר בן־גוריון רייסט אַזוי שאַרף אַרונטער אין זיינע לעצטע אַרטיקלען די אידישע אַגענטור ?

קיינער לייקנט ניט, אַז די אידישע אַגענטור איז איצט ניט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אַדרעס פאַר דעם אידישן מלוכה־געדאַנק. אַלע אָנערקענען אַז די מדינה רעפּרעזענטירט איצט די אידישע מלוכה׳שאַפט. צי איז אָבער ריכטיק בן־גוריונ׳ס באַהויפּטונג, אַז דורך „דער אידישער אַגענטור קענען אידן ניט משפיע זיין אויף דער שטעלונג פון רעגירונגען אין דער יו־ען" — אין דעם בין איך שטאַרק מסופק. איך ווייס פון גאָר וויכטיקע אַזעלכע השפעות פון דער אַגענטור. און דאָך זע איך ניט אין אָט די השפעות די הויפּט־סיבה פאַר דער עקזיסטענץ פון דער אַגענטור, וואָס איז איצט דער סינאָנים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיר מוזן אַלע צוזאַמען זוכן צו פאָרמולירן די איצטיקע אַרבעט־שטחים פון דער אַגענטור, אָבער ניט תיכף זי אַרונטעררייסן.

ט.

די מצוות מעשיות פון אַ ציוניסט אין אונזער תקופה דאַרפן אײַנגעטײלט ווערן אין דרײַ קאַטעגאָריעס:

א. וואָס דאַרף ער טאָן תיכף, אײדער עס וועלן דורכגעפירט ווערן די אָרגאַניזאַטאָרישע ענדערונגען, וואָס איך האָב אין פריערדיקע קאַפּיטלעך פאָרגעשלאָגן?

ב. וואָס וועט דער ציוניסט דאַרפן טאָן, ווען די נײַע אָרגאַניזאַציע־פאָרמען וועלן אויפגעשטעלט ווערן, צוזאַמען מיט אַלע פרײַנט פון מדינת ישראל?

ג. וואָס וועלן זײַן זײַנע ספּעציעלע מצוות־מעשיות, וואָס ער וועט דאַרפן מקיים זײַן מחוץ פון דער אַל־אידישער ראַם און אויף אײגענער אחריות?

עס נויטיקן זיך פריער דרײַ באַמערקונגען: ערשטנס — מיר רײדן דאָ וועגן פליכטן, וואָס אַלע ציוניסטן טראָגן. עס ווערט ניט גערעדט וועגן די צוגאָב־פליכטן וואָס יעדער ריכטונג אין ציוניזם נעמט אויף זיך לויט איר אײגענער אידעאָלאָגיע. די לעצטע פליכטן געהערן צו אַ באַזונדער פרשה. צווײטנס — די ספּעציעלע מצוות מעשיות, וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דער דריטער קאַטעגאָריע, מוזן ניט בלײַבן לעולם ועד בלויז אין תחום פון אָרגאַניזירטן ציוניזם. שטרעבן דאַרף מען דערצו אַז אָדער טײלן, אָדער אפילו די גאַנצע אַרבעטס־פּראָגראַם פון דער דריטער קאַטעגאָריע, זאָלן סוף־סוף איבערגענומען ווערן פון אַלע אידן. דערבײַ מײן איך, אַז די צײַט־ווײַליקע אויפשטעלונג פון צווײ באַזונדערע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַמען און די קלאָרע פאַרנאַנדערטײלונג פון אַרבעטס־שטחים צווישן זײ וועט גיכער פירן צום געגאַרטן ציל פון בלויז אײן ראַם פאַר אַלע אַרבעטן, ווי ווען עס וועט איבערגעלאָזן ווערן דער איצטיקער צושטאַנד. אַזוי לאַנג ווי עס איז ניטאָ קײן קלאָרקײט פון די פליכטן און די רעכטן סײ פון ציוניסטן, סײ פון ניט־ציוניסטן אין דער אַרבעט אין װעלכע אויך זײ באַטײליקן זיך, מוז דער כאַאָס זיך האַלטן אין שטאַרקן. די רעזולטאַטן קענען ניט זײַן קײן גוטע ניט פאַר דער מדינה און אויך ניט פאַרן אידישן לעבן אין אַמעריקע.

דריטנס — דורך דער אויפשטעלונג פון דער מדינה האָבן מיר דער־גרײכט בלויז אַ טײל, אַ זײער וויכטיקן טײל, פונם ציוניסטישן חזון*); אַז אויפהאַלטן די מדינה איז אַ צוגאָב־אויפגאַבע, און גאָר ניט קײן גרינגע, וואָס ליגט אויפן גאַנצן אידישן פאָלק, אין װעלכער די ציוניסטישע באַוועגונג מוז שפּילן אַ גרויסע ראָלע. דערצו מוז מען געדענקען, אַז די דאָזיקע אויס־

*) אין דעם רעפעראַט איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער תמצית פון ציוניסטישן חזון. דער דאָזיקער תמצית קען דער לײענער געפינען אין אַ פריערדיקן רעפעראַט „דער ציוניזם אין אונזער תקופה". זע זײַטן 235—251.

געוואַקסענע אויפגאַבן דאַרפן דורכגעפירט ווערן אָן דער מיטאַרבעט פון דעם וויכטיקסטן שעפערישסטן טייל פון אידישן פאָלק, וואָס איז אויסגעמאָרדעט געוואָרן פון די נאַציס.

פאַר אָט די אַרבעטן זיינען באַצוועקט די ציוניסטישע מצוות מעשיות אין אונזער איצטיקער תקופה. זיי שליסן־איין אַלע אַרבעטן צו פאַרשטאַרקן די מדינה און אַלע אַרבעטן פאַר ווייטער אַנטוויקלען און פאַרטיפן די גייסטיקע שעפערישקייט פון אידן אומעטום, אַזוי לאַנג ווי זיי בלייבן מחוץ דער מדינה. אָט־די אַלע אַרבעטן דאַרפן זיין באַזירט אויף דעם באַוואוסטזיין פון דער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט פון מדינת ישראל און די תפוצות. מיט אַנדערע ווערטער: צו אַ דערפאָלג קענען די דאָזיקע אַרבעטן דערפירן נאָר דאַן, וועןביידע סאָרטן אַרבעטן, סיי פאַר דער מדינה, סיי פאַרן גלות, דערגאַנצן איינע די אַנדערע און ווערן ניט אָוועקגעשטעלט איינע קעגן די אַנדערע. בעיקר מוז מען געדענקען, אַז אַלע אַרבעטן, סיי אין ישראל, סיי אין די תפוצות האָבן דעם ציל — אָפּצוהיטן דעם עם־אחד תוכן פון גאַנצן און איינציקן אידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

י.

אין אויסרעכענען די מצוות מעשיות פון אַ ציוניסט באַצוועק איך ניט עפּעס מחדש צו זיין: איך האָף בלויז, אַז אויסרעכענענדיק אַלע מצוות מעשיות וועט קלאָר ווערן, אַז אַ סך פון זיי מוזן נאָך פאַר אַ צייט בלייבן אין תחום פון אָרגאַניזירטן ציוניזם. דערפון איז געדרונגען, אַז ציוניסטן האָבן דורכ־צופירן אַזעלכע מצוות מעשיות, וואָס די בלויז פריינט פון ישראל זיינען נאָך דערצו ניט גרייט.

ובכן — וואָס זיינען די מצוות מעשיות? —

א. ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע הילף פאַר מדינת ישראל. אין ווירטשאַפטלעכן טייל זיינען איינגעשלאָסן זעלבסטבאַשטייערונג פאַר דעם פאַראייניקטן אידישן אַפּיל און דערוועדבונג פון באנדס פון דער ישראל מדינה, באַווירקונג פון אַנדערע בייצושטייערן צום פאַראייניקטן אידישן אַפּיל און צו דערוועדבן ישראל־באנדס; אַליין אינוועסטירן, לויט מעגלעכקייט, פאַרמעגן אין דער ישראל־ווירטשאַפט און באַוועגן אַנדערע אַזוי צו טאָן. דער ציוניסט מוז טאָן אַלץ וואָס קען העלפן ישראל דערגרייכן ווירטשאַפטלעכע סטאַביליטעט און אומאָפּהענגיקייט. אין פּאָליטישן טייל זיינען איינגעשלאָסן אַלע פּאָליטישע צילן וואָס מדינת ישראל זוכט צו דערגרייכן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע און אויך אַלע אַרבעטן וואָס דאַרפן הייבן דעם פּרעסטיזש פון ישראל אינווייניק אין אידישן לעבן.

ב. אַנדערע אויפגאַבן פאַרבונדן מיט ישראל. אין דעם זיינען איינגעשלאָסן אַלע מדרגות פון עליה, ביז איר העכסטער פאָרעם — חלוציות. אויסרעכענען אַלע קאַטעגאָריעס קען איך ניט. איך וויל בלויז צוגעבן דאָס פאָלגענדע:

איך האָב ניט איינמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז אַ ציוניסט איז מחויב צו דערציען צו עליה. דאַרף איך צוגעבן אַז לויט מיין השגה מוז אַט די פליכט יאָ זיין אַ פערזענלעכע. דאָס הייסט: אַ ציוניסט קען ניט יוצא זיין דורך דערציען די קינדער פון אימיצן אַנדערש צו עליה. ער מוז אָנהויבן פון זיינע אייגענע קינדער. וועגן דעם תוך פון אַ דערציאונג וואָס קען פירן צו עליה וועט באַזונדער גערעדט ווערן.

ג. קאַמף קעגן אַסימילאַציע. אין כמעט דער גאַנצער וועלט האָט די אַסימילאַציע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי זוכט דווקא אויסצונוצן די אויפשטעלונג פון דער מדינה פאַר איר ציל. ביי אונז האָט זי אָנגענומען די געשטאַלט פון „קאָונסיל פאַר דזשודאַאיזם". זי ווערט אויך אַרויסגעהאָלפן דורך דער גלייכגילטיקייט צו אונזער נאַציאָנאַלן המשך מצד גרויסע שיכטן פון אַמעריקאַנער אידן. אַן ענלעכע טרעגערין פון אַסימילאַציע איז די קאָמוניסטישע באַוועגונג, ווי זי ווערט פּרעזענטירט דורך דעם טרויעריק באַרימטן איליאַ ערענבורג. אויך די אַסימילאַציע געדאַנקען פון אַן אַרטור קעסטלער און זיינס גלייכן שפּייזן זיך פון דיזעלביקע אַנטי־נאַציאָנאַלע מקורות. זיי אַלע זוכן אונטערצוגראָבן דעם עם־אחד געדאַנק, — דעם וויכטיקסטן אמת פון דער גאַנצער אידישער געשיכטע. די קאָמוניסטן ווילן, אַז מיר זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב אין סאָוועטנפאַרבאַנד; די דזשודאַאיסטן ווילן אונז פאַרוואַנדלען אין שטויב אין די פאַראייניקטע שטאַטן און די קעסטלער חסידים ווילן אונז צעשטויבן אין דער גאַנצער וועלט. קעגן אָט די פאַרזוכן מוז דער ציוניסט אַרויסשטעלן זיין גאַנצע קראַפט. באַמערקט ער אין וועלכן־ס'איז פּלאַץ אומשטענדן, וואָס טראָגן אין זיך די געפאַר פון פאַראַליז פאַר אונזער היסטאָרישער שעפערישקייט, מוז ער קעגן דעם קעמפן. ער קען שעפּן אויסדויער־קראַפט פון דעם פאַקט וואָס די פעאיקייט פאַר היסטאָרישער שעפערישקייט ליגט אין אונזער אייגנאַרטיקייט, וואָס פאַרמירט אונזער פאָלקס־פערזענלעכקייט. דערביי דאַרף ער געדענקען, אַז יעדער איד טראָגט אין זיך אַ פונק פון אָט דער אייגנאַרטיקייט, וואָס קען אויפגליען און ברענגען צו שעפערישקייט.

ד. די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פון אידישן לעבן. אויך דאָ גיי איך ניט אַריין אין פּרטים. נויטיק איז בלויז צו באַמערקן, אַז מיט דעם מיין איך ניט דעם אַלטן קאַמף פאַר כיבוש־הקהילות. ניטאָ אין אונזער תקופה די נויטיקייט צו געווינען די אידישע קהילה פאַרן געדאַנק פון אַ אידישער

מדינה. די גרויסע מערהייט פון אידישע קהילות אומעטום נעמען אַריין מדינת ישראל אין זייער אַרבעטס־שטח. די אויפגאַבע, וועגן וועלכע מיר ריידן איצטער, איז: אַריינצוברענגען אָרגאַניזירטע אחריות אין אידישן לעבן. דאָס איז אַ וויכטיקע מצווה פאַר יעדן ציוניסט. דאָרט וואו אַזאַ אָרגאַניזירטע אחריות ווערט אַריינגעבראַכט, העלפט עס ביידע הויפט־צילן פון דעם ציוניסט אין אונזער עפּאָכע: די באַפעסטיקונג פון מדינת־ישראל און די פאַרטיפונג פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן אין אַמעריקע. פון אָט דער אויפגאַבע וואַקסן אַרויס אַזויפיל מצוות מעשיות, וואָס פאַרזיכערן אַ פאַרצווייגטע און אינטערעסאַנטע אַרבעט פאַר אַלע וואָס באַטייליקן זיך אין איר.

ה. די גאַנצע פרשה פון קולטור און דערציאונג. אין דער פרשה וועל איך זיך גראָד יאָ פאַרנעמען מיט פילע פרטים. איך באַטראַכט אָט־די פרשה פאַר דער וויכטיקסטער פון אַלע מצוות מעשיות, וואָס אַ ציוניסט מוז מקיים זיין. איך וועל צו אָט די פרטים זיך באַלד אומקערן.

מיט דער רשימה זיינען נאָך ניט אויסגעשעפּט אַלע ענינים, וואָס אַ ציוניסט דאַרף זיי שענקען אויפמערקזאַמקייט. איך באַריר ניט דיווירטשאַפטלעכע לאַגע פון אידן אין דער גאַנצער וועלט, די פּאָליטישע לאַגע פון אידן אין פאַרשידענע לענדער, אָדער דעם קאַמף פאַר אידישן כבוד און אידישע רעכטן וואו נאָר זיי ווערן באַדראָט. אין אונזער צייט ליגט אַ מאָראַלישע פליכט אויף יעדן ציוניסט און אויף יעדן באַוואוסטזיניקן איד אויפצושטעלן אַ זכר דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע אין דער אידישער געשיכטע. אויך די דאָזיקע פליכטן זיינען מחייב צו פאַרצווייגטע מצוות מעשיות. די פריער אויסגערעכנטע פינף שטחים באַטראַכט איך אָבער פאַר די וויכטיקסטע און אויך ווי אַזעלכע וואָס וועלן אונז באַשעפטיקן נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן, אויב ניט דורות. ווי אַזוי ווערן אָט־די אויפגאַבן צעטיילט אין די דריי קאַטעגאָריעס?

יא.

די ערשטע קאַטעגאָריע איז אין מיין סכעמע בלויז אַ צייט־קאַטעגאָריע. האָף איך דאָך אַז גאָר אין גיכן וועלן פאַרווירקלעכט ווערן די אָרגאַניזאַטאָרישע ענדערונגען אין אידישן פאָלק אין שייכות מיט זיינע פליכטן פאַר ישראל. ביז יענער צייט ליגט אויף דעם ציוניסט די התחייבות צו טאָן די אַרבעטן וואָס איך האָב אויסגערעכנט. דער ציוניסט קען ניט זאָגן: איך וועל אָנהויבן דורכפירן מיינע מצוות מעשיות ערשט דאַן, ווען עס וועט קומען אַ סוף צום אָרגאַניזאַטאָרישן כאַאָס אויף אָט דעם שטח. דער ציוניסט איז פאַרפליכטעט אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט אויך אין דער קאָנפוזיע וואָס הערשט איצט. דאָרט וואו ער קען עס טאָן בשותפות מיט אַנדערע אידן, זאָל ער עס טאָן בשותפות.

דאָרט וואו אַזאַ שותפות איז נאָך ניט אויפגעשטעלט, מוז דער ציוניסט עס טאָן דורך זיינע אייגענע אָרגאַניזאַציעס. ער מוז אומעטום משפיע זיין פאַר גרעסערע אָנשטרענגונגען און אויך ווירקן עס זאָל וואָס שנעלער קומען די נויטיקע רעאָרגאַניזאַציע.

די צווייטע און דריטע קאַטעגאָריעס זיינען אין מיינע אויגן אויך צייטווייליקע. זיי וועלן עקזיסטירן ביז די באַדינגונגען וועלן דערמעגלעכן איין־איינציקע אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע אַרבעטן וואָס דאָס אידישע פאָלק דאַרף דורכפירן פאַר מדינת ישראל. ביז אָבער אַזאַ איין־איינציקע אַל־אידישע ראַם וועט אויפגעשטעלט ווערן, מוזן עקזיסטירן צוויי ראַמען. זיי וועלן אָבער דאַרפן אַרבעטן אין איין־און־דערזעלביקער צייט. מוזן זיי צווישן זיך קלאָר צעטיילן די אַרבעטס־שטחים.

אַלע טעטיקייטן, וואָס איך האָב באַצייכנט אין די לעצטע פיר פון די פינף אויסגערעכנטע אַרבעט־שטחים, וועלן בלייבן — ווי לאַנג ווייס איך ניט, הלוואי וואָס קירצער! — אין דער ריין ציוניסטישער ראַם. דורך איר וועלן ציוניסטן דאַרפן דורכפירן די פליכטן וואָס וואַקסן אַרויס פון זיי.

דאָס הייסט ניט אַז צו אַלע די אַרבעט־שטחים האָט דער ציוניסט ניט קיין שותפים. פאַר כמעט יעדער אַרבעט באַזונדערס וועט דער ציוניסט געפינען שותפים צווישן אידן וואָס זיינען ניט אָרגאַניזירט ציוניסטיש. אין די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַרבעטן פאַר ישראל האָט אָבער דער ציוניסט ווי אַ שותף כמעט דאָס גאַנצע פאָלק, חוץ פון די דריי קליינע שפּליטער־גרופּן: קאָמוניסטן, דזשודאַאיסטן און זייער נייעם שותף: די נטורי־קרתא׳ניקעס. דעריבער, זאָג איך, אַז אויפן שטח פון פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן קען דער אָרגאַניזירטער ציוניזם ניט האַנדלען זעלבסטשטענדיק, כל זמן עס וועלן עקזיסטירן צוויי וועלט־ראַמען. אויף אַלע אַנדערע אַרבעטס־שטחים איז דער אָרגאַניזירטער ציוניזם זעלבסטשטענדיק. זיין זעלבסטשטענדיקע אַרבעט־פּראָגראַם איז אַזאַ ברייטע און פון אַזאַ אומגעהויערער היסטאָרישער באַדייטונג, אַז עס גיט דעם אָרגאַניזירטן ציוניזם ניט נאָר עקזיסטענץ באַרעכטיקונג, נאָר אויך עקזיסטענץ נויטווענדיקייט.

דעריבער מוזן אַלע פון אונז געוואָרנט ווערן: הזהרו בתנועה הציונית, פון איר וועלן נאָך אַרויסקומען גרויסע היסטאָרישע דערגרייכונגען סיי פאַר עם־ישראל, סיי פאַר מדינת־ישראל.

יב.

די וויכטיקסטע פון אַלע מצוות מעשיות פאַר אַ ציוניסט אין גלות ליגן, לויט מיין מיינונג, אויפן שטח פון קולטור און דערציאונג. זיי מוזן געפירט

ווערן גלייכצייטיק און מיט דעם באַוואוסטזיין אַז זיי זיינען פון דערזעלביקער וויכטיקייט ווי די אַרבעטן וואָס באַצוועקן צו היטן און באַפעסטיקן מדינת ישראל. יעדער ציוניסט איז מחויב צו האָבן אַ קלאָרן צוועק, וואוהין די־דאָזיקע אַרבעטן דאַרפן פירן; לויט דעם צוועק זאָל ער זיינע מצוות מעשיות אויספלאַנירן; אָבער איך וואָלט עס ניט אָנגערופן מיטן נאָמען „ציוניסטישע קולטור", אָדער „ציוניסטישע דערציאונג". דער טראָפּ דאַרף געלייגט ווערן אויף אידישער קולטור און אויף אידישער דערציאונג. איך בין איבערצייגט אַז אַלץ וואָס שפּייזט היסטאָרישן המשך מוז אַרויסרופן דעם דראַנג צו שיבת־ציון און צו קיבוץ־גלויות. דער צוועק איז דעריבער: אַריינצובורענגען די קומענדיקע אידישע דורות אין דעם פּראָצעס פון היסטאָריש־אידישער שעפערישקייט. דער ציוניסט איז דער ערשטער וואָס איז מחוייב צו פירן די אַרבעט. ער דאַרף קודם כל זיינע אייגענע קינדער אַריינברענגען אין אָט־דעם געשיכטלעכן פּראָצעס; ער איז מחוייב צו מאָביליזירן פאַר אָט־די מצוות מעשיות אַלע אידישע כחות, וואָס זיינען גרייט מיטצואַרבעטן אויף אָט די שטחים.

איך בין ניט זיכער צי אַלע ציוניסטן וועלן מסכים זיין מיט דער פאָרמולירונג פון קולטור און דערציאונג אין זייערע ציוניסטישע צילן. איך ווייס אַז אַלע ציוניסטן, רעליגיעזע אָדער ניט־רעליגיעזע, וועלכע זעען דעם עיקר פון אידישן קיום אין זיין גייסטיקער אייגנאַרטיקייט, וועלן אָננעמען מיין פאָרמולירונג, אפילו ווען זיי וועלן פאַרשידן אויסטייטשן דעם מהות פון אונזער אייגנאַרטיקייט. דאַקעגן וועט די דאָזיקע פאָרמולירונג ניט אָנגענומען ווערן פון ציוניסטן, וואָס זעען זייער הויפּט ציוניסטישן אויסדרוק אויפן שטח פון מאַטעריעלער הילף פאַר מדינת ישראל. פּסל איך ניט זייער ציוניזם, אָבער לויט מיין אידעאָלאָגישער קאָנצעפּציע זיינען זיי ניט קיין פולע ציוניסטן. אין דעם, און ניט אין פּערזענלעכער עליה, זע איך דעם קען־צייכן פון אַ פולן ציוניסט. אין מיין אָרגאַניזאַטאָרישער קאָנצעפּציע דאַרפן זיי געהערן נאָר צו דער אַל־אידישער ראַט וואָס דאַרף ערשט אויפגעשטעלט ווערן. איצטער באַטראַכט איך זיי ווי גלייכע ציוניסטן מיט די וואָס נעמען אָן מיין אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציע און זיי דאַרפן בלייבן אין דער ראַט פון אָרגאַניזירטן וועלט־ציוניזם. נאָכדעם ווי די נייע אַל־אידישע ראַט וועט אויפגעשטעלט ווערן, וועלן פיל פון זיי געפינען זייער פּלאַץ נאָר אין דער אַל־אידישער ראַט. די צאָל פון אָרגאַניזירטע ציוניסטן וועט דורכדעם אפשר קלענער ווערן; אָבער דער כאַאָס און די אומקלאָרקייט וואָס שייך דער פראַגע ווער עס איז יאָ אַ ציוניסט און ווער ניט, וועלן באַדייטנדיק פאַרקלענערט ווערן, ביז זיי וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן.

וואָסזשע זיינען די מצוות מעשיות אויף דעם געביט פון קולטור און

דערציאונג? אויך אין דעם קאַפּיטל וועט מיר אויסקומען אַרויסצוברענגען געדאַנקען וואָס איך האָב שוין נישט איינמאָל פאָרמולירט. דער וויכוח, וואָס חבר בן־גוריון האָט אַזוי פאַרשאַרפט, פאָדערט עס נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַרויסצוזאָגן.

אין דער אינטעגראַלער אידישער קולטור זע איך סיי דעם זכות־הקיום פון אידישן פאָלק, סיי דעם כוח וואָס האָט אים ממש אויפגעהאַלטן במשך פון זיין לאַנגן גלות. אידישע דערציאונג דאַרף אַריבערטראָגן די אידישע קולטור־ירושה צו נייע דורות אומעטום וואו זיי וועלן געבאָרן, אין מדינת ישראל און אין די תפוצות. אין ריכטיקער אידישער דערציאונג זע איך די דאַמבע קעגן דער סכנה פון צעשטויבונג פון אידישן פאָלק און דעם כוח אויפצוהאַלטן אונזער נאַציאָנאַלע גאַנצקייט. איך באַטראַכט דעריבער אידישע דערציאונג ווי אַ אידישע וועלט־פּראָבלעם. די פּראַקטישע אָנווענדונג פון אידישער דערציאונג דאַרף אַוודאי צוגעפּאַסט ווערן צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון יעדן לאַנד, דער אויסגאַנג־פּונקט מוז אָבער זיין: אַלוועלטלעכע איינהייט פון דעם אידישן פאָלק.

בעיקר מוז די אַלוועלטלעך־אידישע אויפמערקזאַמקייט געווידמעט ווערן צו דער דערציאונג אין מדינת ישראל און צו דער דערציאונג אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, וואָס איז היינט דער רוב מנין ובנין פון אידישן פאָלק. איך באַהויפּט אַז אַ דערפאָלגרייכע אידישע דערציאונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס וועקט אַוודאי אויף גרויסע האָפענונגען פאַר דעם נאַציאָנאַל־אידישן לעבן אין אַמעריקע גופא, טראָגט אין זיך אויך גרויסע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט פון מדינת ישראל.

איך שטעל דעריבער דעם טראָפּ אויף געמיינזאַמע יסודות, וואָס דאַרפן אַריינגעבויט ווערן אין דער אידישער דערציאונג סיי אין ישראל, סיי אין אַמעריקע. די געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען, וואָס דאַרפן פאַר דעם צוועק געמאַכט ווערן, מוזן זיין שותפותדיקע פון אַמעריקאַנער אידנטום מיט מדינת ישראל. דידאָזיקע שותפותדיקייט באַציט זיך ניט צו די מאַטעריעלע אָנשטרענגונגען, נאָר צו די גייסטיקע. עס מוז געזאָרגט ווערן פאַר דעם, אַז די ניי־געבאָרענע דורות, אין ישראל און אַמעריקע, זאָלן אַריינזאַפּן אין זייערע נשמות וואָס מער פונם היסטאָרישן גייסט־אוצר פון אידישן פאָלק פון אַלע צייטן. ניט די אידן פון מדינת־ישראל, ניט די אידן פון אַמעריקע קענען זיך פאַרגינען מפקיר צו זיין די אומגעהויערע גייסטיקע עשירות, וואָס זיינען אויפגעזאַמלט אין אונזערע שייערן.

אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפּונקט מיין איך, אַז די סאַמע ערשטע פון די מצוות מעשיות אויף אָט דעם שטח איז אויפצושטעלן אַ אידישע וועלט־אויטאָריטעט פאַר דערציאונג, וואָס זאָל דורך איר מאָראַלישן איינפלוס זוכן

אַריינצוברענגען אין אַלע אידישע דערציאונגס אַנשטאַלטן אַ מינימום פון איינהייטלעכע עלעמענטן.

יג.

איך נעם זיך ניט אונטער אויסצואַרבעטן אַ דערציאונגס פּראָגראַם אין אַלע פּרטים. דאָס דאַרף טאָן די אויפגעשטעלטע וועלט־אויטאָריטעט. איך פּיל זיך אָבער יאָ פאַרפליכטעט אָנצוצייכענען די הויפּט־עלעמענטן וואָס דאַרפן אַריינגענומען ווערן אין אָט דער פּראָגראַם. איבעריק צו אונטער־שטרייכן, אַז איך נעם זיך ניט די ראָלע פון אַ פּוסק אחרון אין דער פּראַגע. איך זאָג נאָר אַרויס מיין מיינונג. עקספּערטן אויף דעם געביט וועלן דאַרפן זיין די פּוסקים אחרונים. לויט מיין מיינונג דאַרף דער מינימום פון איינהייט־לעכע עלעמענטן איינשליסן:

א) אמונה. ניט אַריינגייענדיק אין קיין פילאָזאָפישער דיסקוסיע וועגן דער פראַגע פון תורה מן השמים; ניט מאַכנדיק קיין פאַרזוך צו פּסק'ענען אין דער פראַגע, צי גאָט האָט אונז אויסגעוויילט און האָט אונז באַקרוינט מיט אַלע קרוינען פון קדושה און יצירה, אָדער דאָס פאָלק האָט פאַר זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ באַגריף פון גאָטהייט, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט צו זיין געמיט, צו זיין נשמה, צו די ספּעציעלע שעפערישע זאַפטן וואָס האָבן אים אין אַלע דורות געשפּייזט — איין היסטאָרישער פאַקט איז זיכער: אויף דעם שטח פון אמונה האָט דאָס פאָלק אַרויסגעוויזן די גרעסטע מאָס פון שעפעריש־קייט, און אמונה האָט אים צוריק־געצאָלט מיט דער גרעסטער מאָס פון נאַציאָנאַלער צוזאַמענגעהאַלטנקייט. דער עלעמענט פון אמונה קען נאָך אויך היינט זיין אַ פאַרבינדונגס־בריק צווישן אידנטום אין ישראל און אידנטום אין אַמעריקע און אַנדערע גלות־לענדער. אמונה איז אויך אַ גרויסער כוח צו סטימולירן דעם דראַנג צו שיבת ציון. דעריבער מוזן די פּעדאַגאָגן וועלכע וועלן צוגרייטן די געמיינזאַמע דערציאונגס־פּראָגראַם אַריינגעמען דעם עלע־מענט פון אמונה.

ב) אידישע געשיכטע. געשיכטע דאַרף געלערנט ווערן ניט אויפן שפּיץ גאָפּל, ווי דאָס ווערט איצט געטאָן אין די מערסטע אידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן; עס איז אויך ניט גענוג אַז דאָס אידישע קינד זאָל קענען בלויז די דאַטן פון דער אידישער געשיכטע. דאָס קינד מוז דערשפּירן די נשמה וואָס לעבט אין דער אידישער געשיכטע און די גוואַלטיקע הויכן צו וועלכע די פאַרשיידענע געשעענישן אין דער אידישער געשיכטע האָבן דערהויבן דעם אידן און משפּיע געווען אויך אויף דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס קינד מוז דורך דעם לימוד פון אידישער געשיכטע טיף באַגרייפן דעם אמת'ן זין פון אידישער משיחיות, דעם אמת'ן זין פון אונזער דראַנג צו אַלמענטשלעכער

גאולה; ער זאָל אין זיך אַיינזאַפּן דעם גייסט פון אידישער נבואה וואָס האָט אָנגעפילט אונזערע אַלע דורות.

ג) העברעאיש וואָס האָט אַריינגענומען און אָפּגעהיט דעם גרעסטן טייל פון אונזער גייסטיקער ירושה פון אַלע דורות; אידיש וואָס דער אידישער געניוס פון די לעצטע יאָר־הונדערטער האָט אַריינגעגאָסן אין איר שאַפונגס־קראַפט, פון וועלכער עס קענען געניסן די יונגע דורות סיי פון ישראל סיי פון אַמעריקע — ביידע שפּראַכן מוזן געפינען זייער אָרט אין דער דערציִ־אונגס פּראָגראַם. עקספּערטן וועלן אויך דאָ דאַרפן באַשטימען די מעטאָדן ווי אַזוי ביידע שפּראַכן זאָלן אַריינגעבויט ווערן ווי עלעמענטן פון דער געמיינזאַמער דערציאונגס־פּראָגראַם. אין ישראל דאַרף און וועט העברעאיש פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אייגציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך, פּונקט ווי יעדעס נאָרמאַל פאָלק פאַרמאָגט אין אייגציקע שפּראַך. אָבער אַנדערש ווי ביי אַלע פעלקער מוז נאָך אַ שפּראַך — אידיש — פאַרנעמען אַ פּלאַץ ניט ווי אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס ווערט שטודירט, נאָר ווי שפּראַך וואָס איז אַריינגעוואַקסן אין אידישן שאַפונגס־פּראָצעס אין משך פון יאָר־הונדערטער. און רעדט מען וועגן היסטאָרישן המשך פון אידישער גייסטיקער אייגנאַר־טיקייט, מוז מען געדענקען, אַז פיל פון אָט דער אייגנאַרטיקייט איז אַריינ־געגאָסן געוואָרן אין דער כלי וואָס איז די אידישע שפּראַך. אויך קינדער, געבוירן און דערצויגן אין מדינת ישראל, וועלן קענען טיפער באַגרייפן די אַנטפּלעקונגען פון אונזער אייגנאַרטיקייט, ווען פאַר זיי וועט זיין אָפן אויך אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אידיש.

אין אַמעריקע וועלן די פּעדאַגאָגן דאַרפן באַשטימען דעם אָרט וואָס אונזערע ביידע שפּראַכן דאַרפן פאַרנעמען אין דער דערציאונגס פּראָגראַם. דאָ וועט זיך עס אויך ווענדן אָן דעם טיפּ שולן וואָס וועלן אויפגעשטעלט ווערן: טאָג־שולן אָדער נאָר דערגאַנצונג־שולן. צו דער פראַגע קער איך זיך באַלד אום. זיכער איז אָבער אַז אונזערע ביידע שפּראַכן מוזן פאַרנעמען זייער געהעריק פּלאַץ אין דער דערציאונגס־פּראָגראַם.

ד) אין די העכערע דערציאונגס אַנשטאַלטן וועלן שוין אַריינגעבראַכט ווערן טיילן פון דער זייער רייכער רעליגיעזער און ניט רעליגיעזער תורה שבכתב און תורה שבעל־פה, ווי זיי זיינען דערגאַנגען צו אונז. די וועלט־אויטאָריטעט וועט דאָ האָבן אַ צוגאָב־אויפגאַבע וועגן וועלכער עס וועט שפּעטער געזאָגט ווערן עטלעכע ווערטער.

ה) צו די פיר עלעמענטן, וואָס אַלע פון זיי באַצוועקן אַריינצוטראָגן געמיינשאַפטלעכקייט אין אַלע אידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן פון דער וועלט קומט נאָך צו אַ פינפטער, וואָס טראָגט אין זיך די זעלביקע צעמענטירנדיקע קראַפט ווי די ערשטע פיר. איך האָב אין זינען דעם לימוד פון און וועגן

מדינת־ישראל, איר געאָגראַפיע און טאָפּאָגראַפיע, אירע פּראָבלעמען און די נייע לעבנס־פאָרמען, וואָס זי שמידט אויס פאַר זיך און פאַר אַלע אידן פון דער וועלט. אָט דער עלעמענט וועט אין ישראל נאָרמאַל פאַרנעמען דעם וויכטיקסטן אָרט אין די דערציאונגס אַנשטאַלטן. אין אַלע גלות־לענדער מוז ער אויך פאַרנעמען אַ זייער אָנגעזעענעם אָרט.

דורך די און אַנדערע עלעמענטן אין דערציאונגס־פּראָגראַם וועט אויס־געפלאָסטערט ווערן די גייסטיקע בריק צווישן די טיילן פון דערוווייל נאָך אַלץ צעבראָקלטן אידישן פאָלק. דאָס וועט אים, ערשטנס, גייסטיק צוזאַמענ־האַלטן; צווייטנס, וועט עס אים העלפן דערפירן ביז יענעם טאָג, ווען אויסער דעם גייסטיקן עם־אחד־יזם, וועט אויך די באַפעסטיקטע אידישע מדינה מיט אַ פיל־מיליאָניקער באַפעלקערונג, ווערן אַ צעמענט וואָס וועט פאַרזיכערן די גאַנצקייט פון דעם אידישן וועלט־פאָלק.

די וועלט־אויטאָריטעט וועט האָבן אויפגאַבעס ניט נאָר אויפן געביט פון דערציאונג. לויט איר צוזאַמענשטעל וועט זי זיין באַרופן צו באַשעפטיקן זיך מיט ווייניקסטנס נאָך צוויי אויפגאַבעס אויפן געביט פון קולטור. זי וועט דאַרפן העלפן אויפזאַמלען אונזערע קולטור־ווערטן פון אַלע דורות און — אין דערזעלביקער צייט — מאַכן אַן אָפּקלייב פון די ווערטן.

די אויפזאַמלונג איז זייער אַ שווערע, אָבער דערפאַר אַ פשוט'ע, אַ פאַרשטענדלעכע אויפגאַבע. התחלות אויף דעם שטח זיינען געמאַכט געוואָרן, בעיקר דורך ביאַליק און ראַווניצקי. אויפגעזאַמלט דאַרף ווערן אַלץ וואָס איז פון אידן געשאַפן געוואָרן און טראָגט אין זיך אַ פונק פון אייביקער אידישער אייגנאַרטיקייט. פאַר פאָרשער און סטודענטן פון אידישער שאַפונג דאַרף אַלץ זיין אויפגעזאַמלט.

אַן אָפּקלייב איז שוין אַ פיל מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. געמאַכט ווערן מוז אָבער אַזאַ אָפּקלייב. אונזערע גייסטיקע אוצרות דאַרפן דאָך אויך אַריינגעטראָגן ווערן אין לעבן. אַוודאי דאַרפן זיי באַפרוכפּערן די נייע קולטור־שאַפער, זיי מוזן דאָך אָבער אויך שפּייזן די קולטור־געברויכער. מוז דעריבער קומען אַן אָפּקלייב, וואָס זאָל צוטראָגן אַ נייעם גייסטיקן שולחן־ערוך אויף פאַר די אידישע מאַסן.

טראַכט מען זיך אַביסל טיפער אַריין אין אָט די ענינים, ווערט אַזוי קלאָר דער גרויסער פאַרנעם פאַר אַזעלכע אַרבעטן; ווערט קלאָר וואָס פאַר אַ ראָלע דער אָרגאַניזירטער ציוניזם — וואָס מוז אויף זיך נעמען די איני־ציאַטיוו אין אַלע אַזעלכע פאָרמעסטן — האָט נאָך דורכצופירן אין אידישן לעבן. גענוג בלויז דער שטח פון קולטור און דערציאונג, כדי צו שפּייזן מיט טאָג־טעגלעכער אַרבעט אַ באַוועגונג, וואָס וויל מיטגיין מיט דער אידישער געשיכטע און איר העלפן זיך געשטאַלטן. אויך דערפאַר מוזן אַלע פון אונז

געוואָרנט ווערן: הזהרו בתנועה הציונית. אויב עפּעס איז אין איר ניט אין אָרדענונג, מוז מען אַריינברענגען אָרדענונג. אָבער קיין זלזול טאָן קעגן איר טאָר זיך קיינער ניט דערלויבן.

יד.

איך ווייס, אַז איך האָב נאָר אָנגערירט בקצה המטה די מצוות מעשיות אויפן שטח פון קולטור און דערציאונג. דאָס איבעריקע וועט קומען אין דער אַרבעט גופא. אויף איין פּאַזע פון דעם דאָזיקן אויסערגעוויינלעך וויכטיקן שטח פאַרן ציוניזם אין אונזער תקופה מוז איך זיך, צום סוף, נאָך אָפּשטעלן. עס האָט צו טאָן מיט דער אידישער דערציאונג ביי אונז, אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער אַמעריקאַנער איד מוז לעבן אין צוויי קולטורן. יחידים קענען אפשר געפינען אין זיך די קראַפט צו קאָנצענטרירן זיך אין דער אייגענער אידישער גייסט־אַטמאָספערע און איגנאָרירן דעם אַרום. די אַמעריקאַנער אידישע מאַסן וועלן עס ניט קענען און אויך גאָר ניט וועלן טאָן. זיי וועלן זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַמעריקאַנער קולטור. איך אַרגומענטיר ניט פאַר קולטור־פּלוראַליזם. איך שטעל נאָר פעסט דעם פאַקט, אַז פאַרן אַמעריקאַנער אידנטום איז קיין אַנדער וועג ניטאָ. ווער עס וועט זיך איינ־עקשנ׳ען קעגן קולטור פּלוראַליזם וועט בלויז מיטהעלפן צו איין קולטור־ספערע, וואָס וועט ניט זיין די אידישע. מוזן מיר שלום מאַכן מיט דער לאַגע פון לעבן אין צוויי קולטורן.

אָבער פאַרן לעבנס־המשך אין צוויי קולטורן מוז געפירט ווערן אַ גרויסער געראַנגל. נאַטירלעכערהייט וועט עס אונז ניט באַשערט זיין. דיביידע קולטור־ספערעס ווערן ניט געטראָגן צו אונז דורך גלייכע כוחות. דער אַמעריקאַנער טייל פון אונזער גייסטיקן לעבן קומט צו אונז נאַטירלעך. ס׳איז ניט נויטיק אָנצואווענדן ספּעציעלע ענערגיע פאַרן המשך פון דער אַמעריקאַנער גייסטיקייט. אַלע כוחות פון דער מעכטיקער אַמעריקאַנער מדינה שטייען הינטער דעם. פאַר דער אידישער גייסטיקייט מוז אָבער געפירט ווערן זייער אַ העפטיקער קאַמף. דאָס בעסטע וואָס מיר קענען דערוואַרטן פון אַזאַ קאַמף איז צו דערגרייכן אַ גייסטיקן גלייכגעוויכט צווישן די ביידע קולטור־ספערן. דאָס מיינט אַז מיר דאַרפן זיך פאַרמעסטן, אַז כאָטש 50 פּראָצענט פון דער רוחניות פון די אַמעריקאַנער געבוירענע אידישע דורות זאָלן געפינען זייער אויסדרוק אין אידישקייט.

פרעגט זיך: אויף וועלכע כוחות מעגן מיר זיך פאַרלאָזן אַז לכל־הפחות אָט־די 50 פּראָצענט אידישע רוחניות זאָל איינגעפלאַנצט ווערן אינם דאָ־

געבוירענעם אידישן קינד? פֿאַראַן איניקע אָביעקטיווע כוחות, אויף וועלכע מיר מעגן זיך שטיצן. דער עיקר אָבער מוזן מיר שטיצן זיך אויף גרויסע אָנשטרענגונגען וואָס מיר מוזן אַליין מאַכן. די אָביעקטיווע כוחות זיינען:

א. די גייסטיקע עשירות פון אונזער פֿאָלק. מיר זוכן אַריינצוברענגען אין די קומענדיקע דורות אַ קולטור, וואָס טראָגט זיך פון געשיכטלעכע און אור־געשיכטלעכע קוואַלן פון אַ מערקווירדיק פֿאָלק. מיר זיינען אַ גייסט־פֿאָלק, וואָס האָט באַוויזן אַריינצוקריצן אַ טיפן צייכן אין דער אַלמענטשלעכער קולטור. ווען דאָס אַמעריקאַנער אידיש קינד נאָר דערשפירן, אַז מיר שפייזן עס ניט מיט פֿאַרעלטערטע מנהגים וואָס האָבן פֿאַר אים היינט קיין באַדייטונג ניט; ווען עס אָנהויבן צו שפירן, אַז אויך ער, אויך זיין נשמה, קען באַרייכערט ווערן פון אונזערע אוצרות, — וועט ער עס דאַן אויפנעמען מיט טיפער גייסטיקער הנאה און וועט פֿאָדערן נאָך.

ב. מיר שטעלן אויס זייער פיל אויף דער אָביעקטיווער מיטהילף וואָס וועט אונז געגעבן ווערן פון מדינת ישראל. איך האָב אַליין געזאָגט, אַז אין ישראל גופא מוז נאָך אויך פיל דערגרייכט ווערן אויפן געביט פון דערציאונג. באַזונדער וועגן דעם וועט דאַרפן גערעדט ווערן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט. פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז דער עצם עלעמענט פון עקזיסטענץ פון מדינת ישראל קען ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקע. דערצו בין איך איבערצייגט אַז די דערציאונג אין ישראל מוז וואָס ווייטער אַלץ העכער שטייגן צו יענע הויכן וואָס וועט ברענגען גענוג גייסטיקע אַרויסשטראַלונגען צו אַלע אידן פון דער וועלט. איך בין אַ טיפער מאמין אין דעם געשיכטלעכן פאַקט וואָס איז פאַרקערפּערט אין דעם זאָג מציון תצא תורה און אויך אין זיינע צוקונפטיקע אויסווירקונגען, וואָס וועלן דערגרייכן דער גאַנצער מענטשהייט. אונז, אַמעריקאַנער אידן, קען ישראל שוין איצטער געבן גרויסע הילף אין אונזער געראַנגל פֿאַר דער נשמה פון אונזערע קינדער. איך רעכן עס אויך אַריין אין די אָביעקטיווע כוחות וואָס ווירקן פֿאַר אונז.

אָבער אויף זיי אַליין טאָרן מיר זיך ניט פֿאַרלאָזן. מיר מוזן אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן וואָס די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע גיט אונז, כדי צו ראַטעווען אונזערע קומענדיקע דורות פֿאַר אידישקייט. הויפּטזעכלעך גייט עס מיר אין דעם, אַז גרויסע שיכטן פון אַמעריקאַנער אידישע קינדער זאָלן קענען קריגן זייער פולע דערציאונג, אַמעריקאַנער און אידישע, אין אייגענע טאָג־שולן.

מיט זונטיק־שולן, אָדער אפילו מיט טעגלעכע צוגאָב־שולן קענען מיר דעם געראַנגל ניט געווינען. מיר מוזן האָבן הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער וואָס זאָלן זיך כסדר געפינען אונטער דער השפעה פון אידישע

מחנכים. און איך שרעק זיך ניט פאַר דער מורא, וואָס אייניקע האָבן, אַז דאָס וועט שטערן דעם פּראָצעס פון זייער אינטעגראַציע אין דער אַמערי־קאַנער קולטור. איך זאָג בפירוש: איך וויל טאַקע אַזאַ שטערונג; ווייל אויב ניט — וועט די אינטעגראַציע — וועלכע איך נעם אָן ווי אַ מוז — אינגאַנצן אַוועקנעמען אונזערע קינדער פון דער היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט פון אונזער פאָלק.

פאַראַן אייניקע וואָס טענה׳ן אַז „פּאַראָקיעל״ שולן שטעלן אין געפאַר די דעמאָקראַטיע פון אַמעריקע. איך לייקן עס לחלוטין. די קאַטוילישע פּאַראָקיעל סקולס, וואָס זיינען פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם, האָבן, חלילה, ניט אונטערגעגראָבן די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אַך־און־וויי וואָלט געווען צו דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע ווען זי וואָלט ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך די באַזונדערע קולטורעלע עשירות פון יעדער אייגנאַרטיקער קולטור־גרופּע. אויב די פראַזע „יוניטי אין דייווערזיטי״ — אייניקייט אין פאַר־שידנאַרטיקייט — האָט וועלכן ס׳איז זין, מוז עס אָנגעווענדט ווערן אויפן שטח פון קולטורעלער פאַרשידנאַרטיקייט. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס וואָס מיר וועלן געבן אונזערע קינדער אין אונזערע אייגענע טאָג־שולן וועט שטאַרקן די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און זי ניט אָפּשוואַכן.

איך האָב די פראַגע פון טאָג־שולן נאָר געבראַכט אַלס ביישפּיל פון די אָנשטרענגונגען וואָס מיר זיינען מחוייב צו מאַכן, כדי ריכטיק צו באַגעגענען דאָס פּראָבלעם פון אידישער דערציאונג. די שול איז ניט דער איינציקער קאַנאַל דורך וועלכן די נשמה פון קינד ווערט פאַרמירט. די היים, די גאַס, דאָס אויפפירן זיך פון עלטערן, אַלץ מוז געשטעלט ווערן אין דינסט פון דער אויפגאַבע צו ראַטעווען אונזערע קינדער פאַר אונזער פאָלק. מיר מוזן געפינען אין זיך דעם כוח פאַר רעוואָלוציאָנערע שינויים אין אונזער לעבנס שטייגער; מיר מוזן געפינען אין זיך גענוג חלוציות פאַר אַן אומגעהויער אָנ־שטריינגונג אין אַמעריקע; פאַר ראַדיקאַלע ענדערונגען אין אונזער גאַנצער דערציאונגס אַרבעט. אויב ניט וועלן מיר חלילה פאַרלירן אונזערע דורות.

עס זיינען שוין דאָ גענוג ביישפּילן פון פּיאָנערישע פאַרזוכן אויף דעם געביט, וואָס האָבן שוין געבראַכט רעזולטאַטן. איין זאַך האָבן זיי זיכער שוין קלאָר געמאַכט: דאָס אַמעריקאַנער געבוירענע אידישע קינד פאַרמאָגט אין פּאָטענץ סיי דעם ווילן, סיי די פייאיקייט אַריינצונעמען אין זיך טיפע אידיש־קייט. די אַמאָליקע טענה אַז צו אַמעריקאַנער אידישע קינדער וועט זיך קיינמאָל נישט צוקלעפּן אַ דערציאונג, וואָס איר יסוד וועט זיין חומש און רש״י און אפילו גמרא, ליגט אַן אָפּגעלייקנטע דורך לעבנס־פאַקטן. שטעל איך זיך ניט אין דווקא פאַר אַזאַ דערציאונג. איך שטעל זיך אָבער יאָ אין

פאַר דעם געדאַנק, אַז דאָס אַמעריקאַנער געבוירענע קינד קען אויפנעמען טיפע היסטאָרישע אידישקייט.

דערביי קען איך ניט פאַרגעסן דעם פסק פון דער געשיכטע, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום מוז אויף זיך איבערנעמען די היסטאָרישע ראָלע פון אידישן המשך, וואָס פאַרן היטלער־חורבן האָט זי געטראָגן דאָס אייראָפּעאישע אידנטום. ווי אַזוי וועלן מיר די קומענדיקע דורות צוגרייטן צו אָט דער גרויסער התחייבות, אויב מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט פּאַליאַטיוון אויף דעם הויפּט־געביט, וואו די נשמה פון אַמעריקאַנער אידישן קינד מוז אויספאָרמירט ווערן?

און ווער, אויב ניט די ציוניסטישע באַוועגונג, איז מחויב צו נעמען אויף זיך דורכצופירן אָט די רעוואָלוציע אויפן שטח פון אידישער דערציאונג אין אַמעריקע? ווען אַלע אַמעריקאַנער אידן וועלן אַזוי באַנעמען דעם ענין פון אידישער דערציאונג און וועלן לויט דעם טאָקע אויך האַנדלען, וועט דאַן ווערן איבעריק די ציוניסטישע באַוועגונג. דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידנטום וועט פאַרמאָגן אין זיך יענע שעפעריש־אידישע היסטאָרישע כחות, וואָס אין זיי וועט ליגן די גאַראַנטיע פאַר זייער אייגענעם געזונטן נאַציאָנאַלן לעבן און דורך זיי וועט אויך גענערירט ווערן חלוציות פאַר מדינת ישראל. ווייל די תשוקה צו שיבת ציון איז איינע פון די העכסטע אַנטפּלעקונגען פון דער היסטאָריש־אידישער אייגנאַרטיקייט. טאָמער, חלילה, געפינען מיר אין זיך ניט די כחות פאַר אַזעלכע ראַדיקאַלע ענדערונגען אין אונזער אידישער דערציאונג, שטייט אין געפאַר די נשמה פון אַמעריקאַנער אידנטום און עס שטייט אויך אין געפאַר מדינת ישראל.

דאָס זיינען די מצוות מעשיות פון אַ ציוניסט אין אונזער עפּאָכע.

דאָ איז אַ פּראָגראַם ברייט גענוג און טיף גענוג כדי צו געבן לעבנס־כוח דעם אָרגאַניזירטן ציוניזם אין דער גאַנצער וועלט און הויפּטזעכלעך — אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער געבאָט פון אונזער עפּאָכע איז דעריבער ניט צו פאַרשפּיצן ציוניזם צו איין פּערזענלעכער התחייבות, ווען ס'איז אפילו אַזאַ לעבנס־וויכטיקע ווי עליה, נאָר צו זען דאָס גאַנצע בילד און די הגשמה עצמית וואָס איז פאַרבונדן מיט אַלע שינויים וואָס מוזן פאָרקומען אין אידישן לעבן, ווי אַ רעזולטאַט פון גרויסן חורבן פון אייראָפּעאישן אידנטום, פון דעם רעוואָלוציע־אויפקום פון דער אידישער מדינה און פון דעם נייעם כוח אין דער אידישער געשיכטע, וועמעס נאָמען עס איז: אַמעריקאַנער אידנטום.

פערציק יאָר „דזשאָינט״

א.

אויידער איך הויב אָן מיט מיין אָפּשאַצונג וועגן פערציק יאָר „דזשאָינט״, מוז איך מיך אַליין „לעגיטימירן״. מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך געהאַט דעם כבוד צו זיין איינער פון אַ זייער חשובער גרופּע, וועמען עס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן ספּעציעלע פּאַרמעטן. מען האָט אונז אויסגע־דריקט אָנערקענונג פאַר דער ראָלע וואָס מיר האָבן געשפּילט אין די ערשטע יאָרן פון דער „דזשאָינט״־אַרבעט אין אַמעריקע. איז דאָס אַוודאי געווען אַ דערהויבענער מאָמענט אין מיין לעבן: צו געפינען זיך אין איין גרופּע מיט סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן, דר. בערנאַרד קאַהאַן, פּאָול בערוואַלד, בער־נאַרד זעמל, אַלעקסאַנדער קאַהאַן און אַנדערע פון אַזאַ קאַליבער.

דאָך מוז איך זאָגן אַז מיין דאַמאָלסטיקע ראָלע אין „דזשאָינט״ איז גע־ווען אַביסל אַן אַנדערע, אַ יוצא־דופנדיקע. איך זאָג עס ניט לשבח און ניט לגנאי. איך שטעל בלויז פעסט אַ פאַקט. וועגן מיין דאָזיקער אַנדערשקייט האָט מיך אויך דערמאָנט ניט קיין אַנדערער ווי סענאַטאָר הערבערט לעהמאַן, אין דער אַנוועזנהייט פון אַ גאַנץ היפשער צאָל מענטשן, טאָקע אין דעם אָוונט פון דער גרויסער פייערונג. ער האָט פאַר מיר אויפגעפרישט די צוזאַ־מענשטויסן וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט מיט פעליקס וואַרבורג, דעם ערשטן פאַרזיצער פון „דזשאָינט״. אַזעלכע חילוקי־דעות האָב איך אָבער געהאַט ניט נאָר מיט פעליקס וואַרבורג, מיט וועמען איך האָב געהאַט בלויז איין ערנסטן צוזאַמענשטויס, בעת מיט לואיס מאַרשאַל האָב איך געהאַט מע־רערע. איך רעד דאָ נאָר וועגן צוזאַמענשטויסן בנוגע ענינים פון „דזשאָינט״ און ניט וואָס שייך אַנדערע שטחים פון אידיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך פּאַרמעסט זיך צו דערציילן וועגן דריי אַזעלכע צוזאַמענשטויסן און איך האָף, אַז איך וועל וועגן זיי קענען דערציילן פולשטענדיק אָביעקטיוו. נאָך דעם אַלעם איז אין מיין גאַנצן געמיט דאָך געבליבן אַ טיפער רעספּעקט פאַרביידע גרויסע אידן פון יענע יאָרן.

די ערשטע צוויי צוזאַמענשטויסן זיינען וויכטיק, בכדי צו פאַרשטיין דעם דריטן. און דער דריטער איז וויכטיק צוליב דעם, ווייל ער דאַרף אויפקלערן געוויסע מאָמענטן אַרום דער טראַגישער געשעעניש אין פּינסק דעם 5טן אַפּריל, 1919. דאַן זיינען 35 יונגע אידן דערשאָסן געוואָרן פון דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער פּוילישער מאַכט.

עס זיינען שוין אַריבער 35 יאָר זינט יענע געשעענישן, וואָס מיין גורל

איז אויסגעפאַלן צו זיין מיט זיי פאַרבונדן. די 35 יונגע אידן, וואָס אַ פוי־לישער מאַיאָר האָט דערשאָסן, האָב איך אָרגאַניזירט. זיי האָבן געדאַרפט צעטיילן די שפּייז, איבערהויפּט דאָס ווייסע מעל אויף פּסח, וואָס דער „דזשאָינט" האָט דאַן אַריבערגעשיקט קיין פּוילן. די פּינסקער אידן האָבן דאַן צום ערשטן מאָל, זינט די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, געזען מיט די אויגן אַזאַ גוט מעל. די 35 אידן זיינען זיך צונויפגעקומען אין יענעם אומגליקלעכן שבת נאָכמיטאָג, בכדי איינצוטיילן צווישן זיך די אַרבעט. דאָרטן האָט מען זיי אַרעסטירט, גלייך אַוועקגעפירט צו אַ וואַנט און זיי אַלעמען — מיט דער אויסנאַם פון איינעם — דערשאָסן.

איך האָב דערמאָנט דידאַזיקע פאַקטן, בכדי אָפּצופרישן דעם זכרון פון אונזערע לייענער און כדי צו געבן די אינגערע מענטשן אַ מעגלעכקייט צו פאַרשטיין די פּאַסירונגען, וועגן וועלכע איך וועל באַלד דערציילן. וועגן די דאָזיקע פּאַסירונגען ווייסן בלויז געציילטע מענטשן. איך בין זיכער, אַז אין די אַרכיוון פון „דזשאָינט" געפינען זיך דאָקומענטן, וואָס וועלן באַ־שטעטיקן די פאַקטן וועלכע איך וועל איבערגעבן. עס איז אָבער, ווי אויבנ־געזאָגט, נויטיק צו דערציילן וועגן די צוויי פריערדיקע צוזאַמענשטויסן, בכדי צו פאַרשטיין די אַנטוויקלונגען נאָך דער פּרשה פּינסק. וועגן אָט די אַנטוויקלונגען דאַרף שוין איצט דערציילט ווערן עפנטלעך.

ב.

מיין ערשטער צוזאַמענשטויס מיט לואיס מאַרשאַל איז געווען — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען — וועגן אַן אויסדרוק אין אַ בריוו וואָס מאַרשאַל האָט, אין נאָמען פון „דזשאָינט", געשריבן צום דעמאָלטיקן פּרע־זידענט וואודראָו ווילסאָן. דאָס איז געווען בלויז געציילטע חדשים נאָכ־דעם ווי איך בין געוואָרן אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד, פאַרטרעטנדיק דאָרטן דעם "פּיפּלס־רעליף". מאַרשאַל האָט געשריבן צו פּרעזידענט ווילסאָן וועגן פּראָקלאַמירן אַ ספּעציעלן טאָג פאַר די אידישע מלחמה־קרבנות. פּרעזי־דענט ווילסאָן האָט טאַקע אַזאַ טאָג פּראָקלאַמירט: דעם 27טן יאַנואַר, 1916.

אין זיין בריוו האָט זיך מאַרשאַל אומעטום באַנוצט מיט דעם טערמין „קאָ־רעלידזשיאָניסטס". מיין טענה איז געווען, אַז אין אַזאַ וויכטיקן און היסטאָרישן דאָקומענט טאָר די אייגנאַרטיקייט פון אידישן פאָלק — און דאָס וואָס האַלט אונז צוזאַמען ווי אַן איינהייט — ניט באַגרענעצט ווערן נאָר מיט אונזער רעליגיעזער פאַרבינדונג. היינט זעט אויס דער וויכוח אַרום אַזאַ פראַגע כמעט ווי אַן אַנאַכראָניזם, כאָטש עס פעלן אויך היינט ניט אַזעלכע וואָס ווילן, אַז די אידישע אַנדערשקייט זאָל באַגרענעצט ווערן

בלויז מיט רעליגיע. דאַן — מיט קאַרגע פערציק יאָר צוריק — האָט אָט דער וויכוח פאַרנומען גאַר אַ וויכטיקן אָרט אין דעם געזעלשאַפטלעכן גע־ראַנגל, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען אַרום די צוגרייטונגען צום ערשטן אַמע־ריקאַנער אידישן קאָנגרעס. אויך אין דעם פּיפּלס רעליף קאָמיטעט, וואָס איך האָב פאַרטראָטן, בין איך אין דעם פּונקט געווען אַ יוצא דופן. אייניקע פאַרטרעטער פון פּיפּלס רעליף אין „דזשאָינט", פּונקט ווי די פאַרטרעטער פון די אַנדערע קערפּערשאַפטן, האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַן עקס־טרעמען רעבעל. סיי מיין דעמאָלטיקע יונגקייט, סיי מיין פאַרהעלטניסמע־סיקע „גרינקייט" האָט נאָך צוגעגעבן שטאָף פאַר זייער אומצופרידנקייט מיט מיר. אַז מאַרשאַל האָט געקענט די ענגלישע שפּראַך בעסער פאַר מיר, איז דאָכט זיך ניט נויטיק אונטערצושטרייכן. אַז מאַרשאַל האָט געוואוסט אַ סך בעסער פאַר מיר וויאַזוי צו שרייבן אַ בריוו צום פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז אויך קלאָר. טאָ וויאַזוי האָב איך געוואַגט צו מאַכן אַ „רעוואָלט" קעגן לואיס מאַרשאַל?

דער רעזולטאַט פון מיין „רעוואָלט" איז געווען, אַז אין אייניקע פּלעצער האָט מאַרשאַל באַנוצט אויך דעם אויסדרוק „אונזערע אידישע ברידער" — our Jewish brethren — אָבער איך בין פאַרבליבן אין אַלעמענס אויגן אַן עקסטרעמער... וואָס אַזוינס? — ווייס איך ניט! איך בין זיכער אַז אייניקע פון זיי האָבן אין געדאַנק צוגעגעבן דאָס וואָרט: „חצוף".

ג.

אַ סך ערנסטער איז אָבער געווען דער צוזאַמענשטויס מיט פעליקס וואַרבורג. דאָס איז געשען תיכף נאָכן שליסן וואָפנשטילשטאַנד, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער „דזשאָינט" האָט דאַן אָוועקגעשיקט די ערשטע שיף מיט שפּייז, קליידער און אַנדערע הצטרכותן פאַר דער אידישער באַ־פעלקערונג אין פּוילן. די שיף האָט געהייסן „וועסטוואַרד־האָו". זי האָט אויך געפירט הילפס־מאַטעריאַלן צו דער אַלגעמיין־פּוילישער באַפעלקע־רונג, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן פּוילישן הילפס־קאָמי־טעט. ווען די „וועסטוואַרד־האָו" האָט פאַרלאָזט ניו־יאָרק, האָט מען איינגע־לאַדן פאַרטרעטער פון „דזשאָינט" און פון דעם פּוילישן קאָמיטעט, אַז ביידע זאָלן די שיף אַרויסבאַגלייטן מיט אַ ברכה. דער „דזשאָינט" האָט שוין דאַן געהאַט אויסגעוויילט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, וואָס זאָל פאָרן קיין פּוילן און העלפן צעטיילן די הילפס־מיטלען. אין דער דעלעגאַציע זיינען געווען: מר. איזידאָר הערשפעלד פון דער „אַמעריקען דזשואיש רעליף קאָמיטע", מר. בערנאַרד האָראָוויטש פון דער „סענטראַל רעליף" און דער שרייבער

פון די שורות, פון „פיפלס רעליף״. דער הויפט פון דער דעלעגאַציע איז געווען דר. באָריס באַגען (מער וועגן אים שפּעטער). מיר זיינען אַלע געווען אויף דער „וועסטוואָרד־האָו״ ווען זי האָט געדאַרפט אָפּפאָרן. עס איז דאָרט אויך געווען דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון „דזשאָינט״ אַלבערט לוקאַס. רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פון ביידע צדדים. מר. אַלבערט לוקאַס האָט גערעדט אין נאָמען פון „דזשאָינט״. פּאַליאַקן און אידן האָבן זיך אין זיסע ווערטער כמעט ווי דערקלערט קעגנזייטיק אין ליבע... און געווען איז עס כמעט תיכף נאָך דעם לעמבערגער פּאָגראָם. בין איך מודה, אַז די רעדע פון אַלבערט לוקאַס האָט מיר נישקשהדיק וויי־געטאָן.

באַלד האָט נאָך עפּעס פּאַסירט אויף דער שיף: ביידע דעלעגאַציעס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו נעמען אַ בילד צוזאַמען. דער פאָרטרעטער פון דעם פּוילישן קאָמיטעט האָט צו דער געלעגנהייט אַרויסגענומען אַ פּוי־לישע פאָן. בין איך צוגעגאַנגען צו מר. לוקאַס און אים געפרעגט, אויב ער האָט אויך אַ אידישע פאָן. ער האָט מיר דערויף געענטפערט מיט כעס: וואָס דרייט איר אַ קאָפּ וועגן אַזאַ קליייניקייט? מיין ענטפער צו אים איז געווען, אַז פאַר מיר איז עס ניט קיין קליייניקייט. וואָלט אויף דעם בילד נאָר געווען אַן אַמעריקאַנער פאָן, וואָלט איך קיין זאַך ניט פאַרלאַנגט. אָבער ווען עס איז אויך דאָ אַ פּוילישע פאָן און קיין אידישע איז ניטאָ, וועל איך אויפן בילד ניט זיין. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן — איך בין אַוועק און ניט פאָזירט אויף דער פאָטאָגראַפיע.

די דעלעגאַציע האָט געדאַרפט אָפּפאָרן מיט עטלעכע טעג שפּעטער. אינצווישן איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער „דזשאָינט״־עקזעקוטיווע. דאָרטן זיינען באַטראַכט געוואָרן קאַנדידאַטן פון נייע שליחים, וואָס דער „דזשאָינט״ האָט געדאַרפט שיקן אין אַנדערע לענדער, אויסער פּוילן. פעליקס וואָרבורג איז געווען זייער דערפרימירט. ווען די פראַגע פון נייע קאַנדידאַטן איז אויפגענומען געוואָרן, האָט ער אַזוי רעאַגירט, אַז עס איז אויסגעקומען: על הראשונים אָנו מצטערים, טאָ וואָס זאָלן מיר נאָך נעמען נייע קאָפּ־ווייטיקן? נאַטירלעך האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז לוקאַס האָט דערציילט מר. וואָרבורג וועגן דעם אינצידענט אויף דער שיף און אַז דאָס באַאומ־רואיקט אים. האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל זאָגן אָפן וואָס ער מיינט מיט זיינע ווערטער. וואָרבורג האָט דערויף געענטפערט: „יאָ! אייך האָב איך טאַקע געמיינט! איר האָט געמאַכט אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע אויף דער וועסטוואָרד־האָו. דער „דזשאָינט״ קען ניט דערלויבן זיינע פאָרטרע־טער צו באַשעפטיקן זיך מיט פּאָליטיק.״

איך האָב דאַן דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט אויף דער שיף לויט מיין נוסח. וואָרבורג האָט שוין דאַן געענטפערט מיט שאַרפקייט: „אָט דאָס

איז דאָך עס! עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ אידישע נאַציע, ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ אידישע פאָן!" דערפון בין איך שוין אויך געוואָרן אויפגערעגט. זיצנ־דיק ביים צווייטן ברעג פון אַ לאַנגן טיש אין וואַרבורגס ביוראָ, האָב איך אַרויסגענומען מיין פאַספּאָרט, מיינע קרעדענציאַלן פון „דזשאָינט" און די שיפס־קאַרטע... דערנאָך האָב איך, שוין מיט אַ צו־הויכן קול דערקלערט: „אויב דאָס איז די אָפיציעלע שטעלונג פון „דזשאָינט" — דאַן וועט איר, הער וואַרבורג, פאַרטרעטן דעם „דזשאָינט"! איך קען דאַן אים ניט פאַר־טרעטן." וואַרבורג האָט זיך דאַן אויפגעהויבן מיט כעס פון זיין שטול און דר. יהודה ליב מאַגנעס האָט איבערגענומען דעם פאָרזיץ פון דער זיצונג.

די ווייטערדיקע פּרטים פון יענער זיצונג זיינען ניט וויכטיק. דער אינ־צידענט האָט זיך געענדיקט מיט אַ שאַרפן פאַרוואורף, וואָס איך האָב באַ־קומען פון דר. מאַגנעס פאַר מיין ניט־טאַקטישער האַנדלונג אין מיין ווענ־דונג צו מר. וואַרבורג. דערביי האָט אָבער דר. מאַגנעס דערקלערט, אַז דער „דזשאָינט" איז ניט מסכים מיט דער פּרינציפּיעלער שטעלונג פון מר. וואַר־בורג וועגן דער אידישער נאַציע און וועגן דער אידישער פאָן.

ד.

קוקנדיק צוריק מיט היינטיקן אויגן אויף אָט דעם צוזאַמענשטויס, דאַרפן געמאַכט ווערן אייניקע באַמערקונגען. פון איין זייט צו דער ריכטי־קערער אָפּשאַצונג פון וואַרבורגס שטעלונג:ביידע באַגריפן „נאַציע" און „אידישע פאָן" האָבן דאַן געהאַט אַביסל אַן אַנדערע קאָנאָטאַציע ווי היינט. קען זיין, אַז וואַרבורגס איינשטעלונג איז געווען קעגן דעם באַגריף „ניישאָן" בנוגע אידן, ווייל ער האָט דעם דאָזיקן באַגריף פון נאַציע פאַרבונדן מיט מלוכה און דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך דאַן אַזוינס ניט פאַרמאָגט. בנוגע דעם טערמין „אידישע פאָן" קען מען אויך געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין איינשטעלונג: די פאָן איז דאַן נאָך ניט געווען קיין אַל־אידישע, זי איז געווען בלויז אַ ציוניסטישע. דאָס אידישע פאָלק, ווי אַ פאָלק, האָט נאָך דאַן קיין פון־אַלעמען־אָנערקענטע פאָן ניט געהאַט. ערשט נאָך הקמת המדינה זעט די גרויסע מאַיאָריטעט פון אידן דעם סימבאָל פון גאַנצן פאָלק אין דער געוועזענער, בלויז־ציוניסטישער פאָן.

איך אָבער, פון מיין זייט, האָב געהערט צו יענע, וואָס האָבן שוין דאַן געזען אין דער ציוניסטישער פאָן דעם סימבאָל פון אידישן פאָלקשאַפט. האָב איך געהאַנדלט אַזוי ווי איך האָב געהאַנדלט. אויך וועגן אָט דער האַנד־לונג מיינער וויל איך איצטער ניט זיין קיין פּוסק. איך מיין אָבער, אַז אַלע וועלן פאַרשטיין מיין טיפן נחת־רוח, ווען איך האָב דעם 9טן דעצעמבער,

1954, צו דער פייערונג פון פערציק יאָר „דזשאָינט", דערזען, וויאַזוי די אידישע פאָן פאַרנעמט אַ גלייכן אָרט מיט דער אַמעריקאַנער בראש פון די יום־טובדיקע טישן און אומעטום איבערן גאַנצן זאַל, וואו פאָנען האָבן איבער אונז געפלאַטערט. זאָל מיר דעריבער פאַרגעבן ווערן פאַרוואָס אין מיין זכרון איז תיכף אויפגעקומען מיין צוזאַמענשטויס מיט וואַרבורג דעם פאָטער. איך האָב דערשפירט די גוואַלדיקע, היסטאָרישע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די פערציק יאָר, וואָס האָט דערפירט צו אַ געענדערטן „דזשאָינט". דערביי איז דער פאָרזיצער פון היינטיקן „דזשאָינט" אויך אַ וואַרבורג — דער זון פון אַלטן וואַרבורג...

אויך וועגן מיין פלוגתא מיט מאַרשאַלן מעג איך מודה זיין, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אפילו אין מיין אייגענעם קוק אויף דער פראַגע. איך בין געבליבן ביי מיין דעמאָלטיקער איינשטעלונג, אַז ניט בלויז רעלי־גיע איז דער צעמענט וואָס האַלט צוזאַמען דאָס אידישע פאָלק. איך ווייס אָבער היינט, אַז אידישע אמונה איז פיל מער און גאָר־אַנדערש ווי דאָס וואָס דער טערמין „רעליגיע" מיינט. איך ווייס אויך, אַז אמונה האָט געשפילט אַ פיל גרעסערע ראָלע אין דער אויפהאַלטונג פון דעם אידישן פאָלק, ווי איך האָב דאַן אָפּגעשאַצט. דאָס איז אָבער זייער אַ ברייטע און באַזונדערע טעמע, וואָס געהערט ניט צום היינטיקן ענין.

מיט דער פריער־דערמאָנטער דערקלערונג פון דר. מאַגנעס האָט זיך דער צוזאַמענשטויס מיט פעליקס וואַרבורג פאַרענדיקט. אָבער מיין יוצא־דופנדיקייט איז אין די אויגן פון כמעט אַלע מיטגלידער פון „דזשאָינט"־עקזעקוטיווע באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן. אויך מיינע קאָלעגן פון „פיפּלס רעליף" האָבן דערפון קיין הנאה ניט געהאַט. מיט אַזאַ „רעפּוטאַציע" בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פוילן צו פירן דאָרטן הילפס־אַרבעט אין נאָמען פון „דזשאָינט".

ה.

בדחילו ורחימו גיי איך צו צו יענעם קאַפּיטל, וואָס ביים דערמאָנען עס אפילו היינט, ציטערט אין מיר דאָס האַרץ. איך בין שטיל מתפלל, אַז איך זאָל ניט נכשל ווערן אין איינזייטיקייט, ווען איך דערצייל וועגן אַ פּרשה, וואָס איז נאָך ביז היינט עפנטלעך ניט דערציילט געוואָרן.

עס איז ניט מיין היינטיקע אויפגאַבע צו שרייבן די פולע געשיכטע פון די אויפטוען אָדער טעותן פון דער „דזשאָינט"־דעלעגאַציע, ווען איך האָב מיט איר צוזאַמענגעאַרבעט אין פוילן. איך בין זיכער, אַז אין די אַרכיוון פון „דזשאָינט" געפינען זיך די באַריכטן וואָס דר. באָגען האָט דאַן צוגע־

שיקט. איך דאַרף אָבער אַרויסברענגען די אומשטענדן, אונטער וועלכע מיר האָבן דאָן געאַרבעט.

דר. באָגען איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן שריט פון דער דע־לעגאַציע צו צוויי אינסטאַנצן: צו דער הויפּט־פירערשאַפט פון „דזשאָינט" און צום פאַרטרעטער פון דער דעמאָלטיקער „הואָווער רעליף אַדמיניסטראַ־ציע" אין וואַרשע — קאָלאָנעל גראָוו. אַלע אַמעריקאַנער אַגענטורן — אידישע ווי ניט־אידישע — זיינען געשטאַנען אונטער זיין דירעקטער אויפ־זיכט. דר. באָגען איז געווען זייער אַ געשיקטער, אויסגערעכנטער און קלו־גער דיפּלאָמאַט. ער האָט ניט איינמאָל געדאַרפט פאַרגלעטן טעותן וואָס מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע — מיך אַליין איינגעשלאָסן! — האָבן גע־מאַכט.

די פּאָליטישע לאַגע אין פּוילן איז דאַן געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע. נאָכמער איז זי געווען קאָמפּליצירט אין די גרענעץ־געביטן. פּינסק איז בלויז מיט געציילטע וואָכן פאַר דעם אומגליקלעכן 5טן אַפּריל ווידער באַפרייט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס. דאָס אָפטע איבערגיין פון איין מאַכט צו דער צווייטער האָט צעטרייסלט די גלייכגעוויכט פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג, ווער שמועסט נאָך ביי דער אידישער!

אין אַזאַ לאַגע בין איך אַריינגעפאַלן אָנקומענדיק קיין פּינסק, בערך אַ וואָך פאַר דעם 5טן אַפּריל. מיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען זיך צו־זאַמענצורעדן מיט די אידישע פירער פון שטאָט; דער וויכטיקסטער צווישן זיי איז דאַן געווען — דער דיין, הרב יעקב־מאיר הורעוויטש. געווען אויך אברהם־אָשר פיינשטיין — דער פאָטער פון דעם איצטיקן דעקאַן פון „הרצליה" אין ניו־יאָרק און שמעון בייזער — אַן אָנגעזעענער פּינסקער איד. מיין ערשטע פראַגע צו זיי איז געווען, אויב איך דאַרף מיך מעלדן ביי די פּוילישע אויטאָריטעטן. זייער איינשטימיקע עצה איז געווען קעגן דעם. די פּוילישע אויטאָריטעטן האָבן סיי־ווי געוואוסט וועגן מיין באַזוך און וועמען איך פאַרטרעט. זיי האָבן געוואוסט אַז מיין מיסיע איז צו ברענגען מאַטעריעלע הילף, און אַז זי טראָגט ניט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער. דעריי־בער איז בעסער ניט צו האָבן מיט זיי קיין אָפיציעלע פאַרבינדונג. דערצו האָבן זיך די אידישע פירער געשראָקן, אַז דורך מיין פאַרבינדן זיך מיט די אויטאָריטעטן וועל איך געשטערט ווערן אין מיין אַרבעט. די מאַכט וועט זיכער וועלן קאָנטראָלירן די צעטיילונג פון הילפס־מיטלען, און דער־פון וועט דער אידישער באַפעלקערונג קיין טובה ניט אַרויסקומען.

דער דיין הורעוויטש האָט מיר דאַן איבערגעגעבן אַ וויזיט־קאַרטע פון דעם באַרימטן ענגלישן סאָציאַליסט בריילספאָרד. אויף דער ליידיקער זייט פון דער וויזיט־קאַרטע איז געווען אָנגעשריבן אין ענגליש אַ וואָרנונג צו

אויסלענדער וואָס באַזוכן פינסק, ניט צו רעדן מיט אידן, זיי ניט אויסצו־פרעגן וועגן זייער לאַגע אין דער אָנוועזנהייט פון פּאָליאַקן. איך האָב דעם חשובן דיין פאַרטייטשט וואָס די עטלעכע ענגלישע ווערטער מיינען. ברײלס־פאָרד איז דאַן אַרומגעפאָרן איבער פּוילן ווי אַן אָפיציר פון דער בריטי־שער אַרמיי און ער האָט באַזוכט פינסק מיט עטלעכע טעג פריער, איידער איך בין אַהין אָנגעקומען. אויך אָט דער פאַקט האָט גערעדט קעגן דעם מאַכן אָפיציעלע פאַרבינדונגען מיט די אויטאָריטעטן. אויב אָט דער באַשלוס פון די פינסקער אידישע פירער איז געווען אַ ריכטיקער אָדער ניט, נעם איך זיך ניט אונטער צו פּסקענען. איך וויל אפילו זיך גופא ניט באַרעכטיקן. ווען איך וואָלט זיך דווקא איינגעשפּאַרט צו מעלדן זיך ביי דער מאַכט וואָלט איך מן־הסתם, אויסגעפירט. פאַרשטייט זיך, אַז ווען עמעצן זאָל געווען איינ־פאַלן, אַז ערגעץ־וואו ווערט צוגעגרייט אַ קאַטאַסטראָפע, וואָלט די האַנד־לונג בכלל געווען אַן אַנדערע. אפשר וואָלט מען בכלל געווען אויסגעלאָזט פינסק פון דעם אַרבעטס־שטח. עס האָט אָבער קיין זין ניט צו אַנאַליזירן וואָס עס וואָלט געווען. איך האָב דערציילט וועגן דעם באַשלוס פון די פינס־קער אידישע מנהיגים נאָר דערפאַר, ווייל נאָך דער קאַטאַסטראָפע האָבן איניקע אַמעריקאַנער אידישע פירער געהאַלטן, אַז מיין ניט־מעלדן זיך צו דער אָרטיקער פּוילישער מאַכט איז געווען אַ ביטערער טעות. ווייל איך דעם דאָזיקן פאַקט ניט באַהאַלטן און זאָלן מער־אָביעקטיווע מענטשן אַרויס־טראָגן דעם אורטייל.

מיט דעם דערציילטן זוך איך ניט לייכטער צו מאַכן מיין אייגענעם געוויסן. איך מוז אָבער פאַרצייכענען, אַז אָט דער פונקט האָט מיין געוויסן אַ סך וויניקער באַשווערט, ווי אַ צווייטער פונקט פון יענע שרעקלעכע איבערלעבונגען. וועגן אים לאָזט מיך מיין געוויסן עד היום ניט רוען. איך האָב דאַן געפילט — און איך פיל עס נאָך אויך איצט, ווען נאָר איך דער־מאָן זיך וועגן דער פינסקער שחיטה — אַז ווען איך וואָלט יענעם טאָג ניט אָפּגעפאָרן פון פינסק און איך וואָלט געבליבן מיט די 35 קדושים צו זייער פאַרזאַמלונג, וואָלט די שחיטה ניט פאָרגעקומען. דערמיט מיין איך ניט צו באַהויפּטן, אַז די פּאָליאַקן וואָלטן ניט אויסגענוצט אַן אַנדער גע־לעגנהייט צו מאַכן אַ שחיטה אויף אידן. דערפון וואָס איך וועל ווייטער דערציילן ווערט קלאָר, אַז די פּאָליאַקן זיינען געווען פאַראינטערעסירט צו קענען דערציילן דער וועלט, אַז זיי ראַטעווען זי פון באָלשעוויזם. אָבער אָט יענע קאָנקרעטע 35 יונגע אידן, וועלכע זיינען דורך די עטלעכע טעג פון מיין באַזוך, געוואָרן אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, וואָלטן נאָך אפשר געלעבט ביז היינט. פון דעם שווערן געפיל וועל איך זיך שוין ניט קענען באַפרייען ביז מיינע אייגענע לעצטע טעג.

ו.

מיר מוזן זיך אָבער אומקערן צו די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אינם אָרגאַניזירן די לאָקאַלע כוחות פאַר דער צעטיילונג פון די הילפס־מאַטעריאַלן. וועגן דער לאַגע וואָס איך האָב דאַן געפונען אין פינסק, האָב איך געשריבן צו מיין פרוי אַ בריוו, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס“ און ער איז אויך אָפּגעדרוקט אין דעם „פיפלס רעליף“ בוך, וואו די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון דער פיפלס־רעליף־געשיכטע זיינען אויפגעהיט געוואָרן. דאָ איז בלויז נויטיק צו באַצייכענען, אַז אַלע טיילן פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פינסק, וועלכע האָבן נאָך כח געהאַט צו גיין אויף די פיס, זיינען מאָביליזירט געוואָרן. בעיקר — די יוגנט. די גרעסטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין פינסק איז דאַן געווען די „צעירי־ציון“. דער גאַנצער אַרבעטס־פּלאַן איז אָנגעצייכנט געוואָרן און שבת אינדערפרי בין איך אָפּגעפאָרן פון פינסק זיך צו באַטייליקן אין אַ זיצונג פון אידישע פאַרטרעטער אין בריסק, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק דעם 6טן אַפּריל.

זיצנדיק מיט אַ גרויסער עדה אידן (בריסק איז געווען אַ סך ווייטער פון גרענעץ און אידן האָבן זיך דאָרט געקענט גרינגער צוזאַמענקומען) צו פאַרהאַנדלען וועגן דער הילפס־אַרבעט אין בריסק, האָט אַריינגעשטורעמט אַ דעלעגאַציע פון אַ גאַנצן מנין פינסקער אידן. זיי האָבן דערציילט וועגן דער שחיטה וואָס אַ פוילישער מאַיאָר האָט דורכגעפירט. די זיצונג איז תיכף איבערגעריסן געוואָרן. דר. באָגען האָט זיך דאַן געפונען אין „זאַפּאַראָזשיע“, זייער ווייט פון וואַרשע און די רייזע־באַדינגונגען פון דאָרטן זיינען געווען זייער שווערע. איך האָב אים תיכף טעלעגראַפירט וואָס עס האָט פּאַסירט, געמאָלדן אַז איך פאָר גלייך אַוועק קיין וואַרשע און אים געבעטן, אַז אויך ער זאָל אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך קומען קיין וואַרשע. דעם זעלביקן אָוונט בין איך טאַקע אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע.

ז.

מאָנטיק דעם 7טן אַפּריל 1919 אינדערפרי בין איך אָנגעקומען קיין וואַרשע פון בריסק. דר. באָגען האָט נאָך דאָרט ניט געקענט זיין. איך האָב אויך ניט געפונען קיין טעלעגראַמע פון אים, וואָס איך האָב דווקא יאָ דערוואַרט. די אַנדערע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע זיינען געווען אין פּאַרשידענע פּראָווינץ־שטעט, בכדי דאָרט אָנצופירן מיט דער הילפס־אַרבעט. האָב איך געמוזט עפּעס טאָן אויף אייגענער אחריות.

איך בין אַוועק צו יצחק גרינבוים, דער פירער פון די אידישע דעפּו־

טאָטן אין פּוילישן סיים. נאָכדעם ווי איך האָב אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער מיך געֿעצהט אָנצושרייבן אַן אָפּיציעלן בריוו צום אידישן סיים־קלוב. איך דאַרף אין מיין בריוו פֿאָדערן, אַז די אידישע דע־פּוטאַטן זאָלן אינטערפּעלירן אין פּאַרלאַמענט וועגן דער פּינסקער שחיטה. זיי דאַרפֿן אויך פֿאַרלאַנגען, אַז אַ פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיע זאָל תיכף געשיקט ווערן קיין פּינסק, בכדי אויסצוגעפֿינען וואָס דאָרט האָט פּאַסירט. די אינטערפּעלאַציע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן. אויך אַ קאָמיסיע איז גע־וויילט געוואָרן.

די פּרשה פֿון אָט דער קאָמיסיע איז פֿאַר זיך גופֿא אַ וויכטיקער, היס־טאָרישער קאַפּיטל. מאַטעריאַלן וועגן איר מוזן זיך ערגעץ־וואו מן־הסתם געפֿינען אין אידישע אַרכיוון. אויב ניט, וואָלט יצחק גרינבוים אַליין גע־דאַרפֿט וועגן דעם דערציילן דער עפֿנטלעכקייט. דאָ וויל איך נאָר פֿאַרציי־כענען, אַז די אונטערזוכונגען פֿון דער סיים־קאָמיסיע האָבן זיך געצויגן יאָרן, ביז די קאָמיסיע האָט סוף־כל־סוף געמוזט רעהאַביליטירן דעם נאָ־מען פֿון די פּינסקער קדושים בפרט און דעם אידישן נאָמען בכלל פֿון דעם בלבול, וואָס די אָפּיציעלע פּוילישע מעלדונגען האָבן פֿאַרשפּרייט בכל תפוצות העולם, אַז די פֿאַרזאַמלונג פֿון די הילף־טוער איז גאָר געווען אַ פֿאַרמאַסקירטער באָלשעוויסטישער פּרואוו אַרויסצוטרייבן די פּאָליאַקן פֿון פּינסקער געגנט. פֿאַר מיר גופֿא האָט זיך — מיט דעם אָפּיציעלן בריוו צום אידישן סיים־קלוב — פֿאַרענדיקט דער פּרואוו פֿון ציען די אויפֿמערקזאַמ־קייט פֿון די אָפּיציעלע פּוילישע אויטאָריטעטן צו דער פּינסקער שחיטה.

מיין צווייטער שריט איז געווען: זיך מעלדן צו קאָלאָנעל גראָוו. ביז דאַן איז דער פֿאַרבינדונג־מענטש צווישן דער דעלעגאַציע און דעם קאָלאָ־נעל געווען דר. באָגען. אָבער אין מיין פֿאַל האָב איך אויך דאָ געדאַרפֿט האַנדלען אויף אייגענער אחריות. קאָלאָנעל גראָוו האָט מיך גלייך אויפֿגע־נומען. שפּעטער האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין געהאַט אַ ידיעה וועגן דער פּינסקער שחיטה פֿון אַנדערע קוואַלן. אָבער בעת ער האָט מיך אויפֿגענומען האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל אַזוי ווי ער וואָלט דערפֿון געהערט צום ערשטן מאָל. ער האָט מיר אויך שפּעטער ניט דערציילט פֿון וואַנען ער האָט באַקומען די ידיעה און וויאַזוי זי איז אים פּאַרטייטשט גע־וואָרן. ער האָט מיך אויסגעהערט מיט טיפֿער ערנסטקייט. איך האָב אים אויך דערציילט וועגן דעם קאַרטל וואָס ברייליספֿאָרד האָט איבערגעלאָזן ביים דיין הורעוויטש. ער האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן. צום סוף האָט ער מיך געפֿרעגט צוויי פֿראַגן: ווען קומט דר. באָגען? און וואָס ראָט איך אים שוין איצט צו טאָן? מיין ענטפֿער איז געווען: ערשטנס, אַז איך דערוואַרט דר. באָגען אַרום סוף וואָך. צווייטנס, האַלט איך, אַז עס וואָלט געווען גוט

אַז ער זאָל צוזאַמענשטעלן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס זאָל תיכף אָפּפאָרן קיין פינסק. אַזאַ קאָמיסיע האָט ער טאַקע צוזאַמענ־געשטעלט. אויף מיין באַזוך צו אים מיטוואָך (איך האָב אויף זיין עצה — אפשר איז עס געווען אַ באַפעל אין דער פאָרם פון אַן עצה — אים באַזוכט יעדן טאָג), האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָ־מיסיע פון הויכע אָפיצירן — אַן אַמעריקאַנער, אַן ענגלענדער און אַן איטאַ־ליענער — און זיי זיינען גרייט אין אַ פּאָר טעג אַרום אָפּצופאָרן קיין פינסק.

אויך וועגן דער קאָמיסיע דאַרף אַמאָל דערציילט ווערן מער פרטים. ליידער האָב איך ניט קיין מאַטעריאַל וועגן דעם. אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער געראַנגל צווישן קאָלאָנעל גראָוו מיט די פוילישע אויטאָריטעטן, וואָס האָבן געדאַרפט באַשליסן אויב מען זאָל די קאָמיסיע צולאָזן. די טענה פון די פוילישע אויטאָריטעטן איז געווען: „וואָס מאַכט מען אַזאַ רעש? אין יענעם געגנט ווערן געהרגעט הונדערטער מענטשן — און קיינער זוכט ניט צו שיקן אַהין קיין אינטערנאַציאָנאַלע קאָ־מיסיעס!" מנצח געווען האָט קאָלאָנעל גראָוו. מיט וואָכן שפּעטער האָט מיר דר. באָגען דערציילט, אַז קאָלאָנעל גראָוו האָט געדראָט די פוילישע אויטאָ־ריטעטן, אַז אויב זיי וועלן ניט צולאָזן די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע קיין פינסק, וועט ער צוריקרופן אַלע זיינע רעליף־טוער פון גאַנץ פוילן. די פוי־לישע אויטאָריטעטן האָבן זיך אונטערגעגעבן. איך פערזענלעך מיין, אַז ווען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע וואָלט ניט געשיקט געוואָרן, וואָלט די פוילישע פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיע שנעל געבראַכט אַ באַריכט, וואָס וואָלט באַשטעטיקט דעם אָפיציעל־פוילישן נוסח. אפשר וואָלטן איינער אָדער צוויי אויך געבראַכט אַ מינאָריטעט־באַריכט. אָבער דער פאַקט וואָס אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָמיסיע איז געוואָרן באַקאַנט מיט אַלע פאַקטן, האָט ניט דערלאָזט, אַז די פוילישע קאָמיסיע זאָל ריינוואַשן דעם פוילישן מאַיאָר וואָס האָט באַפוילן צו דערשיסן די פינסקער קדושים.

מיינע קאָמפּליקאַציעס, וועלכע האָבן דערפירט צום דריטן און וויכ־טיקסטן צוזאַמענשטויס מיט לואיס מאַרשאַל, האָבן זיך אָנגעהויבן דאָנער־שטיק, דעם 10טן אַפּריל. יענעם טאָג בין איך, ווי אַלע טאָג, געקומען צו קאָלאָנעל גראָוו. פלוצים האָב איך דערזען אויף זיין פּרעסע־טיש אַ נומער פון דעם „ניו־יאָרקער העראָלד", פּאַריזער אויסגאַבע. דער ערשטער, גרוי־סער „קאָפּ" איבער דער גאַנצער, ערשטער זייט האָט זיך געלייענט: „וואָס דאַרף מען טאָן מיט באָלשעוויקעס? שיסן אויפן אָרט — ענטפערט פוילן". איך האָב געפרעגט קאָלאָנעל גראָוו, אויב איך מעג עס לייענען. האָט ער מיר געענטפערט: זיכער, איך האַלט עס טאַקע פאַר אייך!

איך האָב גענומען לייענען און עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די

אויגן. די גאַנצע ערשטע זייט איז געווען פאַרנומען מיט אַ דערציילונג, ווי־אַזוי פוילן האָט אויפגעדעקט אַ באָלשעוויסטישע קאָנספּיראַציע און וויאַזוי זי האָט דורך איר שנעלן האַנדלען געראַטעוועט פוילן און די מענטשהייט פון אַ באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אויף פוילן. די דערציילונג איז איבער־געגעבן געוואָרן מיט אַ פּרטימדיקער שילדערונג פון אַלע חכמות וואָס די פּוילישע געהיים־פּאָליציי האָט אַרויסגעוויזן. דער שרייבער איז געווען אַ געוויסער „זאַרניקי״, פון פּוילישן נאָמען „זאַרניצקי״.

איך האָב דאַן אויפן אָרט ניט באַוויזן איבערצולייענען די גאַנצע „דער־ציילונג״. אָבער די „קעפּ״, די „אונטערקעפּ״ און די עטלעכע פּאַראַגראַפן וואָס איך האָב באַוויזן איבערצולייענען האָבן מיר קלאָר געמאַכט וואָס דאָ איז געשען. קאָלאָנעל גראָוו איז געזעסן, ווי אַלעמאָל, רואיק און ערנסט. איך בין צוגעלאָפן צו אים און אים געבעטן ער זאָל האָבן געדולד און מיך אויסהערן, אפילו ווען איך בין אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז די גאַנצע געשיכטע איז אויסגעטראַכט; אַז די גרויסע מאַיאָריטעט פון די דערשאָסענע זיינען געווען ציוניסטן. כדי פּאַר אים שנעל קלאָר צו מאַכן ווער זיי זיינען געווען האָב איך אים געזאָגט, אַז זיי האָבן געהערט צו דער זעלביקער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג וואָס ריכטער לואיס בראַנדייס און ריכטער דזשוליאַן מעק. דער שרייבער פון אָט די שקרים מוז זיין אַ פּאָליאַק, וועלכער שטייט אין דינסט פון דער פּוילישער רעגירונג.

דאָ האָט מיר קאָלאָנעל גראָוו איבערגעריסן: איר האָט אַ טעות — דער שרייבער איז אַן אַמעריקאַנער בירגער.

מיין ענטפער אויף דעם איז געווען: דאַן איז עס נאָך ערגער! ער איז זיכער אַ שפּיאָן, וואָס באַנוצט זיך נאָך דערצו מיט אַן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט.

דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס איך בין ניט מסוגל צו שילדערן, אויסער מיט פּשוטע ווערטער: קאָלאָנעל גראָוו האָט זיך אויפגעשטעלט און האַסטיק אויסגערופן:

— מיסטער זאַרניקי, קאָם היער!

מיין איבערראַשונג קען מען זיך פאָרשטעלן. פון אַ ווינקל אַרויס האָט זיך אויפגעהויבן אַ מענטשל, קליין און דאַר, וואָס איך האָב אים גאָר פריער ניט באַמערקט און מיט שמייכלענדיקע אויגן צוגעגאַנגען צו מיר אויס־שטרעקנדיק זיין הענטל: „העלאָ, מר. צוקערמאַן!״

מיין ענטפער איז אויך דאָ געווען אַ האַסטיקער. איך האָב געזאָגט: „אויב איר זייט עס דער דאָזיקער זאַרניקי, וואָס האָט געשריבן אָט די שקרים — קען איך אייך מיין האַנט ניט געבן. איר זייט אַ שפּיאָן פון דער פּוילישער רעגירונג!״

ביי זאַרניקין איז דער פֿאַלשער שמייכל פֿון פּנים ניט פֿאַרשוואונדן. ער האָט זיך נאָך ברייטער צעשמייכלט. אָבער קאָלאָנעל גראָוו האָט זיך אַריינגעמישט:

— מר. צוקערמאַן, — האָט ער געזאָגט, — איר ווייסט וואָס איר טוט? איר נעמט אויף זיך אַ גאָר־ערנסטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט: צו באַשולדיקן אַן אַמעריקאַנער בירגער אין שפּיאָנאַזש פֿאַר אַ פֿרעמדער רעגירונג. אויב דאָס איז אמת, קומט אים די העכסטע שטראָף. אוב אָבער דאָס איז פֿאַלש, קומט אייך זייער אַ שווערע שטראָף.

איך האָב דאַן אַרויסגענומען מיין פּאַספּאָרט, אים איבערגעגעבן קאָלאָ־נעל גראָוו און געזאָגט: „אָט האָט איר מיין פּאַספּאָרט. איר קענט מיך אויפֿן אָרט אַרעסטירן. איר קענט מיך אויך האַלטן אַרעסטירט אין מיין וואוינונג. איך נעם אויף זיך יעדע שטראָף וואָס איר, אָדער אַ געריכט, וועט אויף מיר אַרויפֿלייגן. איך בלייב ביי מיין באַהויפּטונג: אויב אָט דער זאַרניקי האָט געשריבן אָט דאָס וואָס איז דאָ פֿאַרעפֿנטלעכט — איז ער אַ שפּיאָן פֿון דער פּוילישער רעגירונג!"

קאָלאָנעל גראָוו האָט מיר דעם פּאַספּאָרט צוריקגעגעבן, זאָגנדיק: „גייט דערווייל צו אייך אַהיים! גייט אָבער אין ערגעץ ניט אַרויס. אַזוי שנעל ווי דר. באָגען וועט קומען, שיקט אים צו מיר."

איך בין אַוועק אַהיים. אונזער וואוינונג איז געווען ניט ווייט פֿון קאָ־לאָנעל גראָווס ביוראָ,ביידע אויף דער סענאַטאָרסקע גאַס. דער גאַנג האָט ביי מיר פֿונדעסטוועגן געדויערט צענדליקער מינוטן. איך האָב פּשוט ניט געקענט זען די הייזער און די נומערן. איך האָב זיך אָבער ווי עס איז דער־שלעפּט אַהיים. מיט וועמען צו רעדן האָב איך ניט געהאַט; אַרויסגיין האָב איך ניט געטאָרט — און באָגען איז נאָך ניטאָ. טעלעגראַפֿירן אים האָב איך ניט געקענט, אפֿילו ווען איך וואָלט געגלויבט אַז ער געפֿינט זיך נאָך אויף דעם אַדרעס וואָס איך האָב געהאַט. דערצו נאָך בין איך געווען זיכער אַז ער איז אונטערוועגס. דאָס איז געווען מיין איינציקער אָנהאַלט אין יענ־נער לאַגע: וואַרטן אויף דר. באָגען.

ח.

אויף מאָרגן — פֿרייטיק — איז ד"ר באָגען געקומען.

איך האָב אים קיין סך נישט געדאַרפֿט דערציילן. מיין פּנים האָט עדות געזאָגט וועגן דער ערנסטקייט פֿון דער לאַגע. נישט טרינקנדיק אַפֿילו קיין גלעזל טיי נאָך זיין לאַנגער רייזע וועג, איז ער תיכף אַוועק צו קאָלאָנעל גראָוו.

שעה נאָך שעה האָט זיך געצויגן און באַגגען איז נאָך נישטאָ. איך האַלט זיך דאָ ווידער צוריק פון שילדערן מיינע אייגענע איבערלעבונגען. פאַרנאַכט איז באַגגען צוריקגעקומען. איך האָב אַ בליק געטאָן אויף זיין פּנים: בלאַס ווי דער טויט! מינוטן נאָכאַנאַנד האָט ער מיך געשמיסן מיט זיין שווייגן. מיט רייד איז ער אַלעמאָל געווען ווייך, פריינטלעך און קלוג. ער האָט בלי ספק געזוכט ווערטער וואָס זאָלן מיר ווייניקער ווי טאָן. ביז ער האָט כמעט ווי אויסגעשריען: „אוי, צוקערמאַן, צוקערמאַן, וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטאָן?"

מיין ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז ער באַציט זיך צו די געשעענישן אין פינסק. האָב איך אויסגעשריגן:

— „באַגגען — איר נעמט אויך אָן דעם פוילישן נוסח בנוגע דער פינסקער שחיטה?"

— „ניין!" — האָט ער אויסגעשריגן — „אַפילו קאָלאָנעל גראָוו גלויבט אייער נוסח וועגן פינסק. אָבער צוליב וואָס האָט איר זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין באַשולדיקן זאַרניקין אַלס שפּיאָן? זאַרניקי איז אַ שטענדיקער אַריינגייער צו גראָוון; ער — גראָוו — מיינט, אַז זאַרניקי האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון פאַלשער אינפאָרמאַציע, אָבער ער איז אַן ערלעכער זשורנאַליסט. אַ סך פון אייערע פריינט — אידן — באַטראַכטן זאַרניקין ווי אַ פריינט פון אידן. ווייסט איר כאָטש, צוקערמאַן, אַז אָט דער זאַרניקי איז געווען אין שיקאַגאָ דער מע־נעדזשער פון אַ פּאָליטישן וואַל־קאַמפּיין פאַרן אידישן דזשאַדזש דזשוליאַן מעק? פון וואַנען זייט איר דאָס אַזוי זיכער, אַז ער איז אַ פּוילישער שפּיאָן?"

וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן אויף אַזאַ האַרבער און גערעכטער פראַגע? פאַרענטפערן זיך? — האָב איך דאָך אין די עטלעכע לאַנגע שעה'ן זיך אַליין פאָרגעוואָרפן, פאַרוואָס איך האָב נישט קאָנטראָלירט מיין צאָרן! קיין באַווייז וועגן זאַרניקי'ן האָב איך טאַקע נישט, כאָטש איך אַליין האָב געפילט מיט אַלע מיינע חושים, אַז ער איז אין דינסט פון דער פוילישער רעגירונג. איך האָב עס, ווי ווייט איך האָב געקענט, דערקלערט באַגגענען. אָבער געענדיקט האָב איך זאָגנדיק:

— „דאָס וואָס עס איז געשען, איז דאָך שוין פאַרפאַלן. וואָס עס וועט מיט מיר געשען איז דאָך נאָך אַלעמען נישט אַזוי וויכטיק. וואָס וועט אָבער זיין מיט אונזער ווייטערדיקער אַרבעט? האָט אייך גראָוו גאָרנישט געזאָגט וואָס איך דאַרף טאָן? דאַרף איך זיך שטעלן צו אַ געריכט דאָ? דאַרף איך תיכף פאָרן צוריק קיין אַמעריקע?

באַגענס ענטפער איז געווען: „קאָלאָנעל גראָוו קען וועגן דעם אַליין נישט באַשטימען. ער באַראָט זיך מיט העכערע אויטאָריטעטן". באַגגען האָט צו־געגעבן: „איך דענק, אַז ער האָט געמאָלדן וואַשינגטאָן וועגן דעם. ביז וואַנען ער וועט קריגן אינסטרוקציעס, וועט ער גאָרנישט טאָן. מיין איינדרוק

איז, אַז איר וועט דאַרפן בלייבן זיצן אין וואַרשע ביז וואַנען גראַוו וועט באַשטימען וואָס צו טאָן".

און אַזוי איז טאַקע געווען. טעג נאָך טעג האָבן זיך געצויגן. באָגען איז שוין אויך געבליבן אין וואַרשע. ער האָט יעדן טאָג באַזוכט קאָלאָנעל גראַוו און מיט יעדן טאָג איז ער געווען מער באַזאָרגט און מער איינגעשלאָסן אין זיך. דערווייל זיינען די אַנדערע מיטגלידער געקומען קיין וואַרשע. מיט זיי האָט ער וועגן פינסקער שחיטה אין מיין קעגנוואַרט נישט גערעדט. וואָס ער האָט מיט זיי גערעדט פּריוואַט ווייס איך נישט. מיר האָט ער בלויז צוגע־וואָרפן אַ וואָרט דאָ און דאָרט. ביז ער איז איינמאָל געקומען שטאַרק פאַרטרויערט. אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך באַגעגנט — ווען איך האָב געקענט אַ שיינע פּאָר יאָר — קיינמאָל נישט געזען. דאַן האָט ער אַרויס־געשאָסן: „איך האָב מורא אַז מיר וועלן מוזן פאַרלאָזן פּוילן. און דווקא איצטער ווען אונזער אַרבעט האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען און די פּוילישע אידן האָבן פאַרבונדן מיט אונזער דעלעגאַציע אַזעלכע האָפנונגען".

דער שמועס האָט זיך געפּלאָנטערט. איך האָב געטענה'ט אַז עס איז אַ גרויסע עוולה צו שטראָפן דעם „דזשאָינט" און די פּוילישע אידן צוליב מיר. ווי קען אַמעריקע אַזוי האַנדלען? זאָל מען מיר געבן די האַרבסטע שטראָף, אָבער די אַרבעט טאָר דאָך נישט אָפּגעשטעלט ווערן! זיין ענטפער איז געווען, אַז עס ווערט אויסגעאיבט אַ גרויסער דרוק אויף וואַשינגטאָן קעגן אונז. ער האָט אויך איבערגעלעבט טיפע ווייטיקן וועגן אַנדערע אינצידענטן אין אונזער אַרבעט. איך האָב נאָך איצט נישט דאָס מאָראַלישע רעכט איבערצוגעבן וואָס ער האָט מיר דאַן דערציילט. אָבער ער האָט מיך נישט געשאַנעוועט:

— „דאָס וואָס איר האָט איצטער אָפּגעטאָן, איבערשטייגט אַלע פריערדיקע אינצידענטן, וועלכע איך האָב געקענט דערקלערן, פאַרענטפערן און אויסגלייכן. דאָס מאָל, האָב איך מורא, וועט מיין גאַנצע דיפּלאָמאַטיע זיין אַרויסגעוואָרפן. ווייזט אויס אַז דער זאַרניקי פאַרנעמט גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ אין די גאָר־הויכע פענצטער".

איך האָב אים דאַן אַ פרעג געטאָן, צי ער האָט זיך פערזענלעך געטראָפן מיט זאַרניקי'ן? זיין ענטפער איז געווען: „איר מיינט אַז מיר איז גרינג, נישט צו מיאוסן זיך מיט אַזאַ באַשעפעניש? איך האָב באַוויזן איבערצולייענען דעם גאַנצן שווינדלערישן אַרטיקל. איך האָב שוין אַליין געצויגן גראַוס אויפמערקזאַמקייט אויף אייניקע פונקטן, וואו דער שקר ליגט אַזוי אויבן אויף. איך ווייס, אַז גראַוו איז באַאיינפלוסט געוואָרן. אָבער די זאַך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליטישן ענין, צו וועלכן גראַוו אַליין איז גאָר נישט באַ־רעכטיקט צו נעמען אַ שטעלונג. דאָך — האָט ער פאַרענדיקט — איז אפשר

אַ געדאַנק איך זאָל פּרובירן כאַפּן מיט אים אַ שמועס. איך מוז עס אָבער טאָן מיטן וויסן פון קאָלאָנעל גראוו״.

אין די שפּעטערדיקע טעג האָט ער גערעדט מיט גראוו׳ן און דער לעצטער האָט מסכים געווען. האָט מען פון גראַוס ביוראָ גענומען זוכן זאַרניקין — און טעג נאָכאַנאַנד האָט מען אים נישט געקענט געפינען. דאָס איז געוואָרן שטאַרק פאַרדעכטיק — אַפילו פאַר קאָלאָנעל גראוו. זיי האָבן געוואוסט אַלע זיינע ווינקלען וואו ער פלעגט געוויינטלעך פאַרברענגען. אומעטום האָט מען געזאָגט, אַז שוין אייניקע טעג זעט מען אים נישט אין ערגעץ. איין טאָג איז באַגען געקומען מיט אַ שמייכל אין די אויגן און מיר אַריינגעלאָכט אין פּנים, זאָגנדיק:

— צוקערמאַן, איר האָט מער מזל ווי שכל. מען קען דעם בחור נישט געפינען. וויזט אויס אַז ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט. די אַמעריקאַנער פּאָליטישע פאַרטרעטער האָבן אַלע דערקלערט, אַז קיינער האָט אים נישט דערלויבט אַרויסצופאָרן פון וואַרשע. אָן זייער דערלויבניש האָט קיינער נישט געטאָרט פאַרלאָזן וואַרשע. אונזער דעלעגאַציע האָט אַזאַ דערלויבניש געדאַרפט באַקומען פון קאָלאָנעל גראוו. און דאָ איז ער — אַן אַמעריקאַנער בירגער — פאַרשוואונדן, נישט פרעגנדיק ביי קיינעם. באַגען האָט מיר דערציילט, אַז קאָלאָנעל גראוו הויבט שוין אָן צו גלויבן אַז אפשר בין איך גאָר נישט געווען אַזוי אומגערעכט.

איך האָב זיך דערמאָנט וואָס באַגען האָט מיר געזאָגט וועגן דער באַציאונג פון געוויסע אידן צו זאַרניקין. איבערהויפּט זיין פריינטשאַפט מיט ריכטער דזשוליאַן מעק. לואי מאַרשאַל און מעק זיינען דאַן געווען אין פּאַריז בראש פון דער דעלעגאַציע וואָס דער ערשטער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס האָט געשיקט צו דער פרידנס־קאָנפערענץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן אַ פראַזע:

— עס וואָלט געפּאַסט, אַז דער דאָזיקער תכשיט זאָל האָבן אַנטלאָפן קיין פּאַריז. פון דאָרט וועט ער פאַרשפּרייטן די אָפיציעלע פּוילישע ווערסיע וועגן דער פּינסקער שחיטה. אפשר דערציילט ער דאָס אַפילו זיין פריינט ריכטער מעק!

ד״ר באַגען האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט ווי ער וואָלט אָפּגעבריט געוואָרן. ער איז תיכף צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און געבעטן קאָלאָנעל גראוו, אַז ער זאָל אים תיכף אויפנעמען. ער האָט גלייך אַרויסגעשטורעמט פון צימער. איך בין ווייטער געבליבן וואַרטן לאַנגע שעה׳ן ביז ער איז צוריקגעקומען. ער איז אַרויס אַרום 5 אַזייגער פאַרנאַכט און איז ערשט צוריקגעקומען נאָך האַלבע נאַכט.

אַז מיר האָבן ביידע נישט פאַרמאַכט קיין אויג יענע נאַכט איז איבעריק

צו דערציילן. איך בין אָבער געווען רואיקער פון אים. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן וויאַזוי באַגען האָט געשטורעמט. ער האָט מיר דערציילט, אַז פון גראוס ביורא האָט מען נאָכקאָנטראָלירט אַלע פלעצער וואָס זיי האָבן פאַר־מאָגט אויף די באַנען און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איין פּלאַץ איז אויסגענוצט געוואָרן אונטער אַ נאָמען פון אַ פערזאָן וואָס איז גאָרנישט געפאָרן. איז געפאַלן דער חשד אויף זאַרניקין. אָבער דערווייל איז עס געווען אַ בלויזער חשד. זיי האָבן צוגעזאָגט אין די נאָנטע טעג עס פעסט־צושטעלן.

סוף־כל־סוף האָט באַגען געבראַכט די ידיעה, אַז דער ענין איז פעסט־געשטעלט. אָבער וואוהין זאַרניקי איז געפאָרן האָבן זיי נישט געוואוסט אויף זיכער. ער האָט אין אויסלאַנד געקענט אַראָפּגיין אויף פאַרשידענע סטאַנציעס. פון פּאַריז האָבן זיי וועגן אים קיין ידיעה נישט באַקומען.

איך האָב פאָרגעשלאָגן באַגענען, אַז ער זאָל תיכף פאָרן קיין פּאַריז. ווער ווייס וואָס זארניקי קען דאָרט אָפּטאָן, טאַקע צווישן אונזער דעלעגאַציע גופא. איך האָב אים דערמאָנט, אַז לואי מאַרשאַלן וועט נישט זיין שווער צו באַאיינפלוסן, אַז איך האָב אין פינסק יאָ עפּעס געטאָן, וואָס האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי די האַנדלונג פון אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן פאַנאַטיקער. איך האָב אים דערמאָנט וועגן מיין „רעפּוטאַציע" אין די אויגן פון עטלעכע „דזשאָינט"־פירער.

זיין ענטפער איז געווען אַז ער אַליין, ד"ר באַגען, טאָר איצטער פון וואַרשע נישט אָפּפאָרן. ערשטנס, זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן, אין וועלכע ער האָט נישט געקענט, צוליב דעם פאַטאַלן אינצידענט, טאָן קיין הילפס־אַרבעט. צווייטנס — וועט זיין אַוועקפאָרן אַרויסרופן אין געוויסע קרייזן דעם איינדרוק, אַז דער „דזשאָינט" ציט זיך צוריק פון פּוילן. דערציילן עפנטלעך די ריכטיקע סיבה פון זיין פאָרן וואָלט מען דאָך ניט געטאָרט. דריטנס, וועט ער דורך טעלעגראַמעס און בריוו דערקלערן זיין מיינונג וועגן דעם גאַנצן ענין. פאַקטיש — זאָגט ער — האָט ער שוין אַביסל אינפאָרמאַציע אַוועק־געשיקט. ער האָט אָבער אָנגענומען דעם געדאַנק, אַז אימיצער פון דער דעלעגאַציע מוז תיכף פאָרן קיין פּאַריז. נאָך אַביסל טראַכטן האָט ער געזאָגט:

— איר אַליין מוזט פאָרן!

האָב איך ערשטנס, געפרעגט, אויב ער איז זיכער, אַז גראוו וועט מיר דערלויבן אַוועקצופאָרן, ווייל מיין פערזענלעכער סטאַטוס איז דאָך נאָך אַלץ געווען אַן אומבאַשטימטער. צווייטנס — האָב איך קאַטעגאָריש דערקלערט — וועל איך אַליין בשום אופן נישט פאָרן. איך בין דאָ צופיל פאַרפּלאָנטערט פערזענלעך.

אויף דעם ערשטן פונקט איז געקומען דער תיכף׳דיקער ענטפער:

— זאָרגט זיך נישט! קאָלאָנעל גראַוו איז אייך זייער דאַנקבאַר. איצטער טראַכט ער נאָר וועגן אייער מוט, וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן אין זאַרניקי׳ס קעגנוואָרט און ער האָט שוין פאַרגעסן די אומאַנגענעמלעכקייטן וואָס ער אַליין האָט געהאַט וואָכן נאָכאַנאַנד צוליב דעם גאַנצן אומגליקלעכן קאַפּיטל פּינסק. וואָס שייך מיין צווייטער בקשה איז ער אָבער נישט געווען אַזוי זיכער, אַז דאָס איז אַ קלוגער שריט. ער האָט ניט געוואוסט, אויב גראַוו וועט אים קענען געבן צוויי פּלעצער פון דער באַגרענעצטער צאָל, וואָס ער האָט פאַר־מאָגט, אויפן צוג וואַרשע־פּאַריז. אָבער — האָט ער געזאָגט — ער וועט זיך דורכריידן מיט גראַוון.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז ער ווידער געווען ביי קאָלאָנעל גראַוו און צוריק־קומענדיק האָט ער געבראַכט צוויי פּלעצער אויף דעם צוג, וואָס האָט פאַרלאָזט וואַרשע דעם 5טן מאַי, פּונקט אַ חודש נאָך דער פּינסקער שחיטה. באַגען האָט באַשטימט אַז צוזאַמען מיט מיר זאָל פאָרן איזידאָר הוירשפעלד. מיר זיינען טאַקע ביידע אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז.

איידער איך גיי איבער צום פּאַריזער קאַפּיטל, איז נויטיק פונדעסטוועגן צו פאַרצייכענען אַז אין גאַנצן אַ געפאַנגענער בין איך ניט געווען דעם חודש פון 5טן אַפּריל ביזן 5טן מאַי. דורך דער צייט האָב איך אין דעם ערשטן טייל פון אַפּריל זיך אומגעקערט קיין בריסק, וואו איך האָב פאַרענדיקט די אָנגעהויבענע הילפס אַרבעט. דאָרטן האָב איך זיך, לויט אַן אָפּרייד, באַגעגענט מיט ד״ר באַגען. ער האָט מיר דאַן איבערגעגעבן אַז דער פּאָלי־טישער פאַרטרעטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן קאָלאָנעל (און אפשר גע־נעראַל?) פּאַסטער האָט אים, באַגענען, פאָרגעשלאָגן צו פאָרן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטע קיין פּינסק. באַגען האָט דעם פאָרשלאָג ניט אָנגענומען. פאָרמעל האָט ער באַזירט זיין אָפּזאָג אויף דעם, אַז ער מוז פרעגן די מיינונג פון קאָלאָנעל גראַוו, אונטער וועמעס אויפזיכט די „דזשאָינט״ קאָמיסיע האָט זיך געפונען. די הויפּט סיבה איז אָבער געווען, וואָס ער אַליין האָט געהאַלטן אַז עס איז בעסער קיין איד זאָל אין דער קאָמיסיע ניט זיין. אַז ער איז געווען גערעכט איז קלאָר.

אויסער בריסק האָב איך אין צווייטן טייל פון אַפּריל דורכגעפירט אונזער רעליף אַרבעט אין לאָדז, וואו איך האָב פאַרבראַכט כמעט אַ פולע וואָך.

ט.

קומענדיק קיין פּאַריז האָבן מיר לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן, בכדי אויסצוגעפינען אַז זאַרניקי איז דאָרט פאַראַן. ער האָט שוין געהאַט אַ

געלעגנהייט צו ריידן מיט אייניקע פון דער אַמעריקאַנער אידישער דעלעגאַציע, איבערהויפּט מיט איר קאָ־טשערמאַן, ריכטער דזשוליאַן מעק (לואי מאַרשאַל איז געווען דער טשערמאַן). דער טאָג פון מיין „פאַרהער" איז שוין געווען באַשטימט. ער האָט געדאַרפט פאָרקומען דריי טעג נאָך אונזער אָנקומען קיין פּאַריז. אין די ערשטע געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אייניקע בעאַמטע פון דער אַמעריקאַנער אידישער דעלעגאַציע, האָב איך פאַרלאַנגט אַז קיינער זאָל מער נישט צולאָזן צו זיך דעם דאָזיקן זאַרניקי. דאָס איז מיר אַזוי גרינג נישט אָנגעקומען. דער צוטרוי פון ריכטער מעק צו זאַרניקי׳ן איז מיר געשטאַנען אין וועג. איך האָב פונדעסטוועגן גע׳פּועל׳ט, אַז עס זאָל געשיקט ווערן אַ קאָוד־דעפּעשע צו ד"ר באָגען, און מען זאָל ביי אים אָנפרעגן זיין מיינונג. נאָך איידער מיין „פאַרהער" איז פאָרגעקומען איז דערהאַלטן געוואָרן באָגענס קורצער און שאַרפער ענטפער: היט זיך פון זאַרניקי׳ן!

צו באָגענען האָבן כמעט אַלע געהאַט צוטרוי. איך זאָג „כמעט", ווייל ריכטער מעק אַליין האָט זיך נאָך נישט אַזוי לייכט געלאָזט איבערצייגן. צו מיר האָט ריכטער מעק געהאַט נאָך וויניקער צוטרוי ווי צו באָגענען. אין די פאַר יאָר פונם גערוואַנגל פאַרן „אמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס" האָט אונזער באַוועגונג (זי האָט דאַן געטראָגן דעם נאָמען: „נאַציאָנאַל סאָציאַליסטי־שע באַוועגונג". דאָס איז געווען מיט יאָרן פריער, איידער היטלער ימח שמו האָט דעם דאָזיקן נאָמען מטמא געווען), זיך שטאַרק צוזאַמענגעשטויסן מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן. אין אַלע אַזעלכע ויכוחים האָבן מיר זיך איינגעשטעלט פאַר דעם וואָס קען באַצייכנט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע ליניע. די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געזוכט אַ מעסיקערע ליניע. היות ווי מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו פאַרטרעטן אונזער באַוועגונג, האָב איך זיך אויך אין די קרייזן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן דערוואָרבן אַן ענלעכע „רעפּוטאַציע" ווי ביי מערסטע „דזשאָינט"־פירער. ווען זיי וואָלטן געדאַרפט נעמען בלויז מיין וואָרט אַנטקעגן זאַרניקיס, בין איך נישט זיכער אויב מיין וואָרט וואָלט מנצח געווען. אָבער מיט באָגענס דעפּעשע איז מיין לאַגע אַ סך בעסער געוואָרן. דאָך האָב איך עטלעכע שווערע שעה׳ן פאָרט געמוזט דורכמאַכן ביים „פאַרהער".

י.

ביים „פאַרהער" גופא איז לואי מאַרשאַל געווען דער הויפּט־אויספאָרשער. צו זיין שבח — און צו מיין שווערן מזל — מוז געזאָגט ווערן, אַז ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט יעדן פּרט אַרום די געשעענישן. ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען וואָס מער קלאָרקייט וועגן אַלץ וואָס האָט געפירט צו דער

פינסקער שחיטה און וואָס מער דעטאַלן פון דער שחיטה גופא. איך האָב געמוזט רעקאָנסטרואירן מיין יעדן שריט וואָס איך האָב געמאַכט אין פינסק זינט דער מינוט וואָס איך בין אַהין אָנגעקומען. איך האָב געמוזט זיך דערמאָנען וועגן יעדן פּריוואַטן שמועס וואָס איך האָב געפירט מיט יעדן איינעם באַזונדער. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געמוזט מיט אַלע פּרטים דערציילן וועגן מיינע באַגעגענישן מיט די גרופּן אידן אין פינסק. איך האָב געמוזט דערציילן, וואָס אַזוינס איך האָב געזאָגט ביי יעדן באַזוך אין אַ אידישן אַנשטאַלט, אין אַ אידישער שול, אין אַ קראַנקן־הויז און אין פּריוואַטע היימען. אַזעלכע באַזוכן האָב איך געמאַכט אין די צענדליקער. וועגן די מערסטע פון זיי האָב איך שפּעטער געשריבן אין אַ בריוו צו מיין פרוי, וואָס יוסף בּראַנדעס — אַ מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער אידישער דעלעגאַציע — האָט איר פּערזענלעך איבערגעגעבן. דאָס וואָס איך האָב דאָן געזען אין פינסק און דאָס וואָס איך האָב געהערט פון די דאָרטיקע אידן האָט מיך אַזוי אויפגעשוידערט, אַז איך, פון מיין זייט, האָב אין פינסק זייער ווייניק גערעדט. אָבער לואי מאַרשאַל האָט פון מיר כסדר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיך דערמאָנען דווקא מיינע רייד. איך גלויב, אַז אין אָנהויב, ווען דער חשד קעגן מיר האָט נאָך געהאַט די אויבערהאַנט אין זיין האַרץ, האָט ער דורך אַלע פראַגן געזוכט אַ באַשטעטיקונג פאַר אָט דעם חשד, וואָס מיין אַלטע „רעפּוטאַציע" האָט אין אים אַרויסגערופן. אָט דער צוזאַמענשטויס מיט מאַרשאַלן האָט זיך געצויגן אַ פּאָר שעה. איך האָב געשטרעבט נאָר צו איין ציל: אָפּצושלאָגן אָדער לכל הפחות פאַרקלענערן, זיין חשד. וואָס לענגער דער „פאַרהער" האָט זיך געצויגן, אַלץ מער האָט זיין חשד גענומען אויסוועפּן. דאַן האָט ער שוין דורך זיינע פראַגן געזוכט אַלץ מער צו באַפעסטיקן זיין צוטרוי צו מיין ווערסיע.

אין די איבער זעקס שעה פונם קרייץ־פאַרהער איז אָן שום ספק אין אים פאָרגעקומען אַ שאַרפער אינערלעכער געראַנגל. ער האָט אָנגעהויבן מיט אומגעהויערער שטרענגקייט און ביסלעכווייז איז ער געוואָרן אַלץ מילדער און מילדער. ביז צום סוף האָט ער מיט אַ טיפן געפיל פון באַרואיקונג אָנגענומען מיין ווערסיע, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז געווען די ריכטיקע.

ער איז געווען אַזוי קאָנצענטריט אינם אויספרעגן מיך, אַז ער האָט אפילו נישט דערלאָזט מיין צווייטן באַגלייטער — איזידאָר הוירשפעלד — עפּעס צו ענטפערן. ער האָט אַפילו געקוקט מיט ווידערווילן אויף די אַנדערע בייזיצנדיקע מיטגלידער פון דער אַמעריקאַנער אידישער דעלעגאַציע, ווען זיי האָבן געזוכט אַריינצווואַרפן זייערס אַ פראַגע. בלויז דעם ריכטער מעק

האָט ער דערלויבט אַריינמישן זיך מיט עטלעכע שאלות. דאַן האָט ער גופא ווידער איבערגענומען די פאָרשונג.

איך לעב אויף אין מיין זכרון יענע עטלעכע שעה, בכדי אַרויסצוברענגען די וויכטיקסטע פונקטן וואָס ער האָט געזוכט פון מיר אַרויסצובאַקומען. איינעס פון די פונקטן האָב איך שוין פריער דערמאָנט: מיין נישט מעלדן זיך פאָרמעל צו די פוילישע אויטאָריטעטן אין פינסק. מאַרשאַל האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז געווען אַ פעלער פון מיין זייט, אַפילו נאָכדעם ווי איך האָב דערציילט וועגן דעם באַשלוס פון די וויכטיקע אידישע פירער אין פינסק. דאַן האָט ער געהאַלטן אין איין אַרויסציען פון מיר ענטפערס אויף אַן אַנדערער פראַגע: צי האָבן די דערשאָסענע קדושים געהאַט אַ דערלויבעניש פון די אויטאָריטעטן אָפּצוהאַלטן די אסיפה? איך האָב אים איבערגעגעבן נאָר וואָס איך האָב געוואוסט: אַז זיי האָבן פאַרלאַנגט אַזאַ דערלויבעניש! איך אַליין האָב אָבער נישט געזען די דערלויבעניש און דערפאַר האָב איך אים נישט געקענט פאַרזיכערן, אַז זיי האָבן זי באַקומען. איך האָב בלויז געקענט באַהויפּטן, אַז לויט מיין מיינונג וואָלטן זיי די אסיפה נישט אָפּגעהאַלטן, ווען זיי וואָלטן קיין דערלויבעניש נישט באַקומען, בפרט ווען איך וויים אויף זיכער אַז זיי האָבן זי פאַרלאַנגט. אָן אַ דערלויבעניש וואָלטן זיי אויך נישט געוואָגט אָפּ־צוהאַלטן די אסיפה אין דעם ציוניסטישן לאָקאַל — דער איינציקער לעגאַלער זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען אין שטאָט. מאַרשאַל האָט אָט דעם פונקט נישט אַזוי לייכט אַדורכגעלאָזט.

איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב לכתחילה נישט משיג געווען די פולע באַדייטונג פון אָט דעם פונקט און דערפאַר נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מאַרשאַל לאָזט אים נישט אָפּ. אָבער שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז וועגן דער פינסקער שחיטה זיינען געווען פאַראינטערעסירט אויך די נישט־אידישע אַמעריקאַנער, וועלכע זיינען דאַן געווען אין פאַריז — מיט פּרעזידענט ווילסאָן בראש. איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט אַז מאַרשאַל האָט געוואָלט קענען פאַרזיכערן אַלעמען, אַז די אסיפה איז געווען אַ געזעצלעכע, אַ דער־לויבטע. די פוילישע פאָרטרעטער — נאָכדעם ווי דער בלאָף וועגן אַ קאָנספּי־ראַטיוו־באָלשעוויסטישן צוזאַמענקום האָט געפּלאַצט — האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער באַהויפּטונג אַז די זיצונג איז פונדעסטוועגן געווען אַ קאָנספּיראַטיווע, אַ נישט־דערלויבטע. מאַרשאַל האָט שפּעטער־צו אויך פון אַנדערע קוועלן באַקומען אַבסאָלוט־זיכערע באַשטעטיקונגען, אַז די זיצונג איז געווען אַ דערלויבטע. פון מיר האָט ער אָבער בלויז געקענט אַרויסקריגן נאָר דאָס וואָס איך האָב געוואוסט.

פון זיינע אַנדערע שאלות האָב איך זיך דאַן געשאַפן אַ באַגריף, וואָס די פּאָליאַקן אין פאַריז — זיכער מיט דער הילף פון זאַרניקין — האָבן געזוכט

צו פאַרשפּרייטן צווישן אַמעריקאַנער אידן און נישט־אידן. ער האָט מיך אויסגעפרעגט אויב די פּינסקער אידן האָבן, בעת זייער דערציילן ביי דער זיצונג אין בריסק וועגן דער פּינסקער שחיטה, עפּעס מרמז געווען וועגן אַ שיסעריי וואָס די פּינסקער אידן זאָלן האָבן אָנגעהויבן. נאַטירלעך האָבן די פּינסקער אידן וועגן דעם קיין רמז נישט געקענט געבן, ווייל דאָס איז געווען נאָך איינער פון די שקרים וואָס די פּאָליאַקן האָבן פאַרשפּרייט. דאָ האָב איך אים פאַרזיכערט, כאָטש איך בין דערביי נישט געווען, אַז דאָס איז אוממעגלעך. איך האָב דאָך גוט געקענט די אַלע וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט. איך האָב גוט געוואוסט, אַז דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן דאַן באַגערט איז צו באַזאָרגן די פּינסקער אידישע באַפעלקערונג מיט אַביסל מענטשלעכע שפּייז. אויף פאַר דעם פּונקט האָט מאַרשאַל שפּעטער באַקומען באַשטעטיקונגען פון אַנדערע קוועלן, אַז די פּאָליאַקן האָבן עס פּשוט אויסגעטראַכט.

ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן מיינע באַגעגענישן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ סך פראַגן אויף מיין באַזוך אין אַ באַשטימטער, אידישער קינדער־היים. ער האָט מיר געפרעגט אויב עס איז אמת, אַז די פענצטער פון דער געביידע זיינען פאַרהאַנגען געוואָרן בעת איך בין דאָרט געווען. מיין ענטפער איז געווען — יאָ. דאָס איז געשען דערפאַר, ווייל אין יענער היים האָט מען שוין געטיילט ווייסע חלה צו די קינדער. האָבן זיך אַרום די פענצטער צונויפגעזאַמלט אַ סך היימלאָזע און הונגעריקע קינדער — נישט פון דער קינדער־היים — וועלכע האָבן געהאָפט אויך עפּעס צו באַקומען. די אָנפירער פון דער היים האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אויסברוך פון די הונגעריקע קינדער, וואָס וואָלט געקענט אַוועקנעמען דאָס ווייסע ברויט פון זייערע תלמידים און דערפאַר האָבן זיי פאַרהאַנגען די פענצטער. איך געדענק זייער גוט וויאַזוי איך אַליין האָב דאַן געפילט ביים דערזען די הונגעריקע אויגן פון די קינדער, וואָס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דער געביידע און אַריינגעדריקט זייערע פּנימלעך אין די פענצטער. די פּאָליאַקן האָבן אָבער געזוכט איינצורעדן די אַמעריקאַנער אַז דאָס האָב איך דאָרטן געהאַלטן רעוואָלוציאָנערע רעדעס קעגן פּוילן, און מחמת דעם האָט מען פאַרהאַנגען די פענצטער.

נאָך אַ רייע פון פראַגן האָבן זיך געדרייט אַרום דעם, צי עס איז פאַר־געקומען אַ פאָרמעלער קריגס־געריכט איבער די קדושים איידער מען האָט זיי דערשאָסן. איך האָב געענטפערט, אַז דאָס איז געווען אוממעגלעך, ווייל מען האָט זיי גלייך פון דער פאַרזאַמלונג געבראַכט צו אַ גרויסער וואַנט אין מיטן שטאָט און זיי דערשאָסן. אויף דעם שקר האָט מאַרשאַל אַרונטערגעריסן.

יא.

בכלל איז געווען צו באַוואונדערן מאַרשאַלס האַנדלונגען נאָך דעם פאַרהער. די פּאָליאַקן האָבן כסדר אויסגעזוכט נייע שקרים. מאַרשאַל האָט נישט

דורכגעלאָזן קיין איין איינציקן פון זיי אָן אַן ענטפער. זיינע תשובות האָט ער באַגרינדעט מיט אַזעלכע דאָקומענטן און באַווייזן וואָס קיינער האָט נישט געקענט אָפּפרעגן. איך האָב געמיינט אַז דער ענין האָט זיך פאַר אים געענדיקט מיטן פאַרהער. אָבער ניין! דער פינסקער פּאָגראָם האָט אים נישט געלאָזט רוען.

אפשר קען עס דערקלערט ווערן מיט דעם, וואָס דווקא וועגן פינסק האָט ער באַקומען אַזעלכע פינקטלעכע ידיעות. ער האָט זיך שפּעטער פאַר זיי נישט געדאַרפט פאַרענטפערן, אַזוי ווי ער האָט עס געמוזט טאָן וועגן שחיטות אויף אידן אין אַנדערע פונקטן. די ערשטע ידיעות וועלכע ער האָט דערהאַלטן וועגן יענע מקומות זיינען געווען נישט פינקטלעך, וואָס שייך דער צאָל הרוגים.

נאָכדעם ווי אונזער „צוזאַמענשטויס" (דעם שווערסטן וואָס מיר האָבן ביז דאַן געהאַט, שפּעטער זיינען געווען אַנדערע צוזאַמענשטויסן) איז געווען פאַרענדיקט, האָט זיך צווישן אונז איינגעשטעלט גאָר אַן אַנדערע באַציאונג. תיכף נאָכן פאַרהער איז מאַרשאַל צוגעקומען צו מיר און פשוט באַדאַנקט פאַר דעם, וואָס איך האָב פון זיין האַרץ אַראָפּגענומען אַ שווערע לאַסט. זינט דאַן האָט ער גערעדט זייער פאַרטרוילעך צו מיר. וועגן די נישט־פינקטלעכע באַריכטן האָט ער אַזוי געזאָגט:

— מיין האַרץ ווערט צעריסן ווען איך באַקום ידיעות וועגן אידן וואָס ווערן דערמאָרדעט — צי דאָס איז איין איד אָדער הונדערטער אידן. אָבער ווען איך גיב איבער אין דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטערשאַפט אַ ידיעה, אַז אין אַ שטאָט זיינען פּאָגראָמירט געוואָרן צוויי הונדערט אידן און שפּעטער ווייזט זיך אַרויס, אַז עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן בלויז הונדערט, פאַרלירט מיין „קייס" אין יענע אויגן אַ גרויסן טייל פון איר באַדייטונג. פּונקט ווי דער פאַקט פון בלויז הונדערט אויסגעלאָשענע לעבנס וואָלט נישט געווען גענוג הימלשרייענדיק.

וועגן פינסק האָט ער נישט געדאַרפט אַדורכמאַכן אָט די דערנידעריקונג פון פאַרענטפערן זיך פאַר נישט־פינקטלעכקייטן. האָט ער דעריבער אָפּגעגעבן דעם פינסקער אומגליק טעג און וואָכן אויך נאָך דעם פאַרהער. יעדן בייעם ניואַנס, וועגן וועלכן ער האָט זיך דערוואוסט, האָט ער נישט אָפּגעלאָזט.

דערצו מוז מען צוגעבן נאָך אַ מאָמענט: עס זיינען געווען ערטער, וואו די צאָל אידישע קרבנות איז געווען אַ סך גרעסער. אָבער דאָרטן האָבן די פּאָגראָם־אַרבעט אַדורכגעפירט ווילד־אויפגעהעצטע, פשוטע סאָלדאַטן. זיי זיינען אויך געשטיצט געוואָרן פון דעם פינצטערן, פוילישן המון. אמת, די העצע האָט טאַקע געשטאַמט פון פאַראַנטוואָרטלעכע פוילישע אינסטאַנצן, אָבער צו די שחיטות גופא האָט מען באַנוצט דעם מענטשלעכן אָפּפאַל און

מען האָט נישט געהאַט וועמען צו באַשולדיקן ווי געהעריק. בלויז אין פּינסק האָט די שחיטה גופא דורכגעפירט אַ מאַיאָר פון דער פּוילישער אַרמיי. דאָ האָט מאַרשאַל געקענט אָנווייזן אויף דער דאַמאָלטיקער פּוילישער רעגירונג ווי אויף דעם דירעקטן שולדיקן. דורכדעם האָט ער געזוכט קלאָר אַוועק־צולייגן ביי דער פּוילישער רעגירונגס־טיר די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאָגראָם־שטימונג וואָס האָט דאַן געהערשט.

ליידער האָבן צו אָט דער שטימונג צוגעטראָגן גאָר אַ גרויסן טייל די אַמעריקאַנער פּאָליאַקן. זאַרניקי איז נישט געווען דער איינציקער. אין דעם קאַפּיטל פּינסק האָט געהאַט אַ דירעקטע האַנט אַן אַמעריקאַנער פּאָליאַק פון באַפאַלאָ — פראַנטשאַק. פּרטים וועגן זיין ראָלע מוזן זיך געפינען אין די אַרכיוון פון „דזשאָינט״, וואָס דער „דזשאָינט״ האָט געקראָגן פון אַנדערע קוועלן, בעיקר דורך דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע וואָס האָט באַזוכט פּינסק. איך האָב ניט אַלע פון זיי געקענט קאָנטראָלירן. די „האַלערטשיקעס״ — אויפן נאָמען פון דעם פּוילישן גענעראַל האַלער — וועלכע האָבן דאַן געבושעוועט אין פּוילן, זיינען באַשטאַנען פון גאָר אַ גרויסער צאָל אַמעריקאַ־נער פּאָליאַקן, וואָס זיינען געקומען העלפן באַפעסטיקן די פּוילישע זעלבסט־שטענדיקייט. אָבער דער פּונקט געהערט שוין נישט דירעקט צו דער היינטיקער טעמע.

יב.

תיכף נאָכדעם ווי דער פאַרהער האָט זיך פאַרענדיקט האָט לואי מאַרשאַל מיך איינגעלאַדן צו אַ פּערזענלעכן שמועס. מיין האַרץ האָט אַביסל אַ ציטער געטאָן: אפשר וויל ער מיר פּריוואַט פאָרוואַרפן פעלערן, וועלכע ער האָט ביי דעם פאַרהער נישט געוואָלט אַרויסברענגען? דער געשפּרעך איז פאָרגע־קומען אַ שעה נאָכן פאַרהער. דער אינהאַלט: ער וויל הערן מיין מיינונג וועגן אַ באַזוך פון אַמבאַסאַדאָר מאָרגענטאַו (דער פאָטער) קיין פּוילן. איז עס כדאי?

די לאַגע פון די פּוילישע אידן איז דאַן געווען אַ שרעקלעכע. אָנפאַלן אויף די אידן אין די גאַסן זיינען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. מען האָט אידן דאַן מיט כח אַרויסגעוואָרפן פון טראַמווייען און פון לויפנדיקע באַנען. מען האָט געשניטן אידישע בערד וואו נאָר דער פּוילישער המון האָט זיך אַריינגעריסן. די אידן זיינען אין זייערע אייגענע היימען נישט געווען זיכער. אידישע קינדער האָט מען אַרויסגעטריבן פון פּוילישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. די פאַרביטערונג פון די אידן האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. דאַן איז איינגעפאַלן עטלעכע אַמעריקאַנער אידן, בעיקר דזשייקאָב ביליקאָף — אַז עס וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן אַמבאַסאַדאָר מאָרגענטאַו

זאָל באַזוכן פּוילן און מאַכן אַ פֿאַרזוך איינצושטילן די געמיטער. איך האָב נישט געוואוסט מאַרשאַלס אייגענע מיינונג וועגן דעם. אָבער דער ענין איז געווען אין מיינע אויגן צו וויכטיק און איך האָב געמוזט זאָגן אָפן מיין מיינונג. קומענדיק אָקאָרשט פֿון פּוילן און קענענדיק אַביסל מאָרגענטאַוס איינשטעלונג צו מזרח־אייראָפּעאישע אידן, האָב איך דערשפּירט, אַז דאָ וועלן זיך צוזאַמענשטויסן צוויי גרונט־פֿאַרשידענע עלעמענטן: מאָרגענטאַו וועט די טיפֿע נשמה־ליידן פֿון די פּוילישע אידן נישט קענען פֿולשטענדיק באַגרייפֿן. די פּוילישע אידן דאַקעגן וועלן נישט קענען משיג זיין די טאַקטיק פֿון מאָרגענטאַו'ן, וואָס מוז אָפֿיציעל זיין אַ פֿריינטלעכע צו דער פּוילישער רעגירונג, וועמעס גאַסט ער האָט געדאַרפֿט זיין. פֿון אָט די קעגנזייטיקע איינשטעלונגען מוז אַרויסקומען אַ צרה. די פּוילישע אידן וועט עס פֿאַרשאַפֿן נאָר טיפֿערע יסורים ווען אַ איד וועט אַרומגערינגלט ווערן מיט כבוד פֿון די פּוילישע אויטאָריטעטן. דאָס וועט פֿאַר דער וועלט אָפּשוואַכן זייערע באַשולדי־קונגען קעגן דער פּוילישער רעגירונג וועגן פּשוטן, זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם.

מיר האָט זיך זייער שטאַרק נישט געוואָלט האָבן אַ נייעם צוזאַמענשטויס מיט מאַרשאַלן, תיכף נאָכדעם ווי דער וויכטיקסטער קאָנפֿליקט האָט אונז אַזוי דערנענטערט. איך האָב עס אָבער געהאַלטן ווי מיין חוב צו די פּוילישע אידן, אַרויסצוברענגען מיינע חששות און פּחדים פֿאַר אַ מאָרגענטאַו־באַזוך אין פּוילן. איך האָב זיי אַלע אַרויסגעברענגט פֿאַר מאַרשאַלן. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פֿון האַרץ ווען מאַרשאַל האָט מיר געזאָגט, אַז ער פּערזענלעך איז אויך קעגן דעם געפּלאַנטן מאָרגענטאַו באַזוך.

ער האָט אָבער נישט אויסגעפֿירט. מאָרגענטאַו האָט יאָ געמאַכט דעם באַזוך. פֿאַר די פּוילישע אידן האָט זיך דער דאָזיקער באַזוך אַרויסגעוויזן נאָך פֿיל־פֿיל ביטערער, ווי וואָר עס איז האָט געקענט פֿאָראויסזען. דער קאַפּיטל איז בשעתו ברייט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער אידישער און נישט־אידישער וועלט־פּרעסע. איך געדענק אָבער נישט, אויב מאַרשאַלס אייגענע מיינונג איז דאַן געווען גוט באַקאַנט. גלויב איך אַז מען מעג עס לשבחו דאָ דערמאָנען. עס לעבן נאָך אייניקע אידן, וואָס וויסן יאָ וועגן מאַרשאַלס דעמאָלטיקע שטעלונג צום מאָרגענטאַו־באַזוך. (כדאי צו פֿאַרצייכענען, אַז עס לעבן נאָך אידן וואָס וויסן אויך וועגן אַנדערע פֿאַקטן וואָס איך האָב ביז איצטער אַרויסגעבראַכט).

יג.

נאָך אָט די קאַפּיטלעך מעג איך פֿאַרצייכענען די פּערזענלעכע „קאָמפּענ־סאַציע" וואָס איך האָב באַקומען מצד די פֿירער פֿון „דזשאָינט" תיכף נאָך דעם געשילדערטן פֿאַרהער.

דער „דזשאָינט" האָט מיר פאַרטרויט — אויף אייגענער אחריות און אָן דער אויפזיכט פון אַ ד"ר באַגען — אַ שליחות קיין רומעניע. אויך דאָרט איז די פּאָליטישע סיטואַציע געווען אַ זייער קאָמפּליצירטע. די הויפּט באַזע פון מיין אַרבעט האָט געדאַרפט זיין בעסאַראַביע. די דאָזיקע פּראָווינץ איז דאַן געווען אָקופּירט פון רומעניען. די רומענישע רעגירונג האָט געזוכט צו באַקומען דעם הסכם פון דער שלום־קאָנפערענץ, אַז בעסאַראַביע זאָל אָנערקענט ווערן ווי אַ טייל פון רומעניע. ווען די פירער פון „דזשאָינט" וואָלטן נאָך דאַן געווען געטראַכט וועגן מיר, אַזוי ווי זיי האָבן געטראַכט פאַר מיין באַזוך אין פּינסק, וואָלט איך אַזאַ „אסיינמענט" זיכער נישט באַקומען.

פון רומעניע און בעסאַראַביע האָב איך בשעתו פיל געשריבן. אויך דאָרטן זיינען פאָרגעקומען אייניקע פּאַסירונגען וועלכע זיינען ביז איצטער נישט באַקאַנט. אָבער קיין איינע פון זיי איז נישט פון אַזאַ באַדייטונג, זי זאָל פאַרדינען אָרט ביי דער אָפּשאַצונג פון פערציק יאָר „דזשאָינט".

יד.

האָבנדיק פאַרענדיקט דערציילן וועגן דעם קאַפּיטל פּינסק וועל איך מיר איצט דערלויבן פּרובירן געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער באַדייטונג פון „דזשאָינט" אין דער מאָדערנער אידישער עפּאָכע. איך ווייס נישט צי די באַגרינדער פון „דזשאָינט" האָבן אַליין געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסן קאַפּיטל זיי הויבן אָן שרייבן. דאָס איז, נאָך מיין מיינונג, אמת בנוגע אַלע אָנהויבער פון גרויסע מעשים. דער „דזשאָינט" האָט אויף זיין וועג געמאַכט גרויסע פעלערן. אויך אין דעם איז ער נישט קיין אויסנאַם. ער האָט אָבער צוגע־טראָגן זייער אַ פּאָזיטיוון שטייער צו דער אידישער געשיכטע. און די נעמען פון פעליקס וואַרבורג, לואיס מאַרשאַל און פיל, פיל אַנדערע זיינען דורך אים — אויך דורך אַנדערע גרויסע מעשים זייערע, יעדערער אויף זיין געביט און לויט זיינע פייאיקייטן — אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער אידישער נצחיות־געשיכטע.

דער „דזשאָינט" האָט אַריינגעבראַכט וויכטיקע געשיכטע־קאַפּיטלעך אויף פאַרשידענע געביטן פון אידישן לעבן אין די לעצטע פערציק יאָר. יעדער קאַפּיטל באַזונדער פאַרדינט אַ טיפן שטודיום וואָס וועט האָפנטלעך געמאַכט ווערן דורך קאָמפּעטענטע אידישע היסטאָריקער. נישט אין בוך וועט דאַרפן געשריבן ווערן כדי אויסצושעפּן די טעמע „דזשאָינט". איך האָב פאַר זיך נאָר געשטעלט אַ באַשיידענע אויפגאַבע: אָנצייכענען עטלעכע שטריכן וועלכע דאַרפן אַרויסברענגען די אַלגעמיינע ראָלע פונם „דזשאָינט" אין דער מאָדער־נער אידישער געשיכטע.

אייניקע שרייבער האָבן באַצייכנט דעם „דזשאָינט" ווי דער אידישער רויטער קרייץ. אַפילו דער מענטש וואָס איז אַממערסטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער „דזשאָינט"־אַרבעט אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט — מאָזעס לעוויט — האָט אויך באַנוצט אָט דעם פאַרגלייך. איך גלויב אָבער, אַז דורך אָט דעם פאַרגלייך ווערט שטאַרק מינימיזירט די ראָלע פון „דזשאָינט". צי האָט דען דער רויטער קרייץ זיך אַמאָל פאַרמאָסטן אויף אַזאַ פּראָגראַם פון קאָנסטרוקטיוון ווידער־אויפבוי ווי דער „דזשאָינט"? צי האָט זיך דער רויטער קרייץ אָפּגעגעבן מיט אויפשטעלן ליי־קאַסעס, מיט קאָלאָניזאַציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, מיט קולטור־אַרבעט פון אַזאַ פאַרנעם? אַפילו אין דער איינפאַכער הילפס־אַרבעט האָט דער פאַרמעסט פון „דזשאָינט" קיין גלייכן נישט מיט זיין קראַנקן־הילפס פּראָגראַם, מיט זיין באַשפייזונג־פּראָגראַם, מיט זיין זאָרג פאַר יתומים, פרויען און אַלטע מענטשן. איך אויף די געביטן קען זיך אַפילו דער רויטער קרייץ מיטן „דזשאָינט" נישט פאַרגלייכן.

דערמיט וויל איך נישט מינימיזירן די גרויס־צוגיקע פילאַנטראָפּישע אַרבעטן וואָס נישט־אידישע קערפּערשאַפטן פירן אָן. אָבער די ספּעציעלע, אידישע לאַגע האָט געמוזט פון אַזאַ גרויסצוגיקער אידישער הילפס־קערפּערשאַפט, ווי דער „דזשאָינט", אויסשמידן אַ גאַר אייגנאַרטיקן וואָפן פאַר אידישער פאָלקס־דערהאַלטונג. פאַרן רויטן־קרייץ האָט אַזאַ אויפגאַבע זיך קיינמאָל גאָר נישט געקענט שטעלן. פאַר אַנדערע הילפס־קערפּערשאַפטן אַוודאי נישט. די ספּעציעלע אידישע לאַגע האָט אַריינגעשטויסן דעם „דזשאָינט" אין שטראָם פון אידיש־געשיכטלעכע פּראָצעסן.

דער „דזשאָינט" האָט ניט אַזוי גרינג אָנגענומען דעם דאָזיקן געשיכטלעכן וועג. דווקא אין גאַנג צו אָט דעם וועג זיינען פאָרגעקומען די וויכטיקסטע געראַנגלען אין „דזשאָינט" גופא אין זיינע פאָרמאַטיווע יאָרן. עס זיינען געווען זייער וויכטיקע עלעמענטן — די סאַמע פירער פון „דזשאָינט" — וואָס האָבן אים טאַקע געוואָלט האַלטן אין די ראַמען פון אַ אידישן רויטן־קרייץ. געווען אַנדערע עלעמענטן — בעיקר צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן — וואָס האָבן גלייך פון אָנהויב אַנדערש געקוקט אויף זיין באַדייטונג. אויב די לעצטע האָבן מנצח געווען איז דאָס נישט דערפאַר ווייל זייערע אַרגומענטן האָבן איבערגעוואויגן. זיי צו הילף זיינען געקומען צוויי וויכטיקע פאַקטאָרן: די אידן אין די מלחמה לענדער גופא און דאָס כסדרדיקע וואַקסן פון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק אין אַמעריקאַנער אידנטום. דורך אָט די צוויי פאַקטאָרן איז דער „דזשאָינט" געפירט געוואָרן צו יענע טעטיקייטן, וואָס האָבן געהאָלפן פאָרמירן אידישע געשיכטע. פריער האָבן די „דזשאָינט" פירער געקעמפט קעגן דעם. שפּעטער אָבער האָבן די מערסטע פון זיי זיך געפילט גליקלעך,

וואָס זיי איז באַשערט געווען אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע.

לאָמיר בלויז בקיצור אַרויסברענגען די הויך־פּונקטן פון דעם געראַנגל אין „דזשאָינט" כדי צו באַשטעטיקן דאָס אויבנגעזאָגטע.

דער ערשטער וויכטיקער געראַנגל איז געפירט געוואָרן אַרום דעם אויסוואַל פון פאַרבינדעטע אין איראָפּע, וועלכע זאָלן האָבן די דעה איבער דער צעטיילונג פון די הילפס־מיטלען. די „דזשאָינט"־פירער פון יענע יאָרן האָבן זיך פאַרבונדן מיט צוויי אידישע אַסימילאַטאָרישע קערפּערשאַפטן: מיטן דייטשן־הילפס־פאַראיין אין בערלין און מיט דער „אַליאַנס איזראַעליט" אין ווין. דער גרעסטער טייל פון מזרח־איראָפּעאישן אידנטום האָט זיך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געפונען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. צו פאַרבינדן זיך מיט בערלין און ווין איז בכן געוואָרן אַן אַבסאָלוטע נויטיקייט צוליב דער מלחמה־לאַגע. אָבער דעם אויסוואַל פון בלויז די צוויי קערפּערשאַפטן האָבן געמאַכט די „דזשאָינט"־פירער אַליין. זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן פאַקט, אַז אפילו אין דייטשן און עסטרייכישן אידנטום זיינען געווען אָרגאַניזירטע כחות, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון די דאָזיקע צוויי קערפּערשאַפטן. נאָך אַ לאַנגן געראַנגל האָבן מנצח געווען די נאַציאָנאַלע כחות אין „דזשאָינט" און צו דער הילפס־צעטיילונג זיינען צוגעצויגן געוואָרן פאַרטרעטער אויך פון די נאַציאָנאַלע אידן אין איראָפּע.

דער צווייטער וויכטיקער געראַנגל איז פאַרגעקומען אַרום דער פראַגע פון קאָנסטרוקטיווער הילף. די דעמאָלטיקע „דזשאָינט"־פירער האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ פּשוטער פאַנטאַזיע (און נישט קיין זייער קלוגע!) זיך צו פאַרמעסטן אויף קאָנסטרוקטיווער הילף. זייער טענה איז געווען, אַז נאָר אַ רעגירונג קען עס באַוויזן. דער דאָזיקער געראַנגל האָט זיך געצויגן יאָרן. אָבער אַזוי גיך ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און דאָס מזרח־איראָפּעאישע אידנטום האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן זיין אייגענעם ווילן, האָט דער „דזשאָינט" אָנגעהויבן זיינע קאָנסטרוקטיווע אַרבעטן. דאָ איז שוין דער שטויס צו דער געזונטער היסטאָרישער איינשטעלונג געקומען מצד די מזרח־איראָפּעאישע אידן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן די פריערדיקע קעגנער פון אָט דער אַרבעט אַרויסגעשטעלט די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט ווי די וויכטיקסטע אויפטוען פון „דזשאָינט" אין יענער צייט. אין דעם זיינען זיי שוין געווען גאָר גערעכט.

דער דריטער געראַנגל איז געווען אַרום דער פראַגע, צי דער „דזשאָינט" זאָל אויך העלפן אידישע קולטור־אַרבעט. אויף דעם פּונקט איז די דעמאָלטיקע פירערשאַפט פון „דזשאָינט" אויך נישט געווען איניק. געווען צווישן

זיי אַזעלכע וואָס זיינען געווען שטאַרק דערפּאַר. אָבער דער וויכטיקסטער „דזשאָינט"־פירער — לואי מאַרשאַל — האָט געקעמפט קעגן דעם. די נאַציאָנאַלע אידן פון פּיפּלס־רעליף און אָרטאָדאָקסישע אידן פון סענטראַל רעליף זיינען אָבער קאַטעגאָריש געווען פאַרן איינשליסן די קולטור־אַרבעט. דער „דזשאָינט" האָב אויף דעם שטח אויך פאַרשריבן אַ זייער וויכטיקן קאַפּיטל. אין דעם פּונקט האָבן געווירקט סיי די נאַציאָנאַלע אידן אין אַמעריקע, סיי די מזרח־אייראָפּעאישע אידן.

דער שווערסטער גערעַנגל איז געווען אַרום דעם ענין: פּאָליטישע אַרבעט. אין דעם פּונקט האָבן אַפילו אַ מערהייט אין פּיפּלס־רעליף און סענטראַל־רעליף געדענקט, אַז מען דאַרף און מען קען האַלטן די רעליף־אַרבעט אָפּ־געזונדערט פון פּאָליטישע אַרבעטן. דער פּרינציפּ פון „דזשאָינט" איז זיכער געווען נישט צו מישן זיך אין פּאָליטישע ענינים. איך מיין אַז אַלע שליחים פון „דזשאָינט" צווישןביידע וועלט־מלחמות האָבן אַלץ געטאָן כדי צו האַלטן זיך ביי אָט דעם פּרינציפּ. געלונגען איז עס אָבער כמעט קיינמאָל נישט. פון דעם וואָס איך האָב פריער דערציילט וועגן פינסק איז דאַכט זיך קלאָר, אַז די לאַגע האָט אַרויפגעצוואונגען אויף „דזשאָינט"־שליחים זיך יאָ צו פאַרנעמען מיט פּאָליטישע ענינים. בשעת מיין באַזוך אין רומעניע בין איך געצוואונגען געוואָרן צו פּאָליטישע שריט (איך וועל ביי אַן אַנדער געלעגנהייט אויך וועגן דער פּרשה דערציילן). אָבער אפשר איז פון מיר קיין ראיה נישט, ווייל איך האָב געהערט צו דער מינאָריטעט וואָס האָט געטענה׳ט, אַז דאָס אידישע לעבן לאָזט נישט אָפּטיילן געוויינטלעכע הילף פון דעם פּאָליטישן גערעַנגל, וועלכן אידן האָבן כמעט אומעטום געדאַרפט פירן פאַר זייער סאַמע עקזיסטענץ. איך ווייס אָבער נישט פון קיין אַנדער וויכטיקן „דזשאָינט"־פאַרטרעטער, וועלכער האָט געקענט אויסמיידן פּאָליטישע אינטערווענצן. ווען די פולע געשיכטע פון „דזשאָינט" וועט געשריבן ווערן, וועט דער קאַפּיטל „פּאָליטישע הילף" אויך פאַרנעמען אַ גאַר גרויסן אָרט.

יג.

עס זיינען פאָרגעקומען אויך אַנדערע גערעַנגלען אין „דזשאָינט". די אויבנגעבראַכטע פיר זיינען — ווי מיר שיינט — גענוג, כדי פעסט־צושטעלן דעם פאַקט, אַז „דזשאָינט" האָט נישט געקענט בלייבן אַ אידישער רויטער קרייץ; אַז „דזשאָינט" האָט געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ כוח, וואָס האָט געהאָלפן שמידן די מאָדערנע אידישע געשיכטע.

עס ווערן אַרויסגעבראַכט אַ ריי טענות קעגן „דזשאָינט". די וויכטיקסטע טענה וואָס איך האָב ביז איצטער געלייענט איז, אַז דער „דזשאָינט" האָט

געקענט ראַטעווען מער אידישע לעבנס אין דער מלחמה צייט, ווען זיינע פּאַרטרעטער אין אַנטשיידנדיקע פּלעצער (הויפּטזעכלעך אין דער שווייץ) וואָלטן געווען מענטשן מיט אַ ברייטערער וויזיע און מיט מער מוט. איך געהער נישט צו די געשוואוירענע פּאַרטיידיקער פון „דזשאָינט". פאַרקערט! איך האָב געהערט צו זיינע שאַרפע קריטיקער. אָבער גאָר אויף אַן אַנדער שטח. עס קען זיין אַז דאָ אָדער דאָרט האָט דער „דזשאָינט" געהאַט אַ פּאַרטרעטער, וואָס איז געווען צופיל ביוראָקראַט. איך ווייס, אַז אין די ערשטע יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן געוויסע פּאַרטרעטער פון „דזשאָינט" נישט גענוג אַריינ־געדרונגען אין דער נשמה פון די מזרח־איראָפּעאישע אידן און דורכדעם זיינען פאַרגעקומען עטלעכע זייער ערנסטע צוזאַמענשטויסן. איך האַלט אָבער די באַשולדיקונג — אַז „דזשאָינט" האָט געקענט ראַטעווען אידן און ער האָט נישט אויסגענוצט אַלע זיינע מעגלעכקייטן — פאַר אומבאַרעכטיקט. איך בין מיטן „דזשאָינט" אין די יאָרן פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע נישט געווען דירעקט פאַרבונדן. איך בין אָבער יאָ באַקאַנט מיט די אַלע פּרואוון פון הצלה, וואָס זיינען דאַן געמאַכט געוואָרן פון פאַרשידענע אידישע געזעלשאַפטן. איך ווייס די אומגעהויערע שוועריקייטן וואָס אַלע האָבן באַגעגנט אין זייערע רעטונגס־פּאַרזוכן. אויף ווי ווייט עס מעג געערעדט ווערן וועגן אַ שולד פון די אידן אין די פרייע לענדער — און אַזאַ שולד איז זיכער געווען! — טאָר עס נישט אָוועקגעלייגט ווערן ביי איין שוועל. עס טראָגן אַ גלייכע שולד די ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, די רעליגיעזע און די פרייע. דער „דזשאָנט" דאַרף דווקא אויף דעם שטח נישט אויסגעטיילט ווערן.

די נאַציאָנאַלע אידן פון מיין חדר האָבן יאָ פּאַרגעוואָרפן אַ זינד דעם „דזשאָינט". אייגנטלעך נישט דעם „דזשאָינט" ווי אַ קערפּערשאַפט, נאָר די מענטשן וואָס זיינען געווען זיינע הויפּט פירער, און אַנדערע מענטשן וואָס האָבן געפירט אַנדערע קערפּערשאַפטן. מיר האָבן געטענה'ט אַז עס דאַרף עקזיסטירן איין און איינציקע, אַל־אידישע קערפּערשאַפט פאַר אַלע אידישע וועלט־נויטן; אַז עס טאָר נישט זיין אַ „דזשאָינט" פאַר הילפס־נויט, אַ „היצעם" (אַזוי האָט זיך דער דאָזיקער אידישער קאָמיטעט גערופן) פאַר עמיגראַציע נויט, אַן „אָרט" פאַר אומשיכטונגס נויט, אַן „אָזע" פאַר געזונטהייטס־נויט און אַזוי אנדערע. מיר האָבן געזאָגט אַז אָרגאַניזירטע אידישע אחריות פאָדערט איין קערפּערשאַפט פאַר אַלע אידישע נויטן. מיר האָבן נישט אויסגעפירט. וויל איך דאָ נישט אַנאַליזירן דעם שאָדן וואָס דאָס האָט געבראַכט אין פריערדיקע יאָרן. איך מיין אָבער אַז ווען די אידן פון די פרייע לענדער וואָלטן געווען ריכטיק אָרגאַניזירט און איין צענטראַלע פירערשאַפט פאַר הצלה וואָלט געפירט די רעטונגס־אַרבעט, וואָלט זי פיל בעסער געקענט אויסנוצן אַלע פּאָטענצן — פּאָליטישע און פינאַנציעלע — וואָס האָבן פאַר דעם געקענט

אַרויסגעבראַכט ווערן מכח אל הפועל. די רעזולטאַטן וואָלטן אפשר געווען בעסערע. פאַר דעם וואָס אַזאַ צענטראַלע פירערשאַפט האָט נישט עקזיסטירט זיינען מיר אַלע שולדיק. (ווער קען וויסן צי מיר וועלן אויך אין דער צוקונפט, נישט דאַרפן צאָלן פאַר אָט דער זינד!)

אומקערנדיק זיך צוריק דירעקט צום „דזשאָינט" דאַרף איך צוגעבן: דער „דזשאָינט" האָט זוכה געווען צו העלפן שמידן די אידישע געשיכטע דורכדעם, וואָס ער האָט זיך אַליין געלאָזט איבערשמידן אינם שמעלצטיגל פון אידישע נויטן. און די אידישע נויטן האָט ער געזוכט צו באַנעמען ווי עס האָבן אויפגעפאַסט די גרויסע מאַיאָריטעט פון די אידישע מאַסן. וואָלט דער „דזשאָינט" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן „עקסקלוזיווער" גרופּע פון פילאַנטראָפּן וואָס ווילן בלויז העלפן זייערע ברידער און הערן זיך נישט צו צו דער נשמה פון די וואָס דאַרפן געהאָלפן ווערן, וואָלט זיין ראָלע שוין לאַנג געווען אַן אויסגעשפּילטע. ער וואָלט נאָך געהאַט דאָ אָדער דאָרט וואו צו פאַרהיילן אַ וואונד (זייער אַ וויכטיקע אויפגאַבע!), אָבער אין דעם פּראָצעס פון דער אידישער געשיכטע וואָלט ער נישט אַריינגעגאַנגען. ער האָט אָבער יאָ צוגע־בויגט זיין אויער צו די טיפע טענער וואָס רייסן זיך פון אידישע הערצער, נישט נאָר אין זייער זוכן ברויט; ער האָט זיך צוגעהערט צו זייערע נאַציאָנאַלע בענקשאַפטן; ער האָט אָנגעהויבן מיטשפּירן מיט דעם האַרץ פון דער אין־אידישקייט־דורכגעדרונגענער אידישער מאַסע. דאָס האָט אים אַרויפגעפירט אויפן שליאַך פון מיטשעפער און מיטשמידער פון דער אידישער געשיכטע. אין צוגאָב צו זיין ברייטן, דירעקטן פּראָגראַם דאַרפן פאַרצייכנט ווערן באַ־זונדערס צוויי שטחים אין וועלכע זיין געשיכטלעכער שטייער איז געווען דער גרעסטער.

דער ערשטער צוגאָב־שטח איז: ארץ־ישראל פריער און מדינת ישראל איצטער. דער צווייטער שטח איז — דאָס אַמעריקאַנער אידנטום גופא.

יד.

זיין אַרבעט אין ארץ־ישראל האָט ער אָנגעהויבן נאָך פאַר דער אויפ־שטעלונג פון דער מדינה. פון דעם טאָג ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין שותפות מיט דעם „יונאַיטעד פּאַלעסטיין אַפּיל" און אויפגעשטעלט צוזאַמען דעם „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל" האָט זיך דער „דזשאָינט" פאַרנומען אויף אַ גאָר גרויסן מאַסשטאַב מיט דער אַרבעט פון פאַרשטאַרקן דעם ארץ־ישראלדיקן אידישן ישוב. את חטאי אני מזכיר: איך בין געווען, פון ציוי־ניסטישן שטאַנדפּונקט, קעגן אָט דער שותפות. ליידער האָב איך ניט געגוג אָפּגעשאַצט די לאָגיק פון אַנטוויקלונגען. איך האָב זיך געשראָקן פאַר די

איינפלוסן פון דעם „דזשאָינטס" שיטה אויף דער אַרבעט אין ארץ־ישראל. איך האָב נישט גענומען אין באַטראַכט דעם פשוטן פאַקט, אַז אין אַזאַ שותפות מוז דעם שטאַרקערן איינפלוס האָבן דער צד, וואָס וויל מער בכלל און וואָס זוכט זיך ענגער צו פאַרבינדן מיטן געשיכטלעכן פּראָצעס, און נישט דער צד וואָס וויל בכלל ווייניקער און האָט פאַרן געשיכטלעכן פּראָצעס אפשר גאָר מורא. אין דער דאָזיקער שותפות זיינען אַוודאי פאַרגעקומען רייבונגען מחמת די אַנדערשקייטן פון די צוויי שותפים. אָבער קוקנדיק מיט היינטיקע אויגן — ווער קען שוין היינט אין „יונאַיטעד דזשוּאיש אַפּיל" באַצייכנט ווערן ווי בלויז אַ „דזשאָינט"־מענטש? אַלע זיינען דורכגעדרונגען מיט דער טיפער פרייד פון קענען זיך באַטייליקן אין דער העכסטער שאַפונג פון דער מאָדערנער אידישער געשיכטע — די אידישע מדינה.

אַוודאי האָט די אויפשטעלונג פון דער מדינה געשפּילט דערביי די וויכטיקסטע ראָלע. אָבער דער „דזשאָינט" האָט נאָך פאַר הקמת המדינה געהאַט אַ גרויסן חלק אין העלפן דער חלוצישער באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ לעקציע וואָס „דזשאָינט"־פירער האָבן אַדאַנק זייער אַרבעט געקראָגן. די לעקציע האָט זיי געלערנט, אַז דער אידישער מענטש פון מזרח־אייראָפּע איז נישט סתם קיין מקבל פון פילאַנטראָפּישער הילף; אַז ער באַטראַכט די אַרבעט פון „דזשאָינט" ווי די הילף פון איין טייל פון פאָלק, וואָס מוז זוכן צו דערהאַלטןביים לעבן אַן אַנדער טייל פון זעלביקן פאָלק, צוליבן קיום פון גאַנצן פאָלק. דער „דזשאָינט" האָט אויסער דעם אויך דערשפּירט, אַז ער אַליין איז נישט נאָר אַ נותן, נאָר אויך אַ מקבל: ער באַקומט פאַר זיין הילף אַ גוואַלדיקע גייסטיקע השפעה, וואָס האָט געשטאַמט פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום. מען קען זאָגן אַז דער „דזשאָינט" האָט ביסלעכווייז באַקומען אַ נשמה יתירה, פון וועלכער ער האָט געהאַט גרויס הנאה.

און ווי נאָר דער „דזשאָינט" האָט דערשפּירט דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום האָט ער געמוזט גיין אַלץ ווייטער און טיפער אין די וועגן פון אידיש געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידנטום איז געווען זיין וויכטיקסטער טרעגער. דערפאַר האָט דער „דזשאָינט" אָנגעהויבן העלפן אויך דער חלוצישער באַוועגונג. אויף דעם שטח האָט ער אָנגעהויבן קליין, ער האָט אָבער שנעל דערשפּירט, אַז פון אַלע טרעגער פון דער מאָדערנער אידישער געשיכטע פאַרנעמט דער חלוץ דאָס סאַמע ערשטע אָרט. האָט ער — דער „דזשאָינט" — זיין אַרבעט אויף דעם געביט פאַרגרעסערט. אַזוי איז ער מיטגעגאַנגען ביז הקמת המדינה. און ווען די מדינה איז אויפגעשטעלט געוואָרן איז ער שוין געווען פּסיכיש צוגעגרייט צו ווערן אַ וויכטיקער שותף אויך אין איר באַפעסטיקונג. דאַן האָבן די

גערעאַנגלען אין „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל" אויפגעהערט. אַלע האָבן אָנגע־הייבן רעדן דיזעלביקע שפּראַך. אַלע האָבן אָנגעהויבן ציען גייסטיק־אידי־שע קראַפט פון דער שעפערישער טאַט.

אַזוי איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון „דזשאָינט" אויף אַט דעם צו־גאַב־שטח, וואָס הייסט מדינת ישראל.

טו.

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז דער צווייטער צוגאַב שטח אין וועלכן דער דזשאָינט" האָט געשפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָלע. איך האָב אין זינען דעם שטח פון מיזוג הגלויות אין אַמעריקאַנער אידנטום.

די וואָס האָבן מיטגעלעבט מיטן אַמעריקאַנער אידנטום די לעצטע פופציק יאָר זיינען עדות פון אַ גוואַלטיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג וואָס איז אין אים פאָרגעקומען. נישט וועגן אַלע עטאַפּן פון זיין גייסטיקן וואַקסן וויל איך דאָ איצטער ריידן. איך וויל זיך באַנוגענען בלויז מיט מיזוג הגלויות אין אַמעריקע.

דער טערמין מיזוג הגלויות איז איצטער אַלעמען באַקאַנט צוליב דעם פּראָבלעם וואָס דער ארץ־ישראלדיקער ישוב מוז באַגעגענען אויף דעם שטח. מיר שיינט אָבער אַז דער פּראָצעס פון מיזוג הגלויות אין אַמעריקאַנער אידנטום איז נאָך געווען אַ פיל שווערערער ווי איצט אין ישראל. דאָ אין אַמעריקע האָבן געפעלט דריי אומגעהויער־שטאַרקע פאַקטאָרן, וואָס העלפן לייזן דיזעלביקע פּראָבלעם אין ישראל. מיר האָבן דאָ נישט געהאַט די אייגענע שול, וואָס זאָל דערציען דעם גאַנצן יונגן דור, האָבנדיק דעם ציל אויסצושמידן אַן איינהייטלעך גייסטיק־שעפערישן אידישן פאָלק; מיר האָבן דאָ נישט געהאַט אַזאַ גוואַלטיקן כח ווי די אידישע אַרמיי, וועלכע שפּילט אַזאַ ראָלע אין מיזוג הגלויות אין ישראל; און מיר האָבן דאָ נישט די אייגענע אידישע מלוכה מיט אַזאַ טיפער פאַראינטערעסירונג אין מיזוג הגלויות.

עס האָבן אונז בכן געפעלט אַזעלכע דריי וויכטיקע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן פאַר אונזער מיזוג. מיר האָבן יאָ געהאַט איין נעגאַטיוון פאַקטאָר, וועלכן מיר האָבן געמוזט באַקעמפן און פאַרווענדן אויף דעם פיל ענערגיע. די כוואַליעס פון אידישער אימיגראַנטן־איינוואַנדערונג אין אַמעריקע האָבן געשטראָמט פון פאַרשידענע לענדער אין פאַרשידענע צייטן. די אידישע מאַסן־איינוואַנדערונג פון דייטש־לאַנד איז געקומען פריער, ווי די אידישע מאַסן־איינוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע. די ערשטע האָבן געזוכט אויסצופאָרמירן דעם אַמעריקאַנער איד בצלמם ובדמותם. די לעצטע האָבן זיך קעגן דעם געווערט. דאָס האָט נישט נאָר געקאָסט פיל ענערגיע, נאָר עס האָט באַדייטנדיק פאַרשווערט דעם פּראָצעס פון מיזוג הגלויות.

איך מיין, אַז דער וויִכטיקסטער כח וואָס האָט מיטגעהאָלפן אין דעם פּראָצעס פון צוזאַמענברעגגען און דערנענטערן די אידן פון די פאַרשידענע פריערדיקע גלותן איז געווען דער „דזשאָינט". ער איז געוואָרן אַזאַ כח, ווייל ער איז אַרויסגעוואַקסן אויף דעם געביט פון הילף אין וועלכן אַלע אידישע טיילן זיינען געווען פאַראינטערעסירט. קיין אַנדער אידישע טעטיקייט איז אין איר כאַראַקטער נישט געווען אַזוי אַל־אידיש, ווי די רעליף־אַרבעט. נישט פילאַנטראָפּיע, נישט קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, נישט דער ציוניזם און אפילו נישט די באַרימטע קאָנגרעס באַוועגונג האָבן געקענט ווערן אַזעלכע אַל־אידישע פּאָרומס ווי עס איז געוואָרן דער רעליף־שטח. יענע היסטאָריקער וועלכע וועלן שרייבן די געשיכטע פון „דזשאָינט" וועלן זיך מוזן אָנשטויסן אָן דעם פאַקט, אַז אידישע רעליף איז געווען און האָט געמוזט זיין מער ווי סתם הילף; אַז אידישע הילף האָט געמוזט טראַכטן אין טערמינען נישט בלויז פון העלפן — אָדער אפילו ראַטעווען! — יחידים, נאָר העלפן און ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק.

דערמיט דערקלערט זיך וואָס דער „דזשאָינט" — שפּעטער אין דער אויסגעברייטערטער פאָרם פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" — האָט מער ווי אַן אַנדער טריבונע פאַרזאַמלט אַרום זיך אַלע אידן פון אַלע עדות, פון אַלע קלאַסן, פון אַלע גרופּן. די גרייטקייט פון די פאַרשידענע גרופּן מיטצואַרבעטן אויף דעם שטח זאָגט עדות פון דעם אינסטיקטיוון ווילן פון אַלע באַזונדערע גרופּן צו פאַרמאָגן געזעלשאַפטלעכע ראַמען פאַר אַלעמען צוזאַמען. דער „דזשאָינט" האָט אָט די תשוקה באַפרידיקט אַמבעסטן. דורכדעם איז זיין ראָלע אין אונזער „מיזוג" געווען די גרעסטע.

וואָלטן די פירער פון „דזשאָינט" זיך פאַרעקשנט צו בלייבן בלויז אַ אידישער רויטער קרייץ, וואָלט דאַן זיין גאַנצע געשיכטע געווען אַן אַנדערע. זיי האָבן אָבער אַליין פאַרמאָגט דעם אינסטינקט, אַז זיי טאָרן זיך נישט פאַרעקשנען. זיי האָבן אויפגענומען די השפעות פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום און די וואַקסנדיקע נאַציאָנאַלע אינסטינקטן פון אַמעריקאַנער אידנטום. זיי האָבן געלאָזן דעם „דזשאָינט" גיין אויף דעם וועג וואָס די אידישע געשיכטע האָט דיקטירט. פילע צווישן זיי האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַליין געוואָלט אָט דעם וועג. און דער „דזשאָינט" איז דורכדעם דערהויבן געוואָרן.

זיין פּלאַץ איז פאַרזיכערט אויף אַלע געביטן פון אידישן לעבן אין די לעצטע פערציק יאָר. די וויכטיקסטע קאַפּיטלען זיינען זיינע:

זיין חלק אין העלפן בויען און באַפעסטיקן די מדינה און זיין חלק אין מיטהעלפן דעם פּראָצעס פון מיזוג הגלויות פון אַמעריקאַנער אידנטום.

„קעמפער", דעצעמבער, 1954.